This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

סאָוועטיש היימלאַנד

3

1973

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאַל

אָרגאַן פון שרײַבער־פאַרבאַנד פון פססר

דערשײַנט פון 1961

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“

מאָסקווע

מאַרט

3

1973

אינהאַלט

זײַט

די פּאָטשט פון „סאָוועטיש היימלאַנד” 3

מיר ענטפערן אף פראַגעס פון אונדזערע לייענער . . . 7

אלעקסאנדער בעלאָוסאָוו. ס'איז ליב מיר די
ליד פונעם בוים (לידער) 13

כאיִם מעלאמוד. קאַלטס און וואַרעמס (ראָמאַן. סאָף) 15

יאָסל בוכבינדער. ווען אָפּן עס איז דער ארום (לידער) 69

יעכיִעל שרײַבמאַן. מיניאַטורן. — מײַן לעבנס־
געשיכטע גאָר־גאָר בעקיצער 72

דאָוויד בראָמבערג. נאָוועלן אין פּערזן 95

אווראָם קאהאן. די בראָדער זינגער (פאָלקס־שפּיל).
צייכענונגען פון ה. אינגער 98

מישע מאָגילעוויטש. דאָס גאָלדן שליסעלע און
אנד. לידער 121

יוסעף געגערמאַן. 75875. — דער פלעק (לידער) 122

טריבונע פון לעבן

אַרן ווערגעליס. בריוו פון אייראָפּע (פאָרזעצונג) 123

כאיִם מאַלטינסקי. אין וועג (סאָף) 133

הירש רעלעס. די ערשטראַנגיקע 150

נאָטע לוריע. צוגאַסט בא די קיִעווער ייִדישע שרײַבער 164

מוישע נאַכימאָווסקי. לייב יאַמפּאָלסקי — דער
שעפער פון ייִדישער מוזיק 171

ה. ראַבינקאָוו. א לעבנסלוסטיקער ספּעקטאַקל . . 175

קאָמענטאַרן פון רעדאַקציע. היט זיך פאַר דער אַוואַנטיור־
ריסטקע עסטער לאַזעבניקאָוואַ 177

אונדזערע מיטיילונגען. א פּריבלודע. מאַקסים גאָרקי
און כאיִם־נאַכמען ביאַליק; אלעקסיי טאָלסטאָי.
ער האָט געשריבן פאַרן פאָלק (אַרײַנפיר — יו. קרע־
סטינסקי) 179

דאָס איז טשיקאַווע. יאַנקעוו גינעווסקי. גאָלדענע
הענט 182

כראָניק 68, 71, 163, 174, 187

פאַרשיידנס 184

פון אונדזער פאָטאָ־אַרכיוו 186

נאָטיצן אפן קאַלענדאַר 188

מוישע שאַפּיראָ. שמועסן וועגן ייִדישער שפּראַך . . 190

לאָמיר זינגען נײַע לידער. ווידער פירן מיך די וועגן. ווער־
טער פון שמועל ראָסין, מוזיק פון לייב יאַמפּאָלסקי . 192

הויפּט־רעדאַקטאָר

א. ווערגעליס.

רעדקאָלעגיע:

א. גאָנטאַר, ש. גאָרדאָן,
ט. גען, נאָטע לוריע,
מ. לעוו, כ. מאַלטינסקי,
ב. מילער, כ. מעלאמוד,
ה. פּאָליאַנקער, ס. פּרײַ.

פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר

י. טשיטשעלניצקי

אַלע פעלקער לעבן ווי איין מישפּאָכע

איך בין ניט קיין פּאָליטיקער, ניט קיין יוריסט, און דער פּרעסע האָב איך קיינמאָל ניט געשריבן, — איך בין אַ פּאַשעטער קוילנגרעבער, איך בין אַלט 51 יאָר און שטאַם פון פּוילן, ווו איך בין געבוירן געוואָרן און געלעבט ביז אַכצן יאָר.

אין 1939 האָבן אין פּוילן, ווי באַוווסט, זיך אַריינגעריסן די היטלער־האָרדעס. עס איז מיר פּינקטלעך ניט באַוווסט, וואָס עס איז געוואָרן מיט מיין מאַמען, מיט מיינע צוויי שוועסטער און צוויי ברידער, וועלכע די פּאַשיסטן האָבן פאַרשפּאַרט אין אַ קאָנצלאַגער. אַלע ווייסן אָבער, אַז פון אַ פּאַשיסטישן קאָנצלאַגער האָט געפירט איין וועג — אויף יענער־וועלט, אין קרעמאַטאָריע.

איך בין געבליבן לעבן. אַלפי־נעס האָט זיך מיר איינגעגעבן צו אַנטלויפן. איך בין אַריבער די גרענעץ און געקומען קיין סאָוועטנפאַרבאַנד, ווו איך בין געוואָרן אַ מענטש מיט מענטשן גלייך, מיט אַלע רעכט — אַ בירגער פון עם גרויסן לאַנד פון סאָציאַליזם.

אין סאָוועטנפאַרבאַנד האָב איך געפונען מיין היימלאַנד. איך פאַרמאָג דאָ אַלץ, וואָס אַ מענטש דאַרף האָבן, קעדיי צו לעבן גליקלעך: אַן אינטערעסאַנטע אַרבעט, וועלכע ווערט גוט באַלוינט, אָפּריכטיקע און געטריישע פריינט. איך מיט מיין פרוי (זי איז אַ רוסישע) האָבן אויסגעהאָדעוועט זעקס קינדער — דריי פון זיי אַרבעטן שוין, און דריי לערנען זיך. ניט לאַנג צוריק בין איך אַוועק אויף פּענסיע.

און איך וויל אייך זאָגן, כאַשעווע כאַוויירים, אַז פאַר די צוויי און דרייסיק יאָר, וואָס איך לעב אין סאָוועטנפאַרבאַנד, געדענק איך ניט קיין איין פאַל, אַז איך זאָל באַמערקן צווישן מיינע כאַוויירים אויף דער אַרבעט כאָטש אַ רעמעז אויף אַנטיסעמיטיזם. איך געדענק אָבער יאָ, אַז ווען אויף דער אַרבעט האָט מען זיך דערוווּסט, אַז מיין מוטער, מיינע שוועסטער און ברידער זיינען אומגעקומען פון די הענט פון די היטלעריסטן בלויז דערפאַר, ווייל זיי זיינען יידן, האָבן די כאַוויירים מיר אויסגעדריקט זייער טיפסטן מיטגעפיל און אַרומגערינגלט מיך מיט זאָרג און פריינטשאַפט.

און ווי קאָן דאָס גאָר אַנדערש זיין? — דער סאָוועטנפאַרבאַנד איז אַ פילנאַציאָנאַלע מעלוכע, ווו אַלע פעלקער לעבן ווי איין מישפּאָכע.

איטשע טענענבוים,
יישעוו צענטראַלני, ריאַזאַנער געגנט.

אַ דאַנק אייך, טייערע כאַוויירים!

איך, אַן אַלטער אַקטיוויסט אין דער בעלגישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אַ געטרייער לייענער און פאַרשפּרייטער פון „סאָוועטיש היימלאַנד", וויל אויסדריקן אייך, מיטאַרבעטער פון זשורנאַל, אַ טיפן דאַנק פאַר די אינטערעסאַנטע מאַטעריאַלן וועגן דער יידישער אווטאָנאָמער געגנט — ביראָבידזשאַן, וועלכע זיינען פאַרעפנטלעכט אין „סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 9 פאַרן 1972. אַ באַזונדערס שטאַרקן איינדרוק האָבן אויף מיר געמאַכט דאָס קאַפּיטל פון בוזי מילערס דערציילונג „לויטערקייט" און די נאָטיצן „יידישע פּראָפעסיעס אין ביראָבידזשאַן".

איך שיק אייך אויך מיין אָפּריכטיקן דאַנק פאַר דרוקן די אינטערעסאַנטע מאַטעריאַלן קעגן דער ציוניסטישער אַנטיסאָוועטישער וואָקכאַנאַליע.

איך בין שוין א ייִד פון 69 יאָר. ביזן 1927 האָב איך געוווינט אין פּוילן, ווו איך בין אָפּ־געזעסן א פּאָר יאָר אין די מיליטערישע און ציווילע טפּיסעס פונעם פּילסודסקי־פּוילן פאַר מײַן קאָמוניסטישער טעטיקײַט. בײַם דער הי־טלעריסטישער אָקופּאַציע בין איך מיט מײַן פרוי פאַרשפּאַרט געוואָרן אין א פאַשיסטישן קאָנצלאַגער. באַפרײַט האָט מיך דער פאָרויס־מאַרש פון דער רויטער אַרמיי. מײַן פרוי איז אומגעקומען אין לאַגער.

אין 1964 האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער בעלגישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אײַנ־געלאַדן קיין בריסעל א גרופּע וועטעראַנען פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אָף דורכצו־פירן די פײַערונג לעקאָוועד דעם 50־טן יאָר־טאָג פון דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע. איך האָב זיך געפונען צווישן די 18 וועטעראַנען, וועלכע די פּאַרטיי האָט געשיקט אָף א צוויי־וואָכיקער טוריסטישער רײַזע קיין סאָוועטנפאַרבאַנד. מיר זײַנען בײַגעווען אָף דער ערשטמײַיקער דע־מאָנסטראַציע אפן רויטן פּלאַץ אין מאָסקווע און האָבן באַזוכט לענינגראַד. עס האָט מיר פאַר־שאַפן גרויס פאַרדראָס, וואָס מיר האָט קיין צײַט ניט געקלעקט צו באַזוכן די רעדאַקציע „סאָוועטיש היימלאַנד".

פיל ייִדן אין בעלגיע זײַנען ביז הײַנט פאַר־בליבן פרײַנט פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד. איך גלייב, אז מיט דער צײַט וועט אויך אַרויס דער טשאַד פון קאָפּ בא די, וואָס געפינען זיך אונ־טער דער ווירקונג פון דער ציוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע.

מיט די פרײַנטלעכסטע גרוסן

קובא בוכהאָלץ,
בריסעל.

אן אינטערעסאַנטע רײַזע

מײַן טוריסטישע רײַזע קיין סאָוועטנפאַרבאַנד איז דורכגעגאַנגען זייער אינטערעסאַנט. איך האָב זיך באַגעגנט מיט הונדערטער סאָוועטישע בירגער, מיט א סאַך ייִדן.

אין מאָסקווע האָב איך געוווינט אינעם קאָמ־פאָרטאַבעלן האָטעל „אוקראַינע". דאָרט האָב איך זיך צופעליק באַקאַנט מיט אן אַרמענישן אינזשעניער, וועלכער האָט מיך אײַנגעלאַדן צו זיך אָף אָפּרו. נוען איך בין געווען אין ערעוואַן, האָב איך אים באַזוכט. ער האָט מיך אופגענו־מען, ווי אן אייגענעם ברודער, געמאַכט לעקאָ־וועד מיר א סודע. די טישן זײַנען געווען בע־שפע געדעקט מיט געשמאַקע אַרמענישע מײַ־כאָלים און געטראַנקען. די זעקס שאָ, וואָס איך האָב פאַרבראַכט באַם אינזשעניער, האָב איך זיך געפילט, ווי אין דער היים.

אין טביליסי האָב איך באַזוכט די דאָרטיקע באָטעמעדראָשים. כ'האָב זיך איבערצײַגט, אז די מיספּאַלעלים ווייסן לאַכלוטן ניט פון קיינע דיסקרימינאַציעס, וועגן וועלכע מע טרומיי־טערט בא אונדז אָף אַלע ראָגן.

וויגדאָר קעלאַר (שמוקלער).
צינצינאַטי

א בריוועלע פון א רוסישן לייענער

איך קען ניט קיין ייִדיש, אָבער צונויפלייגן די אויסיעס און איבערלייענען ווערטער גיט זיך מיר אײַן. די שפּראַך פאַרשטיי איך ניט. אײַער זשורנאַל לייענען מיר פאָר מײַנע ייִדישע פרײַנט, און עס ווילט זיך מיר אײַך זאָגן: איר דרוקט אינטערעסאַנטע קונסט־ווערק, פּרינצי־פּיִעלע פּובליציסטיק. א דאַנק אײַך פאַר אײַער נאָבעלער מי.

איך, א לייענער, וועלכער האָט ליב די ייִדי־שע ליטעראַטור, כאָטש ער קען זי ווייניק, ווינטש גרויסע דערפאָלגן דעם קאָלעקטיוו פון דער רעדאַקציע, אַלע ייִדישע שרײַבער, וועל־כע היטן אזוי הייליק אָפּ זייער מאַמעלאַשן און שאַנעווען ניט קיין קויכעס פאַרן סאָוועטישן היימלאַנד.

אַלעקסיי דימטשאַק,
פּעשטשאַנקאַ, ווינניצער געגנט.

דער גרויסער קאָנטראַסט

איך האָב מיט האַנאָע געלייענט דעם נום. 9 „סאָוועטיש היימלאַנד" פאַרן 1972 יאָר. זייער אינטערעסאַנט זײַנען די נאָטיצן „ייִדישע פּראָ־פעסיעס אין ביראָבידזשאַן".

איך לייג דאָ בײַ פאַר אײַער רעדאַקציע אן אַרטיקל, וואָס כ'האָב אויסגעשניטן פון דער פּאָפּולערער ניו־יאָרקער וואָכנשריפט „ווילעדזש

וואָיצע". דאָ ווערט דערציילט וועגן דאַכקעס און נויט פון אַרום דרײַ הונדערט טויזנט ייִדן אינעם רײַכן ניו־יאָרק. סאַראַ קאָנטראַסט עס שטעלן מיט זיך פאָר דאָס אַרטיקל אין דער אַמעריקאַנער צײַטונג און די באַשיידענע נאָטיצן „ייִדישע פּראָפעסיעס אין בירעבידזשאַן".

עזרא סילווערמאַן,
ניו־יאָרק

דער פּאַרצעף פון די עקסטרעמיסטן

בײַ דער צווייטער וועלט־מילכאָמע, ווען די נאַציסטן האָבן אָקופּירט פּוילן, בין איך מיט מײַן געזינד אַנטלאָפן קיין סאָוועטנפאַרבאַנד און אַזויאַרום זיך געראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט. איצט וווין איך אין ניו־יאָרק.

איך האָב געלייענט אין אַ ניו־יאָרקער ציִעניסטיש בלעטל, וואָס רופט זיך „אַלגעמיינער זשורנאַל", אַן אַרטיקל, ווו דער ייִסראָעלדיקער עקסטרעמיסט גענעראַל ווייצמאַן האָט געלויבט און גערימט די אַמעריקאַנער מיליטאַריסטן פאַר זייערע שכיטעס אין וויעטנאַם. איך וויל, אַז די לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד" זאָלן וויסן וועגן אָט דעם „אופּטור" פון די ציִעניסטן.

צו דער שטים פון „סאָוועטיש היימלאַנד" הערט מען זיך צו, ווײַל אַ צווייטער ייִדישער זשורנאַל פון אַזאַ ניוואָ איז ניטאָ.

איך בעט אַנטשולדיקן מיר דערפאַר, וואָס איך שרײַב ניט אונטער מײַן פאַמיליע. די סיבע פאַרשטייט איר אַליין זייער גוט.

אײַער ל. ד.
ניו־יאָרק, ברוקלין.

די „אומשולדיקע" פּאָטשט=מאַרקע

אין ייִסראָעל האָט מען אַרויסגעלאָזט פאַרן באַנוץ אַן אַנטיסאָוועטישע פּאָטשט־מאַרקע, וועלכע כאַזערט איבער דעם פּראָוואָקאַציִאָנעלן ציִעניסטישן לאָזונג „שלח את עמי" — לאָזט אַרויס די ייִדן קיין ייִסראָעל.

איך בין אַ ייִד פון קאַנאַדע, פון דער שטאָט מאָנטרעאַל. אַלס ליבהאָבער־פילאַטעליסט, האָב איך באַקומען אָט די מאַרקע און, האַגאַם כ׳האָב קיין דיכטונג קיינמאָל ניט פאַרפאַסט, האָט מיך אַ צי געטאָן אָנצושרײַבן אָט די בײַגעלייגטע סאַטירישע ליד.

זײַט מויכל, אויב די פערזן זײַנען ניט אַזוי קלינגעוודיק, ווי בײַ פּראָפעסיִאָנעלע דיכטער.

זיי שיקן אַ פּאָטשט איבער יאַמען,
קעדיי די מויכעס פאַרסאַמען,
זייען קאַס. שאַפן האַס.
זיי רײַסן די פּאָלעס:
באַפרײַט אונדז פון גאָלעס...

אַליין פון אָרט זיך ניט רירן —
די געשעפטן דאָ ניט פאַרלירן.
יעדערער שיקט אַ צווייטן.
אַ צווייטן אין וועג זיי באַגלייטן,
און געלט נעמען זיי בײַ אַ דריטן...
ייִדן, איר זאָלט זיך פאַר זיי היטן!
זיי גרייטן אָף אײַך צאָרעס, —
דערנאָך מיט אײַך שלאָגן קאַפּאָרעס.

„שלח את עמי" — אַ שווינדל
פונעם ציִעניסטישן געזינדל.
עס ווילן סאָוועטן־האַסער
אין ייִסראָעל אײַך לאָזן אָפן וואַסער,
זיי זײַנען מער אויסן:
פאַרן רײַכן פעטער זיך גרויסן,
דינען דער ווײַס־בלויער פאָן,
און פאַריינס — דעם פּענטאַגאָן.
זאָגט די ציִעניסטן פעסט,
אַז פון רוסלאַנד איר וועט ניט
אַנטלויפן.

און איך וועל אַלס פּראָטעסט
די שמוץ־מאַרקעס ניט קויפן.
אָך און וויי, צו וואָס זיי זײַנען
דערגאַנגען:
מיט פּאָטשט־מאַרקעס נעפאַשעס
פאַנגען...

כאַיִם גאָמוס.
מאָנטרעאַל, קאַנאַדע.

אַ פראַגע און אַן ענטפער

איך בין אַ לייענער פון אײַער זשורנאַל פון ערשטן נומער אָן, איך בין געווען אויך אַן אַקטיווער געזעלשאַפטלעכער פאַרשפרייטער

פון „סאָוועטיש היימלאַנד“. אָבער פון יון 1969 געפין איך זיך אין ייִסראָעל, און דאָ קויפן אייַער זשורנאַל איז ניט קיין לייַכטע זאַך. איך קאָן אָבער אָן „סאָוועטיש היימלאַנד“ ניט אויסקומען.

איך בעט אייַך זייער מיר געבן צו וויסן, ווי־אַזוי קאָן איך ווידער ווערן אַן אַבאָנענט פון „סאָוועטיש היימלאַנד“. איך וואָלט אויך כייַשעק געהאַט צו פאַרשפּרייטן אים צווישן די אימיגראַנטן פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד. באַלאַנים אַף אויסשרייַבן אים וועלן זיכער זייַן ניט ווייניק.

ייִסראָעל־שאַבסי אַקסעלראָד.
כייַפע, קיריאַט כאַיִם.

פ ו ן ר ע ד א ק צ י ע. **דער טיראַזש פון „סאָוועטיש היימלאַנד“ איז, ווי פריִער, אומבאַגרענעצט. אַלע פאָדערונגען אַף אים ווערן באַפרידיקט. אייַער פאַרלאַנג צו אַבאָנירן זיך אַפן זשורנאַל און אויך פאַרשפּרייטן אים צווישן פרייַנט באַגריסן מיר.**

שרייַבט אָן אין „מעזשדונאַראָדנאַיאַ קניגאַ“, וועט איר זיכער באַקומען אַן ענטפער, וואָס איר דאַרפט טאָן, קעדיי אַבאָנירן דעם זשורנאַל פאַר זיך און פאַר אייַערע פרייַנט.

דער אַדרעס:

Москва Г-200, Смоленская-Сенная, д. 32/34.
В/О «Международная книга»

מיר גלייבן אויך, אַז אין ייִסראָעל קאָן מען קריגן אַן ענטפער אַף אייַער פראַגע אין דער פרייַנטשאַפט־באַוועגונג מיטן סאָוועטנפאַרבאַנד.

לייענענדיק „סאָוועטיש היימלאַנד“

טייַערע פרייַנט!

איך בין אַ שטענדיקער לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד“. אויסער דער גרויסער צאָל ליטעראַרישע ווערק, וואָס איר דרוקט אין יעדן נומער פון אייַער זשורנאַל, אינטערעסירן מיך זייער די מיטיילונגען וועגן פראַגן פון קונסט און געשיכטע, באַזונדערס וועגן דער געשיכטע פון ייִדן. איך קאָלעקציאָניר פאַרשיידענע ליטאָגראַפיעס, אָפּאָרטן, גראַווירן, צייכענונגען און אַנדערע זשאַנרען פון דער פּלאַסטישער קונסט.

פיל פון די רעפּראָדוקציעס, וועלכע אינטערעסירן מיך און וועלכע איך וואָלט גערן געוואָלט אייַנשאַפן אין מייַן קאָלעקציע, זייַנען פאַר די לעצטע יאָרן פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַף די זייַטן פון „סאָוועטיש היימלאַנד“.

עס האָבן זיך מיר באַזונדערס פאַרגעדענקט טאַנכום קאַפּלאַנס און מענדל גאָרשמאַנס בילדער — די העלדן פון שאָלעם־אַלייכעמס ווערק; שייַע בראָנשטיינס ליטאָגראַפיעס — סצענעס פון ייִדישע ספּעקטאַקלען; שמועל ראָזינס סעריע „ייִדישע פאָלקסלידער“; מאַרק קליִאָנסקיס אָפּאָרטן — די קאָרבאָנעס פון די היטלעריסטן; די האָלץ־גראַווירן פון דער קינסטלערן איזאַבעלע בינדלער; וולאַדימיר אַמאָסאָווס גראַווירן צו איסאַק באַבעלס דערציילונגען; הירש פּערקעלס ליטאָגראַפיעס צו שאָלעם־אַלייכעמס „סטעמפּעניו“ און „טעוויע דער מילכיקער“ און פיל אַנדערע ווערק פון סאָוועטישע מאָלער און גראַפיקער.

יעטווידע אינפאָרמאַציע וועגן פראַגן, וועלכע איך באַריר אין מייַן בריוו, האָט פאַר מיר אַ וויכטיקע באַדייַטונג. פאַר איר בין איך אייַך דאַנקבאַר פונעם פולן האַרצן.

וועגן זיך וויל איך אייַך מיטיילן, אַז איך בין אַ געבוירענער אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע. לייענענדיק „סאָוועטיש היימלאַנד“, פאַרפולקום איך מייַנע קענטענישן אין דער ייִדישער שפּראַך.

איך ווינטש אייַער זשורנאַל אַלעס בעסטע אין זייַן אויפבלי און אין דער ווייַטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער קולטור אין סאָוועטנפאַרבאַנד.

נאַטאַן גורוויטש, פּסיכאָלאָג.
לאָס־אַנדזשעלעס.

מיר ענטפערן אף פראגעס פון אונדזערע לייענער

„זיי בײַטן אויס ליטעראַטור אף שמוציקע קלינגערס”...

די לייענער א. טאַלנער (סיקטיווקאַר), וו. גרינגפעלד (זשיטאָמיר), ב. ביילינע (סווערדלאָווסק), אי. גראָדנער און ש. זאַלקינד (בלאַגאָוועשטשענסק) פרעגן זיך אָן אין זייערע בריוו, אַדרעסירטע דער רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד”, צי די ייִדישע פּראָגרעסיווע פּרעסע אין אויסלאַנד אינפאָרמירט די עפנטלעכקײַט וועגן די שענדלעכע מײַסים פון די אַזויגערופענע „געוועזענע” אין דער ליטעראַטור, וועלכע דינען איצט אין ייִסראָעל דעם ציִעניזם.

א טרעפלעכע אָפּשאַצונג דער דאָזיקער קאַטעגאָריע „געוועזענע” איז געגעבן אין אַן אַרטיקל פון א. שערמאַן, פאַרעפנטלעכט אין דער ייִסראָעל־צײַטונג „דער וועג”. א. שערמאַן שרײַבט:

„דער ציִעניזם, וועלכער איז אַלע יאָרן געווען דער סוינע פון דער ייִדישער שפּראַך און קולטור, זעצט פאָר אין אָט די געביטן זײַן פאַרדאַרבערישע טעטיקײַט. געוויסע שרײַבער, געוועזענע טוער פון דער פּראָגרעסיווער ייִדישער קולטור, פאַלן אַרײַן אינעם קאַפּיטאַליסטישן דזשונגל, אָפן מאַרק, וווּ קולטור, ליטעראַטור, פּאָעזיע ווערן געקויפט און פאַרקויפט. שוואַכע, אָרעמע נעשאָמעלעך טונקען אײַן זייער פען אין דעם סאַם פון דער ציִעניסטישער פּאָליטיק פון אַנטיקאָמוניזם און קאַלטער מילכאָמע און שליסן זיך אָן אין דער העץ־קאַמפּאַניע קעגן ראַטנפאַרבאַנד.

א טייל זשורנאַליסטן, שרײַבער, געוועזענע פּראָגרעסיווע טוער, ווי נאָר זיי באַטרעטן די ייִסראָעל־ערד, וואַרפן פון זיך אַראָפּ יאָרן פון קאַמף, פון שעפערישער אַרבעט, טוען פון זיך אויס אידעאָלאָגיעס, קאָנצעפּציעס, פּרינציפּן, ווי מע טוט אויס א בעגעד. אויסגעהוילטע, פאַלן זיי אַרײַן אינעם כוישעך פון דער ציִעניסטישער פּאָליטיק — מע פאַרקויפט די נעשאָמע דעם רײַכן פעטער, וועלכער קען געבן א שענערע דירע און פּאַרנאָסע.

אין דער ייִדישער בירגערלעכער צײַטונג פון ייִסראָעל „לעצטע נײַעס” זעט מען צו מאַכן א פּלאַץ פאַר אָט די אָפּגעפאַלענע בלעטער.

אין אַזאַ אַטמאָספער, אין אָט דעם מיסטקאַסטן פון אַזויגערופענער ייִדישער קולטור הייבן אָן די „געוועזענע” אַרויסגעבן פון זיך דאָס גאַנצע גײַסטיקע שמוץ.

פאַרשאָלטענע נעשאָמעס. זיי בײַטן אויס קולטור, ליטעראַטור אף שמוציקע קלינגערס. זיי דערנידעריקן דאָס ייִדישע וואָרט, דאָס וואָרט, וואָס האָט געפלאַטערט אין די ווערק פון אונדזערע קלאַסיקער.

ווי לעכערלעך און נאַקעט זעט אויס אַזאַ געוועזענער דיכטער, זשורנאַליסט! זײַנע נײַע פּאַרנאָסע־געבער האָבן אים אַרײַנגעשטעקט די פעדער אין האַנט, און זיי באַפוילן אים: שרײַב, טרײַב רעכילעס אף דײַן אייגענער פאַרגאַנגענהײַט.

אַזאַ איז דער גוירל פון די „געוועזענע”, וועלכע האָבן זיך אַריבערגעוואָרפן אין פײַנטלעכן לאַגער”.

אויספילנדיק די באַקאָשע פון אונדזערע לייענער, ברענגען מיר ווײַטער מאַטעריאַלן אף דער דערמאָנטער טעמע, וועלכע עס האָבן פּובליקירט פּראָגרעסיווע ייִדישע צײַטונגען. אַזעלכע מאַטעריאַלן וועלן מיר דרוקן אויך אין ווײַטערדיקע נומערן פון „סאָוועטיש היימלאַנד”.

דער פּראָוואָקאַטאָר אף גאַסטראָלן

די פיזיאָנאָמיע פון א פּראָוואָקאַטאָר איז ניט אומעטום און ניט אין אַלע צײַטן די זעלבע. די אומשטענדן באַשטימען זײַן אויסזען, זײַן פּראָפיל, זײַן אויסדרוק, זײַנע שטריכן און זײַן אַנטפּלעקונג. אָבער אַלע פּראָוואָקאַטאָרן קומען פון איין זומפּ, אָנגעלאָדענע מיט געוויסנלאָזיקײַט, און געפירט פון פאַרדאָרבנקײַט. אין אַלע צײַטן

איז דער פּראָוואָקאַטאָר אַן אויסדרוק פון אַן אָפּגייענדיקער מאַכט, וואָס ראַנגלט זיך צו אופהאַלטן איר טאַקיפעס דורך שאַנטאַזש און פּאַראַט. אין אונדזער טקופע, ווען די שלאַכט צווישן דעם אופגייענדיקן סאָציאַליזם און דעגענערירטן קאַפּיטאַליזם גייט אַריַין אין עטאַפּ פון דעם סאַמע שאַרפסטן געראַנגל, וואָס די געשיכטע האָט ווען־עס־איז פאַרצייכנט, איז אפן אידעאָלאָגישן פראָנט דאָס אייניציקע געווער, וואָס דער קאַפּיטאַליזם קען באַנוצן קעגן דעם באַצויבערנדיקן סאָציאַליסטישן אופגאַנג, — שמוץ און פּראָוואָקאַציע.

אַזאַ פּאַרשוין, ווי קערלער, וועלכער איז איַינגעשפּאַנט געוואָרן אין אַנטיסאָוועטישן וואָגן דורך דער ציִעניסטישער קליקע און באַטיטלט זיך אַליין — ניט מער און ניט ווייניקער! — אַלס פאָרשטייער פון די ראַטנפאַרבאַנדישע ייִדן, כאָטש אין גרונט קען ער אַפילע ניט ריידן אין נאָמען פון זיַינע אייגענע קינדער־יאָרן, — אַפילע אַזאַ שורקע פּילט אויס אין דער קאַלטער מילכאָמע אַ געוויסע אופגאַבע. זיַין אַרבעט דריקט זיך אויס נאָר אין דעם, וואָס ער איז אַ צופעליקער געוועזענער סאָוועטישער בירגער. אָט דער אומשיַיכעסדיקער ייִכעס איז זיַין „געווער", וויַיל די ייִדישע רעאַקציע פאַרמאָגט אין אַלע ייִדישע ייִשוּוים פונעם מיַירעוו וואַנדערליובעס פון אַ סאַך גרעסערע קאַטעגאָריעס, וואָס האָבן צוגרייטונג און דערפאַרונג, אָבער אַף טשאַד און בילבולים איז ער פלינקער פון זיי.

בלויז אַזאַ געמיינער יונג, ווי ער, קאָן זאָגן, אַז „דער וועלט־געוויסן טאָר ניט דערלאָזן, עס זאָל אופקומען אין ראַטנפאַרבאַנד אַן אוישוויץ אָדער טרעבלינקע". די דאָזיקע ווערטער האָט ער אַרויסגערעדט אַף אַן אַנטיסאָוועטישער קאָנפערענץ אין מאָנטעווידעאָ, וווהין עס האָבן אים אַראָפּגעבראַכט די ספּעציִעלע צענטרען פונעם ציִעניזם. אַליין דער דאָזיקער אויסדרוק דעקט אוף דעם פּסיכאָפּאַט קערלער, ווי אַ באַנאַלן פּראָוואָקאַטאָר, באַ וועמען עס האָט אויסגעטריקנט ביזן לעצטן טראָפּן דאָס מענטשלעכע געוויסן.

זאָל דאָ באַטאָנט ווערן, אַז אויב מיר קאָמענטירן קערלערס אויסגעדראָשענע דראָשע, וועלכע מע האָט מיט אים איַינגעדרעסירט אין ירושאָלאיִם, איז עס ניט דערפאַר וויַיל מיר זוכן באַ אים אַ פונק פון דערקענטעניש און פאַרשטאַנד. ווי עס באַשטעטיקן זיַינע פּלוידערייַען, דאַרף מען עס פון אים ניט פאַרלאַנגען.

ס'איז קיין צווייפל ניט, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ קיַילעכדיקן לומפּ, וואָס באַנעמט ביכלאַל ניט קיין שום פּראָבלעם און קיין שום ענדערונג אין דער היַינטציַיטיקערווירקלעכקיַיט.

די, וואָס ציִען די שטריקלעך פון דער פּאָפּקע קערלער, ווייסן, אַז אַזאַ „רעדנער", וואָס הייבט אָן זיַין געפּלוידער אַזוי: „באָרעכהאַשעם, אַף דער וועלט טוט זיך כוישעך מיט די סאָוועטישע ייִדן, וואָס ווילן ווערן ייִסראָעל־בירגער", — אַזאַ רעדנער דאַרף זיך זוכן אַן אַנדער פּאַרנאָסע, וואָס איז מער צוגעפּאַסט פאַר אים, לעמאָשל שאַדכאָנעס, קערן־קאַיעמעס־פּושקעס אַדג. אָבער קערלער איז דער טרעגער פון אַנטיסאָוועטיזם, ער איז דער איידעס פון „אַ ליגן מיט אַ סימען"; קערלער איז נוצלעך פאַר דער ציִעניסטישער פּראָוואָקאַציע קעגן ראַטנפאַרבאַנד. זיַינע שמוציקע פאַרלוימדונגען הייבן אַרויס זיַין נישטיקע פּערזענלעכקיַיט.

עס רופט אַרויס פאַראַכטונג אוןווידערגעפיל צו ציטירן, וואָס דער רענעגאַט האָט געפּלאַפּלט. אָבער אָפּטמאָל איז עס קעדיַי: פון די רייד איז גרינגער צו דערזען דאָס פּאָנעם פון דעם פּאַרשוין, וואָס זיַין נישטיקיַיט איז געוואָרן די סכוירע, וועלכע ער פאַרקויפט אפן אַנטיסאָוועטישן מאַרק.

די ציִעניסטישע אַגענטור, וואָס האָט דורכגעפירט אַ לאַטיַין־אַמעריקאַנער קאָנפערענץ אין מאָנטעווידעאָ, האָט געבראַכט צום יאַריד פון רעכילעס און דעז־אינפאָרמאַציע דעם שמאָלקעפּיקן „פּאָעט", קעדיי מענטשן זאָלן זען און באַוווּנדערן דעם „העלד", וואָס האָט זיך „אַרויסגעריסן פון סאָוועטישן געהענעם"... און ער, דער העלד פון פּראָוואָקאַציע, פירט דורך די שליכעס, וואָס מע האָט אַף אים אַרופגעלייגט, לויט זיַינע זייער באַגרענעצטע קויכעס. אָבער ער פירט זי דורך מיט היץ, ער בושעוועט און... כאָטש ער איז ניט קיין גרויסער לאַמדן און ניט קיין קליינער אַמהאָרעץ, אָבער „שלאַך עט אַמי" האָט מען מיט אים איַינגעדרעשיסירט אַף אַלע היסטערישע טענער. ס'איז שווער צו גלייבן, אַז דאָס רעדט אַ געוועזענער סאָוועטישער בירגער, וואָס האָט געענדיקט אַ מיטלשול. נאָר יעדער גערטנער ווייסט, אַז אין דעם שענסטן בלומען־גאָרטן וואַקסן דערנער. די מאָסקווער גאַסן זיַינען געוואָרן ריינער, ווען אַזאַ נעבעכדיק מענטשל האָט זיי פאַרלאָזט.

יאָסל גאָלדבערג

„אונדזער לעבן". בוענאָס־איַירעס.

הערש סמאָליאַר טרעט אַרויס צוזאַמען מיטן שעף פון דער געהיים־פּאָליציי

אָפּקאָלסאָף האָב איך דערהערט אין דער ייִסראָעלדיקער ראַדיאָ דאָס קאָל פון אַן אַלטן באַקאַנטן — פון הערש סמאָליאַרן. ניט וויסנדיק, ווי ווײַט ער איז דערגאַנגען אַף זײַן „נײַעם וועג‟, נאָכדעם ווי ער האָט זיך פאַרבונדן מיט דער גרופּע פון מיקוניסן, איז מיר פּאָשעט געווען טשיקאַווע צו וויסן וועגן זײַנע נײַע „דערפאָלגן‟. נאָר אויב כ'האָב געוואַרט, נאָך אַלעמען, אַז ער וועט זיך פאַרהאַלטן ערגעץ־ווו אין זײַן באַרג־אַראָפּ, האָט די ייִסראָעלישע ראַדיאָסטאַנציע זיך באַמיט צו דערווײַזן די עמעסע לאַגע פונעם דאָזיקן מענטשן. אַזויאַרום האָבן די ראַדיאָ־צוהערער דערהערט אַ דועט פון הערש סמאָליאַרן מיטן באַקאַנטן דעטעקטיוו און פּאַשיסט איסער האַרעל אינעם אָוונט, געווידמעט דעם בוך „די רויטע קאַפּעלע‟. אין בוך ווערט דערציילט וועגן העראָיִשן אַנטינאַציִשן שפּיִאָנאַזש אין דער צווייטער וועלט־מילכאָמע. צוויי געוועזענע קעגנער האָבן זיך פּאַרייניקט, קעדיי איצט צו העצן צוזאַמען קעגן ראַטנפאַרבאַנד.

דער „פּאַרזאָרגער פון ייִדן‟ הערש סמאָליאַר האָט ניט געפונען קיין פּגאַם אָפּצוטרעטן צוזאַמען מיטן געוועזענעם שעף פון דער געהיים־פּאָליציי, פון בענגוריאָנס „כּוישעך־אַפּאַראַט‟ — דעם „שין־בעט‟. וואָס איז געהאַסט פון יעדן פּראָגרעסיוון מענטשן אין ייִסראָעל. וואָס איז שײַעך דעם געוועזענעם הויפּט־שפּיִאָן און איצטיקן פּאַשיסט, איז פאַר אים דער דאָזיקער דועט געווען אַ גלענצנדיקע געלעגנהײַט אויסצוגיסן זײַן סאַם קעגן סאָציִאַליזם און איבערהויפּט קעגן ראַטנפאַרבאַנד, ווען ער ווערט דערצו נאָך געשטיצט פון אַן „אַמאָליקן קאָמוניסט‟.

אויב עמעצער האָט נאָך געצווייפלט, צי הערש סמאָליאַר איז הײַנט אַ ציִעניסט, איז ער אַליין געקומען און עס דערוויזן. דאָס האָט געזאָלט באַרעכטיקן דעם דאָזיקן אויפטריט זײַנעם. פון אָט דער טריבונע האָט ער דערקלערט מיט גאַײווע, אַז נאָך אין 1961, און ניט ווי אַנדערע אין 1967 (פּאָרט הערש סמאָליאַר!), האָט ער דערפילט, אַז ער איז נאָענט צום ציִעניזם. דאָס איז צו אים געקומען „פּלוצלינג‟, ווען די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון פּוילן האָט דערקלערט, אַז דער אימפּעריִאַליזם און דער ציִעניזם זײַנען סאָנים פונעם סאָציִאַליזם. אָט דאַן האָט ער דערפילט, אַז דאָס מיינט מען אויך אים. ס'איז בלויז אַ שאָד, וואָס הערש סמאָליאַר האָט ניט אויסגענוצט אַן אויסערגעוויינלעכע געלעגנהײַט אין דעם אָוונט, קעדיי אַ פרעג צו טאָן זײַן נײַעם אידייִשן פּאַרטנער, צי די באַשולדיקונג אַפן אַדרעס פונעם ציִעניזם איז טאַקע אַ באַרעכטיקטע. זיכער האָט איסער האַרעל געלאַכט אין די פויסטן, ווען ער האָט געהערט, ווי דער נעבעכדיקער באַלטשוווע צווייפלט אין דעם, וואָס ער, „איסער האַקאַטאַן‟ (זײַן דעטעקטיוור־פּסעוודאָנים), ווייסט אַף זיכער פון זײַן אייגענער פּראַקטיק.

אָט אַזוי האָט מען דערהערט, אַף וואָס ס'איז הײַנט גרייט הערש סמאָליאַר. טויב און בלינד לעגאַבע די געשעענישן פון דער צײַט און צו די אינטערעסן פון ייִסראָעל, דערשײַנט ער ווי אַ ברוכשטיק, וואָס לעבט נאָך און וועלכן מע נוצט אויס בלויז צוליב העצע קעגן דעם ראַטנפאַרבאַנד.

אין דער צײַט, ווען די ייִסראָעל־יוגנט דעמאָנסטרירט פאַר שאָלעם מיט די אַראַבער, קעגן בלוט־פאַרגיסונג פון ביידע זײַטן, קעגן רויב פון אַראַבישע באָדנס, און דעמאָנסטראַנטן ווערן אַרעסטירט, געשלאָגן און געמישפּעט, איז הערש סמאָליאַר שטום. מ'הערט ניט זײַן שטים קעגן די דאָזיקע אַוולעס. ווען פּאַטריִאָטן פון פאַרשיידענע אָנשויונגען, ציִעניסטן און ניט־ציִעניסטן, צוזאַמען מיט קאָמוניסטן זײַנען טעטיק אין דער באַוועגונג פון דער ייִסראָעל־סאָוועטישער פרײַנטשאַפט, זעענדיק אינעם לאַנד פון דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע אַן עמעסן פרײַנט פון ייִסראָעל, וועלכער איז פאַרינטערעסירט, אַז עס זאָל זיך אָפּשטעלן די בלוט־פאַרגיסונג פון ייִדן און אַראַבער, — איז הערש סמאָליאַר אַרויסגעטראָטן און געגעבן זײַן בײַשטײַער פאַר אַן אויסגעשפּראָכענער אַנטיסאָוועטישער העצע.

פרעגן אים הײַנט, וועמען דינט דאָס, איז, פאַרשטענדלעך, שוין איבעריק.

א. מיילינג.

„דער וועג‟. טעל־אוויוו.

די סאָוועטישע ייִדן זײַנען פּאַטריאָטן פון זייער היימלאַנד

א לייענער פון אורוגווײַ ענטפערט די אונטערהעצער:

דאָס איז געווען נאָך פאַרן ערשטן וועלט־קריג, ווען אין צאַרישן רוסלאַנד האָט געהערשט די פעאָדאַלע און בורזשואַזע רעאַקציע. אין מײַן זיקאָרן שטייט אויף קוידעמקאָל די דאָזיקע בעעמעס שווערע צײַט, ווען איך הער, ווי די אויסגעלאַסענע דעזערטירן פון דער פּראָגרעסי־ווער באַוועגונג און פונעם ראַטנפאַרבאַנד העצן אונטער דעם פּאַשעטן ייִדן, ער זאָל אוועק־וואַרפן זײַן היים און פאָרן זוכן אַנדערע גליקן.

איך דערמאָן זיך, וויאַזוי איינער פון דער גרויסער צאָל עמיגרירטע רוסישע ייִדן אין אַמעריקע, מײַנער א באַקאַנטער פונעם שטעטל, וו כ'האָב אַמאָל געוווינט, — אַווראָם־לייזער מאַלקין — האָט געשריבן א בריוו צו זײַן גע־ליבטער, וועלכע איז געבליבן אין ייִדישן שטע־טעלע, אין רוסלאַנד:

„מײַן טײַערע שיפּרע! איך בין שוין א פּאָר כאַדאָשים אין דעם גאָלדענעם גאַניידן. איך אַרבעט און פאַרדין גאַנץ גוט. איך גיי אַרום איבער די געפּוצטע אַספאַלטירטע טראָטואַרן און קוק אָף די מאַרמאָרנע ווענט פון די הויכע וואָלקנקראַצערס, אָף די שיינע וויטרינעס פון די רײַכע געשעפטן. עס שנײַדט די אויגן די באַנאַכטיקע עלעקטרישע באַלויכטונג. אָבער מיר איז דאָס אַלץ ניט צום האַרצן. מיר דוכט זיך, אז איך בין עלנט ווי א שטיין. מיר איז טאָמיד אין זינען מײַן היים, מײַן קליין שטעטעלע מיט די אָסיענדיקע דראָבנע רעגנס, מיט די בלאָטיקע גאַסן, די שיינע וועסנע מיט דעם ליכטיקן זומער, דער גרויסער הימל און די שיינע זון. איך קאָן דאָ מער ניט לעבן, איך קלײַב געלט אָף א בילעט און פאָר אהיים...״

ניט נאָר איין אַווראָם־לייזער האָט זיך אומ־געקערט צוריק אהיים, עס האָבן זיך אומגע־קערט שלוימע האַראָקאָוו, דאָוויד לוריע און פיל אַנדערע. און די, וואָס זײַנען געבליבן אין אויס־לאַנד, האָבן דאָס גאַנצע לעבן — ביזן טויט — געבענקט נאָך זייער היים.

די רוסישע ייִדן האָבן געלעבט שווער אין דעם קייסערס צײַטן, אָבער זיי זײַנען געווען פול מיט מוט, מיט איין שטרעבונג: קעמפן צו־זאַמען מיט אַלע פעלקער פון רוסלאַנד פאַר א בעסער לעבן. רוסישע ייִדן זײַנען געווען צווישן די ערשטע רעוואָליוציאָנערע קעמפער, צווישן די אָרגאַניזאַטאָרן פון אַרבעטער־פּאַריי־נען. זיי זײַנען געווען נאָענטסטע מיטקעמפער פון דעם גרויסן לענין.

עס דערמאָנען זיך די צײַטן פון נאָך דעם בירגערקריג, ווען דעמאָביליזירטע ייִדישע ייִנגלעך האָבן זיך צוריקגעקערט אהיים. ציִ־ניסטן האָבן זיך אַרומגעדרייט צווישן דער יוגנט, קעדיי אײַנצורײדן זיי און זיי אוועק־שיקן אומלעגאַל קיין ערעץ־ייִסראָעל (פּאַלעס־טינע). אָבער די יוגנט האָט געלאַכט פון די פאַנטאַסטישע צוזאָגן. איינער פון די פאַלן: שמערל יעכיִעל־דאַווידס — א דעמאָביליזירטער קראַסנאָאַרמייעץ, צו וועמען די ציִעניסטן זײַ־נען צוגעשטאַנען, אַז ער זאָל פאָרן קיין ערעץ־ייִסראָעל, — האָט זיי געענטפערט :„מיר האָבן באַקעמפט דעם סוינע. איך בין א זון פון אַן אָרעמען באַלעגאָלע. כ'האָב באַקומען אַלע רעכט פון א סאָוועטישן בירגער, גלײַך מיט מענטשן פון אַלע נאַציִאָנאַליטעטן. אָט שיקט מען מיך זיך לערנען אין מאָסקווע. זאָל איך פאָרן אין א בורזשואַז לאַנד? דאָס קאָן איך אין לעבן ניט טאָן! מײַן היימלאַנד איז דער ראַטנפאַרבאַנד!״

צו אַנדערע יוגנטלעכע — אַקטיוויסטן, קאָמ־סאָמאָלצעס — האָבן די ציִעניסטן אינגאַנצן קיין צוטריט ניט געהאַט. און אַפילע די עלטערן, וואָס האָבן טאָמיד געבעטן גאָט „לעשאָנע האַבאָ בעירושאָלאַיִם״, זײַנען אויך מאַסקים געווען מיט זייערע קינדער.

די ייִדישע יוגנט איז אוועק אָפן לעניניש וועג. זיי האָבן מיט אַלע פעלקער פון לאַנד גענומען אופשטעלן די ווירטשאַפט, א רויִנירטע פון דער אימפּעריִאַליסטישער אינטערווענץ און פון דעם בירגערקריג. סײַ אין קאַמף, סײַ אין דער אַרבעט זײַנען די סאָוועטישע ייִדן געווען צווישן די ערשטע.

די פינצטערע טעג פון דער פאַשיסטישער אינוואַזיע אין ראַטנפאַרבאַנד, די מיליאָנען טויטע, קאַליקעס; די איבערגעקערטע ערד פון באָמבעס, סנאַריאַדן, מינעס; די פאַרברענטע שטעט און דערפער, די פאַרניכטעטע סטאַנ־ציעס און בריקן און אַזוי ווײַטער, — דאָס אַלץ האָט צעבראָכן דאָס לעבן אויך פון מענטשן, וואָס זײַנען געבליבן לעבן נאָכן קריג. דער ווירוואַר פון קריג האָט אַרויסגעריסן פון זייערע היימען מיליאָנען מענטשן און פאַנאַנ־דערגעוואָרפן זיי אין אַלע עקן פון דער וועלט. אָט דאָ האָט זיך אָנגעהויבן א נײַע סעדרע

העצעס פון די סאָנים פונעם ראטנפארבאנד. די אמאָליקע ווײַסגווארדיישטשינע און די אויסלענדישע רעאקציאָנערע פּראָפּאגאנדיסטן האָבן געשראָקן די סאָוועטישע געפאנגענע מיט רעפּרעסיעס אין ראטנפארבאנד. זיכער, אז א טייל צווישן די געפאנגענע זײַנען געווען פארברעכער און געהאָלפן די פאשיסטן אין זייערע פּלענער. אָבער די מערהײַט זײַנען געווען פּאטריאָטן פונעם ראטנפארבאנד, וואָס נאָכן קריג האָבן זיי געוואָלט פאָרן אהיים צו זייערע פאמיליעס. אָבער צוליב דער ליגנערישער פּראָפּאגאנדע זײַנען אייניקע געבליבן אין אויסלאנד און ביז הײַנט זײַנען זיי אף גרויסע צאָרעס.

די זעלבע זאך איז געשען צווישן די ייִדן. די ציוניסטן האָבן זיך אויך פארנומען מיט שאָדן־פּראָפּאגאנדע. פון די רוסישע ציוניסטן איז קיין זייכער ניט געבליבן, ווײַל זיי האָבן ניט געהאט קיין באזע פאר זייער טעטיקײַט. אָבער דערפאר האָבן זיך אָנגעהויבן אקטיוויזירן די ציוניסטן פון דעם דעמלטיקן פּוילן, זיי פלעגן ארײַנכאפּן רוסישע ייִדן, באאמטע, אָפיצערן און צוזאָגן זיי גאָלדענע גליקן אין ייִשׂראָעל. אָבער די סאָוועטישע מענטשן פלעגן זיי מיט איראָניע אויסלאכן. איינמאָל, ארום א טיש אין א רעסטאָראן, האָט זיך א ציוניסט אָנגעזעצט אף אן אָפיצער און א באאמטן, אז זיי זאָלן פאָרן אין הייליקן לאנד. האָט אים געענטפערט דער מאיאָר לעווינשטיין: „זײַן א קנעכט בא א פריש אויסגעבאקענעם ייִשׂראָעלישן קאפּיטאליסט, אָדער באם אמעריקאנער באלעבאָס? דאָס קאָן א סאָוועטישער ייִד ניט טאָן, ווײַל ער איז געוווינט צו זײַן א באלעבאָס אין אייגענעם פאָטערלאנד, ווו ער איז א שוטעף צו דער גאנצער ווירטשאפט פונעם לאנד".

דער דירעקטאָר פונעם רעסטאָראן לעאָניד ענטין האָט צוגעגעבן: „איך בין א סיביריאק. עטלעכע מײַנע זעמליאקעס (לאנדסלײַט) זײַנען שוין אמאָל געווען אין הייליקן לאנד און זיך צוריקגעקערט פארפינצטערטע און פארשווארצטע ווי די ערד".

אָבער געציילטע יוגנטלעכע, בא וועמען עס האָט געשפּילט די פאנטאזיע אין קאָפּ און וועלכע האָבן געשטאמט פון אמאָליקע סאָכרייִשע און רעליגיעזע היימען, האָבן זיך אונטערגעגעבן די ציוניסטן און געשלעפּט זיך דורך לאגערן, דורך שווערע וועגן, ביז מע איז געקומען אין ייִשׂראָעל.

וויאזוי האָבן זיך געפילט די נײַע אוילים אין זייער „צווייטן פאָטערלאנד"? ערשטנס, האָבן זיך די אוילים באקענט מיט א „לישקאט אוואָדא", מיט א „היסטאדרוט", ווו מע דארף שטיין יעדן טאָג אין אָטשערעד אף צו באקומען עט־

לעכע טעג שווארצע ארבעט. דאָס וואָרט „ארבעטלאָזיקײַט" האָבן סאָוועטישע ייִדן ניט פארשטאנען. און וואָס הייסט אין דער עלטער פון נאָך 50 יאָר ניט קאָנען אינגאנצן באקומען קיין ארבעט? א גאנץ בארימטער דאָקטער־כירורג האָט געטראָגן בערוועגעס אף די פּלייצעס, און ווען נאָך א צײַט האָט מען אף אים ראכמאָנעס געקראָגן און געגעבן אים א פּאָסטן אין „מאָגן דאָוויד אָדאָם", איז ער שוין געווען פארשריבן אף צו פארלאָזן דאָס לאנד.

די סאָוועטישע ייִדן האָבן ניט געקאָנט צוגעוווינען זיך צו דער רעליגיעזער הערשאפט, צו אזא אלטמאָדישן, אָפּגעשטאנענעם לעבן. רוסישע, אוקראַיִנישע, ווײַסרוסישע און אנדערע פּרויען, ניט־ייִדישע, האָבן געליטן דיסקרימינאציעס, זייערע קינדער האָבן ניט געקאָנט פארשריבן ווערן אלס ייִדן. און יונגע פּאָרפעלקער: ער איז א סאָוועטישער ייִד, זי איז אן אוקראַיִנקע, מע האָט זיי נאָך אין פּוילן אײַנגערעדט צו פאָרן קיין ייִשׂראָעל, זײַנען אינגאנצן אלט געוואָרן צו 20 און 21 יאָר... דער מאן האָט באקומען ארבעט באם בויען. זײַן געזונט האָט שטארק געליטן פון דער שווערער ארבעט אונטער דער ברענענדיקער זון. די פרוי איז געוואָרן א דינסט. ווי די פרוי האָט זיך ניט געסטארעט צו ווערן א ייִדישקע: זי האָט זיך געמאכט א ייִדישע סטריזשקעלע אפן שטערן, אויסגעלערנט זיך ריידן אף איווריט, געבענטשט פרײַטיקצונאכטס ליכט, — אָבער גאָרנישט האָט איר ניט געהאָלפן, אלציינס האָט מען זי גערופן „די גויקע" און אירע טעכטערלעך — די „שיקסלעך". דאָס פּאָרפאָלק האָט געמוזט אינקורצן פארלאָזן דאָס לאנד. סאָוועטישע מענטשן האָבן אָפּגעשלאָגן די טירן פונעם סאָוועטישן קאָנסולאט. זיי האָבן געבעטן, מע זאָל אף זיי ראכמאָנעס האָבן און דערלויבן זיי זיך אומקערן אהיים.

עס איז שוין אדורך מער ווי א פערטל יאָרהונדערט נאָך דעם זיג איבערן פאשיסטישן דײַטשלאנד. די סאָוועטישע מענטשן זײַנען דורכגעגאנגען פאר דער צײַט שווערע יאָרן; מע האָט אויפגעשטעלט און אנטוויקלט מיט שנעלע טעמפּן די ווירטשאפט, מע האָט געלאָזן אין גאנג הונדערטער נײַע גיגאנטן־פאבריקן, עס זײַנען אויסגעוואקסן הונדערטער נײַע שטעט.

פאמיליעס, וועלכע זײַנען אין צײַט פון קריג געבליבן אָן דירעס און געלעבט אין זעמליאנקעס, האָבן באקומען נײַע דירעס. דער לעבנסניוואָ שטײַגט פון טאָג צו טאָג. סאָוועטישע מענטשן זײַנען באזאָרגט מיט שיין מעבל, מיט מאָדערנע אפּאראטן אף צו פארלײַכטערן די ארבעט אין שטוב, מיט טעלעוויזאָרן; א גרויסער טייל פאמיליעס האָבן אייגענע אווטאָמאָ־

בילן. סאָוועטישע ייִדן זײַנען גלײַכע אָנטיילנעמער אין דעם לעבן פונעם סאָוועטישן פאָלק. זיי האָבן שוין לאַנג פארגעסן וועגן אָנגעווייטעקטע ייִדישע פּראָבלעמען. און מיטאמאָל האָט די ציִעניסטישע רעאַקציע אָנגעהויבן ליאַרעמען: „ראַטעוועט די סאָוועטישע ייִדן!”

דער ציִעניזם, אין אַוואַנגאַרד פון דער רעאַקציע פון גאָר דער וועלט, וואַרפט הונדערטער מיליאָנען דאָלאַרן אַף שמוציקער פּראָפּאַגאַנדע, אַף רעכילעס און פּראָוואָקאַציעס קעגן דעם ראַטנפאַרבאַנד. מע שיקט אַרײַן געפעלשטע בריוו פון ניט עקזיסטירנדיקע קרויווים צו די סאָוועטישע ייִדן און מע רופט זיי קיין ייִסראָעל. מע הערט ניט אויף צו פירן ליגנערישע פּראָפּאַגאַנדע.

וואָס קאָנען די סאָוועטישע ייִדן באַקומען פון דעם? אַלטמאָדישע, אָפּגעשטאַנענע מענטשן טראַכטן, אַז „מאָשיִעך איז געקומען אַפן ווײַסן פערד”. אָבער די סאָוועטישע ייִדן פאַרשטייען גאַנץ גוט, אַז ציִעניסטן פירן אַן אַנטיסאָוועטישע, אַנטיקאָמוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע, זיי זייען שאָוויניזם און ספּעציִעל אַנטיסעמיטיזם, קעדיי אָפּצוציִען די אויפמערקזאַמקײַט פון דער וועלט פון זייער מיליטאַריסטישער ראַסיסטישער פּאָליטיק.

ניט קוקנדיק אַף דעם, איז נאָך פאַראַן אין ראַטנפאַרבאַנד אַ קליינע צאָל ייִדן, וואָס האָבן זיך ניט אָפּגעגעבן אַ דין־וועכעזשבן און האָבן פאַרלאַנגט אַרויספאָרן צו זייערע „ברידער” אין ייִסראָעל. די סאָוועטישע רעגירונג האָט נאָכגעגעבן זייערע ביטעס. באַם אַרײַנקומען אין „הייליקן לאַנד” האָבן זיי מיט זיך אַהין אַרײַנגעפירט גאַנצע פאַרמעגנס: טעלעוויזאָרן, וואַשמאַשינען, מאָטאָציקלעטן און אַלערליי מאָדערנע שטוביקע געצײַג, וואָס קיין ייִסראָעליקער קליינער בורזשוי פאַרמאָגט דאָס ניט. זיי האָבן געטראַכט, אַז זיי גייען אַרײַן גלײַך אין ראָטשילדס פאַמיליע, אַז מע וועט זיי טראָגן אַף די הענט... אָבער ווען זיי האָבן זיך אַרומגעקוקט, האָבן זיי פאַרשטאַנען, אַז זיי זײַנען אַרײַנגעפאַלן אין אַ פּאַסטקע, און איצט וואַרפן זיי זיך ווי פיש אָן וואַסער. ווער פון זיי האָט געטראַכט, אַז מע וועט דאַרפן אַרומגיין צו די באַלעבאַטים זוכן אַרבעט און מע וועט זיי באַטראַכטן פון קאָפּ ביז די פיס, צי זיי וועלן קאָנען אַרבעטן? מע דאַרף באַמערקן, אַז אַ גרויסע צאָל סאָוועטישע ייִדן פאַרמאָגט הויכע בילדונג: זיי זײַנען אינזשעניערן, דאָקטוירים, קוואַליפיצירטע אַרבעטער.

כוץ דעם, האָבן זיי זיך „באַקענט” מיט דעם אַלטמאָדישן רעליגיִעזן לעבן: זיי האָבן דערזען פיל „סאָרטן” ייִדן און ניט געוווּסט, צו וואָסער סאָרט זיי אַליין געהערן.

די ייִסראָעלדיקע רעגירונגס־פירער זײַנען פון זיי ניט זייער צופרידן און קאָנען זיי ניט אײַנאָרדענען. זיי האָבן אָנגעהויבן זיך ווענדן צו דער סאָוועטישער רעגירונג, אַז מע זאָל זיי העלפן אַרויסקריכן פון די צאָרעס. פיל פון זיי זײַנען אַרויסגעפאָרן קיין ווין און בעטן באַ דעם סאָוועטישן קאָנסולאַט וויזעס אַף צוריקערן זיך אַהיים. אייניקע, וואָס האָבן זיך שוין צוריקגעקערט, באַשרײַבן אין די סאָוועטישע צײַטונגען זייערע מאַטערנישן אין ייִסראָעל.

ווען דער פאָרזיצער פונעם מיניסטאָרן־ראַט פון פססר אַלעקסיי קאָסיגין איז געווען אין קאַנאַדע, האָט מען אים אין פּאַרלאַמענט געשטעלט אַ פראַגע וועגן די ייִדן אין ראַטנפאַרבאַנד. ער האָט געענטפערט: ווער עס וויל אַרויספאָרן פון לאַנד, לאָזן מיר אַרויס, אָבער די ייִסראָעלישע רעגירונג איז ניט בעקויעך זיי אײַנצואָרדענען. „איר ווילט וויסן, וויפל פון די אַרויסגעפאָרענע ייִדן האָבן זיך געמאָלדן אַף צו פאָרן צוריק?” — האָט געפרעגט קאָסיגין. אָבער אַלע דעפּוטאַטן האָבן געשוויגן — די פראַגע איז געווען קלאָר.

אָט אַזוי האָבן די ציִעניסטן מיט דער הילף פון פאַרקויפטע לײַט אַרויסגעריסן פון זייערע אײַנגעאָרדנטע היימען סאָוועטישע ייִדן, אָפּגעריסן זיי פון זייערע פאַמיליעס, פון זייער געזעלשאַפט, און איצט הענגען אָט די מענטשן אינדערלופטן, צווישן הימל און ערד. דאָס האָט באַוויזן דער גאַנצער וועלט די דורכגעפאַלענע פּלענער פון די ציִעניסטן ביכלאַל און פון די ייִסראָעלדיקע מיליטאַריסטישע קרײַזן ביפראַט.

מ ע נ ד ל ט אָ פּ אָ ל

„אונדזער פרײַנט”. מאָנטעווידעאָ.

ס'איז ליב מיר די ליד פונעם בוים

זיצט דער פויגל אפן דאך

אפן קוימען פון מײַן זיידנס שטוב
דרעמלט א קאַלטער שטערן,
א זילבערנער פויגל זינגט אפן דאך —
די גאנצע גאס זאָל אים הערן.

ער זינגט פון א ווײַטן זילבערנעם לאנד
הינטער יאמען גרינע,
ווו א ליאדע פאָעט
קאָן גאָלדענע בערג געפינען.

זיצט דער פויגל אפן דאך,
ס'ציטערט א ליד אין זײַן שנאָבל,
אָט ווערט ער אנשוויגן, און כ'הער — סע רוישט
אין גאָרטן דער אלטער טאָפּאָל.

ס'טײַנען די צווײַגן: „נארעלע-נאר,
ווערסט פארשנײַדן זיך אָן א מעסער.

ווי שיין ס'זאָל ניט זײַן דאָס זילבערנע לאנד,
נאָר דײַנס איז שענער און בעסער.

וואָס ווערסטו טאָן אינעם זילבערנעם לאנד —
אלץ איז פון זילבער דאָרטן:
פון זילבער די ערד, דער הימל, דער טײַך,
אפילע דער בוים אין גאָרטן.

צי קאָן דען עסן א זילבערן ברויט
אזא פּאָשעטער כּײַוועקײַעם?
ניט לידער שרײַבן ווערסטו דאָרט,
נאָר ביטער קרעכצן און שרײַען.

דער אלטער טאָפּאָל רוישט אין ווינט,
ס'איז ליב מיר זײַן קאָל צו הערן,
ווען אפן קוימען דרעמלט באנאכט
דער בלויער קאַלטער שטערן.

דער הימל

מײַן לויטערער הימל,
איך קאָן זיך מיט דיר ניט צעשיידן;
ווו כ'וואָלט ניט זײַן,
ביסט מיך שטענדיק ארומנעמען גרייט.
דײַנע אויגן פארטרײַבן
פון מיר אלע ליידן,
און עס שפראָצט אין הארצן
די בלום פון פרייד.

כ'וועל מײַן גאנץ לעבן
דײַן בלויקײַט טרינקען
און שוועבן ווי א פויגל
צווישן דיר און דער ערד;
דו זאָלסט מער קיינמאָל
אין פײַער ניט זינקען,
מיט פינצטערע כמארעס און רויך
זאָל דײַן ריינקײַט ניט ווערן צעשטערט.

קלאָלעס און בראָכעס

די מילכאָמע איך שעלט
מיט אוראַלטע קלאָלעס
און מיט שפאָגל-נײַע,
נאָך ניט געהערטע.
מעקוּיעם זאָלן זיי ווערן
אין זכוס פון בלוט און טרערן,
וואָס זײַנען געפלאָסן
אין כאָלעם און אף דער וואָר,

אין זכוס פון שטעט און דערפער צעשטערטע,
אין זכוס פון גויר־אָלעס,
אין ריזיקן פײַער פאַרברענטע,
אין זכוס פון דער וועלט דער געשענדטער.

דעם שאָלעם איך בענטש
מיט בראָכעס אוראלטע
און מיט שפּאָגל־נײַע,
נאָך ניט געהערטע.
מעקוייעם זאָלן זיי ווערן
אין זכוס פון פעלדער מיט זאנגען רײַפע,
אין זכוס פון סעדער מיט פרוכטן שטײַפע,
אין זכוס פון העלע ווענט,
אופגעשטעלטע מיט ווארעמע מענטשלעכע הענט,
אין זכוס פון מײַן קינד,
וואָס ווייסט נאָך ניט פון קיין זינד,
אין זכוס פון דער וועלט,
פון דער שיינער און ליכטיקער וועלט!

אין אַנדענק פון מאָטל גרוביאַן

אָט איז זי געקומען, די ביטערע שאָ:
מײַן לערער און פרײַנט אף דער וועלט איז ניטאָ.

און דאָך זע איך בוילעט זײַן טײַער געשטאַלט
אין וואסערפאל, וואָס פון די פעלדזן ער פאלט,

אין שטערן, וואָס שפּיגלען זיך אָפּ אינעם טײַך,
אין טוי, וואָס טוט פינקלען צו דימענטן גלײַך,

אין אָטעם פון ווינט, אין גערויש פונעם וואלד,
אין בליץ, וואָס דעם שטורמישן הימל צעשפאלט,

אין מענטשלעכער פרייד, וואָס אין הארץ זינגט פארשײַט,
אין ווייטעק, וואָס גייט ניט פארבײַ מיט דער צײַט,

אין אלץ, וואָס אף דר׳ערד אזוי ציטעריק לעבט, —
אין אלץ, וואָס ער האָט אין זײַן ליד אײַנגעוועבט!

חײם מעלאַמוד

קאַלטס און וואַרעמס

ראָמאַן

16

דער באַגינען איז געווען ענלעך אף אַלע באַגינענס. עס האָבן זיך צעסקריפּעט די ברונעמס אין די הויפן, פון די צעעפנטע שטאַלן האָבן ווילעס און לאָפּעטעס אַרויסגעוואָרפן דאָס מיסט, און די צערודערטע קופּעס האָבן זיך צעטעמט און פאַנאַנדער־געטראָגן איבערן דאָרף שאַרפע זויערלעכע רייכעס. דערנאָך האָבן זיך אַ צי געטאָן די רויכעלעך פון די קוימענס. און אָט שמעקט שוין מיט פרישׂ ברויט, מיט לאַטקעס פון פּאַפּ־שויע־מעל, מיט געבראָטענע קאַרטאָפל און מיט זויערע אוגערקעס, אָן וועלכע דער פרישטיק איז קיין פרישטיק ניט. אפּאָנעם, אַז איך האָב נעכטן אינגאַנצן פאַרגעסן אין דער וועטשערע, ווײַל פון די אַלע רייכעס האָט מיר אָנגעהויבן קיצלען אין האַלדז און איך בין גרייט געווען אַרײַנגיין אין וועלכער־ניט־איז שטוב איבערקײַען.

יאָ, דאָס האָב איך געמוזט טאָן, עפּעס איבערקײַען, איידער דאָס צימערל וועט פול ווערן מיט מענטשן, איידער עס וועט אף אַ נײַעם אויפן איבערגעשפּילט ווערן די נעכטיקע פאַר־זאַמלונג, און איידער איך, מיט נאָך צוויי מיטגלידער פון דאָרפראַט, וועלן אוועק צו שיינדל בעלאָוואַ אָפּטאָן דאָס, וואָס דאַרף אָפּגעטאָן ווערן, — איבערשרײַבן דאָס פאַרמעגן.

— נו, נעם אַ פּאָר בויגנס פּאַפּיר און קום, — האָב איך זיך אָנגערופן צום סעקרעטאַר,

---

סאָף. אָנהייב זע „סאָוועטיש היימלאַנד” נומ. 1, 2, 1973.

באמערקט, אַז דער אוילעם הייבט אָן צונויפקומען זיך אין דאָרפראַט אַ סאך פריִער, ווי געוויינלעך.

וואָס פאַר אַ קלאָלע איז געהאַנגען איבער אָט דער שטוב, דער איינציקער שטוב פון געברענטע ציגל אין סאַמע צענטער פון דאָרף? גראָד וועגן דעם האָט קיינער ניט גערעדט. מע האָט אַפילע דעם נאָמען ניט דערמאָנט, ניט פונעם באַלעבאָס, ניט פון דער באַלעבאָסטע. מע האָט גערעדט בלויז וועגן דער ווינטמיל. נאָר געפילט האָט זיך, אַז דאָס דאָרף האָט זיך זײַנע כעזשבוינעס מיט אָט דער שטוב, מיט אירע אײַנוווינער, טראָגט אין זיך זיכרוינעס וועגן פיל אוולעס, וואָס ס'איז באַגאַנגען דער באַלעבאָס פון אָט דעם הויז. נאָר דער באַלעבאָס איז שוין לאַנג אָף דער וועלט ניטאָ. און די באַלעבאָסטע, די אַלמאָנע בעלאָוואַ... צו איר האָט מען, אייגנטלעך, גאָרניט געהאַט, ניט צו איר, ניט צו אירע צוויי איבערגעזעסענע מיידלעך. נאָר די אַלע יאָרן איז געהאַנגען איבער זיי עפּעס אַ שטומער אורטייל, אַ מין כיירעם, וואָס האָט אָפּגעטיילט, אָפּגעזונדערט אָט די שטוב פון אַלע איבעריקע. און כאָטש זי איז געשטאַנען אינמיטן דאָרף, איז מען זי פאַרבײַגעגאַנגען פונדערווײַטנס, ווי עפּעס פּרעמדס, פײַנטלעכס און אומווירדיקס.

אָף איבערשרײַבן דאָס ביסל פאַרמעגן איז גענוג געווען צוויי־דרײַ מענטשן, נאָר איניינעם מיט אונדז זײַנען אוועק אַ מענטשן צען. אָפּאָנעם, אויך איבער דער זעלבער סיבע און איבער די זעלבע כעזשבוינעס.

איך האָב געמיינט, אַז איך וועל טרעפן די באַלעבאָסטע אָן איבערגעשראָקענע, אַ פאַרווײנטע, אַז אין דער ערשטער ריי וועל איך דאַרפן זי באַרויִקן, טרייסטן און אויך עפּשער ראַטעווען פון כאַלאָשעס, נאָר געטראָפן האָבן מיר זי גאָר אַן אַנדערע. כאָטש ס'איז נאָך געווען פרי, איז זי געזעסן, גלײַך זי האָט שוין באַוויזן אָפּטאָן אַלע אַרבעטן און האָט די רעכט אָפּצורוען. זי איז געווען אָנגעטאָן שאַבעסדיק אָדער יאָמטעוודיק, אין אַ וואָלענעם קלייד, מיט אַ וואָלן שאַלעכל אָף די אַקסלען, גלײַך זי קלײַבט זיך ערגעץ אין וועג אַרײַן און וואַרט, די פור זאָל צופאָרן. איר לענגלעך מאַטעווע פּאָנעם האָט נאָך פאַרהיט אין זיך אַ סאַך שפּורן פון פריִערדיקן ווילטיק, און דאָס האָט זי אויסגעטיילט פון אַלע איבעריקע אויסגעהאָרעוועטע דאָרפישע פרויען. דאָס האָט געקאָנט און געדאַרפט אַרויסרופן יענע געפילן, וואָס האָבן זיך צעשפּילט אָף דער נעכטיקער פאַרזאַמלונג, און איך האָב זייער געוואָלט אָנעמען זיך מיט אַ ביסעלע פון זיי, איך זאָל קאָנען פעסט, אומגעוואַקלט אָפּהיטן די קלאַסן־ליניע און אָפּטאָן דאָס, וואָס איך דאַרף איצט אָפּטאָן. איך האָב אויך געוואָלט, אַז איר אויפירונג, איר עפּעס אַ וואָרט אָדער אַ טאַט זאָל מיר מיטהעלפן פאַרפעסטיקן די דאָזיקע געפילן. נאָר זי האָט מיר מיט גאָרנישט ניט געוואָלט מיטהעלפן. זי איז געזעסן, ווי מיטאַמאָל אָפּגעשיידט פון אַלץ, וואָס האָט זי אַרומגערינגלט, מיט עפּעס אַ גליוועדיקן גלײַכגילט צו דעם, וואָס וועט אין עטלעכע מינוט אַרום אופהערן זײַן אירס. ס'איז אַפילע ניט געווען צו באַמערקן, זי זאָל זיך שרעקן פאַר דעם, וואָס וועט קומען אַ ביסל שפּעטער, נאָך דעם, ווי זי וועט אופהערן זײַן די באַלעבאָסטע פון איר שטוב, פון איר מעבל, פון איר קו, גלײַך זי האָט שוין אַלץ פאַר זיך אויספּלאַנירט, אַלץ פאַר זיך באַשטימט, און איז גרייט געווען אופנעמען אַלץ, וואָס איר שטייט פאָר. בלויז איין מאָל זײַנען אונדזערע בליקן זיך צונויפגעקומען, און איך האָב דערזען אין אירע אויגן דאָס, אָף וואָס איך האָב געקאָנט וואַרטן, — סינע. אָפענע, ניט קיין אויסבאַהאַלטענע סינע צו די אַלע, וואָס האָבן הײַנט אַריבערגעטראָטן די שוועל פון איר שטוב, און צו מיר אין דער ערשטער ריי, צו מיר, דעם טרעגער פון דער מאַכט, וועמען זי האָט געוויס געהאַלטן פאַר דעם ערגסטן גאַזלען.

מיר איז ניט איין מאָל אויסגעקומען פילן אָף זיך עפּעס ענלעכס, ווען איך בין אַרײַנגעקומען אין אַ שטוב אופמאָנען אַלטע כויוועס, אָדער אַרויסגערופן עמעצן אין דאָרפראַט אָף זייער ניט קיין אָנגענעמען, פאַרביידן ניט קיין אָנגענעמען שמועס. און באַזונדערס, ווען מיר איז אויסגעקומען איבערשרײַבן באַ אַ פאַרמעגלעכן באַלעבאָס אַ קעלבל צי אַ לאָשעקל, ווײַל יענער האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ ביי־זווילליקן באַלכויוו. וואָס האָב איך דאַן געקאָנט טאָן אָף דערווײַזן, אַז איך בין גאָר ניט אַזאַ גאַזלען, פאַרקערט, איך בין זייער אַ שטילער באָכער, איך האָב דערצו נאָך אַ ווייך האַרץ, און ס'איז זייער גרינג אַרויסרופן באַ מיר טרערן. נאָר איך בין איצט ניט נאָר איך מיט מײַן באַזונדערן כאַראַקטער, איך בין איצט די מאַכט און מוז אויספילן אירע פונקציעס, ווײַל מעלוכע בלײַבט מעלוכע, שטײַערן בלײַבן שטײַערן, און געזעצן בלײַבן געזעצן. און אַפילע אַזאַ מעלוכע, ווי די סאָוועטישע, קאָן אויך ניט לעבן אָן שטײַערן און זי מוז טאָן אַלץ אָף אופמאָנען זיי. איז מיר אָפּט שווער געווען צו פאַרשטיין, ווי אייניקע נעמען אוף דעם באַגריף פון מאַכט, גלײַך אין דעם ליגט פאַר זיי עפּעס אַ געפאַר, פאָדערט פון זיי טאָן גראָד דאָס, וואָס זיי ווילן ניט טאָן. און יעדער פאָרשטייער פון דער

מאכט איז אין זייערע אויגן א ראָשע. ניט איין מאָל האָב איך געהערט, ווי מע ווײַזט אָן אף מיר:

— אָט גייט ער, דער גאזלען.

כאָטש איך בין געווען זייער ווײַט פון א מענטשן פון אָט דעם מין.

יענעם גאנצפרי איז מיר אומדערטרעגלעך שווער געווען פילן אף זיך דעם בליק פון אָפּענער סינע, דעם בליק פון א מענטשן, וואָס גיט זיך איבער אָן ווידערשטאנד אין די הענט פון אכזאָרים. ווי זאָל איך איר געבן צו פארשטיין, אז דאָס איז ניט אזוי?

אנטקעגן דער מאמען, אף צוויי אלטמאָדישע שטולן מיט הויכע, געשניצטע ווענטלעך זײַנען געזעסן אירע טעכטער, בײדע ענלעך אף זייער מאמען און זייער ענלעך איינע אף דער אנדערער. ס'איז אפילע שווער געווען צו זאָגן, וועלכע איז די ייִנגערע און וועלכע די עלטערע. די מאטעווע פּענעמלעך, די גראָבע שווארצע צעפּ וואָלטן זיי געמאכט פיל כיינעוו־דיקער, ווען ניט דער שטרענגער בליק פון זייערע גרויסע, אָנגעכמורעטע אויגן. יאָ, דער בליק האָט זיי שטארק געעלטערט, און, מעגלעך, דערפאר האָט מען זיי געהאלטן פאר איבער־געזעסענע מוידן. זיי זײַנען בײדע געזעסן פארלייגט די הענט, מיט יענעם אויסדרוק פון פולער אָפּגעשיידטקײַט, ווי בא דער מאמען זייערער. פארוואָס האָבן זיי ניט כאסענע געהאַט? צי דערפאר, וואָס אזעלכע פריצישע קאלעס זײַנען ניט פאר קיין דאָרפישע כאסאנים, צי איבער דעם כיירעם, וואָס איז געהאנגען איבער אָט דער געוועזענער גווירישער שטוב? נאָר געקו־מען זײַנען מיר אהער ניט אף צונויפירן שידוכים. האָב איך זיך אָנגערופן:

— מיר זײַנען געקומען...

— איך ווייס, איך ווייס, צוליב וואָס איר זײַנט געקומען, — האָט די באלעבאָסטע ניט געלאָזט מיך ענדיקן. זי האָט אליין אויך ניט געענדיקט דאָס, וואָס זי האָט געוואָלט זאָגן, און צוגעמאכט די אויגן. זאָלן, הייסט עס, אירע אויגן ניט זען דאָס, וואָס דאַרף באלד פאָר־קומען.

אייגנטלעך, האָבן מיר געדארפט אָפּטאָן זייער א פּאָשעטע זאך: איבערשרײַבן דאָס פארמעגן, אָפּשאצן יעדער זאך באזונדער, צונויפשטעלן אן אקט, וואָס דאַרף צוגעלייגט ווערן צום פּראָטאָקאָל פון דער נעכטיקער פארזאמלונג. האָבן מיר אָנגעהויבן. איך האָב אָנגערופן דאָס שטיקל מעבל, און איינע אָדער צוויי שטימען מיטאמאָל האָבן באשטימט די פּרײַז. ס'איז געגאנגען גאנץ גיך, ווײַל קיין דינגענישן ארום די פּרײַזן זײַנען ניט געווען.

— א שאפע! — האָב איך אויסגערופן.

— פינף און צוואנציק רובל! — האָבן אָפּגעענטפערט די מיטגלידער פון דער קאָמיסיע.

— א שאפקעלע!

— צען רובל!

— צוויי בעטן!

— דרײַסיק רובל!

— צוויי סאָפקעלעך!

— צוואנציק רובל!

— צוויי טישן!

— פופצן רובל!

— פינף בענקלעך!

— פופצן רובל!

— א שפיגל!

— צען רובל!

מעגלעך, אז דאָס איז אמאָל געווען זייער טײַער מעבל. נאָר דאָס איז געווען אמאָל, מיט פיל יאָרן צוריק. די יאָרן האָבן באוויזן אראָפּרײַבן דעם גלאנץ פון דער שאפע, אראָפּ־קאלופּען די פארב פון די סאָפקעלעך, אויסקרימען די פיס פונעם טיש און באדעקן דעם שפיגל מיט אָן א שיר זשאווערדיקע פלעקן. אף יעדער זאך איז געלעגן שפּורן פון גע־וועזנקײַט. אלץ האָט ווי אויסגעשריגן: געווען, געווען אמאָל!.. געווען און גאָרנישט ניט געבליבן...

— א קאסטן! — האָב איך אויסגערופן.

די זאך איז געווען ניט אינעם קאסטן, נאָר אין דעם, וואָס האָט געקאָנט ליגן אין אים. עפּעס האָט דאָך געמוזט זיך פארהיטן פון דעם אמאָליקן פארמעגן! און אויב מיר האָבן גאָרנישט ניט געפונען אין דער שאפע, מוז דאָס זײַן אינעם קאסטן. נאָר ווען איך האָב געהייסן אופהייבן דאָס דעקל, האָט די באלעבאָסטע זיך אָנגערופן:

— מע דאַרף ניט, איך בעט אײַך...

נאָר אויספּילן איר ביטע האָבן מיר פּאַשעט ניט געהאַט קיין רעכט.

דערצו האָט איר ביטע אַרויסגערופן אַ כּשאַד. האָט מען געמוזט אָן עפּן טאָן דאָס דעקל. צוערשט האָב איך באַמערקט, ווי ביידע מיידלעך זײַנען מיטאַמאָל רויט געוואָרן און פאַרשעמטע אַראָפּגעלאָזט די קעפּ. ערשט דערנאָך האָב איך דערזען, וואָס מע האָט אָנגעהויבן אַרויסבאַקומען פונעם קאַסטן. מיידלשע זאַכן: נאַכט־העמדלעך און ליפטשיקלעך, קאָפּטעלעך און שקאַרפּעטקעס. איך האָב דערפילט, ווי מײַן פּאָנעם איז געוואָרן צונטער־רויט, און האָב אָפּסנײַ אַ קוק געטאָן אויף די מיידלעך. זייערע פּנעמער האָבן געפלאַמט. אַלעמאָל האָט אָן אַנדערע אַ הייב געטאָן די האַנט אויף פאַרשטעלן דאָס פּאָנעם, און איך ווייס ניט, פאַרוואָס זיי האָבן דאָס ניט געטאָן. איך ווייס אויך ניט, פאַרוואָס האָט איבער דעם מיך גהדאַרפט אָנהייבן וואַרגן אין האַלדז. נאָר... נאָך אַלעמען בין איך געווען ניט מערער ווי אַ ייִנגל. אַ ייִנגל פון זייער שטרענגע זיטן. איך האָב ביז איצט זיך ניט דערלויבט אַפילו נעמען אַ מיידל אונטערן אָרעם. אַלץ, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט מיידל, איז געווען פאַר מיר אײַנגעוויקלט אין אָן אַ שיר הייליקע סודעס. געוויס זײַנען דאָס געווען אַ ביסל פאַרעלטערטע מידעס, נאָר איך האָב ניט געקאָנט באַפרײַען זיך פון זיי. האָב איך ניט געקאָנט קוקן אויף די מיידלשע אונטערהעמדלעך, זען די מיידלשע פאַרפלאַמטע פּנעמער, איך האָב מערער קיין מינוט ניט געטאָרט בלײַבן אין דער דאָזיקער שטוב, ווײַל אויב איך וועל נאָכאַמאָל אַ קוק טאָן אויף די פאַרשעמטע פּנעמער, וועל איך שוין מוזן זיך אַנטשולדיקן. און דאָס וואָלט שוין געווען אינגאַנצן אומדערלאָזבאַר, מיט דעם האָט געקענט פאַרקריפּלט ווערן די קלאַסן־ליניע!..

— צומאַכן! — האָב איך באַפוילן און אַליין אַזאַ קלאַפּ געטאָן מיטן דעקל, אַז אַלע האָבן אַ ציטער געטאָן.

— אין שטאַל אַרײַן! — און ווידער מיט דער זעלבער שטרענגער שטים, וואָס האָט גע־דאַרפט פאַרדעקן מײַן אָפּהענטיקייט. — וויפל שטיקלעך פּי האָט איר?

— איין קו, — האָט שיינדל אָפּגעענטפערט מיט אַזאַ מינע, גלײַך זי איז שולדיק אין דעם, וואָס זי האָט נאָר איין קו.

— אַ קו! — האָב איך אויסגערופן, ווי נאָר מיר זײַנען אַרײַן אין שטאַל. די מיטגלידער פון דער קאָמיסיע האָבן זי גלײַך אָפּגעשאַצט:

— צוויי הונדערט רובל!

די ווינטמיל האָבן מיר פאַרשריבן שוין אין דרויסן. בלויז אַ קוק געטאָן אויף איר פונדער־ווײַטנס און פאַרשריבן, נאָר אָפּשאַצן איר ווערט איז געווען שווער. דער סעקרעטאַר פון דאָרפּראַט האָט דאָך געפונען פאַר נייטיק צושרײַבן אַ באַמערקונג:

— אָן פליגל.

אָן די פליגל האָט די ווינטמיל אויסגעזען ווי אָן אַ קאָפּ. און שוין גאָר ניט קיין מיל, נאָר עפּעס אַ פאַרלאָזטע כּאַלאַבודע אינמיטן סטעפּ.

17

מיטאַמאָל האָבן ווידער אַ זעץ געטאָן די פרעסט. אָט אַזוי, אינמיטנדערינען. געלייגט זיך שלאָפן צווישן יענעם פרילינגדיקן געדרודער, און אופגעכאַפּט זיך אין אַ נײַעם ווינטער. די פרעסט זײַנען געווען בייזע, טרוקענע, אָן אַ קאַפּעטשקעלע שניי, און די ערד איז אינגאַנצן פאַרדוביעט געוואָרן, געלעגן אַ נאַקעטע, מיט אַ מעשונעדיקן אָנוואָלגער פון פאַרשטיינערטע הרודעס, מיט אָן אַ שיר פאַרגלאָזיקטע גריבלעך און טיפע אײַנשניטן — שפּורן פון אָן אַ שיר רעדער, אין וועלכע ס'האָבן זיך געבראָכן פערדישע פּידקאָוועס, געמאָזיקט פערדישע טלאָען, געריסן און זיך געפליקט אויף שטיקלעך דאָס אַלטע, געלאַטעטע שוכוואַרג. דער הימל איז געווען ריין צוגעקעמט, אָן אַ מינדסט כמאַרעלע, און די זון וואָלט בעפּייִרעש געקאָנט עפּעס אופטאָן, ווען ניט דער ווינט, דער גליוועדיק־קאַלטער צאָפן־ווינט, וואָס האָט געבלאָזן אָן אופהער, געבלאָזן מיט אַ שטילער פאַרביסנקייט, ווי נעקאָמע גענומען פאַר אַלץ: פאַר יענעם וואַרעמען ווינטעלע, פאַרן פאַרטויבנדיקן רויש פון די באַלקעס, פאַר די צו פרי אופגעקומענע האָפענונגען.

ערגער פון אַלעמען איז געווען די ווינטער־ברויטן. פון יענע זאַווערוכעס זײַנען זיי אַרויס קוים לעבעדיקע, מיט אָן אַ שיר שוואַרצע ווונדן און געלע פליכן. ווען די זון האָט

אַנגעהויבן צוואַרעמען, זײַנען זיי אַ ביסל געקומען צו־זיך, נאָר די פאַרשפּעטיקטע פרעסט האָבן זיי אינגאַנצן פריטשמעליעט.

די ווינטער־ברויטן, ווי די מענטשן אַליין... יעדערער מיט זײַן גורל. די ווינטער־ברויטן פון סלאַדקאָוואָדנער קאָלווירט „וואַנגאַרד", פאַרזייט מערסטנטייל אָפן קוליסנע פאַר, האָט ביכלל גאָרניט געשאַדט. באַם איבעריקן סלאַדקאָוואָדנער אוילעם איז אויך געווען צו דערלײַדן. אַ סאַך ערגער האָבן זיך געפילט די ווינטער־ברויטן אַף די איבערוואַנדערישע יישובים, ווו דער פאַר איז געווען אופגעאַקערט אַ סאַך שפּעטער, באַארבעט פיל ערגער און פאַרזייט געווען אויך אָן וועלכער־ניט־איז דערפאַרונג. איצט האָבן די אַלע ביז גאָר פאַרשיידנע גוירלעס זיך אויסגעמישט און איבערגעמישט. סײַ פון די מענטשן, סײַ פונעם פי און סײַ פון די ווינטער־ברויטן.

טאַקע די ווינטער־ברויטן האָבן מערער פון אַלץ ניט געלאָזט רוען דעם שוין ניט־יונגן אגראָנאָם באַביצקי. גאַנצענע טעג האָט ער אַרומגעשפּאַנט איבער די פעלדער, פון איין ייִשוב צום צווייטן, זיך אײַנגעקוקט און אײַנגעהערט צום פאַרטײַעטן אָטעם פון די צוגעפרוירענע בלעטלעך, און יעדן אָוונט זיך אומגעקערט אַהיים אַ מידער און אָן איבערגעפרוירענער, מיט עטלעכע אויסגעגראָבענע שטיקלעך ערד אײַנגעוויקלט אין די שוואַכע געוויקסלעך. איז אויסגעקומען, אַז אים גייט גאָרניט אָן, וואָס אין די דערפער קומט פאָר. אים גייען ניט אָן קיין שום סיכסוכים, קריגערײַען און געפעכטן. ער מוז וויסן נאָר איין זאַך — וואָס זאָגט די ערד...

ס'איז שווער געווען באַשטימען, צו וועלכער קאַטעגאָריע געהערט דער אגראָנאָם באַביצקי. צי בלויז צו די שוין ניט־יונגע לײַט, צי עפּשער טאַקע צו די עלטערע, צי גאָר צו יענעם סאָרט מענטשן, וואָס האָבן זיך אָפּגעשטעלט באַ אַ געוויסער מאַדרייגע און ווילן זיך מערער ניט עלטערן. דאָס ערשטע מאָל האָבן מיר אים געזען באַ אונדז אין שטעטל נאָך אין אָנהייב פון די צוואַנציקער יאָרן, ווען ער איז אַרומגעפאָרן איבער די נאָרוואָס אופגעקומענע בײַשטעטלדיקע קאָלווירטן. זײַנען מיר אַלע געווען דערפרייט, ווען מיר האָבן אין עטלעכע יאָר אַרום געטראָפן אים אין סלאַדקאָוואָדנע. דערפרייט זיך, ווי מיט אָן אייגענעם מענטשן, צו וועמען מע קאָן קומען נאָך אָן אייצע, דערפרייט זיך דערמיט, וואָס ער האָט זיך לאַכלוטן ניט געענדערט. דער זעלבער פעסטער סאָלדאַטישער שפּאַן, דאָס זעלבע צונטער־רויטע פּאָנעם, וואָס שפּריצט מיט יונגן געזונט, די זעלבע ברומענדיקע שטים און די זעלבע לאַנגע און גראָווע באָרד. טאַקע די באָרד, וואָס איז נאָך דאַן שוין געווען גראָוו, האָט ווי באַשטעטיקט זײַן באַשטענדיקײַט, זײַן אומגעענדערטקײַט. ער האָט ווי געוואָלט דערווײַזן דער וועלט, אַז די באָרד זײַנע האָט דאָ גאָרנישט ניט צו זאָגן, אַז זי איז דאָ אַ בײַזאַך און אַז אין אַלץ דעם איבעריקן איז ער אַ יונגערמאַן, וואָס קאָן זיך פּאַרוועטן אין גוורע מיט אַ סאַך ייִנגערע פון אים.

פונקט ווי פריִער, איז זײַן שטענדיקער באַגלייטער און געטרײַער דינער געווען זײַן שטעקן. אַ גראָבער שטעקן מיט אַ פאַרבויגן הענטל, אָן וועלכן ער איז קיינמאָל ניט אַרויסגעגאַנגען פון דער שטוב. אַלע האָבן געוווּסט, אַז דער שטעקן איז באַ אים, ווי דאָס הילצערנע טרײַבל באַ אַ רויפע. מיטן שטעקן האָט ער אויסגעהערט די ערד, געמאָסטן די טיפקײַט פונעם אַקערן, אויסגעפּרווט, אַף וועלכער טיף האָט זיך געלייגט די זריִע, געמאָסטן די טעמפּעראַטור פון דער ערד אַליין.

די לאַנגע ווײַסע באָרד האָט אַ ביסל זיך ניט געפּאַסט צו זײַנע פולע רויטע באַקן. איז דער טערעץ באַ אים געווען — אַ וועגעטאַריאַנעץ. ער שפּײַזט זיך אַלע יאָרן בלויז מיט זויערער מילך, מיט פּרוכטן, מיט רעטעך, מיט רוי קרויט און אפילע מיט רויע אָנגעריבענע קאַרטאָפל. ער האָט קיינמאָל ניט געפּריידיקט זײַנע וועגעטאַריאַנישע אָנשוויונגען, נאָר ווען עמעצער האָט אים געפרעגט וועגן דעם, האָט ער בלויז געשמייכלט און געגלעט זײַן באָרד. ס'הייסט: קוקט און נעמט אַראָפּ אַ מוסטער.

דאָס אַלץ זײַנען געווען פאַר אים און פאַר אַלע איבעריקע זײַטיקע, ריין פּערזענלעכע זאַכן, וועגן וועלכע יעדערער האָט געקאָנט אַרויסזאָגן פאַרשיידענע האַשאָרעס און אפילע דערלויבן זיך אַ שפּאַס טאָן. אָבער זײַן פאַכמענערישקײַט אַלס אַגראָנאָם, זײַן לײַדנשאַפטלעכע צוגעבונדנקײַט צו דער ערד האָט באַ קיינעם ניט אַרויסגערופן קיין צווייפל. מע האָט געגלייבט אין אים אפילע דאַן, ווען ער האָט דאָס ערשטע מאָל געפּרווט אײַנפירן קוליסנע פאַר. מע האָט אים געפאָלגט און קיין כאַראָטע ניט געהאַט. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז קיין בעסער מיטל אַף פאַרהאַלטן דעם שניי איז ניטאָ. פאַריקן זומער האָט דער קאָלווירט אַראָפּגענומען פונעם קוליסנע פאַר צו צוויי הונדערט פּוד ווייץ פון אַ העקטאַר.

האָט מען שוין אויך געגלייבט, ווען ער האָט אָנגעהויבן אײַנרעדן דעם קאָלווירט זייען גראָזן. ליוצערנע, מאַגאַר און סודאַנקע. ערשטנס, האָט ער דערוויזן, וועט דאָס באַזאָרגן דאָס

פי מיט זאפטיקער שפּיַז, דערצו פּאַרהיטן די גראָזן מיט זייערע טיפע וואָרצלען די סטרוקטור פונעם באָדן.

און אַף וויפל דאָס אַלץ קאָן מען אופּטאָן בלויז אין גרויסע ווירטשאַפטן, אַף גרויסע מאַסיוון, איז ער געווען אַ הייסער אָנהענגער און פּריידיקער פון די קאָלווירטן. ער האָט זיך געהאַלטן בא זיי, ווי נאָר זיי האָבן אָנגעהויבן אופקומען, און ווי נאָר ער האָט דערפילט, אַז ערגעץ ווערט געבוירן אַ נײַער קאָלווירט, איז ער גלײַך געקומען אַהין אים אונטערמונ־טערן מיט אַ גוט וואָרט, דערציילן וואָס און וויאַזוי אַלץ דאַרף געפירט ווערן, אַז אַלץ זאָל גיין אַפן סאַמע בעסטן אופן.

ביז דעם פּרילינג איז ער געווען אַגראָנאָם בלויז אין סלאַדקאָוואָדנער קאָלווירט „וואַנ־גאַרד". דער ניט־גרויסער קאָלווירט האָט גאָר גיך פאַרשטאַנען, אַז עס לוינט זיי אופּהאַלטן און טאַקע גוט באַלוינען אַזאַ פאַכמאַן. זיי האָבן אים אָבער ניט פאַרווערט אַרײַנקוקן אין די איבעריקע יִשוּוִים. און ווען מיר האָבן נאָכן גוסרעגן געשאַפן אַף אונדזער יִשוּוּ דעם קאָלווירט, האָבן מיר דעם צווייטן טאָג אײַנגעלאַדן צו זיך דעם אַגראָנאָם באַביצקי, ער זאָל אונדז מיטהעלפן וואָס גיכער דערגרייכן די מאַדרייגע פון קאָלווירט „וואַנגאַרד".

— יאָ, אָבער אים טוימאַר מאַ נויכאַל?..

אַליין געשטעלט די פראַגע און אַליין אַף איר געענטפערט. געענטפערט ברייט, גענוי, דערוויַזנדיק און פּינקטלעך אויסרעכנענדיק, וואָס קאָן מען באַקומען פונעם סטעפּ, אויב אויסנוצן ווי געהעריק אַלע מעגלעכקײַטן. וועט זײַן, הייסט עס, אַלץ, וואָס מע דאַרף. פאַרענ־דיקט האָט ער אויך אַף זײַן אופן:

— וועט זײַן בא אײַך לעכעם לעעכויל אובעגעד לילבויש.

דערנאָך איז ער מיט די זעלבע רעדעס אַרויסגעטראָטן אין פאַרעצדאָרף און אין קיפּער־פעלד, און איך האָב געזען, ווי דער אוילעם לעקט די פינגער פון זײַנע רעדעס. זיי איז שטאַרק געפעלן סײַ דער „אים טוימאַר מאַ נויכאַל", סײַ דער „לעכעם לעעכויל", סײַ דער קוליסנע פאַר און סײַ די ליוצערנע.

וועגן דער קאָמונע האָט באַביצקי קיין זאַך ניט געזאָגט. איז שווער געווען באַשטימען, וואָס טראַכט ער וועגן איר. צי איז ער פאַר, צי איז ער קעגן. מעגלעך, אַז ער האָט אַליין ניט געקאָנט באַשטימען פאַר זיך, ווי וועט די קאָמונע זיך אָפּרופן אַף זײַנע אַגראָנאָמישע פּרינציפּן, אַף זײַן קוליסנע פאַר און זײַנע גראָזן. מעגלעך, אַז ער האָט געטראָגן אין זיך נאָך עפּעס אַזוינס, וואָס ער האָט ניט געוואָלט אַרויסזאָגן. גיכער פאַר אַלץ דערפאַר, וואָס ער מיט יאַקאָוו כאַדאַסן, צוויי מענטשן מיט אַגראָנאָמישער בילדונג, האָבן געקוקט אַפן סטעפּ מיט פאַרשיידענע אויגן. פאַרשיידן פאַרשטאַנען זײַנע נויטן, און בא יעדן איינעם פון זיי זײַנען געווען פאַר אים פאַרשיידענע רעפועס.

האָט באַביצקי געשוויגן. בלויז איין מאָל, ווען יאַקאָוו כאַדאַס איז אַרויסגעטראָטן אַף אַ פאַרזאַמלונג אין סלאַדקאָוואָדנע און געמאָלט פאַרן אוילעם די קומענדיקע קאָמונע, מיט איר איינהײַטלעכן זיי־פאַרקער, מיט אירע גרויסע סטאַוואָקעס און באַגיס־גערטענער, מיט אירע רײַכע פערמעס, סעדער און ווײַנגערטנער, האָט באַביצקי אַ זאָג געטאָן, ריכטיקער, אַ זונג געטאָן, ווי פאַר זיך אַליין:

— יאָ, אָבער... אים טוימאַר מאַ נויכאַל?..

דאָס, וואָס באַביצקי האָט בלויז געשטעלט די פראַגע און ניט געקליבן זיך ענטפערן אַף איר, האָט פאַרן אוילעם באַטײַט זייער פיל. ס'וואָלט עפּשער געקאָנט ברענגען צו אַ שאַרפער מאַכלויקעס צווישן אים און כאַדאַסן, נאָר דערפילט אַף זיך עטלעכע בליקן, וועלכע זײַנען פאַר באַביצקין אויך געווען אינגאַנצן קלאָר, האָט ער זיך אָפּגעשאָקלט פון זײַן אייגענער פראַגע:

— נו, ביטע, מאַכטייסע. איך האָב גאָרנישט ניט געמיינט.

יאָ, זיי זײַנען געווען ביז גאָר פאַרשיידענע מענטשן, דער אייביקער טרוימער יאַקאָוו כאַדאַס און דער ביז גאָר פּראַקטישער, ריין ערדישער אַגראָנאָם באַביצקי. נאָר איצט האָבן זיי ביידע געמוזט ווי־ניט־איז אויסגלײַכן זייערע כאַראַקטערס, ווײַל יאַקאָוו איז געווען פאַר־זיצער פון קאָמונע און באַביצקי — איר אַגראָנאָם. דאָס איז זיי ביידע אָנגעקומען ניט גרינג. און ביידע האָבן פאַרשטאַנען, אַז ניט הײַנט, איז מאָרגן, נאָר אַ קריג צווישן זיי איז אומ־פאַרמײַדלעך.

זי האָט אָנגעהויבן אָנוואַקסן, די קריג, ווען צו אונדז אין דאָרפּראַט זײַנען אַראָפּגעקו־מען דרײַ יונגע אַגראָנאָמען, ריכטיקער, צוויי אַגראָנאָמען און איין ערדמעסטער, אוועקגע־שטעלט אין דאָרפּראַט אַ לאַנגן טיש, וואָס האָט פאַרנומען אַ האַלבן צימער, און פאַרוואַלגערט אים מיט עטלעכע גרויסע ערד־קאַרטעס.

באביצקי, באקאנט זיך מיט די יונגע כעוורע און דערוווסט זיך, אז זיי זײַנען געקומען אהער מיט אן אופגאבע צונויפירן די ערד־קארטעס פון אלע זיבן דערפער פון דער קאָמונע אין איין קארטע און צונויפשטעלן א פּראָיעקט פון אן אייגהײַטלעכן זיי־פּארקער, האָט אפילע ניט געפרעגט בא זיי, וועלכן זיי־פּארקער האָבן זיי אין זינען, און וויפל צײַט וועט פארנע־מען בא זיי די דאָזיקע ארבעט. זיך אויסגעקערעוועט און אָן א זײַ־געזונט ארויס פון דאָרפ־ראט. ער איז דאָ אויך געווען א זעלטענער גאסט, און איצט האָט ער אינגאנצן אופגעהערט ארײַנצוקומען. גלײַך דער איניען גייט אים אינגאנצן ניט אָן. ער איז געוויס געווען באַרויגעז אפן ראיערד־אָפטייל, וואָס מע האָט זיך מיט אים ניט געייצעט. מעגלעך, אז ס'האָט אין אים א שפּיל געטאָן דאָס אייפער־געפיל צו אָט די דרײַ יונגעלײַט מיט פריילעכע, זאָרגלאָזע פּענעמער, וואָס האָבן זיך גענומען פאר דעם איניען מיט אזא זיכערקײַט, גלײַך עס גייט א רייד וועגן א גאנץ געוויינלעכער זאך. האָט ער געהאט רעכט באַליידיקן זיך.

דעם עמעס געזאָגט, האָט די ארבעט פון דער אגראָנאָמישער גרופּע מיך אויך ווייניק אינטערעסירט. פאר מיר האָט דאָס אויסגעזען, ווי א ריין פאָרמעלער, קאנצעליארישער איניען, און כ'האָב ניט געהאט ווען זיך ארײַנטראכטן אין דעם. יעדער טאָג איז געווען איבערגעפולט מיט אָן א שיר אלטע און נײַע דײַגעס, אלץ האָט מיטאמאָל זיך איבערגעמישט, און ס'איז שווער געווען צו זאָגן, ווו ענדיקן זיך די איניאָנים פון דאָרפראט און ווו הייבן זיך אָן די איניאָנים פון דער קאָמונע.

אונדזער טישעלע איז געווען פּארוקט אין א ווינקל אזוי, אז ס'איז געווען שווער צוקו־מען צו דעם. עמעצער האָט אפילע געזאָגט, אז דער דאָרפראט איז שוין ביכלאל אָן איבעריקע זאך. ער האָט שוין זײַנס אָפּגעטאָן, און מע וועט אינגיכן אינגאנצן ליקווידירן אלע דאָרפראטן, ווײַל וויבאלד קאָמונע און בא קיינעם אין דער היים בלײַבט גאָרנישט ניט, איז דאָך ניטאָ וואָס צו סטראכירן, פאר וואָס צאָלן שטײַערן און פארוואָס שטראפירט ווערן.

האָט זיך מיר זייער געוואָלט, עס זאָל שוין גיכער ווערן אויס דאָרפראט, איך זאָל ניט דארפן גיין אופמאָנען שטײַערן, מיר זאָל ניט אויסקומען איבערשרײַבן בא עמעצן זײַן פאר־מעגן, און איך זאָל ניט פילן אָף זיך אזעלכע אָנגעברויגעזטע, בייזע בליקן. איך בין גרייט געווען אויספילן אין קאָמונע די סאמע שווערסטע ארבעט, אבי אראָפּוואַרפן פון זיך די לאסט פון דער מאכט.

איבערגעבראָכן ניט איין דישל, צעשפּאָלטן ניט איין אקס און אראָפּגעריסן וואָר ווייסט וויפל פערדישע פּידקאָוועס, האָט דער וועג ביסלעכווײַז אָנגעהויבן אײַנטראמבעווען זיך, געוואָרן א ביסל גלײַכער און גלאטער. איבער אים האָבן זיך א לאָז געטאָן ניט נאָר קיין רײַטער און שווער־אָנגעלאָדענע וועגענער, נאָר אויך גרינגע בעדארקעס און דראָהעס. כאָטש גרינגער פאר אלץ איז געווען פּאָשעט גיין צופוס. יאקאָוו כאָדאָס האָט ביכלאל ליב געהאט ארומגיין. האָט ער ניט אופגעהערט שפּארן זיך מיט שלאכטער אויך נאָך דעם, ווי זיי זײַנען ארײַנגעקומען אין דאָרפראט.

— נו, וואָס האָב איך געזאָגט? — האָט ער געטײַנעט צו כאָימען. — טאקע קעדײַ געווען שלעפּן מיט זיך דאָס פערדל מיט דער בעדארקע!

שלאכטער האָט לויט זײַן טעווע אָפּגעענטפערט גאנץ געלאסן:

— ווייסט דאָך, לעבן א שווערן וואָגן איז גוט צופוס צו גיין.

— איין זאך איז נאָכגיין, גאָר אנדערש — אים שלעפּן אָף זיך! — האָט אָפּגעענטפערט כאָדאָס.

זיי זײַנען געשטאַנען איינער קעגן דעם אנדערן, געריבן די פארבלאָווטע הענט און די צוגעפּלאָמטע באקן, און מע האָט געקאָנט מיינען, אז דעם גאנצן וועג זײַנען זיי געגאנגען און דיסקוסירט וועגן שווערע וועגענער, וואָס זיי קומט אויס צו שלעפּן איבער די צעקאַרא־דאשעטע, צעגראָבענע און פארשטיינערטע וועגן.

— נו, ווי גייט עס? — האָט שלאכטער זיך א קערעווע געטאָן צו מיר. — עפּעס א פּאָנעם בא דיר, ווי נאָך א שווערן טאָנעס!

האָב איך אים געדארפט, הייסט עס, דערציילן, ווי גייט עס בא מיר און פארוואָס איז בא מיר אזא פּאָנעם. נו, יאָ, ער איז דאָך מײַן שעף, אזוי צו זאָגן, און איך דארף זיך פאר אים „אָפּרעכענען". מעגלעך, אז צוליב דעם איז ער טאקע געקומען, כאָטש ער האָט בא זיך אין דאָרפראט געהאט אייגענע דײַגעס. נאָר ענטפערן אָף דער פראגע האָב איך ניט באוויזן. אָנגעוואָרעמט א ביסל די הענט, איז יאקאָוו גלײַך צוגעפאלן צו די קארטעס, וואָס זײַנען געלעגן בא די אגראָנאָמען אפן טיש, און פארגעוואָרפן די כעוורע, פארוואָס זײַנען זיי גע־בליבן שטעקן אין סלאדקאָוואָדנע און ניט פארפאָרן קיין זעליאָנאָפּאָל. כאָטש ער האָט אליין

געקאָנט אָנשטויסן זיך פּאַרוואָס. די סיבע איז געווען די זעלבע, וואָס בא זיי, — דער פּאַר־שטיינערטער וועג, אַף וועלכן ס'האָבן זיך געבראָכן אַקסן און געשפּאָלטן פערדישע פּידקאָ־וועס. די יונגעלײַט האָבן ניט איבעריק זיך גענומען צום האַרצן יאַקאָווס פּאַרוואורף. דערצו האָבן זיי אים געקאָנט וויזן, אַז די דרײַ טעג זײַנען זיי געזעסן ניט אומזיסט און באַוויזן עפּעס אופטאָן.

צו דער מינוט איז אַרײַנגעקומען באַביצקי. ער האָט מיסטאָמע באַמערקט פונדערווײַטנס די בעדאַרקע מיט די געסט און פאַרשטאַנען, אַז זיי וועלן באַלד פרעגן אַף אים. ער איז אַרײַנגעקומען, געבליבן שטיין בא דער טיר און ניט געײַלט זיך מעלדן וועגן זיך. ס'הייסט, אַבי ער איז שוין דאָ, איז גענוג. ווען מע וועט פרעגן אַף אים, וועט ער זיך אָנרופן. ער איז געגאַנגען אָנגעטאָן אין זײַן געלער טשומאַרקע מיט א רויטן גאַרטל איבערגעבונדן, א מאַל־בעש, אין וועלכן מיר האָבן אים דערנאָך געזען נאָך פיל, פיל ווינטערס. אָט די געלע טשומאַרקע איז פאַרבליבן אין זיקאָרן בא הונדערטער מענטשן, ווי א טייל פון אים אליין, ווי זײַן לאַנגע, ווײַסע באָרד, ווי זײַן צונטער־רויט פּאָנעם און ווי דאָס כויזעק־שמייכעלע אין זײַנע אויגן.

ער האָט בלויז א ווונק געטאָן צו מיר. א ווונק געטאָן פילדײַטיק, און איך האָב אליין גע־דאַרפט פאַרשטיין, וואָס ער מיינט.

— און די הרעבליע, דעם סטאַוואָק צווישן פערעצדאָרף און נאַדיאָזשנע האָט איר אין זינען? — האָט געפרעגט יאַקאָוו כאַדאָס, ניט אופהייבנדיק די אויגן פונעם טיש. — יענע דרײַסיק העקטאַר, וואָס דאַרפן אַרויספאַלן פונעם זיי־פאַרקער?

— מיר זײַנען נאָך ניט דערגאַנגען צום סטאַוואָק, — האָט געענטפערט דער אָנפירער פון דער גרופּע. — מיט דעם וועלן מיר זיך פאַרנעמען אין זעליאָנאָפּאָל.

— וואָס הייסט ערשט אין זעליאָנאָפּאָל? — איז יאַקאָוו געוואָרן אויסער־זיך. — דער זיי־פאַרקער!..

האָט שוין באַביצקי זיך געמוזט אָנרופן. איך ווייס ניט, צי האָט ער פאַרגעסן אָפּגעבן דעם גוטמאָרגן, צי האָט ער אים אומיסטן געלאָזט בא זיך. ער איז געבליבן שטיין אַף דעם זעלבן אָרט בא דער טיר, בלויז א פיר געטאָן מיט דער האַנט איבער דער באָרד און א זאָג געטאָן, ווי צו זיך אליין, מיט זײַן ברומענדיקער שטים:

— מע דאַרף פריִער לייזן די פראַגע, וועלכן זיי־פאַרקער ווילן מיר און וויאַזוי אַרײַנפירן אים.

— איר זײַט גאָר דאָ? — האָט יאַקאָוו ענדלעך אופגעהויבן דעם קאָפּ פונעם טיש. — און מיר זוכן אײַך. ווו זײַנט איר עס געווען די גאַנצע צײַט?

— ווו זאָל איך זײַן? מײַן אָרט איז אין סטעפּ!

— אין סטעפּ? — יאַקאָוו האָט זיך געמאַכט, אַז ער פאַרשטייט אים ניט. — מיט וואָס פאַרנעמט איר זיך אין סטעפּ?

— טאַקע מיט דעם זעלבן זיי־פאַרקער...

א ווײַלע האָבן זיי געקוקט איינער אַפן אַנדערן, ווי געדאַרפט לייזן פאַר זיך, צי לוינט איצט טאַקע ערנסט צעקריגן זיך, צי אָפּקומען מיט גרינגע שטעכווערטלעך.

— איך פאַרשטיי ניט, — האָט יאַקאָוו א מאַך געטאָן מיט דער האַנט און אַף זײַן צוגע־פלאַמט פּאָנעם האָבן זיך באַוויזן עטלעכע רויטע פינטעלעך: באַביצקיס ווערטער האָבן אים שטאַרק צערודערט און ער האָט מיט אַלע קויכעס זיך געסטאַרעט בלײַבן רויק. מע האָט אויך געקאָנט פאַרשטיין, אַז ניט דאָס ערשטע מאָל קריגן זיי זיך אַרום דעם זיי־פאַרקער.

— וואָס דאַרף מען דאָ פאַרשטיין? — ענדלעך האָט באַביצקי געמאַכט צוויי שפּאַן און איז צוגעקומען צום טיש. — איין זאַך איז דער אַלטער זעקספעלדיקער זיי־פאַרקער און א צווייטע זאַך איז דער נײַנפעלדיקער. ס'זאָל זײַן אַן אָרט פאַר די גראָזן און פאַרן קוליסנע פּאַר. נאָר די זאַך איז איצט ניט אין דעם. די פראַגע איז, ווען אײַנפירן דעם נײַעם זיי־פאַרקער?

— וואָס הייסט ווען?

— הײַנטיקס יאָר צי איבעראיאָר? מיטאַמאָל צי טיילווײַז? קומט, וועל איך אײַך ווײַזן די פּראָבעס פון די ווינטער־ברויטן פון אַלע אונדזערע דערפער. מע וועט דאַרפן א סאַך איבער־זייען.

— נו איז וואָס?

דער טאָך פונעם סיכסעך צווישן דעם פּאַרזיצער פון דער קאָמונע און דעם הויפּט־אַגראָ־נאָם איז מיר געווען אומבאַוווסט. צי איז יאַקאָוו קעגן דעם נײַנפעלדיקן זיי־פאַרקער, צי איז ער בלויז קעגן די קוליסנע פּאַרן, — און אויב קעגן, איז פּאַרוואָס. דעם עמעס געזאָגט, האָב

איך אין די זאכן ווייניק וואָס פאַרשטאַנען, דערצו האָט זיך מיר געדוכט, אַז איך שטער זיי מיט עפּעס, און געקליבן זיך אַף אַ ווײַלע אַרויס אַף דער גאַס. נאָר באַביצקי האָט זיך אָנגערופן צו מיר:

— אָט, טו אַ קוק אַף דער קאַרטע פון אײַער יִשעוו. דו ווייסט דאָך גוט אײַער ערד!

יאָ, די ערדן פון אונדזער יִשעוו האָב איך געוווּסט זייער גוט. פאַרן זומער האָב איך ניט איין מאָל זיי אויסגעשפּאַנט און איבערגעמאָסטן מיטן הילצערנעם קלאַפּטער, טײלנדיק און איבערטײלנדיק דעם היי־מאַסיוו פאַרן שניט, פאַרטײלנדיק צווישן די איבערוואַנדערער דעם שוין אויפגעאַקערטן פּאַר, און באַזונדערס, ווען מע האָט געדאַרפט אָפּשנײַדן די ערד פאַר דעם נאַרוואַס געשאַפענעם קאָלווירט. איך בין דאָך געווען באַפולמעכטיקטער פון דאָרפראַט! האָב איך די קאַרטע פון אונדזער יִשעוו און זײַנע ערדן געקענט אַף אויסווייניק. איך האָב גוט געוווּסט יעדער פעלד באַזונדער, מיט אַלע זײַנע קלינעס און שאַרפע שפּיצן, באַזונדערס די קרום־קײַלעכיקע געשלענגלטע ליניע, וואָס ציט זיך לענגויס דער באַלקע. כ'האָב אַף שטענדיק פאַרגעדענקט, ווי פישל שוסטער האָט פאַרגלײַכט די קאַרטע מיט אַ גוט אויסגעאַרבעט שאַגרענעווע פעלעכל, מיט אַ ביסל צו אויסגעצויגענע ברעגן. פאַר מיר איז די קאַרטע פון אונדזער יִשעוו פאַרבליבן אין אַ באַשטענדיקער, אומענדלעכער גרייס, און דערפאַר, אַ קוק געבנדיק איצט אַף דער אַלגעמיינער קאַרטע פון אונדזער דאָרפראַט, אַף וועלכער אונדזער יִשעוו, ווי אַלע איבעריקע יִשוּווים, זײַנען פאַרצייכנט מיט אָן אַנדערן, פיל קלענערן מאַסשטאַב, האָט מיך אַ ביסל אַ קלעם געטאָן באַם האַרצן. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס שאַגרענעווע פעלעכל איז עפּעס געוואָרן ווי אײַנגעשרומפּן, גלײַך ס'איז איבערגעטריקנט געוואָרן אַף דער זון צי אויפן ווינט. פאַרשטייט זיך, ס'איז געווען אַ נאַרישקײַט טראַכטן אין דער מינוט פון אַזעלכע זאַכן.

— דו ווייסט, וווּ דער ווינטער־ווייץ איז פאַרזייט? — האָט באַביצקי געפרעגט באַ מיר.

— וואָס הייסט? אַוודאי ווייס איך!

— אָט טו אַ קוק אויפן פערטן פעלד. דאָס ליגט אַ ביסל העכער. דאָ האָט די זאַווערוכע אַלץ אַראָפּגעבלאָזן און אַרויסגעריסן דעם ווייץ מיט די וואָרצלען. און איצט טו אַ קוק אויפן צווייטן פעלד. דאָ איז געוויס האַלב אַף האַלב. און מיר ווייסן נאָך ניט, וואָס די פרעסט וועלן אָפּטאָן.

געוויס איז באַביצקי געווען גערעכט. דאָס איינציקע, וואָס איז מיר געקומען אויפן געדאַנק, איז געווען, אַז מע דאַרף שוין ווידער אָנהייבן זאַמלען זריִע, ס'זאָל זײַן מיט וואָס איבערצוזייען. אָט דאָס טאַקע האָב איך אַרויסגערעדט אין דער הייך:

— דאַרף מען אַ טראַכט טאָן וועגן זריִע.

— און מע וועט דאַרפן האָבן ניט ווייניק, — האָט זיך אָנגערופן שלאַכטער, וועלכער האָט אויך גלײַך פאַרשטאַנען, מיט וואָס דאָס שמעקט.

— און דער זיי־פאַרקער... — האָט באַביצקי אָנגעהויבן.

נאָר כאַדאָס האָט אים בייז איבערגעשלאָגן:

— וואָס פאַר אַ שײַכעס האָט דאָס אַלץ צום זיי־פאַרקער?..

— ווײַל ס'זײַנען איצט פאַראַן בילכערע זאַכן!

זיי וואָלטן געוויס געווען גאַנץ ערנסט זיך צעקריגט, נאָר צום דאָרפראַט איז צוגעפאָרן אַ טאַטשאַנקע, און אין דעם שוין ביז גאָר איבערפולטן צימער איז אַרײַנגעקומען דער סעקרעטאַר פון ראַיקאָם.

— ווי איך זע, איז באַ אײַך דאָ גאַנץ ראַשיק, — האָט ער זיך אָנגערופן, דערלאַנגענדיק יעדערן די האַנט. דערנאָך זיך געווענדט צו כאַדאָסן מיט שלאַכטערן: — טאַקע גוט, וואָס איך האָב אײַך דאָ געטראָפן, וועל איך פאַרשפּאָרן פאָרן קיין זעליאָנאָפּאָל. אַ וועג איצט... מע קאָן בלײַבן אָן רעדער און אָן פערד.

דער סעקרעטאַר פון ראַיקאָם איז, ווײַזט אויס, געווען אַ גאַנץ פּאַשעטער און צוגעלאָזטער מענטש. גערעדט האָט ער אַף אַ פּראָסטן יִדיש, ווי מע רעדט אין אַלע פּאָדאָליער שטעטלעך. דאָס האָט געוויס געדאַרפט מאַכן אים פאַר מיר אַ ביסל היימישער. נאָר איך האָב דאָס ערשטע מאָל אים געזען אַזוי נאָענט לעבן זיך און זיך שטאַרק פאַרויטלט. מיר איז געוואָרן אַ ביזאָיען פאַר מײַן אײַנגעפאַלן פּאָנעם, פאַר מײַן אָפּגעבליאַקעוועט העמדל, פאַר דער ענגשאַפט אינעם צימערל פון דאָרפראַט און פאַרן קאָסעוואַטע טישל, וואָס איז געווען פאַרשפּרייט מיט אַ פּאָר פאַרפלעקטע צײַטונגען. נאָר דער כאַווער פלאָטקין, ווי אַלע האָבן אים גערופן, האָט, דוכט זיך, גאָר אַזוינס ניט באַמערקט. ניט אַף מײַן פּאָנעם און ניט אויפן טישל.

— איבער וואָס זשע שפּאַרן מיר זיך? — האָט ער געפרעגט בא כאַדאַסן.

געענטפערט האָט באַביצקי:

— איר פאַרשטייט, מיט די מענטשן קאָן מען דרייען, ווי מע וויל. היינט אהער, מאָרגן אהין. נאָר די ערד איז ניט קיין קאַלע־מויד.

אף פלאָטקינס גוטמוטיק פּאָנעם האָט זיך באַוויזן עפּעס ענלעכס אף א שאָטנדל. ס׳איז געווען צו זען, אז ער האָט ניט ליב, ווען מע רעדט מיט רעטענישן.

— עפּשער קאָן מען א ביסעלע קלאָרער?

— אָט דאָס וויל איך טאַקע זאָגן. — באַביצקי איז בא זיך ניט אראָפּגעפאַלן און גערעדט מיט דעם זעלבן נוסעך. — די ערד איז ניט קיין קאַלע־מויד און האָט פּיינט, אז מע קיצלט זי. עפּעס אזוי־אָ, אף איין פוס ברעכט מען א זיי־פאַרקער?

— וואָס זשע לייגט איר פאָר? — דער וויץ איז אים דאַפקע געפעלן געוואָרן. דאָס שאָטנדל האָט מיטאמאָל ניט געסטייעט.

— וואָס זאָל איך פאָרלייגן? זאָלן די יונגעלייט דערוויייל מאָלן. נאָר היינטיקס יאָר דאַרפן מיר בלייבן בא די פריערדיקע זיי־פאַרקערן, לויט באַזונדערע דערפער. מיט באַשטימטע ענ־דערונגען, פאַרשטייט זיך. און שפּעטער...

— ווען שפּעטער? — האָט פלאָטקין איבערגעפרעגט א ביסל צו שטרענג.

— ווען די קאָמונע... — ער האָט געוויס געוואָלט זאָגן, ווען די קאָמונע וועט האָבן א קיעם. נאָר געכאַפּט אף זיך דעם שטרענגן בליק פון סעקרעטאַר פון ראַיקאָם און באַשטימט איבערלאָזן זיינע ספּייקעס פאַר זיך. — איך מיין, ווען די קאָמונע וועט זיך פאַרפעס־טיקן.

— ווי מיר איז באַוווסט, זיינט איר איצט דער הויפּט־אגראָנאָם פון קאָמונע?

— איך ווייס נאָך אליין ניט, ווער איך בין, — האָט באַביצקי אָפּגעענטפערט.

— יאָ... — דאָס האָט שוין פלאָטקין גערעדט צו זיך אליין, אויסקלאַפּנדיק עפּעס מיט די פינגער איבערן גרויסן טיש. — און איך האָב געמיינט... איך בין געווען זיכער, אז בא אייך איז אלץ קלאָר. וועט טאַקע אויסקומען פאַרן מיט אייך אין זעליאָנאָפּאָל.

ווען יאַקאָוו ווערט שטאַרק אופגערעגט, הייבט ער אָן בייסן די ליפּן. אים איז געוויס געווען ניט צום האַרצן די איצטיקע קריג מיט באַביצקין און דאָס, וואָס דער סעקרעטאַר פון ראַיקאָם איז געווען דערביי. סיווי וועט זי צו גאָרנישט ניט ברענגען און אלץ וועט בלייבן, ווי געווען. איצט קאָן איך זיך פאָרשטעלן, אז זייערע כלוקעדייעס האָבן געהאַט א שייכעס ניט בלויז צו די פּראָבלעמען פון זיי־פאַרקער. דאָס איז געווען א קאָנפליקט צווישן צוויי מענטשן פון ביז גאָר פאַרשיידענע כאַראַקטערס, פאַרשיידענע טעמפּעראַמענטן און פאַרשיי־דענע אָנשויונגען ניט בלויז אין געביט פון אגראָנאָמיע. יעדערער איז אף זיין אופן געוויס געווען גערעכט, און פאַסקענען די אלע שיילעס האָט געקאָנט נאָר די צייט. האָט כאַדאָס געוואָלט וואָס גיכער אריבערפירן דעם שמועס אף עפּעס אנדערש. נאָר באַביצקי האָט גע־האַלטן, אז ער האָט נאָך ניט אלץ געזאָגט, און געוואָלט דאָס טאָן גראַד אין דער אָנוועזנהייט פונעם סעקרעטאַר פון ראַיקאָם.

— איך מיין, אז שאָלעם־אלייכעמען האָט איר אלע געוויס געלייענט, — האָט ער זיך אָנגערופן. — דאַרפט איר דאָך געדענקען זיינע צוויי שלימאַזלדיקע שאַדכאָנים מיט זייערע אומגעלומפּערטע שידוכים.

אוודע האָט דאָס געדאַרפט ברענגען צו א נייער קריגעריי, ווייל דער מאָשל מיט די שידוכים האָט געקאָנט האָבן א שייכעס ניט בלויז צו דעם, וואָס די צייט האָט צונויפגעפירט אזעלכע צוויי פאַרשיידענע מענטשן, ווי כאַדאָס און באַביצקי, דאָס וואָלט נאָך געווען צו דערליידן. מע האָט אָבער אויך געקאָנט מיינען די קאָמונע אינגאַנצן, וואָס האָט מעשאַדעך געווען אזויפיל פאַרשיידענע מענטשן און דערפער. דאָס האָט שוין געשמעקט גאָר אנדערש. נאָר מיט יאַקאָוון איז פאָרגעקומען אזוינס, וואָס מיר איז שווער געווען פאַרשטיין. זיינע קליי־נע אייגעלעך האָבן א גלאַנץ געטאָן און זיינע וואַנצן האָבן אָנגעהויבן ציִען זיך אין דער ברייט, ווי באַם סאַמע בעסטן, סאַמע פריילעכסטן שמייכל.

— שאָלעם־אלייכעם!.. — האָט ער אַרויסגערעדט, און דער שמייכל איז זיך צעגאָסן איבער זיין גאַנצן פּאָנעם. — פאַרשטייט זיך... שאָלעם־אלייכעם.

מיט פיל יאָרן שפּעטער האָב איך פאַרשטאַנען, פאַרוואָס האָט בלויז דאָס דערמאָנען דעם נאָמען פון שאָלעם־אלייכעמען געווירקט אף אים ווי דער גרעסטער קישעף. צווישן זיינע קסאָווים האָב איך איבערגעלייענט אויך אזא פאַרנאָטירונג: „איך בין גליקלעך, וואָס איך האָב

געלעבט אין איין צײַט מיט שאָלעם־אַלייכעמען. יעדער דערציילונג זײַנע האָב איך געלייענט, ווי נאָר זי איז אַרויס פון אונטער זײַן פען, אַרויס פון דרוק...״

— יאָ, שאָלעם־אַלייכעם, — האָט ער איבערגעכאַזערט, און אַ קוק געטאָן אויף פּלאַקי־נען. יענער האָט אויך געשמייכלט.

שאָלעם־אַלייכעם האָט ווי דערנעענטערט זיי אַלע דרײַ, אונדז אַלעמען און אויף אַ ווײַלע אַראָפּגענומען, אָפּגערוקט אין אַ זײַט אַלע כּלוקעדייעס, מיספּאַרשטייעניש, דאָס אַלץ, וואָס האָט געהאַלטן יעדערן אין עכטער אָנגעשטרענגטקײַט, אָנגעצויגנקײַט. גלײַך ס'האָט מיטאַמאָל אַ בלאָז געטאָן אַ וואַרעם, אַ ליב ווינטעלע, און יעדערער איז געוועזן צופרידן מיט דער גוטער מינוט.

— שאָלעם־אַלייכעם! — האָט זיך אָנגערופן דער סעקרעטאַר פון ראַיקאָם. — איך האָב הײַנט אויך געטראַכט וועגן שאָלעם־אַלייכעמען...

די פראַזע זײַנע איז שוין געוועזן געווענדעט דירעקט צו מיר.

— זאָג מיר נאָר, „טעוויע דעם מילכיקן״ האָסטו געלייענט?

— פאַרשטייט זיך, — האָב איך אָפּגעענטפערט און ווידער רויט געוואָרן, ווײַל איך האָב ניט פאַרשטאַנען, וואָס מיינט ער דערמיט.

— דאַרפסטו דאָך געדענקען...

דאָס, וואָס איך דאַרף געדענקען, האָט ער שוין דערציילט ניט נאָר פאַר מיר, נאָר פאַרן גאַנצן עולם, וואָס האָט פאַרפולט דעם צימער, דאָס פאַרהויז און דאָס קיכל, און אויך פאַר די, וואָס זײַנען געשטאַנען אויפן הויף. דער סעקרעטאַר פון ראַיקאָם איז געוועזן ניט קיין אָפּ־טער גאַסט, און אַלע האָבן געוואָלט הערן פון אים עפּעס נײַס. ער האָט איבערדערציילט גאַנץ גענוי וועגן די יידישע פּאָגראָמען, וואָס זײַנען טעוויעס צײַטן פאָרגעקומען אין די שטעטלעך, און וויאַזוי די אוקראַיִנישע שכיינים זײַנען געקומען אויך צו טעוויען מאַכן אַ פּאָגראָם. האָט טעוויע זיך אָנגעהויבן בעטן בא זיי: סטײַטש, וואָס האָבן זיי צו אים, מיט וואָס האָט ער זיך פאַרזינדיקט?.. ניין, זאָגן זיי, זיי האָבן צו אים גאָרנישט ניט, נאָר אומעטום מאַכט מען פּאָגראָמען, איז עפּעס ניט שיין, וואָס וועט מען זאָגן אויף זיי? דערנאָך זײַנען די שכיינים געקומען צו אַ קלוגן געדאַנק:

— ווייסטו וואָס, טעוויע? מירן דיר נאָר אויסשלאָגן די פענצטער און זאָגן, אַז דער פּאָגראָם איז שוין געמאַכט.

קיינער האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס וויל מיט דעם זאָגן דער סעקרעטאַר פון ראַיקאָם. איך אויך ניט. נאָר אין צימערל איז געוואָרן אַזוי שטיל, אַז איך האָב אָנגעהויבן אַרומקוקן זיך, וואָס איז דאָ פּלוצלינג געשען. פאַרן גאַנצן ווינטער האָט אַזאַ שטילקײַט זיך אַרײַנגע־כאַפּט אַהער צום ערשטן מאָל. איך בין ניט געווען געוווינט צו דעם. די צווייטע פראַגע איז אויך געווען געווענדעט דירעקט צו מיר, כאָטש געמיינט האָט ער אַלעמען:

— איז אָט דאָס האָט איר געמיינט, ווען איר האָט באַשטימט אָנטבאַלעגופּעווען די אַל־מאָנע בעלאָווא?

און אָט אַזוי, שמייכלענדיק, מיר דערלאַנגט דעם פּראָטאָקאָל, וואָס איך האָב מיט עט־לעכע טעג צוריק אָפּגעשיקט אין ראַיאָן, און אַזוי שמייכלענדיק זיך אָנגערופן:

— נאַ, ניי אים אונטער צו די איניאַנים פון דאָרפּראַט, אַלס אַן אָנדענק. און קעדיי זאָלסט וויסן, אַז שאָלעם־אַלייכעמען דאַרף מען לייענען מיט קאָפּ.

איך האָב געזוכט מיט די אויגן עפּעס אַ ווינקעלע, אַ שפּאַרונקעלע, איך זאָל זיך קאָנען אַרײַנרוקן אַהין און ניט סטײַען. דערצו איז מיר שווער געווען פאַרשטיין, ווי קאָן מען עס זאָגן אַזעלכע זאַכן און שמייכלען דערבײַ.

נאָר גלײַך איז ער געוואָרן ערנסט. און אַפּילע זיך אופגעהויבן פונעם בענקל. יאָ, ער האָט זיך טאַקע אופגעהויבן פונעם בענקל און באַקוקט דעם עולם. ער האָט געוויס מערער פון מיר פאַרשטאַנען, וואָס קומט פאָר אין אָט דער מינוט אין דאָרפּראַט. ער האָט געוויס באַצײַטנס דורכגעטראַכט דעם מאָשל, וואָס ער האָט נאָרוואָס דערציילט, און די באַזונדערע וויכטיקײַט פונעם נימשל, וואָס ער קלײַבט זיך זאָגן. ער האָט גוט געוווּסט, אַז באַלד וועט מען עס פאַנאַנדערפירן מיט דער מילך אין אַלע אַרומיקע דערפער און אין אָוונט פאַנאַנדער־טראָגן אין אַלע הײַזער. איר ווייסט דאָך שוין, אַז אין יענע צײַטן איז די מילכיקע פּאָטשט געווען דאָס איינציקע מיטל פון אינפאָרמאַציע און געאַרבעט האָט זי אָן איבערשלאָגן. קאָן איך זיך איצט פאָרשטעלן, אַז דער סעקרעטאַר פון ראַיקאָם האָט דאַן געפילט זיך אין אונד־זער איבערפולטן צימערל, ווי עס פילט זיך איצט דער, וואָס טרעט אַרויס אין דער טעלעווי־זיע פאַר אַ מיליאָניקער אַאודיטאָריע.

— איר פאַרשטייט, כאַווירים... — האָט ער גערעדט שוין אָן אַ שמייכעלע, גערעדט פאַמעלעך, ווי אָפּגעוווויגן יעדער וואָרט. — דאָס ליקווידירן דעם באַלעגוף אַלס קלאַס אַף דער באַזע פון דורכויסיקער קאָלעקטיוויזאַציע איז אַזאַ ניט גאָר פּראָסטער איניען. און ער איז ניט צוגעטראַכט געוואָרן אַף צו שפּילן זיך מיט אים. מיר מיט אײַך מאַכן דורך דעם גרעסטן רעוואָליוציאָנערן פּראָצעס, וואָס האָט געדאַרפט קומען אומפאַרמײַדלעך. די צײַט וועט אָפּשאַצן די באַדײַטונג פון אָט דעם פּראָצעס פאַרן גורל פון אונדזער לאַנד. אין אָט דעם פּראָצעס איז דער באַלעגוף איבעריק, ניטאָ פאַר אים קיין אָרט. נאָך מערער, ער וועט פאַר אונדז שעדלעך. אָבער דאָ גייט אַ רייד וועגן עמעסע באַלעגופים, די גרויסע ברויט־פּראָדוצירער, די סאַמע אַכזאָריעסדיקע עקספּלואַטאָרס. די, וואָס שטעלן פאָר מיט זיך דעם קאַפּיטאַליזם אין דאָרף. אָבער די אַלמאָנע מיט איר ווינטמיל? ערן־וואָרט, מיר האָבן גענוג עמעסע, יוסטע באַלעגופים. און מיר דאַרפן זיי ניט אויסטראַכטן.

און צו שלאַכטערן:

— אָט, באַ דיר, אין זעליאָנאָפּאָל, דאָס איז גאָר אַן אַנדער איניען...

איך בין אין דער מינוט זייער מעקאַנע געווען שלאַכטערן, וואָס אין זעליאָנאָפּאָל האָט זיך פאַרוואָלגערט אַן עמעסער באַלעגוף, און וואָס אים קומט ניט אויס לײַדן אַזעלכע ביזויי־נעס. נאָר ווען צו טראַכטן וועגן אַזעלכע זאַכן איז ניט געווען. דער טומל, וואָס האָט זיך מיטאַמאָל אויפגעהויבן סײַ אין צימער און סײַ אין דרויסן, האָט אויך אַריבערגעשטיגן אַלץ, וואָס איך האָב געזען פאַר די אַלע ווינטערדיקע כאָדאָשים. אַ טומל, אין וועלכן עס איז שווער געווען עפּעס פאַנאַנדערקלײַבן.

איך האָב דערנאָך ניט איין מאָל, שוין אין פאַרבינדונג מיט אַנדערע פאַלן, געטראַכט וועגן אָט דער אומפאַרשטענדלעכער, אויסטערלישער שפּיל פון מענטשלעכע געפילן, וואָס גיט פון מאָל צו מאָל זיך אַ וואַרף פון גאָר אַן אַנדער זײַט, טוט מיטאַמאָל אַ גיס אויס דאָס איבערגעקאָכטע און איבערגעזאָטענע און הייבט אָן אָנעמען זיך, אָנפילן זיך מיט גאָר עפּעס אַנדערש. לאָזט זיך אויס, אַז דער פּיליאַריקער כײַרעם, אָט די סינע, וואָס איז געהאַנגען איבער שיינדל דער אַלמאָנעס שטוב, איז געווען אַן איבערגעטריבענער. צי עפּשער איז ער געווען טאַקע אַזאַ, ווי מיר האָט זיך געדוכט, נאָר מיטאַמאָל געשטילט געוואָרן, ווי אויס־געראָנען. מעגלעך דערפאַר, וואָס דאָס געפיל פון נעקאָמע איז באַפרידיקט געוואָרן שוין מיט יענער פאַרזאַמלונג אַליין און מיט דעם, וואָס מיר האָבן איבערגעשריבן דאָס פאַרמעגן. און געוויס איז צעטראָגן געוואָרן איבערן דאָרף דאָס, וואָס מיר האָבן דאָן אַרויסגעשלעפּט פונעם קאַסטן. איצט איז אויפגעקומען דאָס געפיל פון ראַכמאָנעס צו אַ מענטשן, וואָס איז שוין אַזוי אויך גענוג באַשטראָפט. ווייס איך ניט, ווער איז דאָס געווען דער ערשטער, וואָס האָט גע־וואָלט פאַרדינען אַ מיצווע און אוועקגעלאָפן אָנזאָגן שיינדלען די בסורע. ס'האָט זיך נאָך היפּש געטומלט, ווען שיינדל איז אָנגעלאָפן אַ צעפּאַטלטע, מיטן טיכל אין דער האַנט, און איך האָב ערשט איצט דערזען, אַז זי איז אינגאַנצן גראָו.

— ייִדן, ס'איז עמעס? — האָט זי אַרויסגעקוויטשעט, — זאָגט, ייִדן, ס'איז עמעס?

— עמעס, עמעס, — האָב איך איר אָפּגעענטפערט.

נאָר שיינדל האָט אַפילע ניט געוואָלט קיין קוק טאָן אין מײַן זײַט. צווישן דעם גאַנצן עולם, צווישן די, וואָס האָבן אַזוי איינמוטיק זי איבערגעלאָזט אין צעטל, צווישן די, וואָס זײַנען יענעם גאַנצפרי אַרײַנגעקומען צו איר אין שטוב אַרײַן, בין איך געווען דער איינצי־קער, וועמען זי האָט געהאַלטן פאַר אַן עמעסן גאַזלען. זי האָט געזוכט מיט די אויגן דעם, וואָס איז נאָרוואָס געקומען פון ראַיאָן, דעם, וועמען זי האָט געהאַלטן פאַר איר רעטער. זי האָט אים געוואָלט עפּעס זאָגן, מיסטאָמע געוואָלט אויסרעדן זיך דאָס האַרץ, נאָר פּלוצלינג זיך אַ כאַפּ געטאָן מיט דער האַנט פאַרן האַרצן:

— אוי, ס'איז מיר ניט גוט...

— פירט זי אַרויס אַפן הויף, דאָ איז דושנע! — האָט אויסגעשריגן כאַסיע, וואָס איז צו־געקומען מיט אַ קוואָרט וואַסער און גענומען שפּריצן איר אין פּאָנעם אַרײַן.

זײַנען מיר שוין אַלע אַרויס אַפן הויף. הויך אין הימל איז געהאַנגען אַ פרילינגדיקע זון. און ווי דער פראָסט האָט ניט געשטאַרקט זיך, ווי דער ווינט האָט ניט געסמאַליעט, האָט די זון שוין אויך געהאַט וואָס צו זאָגן. די פאַרשטיינערטע הרודעס האָבן ביסלעכווײַז אָנגעהויבן אָפּגיין, געוואָרן שוואַרץ און קלעפּיק און ווידער געלאָזט אַ ביסל זיך קנעטן מיט די פיס.

געקומען אַ ביסל צו־זיך, האָט שיינדל אָנגעהויבן אַרומקוקן זיך און צונויפגעקעמט מיט ביידע הענט די צעשויבערטע האָר. אירע אויגן האָבן אַלץ אַרומגעבלאָנדזעט, געזוכט דעם, וועמען זי האָט געמוזט זען. געפונען ענדלעך דעם סעקרעטאַר פון ראַיקאָם, האָט זי זיך דורכ־געשטופּט צו אים צווישן געדיכטן האַמוין.

— איז מעג איך אָנגעבן א מעלדונג? — האָט זי ניט זיכער געפרעגט.

— פאַרוואָס ניט? — האָט ער אָפּגעענטפערט, פאַרשטאַנען, ווענן וועלכער מעלדונג עס גייט א רייד.

— א דאַנק אײַך, א גרויסן דאַנק, — זי האָט א נייג געטאָן מיטן קאָפּ און אַוועק.

18

נאָך פונדערוויַיטנס האָב איך דערזען, אַז מיר איז היַינט עפּעס צוגעקומען. צוגעקומען עפּעס זייער וויכטיקס, וואָס האָט געפעלט סיַי מיר, סיַי דעם גאַנצן אַרום. צוערשט האָב איך אַפילו ניט פאַרשטאַנען וואָס. דערנאָך זיך געכאַפּט — די ווינטמיל! דאָס פאַריאָסעמטע מילכל, וואָס איז אַזוי לאַנגע ציַיט געשטאַנען, ווי איַינגעזונקען אין דער ערד, איז מיטאַמאָל געוואָרן מיט א קאָפּ העכער. ס׳איז געוואָרן באַ זיך עמעסדיק גרויס און געווּפן יעדערן, מע זאָל א קוק טאָן אויף דעם און שעפּן נאַכעס. דער ווינט, ווי דערפריַיט זיך, וואָס מע האָט אים געגעבן א שטיקל אַרבעט, ער זאָל ניט אַרומיאָגן איבערן סטעפּ, ווי א ליידיקגייער, האָט האַסטיק געטריבן און אונטערגעשמיסן די אופגעריכטעט פליגל. האָבן זיי זיך צעפּאָכעט הילכיק, ווויליוונ־געריש, מיט א פריילעך זעמערל, וואָס האָט געדאַרפט געבן צו וויסן דער גאַנצער וועלט, אַז די מיל איז ווידער א מיל, ווי אַלע מילן. דער ווינט שמיַיסט זי, די פליגלען פאָכען, דער מילשטיין דרייט זיך, האַלט אין איין אונטערזינגען זיך אַליין:

דריי זשע זיך, דריי זשע זיך,
דריי זשע זיך, מילעכל,
פליַיסיק צו אַרבעטן
איז ניט קיין שפּילעכל.

איז מיר געוואָרן גוט אויפן האַרצן. פון אָט דעם לידעלע, וואָס איז מיר געקומען אויפן זינען, דאָס לידעלע, וואָס די מומע האָט געזונגען, ווען זי איז געווען אין א גוטער שטימונג.

די קאָמונע האָט טאַקע זייער נייטיק געדאַרפט האָבן דאָס מילעכל. בין איך געווען צו־פרידן פאַר דער קאָמונע, פאַר דער מיל, פאַר דער אַלמאַנע בעלאָוואַ און פאַר אירע צוויי איבערגעזעסענע טעכטער. און איך האָב זייער געוואָלט, אַז זיי זאָל אויך זיַין גוט. איך האָב ביז איצט ניט געקאָנט באַפריַיען זיך פון זייער פאַרוטיילנדיקן בליק, פון אָט דער מיידל־שער בושע, וואָס האָט פאַרגאָסן זייערע פּענעמער און האָט מיך אַרויסגעטריבן פון זייער שטוב. זיַינען זיי איצט אויך אין קאָמונע און זיַינען פריַי פון אָט דעם כיירעם, פונעם געפיל פון אָפּגעפרעמדטקייט און פאַרוטיילטקייט. איך האָב געקוקט אויף די קרעפטיקע פליגל, זיך איַינגעהערט אין זייער פריילעך זעמערל, און מיר האָט זיך זייער געוואָלט איצט א קוק טאָן אויף שיינדלען, ווידער באַגעגענען זיך מיט איר בליק און מיטן בליק פון אירע טעכטער.

נאָך דעם, ווי די דריַי יונגע אַגראָנאָמען זיַינען אַריבערגעפאָרן קיין זעליאָנאָפּאָל און מע האָט אַרויסגעטראָגן פונעם צימער דעם לאַנגן און גרויסן טיש, האָט אונדזער דאָרפראַט באַקומען זיַין פריַיערדיקן אויסזען. דאָס קאָסעוואַטע טישל אינמיטן, הילעל פון בייס־שאַמיַי באַם טישל פון רעכטס, עזרע פון בייס־הילעל באַם טישל פון לינקס, און כאַסיע די באַלע־באָסטע, וואָס איז שטענדיק געשטאַנען אויף דער וואַך באַם צעעפנטן טירל פון איר קיכל. ס׳האָט געשמעקט מיט פרישע ברויט און מיט נעכטיקן באָרשטש, און כאַסיעס ברייט־צעעפנט־טע אויגן זיַינען געווען איבערגעפולט מיט ניַיע סוידעס און פול מיט ניַיגער צו וויסן, מיט וואָס וועלן די סוידעס זיך ענדיקן. זי איז אַרויס מיר אַנטקעגן און א זאָג געטאָן שטיל, אַז קיינער זאָל ניט הערן:

— ער וואַרט שוין לאַנג אויף איַיך. ער זיצט באַ מיר אין שטוב.

— ווער? — האָב איך ניט פאַרשטאַנען.

— אָט דער, וואָס מיט זעלדען. ער האָט ניט געוואָלט אַריַינגיין אין דאָרפראַט, ביז איר וועט קומען. זאָל איך אים זאָגן, באַריסן?

— אַך, באַריסן!..— האָב איך ענדלעך פאַרשטאַנען, וועמען זי מיינט.

צווישן די פיל רעטענישן, וואָס סלאַדקאָוואָדנע האָט מיר פאַרגעבן יעדן טאָג, רעטענישן, וועלכע איך האָב אַזוי אָדער אַנדערש געמוזט טרעפן, איז באָריס פאַרבליבן פאַר מיר א רע־טעניש ביזן סאָף. געקומען איז ער אַהער מיט דער גרופּע איבערוואַנדערער פון וויטעבסק נאָך מיט עטלעכע יאָר צוריק. אַלע איבעריקע האָבן גלײַך געשאַפן א קאָלווירט און אויסגעבויט

עטלעכע קאָלעקטיווע הײַזער צו פיר דירעס אין יעדערער. באָריס איז געבליבן אליין פאר זיך און א שטיבל אויסגעבויט פאר זיך א באזונדערס. און ניט קיין גאנץ שטיבל, נאָר א האלבס. פון איין זײַט, צום דאָרף־צו, איז דאָס געווען א הויז גלײַך מיט אלע הײַזער, מיט א פארשפּיצטן דאך, מיט אן אראָפּהענגענדיקער סטריכע, און פון דער צווייטער זײַט, די, וואָס קוקט אין סטעפּ אריַין, איז דאָס שטיבל געווען ווי אָפּגעהאקט. אָט ווי מע נעמט א געוויינלעכע גאנצע שטוב, מע שנײַדט זי איבער אפּצווייען, איין האלב פירט מען ערגעץ אוועק און די צווייטע לאָזט מען שטיין. איז דער דאך ניט קיין דאך, דער בוידעם ניט קיין בוידעם און דאָס גאנצע שטיבל — עפּעס א נעבעכדיקס, אן אָפּגעפּליקטס און אן ארומגעטשיפּעטס, אָן וועלכן־ניט־איז פּלויטל, אָן א ביימעלע, אָן יעדן מין סימען פון פּי און אויפּעס אפן הויף. האָט עס אויסגעזען זייער אומהיימלעך און עלנט. גלײַך עפּעס א שטורעמווינט האָט עס פארטראָגן אהער ווער ווייסט פונוואנען. שטייט עס און וואַרט, אז א נײַער ווינט זאָל עס א ריס טאָן פון אָרט און אוועקטראָגן מיט זיך אין אנדערע מעקוימעס.

באָריסן אליין האָב איך ניט געקענט, ווײַל די לעצטע פּאָר יאָר האָט ער געוווינט ניט אין סלאָדקאָוואָדנע, נאָר אין דורדובא, א גריכיש דאָרף א קילאָמעטער פופצן פון אונדז. דאָרטן האָט ער בעשוטפעס מיט עמעצן ארענדירט ניט קיין גרויסע מיל. פאר אים האָט עס כאסענע געהאַט זעלדע און אריבערגעפאָרן מיט אירע צוויי יעסוימימלעך קיין דורדובא. קאָלזמאַן די מיל האָט זיך בא זיי געדרייט, האָבן זיי, אפּאָנעם, געלעבט ניט שלעכט.

וועגן דעם באלעבאָס פון דעם פּוסטן האלב־שטיבל האָב איך געהערט, נאָר ער האָט מיך ווייניק אינטערעסירט. כ׳האָב געהאַט גענוג אנדערע דײַגעס. ווייס איך ניט פּינקטלעך, וואָס איז געשען מיט אים, מיט זײַן שוטעף און מיט זייער מיל. גיכער פאר אלץ דאָס, וואָס מיט אלע באלעבאטים און ארענדאטאָרס פון מילן צום סאָף פונעם נעפּ. אזוי אָדער אנדערש, נאָר באָריס האָט זיך אומגעקערט קיין סלאָדקאָוואָדנע. אָן דער מיל און אָן זעלדען. זיך אומגעקערט און גענומען אָנגלאָזן די אויסגעקלאפּטע פענצטער און פארשטאָפּן מיט עפּעס דעם אָפּענעם בוידעם פון זײַן שטיבל. זײַנע ווײַטערדיקע קאוואָנעס זײַנען געבליבן אומבאוווּסט.

ער איז אַרײַנגעקומען אינעם אָנגעפּאקטן צימערל פון דאָרפראט מיט א ניט זיכערן, א ביסל צו צעצויגענעם שפּאַן, גלײַך ער האָט געדארפט אריבערשפּאנען א טיפע און ברייטע קאליוזשע. לויט דעם ווי ער האָט אויסגעצויגן זײַן לאנגן דארלעכן האלדז, איז געווען צו זען, אז עפּעס ווארגט אים, קלעמט אים און ער פילט זיך געענגט אונטער אזויפיל נײַגעריקע בליקן. נאָר געהאלטן זיך האָט ער פעסט, א ביסל גאדלעסדיק־אָנגעדראָדלט, ווי געבנדיק אָנצוהערן, אז דער גאנצער אוילעם מיט זייער נײַגער גייט אים ווייניק וואָס אָן. געווען איז ער הויך און דאר, מיט א פאָנעם פון איבערגעטריקנטן פארמעט. ס׳האָט זיך געקאָנט דוכטן, אז מע הערט, ווי עס קנאקט, ווי עס ברעכט זיך פון יעדן קנייטש... נאָך אלעמען האָט ער פארהיט אין זיך פיל רעשטלעך פון פריִערדיקן וווילטיק. דער מאלבעש זײַנער איז אויך געווען ניט קיין דאָרפישער, פון זייער א טײַערער סכוירע, כאָטש א ביסל אלטמאָדיש און היפּש אָפּגעריבן. דערפאר איז דער זשיליעט אונטערן צעשפּיליעטן רעקל געווען נאָך קימאט נײַ, און דאָס גאָלדענע קייטעלע, וואָס איז אראָפּגעהאנגען פונעם שמאָלן קעשענקעלע, האָט ווי בארימט זיך, אז ס׳האלט דאָרטן אינווייניק זייער א טײַער זייגערל. באָריס האָט שווײַגנדיק באקוקט דעם אוילעם, ווי זיך מעיאשעוו געווען, צי זאָל ער אויסלייגן זײַנע טײַנעס אין זייער אָנוועזנהײַט, צי בעטן א שמועס אונטער פיר אויגן. פארשטאנען, אז דער אוילעם איז דאָ באלעבאָס ניט ווייניקער פונעם פאָרזיצער און אז סײַווי וועט דאָס ניט בלײַבן קיין סאָד, איז ער גלײַך צוגעטראָטן צום איניען, ארויסגענומען פון דער בוזעם־קעשענע א געל לעדערן בײַטעלע און אָנגעהויבן עס פאנאנדערעפענען פאמעלעך, פאָרזיכטיק, גלײַך דאָס בײַטעלע איז געווען פון דין גלאָז און ער האָט מוירע געהאַט דאָס צעברעכן. דערנאָך האָט ער אַרײַנגערוקט אין בײַטעלע צוויי פינגער פון דער רעכטער האנט און ארויסגעצויגן פון דאָרטן... א צאָן.

— איר זעט? אָט דאָס איז אלץ, וואָס איז מיר געבליבן פון איר...

פאר דעם ווינטער איז דער אוילעם ניט געווען זשעדנע אף פארשיידענע געשיכטעס, פריילעכע און טרויעריקע און ביז גאָר קאָמישע. נאָר אזוינס האָבן מיר געזען צום ערשטן מאָל. איך האָב באמערקט, ווי כאסיע איז געבליבן שטיין אף דער שוועל מיט א גרויסן אָנגעפּאָפּטן הילצערנעם לעפל און אינעם פריילעכן גלאנץ פון אירע אויגן איז געווען צו זען, אז זי שמעלצט זיך פון טײַנעג. זי האָט מיך ווי אונטערגעיאָגט, איך זאָל וואָס גיכער זיך אָפּפארטיקן מיט דעם איניען, ווײַל זי גייט אויס פון אומגעדולד וויסן, מיט וואָס וועט זיך דאָס ענדיקן.

— נו, איז וואָס? — האָב איך געפרעגט באָריסן.

— איר פאַרשטייט, — האָט ער אָנגעהויבן דערקלערן באַאריכעס, — בא מײַן זעלדען, איז איינער אין אייבערשטער צאָן געווען עפּעס א קרומער. ער האָט שטאַרק אַרויס־געשפּאַרט. האָבן מיר אים אַרויסגעריסן און אַרײַנגעשטעלט א גאָלדענעם. דוכט זיך, א קליי־ניקייט, א צאָן? נאָר ס'איז געוואָרן גאָר אן אנדער זעלדע. און איצט איז זי אוועק. און דאָס איז מיר געבליבן פון איר. א קרומער צאָן...



עפּעס האָב איך דאָך געמוזט זאָגן. ווײַבאַלד א מענטש איז געקומען אין דאָרפּראַט נאָך הילף.

— איז וואָס זשע ווילט איר? זי זאָל אײַך אומקערן דעם גאָלדענעם צאָן?

ער האָט אַרײַנגערוקט דאָס בײַטעלע מיטן צאָן אין דער בוזעם־קעשענע און מיט ביידע הענט געגומען אָפּטרייסלען זיך פון מיר און פון דעם. וואָס איך האָב אים געזאָגט:

— וואָס רעדט איר, גאָט באַהיט! ווער דאַרף דעם גאָלדענעם צאָן? איר מיינט, אַז איך בין אַזאַ... איך וויל, איר זאָלט זיך מיט איר דורכשמועסן... איך וויל, איר זאָלט איר זאָגן, אַז אַזוי טאָר מען ניט...

ער איז אַף א ווײַלע אַנשוויגן געוואָרן, ווי געוואָלט זען, ווי האָב איך אופגענומען זײַן ביטע.

— איז ווי זשע? איר וועט איר זאָגן?

— איך וועל פּרוּוון, — האָב איך אים צוגעזאָגט.

ווי נאָר באַריס איז אוועק, א דערמונטערטער מיט מײַן צוזאָג, האָט דער אוילעם אָנגע־הויבן באַהאַנדלען דעם איניען מיט דער זעלבער היץ, ווי אַלע אַנדערע דאָרפישע געשעענישן.

— ווי געפעלט אײַך אָט דער טאַכשיט? — האָט זיך אָנגערופן הילעל.

— אַן אָפּגעקומענער גוויר, — האָט אים אָפּגעענטפערט עזרע.

— ער וועט איצט זען זײַן זעלדען, ווי זײַן לינקן אויער! — האָט מיט עפּעס א נעקאָמע־געפיל אויסגעשריגן הילעל און איז גלײַך באַשטראָפט געוואָרן מיט א לאַנגן הוסט.

מע האָט ניט נאָר בארעדט, נאָר אויך אַרײַנגעטראָגן פאַרשיידענע פאָרשלאָגן. אייניקע האָבן געהאַלטן, אַז מע דאַרף זעלדען ניט טשעפּען, זי האָט אַליין א קאָפּ אַף די פּלייצעס, און זאָל זי טאָן, ווי זי פאַרשטייט. אַנדערע, פאַרקערט, האָבן פאַרגעלייגט טאַקע שוין אַרויסרופן זעלדען אַהער און דערוויסן זיך, וואָס זי טראַכט. צי ס'איז בא איר א קורצער רויגעז, צי ס'האַלט טאַקע בא א געט. און אַלע זײַנען געווען דערשטוינט, ווען אינמיטן די הייסע דע־באַטן איז אַרײַנגעקומען זעלדע אַליין.

איך האָב גלײַך פאַרשטאַנען, אַז דאָס מוז זײַן כאַסיעס אַרבעט. אָדער זי איז אַליין אוועק־געלאָפן צו זעלדען, אָדער געשיקט צו איר עפּעס א יאַטל. איז שוין זעלדע געזעסן בא איר אין קיכל און געוואַרט אַף דער מינוט, זי זאָל קאָנען אַרײַנקומען.

— נו, וואָס וועט איר זאָגן דערויף? — האָב איך געפרעגט בא איר.

— איר האָט אים געזען, באַריסן? — האָט זי געענטפערט מיט א פראגע. — איצט טוט א קוק אף מיר.

האָב איך געמוזט מיט מײַנע צוואנציק יאָר א קוק טאָן אף אירע דרײַסיק. און געמוזט טייקעף אראָפּלאָזן דעם קאָפּ. ס'איז געווען צופיל יעיצרעהאָרעדיקס אין איר אָפּנעם, דרייסטן בליק, אין אירע פארהוילטע פולבלעכע הענט, אין איר פארניטעט פּאָנעם און אין אירע גראָ־בע צעפּ, פארדרייטע ארום דעם קאָפּ אין א דרײַגאָרנדיקן בייגל.

געוויס האָט דאָס געדארפט אלץ פארענטפערן, נאָר זעלדע אליין האָט געהאלטן, אז דאָס איז ווייניק.

— און איך וויל ניט זײַן קיין ראסקולאטשעוועטע! — האָט זי אויסגעשריגן.

אויסגעלאָדן דעם אייגענעם צאָרן, איז איר שטים מיטאמאָל געוואָרן א סאך ווייכער.

— נאָר וואָס האָב איך געזאָלט טאָן? צוויי פּיצלעך קינדער! אָבער איצט? וואָסי, איך האָב קיין הענט ניט? טוט א קוק, טוט א קוק אף מײַנע הענט!

זי האָט אויסגעשפּרייט אירע געזונטע, יאַדערדיקע הענט.

— גיט מיר צען בעהיימעס, גיט מיר צוואנציק, איר וועט זען, וואָס זעלדע קאָן!

זעלדע איז אוועק און געלאָזט דעם אוילעם ארומרעדן און בארעדן זי, וויפל זייער הארץ גלוסט. צום טישל איז צוגעקומען א מיידעלע און ארויסגערעדט מיט א שטילער שטים:

— כאווער פאַרזיצער, גיט מיר א ספּראווקע.

פארן גאנצן ווינטער האָב איך מירלען זעלטן ווען געזען, און די שטים אירע האָב איך איצט געהערט צום ערשטן מאָל. האָב איך ניט גלײַך פארשטאנען, ווער שטייט עס פאר מיר און וועגן וואָס פאַר א ספּראווקע גייט דאָ די רייד.

— פאר וועמען א ספּראווקע?

— פאר מיר.

— פאר דיר?

דאָס איז געווען געפרעגט גלאַט אזוי, איך זאָל קאָנען בעסער באקוקן אײַזיקס טעכ־טערל. איך האָב געדארפט איבערצײַגן זיך אינעם אלטן ווערטל, אז דאָס עפּעלע פאלט ניט ווײַט פונעם ביימעלע. און מיר איז געווען א ביסל פארדראָסיק, וואָס איך האָב ניט געפונען אין איר אזוינס, וואָס זאָל באשטעטיקן אָט דעם קלאַל. ס'איז, פארשטייט זיך, נאריש געווען צו זוכן בא דער זעכצניאָריקער מירל סימאָנים פון אײַזיקס צאפּלענער באָרד אָדער פון פּעסיעס דרײַגאָרנדיקן גוידער. אָבער אויגן!.. אויגן דארפן דאָך געוויס טראָגן אין זיך עפּעס יערושעדיקס! נאָר ביז איצט האָב איך זיך זייער ווייניק אינטערעסירט מיטן קאָליר פון אײַ־זיקס און פּעסיעס אויגן, און ניט געקאָנט זאָגן, צי זײַנען מירלס אויגן מיט עפּעס ענלעך אף זייערע. דער גרינלעכער קאָליר איז גיכער פאר אלץ אופגעקומען אין מײַן געדאנק, ווײַל דערנאָך האָבן זיי מיר אויסגעזען גאָר אנדערש. האָב איך שוין געמוזט זוכן עפּעס אין איר פּאָנעם. יאָ, מיט איר פּאָנעם שיידט זי זיך טאקע שטארק אונטער פון אלע מיידלעך פון אונדזער יִישעוו. א פּענעמל, וואָס איז פארניטעט געוואָרן אף א שוואך פּײַערל און וואָס מײַ־נעט זיך אינײנעם מיטן גלאנץ פון אירע אויגן. זי איז געשטאנען א ביסל א פארלוירענע, א קינדערש־אומבאהאָלפענע, ביז גאָר שוואך אײַנגעהילט אין איר נאָך ניט צעבליטער מיידל־שער שיינקײַט.

— ווילסט פאָרן זיך לערנען? — האָב איך געפרעגט און געסטארעט זיך ארײַנלייגן אין דער פראגע א באשטימטן רעמעז.

דאָס קינדערשע איז מיטאמאָל פארשוואונדן. עפּעס ביז גאָר ווייטעקלעכס האָט איבערגע־קרימט איר פּאָנעם און געמאכט זי פיל עלטער.

— איר אויך... — האָט זי ארויסגערעדט, און ס'האָט געהאלטן דערבײַ, זי זאָל זיך צע־וויינען. — איר אויך?

— וואָס, איך אויך?

— אז איך וויל זיך ניט לערנען! — האָט זי אויסגעשריגן.

— וואָס זשע דען ווילסטו?

— ארבעטן וויל איך!

— וואָס זשע דארפסטו א ספּראווקע? גיי ארבעטן אין קאָמונע.

— ניין, ניין! — זי האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, ווי דערשראָקן זיך פאר עפּעס. — איך מוז אוועקפאָרן.

— וווהין?

מירל האָט א ביסל זיך בארויִקט, דאָס פּאָנעם האָט אָנגעהויבן באקומען יענעם קינדערשן כיין, און גערעדט האָט זי אויך אזוי — קינדעריש־אָנטרוילעך.

2*

— איך ווייס אַליין ניט וווהין. קיין מאַר־זופּאַל, יוזאָווקע, זאַפּאָראָזשיע. אַבי ניט זײַן מיט זיי אײנײנעם.

— מיט וועמען?

— וואָס זשע, איר ווייסט ניט? ניין, ניין, אַוודאי קאָנט איר ניט וויסן.

— וואָס קאָן איך ניט וויסן?

— איך קאָן ניט זײַן מיט זיי. דער טאַטע, שימען, און אָט דער, ציבעלמאַן. אַלע אײנײנעם...

— וואָס אײנײנעם?

זי האָט זיך ווי דערשראָקן פאַר דעם, וואָס זי האָט נאַרוואָס אַרויסגערעדט. און, מעגלעך, נאָך מערער פאַר דעם, וואָס זי האָט זיך געקליבן זאָגן. בײַז אַ קוק געטאָן אויף מיר און האַסטיק זיך אַ קערעוווע געטאָן צו דער טיר.

— איך דאַרף ניט קיין שום ספּראַוועקעס, איך דאַרף ניט גאָרנישט ניט! — האָט זי אויסגעשריגן, אַרויסלויפנדיק פונעם דאָרפראַט.

אַוודאי איז דאָס געווען זייער ניט אויסגעהאַלטן, ניט שיין פאַר אַ פאַרזיצער פון דאָרפראַט. נאָר איך האָב ניט געטאָרט אַפּלאָזן מירלען ניט דערפירט דעם שמועס ביזן סאָף, ניט דערוווּסט זיך דאָס, וואָס איך האָב נײטיק געמוזט וויסן. האָב איך זיך אַ ריס געטאָן פונעם בענקל און אַרויסגעלאָפן נאָך איר. דעריאָגט זי שוין פון יענער זײַט פּלויט און אַ כאַפּ געטאָן פאַר אַ האַנט.

— מירל, קוק ניט אַזוי אויף מיר, — האָב איך אָפּגעענטפערט אויף איר דערשראָקענעם בליק. — מע דאַרף פאַר מיר ניט מוירע האָבן.

זי האָט אַ ריס געטאָן די האַנט, ווי געפרוווּט אַנטלויפן, נאָר טײַקעף זיך באַטראַכט און באַשטימט אונטערוואָרפן זיך.

— ווייסטו וואָס, מירל, קום אַרײַן מיט מיר אין דאָרפראַט, איך וועל אָפּגיך זיך אָפּפּאַרטיקן, וועלן מיר אײנײנעם גיין אַהיים. מאַסקים?

— גוט, — האָט זי אָפּגעענטפערט, און טאַקע ווי גאָר אַ קינד אַ לעק געטאָן מיט דער צונג די פאַרבלאָוטע ליפּן.

ווען מיר זײַנען אַרויסגעגאַנגען פון דאָרפראַט, איז שוין געווען פאַרנאַכטלעך. די אָנגעלאָפענע וואָלקנס האָבן געמאַכט דעם אַרום נאָך טונקעלער. מיר זײַנען געגאַנגען און געשוויגן, ווי אָן אָנגעברויגעזט פּאָרל, וואָס זוכט און קאָן בעשום־אופן ניט געפינען פון וואָס אָנהייבן רעדן אויף איבערבעטן זיך.

— קיין אַנדער וועג איז ניטאָ? — האָט מירל פּלוצלינג אַ פרעג געטאָן.

— וואָס דאַרפסטו אַן אַנדער וועג?

— איך וויל ניט, אַז עמעצער זאָל אונדז זען אײנײנעם.

יאָ, זי האָט רעכט, די קלײנע. און ס׳איז צו באַוווּנדערן, ווי אירע געדאַנקען אַרבעטן אין אַ באַשטימטער ריכטונג. מיט אַזאַ פּאָרזיכטיקייט, מיט אַזאַ אויסגערעכנטקייט, ווי בײַ אַ דערוואַקסענער.

— ווייסטו וואָס? — האָב איך זי באַרויִקט. — אָט באַלד הייבן זיך אָן די קוקורוזע־פּעלדער, דאָרטן שטייען די פּאַראַיאַריקע באַדיליעס, וועלן מיר אַ ביסל אַראָפּ פונעם וועג.

— גוט, — האָט זי אָפּגעענטפערט מיט דער זעלביקער האַכנאָעדיקייט.

דאָס טרישטשען פונעם דינעם אײַז אונטער די פיס און דאָס קלאַפּן פון די איבערגעפרוירענע באַדיליעס זײַנען געווען די אײנציקע קלאַנגען, וואָס האָבן אָנגעפילט דעם פאַרנאַכטיקן סטעפּ. אַמאָל האָבן זיי אָפּגעהילכט מיט אַ שרעקעוודיקן גערויש און אַמאָל ווי אײַנגערוימט אונדז ביידן עפּעס זייער אַ וואָזשנעם סאָד. פון ערגעץ האָט געצויגן מיט עפּעס פּײַכטן און ס׳איז שווער געווען צו וויסן פונוואַנען. צי פונעם כוטאָרישן סטאַוואָק, צי פון די קליינע קאַליוזשקעלעך, וואָס האָבן אַ כליופּע געטאָן פון אונטערן געפּלאַצטן אײַז. און ניט געקוקט אויפן פראָסט, האָט אַקשאָנעסדיק געשמעקט מיט פרילינג. סײַ פון דער ערד און סײַ פונעם הימל, אויף וועלכן ס׳האָבן זיך באַוויזן די ערשטע שטערן. צווישן די באַדיליעס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן די לעצטע רעשטלעך שניי, אויף איין אָרט, ווי אַ קליין ווײַס אינדזלעל, און אויף אַ צווייטן, ווי אַן עמעסדיקע, הויכע פאַרגלאָזיקטע קוטשעהורע. האָב איך אַלעמאָל געדאַרפט אַ נעם טאָן מירלען פאַר דער האַנט און אַ ווײַז טאָן איר, וווּהין פאַרקערעווען, אָדער ווי אַזוי אײנײנעם אַריבערשפּרינגען זיי. זי האָט מיך פאַרשטאַנען אויפן ווונק, נאָכגעפאָלגט יעדן קער מײַנעם און אַלעמאָל נאָך יעדער אַזאַ שפּרונג אַ קוק געטאָן אויף מיר און אַ שמייכל געגעבן מיט אַ פריילעכן זאָרגלאָזן שמייכל, פול מיט צוטרוי צו מיר, צו די שנייִקע קוטשעהורעס און צו אָט דעם ביז גאָר אומגעווינלעכן אָוונט.

— ווען עמעצער זאָל מיר פריִער געווען זאָגן, אַז איך וועל אַזוי־אָ... — אויסגערעדט און גלײַך אַנשוויגן געוואָרן, ניט דערזאָגט דאָס סאַמע ווּיכטיקסטע.

עפּעס האָבן געברוּיזט אין איר אירע ערשטע מיידלשע סוידעס. ס'האָבן זי ווי אונטערגעטראָגן אירע ערשטע, אַזעלכע אַנטשיידענע טריט, און זי האָט זיך געכּידעשט אַף זיך אַליין, ניט געקענט גלייבן, אַז זי וועט הײַנט בעסאָד פון אירע עלטערן אַוועק אין דאָרפּראַט נאָך אַ ספּראַווקע, אַז זי וועט הײַנט אַרומשפּאַצירן איבערן סטעפּ מיט אַ ייִנגל אָנגענומען פאַר די הענט. עפּעס האָט זיך געשלאָגן אין איר דער פאַרלאַנג אָנצוּרעדן זיך און דאָס געפיל פון עכטער סוידעסדיקייט. זי האָט אײַנגאַנצן אָנגעוווירן די אָפּהענטיקייט, געוואָרן באַ זיך אַ סאָך פעסטער, דרייסטער, און ס'איז געווען צו זען, אַז איר איז גוט און היימלעך מיט אירע סוידעס, גוט צווישן די באַדיליעס און טרישטשענדיקן אײַז.

מיר איז אויך געווען גוט. אַזוי גוט פון אָט דער אופגעקומענער היימישקייט, אַז איך האָב ניט געוווּסט, צי וועל איך קאָנען דערציילן יענער וועגן הײַנטיקן פאַרנאַכט. ווי איך בין געגאַנגען מיט אַן אַנדערער צווישן די פאַראַיאַריקע באַדיליעס, ווי כ'האָב געפירט זי באַ דער האַנט און ווי זי האָט געשמייכלט צו מיר. און אירע אויגן האָבן דערבײַ אַזוי געגלאַנצט, אַזוי געלוּיכטן, ווי עס קאָנען לויכטן אויגן פון אַ מיידל, וואָס הייבט דיר אָן געפעלן. ווער וועט מיר גלייבן, אַז איך האָב פאַרגענומען דאָס אַלץ מיט גאָר אַנדערע קאַוואָנעס...

— פאַרוואָס האָט מען דיך אַ גאַנצן טאָג ווינטער אין ערגעץ ניט געזען? — האָב איך זי געפרעגט, ווי באַ אַן אַלטער און נאָענטער באַקאַנטער.

— געזעסן איבער די ביכער... זיך געגרייט.

— נו, און איצט?

— וואָס איצט?

— פאַרוואָס זיצסטו מערער ניט איבער די ביכער?

— זיך שוין צוגעגרייט! — האָט זי אָפּגעענטפערט אַ ביסל אַרויסרופעריש.

— פאַרוואָס זשע ווילסטו ניט פאָרן זיך לערנען?

זי האָט אַ קוק געטאָן אַף מיר, ווי געוואָלט דערזען דאָס, וואָס איך האָב ניט געזאָגט מיט מײַן פראַגע.

— ווידער דאָס זעלבע... — האָט זי אַרויסגערעדט מיט פאַרביטערונג. — איר זאָלט געווען זײַן אין כאַשטשעוואַטע אַפן אַרויסלאָז־אָוונט...

מיר האָבן ווידער זיך אָנגעשטויסן אַף אַ שנייִקער קוטשעהורע, און ווײַל ס'איז שוין געווען פינצטערלעך, איז שפּרינגען געווען געפערלעך. האָבן מיר זי גאָדאַרפט אַרומגיין. און דאָס, וואָס איז געווען אַף יענעם אָוונט, האָט זי ניט באַוויזן דערציילן. נאָר טאַקע אין פאַרבינדונג מיטן אַרויסלאָז־אָוונט האָט זי אָנגעהויבן רעדן וועגן דעם, וואָס האָט די גאַנצע צײַט ניט אופגעהערט זי צו דריקן.

— פאַרוואָס? — האָט זי אויסגעשריגן. — איך וויל וויסן, פאַרוואָס האָט מען אַזוי פײַנט מײַנע עלטערן? אומעטום! סײַ דאָרטן, סײַ דאָ. פאַרוואָס?

פאַרוואָס, פאַרוואָס... ווי הייבט מען איר אָן דערציילן? ווי דערציילט מען איר דאָס אַזוי, זי זאָל פאַרשטיין? און צי קאָן מען ביכלאַל דערקלערן אַזעלכע זאַכן? און צי איז דאָס נייטיק?.. מע דאַרף, אַז זי אַליין זאָל ביסלעכווײַז אָנהייבן באַנעמען.

ניט דערוואַרט זיך אַף קיין ענטפער אַף אירע „פאַרוואָסן", האָט זי אָנגעהויבן רעדן, ווי צו זיך אַליין:

— נו, גוט, זאָל זײַן, אַז זיי... יאָ, זיי זײַנען טאַקע... אָבער איך, מיט וואָס בין איך שולדיק?

— פאַרשטייסט, מירעלע...

יאָ, אַזוי האָב איך זי טאַקע אָנגערופן, פאַרצויגן. אין דער מינוט האָט זי מיר אויסגעזען קינדעריש־אומבאַשיצט קעגן די אַלע אויספּרוּוון, וואָס איר שטייט פאָר, און מיר האָט זיך געוואָלט זאָגן איר עפּעס אַזוינס, עס זאָל איר ווערן אַ ביסל גרינגער. כאָטש מיט וואָס פאַרגרינגערן, האָב איך ניט געוווּסט.

— פאַרשטייסט, מירעלע, ס'איז ניט אַזוי פּראָסט. און מענטשן...

איך האָב זיך שוין געהאַלטן פאַר אַ דערוואַקסענעם, פאַר אַ מענטשן מיט אַ גרויסער דערפאַרונג, וואָס קאָן דערקלערן אַ קינד דעם טאָך פון מענטשלעכע געפילן:

— מענטשן רעדן זיך אַפילע ניט צונויף, דאָס קומט פון זיך אַליין. ווי זאָל איך דיר דאָס דערקלערן... דאָס זאַמלט זיך צונויף, וואַקסט אָן ניט פאַר איין טאָג, ניט פאַר איין יאָר.

איז גוט, ווען א מענטש זאַמלט אָן פאַר זיך אכטונג, ליבע... נאָר אויב כוץ האַס האָט ער מערער ניט אָנגעקליבן פאַר זיך?..

— איך פאַרשטיי, איך פאַרשטיי דאָס גאַנץ גוט, — האָט זי מיך איבערגעשלאָגן. — אָט בין איך ארויסגעטראָטן אפן ארויסלאָז־אָוונט, ארויסגעטראָטן, ווי אלע. נאָר קיינער האָט מיר ניט געגלייבט. קיינער ניט! און דאָ אויך...

— פונוואַנען ווייסטו דאָס? — האָב איך געפּרווּוט דערווידערן.

— איך ווייס, איך פיל דאָס. אין דעם, ווי אלע קוקן אָף מיר.

זי האָט אָנגעהויבן שפּאַנען פיל לאַנגזאַמער, און איך האָב געמוזט צופּאַסן זיך צו אירע טריט. זי האָט געוואָלט, אפּאָנעם, עס זאָל אזוי ניט טרישטשען דאָס אייַז אונטער די פיס, זי זאָל קאָנען רעדן שטילער, זי זאָל אליין בעסער הערן דאָס, וואָס זי זאָגט.

— איך ווייס ניט וואָס צו טאָן. איך ווייס ניט וווּהין אהינטאָן זיך. איר וועט מיר גלייבן? אָפּטמאָל ווילט זיך מיר ארײַנקריכן אין עפּעס א שפּאַרונקעלע, קיינער זאָל מיך ניט זען און איך זאָל קיינעם ניט זען. און אמאָל ווילט זיך מיר אנטלויפן ערגעץ אין דער וועלט ארײַן. דאָרט, ווו קיינער קען מיך ניט.

— צוליב וואָס דערציילסטו דאָס מיר?

— איך ווייס אליין ניט. מיר דוכט זיך...

— אז איך וועל דיך פאַרשטיין, אז איך וועל דיר גלייבן?

זי האָט ווידער א קוק געטאָן אָף מיר מיט יענעם אָנטרויעונדיקן בליק.

— איר האָט געטראָפן. נו, און זי, יענטל... זי איז טאַקע אזא שלעכטע?

ס'איז שוין געווען גוט טונקל, און מיר האָבן ניט געהאַט וואָס מוירע צו האָבן פאַר א זײַטיק אויג. און ארומבלאָנדזען אין דער פינצטער צווישן די באַדיליעס איז געווען ניט פון די גרינגע זאַכן. זײַנען מיר ארויס אפן וועג. פון יענער זײַט באַלקע האָבן אונדז באַגלייט די שיטערע פײַערלעך פון די כוטאָרישע הײַזער, און אנטקעגן האָבן אָנגעהויבן ארויספינקלען די פײַערלעך פון אונדזער יִשעוו. יענטל מעלקט איצט געוויס אירע קי, און עס קומט איר אפילע ניט אפן זינען, אז איך קלײַב זיך איבערדערציילן די געשיכטע וועגן איר שווערן זומער.

— א לאַנגע געשיכטע, מירעלע... און יענטל... פאַריקן זומער האָב איך זי אויסגעלערנט לייענען און שרײַבן. אזוי, אז מיר זײַנען שטיקלעך קרויווים... און עפּשער וועלן מיר אמאָל מיט דיר אויך ווערן שטיקלעך קרויווים... ווי מיינסטו?

איך האָב מיט דעם גאָרנישט ניט געמיינט. איך האָב בלויז געמיינט דאָס געפיל פון קרויוועשאַפט, וואָס קומט אוף צווישן מענטשן, וואָס זײַנען איינעם גיוווער שווערקײַטן, וועלכע קומען צו הילף איינער דעם אנדערן און בא וועמען עס קומט אוף איינער און דער זעלבער קוק אָף זאַכן, אפן לעבן ביכלאַל. נאָר מירל האָט דאָס אויסגעטײַטשט גאָר אָף אן אנדער אופן, ווי עפּעס א רעמעז אָף דעם, וואָס זי האָט געהאַלטן בעסאָד־סוידעס פאַר דער גאַנצער וועלט. האָט זי זיך שטאַרק באַליידיקט אָף מיר:

— נאָך וואָס רעדט איר אזוי? איך בין דען טאַקע אזא, וואָס מע מעג פון מיר אָפּשפּעטן?

— וואָס רעדסטו? מיר איז אפילע אפן געדאַנק ניט געקומען.

— אקעגן וואָס זשע?.. וועגן קרויוועשאַפט...

יאָ, ס'איז שוין טאַקע געווען גוט פינצטער און די ווײַטע פײַערלעך האָבן גאָרנישט ניט געקאָנט ענדערן. איז גוט, וואָס זי האָט ניט געזען, ווי איך בין איבערראַשט געוואָרן פונעם געדאַנק, וואָס האָט ווי א בליץ געטאָן אין מויעך און באַשײַנט מירלס הײַנטיקע אופירונג, איר אָנטרוילעכקײַט און אָפּנהאַרציקײַט גאָר אָף א נײַעם אופן. הייסט עס, אז טוליעס געפילן צו מירלען זײַנען ניט געבליבן הענגען אינדערלופטן. ווי־אזוי זשע איז דאָס געשען? און ווען? וואָס איז צווישן זיי געזאָגט געוואָרן און וואָס איז געבליבן ניט דערזאָגט? און צי האָבן זיי ביכלאַל באַוויזן עפּעס זאָגן איינער דעם אנדערן, צי עפּשער בלויז ארויסגעגעבן זייערע געפילן מיט דעם, וואָס זיי רויטלען זיך, בייס זיי דערזען איינס דאָס אנדערע, און פאַר־קערעווען גלײַך אין א זײַט? און עפּשער איז די גאַנצע געשיכטע אָן אויסגעטראַכטע?

איך בין צוגעקומען צו דער גרענעץ, ווו מײַן לעבנס־דערפאַרונג ענדיקט זיך, און ווײַטער ניט געוווּסט, ווי־אזוי און וועגן וואָס צו רעדן. איך האָב בלויז געקאָנט אין די געדאַנקען זידלען זיך דערפאַר, וואָס איך בין אזא טיפּעש און האָב ביז איצט ניט באַוויזן אָנשטויסן זיך, פאַרוואָס איז מירל אזוי צו מיר צוגעלאָזט. און דאָך... דאָך האָב איך געמוזט שוין עפּעס זאָגן. און ווידער געזאָגט ניט דאָס, וואָס מע דאַרף:

— און טוליע, ווי מיינסטו, איז אויך א שלעכטער?

זי האָט זיך א ריס געטאָן, גלײַך מע האָט זי געפּאַקט מיט עפּעס ניט קיין גוטער זאַך. ווען ס'איז ניט באַנאַכט און ווען זי האָט ניט מורא פאַר דער פינצטערניש, אַנטלויפט זי.

נאָר סײַווי איז איר סאַד שוין געוואָרן אויס סאַד. מעג זי שוין א ביסל זיך אויסרעדן דאָס האַרץ און אַפילו אויסוויינען זיך אויך:

— אז ער האָט גאָר מורא אַפילו א קוק טאָן אויף מיר!

ווי זשע האָב איך געקאָנט אינמיטנדערינען פאַרפירן א שמועס וועגן איר טאַטן, וועגן שימענען און וועגן ציבעלמאַנען? איך האָב עטלעכע מאָל געקליבן זיך עפּעס פרעגן וועגן דעם, נאָר זאָל מען זאָגן אויף מיר, וואָס מע וויל. איך האָב בעשום־אופן ניט געקאָנט אָנהייבן רעדן וועגן דעם.

אין א פּאָר טעג אַרום האָבן מיר אומגעריכט זיך דערוווּסט וועגן די געשעפטן פון אָט דעם דרײַלינג דורך גאָר אַנדערע קוואַלן. כאָטש דאָס איז געווען ניט אינגאַנצן אומגעריכט.

19

יעדן אָוונט האָט די מאַמע־מומע געוואָרעמט די מילך אין אויוון און אַרויסגעקוקט אויף טוליען. יעדן אָוונט, גייענדיק פון דער אַרבעט, האָט טוליע בײַ זיך פעסט באַשטימט, אַז היינט קומט ער אַהיים און מאַכט א סאָף צום רויגעז. נאָר מיט יעדן שפּאַן איז די פעסטקייט געוואָרן שוואַכער, ביז זי האָט אינגאַנצן ניט געשטײַעט. האָט ער פאַרקערעוועט צו אונדזער וועלוולען און ווידער פעסט בײַ זיך באַשטימט, אַז שוין מאָרגן, טאַקע מאָרגן אומבאַדינגט. און די מומע איז ביז שפּעט אין דער נאַכט געזעסן לעבן פענצטער און אַרויסגעקוקט. אַלע־מאָל איז זי צוגעקומען צום אויוון, געפּרוּווט, צי די מילך האָט זיך ניט אויסגעקילט, און ווידער זיך צוגעזעצט באַם פענצטער. און אָפטמאָל אַזוי זיצנדיק אַנשלאָפן געוואָרן.

זינט פּעסיע האָט פאַרן גאַנצן אוילעם מעוואַזע געמאַכט יענטלען און כאַים־בער איז אַוועק צו זיך אַהיים, איז דער מענער־קלוב אין יענטלס שטוב זיך צעפאַלן. ניט געווען שוין צו וועמען אַרײַנצוקומען. יענטל אַליין איז אויך יעדן אָוונט געלאָפן צו אורציען. אָן איר האָט לייע ניט געטאָרט באָדן עמעלען.

דער פרויען־קלוב איז זיך אויך צעפאַלן. וואָס צו טראָגן אויפן אופנעם־פּונקט איז ניט געווען, און גיין אַהין גלאַט אַזוי, מיט ליידיקע הענט, איז דאָך ניט שײַעך.

און ווײַל כאַצקעלעס שטוב האָט מען אָפּגעגעבן די קעלבלעך, איז דער יוגנט־קלוב אויף א שטיקל צײַט אַריבער צו אונדזער וועלוולען. דער באַלעבאָס אַליין איז אוועקגעפאָרן אין ראַיאָן אויף די קורסן פון טראַקטאָריסטן און פּײַע, די שוועגערן אונדזערע, האָט אויך ליב געהאַט, אַז מע זינגט ביז א האַלבער נאַכט. די קינדער האָט עס ניט געשטערט.

אָט אַזוי האָט פאַר איין טאָג אַלץ אויפן ישעוו זיך איבערגערוקט. קיין איין זאַך איז ניט געבליבן אויף איר נעכטיקן אָרט. ניט די פערד, ניט די קי, ניט די פאַראַיאַריקע טעלעצעס און ניט די יונגע קעלבלעך.

דוכט זיך, אַזא יונגער ישעוו, נאָך קיין יאָר ניט אַלט, נאָר געווען שוין א סאַך זאַכן, צו וואָס אַלע זײַנען געוווינט געוואָרן, געהאַלטן, אַז אַזוי דאַרף דאָס זײַן, אַז אַזוי איז דאָס טאַקע געווען פון דאָר־דוירעס. האָט עס מיטאַמאָל ניט געשטײַעט. און ס'האָט אָנגעהויבן אופקומען אַזוינס, וואָס איז דערווײַל שווער געווען אופנעמען, באַנעמען און אָפּשאַצן. און דעריקער וויסן, צי דאָס וועט זיך טאַקע לאַנג האַלטן, צי ס'איז אויך אויף א קורצער צײַט.

פון אַלע זאַכן איז דערווײַל בולעט אַרופגעשווומען איין זאַך — דער אומעט, וואָס האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט אין די פּוסט־געוואָרענע שטאַלן. זיי האָבן מיטאַמאָל אָנגעוואָרן זייער וואַרעמקייט, געמיטלעכקייט און זייערע זויערלעכע רייכעס, וואָס האָבן זיך געלאָזט הערן, ווי נאָר מע האָט אָן עפּן געטאָן די טיר פון דער שטאַל אין קיך אַרײַן. דער אומעט איז אויך געווען א קאַלטער, א פּראָסטיקער און אויך זיך אַרײַנגעכאַפּט אין שטוב אַרײַן, ווי נאָר מע האָט אָן עפּן געטאָן דאָס טירל פון דער שטאַל.

פון אַלע זאַכן איז דערווײַל יעדן קלאָר געוואָרן זײַן נײַע אַרבעט, צו וועלכער ער האָט גערדאַרפט אופשטיין יעדן גאַנצפרי. אַרבעט האָט געשטײַעט פאַר אַלע מענער, פאַר א סאַך פרויען, און יעדערער האָט גלײַך באַקומען אַזוינס, וואָס איז ענלעך אויף א שטעלע. ווער ס'איז געוואָרן א פוראַזשיר און ווער א קאָניוך, ווער א פּיציכטלער און ווער א מעלקערן, ווער א נאַכט־שומער און ווער א פּאַשעטער אָנטרײַבער. ניט אַלעמען איז געווען צום האַרצן זײַן אַרבעט, און אויב ס'איז אומעגלעך געווען דערווײַל בײַטן די שטעלע, האָט מען זיך געטישעט

מיט דעם, וואָס איינער האָט צוגעטראַכט פֿאַרן אַנדערן אַ מערער קלינגענדיקן נאָמען. פֿישל, וואָס איז געוואָרן אַ וועכטער אין קו־שטאַל, איז געקרויינט געוואָרן פֿאַר נאַכט־פּאַרוואַלטער. מײַן טאַטן האָט מען גערופֿן גאָר געהויבן — דירעקטאָר! דירעקטאָר פֿון די קעלבער־יאַסליעס. כּאָים־בער, וואָס האָט יעדן גאַנצפֿרי אָפּגעפֿירט די מילך קיין סלאַדקאָוואַדנע, האָט באַקומען גאָר אַ פֿײַנעם נאָמען — טעוויע דער מילכיקער.

אַנשל האָט אים אַוועקגעשענקט אַ בײַטש פֿון די עטלעכע בײַטשן, וואָס ער האָט געבראַכט מיט זיך פֿון כּאַשטשעוואַטע, און כּאָים־בער איז געווען אין זיבעטן הימל. ער איז געווען אַנציקט ניט אַזוי פֿון דער בײַטש, ווי פֿונעם בײַטש־שטעקל. אַ גלאַט שטעקעלע מיט רויטער קאָרע באַדעקט, אַ צווײַגעלע פֿון אַ ווײַנשלבוים, וואָס האָט נאָך ביז איצט געשמעקט מיט סאָד, מיט ווײַנשל־צוויט און אָפּטמאָל אַפֿילע מיט פֿרישן אײַנגעמאַכטס. האָט כּאָים־בער געהיט די מאַטאַנע, ווי דאָס אויג אין קאָפּ. מיט דער בײַטש איז ער יעדן באַגינען געקומען אין שטאַל, מיט איר זיך אומגעקערט אַהיים. און קעדיי ער זאָל, כּאַלילע, דעם צווייטן פֿאַר־טאָג זי ניט פֿאַרגעסן מיטנעמען, האָט ער זי שטענדיק אַוועקגעשטעלט באַם בעט צוקאָפּנס. ווען ער האָט זיך אָפּגעזעצט אַף זײַן פֿורל מיט די בידאָנעס מילך און אַ פּאַכע געטאָן מיט דער בײַטש, איז קיין גלײַכן צו אים ניט געווען אין דער וועלט.

פֿון אַלע זאַכן איז דערוויײַל קלאָר געוואָרן, אַז דאָס יאָר, וואָס איז אַוועק, דאָס ערשטע יאָר פֿונעם ייִשעוו, מיט אַלע זײַנע שוועריקײַטן, גוסרעגנס און סוכאָווייען האָט פֿאַרווער־שעוועט, ריכטיקער, אָפּגעהאַקט אין מיטן איין שטיק לעבן, און דאָס נײַע, וואָס וועט קומען, איז ניט קיין העמשעך, נאָר ווידער אַ נײַער אָנהייב.

פֿון אַלע זאַכן איז דערוויײַל קלאָר געווען דער פֿראָסט, וואָס האָט אַ נעם געטאָן גראָד דאַן, ווען מע האָט אַף אים ניט געוואַרט און ווען קיינער דאַרף אים ניט. די פֿאַרשטיינערטע הרודעס ווועלן צעפּליקן אַף שטיקלעך דאָס לעצטע ביסל שוכוואַרג, און ווער ווייסט, צי מע וועט קאָנען דערציִען מיט דער פֿאַראַיאַריקער שטרוי צו דעם טאָג, ווען מע וועט קאָנען אַרויסטרײַבן דאָס פֿי אַף דער פּאַשע.

דער איינציקער, וואָס האָט אַרויסגעקוקט אַפֿן פֿראָסט, איז געווען מיכל ציבעלמאַן. מיכל האָט אַרויסגעקוקט אַפֿן פֿראָסט, און מיר האָבן אַרויסגעקוקט אַף מיכלען. מיר האָבן ניט אַראָפּגעלאָזט פֿון אים קיין אויג. מיקאָלאַ דודניק, דער פּאָרזיצער פֿון בורלאַצקער דאָרפֿראַט, האָט אונדז געגעבן אָנצוהערן, אַז עפּעס גרייט זיך באַ זיי און אַז דאָס דאַרף ווידער זײַן מיכלס אַרבעט. וועט ער נאָכקוקן נאָך וועמען מע דאַרף באַ זיך, און מיר זאָלן נאָכקוקן נאָך מיכלען. האָבן מיר געזונגען באַ פֿײַען אין שטוב גאַנצע נעכט און פֿאַרלעכווײַז לויט דער ריי נאָכגעטשאַטעוועט נאָך מיכלס שטוב.

יענע אָוונטן זײַנען באַנײַט געוואָרן די רעפּעטיציעס פֿונעם „ווילדן מענטשן”, וואָס זײַנען איבערגעריסן געוואָרן איבער יאָסלס קרענק. יאָסל איז געווען דער רעזשיסער, און אָן אים האָט קיינער ניט געוווּסט, ווי אַ דריי טאָן זיך, ווי אַ ריר טאָן זיך און ווי אַרויס־ברענגען אַ וואָרט, כאָטש זײַן עלטערער ברודער, שמערל, שוין אַ באַוויַבטער, מיט צוויי קליינע קינדער, איז געווען אַ גאָר געהויבענער אַקטיאָר און קיין רעזשיסער ניט באַדאַרפֿט. נאָר אָן יאָסלען איז די שפּיל ניט געגאַנגען. איצט זײַנען די רעפּעטיציעס געגאַנגען ווי אַ מיזמער, און דאָס לידעלע, וואָס שמערל האָט געזונגען, האָבן אַלע שוין געקאָנט אַף אויס־ווייניק:

צי בין איך פֿון אַ שטיין געבוירן,
צי האָט מיך קיין מאַמע געהאַט...

שמערל האָט געשפּילט דעם ווילדן מענטשן, און סאָניע, יאָסלס קאַלע, — די שטיפֿמאַמע. יאָסל האָט ניט אויפֿגעהערט בייזערן זיך אַף איר, וואָס זי הערשט ניט איבער איר שטים. סאַמע דאַן, ווען זי דאַרף ברומען מיט אַ שטים פֿון אַן עמעסער קליפּע, איז באַ איר די שטים פֿול מיט געלעכטער. יאָסל בייזערט זיך, און זי, סאָניע, לאַכט ווידער. ווערט שמערל ביז גאָר אויפֿגערעגט און טוט אַ קלאַפּ אין טיש מיט דער פֿיעסע, וואָס ער האָט מיט די אייגענע הענט איבערגעשריבן, ווען זיי האָבן זיך שוין געקליבן אין וועג אַרײַן.

— איך קאָן מער ניט, — שרײַט ער אַף אונדז אַלעמען, — שטעלט אַוועק עמעצן אַנדערש אַף סאָניעס אָרט, ווײַל דאָס איז ניט קיין שטיפֿמאַמע, דאָס איז אַ דער־רועך־ווייסט־וואָס. לאַכט סאָניע נאָך שטאַרקער, און ס'ווערט אויס רעפּעטיציע. און קעדיי באַרויִקן אַלעמען, האָט יאָסל אָנגעהויבן זינגען זײַן באַליבט לידל:

ווען איך זאָל זײַן דער בוירעיי־אוילעם,
ווייסט איר, וואָס איך וואָלט געמאַכט...

און דאָ איז אַרײַנגעלאָפֿן סאָניעס ייִנגערער ברודער, יאָשע, דער סאַמע עלטסטער פֿון אַלע זיבן ייִנגערע ברידערלעך און שוועסטערלעך.

— ער איז אַוועק, — האָט יאָשע אַרויסגערעדט אַ פּאַרסאָפּעטער, — אַוועק קיין בורלאַצק מיט די גערטנער.

— גייען מיר, — האָט יאָסל זיך אַ ריס געטאָן צו דער טיר און אָפּגיך אַרופֿגעצויגן אויף זיך זײַן פּעלצל.

— און איר, מיידלעך, גייט אַהיים, — האָט באַפֿוילן טאַליע, דער סעקרעטאַר פֿון קאָמיוגישן קעמערל.

— ווּהין אַזוי שפּעט? — איז פּײַע געוואָרן אומרויִק.

— אָן סאַקאָנעס, — האָב איך זי באַרויִקט. — אַ ריין ייִנגלשער שפּאַציר.

— יאָסל, היט זיך, זאָלסט זיך ניט צוקילן! — האָט סאָניע זיך אָנגערופֿן, אַרומבינדנדיק אים דעם האַלדז מיט איר שאַל.

יאָסל האָט זיך אַ קרים געטאָן, נאָר גאָרנישט ניט געזאָגט. דערפֿאַר האָט שמערל געגנערט נעקאָמע פֿון סאָניען:

— זע, אַז זי וויל, קאָן זי דאַפֿקע. גאָר אָן אַנדער שטים!

אין דרויסן האָט געשאָטן אַ שניי. ניט קיין עמעסדיקער שניי, נאָר אַ קליין שנייעלע. ס'איז אַפֿילע שווער געווען צו זאָגן, פֿונוואַנען האָט זיך דאָס גענומען. דער הימל איז געווען באַנאַכטיק־לויטער און ריין, גלײַך עמעצער האָט אים נאָרוואָס צוגעראַמט... בלויז ערגעץ אין אַ זײַט, פּאַרורקט אין אַ ווינקעלע, האָבן זיך געוויגט אַ פּאָר ווײַסע כמאַרעלעך, פּעסט צוגעטוליעט איינס צום אַנדערן. שיטערע שנייעלעך, ווי זילבערנע שטערנדלעך, האָבן אַרומגעבלאָנדזשעט אינדערלופֿטן. אָט האָבן זיי זיך אַראָפּגעלאָזט נידעריקער און אָט ווידער זיך אַ הייב געטאָן, גלײַך געוואָלט אַוועקפֿליִען צוריק אין הימל. אָן אַנדערס מאָל וואָלטן מיר אָפּגעוועקט דעם גאַנצן ייִשעוו, אַלע זאָלן זען, ווי אינמיטן דער נאַכט ווערט געבוירן אַ ליבע וואַרעמקײַט. זי איז נאָך זייער שוואַך, די וואַרעמקײַט, קוים, וואָס מע פֿילט זי, מע קאָן אויך ניט זאָגן, אַז ס'האָט פֿון ערגעץ אַ בלאָז געטאָן אַ וואַרעם ווינטעלע, ווײַל קיין ווינטעלע איז אינגאַנצן ניטאָ, נאָר קיין קעלט איז שוין אויך ניטאָ. און ס'דוכט זיך אַפֿילע, אַז די הרודעס זײַנען אַ ביסל ווייכער געוואָרן. בלאָנדזשען אַרום די שיטערע שנייעלעך, אייניקע פֿליִען אַוועק צוריק אויפֿן הימל, אַנדערע פֿאַלן אַראָפּ אויף דער ערד און ווערן גלײַך פֿאַרשוווּנדן.

יאָסעלען קיצלט אין האַלדז די ניט־דערזונגענע ליד, און ער הייבט אָן אָפּסניי:

וועןן איך זאָל זײַן דער בוריי־אוילעם,
וייסט איר, וואָס איך וואָלט געמאַכט...

— שטילער, — רוף איך זיך אָן. — דו וועסט אונדז אַלעמען אויסגעבן.

— וואָס „שטילער“, דו ווייסט דאָך ניט, וואָס איך וואָלט געמאַכט!..

ער איז הײַנט זייער אויפֿגעלעבט, יאָסל. אים איז גוט, וואָס ער איז ווידער אויף די פֿיס, וואָס ער האָט זיך ווידער גענומען פֿאַר די רעפּעטיציעס און וואָס ער קאָן הײַנט שפּאַצירן אײנייִעם מיט אַלע כעוורע איבערן באַנאַכטיקן סטעפּ. און — פֿאַרשטייט זיך, ווען ער זאָל זײַן דער בוריי־אוילאָם, וואָלט ער אויפֿגעטאָן אַ סך זאַכן. ערשטנס, וואָלט ער געמאַכט, זײַן פּעלצל זאָל אַזוי ניט קנאַקן פֿון יעדער קער, דאָס אײַז זאָל אַזוי ניט טרעשטשען אונטער די פֿיס, און די בורלאַצקער הינט זאָלן אַזוי ניט האַווקען. ער וואָלט געמאַכט, אַז ס'זאָלן ביכלאַל ניט זײַן אויף דער וועלט אַזעלכע ציבעלמאַנס, מע זאָל ניט דאַרפֿן נאַכטשאַטעווען זיי און פֿירן איבער זיי גאַנצענע נעכט. ער וואָלט געמאַכט, אַז באַ אַלעמען זאָלן זײַן געזונטע לונגען, מע זאָל ניט דאַרפֿן אַזוי היטן זיך פֿאַרן פֿראָסט און דער הוסט זאָל אַזוי ניט דאַקוטשען. ווײַל אָט, טאַקע דער הוסט...

און כאַטש מיר האָבן זיך צעשיט איבער דער באַלקע אין אַ שיטערער קייט, מיר זאָלן אַרײַנקומען אין כוטאָר אומבאַמערקט, האָבן די הינט זיך צעהאַווקעט, וואָס אַמאָל שטאַרקער.

— טוליע, פֿאַרוואָס ווילסטו מיט איר זיך ניט דורכריידן?

אַ לעפּישע פֿראַגע. נאָך מער לעפּישער, וואָס איך האָב זי געפֿרעגט גראָד הײַנטיקע נאַכט. נאָר ביז איצט איז עפּעס ניט אויסגעקומען. האָט ער מיך אַ כאַפּ געטאָן פֿאַרן אַרבל און אַ דערשראָקענער זיך אַרומגעקוקט, צי ס'גייט ניט קיינער נאָענט לעבן אונדז.

— מיט וועמען?

— מיט מירלען, — האָב איך אָפּגעענטפֿערט, גלײַך דאָס איז שוין לאַנג פֿאַר קיינעם ניט קיין סאָד.

— מיט מירלען?

— יאָ, מיט מירלען. מעגסט זיך מיט איר דורכשמועסן.

— פונוואנען ווייסטו דאָס?

— איך האָב גערעדט מיט איר.

— דו מיט איר?

— ריכטיקער, זי מיט מיר.

איז דאָס געוועזן פאר אים נאָך מערער אומדערוואַרט.

— זי מיט דיר?

— יאָ, זי איז געוועזן אין דאָרפּראַט. דערנאָך זיינען מיר ביידע געגאַנגען אהיים און געשמועסט. דעם גאַנצן וועג געשמועסט. דאָס האָט זי מיר טאַקע וועגן ציבעלמאַנען דערציילט.

— עס קאָן ניט זיין!

— אזעלכע זאַכן טראַכט מען ניט אויס.

— ריכטיק, אָבער...

— „אָבער, אָבער"... האָסט כאָטש געפּרווּווט אמאָל א קוק טאָן אף איר?

— א קוק טאָן... וואָס הייסט בא דיר א קוק טאָן?

דער הימל איז געווען ריין, און דאָס שנייעלע האָט ניט אופגעהערט צו שיטן. און דאָס איז פאַר אונדז אלעמען געווען א רעטעניש. נאָר מיר האָבן געדאַרפט טרעפן פיל וויכטיקערע, ריין ערדישע סודעס. וויפל פורלעך ווייץ האָט ציבעלמאַן איינגעקויפט, און וויפל וועט ער היינטיקע נאַכט ארויספירן? פון וועלכע הויפן און מיט וועלכע וועגן? צי וועלן זיי זיך לאָזן מיט די גערטענער קיין סאַמוילאָווקע, צי וועלן זיי אומיסטן פאַרפּלאָנטערן די שפּורן און אוועק אף נעטשייעווקע? זיי קאָנען אויך לאָזן זיך דורך ראַטנדאָרף, זיינדיק זיכער, אז די וועגן פון די איבערוואַנדערישע ייִשוּווים זיינען ווייניקער באוואַכט. וועגן די אלע זאַכן האָבן מיר ניט באוויזן א טראַכט טאָן. נאָר מיקאַלאַ דודניק, וואָס האָט אין דעם פּראַט א פיל רייכערע דערפאַרונג, האָט אלץ אויסגערעכנט, נאָך איידער מיר זיינען געקומען. ער האָט שוין געהאַט א פאַרטיקן פּלאַן, וויאזוי פאַנאַנדערטיילן סיי זיין אקטיוו, סיי אונדזערן אזוי, אז אויב היינטיקע נאַכט וועט יאָ עפּעס געשען, זאָל שוין קיינער פון אונדזערע הענט ניט ארויס.

ער האָט גענוי איבערגערעכנט פאַר אונדז אלע מעגלעכע וואַריאַנטן און די גאַנצע צייט זיך איינגעהערט אינעם בילן פון די הינט. ער האָט געקענט די כוטאָרישע הינט אלע ביז איינעם, יעדערן לויט זיין שטים און לויט זיין נוסעך, און געפּרווּווט לויט דעם פעסטשטעלן, ווען און פון וועלכן הויף ס'וועט ארויספאָרן א פורל.

איך בין אים מעקאַנע געווען, מיקאָלען, אף זיין דערפאַרונג, אף זיין באַדאַכטקייט, אף זיין קלאָרן געדאַנק און אויך אף דער אָרדענונג בא אים אין דאָרפּראַט. די טישלעך זיינען מיט רויטן ליינוואנט באַדעקט, די טינטערלעך — אויך, ווי בא ליַיטן, און אף די ווענט — אלע פּלאַקאַטן, וואָס דאַרפן הענגען אין א דאָרפּראַט, וואָס גיבן אים צו כשיוועס און אָפּשיי.

פאַרן ווינטער האָב איך מיקאָלען קימאַט ניט געזען, און איצט האָט ער מיר אויסגעזען שטאַרק געעלטערט. ניט אזוי געעלטערט, ווי אויסגעצערט. זיין איינגעפאַלן פּאָנעם איז געווען ווי באַדעקט מיט עטלעכע שיכטן, איינער פונעם אנדערן פאַרדייגעטער, איינער פונעם אנ־דערן שטרענגער, אָנגעפילט, אָנגעזאַפּט מיט פיל איבערגעלעבטן און איבערגעטראַכטן. מעג־לעך, אז געוווּמען האָט זיך דאָס פון דער שיין, וואָס האָט זיך שטאַרק געמינעט, בייס ער האָט ארומגעשפּאַנט איבערן צימער, שווער איבערשטעלנדיק זיין הילצערנעם פוס. אלעמאָל האָט די שיין פונעם לעמפּעלע אף א ווייַלע באַלויכטן זיין פּאָנעם, און אלעמאָל האָט דאָס פּאָנעם אויסגעזען א ביסל אנדערש.

און דער פוס... דער הילצערנער פוס מיטן אייזערנעם רינגעלע אפן ברעג, א רינגעלע, ווי אן איַיזערנע פּידקאָווע, וואָס האָט בא יעדן טראַט א קלאַפּ געטאָן און אָפּגעהילכט מיט עפּעס א פאַרדומפּענעם קלאַנג. א קלאַנג, וואָס קומט פון גאָר וויַיט, פון די לאַנג פאַרשוווּנ־דענע יאָרן. פון יענע רוישיקע יאָרן פון בירגערקריג, פון יענע בלוטיקע שלאַכטן, אין וועלכע ער האָט דעם פוס פאַרלוירן.

אין דאָרפּראַט זיינען מיר געבליבן אינדריַיען, יאָסל האָט זיך אויך געקליבן אוועק מיט די כעוורע, נאָר טאָליע, דער סעקרעטאַר פון קאָמיוגישן קעמערל, וואָס איז אין דער נאַכט געווען אויך דער קאָמאַנדיר פון אונדזער גרופּע, האָט א זאָג געטאָן קאַטעגאָריש:

— דו, יאָסל, בלייבסט דאָ. מיר דאַרפן נאָך, דו זאָלסט זיך צוקוקן פאַר היינטיקער נאַכט. סאָניע וועט אונדז פאַרשטעלן.

האָט יאָסל ווידער זיך א קרים געטאָן און געבליבן.

מיקאַלאַ האָט אַלץ זיך צוגעהערט צום בילן פֿון די הינט און אַלעמאָל אָנגערופֿן דעם נאָמען פֿונעם באַלעבאָס, פֿון וועמעס הויף ס׳איז נאַרוואָס ארויסגעפֿאָרן אַ שוואַר־אָנגעלאָדע־נער וואָגן. ער האָט קלאָר געזען פֿאַר זיך אַלץ, וואָס ס׳קומט פֿאָר אין דאָרף. וויאַזוי אַ פֿורל פֿאָרט ארויס פֿונעם הויף און וווהין עס פֿאַרקערעוועט. דערנאָך האָט ער שוין קלאָר געקאָנט באַשטימען, וווהין די פֿורלעך וועלן זיך צונויפֿפֿאָרן. ווײַל אין דעם איז דאָך באַשטאַנען דער טאָך פֿונעם איניען — פֿאַרכאַפּן ניט איין פֿורל, ניט צוויי, נאָר אַלע פֿורלעך מיטאַמאָל, אַלע, וויפֿל עס זאָלן ניט זײַן. גאַנץ מעגלעך, אַז דערפֿאַר האָט ער זעלטן ווען ארויסגערעדט אַ וואָרט. ער האָט זיך צוגעזעצט לעבן פֿענצטער, גערייכערט אַ ציגאַרעט פֿון גאָר האַרבער בייזער מאַכאָרקע און אָנגעשטרענגט זיך אײַנגעקוקט אינעם געדיכטן רויך, וואָס איז אונדז פֿאַרגאַנגען אין דער נאָז. געריכערט, געשוויגן און זיך אײַנגעהערט.

בלויז דאַן, ווען די הינט האָבן ביסלעכווײַז אופֿגעהערט צו בילן און דאָס האָט פֿאַר אים געהייסן, אַז אַלע פֿורלעך זײַנען שוין ארויסגעפֿאָרן, האָט ער זיך אָפּגעקערעוועט פֿונעם פֿענצטער און אַ זאָג געטאָן:

— עס דאַרף זײַן אַ פֿורלעך צען. איין זאַך פֿאַרשטיי איך ניט: צי דען האָבן זיי זיך טאַקע געלאָזט דורך יאַנטשורער כוטאָר? כיטרע!

ערשט איצט זיך דערלויבט אַ שמועס טאָן.

— וואָס זעט מען דיך אַזוי זעלטן, באַכערל? — האָט ער זיך אָנגערופֿן צו מיר. — פֿאַרט שכיינים. און דער איניען אונדזערער...

— איר ווייסט ניט? מע איז אַזוי פֿאַרנומען!

— איך ווייס, איך ווייס. און די קאָמונע אײַערע? באַ אײַך קומט עס אָן גרינגער.

— ניט אַזוי גרינג.

— פֿאַרשטייט זיך, ניט גרינג. זי זאָל זיך נאָר האַלטן, די קאָמונע...

עפּעס האָט ער נאָך געוואָלט זאָגן אין שײַכעס מיט דער קאָמונע און ניט געזאָגט. עפּשער ניט געוואָלט זאָגן, און עפּשער האָט עפּעס אַ הונט מיט זײַן באַזונדערן בילן פֿאַרכאַפּט זײַן געהער. איז ער אַנשוויגן געוואָרן און אײַנגעהערט זיך. און די אויגן, די מידע אויגן זײַנע, האָבן ווי אײַנגעקוקט זיך אין זיך אַליין. וואָס האָט ער געזען דאָרטן, אין די טיפֿע טיפֿעניש פֿון זײַן איבערגעלעבטן און איבערגעטראַכטן? ווען אין דרויסן איז געוואָרן אַ ביסל שטילער, האָט ער ווידער אָנגעהויבן רעדן, נאָר שוין וועגן עפּעס אַנדערש. געוויס וועגן דעם, וואָס ער האָט נאַרוואָס געטראַכט, ריכטיקער — וועגן דעם, וואָס ער טראַכט די גאַנצע צײַט, וועגן דעם, וואָס לאָזט אים ניט רוען ניט באַטאָג און ניט באַנאַכט. דורך די פֿיל פֿאַרשיידענע אָנשיכטונגען איז ארויס אָפֿן אויבערפֿלאַך און אַ פֿלאַם געטאָן דאָס פּאָנעם פֿון אָפּענעם צאָרן.

— זיי ווילן אונדז... פֿאַרן האַלדז ווילן זיי אונדז! נאָר מיר וועלן ניט לאָזן!

ארויסגערעדט, ווי געעקריגט זיך מיט עמעצן. ס׳האָט אים ווי אַ הייב געטאָן פֿונעם בענקל, און ער האָט ווידער געמומען שפּאַנען איבערן צימער, אויסקלאַפּנדיק מיטן הילצער־נעם פֿוס עפּעס זייער אַ לאַנגאַניקס.

— איין זאַך פֿאַרשטיי איך ניט. פֿונוואַנען נעמען זיך אָט די גוטינקע? זיי ווילן זיך ניט קריגן מיטן באַלעגוף. ווי זאָגט מען עס — אי נאַשים, אי וואַשים. איר האָט געלייענט?

— פֿאַרשטייט זיך, געלייענט, — האָט יאַסל אָפּגעענטפֿערט.

איך האָב אויך געלייענט, נאָר איך האָב ניט באַוויזן אַ טראַכט טאָן וועגן דעם, ניט באַוויזן צומעסטן דאָס צו זיך, צו די איניאַנים און געשעענישן פֿון אונדזער דאָרפֿראַט.

— יאָ, דער באַלעגוף, ער איז אַזאַ... — ער איז אים געלעגן גוט אין די ביינער, דער באַלעגוף. און ער האָט ניט אופֿגעהערט טראַכטן וועגן אים, — דו לאָז אים נאָר. פֿאַרן גאָרגל וועט ער דיך אַ נעם טאָן. דאָס זײַנען דאָך די זעלבע מאַכנאָווצעס, אויב ניט ערגער. דעמלט האָב איך דעם פֿוס פֿאַרלוירן, און איצט זײַנען זיי גרייט דעם קאָפּ אַראָפּנעמען.

יאָ, מיקאַלאַ האָט געוווּסט אַ סאַך מערער פֿון מיר און פֿון יאַסלען. זײַן געראַנגל מיטן באַלעגוף האָט זיך געצויגן פֿיל יאָרן. און פֿאַר אים אַליין האָט דער קלאַנג פֿון זײַן הילצער־נעם פֿוס געזאָגט פֿיל מערער.

זײַן אויער האָט, אַפּאָנעם, אופֿגעכאַפּט דאָס, אָף וואָס ער האָט לאַנג געוואַרט. אָף זײַן פּאָנעם האָט אַ שײַן געטאָן אַזוינס, וואָס האָט גלײַך אָפּגעווישט אַלע פֿריִערדיקע אָנשיכטונ־גען, געמאַכט דאָס פֿולער, גלאַטער, קײַלעכדיקער.

— יאָ, אַזוי האָב איך טאַקע געקלערט, — האָט ער אַ זאָג געטאָן, און די אויגן האָבן אַ בליץ געטאָן זיגעריש־מונטער. ער איז געוווען ביז גאָר צופֿרידן, וואָס זײַנע האַשאָרעס האָבן זיך באַשטעטיקט. — שטעלט אײַך פֿאָר, זיי האָבן זיך טאַקע געלאָזט דורך יאַנטשורער כוטאָר. מיך געוואָלט איבערכיטרעווען! נו, זיי וועלן באַלד זײַן דאָ.

באפרײַט זיך פון דער אָנשטרענגונג, וואָס האָט די גאַנצע צײַט אים געהאַלטן, ווי אין קלעמען, איז ער געוואָרן ברײדעוודיק:

— אוך, אָט דאָס יאַנטשורער כוטאָרל! אַ באַנדיטישע נעסט. צוויי הײַזער אױף איין הויף, און שוין. בײס דער מאַכנאָווישטשינע איז דאָס געווען אָנגעשפּיקעוועט מיט געווער און מיט באַנדיטן. מיר האָבן דאָרטן אַפילו איינמאָל געגעצטיקט מיט די מאַכנאָוצעס אײנײנעם. אין איין שטוב זײ, אין דער צווייטער מיר. און דער באַלעבאָס איז אַרומגעלאָפן פון איין שטוב צו דער צווייטער און אַלעמאָל אַרויסגעשטעלט אױף די טישן עפּעס אַנדערש. ווי געפעלט אײַך אַזאַ סיטואַציע? בײס אַ מילכאָמע טרעפט אַלץ. נאָר ער וועט שוין ניט לאַנג באַלעבאָטעווען. פאַקטיש איז ער שוין אַנטבאַלעגופּעוועט. מיר וואַרטן אױף אַ באַשטימונג פון ראַיױספּירקאָם. נו, איר הערט? זײ פאָרן שוין אַהער.

דאָס שנײעלע האָט, ווי פריִער, אַרומגעבלאָנדזשעט איבער דער באַנאַכטיקער וועלט און אַלץ ניט געקאָנט געפינען קיין נאַכטליג. כמאַרעס אַפּן הימל איז געוואָרן וואָס אַמאָל מערער. די לעוואָנע, וואָס האָט פריִער פרײַ באַקוקט די ערד, האָט איצט געמוזט אַרויסשטעקן דעם קאָפּ אַלע מאָל פון אָן אַנדער פענצטערל. אָן אַבאָז פון צען פורלעך האָט זיך אויסגעשטעלט לעבן דאָרפראַט. געשטאַנען שטיל, ווי פאַרטײַעט דעם אָטעם. מע האָט בלויז געהערט, ווי די פערד סאָפּען הויך און צופרידן, וואָס מע לאָזט זײ אָפּדעכצן. מיקאָלאַ האָט מיט אַ בײזער פײַערלעכקײַט אַרומגעשפּאַנט פון וואָגן צו וואָגן, און דער קלאַפּ פון זײַן הילצערנעם פוס האָט אָפּגעהילכט אין דער נאַכט, וועקנדיק און וואָרענענדיק. בא יעדן וואָגן האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, אַ טאַפּ געטאָן עפּעס אַ זאַק און אַ קוק געטאָן אינעם פּאָנעם פונעם באַלעבאָס.

— דאָס ביסטו, קירילאַ? און איך האָב געמיינט...

— וואַסילי איוואַנאָוויטש? וואָס ווילסטו איצט זאָגן?

— אָ, סעמען מיכײַלאָוויטש! איך בין איבעראַשט!

ס'איז געווען קלאָר, אַז יעדער רעפּליקע האָט איר טיפן באַטײַט, אַז דאָס איז אַ פּאָר־זעצונג פון עפּעס אַ ניט־פאַרענדיקטן שמועס, פון אַ לאַנגן סיכסעך, וואָס ער פירט מיט זײ אַ גאַנצן ווינטער. און מעגלעך, ניט איין יאָר. איך האָב זײ ניט געקענט, און זייערע אַראָפּגע־לאָזטע קעפּ, די טעמפּע בליקן זייערע האָבן מיר ווייניק וואָס געזאָגט, כאָטש פאַרשטיין זײ איז געווען ניט שווער. נאָר מיכל ציבעלמאַנס בליק! ער איז געשטאַנען לעבן איינער פון די מיטלסטע פורן, און אַפילו באַ דער קנאַפּער לעוואָנע־שײַן האָט מען געקאָנט זען, ווי דאָס פּאָנעם זײַנס איז איין רויטער אויסגוס. און די אויגן זײַנע... יאָ, טאַקע די אויגן. ווײַל דאָס גאַנצע פײַער איז געקומען פון זײ, אַ הייס און בײז פײַער, וואָס איז גרייט געווען אונטערצינדן, פאַרוואַנדלען אין אַש אַלץ אַרום זיך. זײ האָבן די גאַנצע צײַט אַרומגעטאַנצט פון איינעם צום אַנדערן, געזוכט די כעוורע פון אונדזער יִשעוו און אױף יעדן אַ קוק געטאָן אַזוי, אַז יענער זאָל וויסן, אַז ער האָט אים דערקענט און פאַרגעדענקט. און אַז ס'וועט קומען די צײַט, וועט ער זיך אָפּרעכענען. יאָ, ער איז גערעכט געווען, מיקאָלאַ, — לאָז זײ נאָר, וועלן זײ אונדז אַ נעם טאָן פאַרן גאָרגל.

— איך מיין אַזוי, — האָט מיקאָלאַ זיך אָנגערופן נאָך דעם, ווי ער האָט דורכגעשפּאַנט לענגויס דעם אַבאָז און געזאָגט יעדערן דאָס, וואָס ער האָט געדאַרפט זאָגן. — מיר האָבן הײַנטיקע נאַכט אײנײנעם געהאָרעוועט, אײנײנעם ניט געשלאָפן, קומט די פורלעך צעטיילן אױף האַלב. און איך ווייס דאָך, אַז מיט זריִע איז באַ אײַך אַפּן יִשעוו פיל ערגער.

אַפילו אַ שמייכל געטאָן. דאָס ערשטע מאָל פאַר דער נאַכט. און אַפילו זיך דערלויבט מיר אַ קלאַפּ טאָן אין דער פּלייצע:

— אָט אַזוי, ברודערקע. גיב איבער אַ גרוס כאַדאָסן מיט שלאַכטערן און זאָג זײ, אַז דאָס גיבן מיר אַ האַלוואָע דער קאָמונע. פון דער נײַער געוועטעניש וועט איר אומקערן אונדזער קאָלווירט.

אָפּגעציילט פינף פורלעך און זיך אָנגערופן צו איינעם פון די באַלעבאַטים:

— אױף דײַן פאַראַנטוואָרטלעכקײַט, קירילאַ. אַז איר וועט אויסלאָדן די פורלעך, זאָלט איר טייקעף קומען אין דאָרפראַט. מירן באַלד צונויפרופן אַ זיצונג, וועלן מיר באַשטימען.

איך ווייס ניט, פאַרוואָס ער האָט מיר אַזוי לאַנג און פעסט געדריקט די האַנט. עפּשער פאַר דער נאַכט, וואָס מיר האָבן פאַרבראַכט אײנײנעם, און עפּשער, איך זאָל בעסער פאַר־שטיין דאָס, וואָס ער זאָגט מיר.

— און איר, מיט אײַערן, טוט ווי איר פאַרשטייט. כ'מיין, ווי דער דאָרפראַט וועט באַשטימען.

מיר זײַנען שוין היפּש אָפּגעפאָרן, ווען מיר האָבן דערהערט מיקאָלאַס שטים:

— די זעק, כעוורע, די זעק זאָלט איר אומקערן!

איז באשערט געווען דער ניט־פאַרענדיקטער שול, וואָס האָט דערוויַיל געדינט פאַר א שפּיַיכלער, זען איך אזא באַגינען — אַן ערעוו־פרילינגדיקן, א האַלב־פּראַסטיקן און א האַלב־נעפלדיקן, ווען דער פאַרדומפּענער קלאַנג פון די שווער־אָנגעלאָדענע וועגענער האָט א ביסל צו פרי אופגעוועקט דעם יישעוו, ארויסגעיאָגט אַלעמען פון די הײַזער נאָך האַלב פאַרשלאָ־פענע און צונויפגעזאַמלט צו דער שול אַלעמען, פון קליין ביז גרויס.

ס'איז געווען באַ וואָס אָן ארבעט צו טאָן. מע האָט געדאַרפט אויסלאָדן די וועגענער, איבערוועגן און ארויסגעבן יעדערן א צעטעלע. דרײַ הונדערט פוד זריִע איז געווען פאַר אונדזער יישעוו ניט קיין קלייניקײַט. נאָר מערער פון דער זריִע איז פאַר אַלעמען געווען דער איניען ציבעלמאַן. איז געווען וואָס אַרומצורעדן. ווער ס'האָט געסמאַצקעט מיט די ליפּן, ווער ס'האָט געפּליעסקעט מיט די הענט, ווער ס'האָט ארויסגעזאָגט זײַן אַנציקונג און ווער אופּגעבראַכטקײַט. פּישל שוסטער, באַ וועמען ציבעלמאַן האָט ארויסגערופן א כשאַד פון דער ערשטער באַקאַנטשאַפט און ווער ס'האָט געקרוינט זײַן שטוב מיטן נאָמען „דער פּוילער עק", האָט זיך אָנגערופן:

— אַלץ קומט ארוף, ווי בוימל אַף וואַסער.

אפילע שימען דרייפוס, וואָס איז גלײַך מיט אַלע געקומען צו לויפן אַף דעם בײַזוווּנדער, ווי ער האָט געזאָגט, און אַלעמאָל אונטערגעשטעלט א פּלייצע אונטער אַן אַנדער זאַך, האָט ניט אופגעהערט צו שיטן מיט שטעכווערטלעך:

— אײַ, גאַנאָווים, אײַ, גאַזלאָנים! גיי ריכט זיך!

בלויז לײַבעש איז ניט געווען צופרידן מיט דער געשיכטע. ער האָט געהאַלטן, אַז דאָס איז ניט קיין יידישע זאַך. ס'איז ניט שיין אונטערקוקן, וואָס יענער טוט. און ווידער, ווי נעמט מען עס צו דעם ווייץ באַ די כוטאָריאַנער? ס'איז ניט לײַטיש.

— מע זאָגט דאָך אײַך, דאָס איז בלויז א האַלוואַ! — האָט שימען אים געגעבן צו פאַר־שטיין. — מע וועט דאָס דאַרפן אומקערן. מיט פּראָצענטן.

און צוגעגעבן מיט אַן אָנצוהערעניש:

— נאָך מיט וועלכע פּראָצענטן!

מיכל ציבעלמאַן איז געשטאַנען א ביסל ווײַטער, אַן ארומגערינגלטער מיט א וואָך. טאַקע מיט די זעלבע כעוורע, וואָס זײַנען הײַנטיקע נאַכט ניט געשלאָפן. ס'איז געווען א גרונט כוישעד צו זײַן, אַז באַ דער ערשטער געלעגנהײַט וועט ער זיך אָפּטראָגן.

מיכל האָט אויך באַוויזן אָפּקילן זיך, און באַ דער באַגינענדיקער שײַן האָט זײַן פּאָנעם אויסגעזען אומגעווײנלעך בלייך. נאָר אין די אויגן איז געבליבן דער זעלבער בייזער בליק.

עפּעס איז טאַקע פאָרגעקומען הײַנטיקע נאַכט אזוינס, בייס דער וועטער האָט זיך געענדערט. אָן שום ראַש און אָן שום טראַסק. ס'איז אפילע קיין ווינטעלע ניט געווען, נאָר איבערן סטעפּ איז געבליבן העגנען אזוינס, וואָס האָט אָפּגעשטעלט דאָס ווינטערדיקע, דאָס פּראָסטיקע אײַנמיטן וועג און ווײַטער גיין ניט געלאָזט. און געעפנט די טויערן פאַר ווארעמע ווינטן. ס'האָט איצט קיינער ניט געפרווּט נעוויִעס זאָגן, ווען וועלן זיי אָנקומען, די ווארעמע ווינטן, ווען וועט קומען דער עמעסער פרילינג, נאָר אַלע זײַנען געווען זיכער, אַז די וועגן פאַר אים זײַנען אָפן. ווײַל אפילע דער נעפּל, וואָס איז געקומען נאָכן באַנאַכטיקן שנייעלע, איז שוין אויך געווען גאָר אַן אַנדערער. ער איז געווען ניט אזא קאַלטער, ניט אזא עסעריי־קער און האָט געשמעקט אויך גאָר אַנדערש. ער האָט געשמעקט מיט גראָז.

אזוי איז ער אָנגעקומען, דער טאָג, און ס'איז צײַט געווען גיין קיין סלאַדקאָוואָדנע. מיקאָלאַ האָט שוין געוויס באַוויזן צונויפרופן די מיטגלידער פון דאַרפראַט. דאַרף איך אויך טאָן דאָס זעלבע. איך ווייס ניט, וועלכע מיטלען וועט בורלאַצקער דאַרפראַט אָנעמען צו זײַניקע, איך ווייס אויך ניט, וואָס וועלן מיר באַשטימען אַף דער זיצונג פון אונדזער דאַרפ־ראַט. איך ווייס נאָר, אַז ציבעלמאַן דאַרף באַשטראָפט ווערן. ס'איז נאָר א שאָד, וואָס שיי־מען מיט אײַזיקן וועלן בלײַבן אין א זײַט. כאָטש אַלע ווייסן, אַז זיי האָבן אין דעם אַלעמען דעם גרעסטן כיילעק. שימען איז אָפּגעקומען מיט א קרעכץ און מיט עטלעכע שטעכווערטלעך, גלײַך ער איז גאָט די נעשאָמע שולדיק, און אײַזיק איז אפילע ניט ארויסגעקומען. יאָ, אײַזיק איז אַף אזעלכע זאַכן, ווי שימען, ניט פייִק. ער וואָלט ניט געקאָנט שפּילן אזוי, ווי שימען, אזוי ווערטלען זיך, אזוי טאַסקען די זעק, ווען באַ אים אינווייניק קאָכט און זידט. אײַזיק איז נאָך צו אזא מאַדרייגע ניט דערגאַנגען.

אָט אזוי, אפּגיך איבערגעקײַט, זײַנען מיר אוועק אין דאַרפראַט און באַפוילן ציבעלמאַ־נען גיין מיט אונדז. אפן ברעג פון יישעוו האָבן מיר זיך געמוזט אָפּשטעלן, ווײַל מיכל האָט געבעטן ארויסרופן זײַן מעריִן, זי זאָל אים מיטגעבן עפּעס עסן, די זאַך איז, פאַרשטייט זיך, געווען ניט אינעם עסן, נאָר אין זייער שטומען שמועס, אין זייער איבערווינקען זיך, בייס

װעלכן זיי האָבן באַװיזן זאָגן אײנער דעם אַנדערן אַלץ, װאָס זיי האָבן באַדאַרפֿט. נאָר מיר האָבן דאָס ניט פֿאַרשטאַנען.

דערנאָך זײַנען מיר געגאַנגען און געשװיגן. אַלע זײַנען מיר געװען מיד פֿון דער נאַכט און עס איז שװער געװען אַרױסרעדן אַ װאָרט. און קיין פּאַסיקע לידער אַף אונטערמונטערן זיך זײַנען אויך ניט געקומען אַפֿן געדאַנק. אַלע לידער זײַנען געװען אױסגעזונגען נעכטן באַ פֿײַען אין שטוב און אַפֿן װעג קיין בורלאַצק. איצט האָט זיך עפּעס ניט געזונגען. און געװיס איז באַ יעדערן, פּונקט װי באַ מיר, געװען אין מויל עפּעס אַ מין ביטערקייט אַף ניט אויסצושפּײַען און ניט אַראָפּשלינגען. פֿאַר דעם גאַנצן זומער און פֿאַרן גאַנצן װינטער, װען מיר האָבן אַזױפֿיל דיסקוסירט װעגן קלאַסן־דיפֿערענציאַציע און קלאַסנקאַמף, האָבן מיר די לעצטע טעג צום ערשטן מאָל זיך אָנגעשטױסן מיט זייער קאָנקרעטער אַנטפּלעקונג אַף אונדזער ישעװ, און דאָס האָט אונדז אַלעמען אױסגעזען העסלעך. בעסער װאָלט דאָס ניט געװען. אָט גײט ער איצט מיט אונדז, מיכל ציבעלמאַן, װאָס האָט באַנאַכט יעדערן פֿון אונדז געשענקט אַ דראָענדיקן בליק. און צו אײַזיקן אין שוין געװיס געקומען צו לױפֿן שימען, אַ בײזער און אַ פֿאַרסאָפּעטער. זיי רעכענען געװיס אונטער זייער העזעק און סטאַרען זיך צוטראַכטן, מיט װאָס אים צו דעקן. און װיאַזױ נעקאָמע נעמען אין אונדז אַלעמען, און אין דער ערשטער ריי אין מיר. און פּעסיע האָט שוין מיסטאָמע אױסגעשאָטן אַף אונדז אַלע אירע קלאָלעס. און מירל... יאָ, און מירל, װעגן װאָס קלערט זי הײַנטיקן פֿרימאָרגן?

— טוליע, דו מוזט אומבאַדינגט זיך זען מיט מירלען.

— צוליב װאָס?

— צוליב װאָס, צוליב װאָס? דו װײסט אַליין צוליב װאָס...

— איך װײס ניט.

אין דאָרפֿראַט איז אַלץ װי געװײנלעך: הילעל פֿון בײס־שאַמײַ אַף דער רעכטער באַנק, עזרע פֿון בײס־הילעל אַף דער לינקער, און כאַסיע די באַלעבאָסטע! זי איז געװען אַפֿן זיבעטן הימל. װײַל צװישן אַלע פּאַסירונגען פֿון הײַנטיקן װינטער איז די געשיכטע געװען גאָר פֿון אַן אַנדער מין. און זי װעט שוין האָבן װאָס צו דערציילן און איבערדערציילן. באַזונדערס, װען מיר האָבן געהײסן אונדזערע כעװרע גײן אַהײם און איבערגעבן ציבעלמאַ־נען אונטער איר אָפּזיכט. איר און איר מאַן, דאַניעלן.

זיאָמע בערדישעװ, דער סעקרעטאַר פֿון דאָרפֿראַט, האָט אַרױסגעקראָגן די פּאַפּקע מיט דירעקטיװן און אינסטרוקציעס און גענומען פֿאַרלײענען פֿאַר די מיטגלידער פֿון דאָרפֿראַט און פֿאַרן איבעריקן עולעם יענע אינסטרוקציע, לױט װעלכער מיר דאַרפֿן צוקלײַבן פֿאַר ציבעלמאַנען אַ פּאַסיקע שטראָף. דערנאָך װעלן מיר שוין קאָנען באַשטימען, צי מעגן מיר אָפּלאָזן ציבעלמאַנען אַהײם, צי מיר װעלן דאַרפֿן אײַנשפּאַנען אַ װאָגן און אָפּפֿירן אים אין ראַיאָן. די אינסטרוקציע איז געװען זייער אַ לאַנגע, מיט אַ סאַך פּונקטן און אונטערפּונקטן, מיט אַ סאַך אױסנאַמען און צוגאָבן, אין װעלכע ס׳זײַנען געװען פֿאָרױסגעזען פֿאַרשײדענע פֿאַלן. נאָר די אינסטרוקציע האָב איך אַליין שוין געלײענט ניט אײן מאָל, דערצו בין איך געװען זייער מיד פֿון דער נאַכט, און װען זיאָמע האָט אָנגעהױבן לײענען די אינסטרוקציע, איז מיך באַפֿאַלן אַ שלאָף אַף ניט בײַצוקומען. צוערשט איז ער געקומען אײנײנעם מיט דער קעלט, װאָס האָט זיך אָנגעקליבן פֿאַר דער נאַכט און דורכגענומען אַלע גלידער. ס׳האָט מיט מיר געמאָרדעװעט, װי אין אַ קאַדאָכעס. אײַנװיקלען זיך איז ניט געװען אין װאָס, סײַדן אינעם טוטין־רויך, װאָס איז געװאָרן װאָס אַמאָל געדיכטער און שטיקנדיקער. דערנאָך איז מיר געװאָרן װאַרעם, גלײַך די קעלט האָט אינגאַנצן זיך אױסגעפּאַרעט. און װײַל דער טוטין־רויך האָט אײַנגעהילט דאָס צימערל אין אַ געדיכטן נעפּל, האָב איך שוין גאָרנישט ניט געזען אַרום זיך, כוץ עפּעס אַ מאָדנע כאָלעם. אַזױנס האָט מיט מיר קײנמאָל ניט געטראָפֿן. די אױגן זײַנען אָפֿן. יאָ, איך מעג שװערן, אַז די אױגן זײַנען געװען אָפֿן, װײַל איך האָב געהאַלטן אין אײן רײַבן זיי, איך זאָל ניט אַנשלאָפֿן װערן, נאָר דער כאָלעם איז געװען אַזאַ קלאָרער, אַזאַ בױלעטער, גלײַך איך װאָלט געלעגן אין בעט מיט פֿאַרמאַכטע אױגן.

זייער אַ מאָדנער כאָלעם... באַ אונדז אין שטעטל איז אַרומגעגאַנגען אַ לעגענדע װעגן עפּעס אַ רױטער מױד, װאָס שפּאַצירט אַרום באַנאַכט איבער די גאַסן, כאַפּט אַלעמאָל עפּעס אַ באָכער, װעמען זי טרעפֿט אַף דער גאַס, און גײט מיט אים טאַנצן. זי טוט אים ניט קיין שום בײז, נאָר זי טאַנצט, זי טאַנצט מיטן באָכער אַ גאַנצע נאַכט. ביזן ערשטן האָנעקרײ, און גאַנצפֿרי געפֿינט מען דעם באָכער לעבן עפּעס אַ בריקל אַ פֿאַרכאַלעשטן. אַמאָל אינגאַנצן אַ טױטן. פֿאַרװאָס איז די געשיכטע פֿאַרבונדן מיט עפּעס אַ בריקל, װײס איך ניט. נאָר ניט װײַט פֿון אונדזער שטיבל איז געװען אַ טיפֿער יאַר, מיט אַ שמאָל בריקל פֿון שיטערע ברעט־לעך, יענץ בריקל, איבער װעלכן די ציגן פֿון אונדזער גאַס זײַנען געלאָפֿן אַ צופּ טאָן דאָס

גרינע גראָז אונטערן קלויסטער. פון קינדוויַז האָט די געשיכטע וועגן דער רויטער מויד זיך מיר שטענדיק געמאָלט איניינעם מיטן שמאָלן בריקל איבערן יאר. און ביידע זאכן האָבן שטענדיק אָף מיר אָנגעוואָרפן א פאכעד. איז גראָד איצט, זיצנדיק אין דאָרפראַט מיט אָפענע אויגן, מיר געקומען צו כאָלעם יענע רויטע מויד און צוגעשטאַנען צו מיר, איך זאָל גיין מיט איר טאנצן. און אלץ געשלעפּט מיך צו יענעם בריקל איבערן יאר. איך האָב אלץ געריבן די אויגן, וויַיל איך האָב זיך געשראָקן פאר דער מויד און פארן בריקל, נאָר ווען מערי, מיכל ציבעלמאנס וויַיב, איז אריַינגעלאָפן אין דאָרפראַט, זיך צעגוואלדעוועט און א קלאַפּ געטאָן מיט דער האנט אין טישל, האָב איך געמיינט, אז עס ציט זיך נאָך אלץ יענער כאָלעם. וויַיל אזוי האָט זי מיר טאקע זיך געמאָלט, יענע מויד. מיט רויטע באקן, מיט שוואר־צע און בייזע אויגן און גרויסע ציגיַינערשע אויריַנגלעך. זי האָט גאָר ניט געדארפט זיַין אזוי צעשויבערט, צעכראַסטעט און דאָס קאָפּטל האָט ניט געדארפט זיַין אזוי כוצפעדיק צעשפּיליעט.

— א געט! — האָט מערי ניט אופגעהערט גוואלדעווען. — שוין זאָלט איר מיר געבן א געט! איך האָב אים געזאָגט, דעם גאזלען!

מוישע סאראָקין, וואָס האָט ביכלאל געהאט א טעווע פארקוקן זיך אָף שיינע וויַיבלעך, האָט טייקעף זי אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס מיט זיַינע צוגעזשמורעטע אויגן און דער־נאָך א פרעג געטאָן:

— ווער איז דאָס?

— ס'איז זי, — האָב איך אָפּגעענטפערט און ווידער גענומען ריַיבן די אויגן.

— ווער זי?

— דאָס איז מערי, ציבעלמאנס פרוי.

— איז וואָס זשע וויל זי?

— א געט, — האָט מערי אויסגעשריגן. — שוין זאָלט איר מיר געבן א געט!

איך בין געווען זייער מיד, נאָך אלץ געפונען זיך צווישן כאָלעם און וואָר, און מעריס געשרייען וועגן געט האָבן ארויסגערופן בא מיר און איבערגעמישט א סאך געשיכטעס וועגן געטן, וואָס זיַינען דורך פאר מיַינע אויגן היַינטיקן ווינטער. זיי האָבן זיך צונויפגעקליבן אהער, די אלע פארשיידענע פּאָרלעך, געדרייט זיך ארום אונדזער קאַסעוואַטע טישל און געקליבן זיך גאָר טאנצן. אָט אזוי הייבט זיך, אָפּאָנעם, אָן בא א מענטשן א מוירעדיקע קאָפּדרייעניש, ווען עס דוכט זיך אים, אז אָט־אָט פאלט ער כאלאָשעס. נאָר כאלעשן האָט אָנגעהויבן מערי. צי טאקע אָפּאנעמעסן, צי בלויז געמאכט זיך, נאָר אזוי, אינמיטנדערינען, ווייַנענדיק און גוואלדעווענדיק, איז זי א פאל געטאָן אָף דער ערד, צוגעמאכט די אויגן, פארוואָרפן אָף א זיַיט אירע לאנגע, צעשויבערטע האָר און געלאָזט די ברוסט אליין זיך ארויסגליטשן פון איר צעשפּיליעט קאָפּטל.

— וואסער, וואסער! — האָבן אויסגעשריגן עטלעכע שטימען מיטאמאָל.

אין איר כאלאָשעס איז מערי געווען קישעפדיק־שיין מיט אירע צוגעמאכטע אויגן און אונטערציטערנדיקע וויִעס, מיט איר פארפלאמט און פארוויינט פּאָנעם, מיט אירע צעפלאָכ־טענע צעפּ און פאַנאנדערגעוואָרפענע הענט. זי איז געלעגן אָפן ערדענעם דיל, כאלאָשעס־דיק־שטיל געעטעמט, און אירע בריסטן האָבן פּאַמעלעך זיך געוויגט און געבלענדט דאָס אויג מיט זייער שעמערירנדיקער וויַיסקיַיט. באלאָנים אָף באשפּריצן זי מיט וואסער איז צווישן די מענער געווען ניט וויניק, נאָר כאסיע איז מיטאמאָל געוואָרן צניִעסדיק־שטרענג און איז גרייט געווען ארויסטריַיבן פונעם דאָרפראַט אלע מענער, וויַיל אזוינס טאָר מען ניט צוזען. נאָר דאָ איז אריַינגעלאָפן דאניִעל.

— ער איז ניטאָ, ער איז אנטלאָפן! — האָט ער אויסגעשריגן.

ערשט איצט האָט דער שלאָף מיך געלאָזט צורו. איך בין גליַיך וואכעדיק געוואָרן און ארויס אין דרויסן.

— ווער? ווו? ווען?

— קומט, וועל איך איַיך וויַיזן.

דאניִעל איז געלאָפן פאָרויס, און מיר אלע נאָך אים. ער איז געלאָפן און א פארסאָפּעטער דערציילט, וויאזוי דאָס איז געשען:

— ער האָט זיך געבעטן בא מיר... מאלע וואָס א מענטש דארף האָבן. האָב איך אים אוועקגעפירט. איז ער אריַין אין קלאָזעט און צוגעשלאָסן דאָס טירל. איך שטיי און ווארט, און ווארט. וויפל דארף עס דויערן! איז מיר געוואָרן א ביסל קאָשע. בין איך שוין צוגעקו־מען נעענטער. דאָס טירל איז טאקע צוגעמאכט, נאָר פון אונטן איז אָפּגעריסן א ברעטל. און ער איז ניטאָ!

מע האָט ניט געדאַרפט זײַן קיין גיבער אױף אָפּרײַסן אן איבערגעפּוילט ברעטל פונעם קלאָזעט, וואָס איז געשטאַנען אפן סאַמע ברעג פונעם לאַנגן גאָרטן. מיר האָבן זיך געלאָזט לױפן ווײַטער, צו דער באַלקע, דערנאָך אַוועק באַרג־אַרויף, צו די ערשטע בורלאַצקער הײַזער, און ווידער איבערגעשראָקן אַלע דאָרטיקע הינט. ערשט דאַן האָבן מיר פאַרשטאַנען, אַז זוכן ציבעלמאַנען איז אַ פוסטער איניען. באַ אים איז געוויס אַלץ געווען באַצײַטנס אויסגערעכנט און ער האָט געהאַט באַ וועמען זיך אויסצ׳אַהאַלטן.

ווען מיר האָבן זיך אומגעקערט אין דאָרפּראַט, האָבן מיר נאָך דאָרטן געטראָפן מערין. זי האָט טאַקע געהאַט אַן אויסזען פון אַ מענטש, וואָס הייבט אָן קומען צו־זיך נאָך אַ כּאַלאַשעס. נאָר ס׳איז איר אַליין שווער געווען אויסבאַהאַלטן די געמאַכטקייט. זי איז געזעסן אױף דער באַנק, ווי באַ זיך אין דער היים, פאַנאַנדערגעקעמט און איבערגעפלאָכטן די לאַנגע צעפּ און געקוקט אױף אונדז אַלעמען דורך פעסט צוגעזשמורעטע אויגן. פאַרשטאַנען, אַז אונדזער גײַעג און אונדזערע זוכענישן זײַנען געווען אומזיסטע, האָט זי אַרויסגעלאָזט אַ טיפן זיפץ און אַ קעם געטאָן אירע לאַנגע האָר איבערן שטערן. מיסטאָמע האָט זי אין זיך געכוויזעקט פון אונדז און ניט געוואָלט, מע זאָל דאָס דערקענען. ווידער פאַרקעמט די האָר אױף אַ זײַט און ווידער אַ זיפץ געטאָן מיט יענעם שטילן, נאָכעסדיקן זיפץ פון אַ מענטש, ווען די געפאַר איז שוין אַריבער. זי האָט אָבער געהאַלטן, אַז די שפּיל דאַרף מען פאָרזעצן, און ווידער אַרויסגערעדט מיט אופגעבראַכטקײַט:

— איך האָב אים אָבער געזאָגט, דעם גאַזלען.

און אין אָוונט... טאַקע דעם זעלבן אָוונט!

איך האָב גאָר פאַרגעסן, אַז הײַנט איז שאַבעס. כ׳האָב שוין לאַנג אופגעהערט צו טײלן די מעת־לעת־ן אױף טאָג און נאַכט, און דאָס געפיל פון דער וואָך האָב איך אינגאַנצן פאַרלוירן. אָפּטמאָל אַפילו דערשטוינט געוואָרן, ווען איך האָב דערזען פאַר זיך אַ שאַבעס אָדער אַ זונטיק. פונוואַנען האָט ער זיך גענומען און וואָס האָט ער דאָ צו טאָן, ווען אַלע מעת־לעת־ן און וואָכן זײַנען פאַרפלייצט מיט דורכוויסיקן אומרו? זיינען, הייסט עס, נאָך דאָ אױף דער וועלט טעג און וואָכן, שאַבאָסים און זונטיקס?

איך האָב גאָר פאַרגעסן, אַז מיט אַ טעג דרײַ צוריק איז באַ מיר געווען אַ דעלעגאַציע פון ראַטנטאָל. איך בין געווען אַזוי פאַריאָגט, אַז איך האָב צוערשט ניט פאַרשטאַנען, ווער זיי זײַנען און וואָס זיי ווילן.

— מיר זײַנען פון ראַטנטאָל, — האָט זיך אָנגערופן איינער פון די צוויי אומבאַקאַנטע כּעוורע, זיכער, אַז בלויז דער נאָמען פונעם ייִשעוו דאַרף פאַר זיי דאָ עפענען אַלע טויערן.

— פון ראַטנטאָל, — האָב איך איבערגעכאַזערט, ווי פּרווונדיק צעקײַען און דערפילן דעם באַזונדערן טאַם פון אָט דעם וואָרט. ס׳האָט פאַר מיר געקלונגען אויך, ווי עפּעס אַ כאָלעם, זייער אַ שיינער און זייער אַ לאַנגאָניקער, פול מיט פלאַטער, פול מיט בענקעניש.

— פון ראַטנטאָל? — האָב איך איבערגעכאַזערט פאַר זיך אַליין, ווי וועלנדיק איבערצײַגן זיך, אַז ס׳איז טאַקע דאָ אױף דער וועלט אַזאַ וואָרט, אַז ס׳איז דאָ אױף דער וועלט אַזאַ ייִשעוו. — וואָס זשע דאַרפט איר אין אונדזער דאָרפּראַט?

— מיר ווילן אַ דערלויבעניש קומען צו אײַך שטעלן אַ פּיעסע.

— ווען?

— דעם קומענדיקן שאַבעס.

— דעם קומענדיקן שאַבעס? — איבערגעפרעגט מיט דער זעלבער שטוינונג: איז דאָ טאַקע אױף דער וועלט אַ ייִשעוו מיטן נאָמען ראַטנטאָל און ס׳איז דאָ אױף דער וועלט אַ שאַבעס!

— ביטע, פאַרוואָס ניט? קומט צו פאָרן.

די כעוורע זײַנען אַוועק, און איך בין נאָך אַלץ געווען אין די קלעמען פון יענעם כאָלעם. האָסט דען אַ סאַך אַזעלכע זיסע כאַלוימעס, וועלכע דו וואָלסט געוואָלט פאַרהאַלטן אין זיך, זיי זאָלן זיך ציִען און ציִען? האָסט זיך שוין אופגעכאַפּט, די אויגן זײַנען שוין אָפן און דעם כאָלעם ווילסטו ניט אָפּלאָזן. כאַזערסט אים איבער פאַר זיך פונעם אָנהייב ביזן סאָף און סטאַרעסט זיך זען אים קלאָרער, בוילעטער. נאָר לאַנג פאַרברענגען מיטן כאָלעם איז קיין צײַט ניט געווען. איז ער צוביסלעך אויסגערונען געוואָרן, ניט געסטײַעט, און איך האָב אַפילו ניט באַוויזן קומען צום געדאַנק, אַז ס׳איז גאַנץ מעגלעך, אַז צווישן די ראַטנטאָלער אַקטיאָרן זאָל אויך זײַן זי. ס׳איז דערנאָך געווען גענוג סיבעס, איך זאָל אינגאַנצן פאַרגעסן אין דער דעלעגאַציע, אין ראַטנטאָל, אינעם שיינעם כאָלעם, אינעם ספּעקטאַקל און אין דעם, אַז ס׳איז דאָ אַ שאַבעס אױף דער וועלט.

נאָך דעם, ווי מיר האָבן אָן שום דערפּאָלג אַרומגעיאָגט, זוכנדיק ציבעלמאַנען, נאָך דעם, ווי מערי איז נאָך איר געמאַכטן כּאַלאָשעס גיך געקומען צו־זיך און גאַנץ רויק פּאַרלאָזט דעם דאָרפּראַט, איז דער אוילעם אַוועק, און איך בין געבליבן אין צימערל איינער אַליין. איך האָב ניט געקאָנט קומען צו־זיך און ניט געוווּסט וואָס צו טאָן. צי דאַרף איך אויך גיין אַהיים, צי דאַרף איך בּיכלאַל ערגעץ גיין. איך האָב אַפילו ניט באַמערקט, אַז דער טאָג סטײַעט אויך ניט, און אַז דער נעפּל, וואָס איז באַטאָג ערגעץ אַוועק, קומט ווידער צוגאַסט.

די צוויי פאָרלעך, וואָס האָבן גאַנץ ראַשיק דורכגעיאָגט פאַרבײַ דעם דאָרפּראַט, זײַנען אויך ניט געווען אימשטאַנד אַרויסצײַען מיך פון מײַן געפּאַלנקײַט, פון מײַן פאַרשלאָפנקײַט און פון מײַן פאַרצווייפלונג. אויפגעוועקט האָט מיך כּאַסיע.

— זיי זײַנען שוין געקומען, זיי זײַנען שוין דאָ! — האָט זי אויסגערופן מיט אַזאַ מינע, גלײַך איך מיט איר האָבן די גאַנצע צײַט גערעדט אַף עמעצן און ענדלעך זיך דערוואַרט.

— ווער איז דאָס געקומען?

— וואָס הייסט ווער? די אַקטיאָרן!

— וועלכע אַקטיאָרן?

— וואָס הייסט וועלכע? פון ראַטנטאָל! הײַנט איז דאָך שאַבעס!

אײַ כּאַסיע, מײַן ליבע באַלעבאָסטע און ראַטגעבערן! וויפל מאָל איז זי מיר געשטאַנען אין מײַנע נויטן!

— ראַטנטאָל? שאַבעס? — האָב איך איבערגעפרעגט. — וואָס זשע שווײַגט איר?

בין איך אַרויס פונעם דאָרפּראַט און אַוועק צום קלוב. געיאָגט האָט מיך אַהין ריין זאַכלעכס. איך בין דאָ דאָך באַלעבאָס, און זיי זײַנען אונדזערע געסט, דאַרף מען זען, אַז אַלץ זאָל זײַן אין אָרדענונג. און צווייטנס, ראַטנטאָל! איך בין דאָך אַמאָל געווען שוין אַזוי נאָענט פון אים, נאָר ניט געוואַגט אַריבערשפּאַנען די הרעבליע פון הופּלאָוווער סטאַוואָק. נאָר אַז איך וועל זי דערזען דאָ, באַ זיך, אין סלאָדקאָוואָדנע, אין אַ מינוט אַרום — וועגן דעם האָב איך אַפילו מוירע געהאַט צו טראַכטן.

איך האָב זי דערזען נאָך פונדערווײַטנס. אַזאַ, ווי איך האָב זי געמאָלט פאַר זיך צווישן די צײַטיק־וואָרנדיקע ווייצן און בליִענדיקע זונרויזן, אַזאַ, ווי זי האָט מיר אַ בלענד געטאָן אַף אַ ווײַלע, ווען איך בין געשטאַנען אָפן פּלויט לעבן נײַזלאַטאָפּאָליער דאָרפּראַט... דאָס איז געווען שוין צו אומדערוואַרט. און דערפאַר איז מיר שווער געווען צו גלייבן אין דעם, ווײַל אָט אַזוי, אינמיטנדערינען, אין אַ פּלוצלינגדיקן שאַבעסדיקן פאַרנאַכט, נאָך אַזאַ שווערן, ביז גאָר שווערן טאָג, מיט אַזויפיל בייזע כאַלוימעס. זאָל זײַן — ווידער אַ כאָלעם! ווייס איך ניט, וואָס איז געוואָרן מיט מײַנע פיס. ווער האָט עס צוגעבונדן צו זיי אַ פאָר קלעצער? און וואָס איז געוואָרן מיט מײַנע אויגן, וואָס זיי זעען אַרום זיך מערער גאָרניט? און מיטן לאָשן מיט מײַנעם וואָס איז געוואָרן? עפּעס דאַרף איך דאָך זאָגן מײַנע געסט, עפּעס דאַרף איך דאָך זאָגן די כעווריע, וואָס זײַנען געווען באַ מיר מיט עטלעכע טעג צוריק? איך דאַרף זיי כאָטש פרעגן, מיט וואָס קאָן איך זיי באַהילפיק זײַן. און עפּעס דאַרף איך דאָך זאָגן איר אַליין אויך!

די כעוורע האָבן אין מײַן הילף זיך ניט געניייטיקט. זיי האָבן שוין באַוויזן צוקלעפּן אַף די פּלויטן אַ פאָר אַפישן, פאַנאַנדערגעשטעלט אַף דער קליינינקער בינע זייערע באַשיי־דענע דעקאָראַציעס — אַ פאָר וועגנטלעך, איינס מיט אַ טיר און דאָס צווייטע מיט אַ פענצ־טערל, — און קוינים אַף בילעטן זײַנען שוין אויך געווען. ניט יעדן שאַבעס שפּילט מען אין סלאָדקאָוואָדנע טעאַטער.

די כעוורע האָבן זיך געפילט, ווי באַ זיך אין דער היים, נאָר איך האָב מיטאַמאָל זיך דערפילט, ווי ניט קיין היגער. איך בין ניט געווען צוגעגרייט צו אַזאַ באַגעגעניש, און איך האָב ניט געוווּסט, וואָס צו טאָן מיט זיך אַליין. די פיס זײַנען ווי קלעצער, די אויגן זײַנען פאַרנעפּלט, די צונג איז פאַרשטיינערט, און דאָס האַרץ... דאָס האַרץ האָט זיך צעקלאַפּט, צעהודיעט, ווי אַ פּוסטע ווייעלקע, ווען די זיפּן האַלטן אין איין אונטערטאַנצן, גראַגערן און וואַרגן זיך מיט זייער לײַדיקײַט.

מיסטאַמע האָב איך יענעם אָוונט אויסגעזען גאַנץ לעקישעוואַטע. אַלנפאַלס, ניט אַזוי, ווי עס פּאַסט פאַר אַ פאָרזיצער פון אַ דאָרפּראַט. און אַף מײַן פּאָנעם איז געוויס געווען אָנגעשריבן עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַלע מײַנע פאַרבאָרגענע סוידעס. נאָר ווער האָט דאַן געקאָנט טראַכטן וועגן אַזעלכע זאַכן? צווערשט זײַנען מיר געזעסן אַף איינער פון די בענק, געקוקט איינער אָפן אַנדערן און, ווי באַ אונדזער ערשטער באַקאַנטשאַפט, ניט געוווּסט פון וואָס און ווי־אַזוי אָנהייבן צו ריידן. בלויז געקוקט און געשמייכלט. ווי האָט דאַן אויסגעזען מײַן שמייכל, ווייס איך ניט, נאָר אירער... ער איז געווען אַ גוטער, קיין

בעסערן האָב איך ניט געדאַרפט. און ווען מיר האָבן ענדלעך באַקומען לאָשן, מיר איז אַפילע א ביזאָיען צו דערציילן, ווען וואָס מיר האָבן גערעדט, זיצנדיק אינצווייען אַף א באַנק אינעם נאָך פּוסטן קלוב. נאָר רעדן האָט מען דאַך געמוזט, ווײַל שווײַגן וואָלט געווען נאָך ערגער. דאָס שווײַגן האָט געקאָנט ארויסגעבן גראָד דאָס, וואָס מיר האָבן ביידע די גאַנצע צײַט געהאַלטן בעסאָד. האָבן מיר גערעדט, ווען וואָס נאָר ס'האָט זיך געלאָזט, וועגן גאָר זײַטיקע, וואָכעדיקע זאַכן. איך האָב זי געפרעגט, מיט וואָס זי הייצן — מיט שטרוי, מיט קוילן צי מיט שאָלעכץ. האָט זי געענטפערט, אַז מיט אַלע דרײַ זאַכן. נאָר די קוילן האָבן זיך שוין געענדיקט און שאָלעכץ איז געבליבן זייער ווייניק. דאַרפן זיי אָפּקלאַפּן א ביסל בוימל, ווײַל דער בוימל האַלט שוין אויך באַם ענדיקן זיך. און אַז זיי וועלן אָפּקלאַפּן בוימל, וועלן זיי שוין קריגן עטלעכע זעק שאָלעכץ. האָב איך איר אַנגעהויבן אײַנרעדן, זיי זאָלן קומען קלאַפּן בוימל צו אונדז, קיין סלאַדקאָוואָדנע, ווײַל בא אונדז איז זייער א גוטע אָליינע און מע מאַכט בא אונדז זייער גוטן, זייער ריינעם בוימל. נאָר זי האָט געזאָגט, אַז צו אונדז איז זייער ווײַט, קיין פּרײַזוטנע איז פּיל נעענטער. האָב איך דערווידערט: וואָסי שײַעך ווײַט, וואָס זעט זיך אָן נאָך עטלעכע קילאָמעטער, דערפאַר אָבער...

פון דער שטרוי און פון דעם בוימל בין איך אַריבער אַף דער זאַווערוכע, פון דער זאַווערו־כע אַף די דעכער — צי האָט עס בא זיי דעם דאַך ניט אַראָפּגעריסן. אַף די אַלע פראַגן האָט זי נאָך ווי־ניט־איז געענטפערט, נאָר ווען איך האָב זי געפרעגט, צי ס'איז פאָרן ווינטער געווען בא זיי א סאַך געטען, האָט זי א קוק געטאָן אַף מיר, גלײַך איך האָב זי מיט עפּעס אַנגעשראָקן, און גע־מאַכט א פרווו אָפּצוקערן זיך פון מיר, נאָר אָפּרוקן זיך איז שוין ניט געווען וווהין, פאַרקערט, ס'איז אַלעמאָל געוואָרן ענגער און מיר האָבן געמוזט צורוקן זיך א ביסל נעענטער איינער צום אַנדערן. אין קאָפּ האָבן זיך געדרייט און געפּלאָנטערט אָן א שיר ווערטער, וועלכע איך האָב געמוזט איר זאָגן, נאָר די צונג האָט פאַרכאַפּט דער צולאָכעסניק און געשטעלט אַלעמאָל אָן אַנדער פראַגע, איינע נאַרישער פון דער אַנדערער. און איך האָב ניט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס גלאַנצן אַזוי אירע אויגן, גלײַך זי קלײַבט זיך וויינען. זי האָט דאָך אַזוי געיאָגט אהער, דאָס האָט דאָך זי אײַנגערעדט די כעוורע פאָרן קיין סלאַדקאָוואָדנע שטעלן א ספּעק־טאַקל. לאָזט זיך אויס... איך האָב איר גאָרנישט ניט וואָס צו זאָגן, כוץ וועגן דעם, אַז אין סלאַדקאָוואָדנע מאַכט מען גוטן בוימל...

אַזוי איז זי אוועק אַף דער סצענע מיט ניט קיין אויסגעקלאָרטע פראַגן, מיט א שווער האַרץ, צעבויטעטע געפילן און פול מיט ניט קיין אויסגעוויינטע טרערן. און מעגלעך דערפאַר האָט זי אַזוי געשפּילט. מיט ניט קיין געמאַכטן ווייטעק און ניט מיט קיין געקינצלטער פאַר־צווייפלונג. און די טרערן אירע זײַנען אויך געווען ניט קיין געמאַכטע. זי האָט געשפּילט זיך אַליין און זייער שטאַרק אויסגענומען באַם אוילעם. נאָר דאַן האָב איך דאָס ניט פאַר־שטאַנען און בין געווען פול מיט אייפער צו איר פאַרטנייאָר. איך בין געווען גרייט ארוף אַף דער בינע און זיך אַרײַנמישן אין דער שפּיל. גוט, וואָס ס'איז ניט געקומען צו קיין קוש. דאַן וואָלט איך שוין געוויס ניט אויסגעהאַלטן.

נאָר סײַווי האָב איך פאַרגעסן, אַף וועלכער וועלט איך בין, און זיך דערלויבט אַזוינס, וואָס איך וואָלט אין לעבן זיך ניט דערלויבט. ווי נאָר דער ספּעקטאַקל האָט זיך געענדיקט, בין איך ארויף אַף דער סצענע און פאַר די אויגן פון אַלע סלאַדקאָוואָדנער און ראַטנטאַלער געגומען דריקן איר די הענט און באַגריסן זי מיט איר גוטער שפּיל, מיט איר גלענצנדיקן דערפאָלג. און געוויס האָט שוין יעדערער, סײַ אין אירע אויגן, פולע מיט שרעק, און אין מײַנע — פולע ווער ווייסט מיט וואָס, געקאָנט איבערלייענען אַלע אונדזערע סודיעס.

אַלע וואָך, שאַבייסענאַכטס ווערט אין אונדזער דאָרפראַט ערעוו־שאַבעסדיק. כאַסיע קערט אויס, ראַמט צו, ווישט אָפּ דעם שטויב פון די ווענט, וואַשט ארום דאָס טישל מיט די בענק און באַשיט דעם ערדענעם דיל מיט רויטן זאַמד. זי האָפּט שטענדיק, אַז זונטיק וועט אין דאָרפראַט קיינער ניט קומען און דאָס צימערל וועט א ביסל קומען צו־זיך, אָפּרוען, אָפּטרייס־לען פון זיך די בלאָטעס, דעם שטויב, דעם רויך און דעם פאַרטויבנדיקן גערודער. און כאָטש אַזוינס טרעפט זעלטן, פאַרלירט זי ניט די האָפענונג און יעדן שאַבעס פאַרנאַכט טוט זי אירס.

וואָס זשע האָב איך געהאַט אָנצוווערן? הונדערטער דערשטוינטע אויגן האָבן געקוקט אַף אונדז און איבערגעלייענט אין אונדזערע פּנעמער פּיל מערער, ווי דאָס איז געווען אינדערעמעסן. מעג איך זי אָנעמען פאַר דער האַנט און אוועקפירן אין דאָרפראַט. כאַסיע האָט געוויס אויך הײַנט דאָרט צוגעראַמט און באַשיט דעם דיל מיט רויטן זאַמד. וועט אונדז דאָרטן זײַן גוט. און זי... דערלאַנגט די האַנט און געלאָזט זיך פירן, אַפילע ניט געפרעגט וווהין. גלײַך דאָס איז שוין פון לאַנג געווען אָפּגערעדט צווישן אונדז און מיר האָבן ביידע

געוווּסט, אַז אַזוי דאַרף דאָס געשען, אַז אין איינער אַ ווינטערדיקער נאַכט וועלן מיר זיך צונויפקומען און איך וועל זי אָנעמען פאַר דער האַנט.
זײַנען מיר געגאַנגען אינדרײַען. איך, זי און די לעוואָנע. געוויס זײַנען אַרום אונדז געגאַנגען נאָך מענטשן, סײַ פאַרויס, סײַ הינטער אונדז, סײַ באַ די זײַטן, און געוויס האָט מען גערעדט גאַנץ הויך, טיילנדיק זיך מיט די אײַנדרוקן פונעם ספּעקטאַקל. גאַנץ מעגלעך, אַז מע האָט אויך געטײַטלט אַף אונדז מיט די פינגער, נאָר מיר האָבן קיינעם ניט געזען און גאָרנישט ניט געהערט. די לעוואָנע איז הײַנט געווען וווּנדערבאַר און דער הימל ניט ווייניקער פּרעכטיק. אַ הימל, וואָס גיט זיך אויס איין מאָל אין פיל, פיל יאָרן. אָפּגעטרייסלט פון זיך דעם אָוונטיקן נעפּל, איז ער געוואָרן ווי איין סאַמעטענער אויסגוס. אַ טונקל־בלויער הימל אָן איין שטערן. די לעוואָנע איז אויך געווען אַ סאַמעטענע. זי איז געווען מיידלש־יונג, מיט צונויפגעאַרבעטע בעקלעך און מיט קלוגע, אַלץ־פאַרשטייענדיקע אויגן. זי איז אונדז נאָכגעגאַנגען פוסטריט און געגעבן אונדז אָנצוהערן, אַז מיר דאַרפן זיך פאַר איר ניט שעמען. זי איז פאַר אונדז אַ גוטע מומע, דערצו נאָך איז די מומע אַ שטומע, און ס׳וועט אַלץ בלײַבן צווישן אונדז. פאַר דער לעוואָנע האָבן מיר זיך ניט געשעמט. נאָר וועגן וואָס צו רעדן, האָבן מיר ווידער ניט געוווּסט. און ס׳האָט זיך אויך ניט געוואָלט רעדן. אונדז ביידן האָט זיך געדוכט, אַז פאַר דער צײַט, וואָס מיר האָבן זיך ניט געזען, האָבן מיר ניט אויפגעהערט רעדן איינער מיטן אַנדערן און מיר האָבן שוין געזאָגט אַלץ, וואָס האָט געדאַרפט געזאָגט ווערן. כּוץ דעם, האָב איך מוירע געהאַט, אַז באַ מיר זאָל זיך ווידער ניט אַרויסכאַפּן עפּעס אַ נאַרישע פראַגע וועגן שטרוי, בוימל און געטן... איז געבליבן אונדז איין זאַך. גיין און שווײַגן. גיין און גיין אַ לאַנגן, לאַנגן וועג, וואָס ציט זיך דורך טעג און דורך נעכט, דורך זומערס און ווינטערס. און זאָל שוין זײַן, וואָס עס דאַרף זײַן, זאָל געשען, וואָס עס מוז געשען, אַבי גיין אַזוי אָנגענומען פאַר די הענט. און וועגן וואָס, אייגנטלעך, רעדן, אַז ס׳איז אונדז ביידע גוט, אַז מיר זעען פאַר זיך קיינעם ניט און גאָרנישט ניט, גלײַך ווי אַף דער גאַנצער וועלט זײַנען מיר איינע אַליין. איך און זי. און מיר האָבן איבער זיך אַזאַ גוטע, שטומע מומע.
אין דאָרפּראַט זײַנען מיר אַרײַנגעקומען אײַנצווייען, איבערגעלאָזט די לעוואָנע אין דרויסן. דאָס צימערל איז געווען ערעוו שאַבעסדיק צוגעראַמט, און אַלץ האָט דאָ אויסגעזען יאָמטעוודיק. די לעוואָנע האָט געלויכטן דורכן פענצטער, און מיר האָבן קיין בעסערע שײַן ניט געדאַרפט. איך האָב עפּעס ניט געקאָנט זעצן זיך אַף מײַן געווייַנלעך אָרט לעבן טישל, ווײַל דאָס וואָלט געהייסן, אַז זי איז געקומען צו מיר, ווי אַ באַזוכערן, האָב איך זי אַוועקגעזעצט אַף מײַן אָרט און איך האָב זיך צוגעזעצט פון יענער זײַט. האָט דאָס געקאָנט הייסן, אַז איך בין געקומען צו איר. דאָס האָט אין אַ געוויסער מאָס אויך געדאַרפט פאַרענטפערן, פאַרוואָס האָב איך פאַר אַ גאַנצן ווינטער ניט געפונען קיין צײַט און זיך ניט אָנגענומען מיט מוט קומען צו איר. ווײַל אָט, אָט בין איך געקומען.
די לעוואָנע האָט זיך אײַנגעמאָסטעט אַזוי, מיר זאָלן גוט זען איינער דעם אַנדערן. איר פּאָנעם איז געווען ווי איבערגעצויגן מיט אַ דין מאַטעוווע הײַטעלע, אַזאַ דינס, אַז ס׳האָט זיך געדוכט — ריר זיך צו מיט די פינגער, וועסטו עס אַראָפּווישן און ס׳וועט ווידער אויפקומען דאָס בלייכע פּענעמל פון יענעם פרילינגדיקן פאַרנאַכט אין הולײַפּאָליע. נאָר צורירן זיך מיט די פינגער צו איר פּאָנעם האָב איך ניט געוואַגט. איך האָב נאָר געקוקט אַף דעם — אָפּן פּאָנעם און אַף די אויגן. איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געזען, ווי לויכטן עס מיידלשע אויגן באַנאַכט, און מיך האָט דערשראָקן זייער שײַנענדיקע טיפקײַט. צווײ בלענדנדיקע טײַכעלעך, אין וועלכע מע קאָן דערטרונקען ווערן.
יאָ, זי איז געווען אַ סאַך דרייסטער פון מיר. מיך האָבן איבעראַשט ניט אַזוי די ווערטער אַליין, ווי דער פאַרדראָס, מיט וועלכן זי האָט זיי אַרויסגערעדט:
— פאַרוואָס האָט איר די גאַנצע צײַט... די גאַנצע צײַט!
— וואָס די גאַנצע צײַט?
— געשוויגן!
— איך האָב געשריבן, — האָב איך זיך פאַרענטפערט.
— וואָס האָט איר געשריבן?
— בריוו, לידער...
— נאָר איך האָב זיי ניט געלייענט! — האָט זי אויסגעשריגן נאָך מיט אַ גרעסערן פאַרדראָס, און די אויגן־טײַכעלעך האָבן זיך צעכוואַליעט, ווי פאַר אַ געוויטער.
אוואַדע, איך זאָל געווען וויסן, וואָלט איך געווען פאַרהיט די צענדליקער אָנגעשריבענע און ניט אַוועקגעשיקטע בריוו. און די לידער אויך. נאָר מיר האָט זיך געדוכט, אַז אַזעלכע בריוו און אַזעלכע לידער טאָר איך ניט איבערשיקן. און איך האָב זיי צעריסן. געשריבן און

גריסן, געשריבן און גריסן. ווי זשע דערציילט מען דאָס? און ווי דערוויַיזט מען דאָס? און וואָס וואָלט דאָס געווען פאַר א טערעץ?

— דו ווייסט, איך בין דאָך געגאַנגען צו דיר, — איך בין געווען זיכער, אַז דאָס וועט מיך א ביסל פאַרענטפערן. — איך בין שוין געווען אַזוי נאָענט!

— ווו? ווו ביסטו געווען?

— באַם הופּאַלאָוּוער סטאַוואָק.

— באַם הופּאַלאָוּוער סטאַוואָק? — האָט זי איבערגעפרעגט.

— יאָ, באַם הופּאַלאָוּוער סטאַוואָק.

— ווען איז דאָס געווען?

— וואָס זשע, דו ווייסט ניט?

— פונוואַנען זאָל איך וויסן?

טאַקע, פונוואַנען האָט זי געזאָלט וויסן? אַז די בריוו האָב איך ניט אוועקגעשיקט, און אַז הופּאַלאָוּוער הרעבליע האָב איך ניט אַריבערגעשפּאַנט. איז מיר געבליבן בלויז דערציילן וועגן דעם.

— איך בין געזעסן לעבן סטאַוואָק. א גאַנצע נאַכט אָפּגעזעסן.

— פאַרוואָס זשע ביסטו ניט צוגעקומען א ביסל נעענטער? איך האָב א גאַנצע נאַכט אַרויסגעקוקט.

— דו אַרויסגעקוקט? פונוואַנען האָסטו געוווּסט?

זי האָט א קוק געטאָן אויף מיר מיט אירע צוויי בלענדנדיקע אויגן, און איך האָב איבער־געלייענט אין זיי אַזוינס, מיט וואָס מע קאָן ניט שטאָלצירן. פעלט מיר, הייסט עס, ניט נאָר דרייסטקייט, נאָר נאָך עפּעס. עפּשער א ביסעלע סייכל אויך.

— וואָס הייסט פונוואַנען? ווען איך זאָל ניט געווען וויסן...

האָט מען שוין דאָס געדאַרפט אויסטײַטשן אַזוי: ווען זי זאָל ניט געווען לייענען מײַנע ניט אוועקגעשיקטע בריוו, ווען זי זאָל ניט געווען וויסן וועגן מײַנע אַרומבלאָנדזשעניש אַרום סטאַוואָק, וואָלט זי ניט געקומען הײַנט אהער שפּילן טעאַטער.

— און וועגן דעם ווינטערדיקן פאַרנאַכט ווייסטו אויך?

— איך ווייס, איך ווייס... אוואָדע ווייס איך.

האָב איך שוין מוירע געהאַט ווײַטער פרעגן וועגן עפּעס. ווײַל יענעם ווינטערדיקן פאַר־נאַכט... איך קאָן דאָס זיך ביז איצט ניט מוחל זײַן. ווײַל מיר האָבן שוין יאָ אָנגעהויבן בלאָנדזען און די פערד אליין האָבן פאַרקערעוועט אויף לינקס... שולדיק איז געווען יאָסל. ווען ער זאָל געווען שווײַגן! נאָר ווי האָט מען געקאָנט שווײַגן אין אַזא וווּנדערבאַרן ווינ־טערדיקן פאַרנאַכט אין סטעפּ, א פאַרנאַכט, וואָס מיר האָבן אַלע געזען צום ערשטן מאָל! ער איז אונדז געגאַנגען אַנטקעגן, ווי נאָר מיר זײַנען אַרויסגעפאָרן פון נײַזלאַטאָפּאָל, פון איינער עפּעס זייער א ראַשיקער קאָמיוגישער קאָנפערענץ, אויף וועלכער מע האָט מערער געזונגען, ווי גערעדט. דאָס ווידערקאָל פון די לידער איז אונדז נאָכגעלאָפן נאָך די שליטנס, וואָס האָבן קינדעריש־זאָרגלאָז זיך געגליטשט איבערן שניי מיט א זינגעוודיקן סקריפּ. דער געדיכטער נעפּל האָט גלײַך איבערגעמישט דעם הימל מיט דער ערד, און דאָס שטילע שנייעלע האָט פאַרווישט, אָפּגעריבן אַלע וועגן. איז געבליבן פאַרדרייען די ווישקעס אַרום דער ליושניע און לאָזן די פערד פירן וווהין זיי ווילן. א שליטן פאַר אונדז האָט פאַרקערע־וועט אויף לינקס, און אונדזערע פערדלעך האָבן אויך געטאָן דאָס זעלבע.

— פאַרקערעווען מיר קיין ראַטנטאַל? — האָט א פרעג געטאָן יאָסל.

— פאַרוואָס עפּעס קיין ראַטנטאַל? — האָב איך געפרעגט און דערפילט, ווי מײַן פּאָנעם האָט זיך צעפלאַמט.

— פאַרוואָס טאַקע ניט, הא, כעוורע? מיר רײַסן זיך אַרײַן אין ראַטנטאַל, פאַרכאַפּן דאָס לייענשטיבל און רופן צונויף א פאַרזאַמלונג. וועט זי שוין מוזן קומען!

זיי האָבן אַלע געוווּסט מײַן סאָד און אָפּטמאָל דערלויבט זיך א שפּאַס טאָן. איז ווײַל אַזוי, האָב איך א נעם געטאָן די ווישקעס און פאַרקערעוועט די פערד אויף רעכטס.

— עך, — האָט יאָסל א זיפץ געטאָן אַן אַנטוישטער, — ביסט טאַקע א לעמעשקע. און אָט אַזא־אָ מאַכט מען פאַר א פאַרזיצער פון דאָרפראַט.

איז ער עפּשער טאַקע גערעכט געווען, יאָסל, ווײַל איך האָב ניט געוואַגט, און זי יאָ. זיך אַרײַנגעריסן קיין סלאַדקאָוואָדנע, פאַרכאַפּט אונדזער קלוב, און איך האָב שוין קיין אַנדער ברירע ניט געהאַט. און איצט איז מיר אַפילע א ביזאָיען דערציילן וועגן דעם. נאָר אויב זי אליין ווייסט וועגן אַלץ... נאָר זי האָט געוויס א ביסל איבערגעטריבן, ווײַל זי האָט ווידער געפרעגט:

— דערציי̇ל בעסער וועגן זיך. ווי לעבסטו, ווי ארבעט זיך? ווי גייען בא דיר דורך די טעג מיט די נעכט?

די טעג מיט די נעכט? יאָ, טאַקע, די טעג מיט די נעכט. ווי זשע דערציי̇לט מען איר וועגן מײַנע שווערע טעג און נאָך שווערערע נעכט?

זי האָט עפּעס איבערגעלייענט אין מײַנע אויגן. איבערגעלייענט און פאַרשטאַנען. ווײַל זי האָט שוין מערער ניט געפאָדערט, איך זאָל דערציילן. אין דער מינוט איז זי געווען די עלטערע, און איך דער, וועמען מע דאַרף באַרויִקן, אײַנשטילן.

— ווייסטו וואָס? — האָט זי זיך אָנגערופן. — לאָמיר בעסער שווײַגן.

— לאָמיר שווײַגן, — בין איך מאַסקים געווען.

דאָס איז געווען דער בעסטער אויסוועג. וועגן וואָס רעדן און וואָס איבערדערציילן? אומעטום געווען די זעלבע גוסרעגנס און זאַווערוכעס, אומעטום האָט עס אַראָפּגעריסן דעכער, און אומעטום האָט מען זיך געקריגט וועגן די קאָלווירטן. און מיסטאָמע פאַראַן בא זיי אויך אַזאַ ציבעלמאַן און אַזאַ אײַזיק.

זײַנען מיר געזעסן און געשוויגן. איך האָב נאָר מוירע געהאַט, די נאַכט זאָל אינמיטנדערינען ניט אַנטרינען ווערן. ווער ווייסט, ווען ס'וועט מיר נאָכאַמאָל געשענקט ווערן אַזאַ נאַכט, אַזאַ כאָלעם אָף דער וואָר. אָט וועט זיך ענדיקן די נאַכט, און ס'וועט ווידער קומען איינער פון יענע אומרויִקע טעג, וואָס קומען פון גאָר אַן אַנדער וועלט. און דו ווייסט קיינמאָל ניט, מיט וואָס וועט דער טאָג זיך אָנהייבן, מיט וואָס וועט ער זיך ענדיקן און וואָס פאַר אַ נײַ שפּיצל וועט ער צוטראַכטן פאַר דיר. אַז דאָס האַרץ זאָל אָנהייבן קלעמען, אין קאָפּ זאָלן אָנהייבן אַרומטאַנצן טויזנטער נאָדלען און דו זאָלסט אַליין ניט וויסן פאַר וואָס פריער זיך נעמען. די טעג זײַנען פול מיט ציבעלמאַנס און מיט אײַזיקס, מיט פּעסיעס און מיט שימענס... עס כאַפּט זיך אין זיי אָפּטמאָל אַרײַן יענטל מיט אורציען, אַנשל מיט לייבעשן. און יאַקאָוו כאָדאָס מיטן אַגראָנאָם באַביצקי. נאָר פאַר איר איז קיין אָרט אין יענע טעג ניטאָ. אָט וועט

אָנהייבן טאָגן, וועט זי ניט סטײַען, און איך וועל אַפילע קיין צײַט ניט האָבן אַ טראַכט טאָן וועגן איר. ווײַל אַפילע די וועגן זײַנען שוין איצט אויך ניט מײַנע, און ס'וועט זיך מיר אָפּטמאָל דוכטן, אַז דאָס איז געווען ניט מערער ווי אַ כאָלעם.

אַמאָל, אַמאָל, אין מײַן ווײַטער קינדהײַט, האָב איך אין איינעם אַ שאַבעסדיקן פאַרנאַכט געוואָלט פאַרהאַלטן די זון. זאָל דער ליבער שאַבעס דויערן אַ ביסל לענגער. איצט בין איך גרייט געווען אָף אַלץ, אַבי פאַרהאַלטן די לעוואָנע. זאָל אַ ביסעלע לענגער דויערן מײַן שטילער יאָמטעוו, לאָמיר זיצן אַזוי איינער קעגן אַנדערן און שווײַגן. כ'וואָלט עפּשער געפּויעלט בא דער לעוואָנע, נאָר כאַסיע, די באַלעבאָסטע אונדזערע! זי האָט שטיל אָן עפן געטאָן דאָס טירל, און, דערזעענדיק אונדז באַם טיש זיצנדיק, איז זי געווען שטאַרק פאַרוווּנדערט און אַ ביסל אַנטוישט.

— אַט אַזוי זיצט איר די גאַנצע נאַכט? גייט לייגט זיך צו אַ ביסל. איך האָב אײַך אויס־געבעט.

אוי, כאַסיע, פאַר אַ נײַעם שידעך וואָלט זי דאָס לעבן אוועקגעגעבן. זי איז גרייט געווען אַליין געטן זיך מיט איר דאַניִעלן, אַבי אויספירן צוויי נײַע שידוכים. נאָר אין דער מינוט זײַנען אירע ווערטער געווען פאַר אונדז דער גרעסטער כילעלהאַשעם. זײַנען מיר ביידע שטאַרק רויט געוואָרן, און מיר האָבן דאָס ביידע באַמערקט. ווײַל דאָס, וואָס כאַסיע האָט נאָר־וואָס אַרויסגערעדט, איז געווען זייער ווײַט פון דעם, וועגן וואָס מיר האָבן אָפּגעשוויגן אַ גאַנ־צע נאַכט.

— אַ דאַנק, — האָב איך אָפּגעענטפערט מיט אַזאַ מינע, גלײַך מע האָט אונדז ביידן גע־פּאַקט מיט אַ גנייווע. — עפּשער האָט איר עפּעס בעסער אָף איבערצוקײַען? מיר זײַנען ביידע הונגעריק.

— וואָס הייסט, צי איך האָב? — האָט באַסיע ווי באַליידיקט זיך, — פריש־אויפגעזאָטענע קאַרטאָפּל, געזײַערטע אוגערקעס, האַ?

דאָס קאָסעוואַטע טישל, דאָס סטענדערל צי דאָס אַמדעל, וואָס האָט אַזויפיל אָפּגעהאָרע־וועט הײַנטיקן ווינטער, האָט געוויס דאָס ערשטע מאָל געדינט פאַר אַן עסטישל. דעם טעלער איז דאָ אויך, פונקט ווי דעם טינטערל, געווען ניט באַקוועם און אַ ביסעלע אומהיימלעך. ער האָט זיך אַלץ געגליטשט און געריסן זיך אַראָפּקײַקלען, נאָר מיר האָבן אים געהאַלטן פון בײ־דע זײַטן און ניט געלאָזט. מיר האָבן געשיילט די הייסע קאַרטאָפּל, געבראָכן זיי אָף האַלב, און די שמעקנדיקע פּאַרע האָט זיך געצויגן אַרויף, צו דער סטעליע, ווי דינע רויכעלעך. מיר האָבן געביסן די קאַרטאָפּל, געבלאָזן אָף די אָפּגעבריטע פינגער און ניט אויפגעהערט קוקן איינער אָפן אַנדערן. געקוקט און געשמייכלט. פאַר דעם גאַנצן אָוונט, פאַר דער גאַנצער נאַכט האָבן מיר זיך ניט געפילט אַזוי היימיש, אַזוי נאָענט, אַזוי עמעסדיק גליקלעך, ווי איצט, ווען מיר האָבן געפּראַוועט אונדזער ערשטע סודע. די שענסטע און רײַכסטע סודע אין דער וועלט! געזאָטענע קאַרטאָפּל און געזײַערטע אוגערקעס. אירע גרויסע און ליכטיקע, שטענדיק פאַר־טראַכטע אויגן האָבן מיטאַמאָל זיך צעגלאַנצט רייצנדיק און כוצפּעדיק, ווויליונגעריש זיך צעשפּילט, צעהוליעט, און ווען מע לאָזט זיי נאָר, גייען זיי אוועק אַ טענצעלע.

20

אין האַלאָסקאָוו איז דאָ אַ ייִדענע, האָט זי אַ נײַ דרײַערל...

אַ ווערטל בעט ניט קיין עסן. דאָרט, ווו עס טאָגט, דאָרט נעכטיקט עס ניט. און קיין געלט אָף הויצאָעס דאַרף דאָס אויך ניט. גייט עס אַרום איבער דער וועלט און קומט אַרײַן אין יעדער שטוב, ווו מע עפנט פאַר דעם די טיר. באַ אונדז אין שטעטל איז דאָס דאָזיקע ווערטל אַ סאַך יאָרן אַרומגעגאַנגען פון שטוב צו שטוב און ס'איז שטענדיק צוניץ געקומען אָף אָפּ־כויזעקן פון עמעצנס אַ ליגן, אַ מײַסע ניט געשטויגן, ניט געפלויגן. אַט דאָס, וואָס הייסט אָף אוקראַיִניש — На городі бузина, а в Києві дядько!

דאָס ווערטל האָט מען באַנוצט אויך דאַן, ווען מע האָט געוואָלט מאַכן צונישט עפּעס אַ נײַס, וואָס איז שוין קיין נײַס ניט. מײַן מומע, וואָס שטאַמט פון האַלאָוואַנעווסק, האָט גע־האַלטן, אַז אָף אַט דעם ווערטל האָט זי מער רעכט פון אַנדערע, ווײַל פון האַלאָוואַנעווסק קיין האַלאָסקאָוו איז זייער נאָענט און זי אַליין האָט טאַקע געקענט יענע האַלאָסקאָווער ייִדענע. נאָר וואָס, אויך מיר אַ כאַריפעס, אַ נײַ דרײַערל!

דאָס אַלץ איז דערציילט ניט אָף צו באַרעדן אונדזער שכיינע. דערצו האָט ביז דאַן קיי־נער ניט געוווסט, אַז בליומע, ייִסראָעל דעם סטעלמאַכס פרוי, שטאַמט פון האַלאָסקאָוו. און אוודע האָט קיינער זיך ניט פאַרגעשטעלט, אַז דאָס ווערטל וועט זי אַזוי אַ נעם טאָן פאַר דעם לעבער.

ייִסראָעל אַליין איז געווען אַ האַלבער סטעלמאַך און אַ האַלבער שמיד. סאַמע דאָס, וואָס האָט געפעלט אָף אונדזער ייִשעוו. און אַזוי ווי אונדזער אוילעם האָט ביז איצט וויניק גע־האַט צו טאָן מיט וועגענער, איז מען געגאַנגען צו אים, ווי צו אַ גוטן ייִדן, מיט יעדער קליי־ניקײַט. באַ דעם איז אַראָפּגעפאַלן אַ שינע, באַ אַ צווייטן האָט געפּלאַצט אַן אַקס, באַ אַ דריטן האָט זיך צעבראָכן אַן אָרטשיק, און באַ אַ פערטן האָט די רעכוועס אָנגעהויבן שאָקלען זיך, ווי אַן אונטערגעפוילטער צאָן. די אַלע קאַשעס האָט געקאָנט פאַרענטפערן נאָר ייִסראָעל סטעלמאַך. ווען מע האָט אַלע וועגענער, זייעלקעס, פלוגן און באָראָנעס צונויפגעפירט איניי־

מעם, איז יִסראָעל מיטאמאָל פּאַרוואַלגערט געוואָרן מיט אַרבעט אויף עטלעכע זומערס און ווינטערס. געוואָרן איז יִסראָעל אַ גרויסער שוויַגער, געדרייכערט זייער ביזן טוטין און פאַרמאַגט אַ פּאָר בייזע ברעמען. די שטים זיַינע איז אויך געוואָרן אַ בייגלעכע. דאָס גליק, וואָס געהערט האָט מען זי זייער זעלטן.

נאָר יִסראָעל איז איין זאַך, און זיַין בליומע איז אַ צווייטע זאַך. געוואָרן איז בליומע אַ מאָגער און שוואַך נעפּעשל, מיט אַ קליין אָפּגעצויגן פּענעמל און מיט אַ דין און שטיל קעַ־לעכל. דאָס פּענעמל האָט זי געהאַלטן שטענדיק איַינגעוויקלט אין אַ ראָזעווע טיכל מיט רויטע קווייטעלעך, און מיט איר קעלעכל איז זי זיך באַגאַנגען אַזוי, גלײַך ס'איז ניט אירס, נאָר זי האָט עס אַנטליִען ערגעץ, און זי האָט זייער מוירע, ס'זאָל כאָלילע ניט קאַליע ווערן. אַלעמאָל האָט איר עפּעס געפּעלט און זי האָט געמוזט אַריַינלויפן צו אונדז.

— ריווקע, עפּשער האָט איר אַ ציבעלע עפּשער?

— ריווקע, איר קאָנט מיר אַנטלײַען איַיער קאַטשלקע אַנטלײַען?

זי רעדט דאָס אַרויס שטייענדיק אויף דער שוועל און לאָזט דערבײַ אַרויס אַ טיפן זיפץ. ניט פון יענע זיפצן, וועַן מע קלאָגט זיך אויף עפּעס, צי פון די, וואָס קומען פון טיפע דײַגעס. דאָס איז געוואָרן אַ זיפץ פון גאָר אַן אַנדער מין, אַ זיפץ מיט עפּעס אַ ניגנדל, וואָס גיט זיך אַ צי ביז גאָר הויך און ווערט גלײַך פאַרשוווּנדן.

דערנאָך האָט די מומע זיך אָנגעשטויסן, אַז די זאַך איז ניט אין דער ציבעלע און ניט אין דער קאַטשלקע... ס'איז איר פּאַשעט אומעטיק אַליין אין שטוב, קומט זי אַריַין, ווי די מומע פּלעגט זאָגן, פּלעכטן אַ מײַסע. וויַיל אין אַ מינוט אַרום האָט זי אינגאַנצן פאַרגעסן אין דער ציבעלע און אין דער קאַטשלקע און גלײַך אַריבער אויף עפּעס אַנדערש.

— ווי געפּעלט אײַך פּעסיע ווי געפּעלט אײַך?..

אויף אַ וויַילע אַנשוויגן געוואָרן, געלאָזט, דאָס זיפצעלע זאָל זיך אויסזינגען, און גענומען וויַיטער דערציילן:

— נעכטן בײַ דער מילך האָט מען דערציילט האָט מען...

דאָס מאָל האָט זי אַפילע פאַרגעסן, אַז זי דאַרף צוערשט עפּעס אַנטלײַען, און גלײַך גע־נומען אויסשיטן דאָס ביסל נײַס.

— איר האָט שוין געהערט וועגן די הינער געהערט? און וויאַזוי וועט זײַן מיט די אייער וויאַזוי?

דער מומען איז, אַפּאָנעם, געוואָרן גוט אָנגעזאָלעט אויפן האַרצן, האָט זי איר אָפּגעענטפערט ניט אינגאַנצן איידל:

— וואָס דאַרף זײַן וואָס? די הינער וועלן זיך לייגן וועלן זיך, און די אייער וועלן מיר קאָכן וועלן מיר.

גראָד דאָס נאָכקרימעניש האָט בליומע ניט פאַרשטאַנען. און עפּשער זיך געמאַכט ניט וויסנדיק. זי האָט געמוזט זיך אויסרעדן דאָס האַרץ.

— מע זאָגט, אַז מע וועט צונעמען אַלע אייער זאָגט מען, און אַפילע אויף פּייסעך וועט מען אַרויסגעבן וועט מען...

— וויפל זשע וועט מען אַרויסגעבן אויף פּייסעך? — האָט געפרעגט די מומע.

— פונוואַנען זאָל איך וויסן? אָט דאָס בין איך געקומען צו אײַך בין איך...

איך ווייס ניט, פאַרוואָס איז דער מומען דערבײַ געקומען אויפן זינען דאָס ווערטל:

— אין האַלאַסקאָוו איז דאָ אַ יִידענע, האָט זי אַ נײַ דרײַערל.

האָט בליומע זיך באַליידיקט. איר אָפּגעצויגן פּענעמל האָט באַקומען דעם קאָליר פון די קווייטלעך אויף דעם ראָזעווע שאַלעכל.

— וואָס שטייען אײַך אַזוי ניט אָן די האַלאַסקאָווער וואָס?

— און וואָס נעמט איר זיך אַזוי אָן פאַר זיי?

— וויַיל איך אַליין בין אַ האַלאַסקאָווער בין איך.

— זע, וואָס זשע האָט איר ביז איצט געשוויגן? — די מומע האָט זיך אַזוי דערפרייט, אַז זי איז גרייט געוואָרן צעקושן זיך מיט בליומען. — אין האַלאַסקאָוו בין איך געוואָרן אַ מאָל צען, וויַיל האַלב האַלאַסקאָווער זײַנען אונדזערע קרויווים. און יענע יִידענע טאַקע...

— גייט שוין גייט, — איז בײַ בליומען גלײַך אַריבער דער רוגעז. — אַ כאַריפּעס אַ גרויסער, אַ נײַ דרײַערל. זײַנט איר אַליין אויך קימאַט אַ האַלאַסקאָווער? וואָס זשע האָב איך אײַך דאָרט קיינמאָל ניט געזען?

— ע, ווען דאָס איז געוואָרן, נאָך פאַר מײַן כאַסענע.

— יאָ, טאַקע, ווען דאָס איז נאָך געוואָרן ווען...

האָבן זיי ביידע גיך שאָלעם געמאַכט און ווי־ניט־איז דורכגעקומען מיט יענער האַלאַסקאַ־ווער יידענע. נאָר די געשיכטע מיט די הינער און מיט די אייער האָט דאַן ערשט געהאַלטן באַם אָנהייב. דער גורל פון די הינער איז געבליבן אומבאַוווּסט, און קיינער האָט ניט געקאָנט זאָגן, ווי־אַזוי וועט זײַן מיט די אייער. ווײַל דאָס האָט זיך פּאַשעט ניט געלייגט אַפּן סייכל.

טאַקע דערפאַר זײַנען אַרום די הינער מיט די אייער אַרומגעגאַנגען פאַרשיידענע קלאַנגען, און יעדערער האָט זיי באַפּוצט מיט וואָס זײַן האַרץ האָט געגלוסט. מיט איין וואָרט, טאַקע ווי די מומע האָט געזאָגט:

— אין האַלאַסקאָוו איז דאָ אַ יידענע, האָט זי אַ נײַ דריײַערל.

אַזוי האָט זיך עס געצויגן ביז יענעם טאָג, ווען די אויסגעטיילטע הינער־קאָמיסיע איז צוגעטראָטן צו איר אַרבעט: איבערשרײַבן, וויפל אויפּעס יעדערער פאַרמאָגט, דערוויסן זיך, וויפל הינער לייגן זיך און וויפל ניט, קעדיי פעסטשטעלן, וויפל אייער וועלן אין דער נאָענטסטער צײַט אָנקומען אין דער קאָמונע. ס׳וואָלט עפּשער אַלץ דורך גלאַטיק, נאָר דאַפקע כאַנע לייבעשעס, פון ווּעמען מע האָט ביז איצט קיין וואָרט ניט געהערט, האָט זיך אײַנגעשפּאַרט. זי האָט דאַפקע צוניפגעטריבן אַף איר הויף אַלע צוואַנציק הינער, נאָר געמאָלדן האָט זי, אַז אין דער קאָמונע פאַרשרײַבט זי נאָר פופצן. זאָל די קאָמיסיע אויסקלײַבן, וועלכע זי וויל. נאָר פינף הינער לאָזט זי פאַר זיך. וואָסי? זי איז קיינמאָל קיין גווירנטע ניט געווען, און פאַר איר גאַנץ לעבן ניט צוגעגאַנגען באַ עמעצן אפילע פאַר אַ גראָשן. וויל זי אויך איצט, ס׳זאָל זײַן אָרנטלעך. די אייער פון די פופצן הינער וועט זי אָפּגעבן דער קאָמונע, און פון אירע פינף וועט זי נעמען פאַר זיך. עס גייט צו פייסעך, און זי מוז האָבן כאָטש אַ מייע אייער. יאָ, טאַקע ניט ווייניקער פון אַ מייע. ווײַל אַף די לאַטקעס דאַרף מען אייער, אַף די קיילעך אייער און אַף פּראַווען דעם סיידער אויך אייער. און איר קוקט אים אָן, האָט דערצו נאָך ליב יעדן גאַנצפרי געפּרישטע מאַצע. און פרוווט, אַדרעבע, מאַכן געפּרישטע מאַצע אָן אייער? מיט איין וואָרט, פופצן הינער גיט זי איבער דער קאָמונע און פינף לאָזט זי פאַר זיך.

די מילכיקע פּאַטשט האָט אַפּגיך פאַנאַנדערגעפּירט די געשיכטע וועגן כאַנעס אייער־אויפשטאַנד איבער אַלע יישווים, און ס׳איז אַוועק אַ סעדרע. יעדערער האָט אָנגעהויבן מאַכן זײַן כעזשבן, וויפל אייער דאַרף ער אַף פייסעך. באַ איינעם איז אויסגעקומען, אַז ער דאַרף אויך איבערלאָזן פאַר זיך פינף הינער, און באַ אַ צווייטן, אַז ער מוז האָבן אַלע צען. ווײַל אויב כאַנע דאַרף האָבן אַ מייע אייער, דאַרף ער פאַר זײַנע אַכט פּיקערס האָבן ניט ווייניקער פון צווי מייעס. און קיינער האָט ניט געקאָנט קלאָר ענטפערן אַף דער פראַגע: ווי־אַזוי וועט מען וויסן, וועלכע אייער האָבן געלייגט די קאָמונאַרישע הינער און וועלכע די אייגענע.

מיט איין וואָרט, איבער די הינער מיט די אייער איז כאָרעוו געוואָרן די קאָמונע.

פאַרשטייט זיך, די זאַך איז געווען ניט אין די הינער. די זאַך איז געווען אין די פיל אומקלאָרקײַטן, וואָס האָבן זיך געמערט פון טאָג צו טאָג, געבוירן פאַרשיידענע קלאַנגען, אָנגעוואַקסן איינס אַפן אַנדערן און אַרומגעוואַקסן געוואָרן מיט עפּעס מיסטעמעשונעדיקס, מיט אַזוינס, אין וואָס ס׳האָט זיך אפילע גלייבן ניט געוואָלט. נאָר ווײַל אַזוי, ווײַל ס׳איז אין דעם שווער געווען צו גלייבן און שווער געווען דאָס פאַרשטעלן זיך, האָט עס ניט אויפגעהערט הריזען באַם האַרצן, בוידערן די מויכעס און געבוירן נײַע אומקלאָרקײַטן און נײַע קלאַנגען. נאָך פאַר דער געשיכטע מיט די הינער האָט מען אומעטום ניט אויפגעהערט אַרומרעדן דעם קומענדיקן אַלגעמיינעם זיי־פּאַרקער. אונדזער אוילעם איז אין די זאַכן געווען ניט איבעריק באַקי, האָט זיך דאָס אַלעמען געמאָלט אַזוי, אַז די ערד פון יעדער דאָרף, פון יעדן יישעוו וועט מיט זיך פאָרשטעלן איין דורכויסיקן מאַסיוו אינעם זיי־פּאַרקער. וועט מען הײַנטיקן פרילינג זייען אין זעליאָנאָפּאָל בלויז זומער־ווייץ און גערשטן, אין סלאַדקאָוואָדנע — גראָזן, אַף אונדזער יישעוו — קוקורוזע און קאַרלעך, און אין קיפּערפּעלד וועט די גאַנצע ערד אויפגעאַקערט ווערן אַף פּאַר. האָט זיך עס ניט געלייגט אַפן סייכל: ווי וועט אונדזער יישעוו זיך ספּראַווען מיט אַזויפיל דורכאַקער־קולטורן, און וואָס וועלן אַ גאַנצן זומער טאָן די קיפּער־פּעלדער?

— זיי וועלן קומען צו אונדז העלפן דורכפּאָליען די קוקורוזע, — איז געווען דער ענטפער.

— נו, און איבעראַיאָר?

— איבעראַיאָר וועלן מיר פאָרן צו זיי.

איז דאָס געווען אַלעמען ניט צום האַרצן, פּונקט ווי דאָס, וואָס אין סלאַדקאָוואָדנע האָט מען געדאַרפט פאַרפלאַנצן אַ סאָד אַף הונדערט העקטאַר, אין זעליאָנאָפּאָל — אַ גרויסן ווײַנגאָרטן, און אין נאַדיאָזשנע — שאַפן די גרעסטע פערמעס. פאַרוואָס זשע קומט די סלאַד־קאָוואָדנער אַלע עפּל און די זעליאָנאָפּאָליער אַזויפיל ווײַנטרויבן?

מעגלעך, אַז אויך דער זיי־פּאַרקער איז געווען אַ בײַזאַך. גיכער פאַר אַלץ זײַנען דאָ שולדיק געווען די פּרעסט, וואָס האָבן זיך פאַרצויגן. פּוראַזש איז מיט יעדן טאָג געוואָרן ווייניקער, די פערד מאָגערער, און די קי האָבן מיט יעדן טאָג אָנגעהויבן געבן ווייניקער מילך.

פּרוווט אָבער אַ פרעג טאָן עמעצן, וועט ער אײַך זאָגן, אַז דאָ גייט נישט ניט אין די הירנער, ניט אינעם זיי־פּאַרקער, ניט אין די פּרעסט און ניט אינעם גאַמעלק. אין וואָס זשע דען? אין גאָרנישט ניט. ריכטיקער, ער ווייסט אַליין ניט, און דערפאַר איז גלײַכער צו שווײַגן. און דאָס שווײַגן איז אַמאָל ערגער פון אַלץ.

אָט אַזוי, אײַנמיטנדערינען, צווישן אַלע טומלענישן און יאָגענישן איז אומגעריכט אופגעקומען אַ דראָענדיק, אַן אומפאַרשטענדלעך שטילשווײַגן. איך האָב געזען פאַר זיך פאַרכמורעטע, פאַרדײַגעטע פּענעמער, כ'האָב געוואָלט פון זיי הערן עפּעס אַ וואָרט, איך בין גרייט געווען אויסהערן די גרעסטע זידלערײַען, נאָר קיין באַלאָנים אַף דורכשמועסן זיך זײַנען ניט געווען. בין איך געווען איבעראַשט, ווען דער טאַטע האָט פאַרפירט אַ שמועס.

— צוליב וואָס האָט דיר געטויגט די קאָלאָנעטשעס? — האָט ער זיך אָנגערופן באַ איינער פון אונדזערע זעלטענע וועטשערעס.

— וועלכע קאָלאָנעטשעס? — האָב איך ניט פאַרשטאַנען.

— מיט ציבעלמאַנען.

— וואָס זשע?

— זאָלסט הערן, וואָס מע זאָגט.

— וואָס זשע זאָגט מען?

— מע האָט ניט געדאַרפט אַזוי.

— ווי דען האָט מען געדאַרפט?

— איך ווייס ניט. נאָר מיר האָבן זיך ניט געדאַרפט פאַרטשעפּען מיט זיי.

— ווער איז דער מיר און ווער איז דער זיי?

— וואָס מאַכסטו זיך טאַמעוואַטע? — איז דער טאַטע געוואָרן באַרויגעז. — זאָלסט הערן, וואָס מע דערציילט וועגן שימענען מיט זײַנע באַנים, זיי האָבן דאָרטן, באַ דער גרענעץ, איינעם אַ קאָמאַנדיר די ביינער איבערגעבראָכן. און שימען מיט ציבעלמאַנען איז איין באַנדע.

טוליע האָט אַ קוק געטאָן אַף מיר, שטאַרק פאַרויטלט זיך און אַרויסגערעדט מיט אַ באַזונדערער פאַרביטערטקייט:

— און אײַזיק איז דען בעסער פון זיי?

— האָב איך טאַקע מוירע, — האָט דער טאַטע זיך אָנגערופן, — עס זאָל זיך ניט אויסלאָזן צו אונדזערע קעפּ.

האָב איך אָנגעהויבן דערווײַזן, אַז אַנדערש האָט מען ניט געקאָנט, מע האָט דאָך ניט געטאָרט דערלאָזן, זיי זאָלן אוועקפירן דעם ווייץ אַפן מאַרק און מיר זאָלן בלײַבן אָן זריִע.

— ווער דאַרף דען די זריִע? זאָלסט זען, ווי דער אוילעם איז אופגעדרודלט. עפּעס האָט מען מוירע.

— זאָלן אונדזערע סאָנים מוירע האָבן, — האָב איך געפּרוווט באַרויִקן דעם טאַטן.

— אָט דאָס הייסט קלאַסנקאַמף! — האָט טוליע געפּונען פאַר נייטיק צו דערקלערן.

קיפּערפּעלד האָט געלאָזט הערן וועגן זיך גאָר אַף אַן אַנדער אויפן. דאָרטן האָט מען ביז איצט די בעהיימעס ניט צונויפגעפּירט, ווײַל ס'איז ניט געווען וווהין. זײַנען זיי געבליבן באַ זייערע באַלעבאַטים מיט אַ טנײַ, אַז דעם גאַמעלק טראָגט יעדערער אוועק אַפן אופנעמפּונקט און באַקומט דאָרטן זײַן כיילעק — פיר גלעזער מילך אַף אַ נעפעש. ווידער — אַף נעמאָנעס. און כאָטש די צדאָדים זײַנען דאָ געווען ווײַט ניט קיין גלײַכע, ווײַל באַ אייניקע האָבן די קי זיך געמאָלקן, באַ אַנדערע ניט, איז די ערשטע צײַט אַלץ געגאַנגען נאָרמאַל. נאָר באַ באָרעך פרידמאַן, וואָס איז געווען דער באַפולמעכטיקטער פון דער קאָמונע, איז אופגעקומען אַ כשאַד, אַז ניט אַלע טראָגן אוועק דעם גאַנצן גאַמעלק. האָט ער צוגעטראַכט אַ מיטל, וויאַזוי אויסמײַדן פאַרשיידענע מיספאַרשטייענישן. זאָל יעדער קו מעלקן ניט די באַלעבאָסטע, נאָר אַ שכיינע, וועט אַראָפּפאַלן יעדער כשאַד. באָרעכן האָט דאָס אויסגעזען, ווי אָן עכטע דערפינדונג, נאָר ווײַבער האָבן זיך צעבונטעוועט. ערשטנס, אויב בײַטן אַלע טאָג די הענט, וועט מען אוועקפּאַטערן די בעהיימעס, און צווייטנס, וואָס איז דאָס פאַר אַ כשאַד, מע רעדט דאָך וועגן קאָמונע!

דאָס איז אויך געווען פון יענע פאַרזאַמלונגען, וואָס הייבן זיך אָן גאַנצפרי און ענדיקן זיך פאַרנאַכט. די מענער האָבן געשוויגן, און איך האָב ווידער געזען פאַר זיך יענע אָנגעכמור־

רעטע, פאַרשטיינערטע פּנעמער און אַראָפּגעלאָזטע אויגן. נאָר די ווײַבער — אַלע אין איין קאָל:

— מיר ווילן אַרויס פון דער קאָמונע!

באָרעך האָט אַרומגעטאַנצט אַרום טיש, ווי אין קוזניע אַרום אַ צעגליטן שטיקל אײַזן. אַלעמאָל אַ כאַפּ געטאָן זיך פאַרן קאָפּ און געטײַנעט ניט אַזוי צום עולם, ווי צו מיר:

— אָבער פאַרוואָס? איך וויל וויסן נאָר איין זאַך: פאַרוואָס?

דאָס האָב איך אַליין ניט געוווּסט. און די ווײַבער, ווי צונויפגערעדט זיך, האָבן ניט אויפגעהערט גוואַלדעווען:

— מיר ווילן ניט די קאָמונע!

מע האָט נאָר געקאָנט פאַרשטעלן זיך, וויפל מאָל האָט מען געוואָרפן איינער דעם אַנדערן דעם געט פאַר די פּיס, וויפל וועטשערעס זײַנען געבליבן שטיין אויפן טיש, ניט מאַכמעס מע איז געווען איבעריק זאַט. וויפל קלאָלעס ס'האָבן זיך שוין אויסגעשאָטן און וויפל קלאָלעס ס'איז נאָך געבליבן בײַ יעדערן, און זיי וועלן זיך אַ שיט טאָן, ווי נאָר מע וועט דאַרפן. דאָס איינציקע, וואָס מע האָט הײַנט געקאָנט אײַנריידן דעם אויפגערודערטן און צעהיצטן עולם, איז געווען: צוואַרטן עטלעכע טעג, ביז מע וועט לייזן די פראַגע אויפן ראַט פון דער קאָמונע און אין ראַיאָן. זאָל דערווײַל יעדערער מעלקן זײַן בעהיימע — אויף נעמאָנעס.

וואָס איז פאָרגעקומען פאַר יענעם טאָג אויף אונדזער אייגענעם יישעוו, האָב איך ניט געוווּסט, נאָר געוויס איז פאָרגעקומען עפּעס ערנסטס, אויב אַנשל איז אַזוי פּרי געקומען אין דאָרפּראַט.

די שוואַכע באַנאַכטיקע פראָסטלעך האָבן שוין גאָרנישט ניט געקאָנט אויפטאָן און דער וועג איז גלײַך געוואָרן קלעפּיק, די ליימיקע בלאָטע האָט זיך געטשעפּעט צו וואָס זי האָט נאָר געקאָנט. פאָרן איז געווען שווער. גיין אויך ניט גרינג. נאָר אַנשל האָט ניט געקאָנט צוקוקן, ווי די פאַרשוויצטע און פאַרסאָפּעטע פערד שלעפּן און רײַסן קוים אַרויס פון דער בלאָטע די אָנגעקלעפּטע רעדער. איז שוין גלײַכער גיין צופוס. ער איז אַרײַנגעקומען שטאַרק אַ פאַרשוויצטער, דער בראָזנטענער מאַנטל צעשפּיליעט, דאָס היטל פאַרוקט אויף הינטן, און די גלאַנציק־פּײַכטע האָר האָבן אַרומגעקלעפּט דעם שטערן מיט דריבנע קוטשערלעך. אָפּגע־דעכעט אַ ביסל און אַרומגעווישט דעם שווייס, האָט ער בייזלעך זיך אַרומגעקוקט, און כאָטש קיין איבעריקער עולם איז דאָס מאָל אין דאָרפּראַט ניט געווען, האָט ער אַ ווונק געטאָן צו מיר:

— קום אַרויס אין דרויסן.

ער איז געווען שטאַרק פאַרזאָרגט, מיט עפּעס אָנגעשראָקן. זײַנע שטענדיק פלינקע, ציגײַ־נעריש־כוצפּעדיקע אויגן זײַנען געווען ווי איבערגעצויגן מיט אַ הײַטעלע, וואָס קומט פון פיל ניט דערשלאָפענע שאָען, פון פאַרצאָרנטקײַט און דאָס מאָל, געוויס, אויך פון פאַרלוירנקײַט. ער האָט אַ ריב געטאָן מיט דער האַנט די גערדיכטע, קוטשעראַווע באָרד און לאַנג געקוקט אויף מיר, ווי ער וואָלט צוגעקליבן ווערטער, קעדיי לײַכטער מיר אונטערטראָגן די שלעכטע בסו־רע. נאָך די אַלע טעג פונעם דריקנדיקן שטילשווײַגן, נאָך דעם נעכטיקן ווײַבערשן בונט אין קיפּערפעלד האָט זיך מיר אָנגעהויבן מאָלן דאָס סאַמע ערגסטע און איך האָב געפרעגט אויך אַ דערשראָקענער:

— וואָס איז געשען?

— זאָג מיר... נאָר דעם עמעס... — אַנשלען האָט אויך ניט אויפגעהערט הריזען עפּעס אַזוינס, וואָס ער האָט מוירע געהאַט אַרויסרעדן, — זאָג, דאָס איז אויף לאַנג?

— וואָס? — האָב איך ניט פאַרשטאַנען.

— אָט דאָס־אָ... די קאָמונע.

— וואָס הייסט? איר ווייסט, וואָס איר רעדט?

אַנשל האָט זיך אַ קרים געטאָן, גלײַך ער האָט אַ באָרוועסער אָנגעטראָטן אויף אַ פאַר־זשאַווערטן צוואָק. אַראָפּגעריסן דאָס היטל און גענומען האַסטיק קראַצן דעם קאָפּ. געקראַצט דעם קאָפּ, געריבן די ברעמען און געקוקט אויף מיר אַ ביסל קאָסעוואַטע. די אויגן האָבן באַקו־מען זייער געוויינלעכן גלאַנץ, זיי האָבן אַפילע אָנגעהויבן אונטערשמייכלען, נאָר דאָס שמיי־כעלע איז געווען צו אַ דינס און ס'האָט זיך ניט געוואָלט לייגן אויפן פאַרצאָרנטן פּאָנעם.

— אָט, טו אַ נעם מיך, — האָט ער אַ זאָג געטאָן, צעשפּיליעט דאָס העמד און אַ פּיר געטאָן מיט דער האַנט איבער דער האָריקער ברוסט, — אָט, נעם צעשנײַד אָט דאָ־אָ, וועסטו זען, אַז אינווייניק בין איך אינגאַנצן רויט... ווײַל טאַקע, די סאָוועטסקע וולאַסט. נאָר פרי־ער איז געווען בעסער.

— ווען פרי־ער?

— ווען מיר זײַנען געווען באַלעבאַטים באַ זיך אין קאַלווירט. אין אונדזער קאַלווירט באַזונדער.

— נו, איז וואָס זשע?

— פאַרשטיי איך ניט. אָט דו... ביסט דאָך שוין אַ פאַרטיינע. איז גיב מיר צו פאַרשטיין.

יאָ, איך בין שוין טאַקע געווען אַ פאַרטיינע. מיט אַ כוידעש צוריק געוואָרן אַ קאַנדידאַט. נאָר נאָך ניט אַלץ האָב איך פאַרשטאַנען. און דאָס, וואָס קומט פאָר מיט דער קאָמונע, איז מיר אוואדע שווער געווען פאַרשטיין. און דאָס איינציקע, וואָס איך האָב אים געקאָנט זאָגן, איז געווען דאָס, וואָס איך האָב געזאָגט נעכטן אין קיפּערפּעלד:

— דאָס איז זייער אַן ערנסטער איניען, און מע דאַרף דאָס גוט באַטראַכטן. דאָס מאַכט זיך ניט אַזוי־אָ. איך וועל הײַנט גיין קיין זעליאָנאָפּאָל.

נאָר ס׳האָט זיך גראָד געמאַכט... און געשען איז דאָס אין דער שאָ, ווען איך מיט אַנשלען זײַנען געשטאַנען לעבן פּליוטל פונעם דאָרפראַט און איך האָב געסטאַרעט זיך אים דערווײַזן, אַז אַזוי טוט זיך דאָס ניט.

די קאָמונע „עמעס" האָט פּאַרייניקט זיבן דערפער מיט אַ שטעטל פון צען טויזנט העקטאַר. איבער אירע ערדן האָבן זיך געשלענגלט פיר באַלקעס, און אין איינעם אַ ווינקעלע, דאָרטן, ווו עס גייען זיך צונויף זעליאָנאָפּאָליער און נאַדיאָזשנער באַלקעס, האָט געדאַרפט אופקומען אַזאַ סטאַוואָק, וואָס דער סטעפּ האָט נאָך ניט געזען, אַ שטיק יאַם, און ס׳האָבן געדאַרפט אופקומען פיל אַנדערע שיינע און גוטע זאַכן — סעדער און ווײַנגערטנער, פערמעס און שטאַלן, און סאַמע דאָס וויכטיקסטע, וואָס האָט געדאַרפט אופקומען, איז געווען — די קאָמונע אַליין, ווײַל יענע גרינדונג־פאַרזאַמלונג, אַף וועלכער ס׳איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די קאָמונע און ס׳איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ ראַט מיט אַ פאַרוואַלטונג, מיט אַ פאָרזיצער, — האָט נאָך די קאָמונע ניט געשאַפן. יעדער דאָרף האָט געלעבט אווטאָנאָמיש, יעדער דאָרף מיט זײַנע באַזונדערקײַטן, מיט זײַנע אייגענע שווערקײַטן און מיט די פיל פּראָגן, אַף וועלכע קיינער האָט ניט געקענט ענטפערן.

יאַקאָוו כאַדאַס, דער פאָרזיצער פון דער קאָמונע, האָט דאָס אַלץ געפילט ניט ווייניקער פון אונדז און געוויס פאַרשטאַנען אַ סאַך מערער. אָט דאָס האָט אים אַרומגעיאָגט פון דאָרף צו דאָרף. ער האָט געוואָלט, ווי מע זאָגט, אָנטאַפּן דעם דויפעק, און ווער ווייסט, וועגן וואָס ער האָט געטראַכט אין יענער באַנאַכטיקער שאָ, ווען ער איז געבליבן איינער אַליין באַ זיך אין שטיבל, אַרומגעשפּאַנט אין דער פינצטער איבערן צימערל און געריבן מיט די הענט דעם שטערן.

יענעם גאַנצפרי, ווען אַנשל איז אַוועק אין דאָרפראַט, איז יאַקאָוו צוגעפאָרן אַף זײַן בעדאַרקע צו די באַראַקעס — שטאַלן פון אונדזער יִשעוו. ער איז געווען אומעטום ניט איין מאָל, אַלע, פון קליין ביז גרויס, האָבן אים שוין געקענט, אים אַליין, ווי אויך זײַן בעדאַרקע און דאָס קליינע טונקל־גניאָדע פערדל, וואָס איז ניט געלאָפן, נאָר אונטערגעטאַנצט מיט אַ דריבנע טענצעלע. שטענדיק, ווען יאַקאָוו פאָרט צו צו די שטאַלן, האָט ער אַ טעווע בלײַבן אַ פאָר מינוט אַף דער בעדאַרקע, זיצנדיק אָפּגעבן אַלעמען דעם גוטמאָרגן, און אויך אַזוי, זיצנדיק, שענקען אַלעמען אַ ברייטן שמייכל און פאַרגעבן די ערשטע פּראַגע. שטענדיק שטייט נאָענט לעבן אים אַנשל, און די פּראַגע איז געווענדט צו אים. אַף וויפל אַנשלען האָט ער דאָס מאָל ניט געטראָפן, איז די ערשטע פּראַגע געווען:

— ווו איז אַנשל?

צי דאָס איז געווען אַן אָפּגערעדטע זאַך, צי ס׳האָט זיך באַקומען אַזוי צופעליק, נאָר אַרום דער בעדאַרקע האָבן זיך אויסגעשטעלט, ווי אַרומגערינגלט זי — לייבעש דער האָרבאַטע, סימכע, וואָס איז געווען אַף אַ פינגער העכער פון לייבעשן, און מײַן טאַטע, וואָס איז געווען העכער פון זיי ביידע מיט אַ קאָפּ.

— וואָס דאַרפט איר אַנשלען? — האָט געפרעגט דער טאַטע.

— מיסטאָמע דאַרף איך אים, — האָט יאַקאָוו אָפּגעענטפערט מיט דעם מין שמייכעלע, וואָס קומט באַ אַזאַ ענטפער.

— איר דאַרפט אים שוין ניט, — סימכע איז געווען אַ צוגעקילטער, און זײַן שטים האָט מען קוים געהערט.

— איך פאַרשטיי ניט, — האָט יאַקאָוו אָפּגעענטפערט.

— וואָס איז דאָ פאַראַן צו פאַרשטיין? — האָט לייבעש געענומען פאַרטײַטשן, — איר האָט שוין דאָ מערער ניט וואָס צו טאָן.

איז געשען דאָס, וועגן וואָס יאַקאָוו האָט די לעצטע טעג ניט אופגעהערט טראַכטן. געשען אזוי אומדערוואַרט, אזוי גרויליק־פּראָסט, אז ס'איז אפילע שווער געווען גלייבן אין דעם. איז ער געבליבן זיצן אין דער בעדאַרקע און גענומען באַקוקן דעם אוילעם, וואָס האָט אָנגעהויבן צוקומען.

— כאַווער כאַדאַס, — האָט זיך אָנגערופן סימכע, — מיר בעטן... מיר בעטן מיט גוטן...

— רעב יאַנקל, — דעם טאַטנס שטים איז געווען ווי קיינמאָל ניט ווייך, — איר דאַרפט דאָך אליין פאַרשטיין. וואָס זשע, עס מוז דען קומען צו פּעטש?

— ווו איז אַנשל? — האָט יאַקאָוו ניט געפרעגט, נאָר אויסגעשריגן.

— ער איז אַוועק אין דאַרפּראַט, קיין סלאַדקאָוואָדנע.

— וואָס זשע האָט איר גלײַך ניט געזאָגט?

א שמיץ געטאָן דאָס פערדל און אַוועקגעיאָגט מיט סלאַדקאָוואָדנער שליאַך. דאָס פערד האָט אונטערגעטאַנצט מיט זײַן דריבנע טענצעלע, און פון אונטער די רעדער האָבן געהאַלטן אין איין אַרויספּליִען שטיקער ליימיקע בלאָטע.

— ס'וועט זײַן קאָשער, ס'וועט זײַן קאָשער! — האָט לייבעש אונטערגעמונטערט דעם אוילעם, וואָס איז געבליבן שטיין ווי דערשראָקן און שווײַגנדיק נאָכגעקוקט נאָך יאַקאָוון, וואָס האַלט אין איין שמײַסן דאָס פערדל.

— אָט דאָס איז דאָס, — האָט דער טאַטע א זאָג געטאָן צו זיך אליין און א רײַב געטאָן די הענט, ווי נאָך א שווער שטיקל אַרבעט.

וועגן דעם אַלעמען האָב איך זיך דערוווּסט ערשט פאַרנאַכט, ווען איך בין געקומען אַהיים. דערפאַר האָב איך ניט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס איז כאַדאַס אַרײַן אין דאַרפּראַט אזא אופגערעגטער.

— ס'איז דײַן אַרבעט? — איז ער אָנגעפאַלן אף מיר.

— וועלכע אַרבעט?

— דו זיצט זיך רויִק דאָ, בא זיך אין צימער, און ווייסט ניט, וואָס בא דיר אין דאַרפּראַט טוט זיך!

יאַקאָוו מיט זײַן אומגעוואַקלטער געזעצטקײַט און אויסגעהאַלטנקײַט זאָל מיר אַזוינס זאָגן?

— וואָס, וואָס טוט זיך? — האָב איך איבערגעפרעגט א באַליידיקטער.

21

האָב איך ווידער געשפּאַנט קיין זעליאָנאָפּאָל אף א דרינגענדיקער פּאַרטיי־פאַרזאַמלונג. קיין מיטיק האָב איך הײַנט ניט געגעסן, און קיין וועטשערע וועל איך הײַנט אויך ניט האָבן. און ווער ווייסט, ווען און מיט וואָס די פאַרזאַמלונג וועט זיך ענדיקן, און צי ס'וועט דערנאָך מיר קריכן דער ביסן אין מויל אַרײַן. האָט ווידער מיך געראַטעוועט כאַסיע, די באַלעבאָסטע אונדזערע. זיך דערוווּסט, אז איך גיי הײַנט ניט אַהיים, האָט זי אַרײַנגערוקט אין דער פאַרסמאַלצעוועטער קעשענע פון מײַן היפּש־אָפּגעריבן סוויטקעלע א גרויס שטיק ברויט. האָב איך געשפּאַנט קיין זעליאָנאָפּאָל, געקײַט דאָס ברויט און געטראַכט וועגן זייער ניט קיין פריילעכע זאַכן.

דאָס וואַרעמע ווינטעלע האָט שטיל זיך געהוידעט איבערן קאָפּ, אַלעמאָל א גלעט געטאָן, א לעשטשע געטאָן דאָס פּאָנעם, געפּרוּווט אַרײַנזינגען מיר אין אויער אַרײַן זייער גוטס און דערמונטערנדיקס און מיט אַלע קויכעס זיך געסטאַרעט מיך טרייסטן, לינדערן מײַן געמיט. פון רעכטס האָט צו מיר געוווּנקען דאָס ווינט־מילעכל, וואָס איז אופגעשטאַנען טכיִעס־האַמייסים און פריילעך געפּאָכעט מיט די פליגל. הויך אין הימל זײַנען געפלויגן גאַנצע טשאַטעס בושלען, וואָס האָבן זיך אומגעקערט אַהיים פון די ווײַטע קאַנטן. זיי זײַנען געפלויגן פּײַערלעכשטיל, אין לאַנג־אויסגעצויגענע דרײַעקן, בלויז פון מאָל צו מאָל א פּאָך געטאָן מיט די פליגל און איבערגערופן זיך מיט א קורצן אָפּגעריסענעם אויסגעשריי, וועלכער האָט, ווי א בליץ, א שניט געטאָן די פאַרנאַכטיקע שטילקײַט. געוווּן איז אין אָט דעם אויסגעשריי פריידיקבאַגריסנדיקס און נאָך עפּעס אַזוינס, וואָס איז שווער געווען פאַרשטיין.

פאַרוואָס זשע גרימט מיך אזוי אינווייניק? קיין איבעריקס האָב איך הײַנט ניט געגעסן, און צום ניט דערעסן בין איך פון לאַנג געוווינט. עס גרימט, נאָגט און קלעמט, און מיר דוכט זיך, אז ס'איז שוין ביכלאַל ניטאָ קיין רויִק ווינקעלע אָן ווייטעקן.

קאָן איך דאָס ניט פאַרשטיין, פונקט ווי איך קאָן ניט פאַרשטיין, פאַרוואָס איז דער אויפֿעם, וואָס האָט ביז די לעצטע טעג אַזוי אַקשאָנעסדיק געשוויגן, מיטאַמאָל באַקומען לאָשן.

— אויס קאַלע, ווידער אַ מויד, — אַזוי האָט געפּאַסקנט פּישל שוסטער, דערוווּסט זיך, אַז די קאַמונע איז שטיל געשטאָרבן.

אָף זײַן פּאָנעם איז ניט געווען צו זען, צי איז ער צופרידן, צי איז ער באַאומרויִקט. בלויז אָפּגעזאָגט זײַנס, און זאָל מען דאָס טײַטשן, ווי מע וויל.

— מיילע, וועט מאָשיעך געבוירן ווערן שפּעטער מיט אַ טאָג, — האָט אים אָפּגעענטפערט כאַיִם־בער, אַראָפּטראָגנדיק פון זײַן פּורל די ליידיקע בידאָנעס. און ס׳איז ווידער שווער געווען פעסטצושטעלן, צי איז ער צופרידן צי אַנטוישט.

מערער אָפּנהאַרציק איז געווען דער אַגראָנאָם באַביצקי.

— באַוויינען די קאַמונע איז דאָך ניט שײַעך, — האָט ער געטײַנעט צום אוילעם, וואָס איז זיך צונויפגעקומען אָפן קאָלווירטישן הויף, — אַז ס׳איז ניט באַשערט, איז ניט באַשערט, און נאָך אַלעמען איז געשען דאָס, וואָס האָט געדאַרפט געשען.

— און סאַמע צו דער צײַט! — האָט אים אונטערגעהאַלטן מוישע סאָראַקין, וואָס איז ווידער געוואָרן באַלעבאָס באַ זיך אין קאָלווירט, און, ווי פריִער, געלאָזט פרײַ אַרומשפּאַצירן זײַן פּילדײַטיק שמייכעלע. — טוט אַ קוק, ווי די ערד פאַרעט...

יאָ, די ערד האָט געפאַרעט. באַנאַכט האָבן נאָך געגומען שוואַכע פרעסטעלעך. נאָר דער טאָג האָט דערמיט זיך ניט געוואָלט רעכענען. דער טאָג האָט געהאַט זײַן אייגענעם כעזשבן, געפּילט, ווי ער האַלט אין איין וואַקסן, ווערט וואָס אַמאָל לענגער און זוניקער און גענומען אַלץ אָף זיך, אָף זײַן אייגענעם אַכרײַעס. די ערד האָט געפאַרעט, ווי אויסגעדעכעכט פון זיך די קעלט פאַרן גאַנצן ווינטער. און אויב גוט צוקוקן זיך, האָט מען געקאָנט באַמערקן, ווי עס וויגט זיך, ווי עס הייבט זיך איר מעכטיקע ברוסט, וואָס האָט זיך, ווי אַלץ דאָס לעבעדיקע, פאַרבענקט נאָכן פרילינג.

בלויז צוויי מענטשן האָבן ניט געקאָנט און ניט געוואָלט פאַרשטיין, וואָס עס קומט פאָר.

— אונדזערע מענטשן! — האָט באַרעך פרידמאַן ניט אויפגעהערט היצן זיך. — מע קאָן דען עפּעס אופטאָן מיט אונדזערע מענטשן?

געוואָרן ביז גאָר אַנטוישט אין אַלעמען, ווײַל אַלץ איז געגאַנגען ניט אַזוי, ווי ער האָט געמיינט, האָט ער אָנגעגעבן אין דעמיסיע, ניט געוואָלט מערער זײַן פּאַרזיצער אין קיפּערפעלד. און פון באַגינען ביז אָוונט געקלאַפּט מיטן האַמער, געפּאַכעט מיטן בלאָזזאַק, ווײַזנדיק, אַז פון הײַנט אָן ווייסט ער בלויז זײַן שמידערײַ.

יענטל איז אַרומגעגאַנגען אָן איבערגעשראָקענע און אַ באַליידיקטע. באַ איר איז אויסגעקומען, אַז מע האָט זי אָפּגענאַרט. צוגעזאָגט עפּעס זייער גוטס און זייער שיינס, אַפילע שוין געוויזן, ווי־אַזוי דאָס זעט אויס, און ווידער אָפּגענומען צוריק. ווען זשע וועלן זיי זײַן, יענע גרויסע ליכטיקע שטאַלן, יענע רײַכע פערמעס, די סעדער און ווײַנגערטנער און די ליכטיקע מויערלעך?

— וואָס זשע וועט איצט זײַן? — האָט זי אַלעמאָל געפרעגט.

— עס וועט זײַן גוט, — האָט אַנשל זי באַרויִקט.

— עס וועט זײַן גוט, — האָב איך אויך געסטאַרעט זיך זי טרייסטן.

נאָר מיר אַליין איז געווען ניט גוט. איך אַליין האָב אויך זיך געפּילט, ווי יענטל, אַ ביסל אָן אָפּגענאַרטער און אַ ביסל אָן אַנטוישטער. דערצו נאָך אַ ביסל שולדיק אויך. ווײַל איך אַליין האָב דאָך צוגעזאָגט אַלעמען גאָלדענע בערג, געמאָלט פאַר זיי דאָס שיינע לעבן אין דער קאַמונע, געמאָלט, נאָר איבערצײַגן ניט געקאָנט. און דערפאַר איז געשען אַזוינס, וואָס מיר איז שווער צו באַנעמען.

האָב איך געשפּאַנט קיין זעליאָנאָפּאָל און ניט געקענט שטילן דעם פאַרדראָס, די ווייטעקן און די גרימענישן. און האָב אויך ניט געקאָנט זיך אַליין ענטפערן אָף דער פראַגע: ווען, אייגנטלעך, זײַנען מיר געווען אָף אַ דערעך און ווו זײַנען מיר עס אַראָפּ פונעם וועג?

און אָט אַזוי, אײַנמיטנדערינען... עפּשער איז דאָס געווען דערפאַר, וואָס איך בין געווען איינער אַליין אין סטעפּ און דער הימל איז מיטאַמאָל פול געוואָרן מיט שטערן. זיי זײַנען אויך, ווי די בושלען, געקומען צו פליִען פון ווײַטע קאַנטן... פרילינגדיקע שטערן, וואָס האָבן געבראַכט מיט זיך פיל וואָרעמקײַט, געפינטעלט און געוווּנקען מיט אַ סאַך דערמונטערנדיקע צוזאָגן. האָט מיך אַ ציִ געטאָן צו די שטערן... ווי גאָר אַמאָל, אין די טעג פון מײַן ערשטער אופוואַכונג, ווען איך בין ביז שפּעט אין דער נאַכט געזעסן אָפן פריזבעלע לעבן אונדזער שטיבל און אָנגעשטרענגט דעם מויעך אָף דורכמאַכן דעם אומבאַגרײַפלעך ווײַטן מעהאַלעך... איצט האָב איך זייער געוואָלט וויסן, וואָס טוט זיך דאָרטן, אָף די ווײַטע שטערן, וואָס קומט

פֿאַר אַף יענע פּלאַנעטעס, אַף וועלכע ס׳איז פֿאַראַן אַ לעבן. ווי האַלטן זיי, יענע מענטשן, צי האָבן זיי שוין דורכגעמאַכט אָט דעם שווערן וועג, צי האָבן זיי שוין איבערגעפּאַקט און איבער־געמאָזלט מיט דעם אַלעמען, צי האַלטן זיי נאָך אויך פֿון פּאַרנט...

זיך פֿאַרעדט מיט די שטערן, איז מיר געוואָרן אַ ביסל גרינגער אַפֿן האַרצן.

די פֿאַרזאַמלונג האָט, ווי געוויינלעך, זיך צונויפֿגעקליבן אינעם ניט גרויסן „פּאַרטייִישן" קלאַס. כאָטש אין דרויסן איז שוין געווען פֿרילינג, איז אינעם צימערל, לעהייפּעך יענער ווינ־טערדיקער פֿאַרזאַמלונג, געווען גרויליק־קילבלעך, גלײַך דאָ, ערגעץ אין אַ ווינקעלע, האָט זיך פֿאַרבאַהאַלטן עפּעס פֿראָסטיקס. פֿאַר די פֿאַר כאַדאָשים זײַנען אַלע ווי עלטער געוואָרן אַף גאַנצע עטלעכע יאָר. און נאָך עפּעס איז געווען ווי אויסגעגאָסן אַף די פּענעמער פֿון די, וואָס זײַנען איינער נאָכן אַנדערן אַרײַנגעקומען אינעם „פּאַרטייִישן" קלאַס — אַ געפֿיל פֿון שולד. גראָד פֿון דעם איז מיר געוואָרן אַ ביסל גרינגער. דערנאָך איז פֿון אונדזער ייִשעוו אָנגעקו־מען יאָסל. ער איז אַרײַנגעקומען דאַפּקע אַ ביסל צו ראַשיק, שטאַרק פֿאַרסאַפּעט, דאָס פּאָנעם פֿאַרדעכטיק אָנגעפּלאַמט, נאָר דערפֿילט די אַלגעמיינע שטימונג, יענץ שטילע דורכשעפּטשען זיך, האָט ער אויך שווײַגנדיק זיך פֿאַרנייגט אַלעמען און זיך צוגעזעצט אַף דער פּאַרטע לעבן מיר.

מישע אײַזנשטיין, דער סעקרעטאַר פֿון פּאַרטיי־קאָמערל, איז געזעסן באַם טישל לעבן טאָוול, טיף אײַנגעגראָבן דעם קאָפּ אין אַ פּאַק פּאַפּירלעך און מיט ביידע הענט געשוויבערט דעם קוטשעראַוון שויבער אַפֿן קאָפּ. עפּעס האָט ער געזוכט אין די פּאַפּירלעך אָן ענטפֿער אַף די פֿראַגן, וואָס האָבן אים די לעצטע טעג רוען ניט געלאָזט. כאָים שלאַכטער האָט אַלעמאָל זיך אַ הייב געטאָן פֿון זײַן אָרט, אַ ריב געטאָן מיט ביידע הענט דעם שטערן און אַ זאָג געטאָן צו זיך אַליין:

— אוי, דאָס קאָפּ!

פֿון יענעם אָוונט, אין מעשעך פֿון פֿיל יאָרן, ווען ער אַליין איז אויך געווען פּאַרזיצער פֿון קאָמונע, דערנאָך פּאַרזיצער פֿון קאָלווירט, דערנאָך אַף ראַיאָנישער פּאַרטיי־אַרבעט, האָב איך אים ניט איין מאָל געזען אין אַזאַ פּאָזע, ווי ער זיצט זייער אַ פֿאַרזאָרגטער, גיט זיך מיטאַמאָל אַ ריס פֿון אָרט, אַ רײַב מיט ביידע הענט דעם שטערן און טוט אַ זאָג צו זיך אַליין:

— אוי, דאָס קאָפּ!

הינטער די אויגן האָט מען שטילערהייט געשפּעט פֿון אים ניט דערפֿאַר, וואָס ער לײַדט פֿון קאָפּווייטעק, נאָר דערפֿאַר, וואָס ער האָט געקרוינט דעם קאָפּ מיט אַ נײַעם מין.

יאַקאָוו כאַדאָס האָט אַפֿילע ניט געפּרוווט צוזעצן זיך. ער האָט די גאַנצע צײַט אַרומגע־שפּאַנט איבערן צימער פֿון איין וואַנט צו דער צווייטער און אַלעמאָל אַ פֿיר געטאָן מיט דער האַנט איבערן לאַנג ניט געגאָלטן פּאָנעם. אַף אַ ווײַלע זיך אָפּגעשטעלט, אַ קוק געטאָן דורכן פֿענצטער אַפֿן פֿרילינגדיקן דרויסן און ווײַטער געשפּאַנט. אַזוי האָט ער געוויס אַרומגעשפּאַנט גאַנצע נעכט באַ זיך אין דער היים, ווײַל ס׳איז שווער געווען פֿאַרשטעלן זיך, ער זאָל אין אַזעלכע אומרויִקע נעכט קאָנען אַנשלאָפֿן ווערן.

יאַקאָוו האָט אַרומגעשפּאַנט איבערן צימער און אַלץ געוואָלט דערקונדיקן זיך, אין וואָס באַשטייט זײַן פֿעלער, אין וואָס האָבן אַלע איבעריקע זיך טויע געווען, ווו און מיט וואָס האָט מען איבערגעכאַפּט די מאָס. זאָל זײַן, אַז מיט אים אַליין איז אויך געשען דאָס, קעגן וואָס ער האָט געוואָרנט אַף יענער פּאַרטיי־פֿאַרזאַמלונג? זיך פֿאַרכאַפּט מיט די אייגענע טרוימען, אוועקגעיאָגט און פֿאַרגעסן זיך אומקוקן, צי אַלע איבעריקע גייען אים נאָך? איצט וועלן אַלע דאַרפֿן צולייגן ניט ווייניק מי אַף אָפּראַטעווען דאָס, וואָס מע קאָן אָפּראַטעווען. אַז זעליאָנאַ־פּאָל אַליין זאָל בלײַבן ניט געריכט, די קאָמונע זאָל בלײַבן אַ קאָמונע. ווײַל אויב עפּשער פֿאַר אַלע איבעריקע דערפֿער איז דאָס געווען צו פֿרי, איז זעליאָנאָפּאָל פֿיל רײַפֿער אין אַלע הינזיכטן. ווײַל נאָך אַלעמען איז גראָד אין זעליאָנאָפּאָל אופֿגעקומען די יוגנט־קאָמונע.

עפּעס אַ בין, אַ שטאַרק אָפּגעשוואַכטע פּונעם קאַלטן און ניט איבעריק זאַטן ווינטער, איז געוויס פֿאַרשיקערט געוואָרן בייס איר ערשטן אַרויספֿלי אַף דעם זוניקן סטעפּ. ס׳האָט זיך איר מיסטאָמע פֿאַרדרייט דער קאָפּ, און זי האָט גאָר פֿאַרגעסן, אַף וועלכער וועלט זי איז. געקומען צו־זיך, ווען ס׳איז פֿינצטער געוואָרן, נאָר שוין ניט געקאָנט געפֿינען דעם וועג אַהיים, איז זי צוגעפֿליגן און אָנגעקלאַפּט אין פֿענצטער, ווי געבעטן זיך אַף נאַכטליג.

— די בינען...— האָט יאַקאָוו אַרויסגערעדט, — די אוויִאַציע פֿון דער לאַנדווירטשאַפֿט! געכאַפּט זיך, אַז ער האָט ניט בלויז אַ טראַכט געטאָן, נאָר אַרויסגערעדט דאָס אין דער הייך, האָט ער שוין געמוזט פֿאַרטײַטשן דאָס געזאָגטע:

— טוט אַ קוק, מיר בויען צוקער־זאַוואָדן, מיר פֿאַרזייִען טויזנטער העקטאַרן בורעקעס, טויזנטער מענטשן האָרעווען ביזן זיבעטן שווייס אַף באַאַרבעטן די פּלאַנטאַציעס, און אין דער

זעלבער צײַט לאָזן מיר אוועק מיטן רויך מיליאָנען פֿודן האָניק. א כילעל־האַשעם! ווען מע זאָל אין יעדער קאָלווירט שאַפֿן א פּאַסעקע כאָטש פֿון הונדערט בינשטאָקן. איר קאָנט זיך כאָטש פֿאָרשטעלן, וואָס דאָס קאָן געבן?

ניין, קיינער האָט דאַן דאָס פֿאָרשטעלן זיך ניט געקאָנט. יאַקאָוו אַליין אויך ניט. און אוואדע האָט ער ניט געקאָנט וויסן, אַז אין א פּאָר יאָר ארום, נאָך פֿאַרשיידענע גילגולים, נאָך פֿאַרשיידענע ניסיוינעס, מיט וועלכע זײַן ניט לײַטזעליקער גורל וועט אים אויספּרווון, וועלן די בינען ווערן די גרעסטע לײַדנשאַפֿט זײַנע, אפֿן גאַנצן לעבן. אַז טאַקע דאָ, אין זעליאַנאָפּאַל, וועט ער שאַפֿן א פּאַסעקע פֿון טויזנט בינשטאָקן.

נאָר די בינען זײַנען גאָר א באַזונדער קאַפּיטל.

צווישן די אַלע פֿאַרטרויערטע און מאַרעשכוירעדיקע איז בלויז שײַקע כאָדאָס געווען ווי שטענדיק אופֿגעלעבט און זײַנע פּעטלעך־גלאַנציקע שווארצע אויגן זײַנען געווען פֿול מיט לוסט און מונטערקײַט. באַ אים איז אויסגעקומען, אַז קיין שום דורכפֿאַל איז ניט פֿאָרגעקומען, און קיין פֿאַרלוסטן זײַנען ניטאָ. ווײַל נאָך אַלעמען האָט די יוגנט־קאָמונע דערווײַזן אירס און אַרײַנגענומען אין זיך דאָס גאַנצע דאָרף.

— נו, וועלן מיר אָנהייבן? — מישע אײַזנשטיין האָט ענדלעך אָפּגעריסן זיך פֿון זײַנע פּאַפּירלעך און געלאָזט צורו זײַן צעשויבערטן קאָפּ.

— שוין צײַט, — האָט אָפּגעענטפֿערט אַרן שירמאַן, דער דירעקטאָר פֿון דער שול, און א קוק געטאָן אָף זײַן קעשענע־זייגער.

— וועלן מיר צוערשט אויסהערן א באַריכט פֿונעם פּאַרזיצער פֿון סלאָדקאָוואָדנער דאָרפֿראַט, — האָט געמאָלדן דער סעקרעטאַר פֿון קעמערל, — זאָל ער אונדז דערציילן וועגן די שטיק, וואָס זיי פּראָוון דאָרטן.

פֿון מישעס שטרענגן קוק און פֿונעם וואָרט „שטיק“ האָט באַ מיר אָפּגענומען דאָס לאָשן און איך האָב גאָרנישט ניט געקאָנט דערציילן. איך האָב בעעמעס ניט געהאַט וואָס צו זאָגן עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל מיך פֿאַרענטפֿערן אָדער כאָטש עפּעס דערקלערן. נאָר קיינער האָט מײַן באַריכט ניט געדאַרפֿט. אַלץ איז געווען באַוווּסט. און בלויז אָף צווינגען מיך עפּענען דאָס מויל האָט מען אָנגעהויבן שטעלן מיר פֿראַגן.

— דערצייל, דערצייל... וועגן טאַטן דײַנעם דערצייל... ווי האָט ער עס צוערשט מיט די קעלבלעך צוגעטראַכט, דערנאָך דעם פּאַרזיצער פֿון דער קאָמונע מעשאַלייעך געווען?

קומט אויס, אַז אין אַלץ און אין אַלעמען איז שולדיק מײַן טאַטע.

— און וועגן ציבעלמאַנען דערציילן. ווי האָט איר עס אַזאַ ציבעלמאַנען פֿאַרלוירן?

— יאָ, וועגן ציבעלמאַנען הערט מען גאָרניט?

די לעצטע פֿראַגע האָט געשטעלט כאַיִם שלאַכטער. לויט דער מינע און לויט דעם, ווי ער האָט זיך א בייג געטאָן צו מיר, האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס איז געפֿרעגט געוואָרן מיט די בעסטע קאַוואָנעס. ער וויל א ביסל לינדערן די שטימונג און מיט עפּעס פֿאַרענטפֿערן מיך. ס׳איז, הייסט עס, גאָרניט אַזוי גרינג האָבן צו טאָן מיט אַזעלכע ציבעלמאַנס.

נאָר דאָס אַלץ איז געווען ניט מערער, ווי אָן אַרײַנפֿיר, די הויפּט־זאַך איז באַשטאַנען אין דער סיטואַציע, וואָס איז געשאַפֿן געוואָרן נאָך דעם, ווי די קאָמונע איז זיך פֿאַנאַנדערגעפֿאַלן אָף אירע באַשטאַנדטיילן און אין ביידע דאָרפֿראַטן זײַנען אָפּסנײַ אופֿגעקומען זיבן זעלבשטענדיקע קאָלווירטן. זעקס קאָלווירטן און איין קאָמונע. דאָס מאָל האָבן די פּאָזיציעס פֿון די רעדנער זיך געביטן. יאַקאָוו כאָדאָס איז געווען ביז גאָר הארב אין זײַנע באַהויפּטונגען, געפֿאָדערט אָנעמען די סאַמע שטרענגסטע מיטלען און איז גרייט געווען באַשטראָפֿן אַלעמען דערפֿאַר, וואָס אַזוינס איז דערלאָזט געוואָרן. אַלע איבעריקע, פֿאַרקערט, האָבן אָפּגעשאַצט די לאַגע גאָר אַנדערש.

אַרן שירמאַן האָט ווידער געפֿינען דערצו היסטאָרישע אַנאַלאָגיעס:

— אַזוי קומט פֿאָר שטענדיק בײַס גרויסע סאָציִאַלע אופּטרייסלונגען. — ער האָט גערעדט גאַנץ רויִק און פֿאַמעלעך, און דאָס מאָל האָבן אים אַלע געהערט געדולדיק און אופֿמערקזאַם. — פֿריִער הייבט אָן אַלץ קאָכן און זידן, דערנאָך, ווען עס זעצט זיך א ביסל אָפּ, בלײַבט דאָס, וואָס האָט געקאָנט און געדאַרפֿט בלײַבן.

כאַיִם שלאַכטער איז אויך געווען באַ דער מיינונג.

— וואָס דאַרפֿן מיר זיך אַזוי קאַטעווען? — האָט ער געטײַנעט. — לאָמיר ניכטער אונטערפֿירן דעם סאַכאַקל. זעקס קאָלווירטן און איין קאָמונע. דאַרפֿן מיר זען, אַז דאָס זאָל זיך האַלטן און זיך פּאַרפֿעסטיקן. און זאָל נאָר דער אוילעם א ביסל אונטערוואַקסן...

די פֿאַרזאַמלונג האָט זיך געצויגן לאַנג, זייער לאַנג. ס׳איז געווען וואָס אַרומרעדן און

באהאנדלען אף אַרײַנטראָגן אַ באַשטימטע קלאָרקײַט אין פֿיל פֿאַרפּלאָנטערטע פֿראַגן. די פֿאַרזאַמלונג האָט ביסלעכווײַז אָנגענומען יענע זאַכלעכע ריכטונג, װען דעם אױבנאָן האָבן פֿאַרנומען ריין װירטשאַפֿטלעכע פֿראַגן. פֿראַגן, װאָס האָבן אינטערעסירט אַלעמען און מיך אױך. האָב איך געמײנט, אַז מײַנס בין איך שױן אָפּגעקומען. מיט די קלאָץ־קאַשעס, װאָס מע האָט מיר געשטעלט, און מיט דעם, װאָס ס׳האָט באַ מיר אָפּגענומען דאָס לאָשן. נאָר צום סאָף האָט מען זיך װידער דערמאָנט אין מיר. און נאָך אַ קורצער אַמפּערניש, אַ גאַנץ רױקער און אַפֿילע אַ גוטמוטיקער, איז מען געקומען צום אױספֿיר, אַז אַן אױסרײד האָב איך פֿונדעסטװעגן פֿאַרדינט. און ניט װאָס איך האָב אים טאַקע שטאַרק פֿאַרדינט, נאָר איך מוז אים נייטיק האָבן, מאַמעש אין לעבן אַרײַן. װײַל אָן דעם אױסרײד װעל איך שױן פּאַשעט ניט קענען זיך אַ ריר טאָן.

די פֿאָרמולירונג געדענק איך שױן ניט, נאָר דעם אױסרײד, דעם ערשטן אױסרײד מײַנעם, האָב איך פֿאַרגעדענקט אַף שטענדיק. איך בין געשטאַנען, װי אַ געלײמטער, ניט אַ װאָרט אױסרעדן, ניט פֿונעם אָרט זיך אַ ריר טאָן, געפֿינטעלט מיט די אױגן און געזוכט אַ װינקעלע, אַ שפּאַרונקעלע אַף פֿאַרוקן זיך ערגעץ, װײַל מיר איז געװען אַ ביזאָיען קוקן אַלעמען אין די אױגן.

— נו, מאַזלטאָװ דיר, — האָב איך דערהערט יאַקאָװ כאַדאַסעס שטים. זי איז געװען ביז גאָר װײך, די שטים זײַנע. — זאָל זײַן אין אַ גוטער שאָ!

כאַים שלאַכטער האָט אױך געפּרוּװט מיך טרײסטן. ער האָט זיך צוגעריורט מיט זײַן האַנט צו מײַן אַקסל און זיך אָנגערופֿן:

— װאָס האָסטו זיך אַזױ איבערגעשראָקן? אַן אױסרײד איז ניט קײן שטראָף, נאָר אַ רעפֿוע. נאָך אַן אױסרײד אַרבעט זיך בעסער.

אַהײם זײַנען מיר געגאַנגען אינצװײען. איך און יאָסל. שײַקע כאַדאַס האָט דאַפֿקע געפּרוּװט פֿאַרשלעפּן אונדז צו זיך איבערנעכטיקן און געװיס אױך געהאַט מיט װאָס מיך טרײסטן אַ ביסל, דעריקער מיט דעם, װאָס דער עמעס איז קאָנקרעט. נאָר מיר האָבן זיך אָפּגעזאָגט, טאַקע איבער אָט די ביטערע קאָנקרעטע עמעסן. מיר האָבן בײדע װאָס גיכער געװאָלט זײַן אַפֿן ישעװו, זען, װאָס דאָרטן טוט זיך, און אַלײן אױך אַן אַרבעט טאָן אַרום דעם, װעגן װאָס מע האָט גערעדט און באַשטימט אַף דער פֿאַרזאַמלונג. גערעכט געװען שלאַכטער. די רעפֿוע האָט שױן אָנגעהױבן װירקן. כוץ דעם, פּאַשעט געװאָלט דערװױסן זיך, װי פֿילט זיך דער סטעפּ אין אַזאַ פּרילינגדיקער נאַכט. דאָס פֿרעסטל איז שױן מערער ניט געקומען, און אױך באַנאַכט איז די ערד געװען װי אַ לעבעדיקע. זי האָט שטיל געעטעמט מיט איר װאַרעמען אָטעם און אַלעמאָל גרינג אַ קרעכץ געטאָן, װי פֿונעם שלאָף. און ס׳האָבן װידער זיך אַ יאַװע געטאָן די, װאָס שלאָפֿן ביכלאַל ניט באַנאַכט און פֿאַרפֿילן דעם אַרום מיט אַן אַ שיר פֿאַרבאָרגענע קלאַנגען, קרעכצן און שאַרכן. אָפּגעהאַנגען זײער װאַכטע ביז אַ האַלבער נאַכט, האָבן אַ סאַך שטערן זיך אױסגעלאָשן און אַװעק שלאָפֿן. נאָר צו דער צײַט איז שױן אױפֿגעגאַנגען די לעװאָנע און אין סטעפּ איז געװאָרן אַ סאַך ליכטיקער. דער װעג איז געװען, װי אַ װײכער אָנבעט, די פֿיס האָבן גרינג געזונקען און עפּעס געקנאָטן אונטער זיך, נאָר ס׳האָט זיך צו זײ גאָרנישט ניט געקלעפּט און גאָרנישט ניט געטשעפּעט. מיר האָבן געשפּאַנט גיך, װי פֿאַרװעט זיך, װער װעט מאַכן אַ ברײטערן שפּאַן. יאָסל האָט אַלעמאָל זיך געקליבן עפּעס זאָגן, נאָר געלאָזט דאָס פֿאַר זיך. ערשט דאַן, װען מיר האָבן אַריבערגעשפּאַנט די זעליאָנאָפּאָליער באַלקע, האָט ער זיך אָנגערופֿן:

— מע דאַרף דרינגענדיק צונױפֿרופֿן אַ קאָמיוגישע פֿאַרזאַמלונג. עפּשער אַרײַנגײן איצט צו טאָליען?

— שױן שפּעט. און פֿאַרזאַמלונגען דאַרף מען דורכפֿירן אומעטום.

— ריכטיק. אומעטום.

שױן באַם געזעגענען זיך האָט ער זיך אָנגערופֿן:

— און װעגן אױסרײד... נעם זיך ניט אַזױ צום האַרצן. עס איז זיך ניט טױע בלױז דער, װאָס טוט גאָרנישט ניט.

באַ אונדז אין דער הײם איז מען נאָך ניט געשלאָפֿן. עפּשער האָט שױן עמעצער געדרעמלט, נאָר װען איך בין אַרײַנגעקומען, זײַנען אַלע אַרױס אין קיכל מיך באַגעגענען. די מומע האָט מיר דערלאַנגט אַ װאַרעמע גלאָז מילך, און דער טאַטע, אױסגעהערט די נײַס און דעם גוטן פּעטשאַטעק, װאָס איך האָב הײַנט געהאַט, האָט גענומען מיך טרײסטן מיט מײַן אײגענעם װערטל:

— ס׳איז ניט שרעקלעך...

מיט דעם ווערטל האָב איך געטרייסט און דערמונטערט אַלעמען סײַ נאָכן גוסרעגן, סײַ נאָך דער זאַווערוכע, סײַ דאַן, ווען דער האַרבסטיקער סאַכאַקל האָט געוויזן, אַז ברויט ביזן נײַעם וועט ניט סטײַען. איצט האָט דער טאַטע מיר אומגעקערט דאָס ווערטל צוריק. און כאָטש איך האָב ניט געוווּסט, צי מיינט ער דאָס ערנסט, צי ער שפּאַסט, נאָר מיר איז דערפֿון געוואָרן אַ ביסל גרינגער.

— און עמעלע, — האָט די מומע זיך אָנגערופֿן און איבערגעריסן מײַנע פּערפּלאָנטערטע געדאַנקען, — עמעלע איז קראַנק געוואָרן. און ווער ווייסט, פֿאַרט אַן אייפּעלע...

ס'האָט מיסטאָמע געדאַרפֿט הייסן אַזוי: אַזעלכע צאָרעס, ווי אונדזערע, איז נאָך צו דערלײַדן. אָט, באַ אורציען... ווער ווייסט, וואָס מיט עמעלען וועט זײַן.

דרײַ טעג האָט עמעלע געקרענקט... דרײַ שווערע, שלאָפֿלאָזע, זאַווערוכעדיקע מעסלעסן, ווען אורציען מיט לייען האָט זיך געדוכט, אַז אַלץ האָט זיך אויסגעמישט און איבערגעמישט — דער טאָג מיט דער נאַכט, דער הימל מיט דער ערד, און אַז אַף גאָר דער וועלט איז גאָרנישט ניט געבליבן, כּוץ איין דורכויסיקע שמערצנפֿולע נעפּלדיקײַט.

ניט לייע און ניט אורציע האָבן צוערשט ניט פֿאַרשטאַנען, וואָס דאָס באַטײַט און מיט וואָס קאָן זיך דאָס ענדיקן. האָט אורציע דעם ערשטן טאָג בלויז זיך געקלאָגט, אַ ביסל אַ דערשטוינטער און אַ ביסל אַ דערשראָקענער:

— עפּעס האָט מײַן עמעלע אָנגעוווירן דעם אַפּעטיט. און איך הייב ניט אָן פֿאַרשטיין...

אין יענע טעג זײַנען געווען אַ סאַך זאַכן, וואָס איז אורציען שווער געווען פֿאַרשטיין. ווײַל אַלץ, צו וואָס ס'איז ניט גרינג געווען צוגעוווינען זיך און באַנעמען, האָט אָנגעהויבן קרישען זיך אַף שטיקלעך, פֿאַנאַנדערפֿאַלן זיך, און ער האָט ניט געוווּסט, ביזוואַנען וועט דויערן דאָס פֿאַנאַנדערפֿאַלן, באַ וואָס וועט זיך דאָס אָפּשטעלן און וואָס וועט דערפֿון בלײַבן. האָט ער אַרומגעיאָגט, ווי אַ צעדולטער, אַלעמאָל געפּרוווט מיט עפּעס און מיט זיך אַליין פֿאַרשטעקן אַ נײַעם לאָך, און אַלעמאָל דערמאָנט זיך און אַ זאָג געטאָן צו זיך אַליין:

— און מײַן עמעלע... עפּעס האָט זי אָנגעוווירן דעם אַפּעטיט...

דאָס פֿאַרלירן דעם אַפּעטיט איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס עמעלע האָט אופגעהערט צו נעמען די ברוסט.

דעם דריטן גאַנצפֿרי, ווען לייע האָט באַמערקט, אַז דאָס קינד איז אינגאַנצן פֿאַרבלאָווט, האָט אורציע אײַנגעשפּאַנט די בעדאַרקע און אַוועקגעיאָגט קיין בורלאַצק נאָך דער פֿעלדשערקע.

די ווײַבער, וואָס זײַנען איינעם מיט אורציען און מיט דער פֿעלדשערקע אַרײַן אין שטוב, האָט אויסגעזען מאָדנע, ווי זי, די פֿעלדשערקע, פֿירט זיך אוף. מיטן קינד האָט זי זיך אָפּגעפּאַרטיקט פֿאַר אַ פּאָר מינוט, אַ טאַפּ געטאָן אין איין אָרט, אַ פּאַטש געטאָן אין אַ צווייטן, מיט יענעם גרינגן, גוטמוטיקן פּאַטש, וואָס קומט אַ קינד נאָך דעם, ווי מע האָט דאָס אויסגעבאָדן, און שוין. לייען, פֿאַרקערט, האָט זי באַטראַכט זייער אופמערקזאַם און זייער לאַנג. אָפּגעמאָסטן די היץ, אַרומגעטאַפּט די בריסטן, אַף וועלכע ס'האָבן זיך באַוויזן עטלעכע בלאָטערלעך, און לאַנג, זייער לאַנג זי געהאַלטן באַ דער האַנט. אויסגעהערט דעם דויפעק. און עפּעס זייער לאַנג געטראַכט. באַפּרײַט לייעס האַנט, האָט זי אַפּגיך עפּעס אָנגעשריבן אַף אַ שמאָל פּאַפּירל און זיך אָנגערופֿן צו אורציען, וואָס האָט שוין אַ נעם געטאָן די בײַטש אין דער האַנט:

— מיט דעם זאָלט איר באַשמירן די בריסטן. און דאָס זאָלט איר געבן טרינקען דרײַ מאָל אַ טאָג, צו טיי־לעפֿעלעך.

— ווען שמירן, ווען געבן טרינקען? — האָט אורציע געפֿרעגט.

— וואָס הייסט ווען? דעם כוילע. אײַער פֿרוי...

— נו, און דאָס קינד? אונדזער עמעלע?

— אָך, דאָס קינד, — האָט די פֿעלדשערקע זיך געכאַפּט און שטאַרק רויט געוואָרן, — יאָ, יאָ, דאָס קינד...

זי איז נאָך געווען יונג, די פֿעלדשערקע, יונג און שיין. אַ שיינהײַט פֿון אַ יאָר צוואַנציק, מיט אַ גלאַט מאַטעווע פּאָנעם, מיט אַ געטאָקט נעזל און מיט צוויי שטראַלנדיקע אויגן. נאָר אַלס פֿעלדשערקע איז זי נאָך געווען אינגאַנצן גרין. עפּשער איז מיט איר פּאַכמענערישקײַט געווען אַלץ קעשורע, נאָר אירע געפֿילן האָט זי צוימען ניט געקאָנט, און ניט געקאָנט אויסבאַהאַלטן דאָס, וואָס אַ רופֿע מוז אַמאָל אויסבאַהאַלטן. דאָס, וואָס זי האָט אַזוי שטאַרק זיך פֿאַרויטלט, האָט אַרויסגעגעבן זי אַליין און אַלע אירע מעדיציניש סוידעס.

— אַך, יאָ, דאָס קינד, — האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן און ווידער עפּעס אָנגעשריבן אַף אַ שמאָל פּאַפּירל, — דעם קינד וועט איר געבן צו פינף טראָפּנס דריַי מאָל אַ טאָג. אַף אַ בײַ־סעלע וואַסער.

נאָר די, וואָס האָבן דאָס אַלץ צוגעקוקט, האָבן פאַרשטאַנען, אַז מיט עמעלען האַלט שלעכט, אַז מיט די טראָפּנס צי אָן די טראָפּנס איז שוין אַלצײנס. ניט פאַרשטאַנען האָבן דאָס בלויז אורציע און לייע.

לייע איז אַליין געווען אַ שווערער כּוילע. זי איז געלעגן אין היץ און געזען פאַר זיך גאָר אַנדערע בילדער. מיסטאָמע זײַנען די בילדער געווען זייער שרעקלעכע, ווײַל זי האָט אַלעמאָל זיך אַ וואָרף געטאָן, אַ ריס געטאָן זיך פונעם געלעגער, ווי געוואָלט אַנטלויפן פון עמעצן אָדער גאָר אָנגעהויבן אַרומקוקן זיך, ווי זוכנדיק דאָס, וואָס האָט זי אַזוי אָנגעשראָקן. געקומען אַף אַ ווײַלע צו די געדאַנקען, האָט זי געגומען באַקוקן עמעלען, וואָס איז געלעגן באַנאַנד, געגלעט דאָס פאַרבלאָוטע פּנעמל, דאָס זקייניש־צונויפגעקנייטשטע שטערנדל, און שטיל, אין זיך, געשעפּטשעט דאָס שטיקעלע טפילע, וואָס זי האָט געוווּסט:

— גאָט פון אַווראָם, פון ייִצכאָק און פון יאַנקעוו, אַז דער ליבער שאַבעסקוידעש גייט אַוועק...

ווידער, געוויס מיט דער זעלבער קאַוואָנע: אויב ס׳איז דאָ אַ גאָט אַף דער וועלט, וועט ער פאַרשטיין, וואָס זי מיינט און וואָס זי בעט בא אים.

אָפּטמאָל האָט זיך איר אַפילע געדוכט, אַז גאָט האָט דערהערט איר טפילע, און טוט דאָס, וואָס מע דאַרף. ווײַל אָט האָט עמעלע געעפנט די אייגעלעך, אַ פּיר געטאָן מיט זיי אַף רעכטס און אַף לינקס, גלײַך זי זעט עפּעס אַפּאַנעמעסן, און אַ פּאָר מאָל אַפילע אַ לעק געטאָן מיטן צינגעלע די פאַרטריקנטע ליפּעלעך. נאָר לייע האָט אַ טאָעס געהאַט. אין גאָט און אין זײַנע מײַסים־טויווים. אין אָוונט האָט עמעלע צוגעמאַכט די אייגעלעך און מערער ניט געוואָלט זיי עפענען. ס׳האָט נאָך געלעבט, ס׳האָט נאָך געזיפּעט, נאָר די אויגן עפענען ניט געוואָלט. בלויז שטיל און שוואַך געעטעמט. טאַקע קוים, קוים. אורציע האָט געדאַרפט פעסט צולייגן דעם אויער צום פּיצינקן בריסטעלע, ער זאָל הערן, ווי דאָס הערצעלע קלאַפּט. דערנאָך האָט דאָס אײַנגאַנצן אופגעהערט צו קלאַפּן. און די אויגן האָבן שוין טאַקע מערער זיך ניט געעפנט.

אַ גאַנצע נאַכט איז אורציע אַרומגעגאַנגען מיטן קינד אַף די הענט. ווען אים האָט זיך געדוכט, אַז עמעלע האָט זיך אַ רודעווע געטאָן, האָט ער אָנגעהויבן אײַנוויגן זי און געפּרוווט צוזינגען מיט אַ ניגן פון אַ וויגליד. ווען אים האָט זיך געדוכט, אַז דאָס קינד איז צו שטיל געוואָרן, האָט ער דאָס אָנגעהויבן מינטערן און אַפילע דעם אַרײַנגעקאַפּעט אינעם מײַלעכל עטלעכע טראָפּנדלעך פון דער רעפּוע, וואָס די פעלדשערקע האָט אויסגעשריבן. דערנאָך האָט ער אַרומגעשפּאַנט גלאַט אַזוי, אַרומגעשפּאַנט, ווי אַ בלינדער, מיט צוגעמאַכטע אויגן, אַלע־מאָל פאַרשטעפּעט זיך פאַר עפּעס אַנדערש, אָדער גלאַט אַ קלאַפּ געטאָן זיך מיטן קאָפּ אין דער וואַנט. נאָר עפענען די אויגן האָט ער מוירע געהאַט. ער האָט זיך געשראָקן פאַר דער נאַכט, וואָס האָט מאַלעכהאַמאָוועסדיק־שוואַרץ אַרײַנגעקוקט דורך די פענצטער. ער האָט מוירע געהאַט אַ קוק טאָן אַף עמעלען, ווײַל דער טויט איז שוין געלעגן אַף איר פאַרגליווערט, נאָך מערער בלוי געוואָרן פּנעמל. ער האָט געוווּסט, וואָס דאָס הייסט, נאָר גלייבן אין דעם ניט געוואָלט. ווײַל ווי קאָן מען עס גלייבן אינעם סאַמע אומבאַגרײַפלעכן און אין סאַמע אומדער־לאָזבאַרן? די וועלט דאַרף דאָך זײַן דער גרעסטער אַכזער, זי זאָל גראָד אים, אורציען, אַוועק־טרײַבן צוריק צום בעסוילעם. אַפילע גאָט אַליין... וואָס גאָט, ווער גאָט? ווען אורציע זאָל געווען אַפילע האָבן ביז איצט אַ שטיקעלע גאָט, וואָלט הײַנטיקע נאַכט פון דעם גאָרנישט ניט געבליבן.

לייע האָט אַליין ניט געוווּסט, אַף וועלכער וועלט זי איז. אַלעמאָל האָט עס מיט איר אַ וואָרף געטאָן, זי אַ הייב געטאָן פונעם געלעגער, און זי האָט אָנגעהויבן אַרומקוקן זיך מיט אירע גלאַנציק־פײַכטע, ווי אָנגעשוואָלענע, אויגן. יענטל איז די גאַנצע צײַט געזעסן לעבן איר, אַלע האַלבע שאָ איר צוגעלייגט צום קאָפּ אָן אײַנגענעצט טיכל און געהאַלטן זי בא די הענט, זי זאָל ניט אַראָפּ פונעם בעט. ערשט צו באַגינען־צו, נאָך דעם, ווי זי האָט אַ גאַנצע נאַכט זיך אָנגעמאָרדעוועט, איז לייע אַנשלאָפן געוואָרן. די היץ איז אַראָפּ, און זי איז אַנ־שלאָפן געוואָרן מיט אַ טיפן און רויִקן שלאָף. מיט יענעם זעלטענעם היילנדיקן שלאָף, בייס וועלכן דער כּוילע הייבט אָן געזונט ווערן. וואָלט געווען די גרעסטע אוויירע אופוועקן זי. יענטל האָט אַפילע מוירע געהאַט צורירן זיך מיטן טיכל צו איר פּאָנעם, כאָטש מע האָט זייער נייטיק באַדאַרפט אַראָפּווישן די גרויסע שוויס־טראָפּנס. אַזוי זײַנען זיי טאַקע געבליבן ליגן ווי פאַרגליווערטע, געבליאַסקעט אָפן בלייכן, אײַנגעפאַלענעם פּאָנעם. איז זי אָפּגעשלאָפן אַ

גאנצן פרימאָרגן ביז א האַלבן טאָג און אפילע ניט באַמערקט, ווען מע האָט עמעלען אַרויס־געטראָגן פון דער שטוב.

ווי איז מען זיך נויהעג, ווען מע ברענגט צו קוורע אַן אייפּעלע? צי דאַרף מען מאַכן אַן עמעסדיקע לעוויַע, צי ניין? לייבעש האָט געזאָגט, אַז אין אַזאַ פאַל טראָגט מען דאָס שטיל אַוועק אַפן בעסוילעם און שווַיגט. ער האָט נאָר פאַרגעסן, צי דאַרף מען זאָגן אַ קאַדעש, צי ניין, נאָר ווי ס׳זאָל ניט האַלטן מיטן מינהעג, האָט ער דאָ אויסגעזען פאַרעלטערט און ניט אָנעמבאַר. איין זאַך איז דאָרטן, אין די שטעטלעך, און אַן אַנדער זאַך איז דאָ, אַפן נײַעם יישעוו. נאָר וויאַזוי דאַרף זײַן דאָ, אַפן נײַעם יישעוו, האָט קיינער ניט געוווּסט, ווײַל מיט אַ לעוויַע האָט מען דאָ אויך צו טאָן צום ערשטן מאָל. איז די זאַך געגאַנגען ניט אַזוי אין די מינהאָגים, נאָר אין דעם, וואָס האָט זיך געלייגט אַפן סייכל: אויב אַלע יאָמטויווים, אַלע פריידן זײַנען שוטפעסדיקע, זײַנען דיליידן אויך אַלעמענס און די פאַרלוסטן אויך — אַלגעמיינע.

מיסטאָמע האָט קיינער וועגן אַזעלכע זאַכן ניט געטראַכט, נאָר ווען אורציע איז אַרויס־געקומען פון דער שטוב מיטן קינד אַף די הענט, זײַנען צו אים גלײַך צוגעשטאַנען עטלעכע מענטשן. דערנאָך האָט די לעוויַע אָנגעהויבן וואַקסן פון זיך אַליין, נאָך יעדער שטוב, נאָך יעדן הויף.

און אַ טאָג איז געווען — גאָר ניט פּאַר קיין לעוויַעס. אַפן לויטערן, העל־בלויען הימל האָט געשײַנט אַ פרילינגדיקע זון, פול מיט כיין, מיט רייצנדיקער בלענדעניש, פול מיט יונ־גער קראַפט און טיף פאַרבאָרגענער היץ, וואָס וועט איר סטײַען אַפן גאַנצן זומער. דער הימל איז געווען ערעופייסעכדיק פיל מאָל אויסגעשווענקט, אויסגעוואַשן און אויסגעקאָשערט אַזוי, אַז ס׳איז שווער געווען אָפּזוכן אַף אים אַפילע אַ סימען פון יענע ווינטערדיקע וואָלקנדלעך. און צווישן הימל און ערד — אַן אומענדלעכע זויבערקײַט, אַ וואַרעמע, אַ דופטיקע און אַ זינגעוודיקע.

פאַרשטייט זיך, אַז דאָס אַלץ, וואָס איז געשען די לעצטע טעג, האָט ניט געהאַט קיין שײַכעס און איז ניט געווען פאַרבונדן מיט פעסיעס קלאָלעס. ווײַל וואָס פאַר אַ שײַכעס האָט דאָס, וואָס די קאָמונע איז זיך צעפאַלן, צו דעם, וואָס בא אורציען איז געשטאָרבן דאָס קינד? נאָר מענטשן זײַנען אָפּטמאָל געניגט צונויפבינדן זאַכן, וואָס בינדן זיך לאַכלוטן ניט. באַזונ־דערס, ווען אין זיקאָרן בלײַבט עפּעס אַזוינס, וואָס וואַרט נאָר, מע זאָל דאָס אַ ריר טאָן. מע זאָגט דאָך: אַ פּאַטש פאַרהיילט זיך און אַ וואָרט געדענקט זיך.

דאָס, וואָס פעסיע האָט יענעם גאַנצפרי אַרויסגעבראַכט פאַר איר מויל, אַז די קאָמונע וועט לעבן ניט מערער, ווי אורציעס אייפּעלע, האָבן אַלע פאַרגעדענקט. און אורציע אַוודע. און געוויס דערפאַר האָבן אַלע אַזוי גרויזאַם־שווײַגנדיק אַ קוק געטאָן אַף אײַזיקס צוגעשלאָ־סענער טיר. פון אַלע הײַזער איז עמעצער צוגעקומען צו דער לעוויַע, פון אײַזיקס שטוב — קיינער ניט, און דאָס אַליין איז געווען גענוג, מע זאָל דאָס אַף אַ געהעריקן אופן אויסטײַטשן. דאָס איז אויך געווען גענוג, אַז דער אוילעם, וואָס איז פאַרבײַגעגאַנגען די שטוב אין אַזאַ שטרענגער פאַרורטיילנדיקער שווײַגעניש, זאָל אַזוי איינמוטיק אַרײַנוואַרפן אײַזיקס שטוב מיט אַלע אירע אײַנוווינער אין כיירעם. אַף זייער און זייער אַ לאַנגער צײַט.

אורציע האָט אַ הייב געטאָן די רעכטע האַנט, אַ פּאַכע געטאָן מיטן פויסט צו אײַזיקס צו־געשלאָסענער טיר און שטיל אַ זאָג געטאָן:

— איר הערט? דאָס וועל איך אײַך קיינמאָל ניט מויכל זײַן.

דער אוילעם האָט ווײַטער געשפּאַנט גרויזאַם־שווײַגנדיק, און דאָס איז געווען ווי אַ שטור־מע האַסקאָמע מיט דעם, וואָס אורציע האָט נאָרוואָס אַרויסגערעדט אין דער הייך. ווײַל אַזוינס טאָר מען ניט מויכל זײַן. און זאָל זײַן, אַז אַלץ איז געשען גאָר ניט איבער דעם, וואָס פעסיע האָט פאַרשאָלטן, נאָר איר סינע אַליין, איר בייזער ווילן איז אויך אַזאַ זאַך, וואָס טאָר ניט געדולדעט ווערן אין קיין מענטשלעכער געזעלשאַפט, עס טאָר ניט געדולדעט ווערן און מע טאָר דאָס ניט מויכל זײַן. אַפילע דאַן, ווען עס בלײַבט ניט מערער, ווי אַ בייזער ווילן, ווי אַ בייזע קאַוואָנע.

אורציע איז געגאַנגען פאָרויס פון דער טרויעריק־שווײַגנדיקער פּראָצעסיע מיטן קינד אַף די הענט, און אים האָט זיך געדוכט, אַז דאָס איז ער אַליין געשטאָרבן און גייט צופוס אַפן בעסוילעם. אַ לעבעדיקער מעס. און דאָס גייט אים אַליין נאָך אַזאַ גרויסע לעוויַע. און געדוכט האָט זיך אים, אַז דאָס שפּאַנט ער ניט מיטן וועג, וואָס פירט קיין סלאַדקאָוואָדנע, נאָר ער גייט מעקאַבער זײַן זיך אַליין אַפן כאַשטשעוואַטער בעסוילעם מיט דעם זעלבן וועג, מיט וועלכן ער האָט באַגלייט אַף יענער־וועלט הונדערטער מייסים. די לעוויַע אַליין האָט אים אויך אויסגעזען זייער מאָדנע. ווײַל עס זײַנען געקומען אַף איר ניט נאָר קיין לעבעדיקע, נאָר אויך טויטע. פון אונטן גייען אים נאָך די לעבעדיקע, און אים אנטקעגן זײַנען אַרויסגעקומען

פונעם בעסוילעם אלע מייסים, אלע די, ווען ער איז נאָכגעגאַנגען נאָך זייער מיטע און אויסגעזונגען מיט זײַן געבראָכענער שטים:

— צדאָקע טאַציל מימאָוועס!..

אים האָט זיך אַפילו געדוכט, אַז ער הערט זײַן אייגענע שטים, ווי ער גייט און זינגט אויס פאַר זיך אַליין אויך דאָס זעלבע.

אַזוי איז ער געגאַנגען די גאַנצע צײַט מיטן קינד אויף די הענט. דער שווייס איז געריננען פונעם פּנים מיט גראָבע טראָפּנס, דאָס העמד איז שוין געווען אײַנגעגאַנצן נאַס און זיך צוגעקלעפּט צום לײַב, נאָר ער האָט גאָרנישט ניט געפילט: ניט די היץ, ניט דעם שווייס און ניט די מאָדנע בײַסעניש פונעם לײַב. עס האָט אים באַשלאָגן עפּעס אַ קאַדאָכעסדיקע היץ, וואָס האַלט אין איין פלאַמען און ברײַען. ער האָט ניט באַמערקט, ווי יענטל איז צוגעקומען צו אים און איבערגענומען דאָס קינד צו זיך אויף די הענט. ער איז אויך ווײַטער געגאַנגען, געהאַלטן אויסגעשטרעקט און צונויפגעלייגט די הענט אַזוי, גלײַך אויף זיי וואָלט געלעגן דאָס קינד.

ניט געקומען צו־זיך איז אורציע אויך אויפן בעסוילעם, ווען ער האָט געגראָבן דעם ניט גרויסן קיווער, אויסגעבעט אַ ווייכן געלעגער, אָוועקגעלייגט אויף דעם עמעלען און אָנגעהויבן פאַרדעקן דעם קיווער מיט נאָך קלעפּיק־פײַכטער ערד. דאָס בערגעלע איז שוין געווען אַ היפּשס, שוין געווען פאַרגלײַכט, פאַרגלעט און צוגעפּלעטשט פון אַלע זײַטן, און ער איז נאָך אַלץ געשטאַנען, האַסטיק זיך געבויגן צו דער ערד, אָנגענומען איין לאָפּעטע נאָך דער צווייטער און אַלץ געשיט און געשיט. אים האָט זיך געדוכט, אַז דאָס פאַרשיט ער זיך אַליין, און ניט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס איז ער נאָך אַלץ ניט פאַרשאָטן איבערן קאָפּ. פאַרוואָס דעכעט ער נאָך, פאַרוואָס וויגט זיך די ברוסט אַזוי האַסטיק, ווי קאָנען עס נאָך זײַנע אויגן זען אַלץ אַרום זיך, ווי לעבעדיקע, און אַפילו פילן, ווי זיי בראָטן שטאַרק פונעם געזאַלצענעם שווייס, וואָס האַלט אין איין פליסן און פליסן...

די ערד איז געווען וואַרעם, ווייך און פּוכקע, סײַ פון אויבן, סײַ אַ ביסל טיפער. ניט מער, זי איז געווען קלעפּיק, אַזאַ, ווי עס דאַרף זײַן די ערד אין פריַען פרילינג. און זי האָט געשמעקט, די ערד, מיט אַלע רייכעס פון דעם, וואָס ס׳האָט אַמאָל אויף איר געוואַקסן, און מיט זיך אַליין. און אויסגעזען האָט זי ניט ווי קיין צעגראָבענע, נאָר ווי אַן אויפגעאַקערטע.

אַ בעסוילעם האָט אויך זײַנע זומערס, זײַנע ווינטערס און זײַנע פרילינגס. אָט האָבן די צוגעפרעסטע גרעזעלעך שוין אָנגעהויבן אויסגלײַכן זיך און אויף די פאַרגעלטע דינע בלעטעלעך האָבן זיך באַוויזן גרינע שפּיצעלעך. אַפילו דער מאָך, דער פיליאַריקער מאָך אויף די אַלטע צאַמען האָט אויך אָנגעהויבן צו גרינען. און אַ מענטש איז דאָך ניט מערער ווי אַ מענטש... וויפל מאָל בין איך פאַרבײַגעגאַנגען פאַרבײַ סלאָדקאָוואָדנער בעסוילעם, נאָר מיך האָט קיינמאָל ניט געצויגן אַרופקומען אויף אים. איצט בין איך גרייט געווען אים אויסשפּאַנען פון בערג צו בערג און איבערלייענען אַלע אויפשריפטן אויף די צאַמען. צוליב וואָס? דאָס ווייס איך אַליין ניט.

די בעסוילעמדיקע שטילקײַט האָט פאַרמאָגט אין זיך פיל גליווערדיקס, און ס׳האָט קיינעם ניט געדאַרפט וווּנדערן, וואָס אין אַזאַ זוניקן טאָג האָט זיי אַלע דורכגענומען אַ קאַלטער גרויל. די פּנעמער זײַנען ווי פאַרשטיינערט געוואָרן, און אַפילו פּישל שוסטער האָט מיטאַמאָל פאַרגעסן אַלע זײַנע ווערטלעך און אַלע זײַנע כאַלוימעס. און אַנשל... ס׳האָט אים שטאַרק אײַנגעבויגן און אויסגלײַכן ניט געלאָזט. עפּשער דערפאַר האָט די באָרד זײַנע אויסגעזען ניט אויף איר אָרט, אַראָפּגעהאַנגען, ווי גאָר אַ פאַרוויאַנעטע.

ווייס איך טאַקע ניט... צי די גרינע גרעזעלעך צווישן די צאַמען, צי דאָס צוויריטשען פון די שפּערעלעך, צי עפּשער האָבן מיך פאַשעט פאַרפירט מײַנע אייגענע געדאַנקען, וואָס האָבן אַ טעווע אָפּטמאָל פאַרפאָרן אין אַ זײַט. ווײַל דאָס, וואָס איך האָב געפרעגט בא טוליען, האָט געוויס געדאַרפט אַ קלוגע טאָן זייער ניט צום אָרט.

— האָסט גערעדט מיט איר? — האָב איך געפרעגט בא טוליען.

— נו? — האָט ער איבערגעפרעגט און מיטאַמאָל בלייך געוואָרן. דערפאַר טאַקע האָב איך דעם „נו״ זײַנעם ניט פאַרשטאַנען, צי פרעגט ער איבער, צי איז דאָס אַ מין פאַרבאָט צו רעדן דאָ וועגן אַזעלכע זאַכן.

— וואָס נו?

— וועגן וואָס רעדן? האָסט דאָך געזען!

יאָ, פאַרשטייט זיך... נאָך דעם, וואָס ס׳איז הײַנט גאַנצפרי געשען לעבן אײַזיקס שטוב, נאָך דעם, ווי דער גאַנצער יישעוו האָט אַזוי איינמוטיק אַרײַנגעוואָרפן זײַן הויז אין כיירעם, ווי קאָן ער נאָך דעם אַפילו נאָענט צוקומען צו מירלען? האָט, הייסט עס, טוליע הײַנט זײַן

אייגענע לעוויַע. ער ברענגט דאָ היַינט צו קוורע זיַין ערשטע ליבע, און קיינער וועט אפילע ניט וויסן וועגן דעם. און קיינער וועט ניט קומען אים מענאכעם־אָוול זיַין.

די ערד האָט געשמעקט מיט יונג גראָז און מיט איבערגעפוילטע וואָרצלען, מיט אויסגעפיקטע קנאָספּן און מיט איבערגעפריַיעט מיסט, און — מיט ערד אליין. ניט מיט ערד, אין וועלכער מע פארגראָבט מייסים, נאָר מיט יענער, יונגפרילינגדיקער ערד, אַף וועלכער עס קומען ארוף אויסגעבענקטע און אופגעלעבטע זינגענדיקע זייערס. פון דער באַלקע האָט געטראָגן מיט שארפע רייכעס פון איַינגעלעגערטע בסאָמים, אין וועלכע ס'איז געווען פיל איצטיקס, פרילינגדיקס, ווי אויך פאראיאָריקס, פון יענעם הארבסטיקן צוויט, וואָס די באַלקע האָט ניט באוויזן אויסדעמפן און איז אוועק מיט זיי אונטערן שניי.

און איבער דער גאָרער וועלט האָבן געהערשט בלויז צוויי קאָלירן — שווארץ און גרין. ביידע פארבן האָבן ניט אופגעהערט ראנגלען זיך און איבערגעמאָלט דעם סטעפּ, וו׳אזוי עס האָט זיך נאָר געלאָזט. ערטערוויַיז, ווי א גיי געטאָן מיט א גרויסער בארשט און איבערגעלאָזט נאָך זיך לאנגע גרין־שווארצע פּאסן, ערטערוויַיז איבערגעשטריַיפט דעם סטעפּ אין דער לענג און אין דער ברייט און געמאכט אים ווי געקעסטלט. דערנאָך האָט דאָס שווארצע אָנגעהויבן אָפּטרעטן, פארשווונדן געוואָרן, און דאָס גרינע האָט אָנגעגריַיפט מיט יונגער גוורע און מיט יונגער אקשאָנעסדיקייט. יעדן באגינען האָט דער קאַלטער טוי געלייגט זיך אַף א נייַ שטיקל גרינס. אפילע די ביימעלעך פון אונדזער יישעוו, די שטעקעלעך, וואָס מע האָט פאָריקן הארבסט אריַינגעשטעקט ארום יעדער שטוב, די שטעקעלעך, איבער וועלכע מע האָט ניט ווייניק געשפּאסט, האָבן אויך אָנגעהויבן גרינען. קליינינקע שיטערע בלעטעלעך, וואָס האָבן ערשט געדארפט אויסכאָוועון פאר זיך צוויַיגעלעך, האָבן צוגעגעבן דעם יישעוו א נייַעם כיין, נייַע כשיוועס און עפּעס אזוינס, וואָס האָט באטיַיט פיל מערער פון די היַיזער אליין. וויַיל די היַיזער זיַינען געשטאנען אַף דער ערד, און די ביימעלעך מיט זייערע שיטערע גרינע בלעטעלעך זיַינען געקומען פון דער ערד אליין. וויַיל די היַיזער וועלן שטענדיק בליַיבן ווי געווען, און די ביימעלעך וועלן האלטן אין איין וואקסן און וואקסן, זייערע צוויַיגן וועלן זיך צונויפקומען און שאפן ארום יעדער שטוב א דורכויסיקן קילן שאָטן, א באשיצונג פון דער סארפעדיקער זון... און ווינטער וועלן זיי באשיצן די היַיזער, דעם יישעוו פון די ווילדע זאווערוכעס.

און איבער דער גאָרער וועלט האָט ארומגעשפּאצירט א ווארעם און ליב ווינטעלע, וואָס האָט געטראָגן מיט זיך רעגעוודיקס, שיקערנדיקס און זינגעוודיקס.

און איבער דער גאָרער וועלט האָט געהערשט א פרילינג, וואָס איז אריַין אין דער געשיכטע מיט זיַין באזונדערן נאָמען, מיט זיַינע באזונדערע שווערינקיַיטן, גרימענישן און האָפענונגען, — דער ערשטער באָלשעוויסטישער, א פרילינג, וואָס האָט אָנגעהויבן מיט זיך א נייַע ציילונג פון פיל שווערע און גרויסע אָנגעשטרענגטע און העלדישע פרילינגס.

און איבער דער גאָרער וועלט איז געגאנגען א גרויסער פארזיי און איבערפארזיי, א גרויסער אקער און איבעראקער, וואָס האָט אָפּגעווישט אלע מעכיצעס און מעזשעס און געמאכט די ערד אזא, ווי זי דארף זיַין — אָן ערד פון גרויסע אומענדלעכע מאסיוון, אָן ערד, אַף וועלכער די קלינגענדיקע ווייצענע כוואליעס, די וועלדער פון גרינעם פּאפּשוי און דער צוויט פון די בלִיענדיקע זונרויזן ציִען זיך ביז די הימלען.

ס'האָט קיינער ניט געקאָנט זאָגן, וויפל יאָרן וועט דויערן דער גרויסער און שווערער פארזיי און ווען וועט קומען די ציַיט פונעם שעפעדיקן שניט, נאָר אלע זיַינען געווען זיכער, אז זי וועט אינגיכן, טאקע גאָר אינגיכן קומען. אפילע כאיִם־בער, וואָס האָט צוערשט געהאלטן, אז מע וואָלט געדארפט צוטראכטן פאר דעם אלעמען עפּעס אָן אנדער מעטאָדע, האָט אויך געגלייבט. וויַיל אויב ס'זיַינען דאָ אַף דער וועלט אזעלכע איישעס־כאַילס, ווי יענטל, און אויב פישל קאָן אזוי גוט פויסער־כאַלעם זיַין... וויַיל אָט איז דאָך אלץ מעקוייעם געוואָרן, און זיַין צירל איז געקומען צו פאָרן סאמע צו דער ציַיט.

מיך האָט געפּרעסט באַם הארצן מיַין ערשטער אויסרייד און עס האָט זיך געזונגען. איך האָב געוואָלט שריַיבן איבער דער גאָרער וועלט, אז איך בין ניט שולדיק, וויַיל ס'זיַינען פּאָראן זאכן, וואָס זיַינען שטארקער פון מיר, שטארקער פון יעדן מענטשן באזונדער, נאָר אלעמאָל האָט מיך אליין איבערגעשריגן א נייַע ליד... און פון די אלע לידער, וואָס דאָס ווינטעלע האָט ארומגעטראָגן איבערן סטעפּ, פון די לידער, וואָס האָבן געזונגען אין מיר פון זיך אליין, פון די אלע פרעסענישן און גרימענישן איז בא מיר אופגעקומען גאָר א נייַע ליד, וועלכע איך האָב קיינמאָל ביז איצט ניט געהערט, קיינמאָל ניט געזונגען:

פאר דורכויסיקער, פאר דורכויסיקער
רופט דער נײַער סטעפּ,
סטעפּ דער רוישיקער...

מיר האָט זיך געדוכט, אַז איך פּיל אין די ווערטער אַ באַזונדערן קלאַנג, זיי קײַקלען זיך, די ווערטער, און קלינגען ווי עכטע מאַטבייעס, גיבן אַ קלאַפּ אין דער ערד, שפּרינגען אַף און קלינגען ווײַטער מיט אַ לאַנגן קלאַנג, און דאָס ווידערקאָל קלינגט אַף אין די אויערן מיט עפּעס אַ ניט־ערדישן ניגון:

היי, צעכראַסטעטע קנעפּ,
און פאַרקאַשערטע הענט,
און פאַריסן קעפּ,
און געגורט די לענד.
פאר דורכויסיקער, פאר דורכויסיקער
זינגט דער נײַער סטעפּ,
סטעפּ דער רוישיקער...

דאָס איז געווען די ערשטע ליד מײַנע, וואָס איך האָב געזען אָפּגעדרוקט אין אַן עמעסער צײַטונג מיט געדרוקטע אויסיעס. געווען איז די צײַטונג ניט קיין גרויסע און אויך אַן אומ־געוויינלעכע, ווי אַלץ אין יענעם אומגעוויינלעכן פרילינג. ווײַל ווער האָט עס אַמאָל געזען אַן אַרויספאָר־צײַטונג? געווען איז דאָס אַ קינד פונעם כאַרקאָווער „יידישן פויער", און אַראָפּ־געבראַכט זי צו אונדז אין ראַיאָן האָט טאַקע דער רעדאַקטאָר אַליין. יענער ווייצנפעלד, אַף וועמען אונדזער אוילעם האָט אַרויסגעקוקט יעדן טאָג אַ גאַנצן ווינטער. האָט זיך אויסגע־לאָזט, אַז אָט דער ווייצנפעלד איז גאָר אַ מאָגערער יונגערמאַנטשיק, טראָגט אַ פּאָשעט כאַקי־העמדל, און די הויזן, אויך פון כאַקי, זײַנען אַף אַ פויערישן אויפן אַרײַנגעשטעקט אין שטיוול מיט הויכע כאָליעוועס. און נאָך מערער האָט געוווּנדערט אַלעמען זײַן שטילע שטים, די פּינ־טלדיקע אויגן און די אַ ביסל אונטערגעבראָטענע וויִעס. דאָס האָט אַ ביסעלע אַנטוישט, ווײַל אויב ווייצנפעלד! דערפאַר אָבער איז דער צווייטער מיטאַרבעטער פון דער אַרויספאָר־צײַטונג, דער פאָעט מוישע פינטשעווסקי, געווען עכט ווייצנפעלדיש. דער בלויער אָנצוג איז געווען ווי אויסגעגאָסן אַף זײַנע ברייטע פּלייצעס, אַף זײַן שטײַפער ברוסט, און זײַנע גרויסע בעסאַ־ראַביש־ייִעצרעהאָרעדיקע אויגן זײַנען געווען פול מיט לעבנסלוסט און לעבנסדאָרשט. מיידלעך האָבן זיך פאַרליבט אין זײַן שיינקײַט, אין זײַן געוורע. פאַר מיר איז ער געווען דער ערשטער לעבעדיקער דיכטער, וועמען דער שטורמישער פרילינג האָט אַראָפּגעבראַכט אין מײַן אומרויִקן, אופגעבראָיזטן סטעפּישן קאַנט, דער ערשטער דיכטער, וועמען איך האָב געזען פּאָנעם־על־פּאָנעם, גערעדט מיט אים, געהערט זײַן קלינגענדיקע שטים, און וועמען איך האָב געוואַגט איבערגעבן פון האַנט צו האַנט מײַנע אַ ליד. פאַר מיר איז ער געווען און געבליבן אויך דער ערשטער רעדאַקטאָר פון מײַן ערשטער אָפּגעדרוקטער ליד, אין וועלכער ער האָט אַף אַ נײַעם אויפן אויסגעשטעלט די שורעס און אַרײַנגעשטעלט אין זיי ניט ווייניק אייגענע ווערטער. נאָר געמאַכט האָט ער עס אַזוי קונציק, אַז איך האָב דאָס ניט באַמערקט, און איך בין געווען זיכער, אַז די ליד איז אָפּגעדרוקט פינקטלעך אַזוי, ווי זי איז אַרויס פון מײַנע הענט:

גייען ייִנגלעך צוויי,
גייען מיידלעך צוויי,
און עס וואַקסט די ריי,
און עס זינגט די ריי,
פאר דורכויסיקער,
פאר דורכויסיקער!
רופט דער נײַער סטעפּ,
סטעפּ דער רוישיקער.

עמעס, באַנאַנד מיט מײַן נאָמען איז אין קלאַמערן געווען צוגעשריבן — „אַ פויער". דער לייענער זאָל, הייסט עס, וויסן, ווער איך בין, און זאָל קיין איבעריקע טײַנעס ניט האָבן, ניט צום אוטאָר און ניט צו דער רעדאַקציע, אויב ער וועט געפינען, אַז מיט עמעסער פּאָעזיע שמעקט דאָס ניט. מיך האָבן די דאָזיקע קלאַמערן ניט באַליידיקט, ווײַל, ערשטנס, איז דאָס געווען עמעס. איך בין געווען טאַקע אַ פּאָשעטער פויער, אַ פּאַרזיצער פון אַ דאָרפּראַט, און,

צוויטנס, איז דערפון אין מײַנע אויגן אַף קיין האָר ניט געמינערט געוואָרן די ווערט פון דער ליד. דאָס קליינע צײַטונגל, וואָס האָט אויך, ווי די ליד מײַנע, געהייסן „פאַר דורכויסי־קער", איז דעם צווייטן טאָג געווען אין אַלע דערפער פון ראַיאָן, און אין אַלע הײַזער, ווי מיר האָט זיך דאַן געדוכט, האָבן הונדערטער הערצער געזונגען אינײנעם מיט מיר.

דערפון איז באַ מיר אופגעקומען אַ ביסל מערער כשיוועס צו זיך אַליין, צו מײַנע אָפּ־געפרוירענע פיס און צערפּעטע שיך, צו מײַן אָפּגעריבן געוואַנטענעם סוויטקעלע און צו מײַן אײַנגעפאַלן פּאָנעם, צו מײַנע גרימעניישן און פּרעטענישן און צו מײַן ערשטן אויסרייד.

אין דער היים האָט מען מײַן ליד אופגענומען אַף אַ גאָר אומדערוואַרטן אופן. דעם טאַטן האָט די ליד ווי איבערגעשראָקן. זײַן שטומער, באַרויגעוולעכער בליק האָט געקאָנט הייסן: ווייניק דיר דער קאָמסאָמאָל, דער דאָרפּראַט, די אַלע קאָלאָטנעטשעס, מוזטו נאָך האָבן דאָס אויך? די מומע האָט גאָרנישט ניט געהאַט קעגן דער ליד, זי האָט אפילע געהאַלטן, אַז מע קאָן זי זינגען ניט ערגער, ווי „דריי זשע זיך, מילעכל". זי האָט נאָר געוואָלט וויסן, צי קאָן מען פון אַזעלכע זאַכן האָבן אַף אַ שטיקל ברויט. דערפאַר האָבן די כעוורע פון אונדזער קעמערל געגומען באַקוקן מיך, ווי עפּעס אַ מאָדנע, אומבאַקאַנטע בריִע, געוואָלט געפינען אין מיר דאָס, וואָס איך האָב די גאַנצע צײַט אויסבאַהאַלטן פון זיי. אַלע האָבן מיר גערריקט די האַנט, באַגריסט, און אַלע זײַנען געווען איינמוטיק אין זייערע שטרענגע פאָדערונגען:

— האַלט זיך, דו ביסט איצט אַ פּאָעט!

קיין פּאָעט בין איך ניט געוואָרן. און ביכלאַל האָט דער גוירל מײַנער, טאַקע איבער אָט דער ליד, זיך אַ דריי געטאָן אַף אַ גאָר אומדערוואַרטן אופן. נאָר ווער האָט דאָס אַלץ גע־קאָנט פּאָרויסזען? יענעם פרילינג האָבן אַ סאַך גוירלען זיך געדרייט און איבערגעדרייט.

אין איינעם פון יענע פרילינגדיקע טעג איז אין דאָרפּראַט געקומען צו לויפן יענטל, דאָס ערשטע מאָל פאַר דער גאַנצער צײַט. זי איז אַרײַנגעקומען אַ צעהיצטע, אַ צעשויבערטע, דאָס שאַלעכל פאַרוואָרפן אַפן אַקסל און איז געווען אַזוי פאַרסאָפּעט, גלײַך דעם גאַנצן וועג פונעם יישעוו ביז סלאַדקאָוואָדנע האָט עמעצער זיך געיאָגט נאָך איר. אַן עפן געטאָן דאָס טירל און נאָך אַף דער שוועל אויסגערופן:

— ער איז דאָ, יאַנקל, זיך געפונען!

דעם בריוו, וואָס זי האָט געוויס איבערגעלייענט שוין ניט איין מאָל, האָט זי געבראַכט און אוועקגעלייגט אַפן טישל אינעם קאָנווערט, ווײַל דער איקער איז טאַקע געווען אינעם קאָנווערט אַליין, אינעם אַדרעס, וואָס איז אַף אים געווען אָנגעשריבן, אַן אַדרעס, וואָס טאַקע נאָר יאַנקל האָט אים געקאָנט צוטראַכטן:

„דער נײַער יישעוו, וואָס פון יענער זײַט באַלקע אונטערן כוטאָר בורלאַצק, די זיבעטע שטוב פונעם ברעג, וואָס צו דער טאָלאָקע, די צווייטע שטוב פון אורציען, אָפּגעבן יענטל פּוסטילניק".

געוויס האָט אַ בריוו מיט אַזאַ אַדרעס געדאַרפט אַרומבלאָנדזשען אַ לאַנגע צײַט. ס'איז ביכלאַל אַ נעס, וואָס אַ בריוו מיט אַזאַ אַדרעס האָט ענדלעך זיך דערקליבן צו דער זיבעטער שטוב פונעם ברעג פונעם נײַעם יישעוו. איז געווען אַף וואָס צו כידעשן זיך. נאָר דער גרע־סטער כידעש איז געווען יענטל אַליין מיט איר שײַנענדיק פּאָנעם, מיט אירע שטראַלנדיקע, שמייכלענדיקע און זינגענדיקע אויגן. ס'איז איר הײַנט געווען גוט, יענטלען, און זי האָט געוואָלט, אַז די גאַנצע וועלט זאָל זיך פרייען און זינגען אינײנעם מיט איר.

— טוט אומיסטן אַ קוק אַפן קאַרטל, וואָס ליגט אינווייניק, — האָט זי זיך אָנגערופן, האַלטנדיק, אַפּאָנעם, אַז איך קוק הײַנט אַף איר צו לאַנג.

דאָס קאַרטל איז אויך געווען ניט קיין געווײנלעכס. ווער ווייסט, ווו מע קאָן איצט גע־פינען אַ קאַרטל מיט אַזאַ געמעל. אין דער נאַטור קאָן מען דאָס געמעל אוודע ניט זען. דערצו וואָלט מען געדאַרפט אויסשעפּן דאָס גאַנצע וואַסער אַרום דער הרעבליע פונעם דניעפּ־ראָהעס. נאָר דאַן איז גרינג געווען צו קריגן אַזאַ קאַרטל. מע האָט אויך געקענט זען דאָס, וואָס אַף דעם איז אָנגעמאָלט. דעם בראָנזעוון טאָוול, וואָס איז אײַנגעמויערט געוואָרן אין דעם פונדאַמענט פון דער הרעבליע, און דעם אופשריפט אַף אים:

„אויספילנדיק דעם געבאָט פונעם פירער פונעם אַלוועלטלעכן פּראָלעטאַריאַט וו. אי. לענין, שטרענגען אָן זייערע קויכעס די אַרבעטנדיקע פון דער ערשטער אין דער וועלט אַרבעטער־פּויערישער מעלוכע, און הייבן אָן בויען די דניעפּרישע הידראָעלעקטראָסטאַנציע.

8 נאָיאַבער 1927 יאָר".

כ'האָב געדרייט דאָס קאַרטל אין אַלע זײַטן, באַקוקט דעם טאָוול, געלייענט דעם אופ־שריפט און געטראַכט וועגן יאַנקלען. איז אָט וווהין עס האָט דיך פאַרטראָגן, מענטש אונד־

זערער, יאַנקל! יענטל איז געשטאַנען אַלץ אַזאַ שטראַלנדיקע און אַ שמייכלענדיקע, געווישט מיטן טיכל דעם שווייס און געקוקט אויף מיר, ווי געוואָלט דערוויסן זיך, וואָס פֿאַר אַן איינ־דרוק האָט געמאַכט אויף מיר דאָס קאַרטל, וואָס טראַכט איך איצט וועגן יאַנקלען, וועגן וועמען זי אַליין האָט היינט אָנגעהויבן טראַכטן גאָר אַנדערש.

— לייענט, לייענט איבער, וואָס אויף דער צווייטער זייט איז אָנגעשריבן! — האָט זי מיך אונטערגעיאָגט.

אויף דער צווייטער זייט זיינען געווען עטלעכע ווערטער אָנגעשריבן מיט די זעלבע גרויסע און קרום־צעפּלויגענע אויסיעס, ווי דאָס בריוול זיינס אין יענעם אָוונט, ווען ער איז אוועק: „יענטל, אַז דו וועסט מיר ענטפֿערן, וועל איך קומען נאָך דיר און וועל דיך פֿאַרנע־מען צו זיך. וועסטו זען אַ וועלט...״

וואָס זשע אַזוינס האָט ער באַוויזן צו זען, יאַנקל, וואָס ער וויל וויזן אויך יענטלען? און פֿאַרוואָס זאָל ער ניט קומען אַהער, בלייבן דאָ, אין זיין אייגענער שטוב? מיסטאָמע האָט יענטל אויך ניט אויפֿגעהערט צו טראַכטן וועגן דעם. צוגעוואָרט, ביז איך האָב איבערגעלייענט די פּאָר שורעס, האָט זי אַרויסגערעדט ניט אַזוי ווי אַ פֿראַגע, נאָר ווי אַ טייַנע. און ווידער אַ טייַנע צו מיר:

— וואָס זשע וועט איצט זיין? און ווי קאָן איך...

יאָ, ווי קאָן זי, הייסט עס, איבערלאָזן דעם קאַלווירט, די קי מיט די קעלבעלעך, אין וועלכע זי האָט אַריינגעלייגט אַזויפֿיל מי?

— וואָס הייסט וואָס? שרייב אים אָן.

— וווהין זאָל איך אים אָנשרייבן?

— וואָס הייסט וווהין? — און אַ וויי געטאָן אויפֿן בראָנזענעם טאַוול. — אַהין־אָ!

— ווו איז דאָס ערגעץ און וואָס איז דאָס?

— ס׳איז גאָרניט אַזוי ווייַט. און שרייבן דאַרף מען אַזוי: זאַפּאַראָזשיע, דניעפּראָבוי, יאַנקל פּוסטילניק. ס׳וועט אָנקומען!

— אַזוי מיינט איר?

— זיכער! — האָב איך אָפּגעענטפֿערט, גלייך איך בין אַפֿאַנעמעסן געווען איבערצייַגט, אַז צווישן די פֿיל טויזנטער אַרבעטער פֿון דניעפּראָבוי איז יאַנקל אַ גאַנץ אָנגעזעענער מענטש און אַלע מוזן אים קענען. נאָר אויב זיין בריוול מיט אַזאַ פֿאַרפּלאָנטערטן אַדרעס איז אָנגע־קומען צו יענטלען, פֿאַרוואָס זאָל איר בריוול ניט אָנקומען צו אים?

— זיכער, — האָב איך איבערגעכאַזערט. — ס׳וועט אומבאַדינגט אָנקומען.

פֿאַרוואָס זשע איז מיר פּלוצלינג געוואָרן אומעטיק אויפֿן האַרצן? זאָל זיין דערפֿאַר, וואָס אָט דאָס אומגעוויינלעכע קאַרטל האָט געטראָגן אין זיך עפּעס אַזוינס, וואָס קאָן איינגיכן ענ־דערן זייערע גורלס און אויך זייערע אַדרעסן? און אויפֿן יישעוו וועט צוקומען נאָך איין פּוסט שטיבל, וואָס וועט פֿאַרוואַנדלט ווערן אין אַ קלוב אָדער אין אַ שטאַל? און עפּשער וועט אַלץ אויסזען פֿאַרקערט, גאָר אַנדערש, עפּשער וועט יענטלס שטוב מיטאַמאָל גאָר אויפֿ־געריכט ווערן?

— און מירל, — האָט יענטל אַרויסגערעדט ווי צו זיך אַליין, — אַנטלאָפֿן מירל.

— מירל? אַנטלאָפֿן? וואָס הייסט אַנטלאָפֿן?

— איך ווייס אַליין ניט. נאָר זי איז ניט געשטייַעט. אינמיטן דער נאַכט. און פֿעסיע... זי האָט היינט אויפֿגעהויבן אַזאַ גוואַלד איבערן יישעוו! און אַזוי געשאָלטן אַלעמען!

— און מיך אויך מיסטאָמע?

— און אייַך אויך, — האָט יענטל מודע געווען, — וווהין זשע האָט זי געקאָנט אוועק?

— מיסטאָמע אַהין, ווו יאַנקל, — האָב איך אָפּגעענטפֿערט, — כאָטש ווער ווייסט? ניט אין דעם גייט עס.

האָט איין יישעווניק זיך געפֿונען, און אַ צווייטער זיך פֿאַרלוירן. וועט איין צעשיידט פּאָרל זיך צונויפֿקומען, און איין ליבע וועט פֿאַרלוירן גיין. ריכטיקער — צוויי. צוויי ערשטע ליבעס, וואָס האָבן ניט באַוויזן צעבליִען זיך, און איבערגעלאָזט נאָך זיך צוויי צעבראָכענע הערצער. און איך אַליין וועל אויך ניט אויפֿהערן צו טראַכטן וועגן מירלען מיט אַ געפֿיל פֿון אומרו: וואָס זשע וועט ווייַטער געשען מיט איר, וועמען וועט זי באַגעגענען אויף אירע נייַע וועגן? אַזעלכע, וואָס וועלן זי אונטערמונטערן, צי אַזעלכע, וואָס וועלן זי ווידער אָפּשטויסן... ווייַל נאָך יענעם שפּאַציר מיט מירלען צווישן די פּאַראַיאַריקע באַדיליעס איבערן טרישטשענ־דיקן אייַז, נאָך דעם, וואָס זי האָט מיר דערציילט וועגן זיך, איז זי מיר אויך געוואָרן ווי אַן אייגענע, און איך וועל לאַנג זיך ניט קאָנען באַפֿרייַען פֿונעם געפֿיל, אַז איך אַליין בין עפּעס

שולדיק פאַר מירלען, וואָס איז אַנטלאָפן פון איר פאַרכײַרעמטער שטוב. כאָטש אין וואָס באַשטייט מײַן שולד, איז מיר אַליין שווער צו זאָגן...

וועלן דורך יאָרן... אַ סאַך יאָרן! און איך וועל ניט אופהערן דערמאָנען און פילן יענע פרילינגדיקע טעג. איך וועל אַפילע ניט שטענדיק קאָנען זאָגן פּינקטלעך, ווען איז דאָס אַלץ געשען, ווײַל ס'איז שווער אָפּזוכן און אויסטיילן באַזונדער די טעג פון די אַוועקגעפלויגענע יאָרן... זיי פליִען דאָך ניט גלײַך, ניט אין איין ריכטונג און שטעלן זיך ניט אויס אין קיין גלײַכער ריי, ווי די בושלען, וואָס פליִען אַוועק אין די וואַרעמע קאַנטן. זיי, די טעג, פליִען אַוועק אָף ניט אומצוקערן זיך. אייניקע ווערן פאַרשווונדן זייער גיך, אַנדערע ווערן פאַרגעסן ביסלעכווײַז, ווי זיי וואָלטן לאַנגזאַם, שטילערהייט אָפּגעשטאָרבן, נאָר אייניקע בלײַבן אָף שטענדיק אין אַן אומבאַשטימטן רוים און אין אַ נאָך מערער אומבאַשטימטער צײַט. זיי לעבן ניט אַן און פאַר זיך, ניט, אַזוי צו זאָגן, ביכלאַל, נאָר בלויז פאַר דיר, דרעמלען ערגעץ אין דײַן אומרוִיקן זיקאָרן, און ווען דו זאָלסט זיי נאָר אַ רוף טאָן, ווען דו זאָלסט זיך נאָר צורירן צו זיי, כאַפּן זיי זיך טייקעף אויף, רופן זיך אָפּ מיט עפּעס אַ מין אומפאַרשטענדלעכן ברומען אונטערן האַרצן און שטעלן זיך אויס פאַר דיר מיט אַלע זייערע היצן און קעלטן, זונען און וואָלקנס, פראָסט און זאַווערוכעס, מיט אַלע זייערע לידעלעך און ניגנדלעך, מיט זייערע קלאַנגען, רייכעס און שאָרעכן, מיט זייער פּלאַטערנדיקער פרייד און מיט זייערע פּרעסנדיקע ווייטעקן.

און צווישן די פיל געשעענישן, וואָס זײַנען געבליבן ניט פאַרגעסן, ניט פאַרענדיקט און געטראָגן אין זיך פיל העמשעכן, גיכער — גאָר ניט קיין העמשעכן, נאָר אָנהייבן, ביז גאָר נײַע אָנהייבן, — ווײַל פון דעם איבערגעלעבטן און איבערגעווייטעקטן האָט פאַר אַלעמען געמוזט קומען ביז גאָר אַ נײַער און גאָר אַ גוטער, זאָל זײַן אַפילע ווײַט ניט קיין גרינגער העמשעך און אָנהייב, — קומט מיר אויף אין זיקאָרן אַ באַזונדערער סימען פון יענע טעג, אַ סימען, וואָס האָט פאַרהיט אין זיך די זוניקע וואַרעמקײַט פון יענעם פרילינג, מײַן ערשטע אָפּגעדרוקטע ליד:

פאר דורכויסיקער,
פאר דורכויסיקער
רופט דער נײַער סטעפּ,
סטעפּ דער רוישיקער...

כראָניק

צום 70־טן געבורטסטאָג פון כאָנע ווײַנערמאַן

די ליטעראַרישע געזעלשאַפט־לעכקײַט פון אוקראַיִנע האָט ברייט אָפּגעמערקט דעם זיבעציקסטן געבורטסטאָג פונעם ייִדישן סאָוועטישן דיכטער כאָנע ווײַנערמאַן. אַ ריי צײַטונגען, צווישן זיי די קיִעווער „ליטעראַטורנאַ אוקראַיִנאַ", די אָדעסער „זנאַמיאַ קאָמוניזמאַ" און „טשאָרנאָמאָרסקאַ קאָמונאַ" האָבן פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען, געווידמעט דעם יובילאַר, און זײַנע לידער.

דער אָדעסער געגנטקאָם פון פּאַרטיי און דער געגנט־אויספירקאָם האָבן באַלוינט דעם דיכטער מיט אַ גראַמאָטע. דער אָדעסער געגנטלעכער שרײַבער־פאַריין האָט באַגריסט כאָנע ווײַנערמאַנען, צושיקנדיק אים אַן אַדרעס, וועלכן עס האָבן אונטערגעשריבן פופציק אוקראַיִנישע, רוסישע און ייִדישע שריפטשטעלער.

כאָנע ווײַנערמאַן האָט באַקומען פיל באַגריסונגען פון לייענער און שרײַבער פון מאָסקווע, קיִעוו. ביראָבידזשאַן, טשערנאָוויץ, קעשענעוו, ווילנע, אָדעס, דערין אַ באַגריסונגס־טעלעגראַמע פון דער רעדאַקציע און רעדקאָלעגיע פון „סאָוועטיש היימלאַנד", און פון דער פאַרוואַלטונג פונעם שרײַבער־פאַריין פון אוקראַיִנע.

דער אָדעסער ראַדיאָ־קאָמיטעט האָט איבערגעגעבן אַ ספּעציעלע פּראָגראַם, געווידמעט דעם יובילאַר. אַן אויספירלעך אַרטיקל וועגן דער שאַפונג פון כאָנע ווײַנערמאַן האָט פאַרעפנטלעכט דער „ביראָבידזשאַנער שטערן".

■ ■ ■

ווען אָפן עס איז דער ארום

אף זיכערע וועגן

ביז איצט דערנער איך מײַן האַרץ
מיט זאַפט פון פאַרגאַנגענער גוטסקײַט,
איך קוויק זיך מיט דעם, וואָס געווען,
כאָטש מער וועט עס קיינמאָל ניט זײַן,
מיט האָפענונג טרייסט איך אליין זיך,
אַז אַלץ וועל איך ווידער געפינען,
ווי בינען געפינען די זיסקײַט פון בלומען
און טראָגן אין בינשטאָק אַרײַן.
אַזוי זאָגט מיר אונטער מײַן שטאַרקער זיקאָרן
און בויטעט מײַן רויִקן זײַן.
נאָר אָפט דוכט מיר אויס,
אַז עפּשער אומזיסט איז מײַן טירכע,
גיי, זוך צווישן וועלדער דעם נעכטיקן טאָג,
גיי, זאַמל צונויף צעריסענע בלעטער פון ביכער,
וואָס דער ווינט האָט אַף טראַקטן פון לאַנג שוין
צעוויט און פאַריאָגט.
נאָר וואָס זאָל איך טאָן, ווען ס'לאָזט מיך ניט לעבן
מײַן דענקנדיק האַרץ ניט באַנאַכט, ניט באַטאָג?
וועל איך ניט שוינען מײַן מי —
פאַר וועמען זאָל איך זי פאַרהיטן? נו, זאָג!
איך וועל ווידער זיך לאָזן אַף זיכערע וועגן,
וואָס טאַפּטשען זיך קיינמאָל ניט אויס,
מיט ערלעכע אויגן, וואָס לעשן ניט אויס זייער שײַן.
קום, ברודער, מיט מיר, אינצווייען וועט גרינגער מיר זײַן,
קום מיט מיר אָט אַהין, ווו אָפן עס איז דער ארום,
פונוואַנען געבראַכט האָב איך בינטעלעך
שטראַלן פון זון
פאַר דער וועלט צו איר שיינעם פאַרטאָג.
לעם דער דאָזיקער העלקײַט שטעל אָפּ זיך מיט מיר,
הייב אוף דײַנע אויגן,
ווּעסטו זען, ווי דער האַרבסט האָט צעשטעלט צווישן וועלדער
געפלאָכטענע בריקלעך פון צווײַגיקע ריטלעך,
וואָס הוידען זיך הין און צוריק...
נאָר גיי, און טראָג ניט קיין שרעק אין דײַן אָפענעם בליק,
דאָס זײַנען די וועגן, וואָס פירן פאָרויס
צו נאָענטע פריידן פון ווײַטלעכן גליק.

יאַנוואַר — אַפּרעל

די ערד האָט אַליין אַף אַזוינס ניט געריכט זיך,
יאַנוואַר זאָל פאַרנעמען דאָס אָרט פון אַפּרעל.
ליגן סטעפּעס צעווייקט אַף די זומפּיקע וועגן
און ס'מוטשען זיך אויטאָס מיט גליטשיקע רעדער,
אַף קאַליוזשעס בולבעט אַ שניייִקער רעגן,
און ס'ווערן די וועגן אַלץ שווערער און שווערער,
באַצײַטנס קאָן קיינער ניט קומען אַהיים.
איך הער, ווי פון זריִע זיך טראָגט אַ געוויין,
דאָס ברענגען די ווינטן פאַרבאָרגענע טפּלעס
פון פעלדער, פאַרזייטע מיט טוועס,
וואָס בעטן די שנייען, זיי זאָלן אַצינד ניט צעגיין,
ווײַל אונטערגעפּירט האָט יאַנוואַר איצט דעם דרויסן,
וויל איך באַרוועסרהייט אַף דעם וועגלאַז אַרויסגיין,
זיך שטעלן אין סטעפּ, ווי אַ דאַמבע אַ גרויסע,
און פאַרהאַלטן דעם שניי, וואָס צעגייט אַזוי שנעל,
ביז ס'וועט ניט קומען דער ווירקלעכער פרילינג,
די מאַלקע די שיינע — אַפּרעל.
איך וועל ניט פאַרלאָזן אײַך, וועגלאָזע וועגן,
ביז כ'וועל ניט דערזען יענע זון־שײַן די גרויסע
אַף גרינע לאַנדשאַפטן פאַרפּולטע מיט כיין.
מיך שרעקט ניט דער וועגלאָז, וואָס הערשט אינעם דרויסן,
דורך וועגלאָזע וועגן ליגט דער וועג צו מײַן היים.

בא דעם נאָמענלאָזן בערגל

ניט איך בלויז אַליין בין געקומען צו אײַך אָט אַהערצו,
מיט מיר אַף דעם בערגל שטייט אַ ברייטע פאַרצאָרנטע ראַכוועס,
און אַ טרויער אַ שווערער, ווי אַ בער אַף די הינטערשטע לאַפּעס,
האָט זיך באַזעצט אַף די וועגן און מיט נעגל מײַן האַרץ מיר צעדראַפּעט.
פרעג איך די ראַכוועס, צי ווייסט זי די נעמען פון יענע,
וועמען דער טויט האָט אַ שוואַרצן צוקאָפּנס אויסגעבעט שטיל,
אָט דאָ צווישן סטעפּעס, און מיט שוואַרצערד פאַרשאָטן די נעמען
פון די, וואָס זײַנען געפאַלן פאַרן ערלעכן עמעס.
ווייסט קיינער ביז איצט ניט אָט יענע פאַרשניטענע נעמען.
נאָר יעטווידן אָונט קומען ווינטן צו גיין אָט אַהער,
אַף דער ברייטער צעוואָרפענער ראַכוועס.
האַלט איך אָפּ בא דעם בערגל אַ טפילע,
און זאָג צו זיי אַלע, וואָס זײַנען מיר נאָענט און טײַער,
אַז מײַן ווייטעק, וואָס קלעמט מיך, בלויז צו אײַך האָט אַ שײַכעס,
ווײַל איר האָט געטרײַ און באַשיידן קליינינקע שפּענדלעך געטראָגן
צו יענע צעפלאַקערטע שײַטערס,
וואָס האָבן פון וואָלגע ביז נייסע געברענט די פאַשיסטישע האָרדעס,
דערפאַר האָט מײַן פאָלק מיר געהייסן, כ'זאָל קומען אַהערצו
און אָנטאָן מיט גאָלדענע אָרדענס
דאָס בערגל, וואָס האָט ניט קיין נאָמען.
און אויב כ'וועל אפילע ניט פּראַווען קיין טאָנעס,
אַלציינס וועט דאָס פאָלק מײַנס אײַך אייביק דערמאָנען.

נ י כ ט ע ר ק יַ י ט

איך לייג זיך ניט קיין פייגעלעך אין בוזעם,
די וועלט באטראכט איך שטענדיק זייער ניכטער.
מיט אויגן אָפענע איך זע דאָס לעבן ווי א דיכטער,
איך זע די קרוינען פון די שענסטע ביימער,
איך הער דאָס וואקסן פון די קלענסטע גראָזן.
כ'פיל מיט די בלעטער, וועלכע וועלקן
און ווילן ניט די צווײַגן־היים פארלאָזן.
איך לייג זיך ניט קיין פייגעלעך אין בוזעם,
און כ'לייג זיך ניט קיין שטיינער אפן הארצן,
איך טו ניט אָן קיין פענטעס אף מײַן מוזע,
כ'האָב ניט מוירע, זי זאָל ארײַנקריכן אין שאָדן
און פארטאָפּטשען אף די בייטן מײַנע פלאנצן,
וואָס כ'האָב יעדן פרי מיט טויען אויסגעבאָדן
און געכאָוועט מיט דער ווארעמקײַט פון הארצן.
איך לייג זיך ניט קיין פייגעלעך אין בוזעם,
און אויך די שטיינער פון מײַן טרויער
כ'ווארף ארויסעט פונעם הארצן.

כראָניק

טשערנאָוויצער נײַס

אף פיר שפראכן

די טשערנאָוויצער טעלעוויזיע האָט איבערגעגעבן א ליטעראַרישע פראָגראם אף פיר שפראכן, אין וועלכער עס האָבן זיך באטייליקט מיט פאָרלעזונגען פון זייערע ווערק די אוקראַיִנישע שרײַבער וויקטאָר קאָסיאטשענקאָ, וואסיל לעסין, פעטראָ פאלו, באָגדאן מעלניטשוק, דער רוסישער דיכטער וויטאלי דעמטשענקאָ, די מאָלדאָווישע — וואסיל לעוויצקי און יאן קילארו.

די ייִדישע ליטעראטור האָבן פאָרגעשטעלט הירש בלאָשטיין — מיט נײַע לידער — און כאַיִם מעלאמוד מיט אן אויסצוג פון זײַן נײַעם ראָמאַן.

צום אָנדענק פון וואָלף שטערן

א גרויסער אוילעם האָט זיך צונויפגעקליבן צום הויז נומער 14 אף דער רויטארמייער־גאס אין טשערנאָוויץ, ווו עס איז פאָרגעקומען א פײַערלעכע אנטהילונג פונעם מעמאָריִאל־טאָוול לעקאָוועד איינעם פון די אקטיווסטע אָנטיילנעמער פון דער רעוואָליוציִאָנערער אונטערערד אף דער בוקאָווינע וואָלף שטערן.

וו. שטערן איז געבוירן געוואָרן אין 1897 אין דאָרף וואָלאָקע, טשערנאָוויצער געגנט. אין דער רעוואָליוציִאָנערער באוועגונג האָט ער זיך אײַנגעשלאָסן אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מילכאָמע, באזונדערס נאָך דעם, ווי די רומענישע ארמיי האָט אָקופּירט בוקאָווינע. אין עטלעכע יאָר ארום פאָרט וואָלף שטערן אריבער אין סאָוועטנפארבאנד, ווו ער איז טעטיק אין געזעלשאפטלעכן לעבן פונעם לאנד.

אין 1936 באטייליקט ער זיך אלס פרײַוויליקער אין די קאמפן פאר דער רעפובליקאנישער שפאניע. די גרויסע פאָטערלענדישע מילכאָמע מאכט ער דורך פון דער וואָלגע ביז דער עלבע.

נאָך דער מילכאָמע פירט וו. שטערן א גרויסע אויפקלערערישע ארבעט צווישן די דײַטשישע געפאנגענע. ער גרייט אויך מאטעריאלן פארן נירענבערגער פראָצעס.

אין די לעצטע יאָרן פון זײַן פרוכטבאר לעבן (געשטאָרבן אין 1961) האָט וואָלף שטערן אָנגעפירט מיטן אינסטיטוט פון מיליטערישער געשיכטע אין דער דײַטשישער פאָלקס־רעפובליק.

■ ■ ■

יעכיעל שרײַבמאַן

מיניאַטורן

דער סאָד־האיעצירע

סאָד בלײַבט סאָד.

ווען עמעצער זאָל דעם סאָד פון שאפן קענען אנטפלעקן, וואָלט ניט געווען מער אזא זאך, וואָס הייסט סאָד פון שאפן.

נאָר שטילערהייט טוט אמאָל יעדער קינסטלער א טראכט בא זיך, אז ער האָט אים אנטפלעקט. אלקאָלפּאָנעם — זײַן סאָד, דעם סאָד פון זײַן אייגענעם שאפן. עס טראכט זיך, אז יעדערער האָט זיך זײַן באזונדערן סאָד. און אלץ בלײַבט דעריבער ווידער פארבאָרגן. סאָד בלײַבט סאָד.

מײַן ווייניקײַט מיינט, אז דער סאָד־האיעצירע איז... שווערקײַט. לאָמיך עס מיר אויסקלאָרן. ניט רועך־האקודעש, ניט מוזע, ניט אפילע איבערלעבעניש, מיטלעבעניש. דאָרט, ווו עס קומט אָן שווער, — דאָרט איז יעצירע.

קיינער קאָן זיך ניט זאָגן:

— איך וועל שאפן און ניט באלמעלאָכעווען!

קיינער קאָן זיך פונקט אזוי ניט זאָגן:

— איך וועל שרײַבן שווער!

האָסט פאר זיך, אויב דו ביסט א קינסטלער, צענדליקער וועגן און דארפסט אויסקלײַבן איין־און־איינציקן. דער סאָד פון שאפן, מיין איך, באשטייט אין שטיין בלײַבן א פארלוירענער: אף וועלכן וועג גייט מען? זיצן און פײַניקן זיך: בלאָנדזע איך ניט? גיין און אומקערן זיך, גיין און אומקערן זיך.

באלד פאלט שוין צו די נאכט. עס ווערט עפּעס שרעקלעך. ווען וועל איך אָנקומען? וועל איך ניט פארצוקט ווערן אף די דאָזיקע שיידוועגן?

און פּלוצעם טוט עפּעס א רוף אין דיר:

— גיי! גיי וווהין די אויגן טראָגן דיך, אבי גיי!..

און די אויגן הייבן אָן טראָגן גוט. זע נאָר, ס׳איז דער סאמע בעסטער וועג! ווער האָט דיך פּלוצעם ארופגעפירט אף אים?

גאָרניט פלוצעם. דאָס פײַניקן זיך דײַנס; דאָס זוכן; דאָס וועלן געפינען. די שווערקײַט האָט דיך ארופגעפירט. דער סאָד פון שאפן.

און דאָס איז ערשט איין קלייניקער בײַשפּיל.

שווערקײַט. כ׳שרעק זיך ניט א זאָג טאָן: אפילע זויגן פונעם פינגער. מ׳איז געוויינלעך געוווינט צו הערן, אז פונעם פינגער זויגט מען אויס לאנגע נארישע אויסטראכטענישן. זויגן פונעם פינגער, מיין איך — זיצן און פיבערן, מעקן און קלעקן, טראכטן מיט הארצקלאפּעניש, אז אלצדינג, וואָס דו גייסט זאָגן, האָט מען שוין ביז דיר לאנג געזאָגט. זויגן פון פינגער ניט קיין שורעס — מארך, בלוט, לעבן.

שווערקײַט. וואָס איז שווער און וואָס איז ניט שווער? דאָס שווערסטע אין שרײַבן, מיין איך, איז שרײַבן קורץ. און דאָס שווערסטע אין שרײַבן, מיין איך, איז שרײַבן לאנג. מע קאָן דאָס פינקטלעך אויסברײַען. נאָר צו וואָס? דעריקער איז איצט דער סאָד: די שווערקײַט.

נו, און אזויפיל עמעסע קינסטלער, וואָס טײַנען, אז דער סאָד פון יעצירע באשטייט אין ארויסזאָגן דאָס אויסגעטראָגענע מיטאמאָל, אין איין אָטעם, מיטאמאָל דערהערן דעם ערשטן קוויטש: כ׳לעבּ! וואָס איז דאָס, ניט יעצירע?

פארשטייט זיך, יאָ.

סאָד בלײַבט סאָד.

די פּשאָרע

די רעדקאָלעגיע און די רעדאקציע פון „סאָוועטיש היימלאנד" באגריסן הארציק יעכיעל שרײַבמאַנען אין צוזאמענהאנג מיט זײַן 60־טן געבורטסטאָג.
מיר ווינטשן אים פיל געזונט און נײַע שעפערישע דערפאָלגן.

אז דו שרײַבסט אָן א נאָוועלע, זעסט, אז זי טויג ניט, און צערײַסט זי, — האָסטו דערהארגעט איינע דײַנע א נאָוועלע.

אז דו שרײַבסט אָן א נאָוועלע, זעסט, אז זי טויג ניט, און דרוקסט זי אָפּ, — האָסטו אָנגעהויבן הארגענען זיך, זיך אליין, זיך אינגאנצן.

די דאָזיקע מאַלעכהאַמאָוועסטע מיטן בלאַנקענדיקן כאַלעף אין שיידל — די פּשאָרע — זוכט, אייגנטלעך, ניט נאָר קיין קינסטלער. גיב איר צו דער האנט וועמען זאָלסט איר ניט געבן.

זי דרייט זיך אום לעבן יעדן לײַכטנדיקן פענצטער, טוט א פארשאר יעדעס שטיל־פארצויגענע פאָרהענגל. זי שפּיצט אָן די אויערן און וואקסט באלד אויס דאָרט, ווו עס גייט געראנגל. דער כאַלעף אירער בלישטשעט אַף דער ערשטער רעגע מיט א גרינג־פאלשן, קלויםערשט זוניקן, גאָלד־בלישטש. מע זעט אָן דעם בלישטש און ניט דעם כאַלעף. איין מאָל אונטערגעבן זיך — און עס זיצט און קלאָגט פון יענער זײַט פאָרהענגל בא א וויגל אן אגונע; עס פארשיקערט אין קרעטשמע דעם פּאָך זײַנעם א גוטער באַלמעלאָכע; א בוכהאלטער פארגלעט אַף די רעכן־ביינדלעך גנייווע. מיט איין פּאָך פונעם כאַלעף איז די פּשאָרע־מאַלעכהאַמאָוועסטע גרייט צו מאכן פון א צנוע א זוינע, פון א העלד — א פּאַכדן.

שוואכע איז זי גויווער אפילע אין די רוזיקסטע צײַטן זייערע, שטארקע זײַנען זי גויווער אפילע בייס די שווערסטע שווערקײַטן.

מעגלעך, אז גויווער זײַן די דאָזיקע מאַלעכהאַמאָוועסטע איז דער־אָ ניסאָיען, וואָס מאכט דעם העלד פאר א העלד, דעם קינסטלער פאר א קינסטלער.

איין פּשאָרע זאָיעס, ווען זי האָט געשפּאנט מיט די באָרוועסע פיס אין שניי, א צעבלוטיקטע, צו דער טליִע, — און זי וואָלט, סײַוויסײַ אן אופגעהאנגענע, ניט געוואָרן זאָיע קאָסמאָדעמיאנסקאיא.

איין פּשאָרע קאָפּערניקס — און די ערד וואָלט זיך אָנגעהויבן דרייען העט־העט שפּעטער.

כ'זאָג דאָס אלץ, אָן אופהער, מיט א שטילן שעפּטש, זיך. דער רעדאקטאָר אין מיר בײַט מיר איבער שורעס, און איך לאָז זיך, שווײַג. א בלעטל פּראָזע מײַנס באקומט זיך אמאָל לויזער, ליידיקער, און איך קלאַפּ עס אָפּ אַף דער מאשינקע, שלאָף די נאכט איבער צופרידן. געשיקט זיך, אז זי רוקט זיך צו מיר מיטן כאַלעף אין די הענט?

עפּשער וועט דער דאָזיקער שעפּטש מײַנער זי פארטרײַבן, מיך פארהיטן...

אכרײַעס כאָטש פון א דראָטגייער

מע דארף זײַן, טראכט איך, א שרײַבער — אָדער כאָטש געדענקען, אז מע איז א שרײַבער — אלע פיר און צוואנציק שאָ אין מעסלעס.

אפילע באנאכט, אין שלאָף?

אפּאָנעם, אז יאָ: אפילע באנאכט, אין שלאָף. (מעגלעך, דערפאר שרײַבט זיך אָפּט פארטאָג גרינגער. עס לייגט זיך ארויס אַף פּאַפּיר דאָס, וואָס דער „מויעך", דער „באהעלפער" דײַנער, האָט באנאכט אין שלאָף, האלב אַף דער וואָר, האלב אין כאָלעם, „אויסנווייניק" אויסגעהאָרעוועט.)

איין רעגע פארגעסן, וואָס דו ביסט און וואָס דו טוסט, קאָן דיך אראָפּשלײַדערן אין טהאָם

פון באַלעבעסלדיקײַט, שונד, לײדיקגײיעריש גליק, זעלבסטצופֿרידנקײַט, פֿון װעלן זײַן אַף דער װעלט דער באַדינטער און ניט דאָס, װאָס אַ שרײַבער דאַרף זײַן, — דער באַדינער.

נו, און פּושקינס און לערמאָנטאָװס דועלן? נו, און שאָלעם־אַלײכעמס דרײען זיך אַף דער בערזע? נו, און העמינגװעיס רײניקן די יאַגד־ביקס?

װען זײ טוען עפּשער, טראַכט איך, די אַלע זאַכן, ניט בלײַבנדיק אין יענע רעגעס פּושקין, לערמאָנטאָװ, שאָלעם־אַלײכעם, העמינגװעי, װאָלטן זײ עפּשער, װי טױזנטער אַנדערע, די דועלן געװוּנען, אַף דער בערזע רײַך געװאָרן, מיט דער ביקס געכאַפּט פֿײגל און ניט אַרײַנ־געשאָסן זיך אין אײגענעם האַרצן אַרײַן.

און װאָלטן עפּשער ניט געװען פּושקין, לער־מאָנטאָװ, שאָלעם־אַלײכעם, העמינגװעי.

אַפֿילע װען אַ פֿאַשעטער קונצנמאַכער, אַ דראַטגײער, פֿאַרגעסט אײן רעגע, אַף װאָס ער שפּאַנט, פֿאַרלירט אַף אײן האָר דאָס אכרײַעס־גלײַכגעװיכט, באַקומט ער דערפֿאַר אין טהאָם צעבראָכענע רוק־און־לענד.

נעמען און געבן

שאָלעם־אַלײכעם האָט גערעדט, װי דאָס פֿאָלק פֿלעגט רײדן.

דאָס פֿאָלק האָט אָנגעהױבן רײדן, װי שאָלעם־אַלײכעם האָט גערעדט.

װאָס ער האָט געהערט, האָט ער „אַרײַנגע־שריבן אין אַ ביכל". װאָס מ'האָט דערנאָך אין דעם דאָזיקן ביכל געלײענט, האָט זיך צוריק אַרײַנגעשריבן אין זיקאָרן.

די װעקסלען האָבן זיך גוט געדעקט.

אַ ייִד מיט אַ פֿאַרטפֿעל אַף די קני און מיט אַ גרױס פֿוטערן היטל אָפּן קאָפּ, אַ גלאַװבוך אין אַ צוקער־זאַװאָד, איז געזעסן לעבן מיר אין צוג מאָסקװע — באָראָדינאָ, געפֿאָרן קײן מאָזשײַסק צו אַ טאָכטער אַ לערערן, און אָנ־געהױבן פֿלעכטן אַ מײַסע, „װי גאָט האָט אים געבענטשט מיט אַ שלאַק אַ װײַב". אָט דאָס פֿאָרט ער טאַקע איצט צו דער טאָכטער, זי זאָל זיך אַרײַנלײגן אין שאָלעם. ער האָט די מײַסע אַלעמאָל צוגעפּוצט מיט אַ שאָלעם־אַלײכעמי־שער כאָכמע, מיט אַ שאָלעם־אַלײכעמישן זאָג. ער האָט זײ כאָלילע ניט פּלאַגיירט, ניט געגאַנ־װעט, ניט אָנגעגעבן די כאָכמעס פֿאַר אײגענע. פֿאַרקערט: ער האָט יעדעס מאָל אָנגעװיזן דעם קװאַל, דעם מאָקער, דעם עמעסן באַלעבאָס זײערן:

— װי זאָגט שאָלעם־אַלײכעם...

דער יאם

דער יאם איז גרױס.

דער יאם האָט אין זיך עפּעס אַזױנס, װאָס פֿאַרקישעפֿט.

דער יאם מאַכט דיך יונג.

דער יאם הײלט.

דער יאם איז שטיל, גוט. און — בײז, צאָרנ־דיק־צעשטורעמט.

דער יאם איז בלױ. דער יאם איז גרינבלעך־װײַס. דער יאם איז ראָז. דער יאם איז גראָ. דער יאם איז שװאַרץ.

דער יאם פּוצט זיך עטלעכע מאָל אין טאָג, אַלעמאָל אין אַנדערע קאָלירן.

דער יאם איז נאַקעט. פּראָסט. פּוצט זיך אין קײן שום קאָליר ניט.

דער יאם קנײטשט זיך און פֿאַלדעװעט זיך, װי עס קנײטשט זיך און פֿאַלדעװעט זיך דער שטערן בא אַ כאָכעם.

דער יאם איז פֿול מיט קלוגשאַפֿט: טראָגט אין די טיפֿענישן װעלטן און אָפּן איבערפֿלאַך אײן װײַס־שװאַרצן פֿליגל־פּלי פֿון מעװעס.

דער יאם צעשרײַט זיך, צעפּינעט זיך.

דער יאם איז ברײט. ברײטהאַרציק. װײט.

דער יאם איז שײן...

װוּ נעמט מען װערטער װעגן יאם דאָס גרױסע פּרישע װאָרט? ער איז אַלט, װי די װעלט, — דיכטער האָבן שױן לאַנג־לאַנג אַלע װערטער אױסגע־כאַפּט.

כ'בין זיך מודע: כ'האָב הײַנט קעגן דיר, יאם, געזינדיקט! כ'בין אָפּגעשטאַנען פֿאַרטאָג אַ צעבראָכענער פֿון דער נאַכט. אַ צעפּלעטעש־טער און צעשױבערטער. אַ גאַנצע נאַכט האָב איך פֿון זיך געריסן שטיקער. אַ נאַכט אָן שלאָף, אָן רו. אַ נאַכט מיט גרױסע טײַנעס צו זיך. װאָס בין איך און װער בין איך? װאָס האָב איך שױן אַף דער װעלט אױפֿגעטאָן? מענטשן נעמען יאָר־בא־יאָר אַראָפּ געראַטעװעניש, באַ־קלײדן און באַשוכן די װעלט. מענטשן האָבן צעצעטעלט דעם אַטאָם. מענטשן האָבן אױס־געטראַכט דעם טעלעװיזאָר. מענטשן האָבן פֿאַר מענטשן מאָקריװ געװען דאָס לעבן. מענטשן

לאָזן איבער נאָך זיך אייביקע ווערטן. איך טראַכט אויס א מײַסע. וואָלט זי מיר כאָטש אָנגעקומען גרינג. וואָלט איך כאָטש געזעסן און געטאָן מײַן ארבעט טאָג־בײַ־טאָג, פון אינ־דערפרי ביז אפדערנאכט, כאָטש ווי עס זיצט און טוט זײַן ארבעט דער געוויינלעכסטער שנײַדער! וואָלט איך כאָטש מיט מײַנע מײַסע־לעך עמעצן געוואָרעמט און געפרייט, ווי עס וואַרעמט און פרייט כאָטש א מאַלבעש, דער געוויינלעכסטער מאַלבעש!

א שווערע נאכט. א נאכט מיט גרויסע טײַ־נעס צו זיך. די ערשטע נאכט מײַנע הײַנטיקן זומער אין יאַלטער שרײַבער־הויז.

כ׳האָב זיך אומגעדרייט פאַרטאָג איינער אליין אין צימער און געקרעכצט. כ׳האָב אָפּגעפּריש־טיקט אָן כיישעק, אומעטיק. און בין דערנאָך אַזוי־אָ, א צעקנייטשטער און פאַרכמורעטער, מיט שלאָבעריקע טריט, אראָפּגעגאַן צום יאַם. כ׳האָב זיך פּאַמעלעך אויסגעטאָן און בין אַרײַנגעגאַן אין זײַנע וואַסערן.

אין איין האַלבער שאָ בין איך ארויס פונעם יאַם אַן אַנדער מענטש.

כ׳האָב צוריקגעשפּאַנט אַרויף אַהיים א פריי־לעכער, א באַרוּיִקטער, א גלײַכער, ווידער א צופרידענער מיט זיך.

און אָט אַפן וועג, בין איך זיך מוידע, האָב איך קעגן אים געזינדיקט: דער יאַם מאַכט פון דיר טיל־טעלו!... — האָב איך זיך א זאָג געטאָן.

און כ׳האָב זיך ניט אָפּגעגעבן קיין כעזשבן, אַז דאָס האָט ער, דער יאַם, מיך אוועקגעפירט

גלײַך אין צימער אַרײַן, אָנגענומען מיך בא די אַקסל און אוועקגעזעצט גלײַך צום טיש.

כ׳בין געזעסן און פּאַוואָלינקע אויסגעקי־שעפּט א נײַ מײַסעלע. און דאָס מײַסעלע האָט מיר, ווי יעדער נײַ מײַסעלע, אויסגעזען דאָס שענסטע מײַסעלע מײַנס.

איז וואָס, האָב איך זיך געזאָגט, אַז דאָס איז א קליין פינטעלע, איין קליין טראָפּנדל אין דער דאָזיקער גרויסער וועלט?

איצט שטיי איך לעבן פענצטער מיט די פאַר־שריבענע צוויי זײַטלעך אין דער האַנט און זע צווישן די ביימער א שטיק יאַם פונדערווײַטנס.

ס׳איז פאַרנאכט. דער יאַם איז טונקל. גע־קנייטשט. צעכוואַליעט. די כוואַליעס זײַנע שפּילן זיך מיטן ברעג, פּעטשלען א פעלדז, שווענקען אים אַלעמאָל אָפּ, צעשפּריצן זיך אַרום אים אין טויזנטער וואַסער־שפּריצלעך.

דער יאַם איז שיין.

דער יאַם איז ברייטהאַרציק ברייט.

דער יאַם איז פול מיט קלוגשאַפט.

דער יאַם איז נאַקעט. פּראָסט. פּוצט זיך אין קיין שום קאָליר ניט.

דער יאַם איז שטיל, גוט.

דער יאַם מאַכט דיך יונג.

דער יאַם האָט אין זיך עפּעס אַזוינס, וואָס פאַרקישעפט.

דער יאַם איז גרויס.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

דער יאַם איז גרויס דורך זײַנע קלענסטע טראָפּנדלעך...

עטיוד

נעם די פען אין דער האַנט און שרײַב. זײַ ניט און טראַכט. אַלץ איז שוין אין דיר פון לאַנג אָנגעטראַכט.

זאָל דיך די פען פירן. צי זי ניט אַף צוריק און פאַרהאַק זיך ניט, ווי, לעהאַוודל, א פאַר־אַקשנט איבערגעשראָקן ביקל. זי פירט דיך כאָלילע ניט שעכטן און פירט דיך כאָלילע ניט פאַרקויפן.

לייג אַרויס דאָס אָנגעטראַכטע אַפןליידיקן בייגעלע פּאַפּיר גיך, אָן אָפּשטעל. אַדרעבע: זע טאַקע, ווי האַלט עס בא דיר מיטן דאָזיקן טראַכטן. מיילע, „קיין איין טאָג ניט אָן קיין שורעס״ קאָן ניט יעדערער. נאָר קיין איין טאָג ניט אָן טראַכטן אויב עמעצער קאָן ניט, קאָן ער גאָרניט, איז ער מיט קיין שום שורעס קיין שום מעכוטן ניט. און דו האָסט שוין אַזויפיל טעג קיין וואָרט ניט אָנגעשריבן. נעם די פען אין דער האַנט און שרײַב! גיך. אָן אָפּשטעל.

אַדרעבע: קאָנטראָליר דיך טאַקע. זע, צי דו ביסט נאָך דו.

דער ליידיקער בויגן פּאַפּיר איז גוואַלדיק ווײַס, יעיצערהאָרעדיק־צוצײַענדיק ווײַס. ווי קאָן מען בײַשטיין און ניט צעשפּילן אַף אַזאַ־אָ שיינער ווײַסקײַט די שענסטע אויסײַעס, די שענסטע ווערטער?

דער ליידיקער בויגן פּאַפּיר איז גוואַלדיק ווײַס, אומשולדיק־ריין ווײַס. ווי קאָן מען אַזאַ־אָ קלאָרע ווײַסקײַט פאַרשוואַרצן, מעקן און קלעקן, אָנטינטלען אַף איר הוילע אויסײַעס, הוילע ווערטער?

אין אַש־בעכער ליגן שוין עטלעכע פאַר־קוועטשטע ציגאַרן מײַנע. און דאָס הענטלפען איז נאָך אַלץ פול. איך האַלט עס אין דער האַנט, דעם שפּיץ פון דער פען קימאַט צוגעטוליעט צום פּאַפּיר, און די האַנט רירט זיך נאָך אַלץ ניט פון אָרט, הייבט אַזש אָן פאַר איבערלע־

בעניש אונטערציטערן. איך פאַרקוק זיך דורכן פענצטער צום הימל אַרויף. ער איז הויך, און ליטער, און טיף, און ליכטיק־בלוי, און אָן איין שפּרענקעלע, און זאָגט מיר גאָרנישט ניט. דאָס הענטלפען האַלט ניט אויס און טוט אַ טריף אַרויס אַפן פּאַפּיר צווי אויסגעציטערטע טינט־טראָפּנס. נאַריש הענטלפען, וואָס ביסטו אין קאַס אַף מיר? צי דו האָסט זיך פּאַשעט אַזוי ווײַבעריש אויסגעלאָדן? וואָס וועלן מיר העלפן דײַנע שוואַרצע צווי טרערן? צי עפּשער באַ־ווײַנסטו מיך שוין גאָר?

אַ קני מײַנע טוט אַ ריר דעם טיש און צע־שאָקלט די גלאָז וואַסער אַף אים. איבערן קליי־נינקן, נישטיק־קליינינקן וואַסער־איבערפלאַך אין דער גלאָז לויפן דורך די זעלבע קנייטשלעך און די זעלבע צעקלויצעטקײַט, ווי איבער אַ גרויס, עמעסדיק, רויק־פאַרגליווערט, צופרידן, שטייענדיק וואַסער, ווען אַ ווינטל טוט עס אַמאָל אַ פעטשל אָן. דער זעלבער צעקלויצע־טער שוידער און די זעלבע שרעק־קנייטשלעך.

די צווי דינע שפּיציקע ביימער אין פענצטער וויגן זיך און נייגן זיך. ערגעץ הערט זיך זעגן אַ זעג. אַ האָן קרייט. אַ קינד שרײַט. ערגעץ אויבן איבער די ביימער קרײַזלט אַ פויגל. די ווײַסע קישן אַף מײַן בעט איז אַ געוויינלעכע ווײַסע קישן. די ברילן האָב איך אויסגעטאָן און זיי אוועקגעשטעלט אַפן טיש מיט די גלעז־לעך צו מיר. איך קוק אין די גלעזלעך און זע אין זיי קיין שום סוידעסדיקס ניט. עמעצער קלאַפּט אָן אין דער טיר. איך ענטפער ניט און עפן ניט.

גוואַלד געשריגן, ווו איז אַלץ, וואָס כ׳האָב אין דער האַפּסאָקע צווישן דעמלטיקן שרײַבן און איצטיקן שרײַבן טאָג און נאַכט דורכגע־טראַכט און דורכגעווייטעקט?

גוואַלד געשריגן, כ׳האָב דאָך אײַנגענעמעסן געריסן פון זיך שטיקער, געפּײַניקט זיך. ווו איז דאָס אָנגעטראַכטע אהינגעקומען? וווהין איז זיך עס צערונען?

געשיקט זיך, אַז די האַפּסאָקע האָט אַלץ באַ מיר צוגעראַבעוועט?

אַפּאַנעם, יאָ. דער גרעסטער גאַזלען דײַנער איז, אַפּאַנעם, דער צווישן, די האַפּסאָקע. זי האָט מיך, ווי אַ פעלד־רויבער, אויסגעטאָן ווי די מאַמע האָט מיך געהאַט. איבערגעלאָזט הויל און בלויז. נאַקעט און אָרעם.

דאָס פאַרמעגן מײַנס אָבער, פיל איך, איז ערגעץ דאָ. ערגעץ ליגט דער אוצער טיף פאַר־גראָבן. מע דאַרף נאָר האָבן אַ קליין בריקל צוריק אַריבערשפּאַנען דעם דאָזיקן האַפּסאָקע־טהאָם און זיך ווידער אָנקניפּן אין יענע שיינע, רײַכע, שרײַבנדיקע טעג.

שרײַב, פען מײַנע! גיך. אָן אָפּשטעל. זאָל דער דאָזיקער אימפּראָוויזירטער עטיוד זײַן דאָס בריקל.

איך שפּאַן דערויף שאָקלענדיק זיך, אַ ביסל איבערגעראַשט, האַלט דאָס גלײַכגעוויכט מיט אַ פּאָר צעשפּרייטע הענט. נאָר אָט בין איך צוריק באַ זיך. אָט בין איך ווידער איך.

גרין, סאַמעטן גראָז אונטער די פיס. כ׳לאָז זיך לויפן. כ׳לויף בערגל אַראָפּ, כ׳לויף בערגל אַרויף. דער אוצער איז דאָ. אָט וועט איר זען, ווי איך נעם זיך אים פּאַוואָליע אויפגראָבן.

כ׳טו דעם ערשטן פריילעכן געשריי.

אַרום־און־אַרום ענטפערן מיר צענדליקער ווידערקוילעס.

ייִדיש־לאָשן

די דאָקטערן מײַנע אין סאַנאַטאָריע, אַ שטרענגע ייִדענע ביכלאַל, האָט זיך מאַמעש אַ בייזער געטאָן, ווען מיר האָבן זיך צערעדט וועגן ייִדיש.

— אייסעך, גייט. וואָס איז עס? — דײַטש. און נאָך אַ שלעכטער דײַטש. איך וואָלט אַזאַ לאָשן אַף די ליפּן ניט גענומען. פע, כולשע־כאַלאַ־שעס! קנייטשט אײַך ניט, קנייטשט אײַך ניט. נעמט, אשטייגער, וואָס פאַר אַ וואָרט איר זאָלט ניט נעמען. כ׳ווייס? — „טיש“, „גאַס“, „מענטש“. וואָס איז עס, וואָס? דײַטש. שלעכטער דײַטש. אַקשנט אײַך ניט. קלאָר.

כ׳האָב זיך גאָרניט געהאַט בעדייע צו אַקשע־נען. אַלטע באַקענטע רייד. ס׳וואָלט שוין געווען אַ יוישער אַף אַזעלכע רייד אַ מאַך טאָן מיט דער האַנט, אַ זאָג טאָן: „יאָ, יאָ, מומע, איר זענט גערעכט. אַזוי איז עס!“ און פאַטער. אויס וויקועך. ייִדיש מעג זיך שוין פאַרגינען אַ קליין ביסל גײַווע אויך.

נאָר די ייִדענע, וואָס קלאַפּט מיר אויס די פּלייצע און פאַרשרײַבט מיר לאַטײַנישע רע־צעפּטן, איז גאָרניט אַבי ווער. זי גרייט, ווייס איך, אַ מעדיצינישע דיסערטאַציע. זי ציטירט אויסווייניק אָן אַ שיר פּאָעטן. זי איז באַקי אין מאַלערײַ. זי קען אי באַכן, אי גערשווינען. זי זאָגט דערצו, אַז אַ מענטש איז קיין מענטש ניט, אויב ער גרויסט זיך ניט מיט זײַן אייגן פאָלק.

ווי זשע קומט עס? פאַרוואָס זשע טוט זי אַזוי אַ שמיר איבער אַ ווערק, וואָס איז שוין אַלט קימאַט טויזנט יאָר, טויזנט יאָר פרייד און לייד? ס׳האָט אַ צופּ געטאָן באַם האַרצן. זי קער

אפילע ניט וויסן מיט וועמען זי רופט זיך אייבער. כ׳וועל זיך שוין דאפקע יאָ אָן אקשן טאָן.

— איר פארשטייט? כ׳מיין, אז לאָשן הייסט ניט נאָר ווערטער. הוילע ווערטער. פאר מענטשן טרוקענע, ווי שײַטלעך האָלץ, איז לאָשן ניט מער, ווי גראמאטישער שוירעש, קלאָלים, קאָמעס. פאר דעם, וואָס מיר רופן פאָלק, איז לאָשן ניגן, פאנטאזיע, כאָכמע. שאפונג.

— אײַ, גייט!

— שאפונג, — האָב איך איבערגעכאזערט. — פאָלקס־שאפונג. יאָרנוויַיז איבערגעשמאָלצענע. אויסגעשליפענע, געשארפטע. אקוראט, ווי פאָלקסליד, ווי פאָלקסמײַסע. ניט ווערטער זײַנען אין לאָשן א איקער. אָן איקער זײַנען שורעס. גאנצע מאָנאָלאָגן. דער זעלבער „טיש“, די זעלבע „גאס“, דער זעלבער „מענטש“ זײַנען אין דער דײַטשישער שורע — דײַטש, און אין דער יידישער שורע — ייִדיש.

— אײַ, גייט!

איך האָב מיר גערעדט מײַנס:

— ייִדיש־לאָשן איז, ווי אלע לעשוינעס, קונסט. איר פארשטייט, אין מאָלערײַ, מיין איך, איז ניט וויכטיק די לײַוונט. לײַוונט קאָן מען קויפן אין א שניטקראָם. ניט אפילע די טיוביקלעך פארבן. טיוביקלעך פארבן קאָן מען אויך קריגן. דעם מאָלערס פינגער זײַנען וויכטיק. זײַן נוסעך. דער וועג אין לעבן זײַנער. זײַן נעשאָמע. ייִדיש־לאָשן האָט זיך זײַן פארב, זײַן קנייטשל, זײַן דריי, זײַן פריילעכקײַט און טרויעריקײַט. דערמיט איז עס ייִדיש־לאָשן און ניט דײַטשיש־לאָשן און ניט טערקיש־לאָשן. איר פארשטייט?

— כ׳פארשטיי שוין גראדע ניט! — האָט מײַן דאָקטערן בײַסיק א זאָג געטאָן.

געגוג, הייסט עס. צײַט א מאך טאָן מיט דער האנט!

— וואָס זשע זאָל איך אײַך טאָן, טײַערע מײַנע, — האָב איך מיטאמאָל אָנגעהויבן שפאסן, — אז איר פארשטייט א קרענק...

— וואָס, וואָס?

— גאָרניט. כ׳האָב מיט אײַך א רעד געטאָן אַף פראָסט ייִדיש.

שורעס — גאזלאָנים

מוטשען מוטשע איך זיך ניט בא די שורעס, וואָס איך שרײַב יאָ אָן, לאָז יאָ ארײַן אין מײַן הייכל, נאָר בא די, וואָס איך שרײַב ניט אָן, וואָס דארפן בלײַבן אין דרויסן.

זיי באפאלן מיך שטיל, הינטנארומער, שטופן מיך קונציק־פאוואָליע אוועק פונעם ארײַנגאנג, און רײַסן זיך ארײַן אינווייניק, ווי גאזלאָנים מיט מאסקעס אף די פענעמער. וואָלטן זיי כאָטש א געשריי געטאָן: „הענט אין דער הייך!“ ריידן זיי אָבער לײַטישע רייד, שטעלן זיך ארויס, ווי יאָמטעוודיקע, היימיש־פארשטעלטע, פורים־שפילער, קינסטלער. איך לאָז מיך ניט. כ׳ראנגל זיך, כאפ איינעם און א צווייטן אָן באם גאָרגל, צעטרײַב זיי, ווי דער זיידע מענדעלע האָט געלערנט, ווי מע צעטרײַבט זלידנע פליגן, און פארהאק די טיר הינטער זיי אַף זיבן שלעסער. דרייען זיי זיך אום ארום־און־ארום בא די פענצטער, פלעטשן די נעז אין די שויבן, בעטן זיך בא מיר ראכמים. טאנצן דערנאָך ארײַן דורכן קוימען, שטעקן ארויס לאנגע לעקערס, מאכן מאָדנע קאָזשעלקעס, פאָכן מיר פאר די אויגן מיט א האָקוס־פאָקוס־שטעקל, מוטשען מיך, באגיסן מיך מיט זיבן שווייסן.

ניט טאָמיד בין איך זיי גוירוער. נאָר בלויז דאָן, ווען איך גיי יאָ ארויס דער זיגער, פיל איך זיך אויך ראָע צו פארנעמען א מינדסט שטיקל ווינקל אין דעם דאָזיקן גרויסן הייכל, וואָס הייסט קונסט.

סאטירע

ס׳הייבט אָן ווערן א סאקאָנע פארבײַטן איינס אפן אנדערן.

אויסמישן.

די קלוגע גרויס־קונסט סאטירע.

און —

די נארישעוואטע, קליינלעכע, קונצנמאכערײַ סאטירע.

די גרויסע סאטירע — דאָס איז סערוואנטעס, גאָגאָל, מענדעלע, טשעכאָוו. דאָס איז דער קרומער ביטערער שמייכל אַף א קרומען ביטערן לעבן. דאָס איז לאכן מיט יאשטשערקעס. אויסלאכן זיך אליין. לאכן מיט א קנויל אין האלדז. לאכן קנײַפנדיק זיך די באקן, די פארב זאָל שטיין. לאכן מיט א וויי אין הארצן. לאכן כליפענדיק, יעכצנדיק, מאָנענדיק.

די קליינע סאטירע — דאָס איז א ליאדע

יונגערמאַנטשיק, וואָס האָט עפּשער אַמאָל גע־וואָלט שרײַבן לידער און ניט געקענט. וואָס איז, קאָן זײַן, באַרויגעז אויף דער וועלט. וואָס שטעלט דיר אַרויס אַ כויזעק־צונג. וואָס הויקערט זיך אַ צוגעבויגענער צו דײַן שליסל־לאָך. וואָס וואָרט, זאָלסט זיך אויסגליטשן אויף אַ שאָלעכץ פון אַ קאַרטאָפל. וואָס שרײַט, אַז די קונסט זײַנע קלעמט מען, קוועטשט מען, מע לאָזט איר ניט צעפֿירן זיך די הענט.

לאָמיר ניט פֿאַרבײַטן קיין זון אויף אַ קליין טשאַדענדיק כיילעוו־ליכטל.

אי דאָס באַטאָג. אין דער ליכטיק.

אַפילו ווען ערגעץ אויפן הימל וואַרפט זיך דורך אַ טונקל פֿאַרבײַשווימענדיק וואָלקנדל.

אָן־קויצעץ־לאָשן

כעוורע אַקטיאָרן, פֿאַרשלעפּטע קרענק, פֿלעגן צווישן זיך אַרײַנוואַרפן אין די רייד קלעזמער־ווערטער. „אַ דוילעוווקע", „געריטשט", „באַזש". אַמאָל פֿלעגן זיי גלאַט אַזוי „קאַלעכן". אַז מ׳האָט אַרײַנגעכאַפּט הינטער די קוליסן אַ יאָלד, אַ פֿאַרערער פֿון טאַלאַנטן, האָט מען אים, לע־מאַשל, פּלוצעם געטאָן אַ פֿרעג אין ערעך אַזוי־אָ:

— איר האָט זיך שוין הײַנט מעלאַוואַכאַ־קיסטן געוועזן?

יענער פֿלעגט שטיין בלײַבן געפּלעפֿט פֿון דעם דאָזיקן שווערן קאַדערישן וואָרט, מיינענדיק, אַז עס איז ניט פֿאַר זײַנע ציין, אַז ער האָט דאָ עפּשער פּאָשעט עפּעס ניט דערהערט, פֿלעגט מיט אויסגעשטאַרצטע אויגן אַ געשריי טאָן: „וואָס, וואָס?", און די אַקטיאָרן לעבן די שפּיג־לען האָבן זיך, קלעפּנדיק די בערד, געקאַטשעט פֿאַר געלעכטער.

געלעכטער, וויץ, פֿריילעכקײַט איז, אַפּאָנעם, געווען אַ סגולע צום שפּילן, צום קאָנען מאַכן דערנאָך דאָס „פּובליקום" גיסן מיט טרערן.

איינער אַן אַקטיאָר, געדענק איך, האָט געהאַט אַ טעוועס, ווען ער איז אַ ביסל געווען בעגילופֿן, „אַפּצוקאַלעכן" דעם אוילעם אין זאַל פֿון דער בינע אַראָפּ. און מערקווירדיק: קיינער האָט ניט אויסגעשטאַרצט די אויגן און ניט געפֿרעגט: „וואָס, וואָס?.." ער האָט דאָס ווילדע, אַליין־אויסגעטראַכטע, קאַלעך־וואָרט אונטערגעטראָגן דעם אוילעם מיט אַזויפֿיל טאַך, אַרומגעשפּילט מיט אַזויפֿיל נעשאָמע, טאַלאַנט און מײַסטער־שאַפֿט, אַז קיינעם האָט עס ניט אויסגעזען פֿרעמד, אומפֿאַרשטענדלעך.

פּאַרקערט: אַ צווייטער אַקטיאָר, אַ דראַגנג, פֿלעגט רעדן אויף דער בינע די איינפֿאַכסטע פֿאַרשטענדלעכסטע ווערטער, און דער אוילעם אין זאַל פֿלעגט אויסדרייען די קעפּ אויף צו־ריק, מאַכן ש־ש... מיינענדיק, אַז עמעצער זיצט דאָרטן און שטערט. אַקטיאָרן לייצים פֿלעגן וועגן אַזאַ־אָ דראַגנג אַ זאָג טאָן:

— וואָס שטייט ער דאָרט און קאַלעכט, וואָס?

כ׳לייען אַמאָל ערגעץ פּערזן. דאַכט זיך, פּאָ־שעטע ווערטער, גראַם צו גראַם, ווירקלעכנגענ־דיק. און איך הייב מיט די אַקסלען, פֿאַרשטיי ניט אַן אָס. מײַן, אַז עפּשער דערהער איך עפּעס ניט, עפּשער שטערט מיר עמעצער. וויל שיר ניט אַ מאַך טאָן: ש־ש... און דערמאָן זיך אין יענעם זאָג:

— וואָס שטייט ער דאָרטן און קאַלעכט, וואָס? כ׳פֿאַרמאַך די אויגן, און אויף די ליפּן שוועבט מיר אַ שורע:

ציגעלע, מיגעלע, ריגעלע...

איין וואָרט נאָר איז דאָ פֿאַרשטענדלעך. די איבעריקע צוויי זײַנען אויסגעטראַכטע, געמאַכ־טע, „קאַלעך"־ווערטער. נאָר כ׳דערזע מײַן מאַ־מען זיצן לעבן מײַן וויגל, כ׳דערפֿיל די שטערן, וואָס קוקן אַרײַן צו מיר דורכן פֿענצטער, איבערן פֿאַרלאַטעטן פֿאַרהענגל. כ׳שלאָף אײַן, און עס קומט מיר צו כאַלעם דאָס קלאָר־ווײַסע ציגעלע.

עס בוצקעט זיך מיט מיר און עס לאַשטשעט זיך צו מיר...

שאָמער

פֿאַרוואָס האָט ער נעבעך געהאַט אַזאַ וויסט מאַזל בײַ ייִדן? פֿאַרוואָס איז ער געוואָרן דער צייכן פֿון ביליקײַט, שונד, גראַפֿאָמאַניע, מאַכע־רײַקע, שאָמעריזם?

פֿאַרוואָס האָט מען אים געמישפּעט, געמור־טשעט, דערגראַנגען די יאָרן, פֿאַרטריבן, איבער־געקומען?

פֿאַרוואָס איז פֿון זײַנע צוויי הונדערט ראָמאַ־נען (צוויי הונדערט ראָמאַנען!), וועלכע ווײַב־לעך און מיידלעך — אונדזערע באָבעס און מא־מעס — האָבן געלייענט אין די פּריטיקצו־נאַכטסן מיט אויסגעצוואָגענע גלאַנצנדיקע קעפּ און מיט גלאַנצנדיקע אויגן, קיין שאַרע־דעפּאָרע ניט געבליבן?

(ווער ווייסט, צי ווען ניט בינימין דער צי־רולניק בײַ אונדז אין שטעטל, וואָס פֿלעגט

איבערלאָזן דעם „קליענט" אף דער „קרעסליע", אן אײַנגעהילטן אין לײַלעך, מיט א צעשויבערטן קאָפּ, און אזוי־אָ, מיטן קלינגענדיקן שערל אין דער האנט, ארײַנכאַפּן מיך אין אלקער, אופשליסן מיט א קליין שליסעלע פון דער זשיליעט־קעשענע דעם קאסטן ביכער, און פאר א קאָפּעקע א טאָג מיר דערלאנגען אף פּראָקאט שאָמערס „פון קליין צו דער קרוין" — ווער ווייסט, צי וואָלטן זיך די דאָזיקע שורעס מײַנע אוועקגעלייגט איצט פון רעכטס אף לינקס?..)

פארוואָס האָט קיינער דעמלט ניט געפרעגט „פארוואָס"?

פארוואָס קומען די דאָזיקע „פארוואָסן" אף דער צונג אזוי שפּעט?

אף אלע שײַלעס זײַנען, פארשטייט זיך, פאַראן גענוג טשוּוּעס. ייִדישע שרײַבער בא ייִדן זײַנען דעמלט געווען געציילטע אף די פינגער, צו ווייניק, מע זאָל נאָך מעגן דערלאָזן איינעם אזעלכן. די ייִדישע ליטעראטור איז נאָך דעמלט געווען צו אָרעם, זי זאָל זיך קענען פארגינען, ווי אנדערע רײַכע ליטעראטורן, אזא „לוקסוס" אויך. שאָמערס „מײַסעס" האָבן דעמלט אפן שוואכן, אמעראציש־אויסגעמאָגערטן ייִדיש־לייענער צו שטארק געווירקט — ווי, ראכמאָנע־ליצלאָן, א מאגייפע, אן אָנשטעקעניש. פארמערט, צעשפּרייט דעם לייענער, פארגרעסערט, נאָר קראנק געמאכט, מאגייפעדיק אָנגעשטעקט. (מיט זײַן „מישפּעט שאָמער" האָט שאָלעם־אליי־כעם די מאגייפע איבערגעריסן, נאָר אויסהיילן די כוילים, געווינען זיי פאר זיך, פארן לעבעדיקן לעבן, האָט ער געקענט בלויז מיט איין שטארקסטער רעפוע — מיט הומאָר...)

אָן א שיר שײַלעס. אָן א שיר טשוּוּעס. נאָר מיך מוטשעט איצט איין שײַלע און איין טשוּווע: שאָמערס טאָעס. שאָמערס פאטאלער טאָעס.

טאלאנטלאָזיקײַט? — אָן שטארקן טאלאנט וועט קיינער אין דער וועלט ניט אָנשרײַבן קיין צוויי הונדערט ראָמאנען, אפילע שלעכטע, אפּילע די ערגסטע.

קולטורלאָזיקײַט? — וואָס ווייניקער קולטור, אלץ ווייניקער איז דאָ וואָס צו זאָגן. וואָס איז דען קולטור, אויב ניט א סאך וויסן, א סאך זען, א סאך קענען — א סאך וועלן.

ליבשאפט? — אָן ליבשאפט צום שרײַבן קאָן זיך ניט אָנשרײַבן קיין איין דערציילונג, קיין איין זײַטל ניט.

צוויי הונדערט ראָמאנען! צ ו ו י י ה ו נ ד ע ר ט ר אָ מ א נ ע ן!

איך בלעטער איצט ווידער דאָס ביכל „אונדזער פאָטער שאָמער" — דעם דאָזיקן קליינעם באשיידענעם דענקמאָל, וואָס זײַנע טעכטער האָבן אים געשטעלט.

(ווײַל איז דעם שרײַבער, טראכט איך, וואָס לאָזט איבער נאָך זיך זין און טעכטער; וואָס האָט כאָטש דאָס גליק אוועקצוגיין פון דער וועלט פריִער פארן ווײַב, זײַן לעבנס־כאווער...)

וואָס איז אין דעם דאָזיקן מאָגערן מאצייווע־ביכל ניט פאראן! זײַן אָפּשטאם. זײַן שווערע אויסקומעניש. זײַן לײַטישקײַט. זײַן לאמדאָנעס. זײַן ראנגלען זיך מיטן אומגליק. זײַן פרייען זיך מיט קלוימערשטע דערפאָלגן. יעדער גוט וואָרט, וואָס שרײַבער האָבן וועגן אים אמאָל געזאָגט. די הונדערטער אויסטערלישע נעמען פון אלע זײַנע פארגעסענע ביכער. זײַנע פאָטאָגראפיעס.

און — עס קוקט ערגעץ־ווו ארויס פון דעם דאָזיקן ביכל זײַן טאָעס, זײַן פאטאלער טאָעס.

דער וואונדערלעכער רוסישער שרײַבער פּרישווין רעדט אָפּט אין זײַן פּרעכטיקער פּראָזע וועגן אזא זאך, וואָס ער רופט אָן „פּאָוועדעניע פּיסאטיעליא" — דעם שרײַבערס פירעכץ. דעם שרײַבערס „לײַטיש" פירן זיך ניט מיט זײַנע בניי־באָיִס, מיט זײַנע נאָענטע, מיט די שכיינים, מיט באלכוילעס, מיט א גלעזל ווײַן, מיט געליבטע — נאָר זײַן פירן זיך מיט זײַנע שורעס. זײַן דורכשלעפּן אלע שורעס זײַנע דורך זיך, דורך זײַנע אָדערן, דורך זײַן אייגענעם האַרץ...

שאָלעם־אלייכעם האָט דורך זיך דורכגעשלעפּט אי מענאכעם־מענדלען, אי טעוויען, אי מאָטל פייסי דעם כאזנס. זיי דורכגעשלעפּט דורך זיך און זיך דורכגעשלעפּט דורך זיי.

אין שאָמערס אלע צוויי הונדערט ראָמאנען איז אף קיין איין זײַטל ניט, אין קיין איין באַהאלטענעם ווינקל ניט, נישטאָ נאָכעם־מייער שײַקעוויטש — נישטאָ שאָמער.

זײַנע ראָמאנען זײַנען באזונדער, און ער, שאָמער, איז באזונדער.

דעריבער איז אין זיי נישטאָ קיין לאָשן, נישטאָ קיין פאָלק, נישטאָ קיין עמעס, נישטאָ קיין קונסט.

אין שאָמערס ביאָגראפיע איז פאראן א „ליטעראַרישער העלד" אָן אויצער — זײַן זיידע רעב גאווריִעל. און א געשעעניש ארום דעם דאָזיקן העלד — נעם זי א גרייטע ארײַן אין א ביכל, דערצייל זי איבער באאריכעס, מיט אלע פּיטשעוועקעס, און עס וועט א שמעק טאָן מיט עמעסער ליטעראטור, מיט לעבן.

פופציק יאָר האָט דער זיידע שאָמערס, רעב גאווריִעל, אָפּגעלעבט מיט א ווײַב אָן אקאָרע. פופציק יאָר האָט דער דאָזיקער ייִד געהאט קויעך צו האָפן, צו וואַרטן אף א יוירעש. נאָך פופציק יאָר איז שוין פאָשעט ניט געבליבן קיין צײַט צו וואַרטן. רעב גאווריִעל האָט דאָס ווײַב אָפּגעגעט, כאסענע געהאט פאר א יונג מיידל, און זי האָט אים געבוירן גאנצע צען קינדער.

דער ראָוו נאָכעם־מייער, וואָס האָט גאַוורי̆עלן אי געגעבט, אי דערנאָך מעסאַדער־קדושן געווען (דעם ערשטן אייניקל גאַוורי̆עלס, שאַמערן, האָט מען א נאָמען געגעבן נאָכן דאָזיקן ראָוו — נאָכעם־מייער), האָט אונטער דער כופּע צוגע־ווינטשעוועט רעב גאַוורי̆עלן, ער זאָל נאָך זוכע זײַן פּרוע־אורוווע און זאָל לעבן אזוי לאַנג, ביז ער וועט כאַסענע מאַכן דאָס לעצטע קינד. רעב גאַוורי̆על האָט געלעבט הונדערט מיט פיר יאָר, געפירט דעם מיזיניק צו דער כופּע און איז אין דעם יאָר געשטאָרבן. די אַלמאָנע, שאַמערס באָ־בע, האָט ביזן טויט אירן געקלאָגט און געוויינט, זיך ניט געקענט מויכל זײַן:

— פאַרוואָס האָט זי ניט געזען, מע זאָל כאָטש נאָך א פּאָר יאָר צוּוואַרטן מיטן מיזיניקס כאַ־סענע?..

אין שאַמערס ביאָגראַפיע, וואָס די טעכטער באַשרײַבן אף עטלעכע זײַטלעך, איז די דאָזיקע געשעעניש דאָ, אין שאַמערס צוויי הונדערט ראָמאַנען איז זי ניטאָ.

פּאָוועדעניע פּיסאַטיעליא.

אויב דאָס אַנטלויפן פון זיך אַליין, פונעם איי־גענעם ארום, פון אייגענעם לעבעדיקן לעבן, צו אויסגעטראַכטקייט, צו צוויפשטעלעכץ, קאָן אוועקהאַרגענען צוויי הונדערט אָנגעשריבענע ראָמאַנען, — ווי גוט געטראָפן ס׳איז דער דאָ־זיקער זאָג. דעם שרײַבערס פּירעכץ. דעם שרײַ־בערס באַציִונג צו זײַנע שורעס.

און ווי שטאַרק דאַרף דאָס יעדערער פון אונדז, דער גרעסטער ווי דער קלענסטער, אין זינען האָבן!

קאָל־נעגינע

איך פּראָווע היסבוידעדעס אין מאַלייעווקער ווינטערדיקן וואַלד. כ׳שפּאַן. איבערן קאָפּ שנייט. אונטער די פיס סקריפּעט. דער פראָסט דרייט מיר צוביסלעך אָן די אויערן, ווי איך וואָלט געווען עפּעס א שאַלטיקל, וואָס וויל ניט פאָלגן. די סאָסנע־ביימער, מיט זייער הויכקײַט, גלײַכקײַט, גרינקײַט, פאַרשנייטקײַט און רויקײַט העלפן צו טראַכטן.

אף דער שמאָלער שניי־סטעזשקע באַגעגן איך מיך פּאָנעם־על־פּאָנעם מיט דער טאַטערישער אָפּערע־זינגערן מונירא בולאַטאָווע. איך שפּאַן אהין, זי שפּאַנט אהער. זי האָט שוואַרצע שמאָ־לע אויגן. זי האָט ווײַס־ווײַסע ציין, וואָס ווערן ניט פאַרטונקלט אפילע אָפן דאָזיקן מעסוקן ווײַסן שניי־פּאָן. זי איז, כוץ אלעמען, פּאַשעט קיינעוודיק.

— שרײַבער, — טו איך א זאָג, — מוזן שפּאַ־צירן אליין. אָבער זינגער!..

— ערשט זינגער... מע דאַרף היטן דעם אויי־צער... אף דער קעלט טאָר מען ניט ריידן...

— ניט ריידן און ניט טראַכטן, ווי זשע קאָן מען לעבן?..

כ׳ציטער אזש אוף פון מײַן גיַוועו. איך איי־נער, הייסט עס, אף דער וועלט, טראַכט. כ׳האָב זי, דאַכט זיך, א ביסעלע באַליידיקט. נאָר די זינגערן טוט א ווײַז אירע ביידע שורעס ציין, טוט א לאַך מיט אזא לויטער געלעכטער, גלײַך זי וואָלט כאָטש אלט געווען פערצן־פופצן יאָר, און טוט א זאָג:

— אוי, טײַערינקער, וואָס רעדט איר?.. זינ־גען!..

שפּראַך־מײַסטערשאַפט

איך מיין, אז דאָס פּאַשעטסטע וואָרט, כ׳וואָלט אפילע געזאָגט — דאָס באַנאַלסטע וואָרט, דאָס וואָרט, וואָס גייט מערער אום צווישן מענטשן, דאָס באַקענטסטע וואָרט, איז דאָס סאַמע פּאַסיקסטע וואָרט פאַר עמעסער קונסט.

און ניט דאָס וואָרט דאָס פאַרמעליצעוועטע, דאָס מיט ליכט אויסגעזוכטע, דאָס אויסגעקראַצ־טע אין אונדזער זיקאָרן, ווי מיר פלעגן קליי־נערהייט אויסקראַצן דער מאַמעס מילך־פּענדל, נאָך דעם, ווי די מילך איז שוין געווען צעגאָסן אין די גלעזער.

צו וואָס די דאָזיקע צוגעפּרי̆עטע, פאַרגעלטע און פאַרשוואַרצטע, קאַפּצאַנישע אויסקראַצע־ניש, ווען מיר פאַרמאָגן, קיין אײַנהאָרע, אזא קלאָר־ווײַסן, געשמאַקן מילך־קוואַל?

שפּראַך האָט פײַנט זוילעל־ווּעסויוועדיקײַט, איבערגעגעסנקײַט, איבעריקס — האָרבן אף די פּלייצעס.

לאָשן האָט ליב מאָס (דאָס וואָרט זאָל זײַן געמאָסטן און געוויגן), פּינקטלעכקײַט (דאָס וואָרט זאָל טרעפן נאָר אַהין, וווהין מע צילט), צאַרטקײַט (דאָס וואָרט זאָל זײַן אײדל אויסגע־טאָקט), טאַקט (אויב דאָס וואָרט דאַרף זײַן אַ גראָבס, זאָל עס ניט קאָקעטירן מיט דער דאָזי־קער גראָבקײַט).

יאַלטער

אין דער שײנער שטאָט יאַלטע, צווישן צענד־ליקער סאַנאַטאָריעס, ווו מענטשן הײלן זיך, און צענדליקער אָפּרו־הײַזער, ווו מענטשן קומען, נאָך אַ יאָר אַרבעט, אָפּרוען זיך, שטײט, באַרג־ארופצו, אַ גרויס דרײַגאָרנדיק הויז.

דאָס הויז איז אַרומגערינגלט מיט קיפּאַריסן־בײמער און צעדערבײמער. מיט שטילע טונ־קעלע אַלײעס. מיט בלומען־קוסטן און פאַנטאַ־נען קעגן די פענצטער. מיט גלאַט־אַספאַלטיר־טע סטעזשקעס. מיט אַ באַנק דאָ־און־דאָרט אונ־טער אַ בוים איבערצובלײַבן אַלײן מיט די אײ־גענע געדאַנקען. און, פון די באַלקאָנען אַראָפּ, מיט אַ שײנער צעעפנטער פּאַנאָראַמע פאַר די אויגן.

פון אײן זײַט, רעכטס — נײַע, פּירעקעכדיק־הויכע בלאָק־הײַזער מיט אָן אַ שיר רײען זונ־ניק־צעשפּילטע פענצטער. אַרום־און־אַרום די דאָזיקע בלאָקן, וואָס זעען זיך אָן פונדערווײַטנס אײנס אָפן אַנדערן, ווי עפּעס קישעף־טראַפּ באַרג־אַרויף, זײַנען באַהאַלטן צווישן סעדער קלענערע שטיבער מיט אַלערלײ פאַרביקע דע־כער, זעען זיך אָן געדרײטע אַספאַלט־וועגן, וואָס ציִען זיך אַרויף, אַרויף, צו שטיקער וואַלד, צו באַרג־קאַנטן און באַרג־שפּיצן אונטערן סאַ־מע הימל.

פון דער צווײטער זײַט, לינקס, אונטן — דער יאַם. דער שײנער שוואַרצער יאַם. מיט שיפן און שיפלעך באַם בּרעג. מיט הויכע, רויטע און געלע, הײב־קראַנען. מיט טויזנטער מענטשן אויף די פּליאַזשן. מיט אַ בלוי־גרינבלעכער צעכוואַ־ליעטקײַט, וואָס קנײטשט זיך אַוועק ווײַט־ווײַט ערגעץ אין אײנזאַמקײַט.

דאָס דאָזיקע דרײַגאָרנדיקע הויז באַרג־אַרויפ־צו איז אַ שרײַבער־הויז. אַ שאַפונג־הויז. שרײַ־בער קומען אַהער אויף אַ כּודעש־צוויי אָפּזונ־דערן זיך אין די שטילע צימערן און אַרבעטן איבער די ביכער זײערע, וואָס זײ שרײַבן.

אין יאַלטע האָט, ווי באַוווסט, אַ סאַך צײַט געלעבט טשעכאָוו.

די שטוב, ווו ער האָט געוווינט, איז איצט אַ מוזײ.

נישטאָ אַזאַ מענטש, וואָס זאָל קומען קײן יאַלטע, און זאָל ניט גײן אָנקוקן דעם טיש, לעבן וועלכן דער דאָזיקער גרויסער רוסישער שרײַ־

דאָרט, ווו ס'איז פאַראַן גענוג געדאַנק, טרעפט מען, בעדערערך־קלאַל, ווײניק וואָרט־פּאָקוסן, וואָרט־געקינצלטקײַט.

צו גרויסע אויערינגען אויף די אויערן, צופיל רויטס אויף די ליפּן, צו געדיכט שוואַרצס אַרום די אויגן טרעפט מען, בעדערערך־קלאַל, דאָרט, ווו ס'איז פאַראַן ווײניק צורע...

פייגעלעך

בער האָט געשאַפן זײַנע ווערק: דאָס עסצימער, ווו טשעכאָוו האָט מיט זײַן הויזגעזינד געגעסן; דאָס שלאָפצימער, ווו ער איז געשלאָפן.

אויף די יאַלטער גאַסן איז טשעכאָוו געגאַנגען. אונטער דעם־אָ צעשאָטנטן בוים, אויף אַ באַנק, איז עפּשער טשעכאָוו געזעסן. קאָן זײַן, אַז פונקט אָ־דאָ־אָ, אויף דעם־אָ אָרט לעבן יאַם, איז טשעכאָוו געשטאַנען און געקוקט.

יעדער ווינקעלע און יעדער סטעזשקעלע, יעדער בוים און יעדער צווײַגל אויפן בוים און יעדער פײגעלע אויפן צווײַגל דערמאָנען, שעפּ־טשען, צוויטשערן: טשעכאָוו, טשעכאָוו.

ס'איז גראָדע גוט און ס'איז גראָדע פּאַסיק, וואָס דאָ־אָ, אין דער־אָ שטאָט, שטײט אַזאַ שרײַבער־הויז, אַזאַ־אָ שאַפונג־הויז.

שרײַבער פון אַלע עקן לאַנד קומען אַהער. די באַוווסטסטע און די ווײניקער באַוווסטע. ווער איז שוין דאָ ניט געווען!

קאָנסטאַנטין פּאַוסטאָווסקי, זאָגט מען, איז מאַמעש פאַרליבט געווען אין יאַלטע. ער פלעגט קומען אַהער אין שאַפונג־הויז, זיצן דאָ און אַר־בעטן צוויי צי דרײַ כאָדאָשים קעסײדער. מע האָט אים געזען אומשפּאַצירן אין די אַלײעס, אַ געווײנלעכן מענטשן, מיט אַ געווײנלעכן, אַ ביסל מידלעך־פאַרזאָרגטן פּאָנעם. און דער דאָ־זיקער געווײנלעכער מענטש גײט זיך אַרײַן אין זײַן צימער, זעצט זיך געווײנלעך אוועק באַם טיש און קישעפט אויס אוצרעס. שורע נאָך שורע. בלעטל נאָך בלעטל. אוצרעס פּאָעזיע און מענטשלעכקײַט.

איך האָב געהאַט די זכיִע צו זײַן דאָ אײנ־נעם מיט סאַמוי־ל יאַקאָוולעוויטש מאַרשאַק. ער האָט געוווינט אויפן צווייטן גאָרן. ער איז שוין דעמאָלט געווען קראַנק, פאַרעלטערט, גע־קנײטשט. נאָר כ'פלעג אים שטענדיק זען זיצן אויפן באַלקאָן זײַנעם איבערגעבויגן איבערן טיש. ער איז געזעסן און געאַרבעט פון העט פאַרטאָג ביז שפּעט פאַרנאַכט. מעגלעך, אַז ער האָט שוין דעמאָלט געפילט, אַז ער שטאַרבט. און ער האָט ניט געוואָלט פאַרלירן קײן אײן רעגע. געוואָלט איבערגעבן דער וועלט אַלצדינג זײַנס, ביזן לעצטן. אַלע שײנקײַטן און רײַכקײַטן, וואָס ער האָט אין זיך פאַרמאָגט.

אין יענער צײַט איז דאָ אויך געווען דער דיכטער דער כאַכעם מיכאיל סוועטלאָוו. כ׳האָב געזען, ווי יעדער איינער האָט אים ליב. כ׳מיין, אז דער אוילעם האָט אים ליב געהאט אי פאר זײַן כאַכמע, אי פאר זײַן מילדקײַט, פאר זײַן ברייטער האַנט, פאר זײַן פּראָסטקײַט און צוגע־לאָזטקײַט, פאר זײַנע קענען טיילן שטיקער כאָכ־מע גרויס און קליין: נאַ דיר אַ שטיק און נאַ דיר אַ שטיק. נישקאָשע־נישקאָשע, כ׳וועל כאַ־לילע ניט בעדאלעס ווערן!..

כ׳האָב דאָ באַגעגנט אזערבײַדזשאַנישע שרײַ־בער, אוזבעקישע שרײַבער, באַשקירישע שרײַ־בער, אוקראַיִנישע שרײַבער. מײַנע מאָלדאַוויק־שע, מײַנע יידישע שרײַבער. שרײַבער, וואָס שרײַבן אַף פאַרשיידענע לעשוינעס.

שרײַבער פון פאַרשיידענע הייכן, פאַרשיי־דענע מאַסשטאַבן, פאַרשיידענע זשאַנערן. שרײַ־בער מיט פאַרשיידענע כאַראַקטערן.

נאָכן דאָזיקן היפּשלעכן אַרײַנפיר וויל איך איצט דערציילן אַ קליינע פּאַסירונג, וואָס האָט מיט מיר הײַנטיקן זומער פּאַסירט אין יאַלטער שאַפונג־הויז. ניט קיין אויסערגעוויינלעכע, נאָר פּאָרט אַ פּאַסירונג. און ס׳איז זי קעדײַ, מיין איך, צו דערציילן.

דער בעסטער סימען, אַז פוילע זײַנען פוילע, איז ווען זיי טוען אָפּ די אַרבעט, וואָס זיי האָבן אָפּצוטאָן, סאָף טאָג און ניט אָנהייב טאָג. איך האָב מיר, פאַרשטייט זיך, אויסגערעדט, אַז שול־דיק איז ניט די פוילקײַט, — שולדיק איז דער יאַם. מאַכמעס, ווי גייט מען איידער עפּעס וואָס אַף אַ פּאָר שאָ ניט אַראָפּ צום יאַם, אַרײַנוואַרפן זיך אין זײַנע וואַסערן, דורכפרישן זיך מיט זײַן פרישקײַט, אָנקוקן זיך אויג־אַף־אויג מיט דער שיינקײַט זײַנער?..

כ׳האָב געאַרבעט באַטאָג, נאָכן אָנבײַסן, צו־געזעצט זיך נאָכאַמאָל צום טיש באַלד נאָכן אָוונטברויט און געאַרבעט ביז שפּעט אין דער נאַכט.

כ׳האָב זיך דערנאָך אַ סאַך צײַט געדרייט אַפּן געלעגער, ניט געקענט אַנשלאָפן ווערן. און אַז איך בין שוין פאַרטאָג־צו יאָ אַנשלאָפן געוואָרן און קוים אָפּגעשלאָפן אַ מין שאָ־צוויי, האָט מיך פּלוצעם עמעצער ווי געוועקט, געטאָרעט, ווידער ניט געלאָזט שלאָפן. כ׳האָב אופגעעפנט די אויגן און אַ קוק געטאָן צום פענצטער. אין דרויסן איז שוין געווען ליכטיק. בלאָוולעך ליכ־טיק. די ערשטע עטלעכע רעגעס אָנהייב טאָג. אין צימער האָבן זיך שוין אָנגעהויבן אויסשיילן זאַכן: דער טיש, דאָס לעמפּל אַפן טיש, די ביי־געלעך פּאַפּיר לעבן לעמפּל, דאָס בענקל לעבן טיש. כ׳האָב זיך אײַנגעהערט אין דער שטיל־קײַט און דערהערט, ווי ערגעץ פון יענער זײַט וואַנט, אין שכײנעסדיקן צימער, קלאַפּט אַ שרײַבמאַשינקע. קלאַפּט גיך, פריילעך. אין דער פאַרטאָגיקער שטילקײַט הויך, וועקנדיק:

— טשיק, טשיק... טשיק, טשיק, טשיק... טשיק... טשיק...

כ׳האָב זיך איבערגעדעקט מיט דער קאָלדרע, געכאַלעשט שלאָפן. נאָר די מאַשינקע האָט שוין ניט געלאָזט צומאַכן קיין אויג. זי האָט גע־קלאַפּט, ווי באַ מיר אין צימער, גלײַך אַקוראַט אין די אויערן אַרײַן, ווי מאַמעש אָט־דאָ־אָ לעבן מיר אונטער דער קאָלדרע:

— טשיק, טשיק, טשיק... טשיק, טשיק...

באַטאָג האָט זיך דאָס קלאַפּן ניט געהערט. נאָך אַרבעטן האָט זיך שוין קימאַט ווי ניט גע־אַרבעט. איבערן ניט אויסשלאָפן זיך איז דער קאָפּ געווען שווער און ליידיק. אין די אויערן איז אַלץ געשטאַנען דער פאַרטאָגיקער אומרו.

אַף מאָרגן האָט זיך די געשיכטע, פאַרשטייט זיך, ווידער איבערגעכאַזערט. כ׳האָב זיך דער־וווּסט, אַז אין שכײנעסדיקן צימער וווינט אַן עלטערע שרײַבערין, אַן איבערזעצערן. זי וווינט שוין דאָ באַלד אַ כוידעש. אין אַ פּאָר טעג אַרום פאָרט זי שוין אַהיים. כ׳האָב מיך די פּאָר טעג גוט צוגעמוטשעט. און אָט ליג איך אַ באַרויִק־טער אין בעט. די שכײנע מײַנע איז פאַרנאַכט אָוועקגעפאָרן. מאָרגן וועל איך ענדלעך, ווי טאָ־מיד, ס׳ערשטע אַף עטלעכע שאָ גיין צום יאַם, און דערנאָך, נאָכן אָנבײַסן, ביז שפּעט אין אָוונט, זיצן באַם טיש און אַרבעטן.

נאָר אַ טשיקאַווע זאַך: פאַרטאָג האָט מיך עמעצער ווידער געטאָרעט, געוועקט, געטשי־קעט מיר גלײַך אין די אויערן אַרײַן:

— טשיק... טשיק... טשיק, טשיק, טשיק...

כ׳האָב זיך שוין בעפּיירעש אַ ביסל דער־שראָקן אויך. געשיקט זיך, אַז אין איינע דרײַ טעג איז מיר דאָס דאָזיקע קלאַפּן פון דער שרײַבמאַשינקע אַזוי טיף אַרײַן אין די ביינער, אַז איך הער עס שוין איצטער סײַוויסײַ, כאָטש קיין שום מאַשינקע קלאַפּט ניט מער? כ׳בין אַראָפּגעשפּרונגען פונעם געלעגער, לאַנג גע־וואַשן זיך מיט קאַלטער וואַסער און, ווישנדיק זיך, קלאָר געהערט:

— טשיק, טשיק, טשיק... טשיק, טשיק...

כ׳בין צו צום פענצטער, געמאַכט אַ פּאָר גימ־נאַסטישע באַוועגונגען, אַרויסגעבויגן זיך אין דרויסן אָנצוטעמען זיך מיט פאַרטאָגיקער קיל־קײַט, און... האָב זיך אַזוי צעלאַכט, וואָס הייסט צעלאַכט, עפּשער פינף מינוט אַפּן זייגער: די שרײַבמאַשינקע האָט געקלאַפּט ערגעץ אויבן, אַפּן הויכן קיפּאַריסן־בוים לעבן פענצטער.

„אַ שיינע זאַך, — האָב איך אַ טראַכט גע־טאָן, — די פייגעלעך אין אונדזער שרײַבער־הויז האָבן אָנגעהויבן טשיריקען מיטן זעלבן קלאַנג, אין זעלבן טאַקט, ווי די שרײַבמאַשינ־קעס...“

כ'האָב א זוך געטאָן מיט די אויגן צווישן די צווײַגן און אויבן אַף א דין צווײַגעלע דערזען צוויי פֿייגעלעך. זיי האָבן מיט די רויטינקע פיסלעך זייערע געהאלטן דאָס צווײַגעלע ארומגענומען, האָבן א בייג געטאָן די קעפּלעך אין איין זײַט, א בייג געטאָן אין דער אנדערער זײַט, אראָפּגעקוקט צו מיר מיט אזעלכע פרייילעכע אייגעלעך און האָבן מיט די פּיצינקע שנעבעלעך זייערע געצוויטשערט, טשיריקעט.

— היי, נארישע פייגעלעך! — האָב איך א זאָג געטאָן. — וואָס האָט איר מיך איבערגעשראָקן?..

— טשיק, טשיק... מיר האָבן דיך ניט איבערגעשראָקן... מיר וועקן דיך שוין אזוי דרײַ טעג... טשיק, טשיק, טשיק... פּע, פּעפּער!.. ווי פארשלאָפט מען אזעלכע יאלטער פרימאָרגנס?.. אזעלכע זון־אופגאנגען?.. טשיק... טשיק... טשיק, טשיק...

— איך... איך ארבעט באטאָג... אפדערנאכט... — האָב איך מיך פאר די דאָזיקע מאָדנע פייגעלעך פארענטפערט.

— טשיק, טשיק... בא דיר איז קאפּויער... ארבעטן ארבעט מען אָנהייב טאָג, ניט סאָף טאָג!..

— נו, און דער יאם, וואָס וועט זאָגן דער יאם?

— טשיק, טשיק... דער יאם האָט ליב, אז מע קומט צו אים נאָך דער ארבעט, ניט פאר דער ארבעט!.. טשיק... טשיק, טשיק...

— ס'איז מיר שווער, פארטאָג איז מיר שווער!

— וועקן מיר דיך! וועקן מיר דיך! טשיק, טשיק.

די דאָזיקע אויסטערלישע פייגעלעך, וואָס האָבן מיך געוועקט מיטן קלאַפּ פון א שרײַבמאשינקע און גערעדט צו מיר מיט א מענטשלעכן לאָשן, האָבן א פּאטש געטאָן מיט די פליגעלעך און זײַנען אוועקגעפלויגן.

און וואָס מיינט איר? — כ'בין צוגעגאנגען צום טיש, אוועקגעזעצט זיך, און ס'האָט זיך אין יענעם פארטאָג גראדע גאָרניט שלעכט געשריבן.

אין יענעם פארטאָג און דערנאָך אין א סאך אנדערע פארטאָגן.

אָט דערצייל איך איצט די דאָזיקע פּאסירונג אויך אין אזא־אָ צײַט. אפן טיש לעבן מיר ליגט דאָס זייגערל. דאָס גרויסע ווײַזערל שטייט גלײַך אַף דער צוועלף און דאָס קליינע ווײַזערל גלײַך אַף דער זעקס.

קלוגע פייגעלעך, קלוגע. די גרעסטע האנאָע צו באָדן זיך אין יאם איז ניט פאר אן ארבעט, נאָר נאָך אן ארבעט...

גראַפּאָמאַנען

וואָס האָבן מיר נעבעך געהאט צו זיי? מיר — פּאָטן מיט ליולקעס אין די מײַלער, בא די קאפע־טישלעך.

פארוואָס האָבן מיר זיי פארצאפּט אזויפיל בלוט? אזוי מעוואיעש געווען?

אלצדינג האָבן מיר פארשטאנען און מויכל געווען, אלע מאניעס: גנייווע, שיקרעס, זנוס. נאָר זיי, נעבעך, האָבן געהאט איין מאניע — שרײַבן לידער. און דאָס האָבן מיר ניט געקענט מויכל זײַן.

קימאט אין יעדן שטעטל איז געווען א יינגל אזא, וואָס איז טאָמיד אומגעגאן מיט א ביכל אונטער דעם אָרעם, האָט גערעדט קײַלעכדיקע רייד, ווי ארויסגעלייענטע, ציטירט דיכטער און דעקלאמירט אייגענע שאפונגען.

איז וואָס, אז דאָס ייִנגל האָט זיך פארלאָזט א בלייך פּאָנעם און לאנגע האָר?

איז וואָס, אז דאָס ייִנגל האָט פארוואָרפן די רעדאקציעס מיט שירים?

מיט וויפל ליבשאפט, לײַדנשאפט און דערעכערעץ האָבן זיי זיך געצויגן צו אונדז — געדרוקטע!

ווו זײַנען זיי? גיט זיי אהער!

כ'ווייס ניט, צי יעדן איינעם פון זיי באזונדער קומט עפּעס, נאָר זיי אלע אינאיינעם קומט א שטיקל דענקמאָל.

יונגע פארליבטע

אין קאָקטעבעלער שרײַבער־הויז איז מיר ארײַנגעפאלן דאָס שטילסטע ווינקל.

א גרויס לופטיק צימער. א פארוואקסענע ווערענדע. א ביימער־געדיכטעניש ארום די פענצטער. איבער דער סטעזשקע צום צימער — צונויפגעפלאָכטענע צווײַגן. באטאָג — טונקעלע שאָטנס. פארנאכט — קילקײַט. א בארויִקנדיקע פישטשערײַ פון א גריל. א פייגעלע דאוונט ערגעץ מײַרעוו אַף א שפּיץ בוים. בלעטער־שורשערײַ. גראָז־רייכעס. ווײַט אנטקעגן, צווישן די צווײַגן — א שטיק יאם. העכער די ביימער — א שפּיץ בארג. קיין איין זײַטיקער אופרעגנדיקער שאָרך ניט ארום מיר, קיין מינדסטער ביייזער ראש ניט.

הייליקע „שעפערישע“ שטילקייט.

כ'וועל זיצן אין דער שטיל און ארבעטן. ביז נאָך האלבער נאכט. ביז פארטאָג.

נאָר אין דעם דאָזיקן שטילסטן פארוואקסנסטן ווינקל דערהער איך מיטאמאָל צווישן די ביי־מער א שטילע שעפטשעריי פון יונגע פארליב־טע.

און דאָס איז דער שטארקסטער ראַש אין דער וועלט.

ער לאָזט ניט ארבעטן. לאָזט ניט שלאָפן. לאָזט ניט רוען.

די איינס

נולן, — מענטשן מיינען, אז זיי, די נולן, באַ־שטימען די גרייס פון טאלאנט, — האָב איך פולע קעשענעס. ווו נעמט מען די איינס, וואָס זאָל פון די דאָזיקע הוילע, פוסטע, לעכעריקע נולן מאכן דעם מיליאָן?

מע רופט די דאָזיקע איינס הארעוואניע, שוויס. כ'מיין, אז ס'איז ניט אינגאנצן דאָס. כ'מיין, אז דאָס דאָזיקע קליינע פאסיקל מיטן עקעלע בא דער זייט, וואָס שטעלט זיך אוועק פאר די נולן, איז יענץ סאמע איקערדיקסטע „ביסעלע“, וואָס פעלט דעם טאלאנט, וואָס מאכט, דער טאלאנט זאָל זיין טאלאנט.

אָן דעם דאָזיקן פאסיקל וועסטו זיצן באַם טיש טויזנט טעג און עס וועלן אלץ בלייבן הוילע, פוסטע, לעכעריקע נולן.

לידער — קאַרשן

עס זיינען פאראן לידער, ענלעכע צו די עט־לעכע קארשן, די פארבליבענע ערגעץ העט־אויבן אפן שפיץ בוים.

ווייטע.

איבערגעצייטיקטע.

לאמדאָניש־פארקאָרטשעטע. הארטלעכע.

און מע דארף ערשט האָבן א הויכן לייטער צוצוקומען צו זיי.

און עס זיינען פאראן לידער — פולע פליי־שיקע קארשן, וואָס פאלן דיר פרישע פונעם בוים גלייך אין מויל אריין. עס טוט א פלאַץ דאָס דינע הייטעלע זייערס, און עס טוט א שפריץ געדיכטער טונקל־רויטער זאפט. זיי באַ־פארבן דיר די ליפן, פינטלען דיר אויס די באקן. נאָר זיי פארמאָגן אין זיך אלע רייכעס און אלע טיימים פון דער וועלט. שלינגסט זיי און פילסט די פראָסטקייט, די בערייִשעסדיקייט, דעם צאפל פון אָנהייב־זומער, פון קינדער־יאָרן, פון אומ־לויפן צום ערשטן מאָל אף דער וועלט באָרוועס, פון ערשטער האנאָע אין די ערשטע טעג פון דיין אָנהייב לעבן.

ניט געוואָרענע

ס'איז שטארק ניט גוט, הערט איר, ווען א מענטש, וואָס האָט אמאָל געוואָלט שרייבן לי־דער, איז שפעטער געוואָרן, לאָמיר זאָגן, א בוכהאלטער.

ס'וואָלט עפשער געווען ארויס פון אים א שטילער לייטישער מענטש, האָט ער אָבער אמאָל, אין דער יוגנט, געוואָלט שרייבן לידער.

אוי, דער גורל, דער גורל!

ער האָט גענומען און געמאכט פון אים א קליינטשיק באל־קינעלע, אָן אָנגעדראָדלטס אף דער גאנצער וועלט, א בייכלדיק באלעבעסל, אָן אוועקמאכער פון אלצדינג מיט דער האנט, א ראָשע־מערושע, א קאָל־מום־רא, נעבעך.

יעדער לייענט ווי ער לייענט

דאָס איז ניט געווען קיין עקספערימענט. ס'האָט זיך גראדע אזוי געפירט.

איך און איינער א קאָלעגע מיינער האָבן מיר א פאָר יאָר געלייענט די זעלבע ביכער. מיר האָבן זיך קעסיידער געביטן: דאָס בוך, וואָס איך האָב איבערגעלייענט, האָב איך אים געגעבן, און דאָס בוך, וואָס ער האָט איבערגע־לייענט, האָט ער מיר געגעבן.

וואָס זשע איז דערפון געוואָרן?

גאָרניט.

איך בין געבליבן איך, און ער איז געבליבן ער.

מײַן לעבנס־געשיכטע גאָר־גאָר בעקיצער

איבערשרײַבן דאָ נאָכאַמאָל די דערציילונגען מײַנע „א קאפּיטל ראשקעוו", „שאָלעם כּאנאַכעס", „יעכיעל דעם פּעטער שעפּסלס" און אַלע איבעריקע „ראשקעווער מײַסעס" האָט, דאכט זיך, קיין זין ניט. זיי וועלן זיך, ערשטנס, באקומען א קאפּעלע אנדערש; צווייטנס — צוליב וואָס נאָכאַמאָל דערציילן דאָס, וואָס מ'האָט שוין איין מאָל דערציילט? נאָר לאָמיך זיך כאָטש פּארופן אָף זיי, דערמאָנען זיי, זאָגן, אז אויב איך קלײַב זיך דאָ אָנצייכענען שטריכן צו דער אייגענער לעבנס־געשיכטע, האָבן שוין די דאָזיקע דערציילונגען א שטיק ארבעט אָפּגעטאָן פאר מיר. און געטאָן דאָס א סאך בעסער, ווי איך וואָלט דאָס איצט בעקויעך געווען צו טאָן.

ביכלאל טראכט איך, אז א שרײַבער, ווען מע בעט אוועקזעצן זיך אָנשרײַבן זײַן לעבנס־געשיכטע און ער קען ניט ענטפערן: כ'טו עס די גאנצע צײַט, לייענט, לייענט מײַנע זאכן! — ווייס איך ניט, צי לוינט גאָר בעטן אזא שרײַבער טאָן דאָס, וואָס ער האָט א גאנץ לעבן זיך אָפּגעזאָגט טאָן. און נאָך מער: צי איז גאָר אזא שרײַבער ביכלאל אָף דער וועלט פאראן?

כ'וועל זיך באמיִען אָנצייכענען די קימאט זעקס צענדליק אָפּגעלעבטע יאָרן מײַנע זייער־זייער לאקאָניש, קארג, אפילע סכעמאטיש, און וועל, מינאסטאם, פארשטייט זיך, דעם סאמע איקער ארויסלאָזן. מאכמעס, ווען עס טוט א ברי עפּעס גאָר א שטארקער איקער, לייגט מען עס אָפּ אָף דעמלט, ווען עס וועט אונטערקומען די גרויסע רײַפקײַט און לויטערקײַט. אזוי לייגט זיך עס אָפּ פון איין מאָל אָפּן אנדערן. אזוי איז עס, ליידער, פאָרגעקומען בא מיר קימאט א גאנץ לעבן. וועל איך עס דען קענען אויסמײַדן איצט, ווען איך וויל דאָס דאָזיקע גאנצע לעבן ארײַנפּרעסן אין אָרעמע עטלעכע זײַטלעך?

כ'וועל אָנהייבן מיט די צוויי־דרײַ בעצימצעדיקע שורעס, וועלכע האָבן אָנגעמאָלט מײַן ביִאָגראפיע אין ערשטן נומער „סאָוועטיש היימלאנד", וואָס האָט זיך געעפנט מיט מײַנעם א ציקל „מיניאטורן", און וועלכע זײַנען איבערגעכאזערט געוואָרן בא אנדערע געלעגנהייטן, אין אנדערע קאָלעקטיווע זאמלביכער, ווו עס זײַנען ארײַנגענומען געוואָרן מײַנע זאכן:

„געבוירן געוואָרן אין 1913 (12־טער מארט. פּורים.) אין שטעטל וואדראשקעוו. (בעסאראביע. אָפּן ברעג פונעם דניעסטער.) געארבעט אלס דאָרפס־לערער. אָנגעהויבן זיך דרוקן אין 1936. וווינט אין קעשענעוו".

„געארבעט" אלס העברעיִשער לערער אין א דאָרף האָב איך ניט מער ווי א פּאָר זמאנים. כ'בין דעמלט אינגאנצן אלט געווען ארום פופצן יאָר. ביז דעמלט האָב איך שוין א צוויי יאָר געהאט געארבעט זייגערמאכערײַ. צוויי יאָמים־נויראָיִמס געווען א מעשוירערל בא א כאזן אין שכײַנעסדיקן שטעטל קאפּרעשט, און האָב מיט די צוויי טויזנט ליי, וואָס כ'האָב באקומען פאר מײַן אלטל, אראָפּגענומען א צוויי פוד זאָרג פון מײַן טאטנס קאָפּ — א שטוב מיט קינדער, ס'גייט אזא ביטערער ווינטער. כ'האָב דערנאָך, אין טשערנאָוויץ, ווו כ'האָב געלערנט אין א לערער־סעמינאר, געגעבן „פּריוואטע שטונדן", צוגעארבעט אין א וועב־פאבריקל. ווען מ'האָט מיך ביזן פּראָצעס ארויסגעלאָזט פון דער טפיסע, ווו מ'האָט אין טשערנאָוויץ מיך אײַנגעזעצט פאר אונטערערדישער קאָמסאָמאָלישער ארבעט, האָט מיר די „באוועגונג" געהייסן אוועק קיין יאס, צום פּראָצעס ניט יאווען זיך, און כ'האָב קימאט א גאנצן זומער געארבעט אין א גרויסן פריצישן ווײַנגאָרטן ערגעץ הינטער יאס; געשלאָפן מיט נאָך א ראשקעווער ייִנגל אָפּן פאָרעצס אָן אלטן צעבראָכענעם פאעטאָן, וואָס איז געשטאנען ערגעץ אין א כארעווער שטאל; געשלאָפן זיצנדיק, פארן אוועקזעצן זיך שלאָפן פריִער געמוזט פארקוועטשן מיט די הענט די פארזשאווערטע שטיקער פּרוזשינעס, וואָס האָבן ארויסגעסטארטשעט פונעם צעריסענעם פאעטאָן־געזעס; א גאנצן טאָג גערייניקט, געשפּריצט, ארומגעגראָבן די ווײַנשטאָקן, און, אײַנײַנעם מיט די איבעריקע העכער הונדערט באטראקעס, אלץ געדרייט דעם קאָפּ צו דער סטעזשקע אָפּן בערגל, דורכוואנען מ'האָט אונדז צוויי מאָל אין טאָג געבראכט צו טראָגן די הייסע מאמעליגע. געטראָגן די מאמעליגע האָבן צוויי מענטשן אָף א טארגע, ווי מע טראָגט, להאוודל, א בארמינען אָף א מיטע. זי איז געלעגן, די מאמעליגע, אָף דער טארגע מעגורשעמדיק־צעפלאָסן, איז געווען שווארצלעך און ביטערלעך, האָט געקריצט צווישן די ציין, זיך געקלעפּט צו די פינגער ווי קליי, נאָר האָט געהאט אלע טײַמים פון דער וועלט, און מיר האָבן געוואָרט אָף דער דאָזיקער מיטע־מאמעליגע, ווי מע וואָרט אָף מאָשיִעכן. כ'בין שפּעטער, אין בוקארעשט, קימאט גאנצע צען יאָר געווען א סופליאָר אין ייִדישן טעאטער. ניט אין קיין שטענדיקן ייִדישן טעאטער, — אזעלכס איז אין בוקארעשט ניט געווען, — אין פארשיידענע צונויפגעשטעלטע סעזאָן־טרופּעס, צו־

נויפגעשטעלטע מערסטנס דורך אראָפּגעקומענע גאַסטראָליאָרן, מערסטנס אין די זומער־סעזאָנען, אין טעאַטער־גאָרטנס. אויך אין טרופּעס פון הוילע היגע בוקאַרעשטער אַקטיאָרלעך, וואָס האָבן זיך נעבעך אָפּט געמוטשט מאַכן בענעפיסן, ארומגיין און פאַרטיילן בילעטן אַף אויסצוצאָלן, אָדער אָפּשפּילן א גאַנצן זומער ערגעץ אין א הינטערגאַס־גערטנדל יעדן טאָג אַן אנדער „שטיק", פאַרלאָזן זיך אינגאַנצן אַפן סופליאָר, שפּילן אַלץ אין דער וועלט: אי דעם „דיבעק", אי „עקיידעס יִיצכאָק", אי „געלט, ליבע און שאַנדע", — וועגן די דאָזיקע סופליאָריאָרן איז דאָ צו דערציילן און דערציילן. ווינטער, ווען סופליאָרערײַ איז ניט געווען קעסיידער, פלעג איך אַמאָל צוארבעטן אין א פּאַבריקל פון „מאַשקריטשונען" (דיעד־מאָראָזן — פראָסט־זיידעס). דאָס איז אויך געווען א מין סעזאָן־ארבעט — א כוידעש אָנדרעהאַלבן ערעוו נײַ־יאָר. כ'פלעג שטיין אין א פאַרטעך, מיט א דין פּענדזל אין דער האַנט, און מאַכן בא די מאַשקריטשונעס די אויגן. א טריף א טראָפּן פאַרב, א שמיר מיטן פּענדזל אַהער, א שמיר אַהין, און די דאָזיקע גיפּסענע פראָסט־זיידעס מיט די ראָזעווע אויסגעגלעטע בעקלעך, דערווײַל נאָך אָן די וואַטאָווע בערד זייערע און אָן די רויטע לאַנגע פּעלצן, ארומגערעמלטע אונטן קלאָמפּערשט מיט ווײַסן פּוטער, דערווײַל נאָך, הייסט עס, נאַקעטע, הייבן אָן שמייכלען צו דיר מיט אזא כיטרעוואַטע זיס גליק־שמייכעלע אין די אויגן. כ'בין שוין דעמלט געווען א כאַסענעגעהאַטער. כ'האָב זיך שוין געהאַט אָנגעהויבן דרוקן. כ'בין שוין אינגאַנצן געווען אײַנגעטונקען אין הימל־זאַכן און אין וועלט־זאַכן. נאָר פאַר די דאָזיקע אויגן האָט מען געצאָלט א ליי א פּאָר. און וואָלט כאָטש דאָס דאָזיקע פאַרדינסטל געווען א שטענדיקס. האָב איך ערשט גענאָסן דערפון פונקט ווי א שאַלעכמאָנעס־טרעגער — אַמאָל אין א פּורים. מילכאָמע־צײַט האָב איך געארבעט אין אַן אוזבעקישן קאָלווירט. געווען א מין בריגאַדיר איבער א בריגאַדע עוואַקויִרטע יידענעס. געבראַכט אַלע גאַנצפרי אין פעלד אַף אן אייזל צוויי סאַקוועס פרישע אוזבעקישע לעפּיאָשקעס. די ווײַבער האָבן די פלעצלעך געגעסן מיט א גרינער ציבעלע, פאַרטרונקען מיט א פּיאַלע זויער־מילך, און איך האָב זיי פאַרגעלייענט פון דער „פּראַוודאַ" די לעצטע פראָנט־נײַעס, געשריבן זיי די אַדרעסן אַף די בריוו צו די מאַנען און די זינען. כ'האָב אכטונג געגעבן, די ווײַבער זאָלן האָבן וואָס מערער ארבעטסטעג, און האָב אכטונג געגעבן, דער קאָלווירט זאָל זיי אַף יעדן ארבעטסטאָג ארויסגעבן וואָס מערער מעל. כ'האָב אכטונג געגעבן, זיי זאָלן דעם קאָלווירט ניט אָפּנאַרן און דער קאָלווירט זאָל זיי ניט אָפּנאַרן. אָפּנאַרערײַ האָב איך פון קליינערהייט אָן געהאַלטן פאַר דער גרעסטער אווירע. מילכאָמע־צײַט האָט די מינדסטע אָפּנאַרעכץ אויסגעזען ווי א פאַרברעכן, ווי א גזיילע. די דאָזיקע ארבעט מײַנע אין קאָלווירט צווישן די עוואַקויִרטע ווײַבער האָט מיך באַלוינט מיט מײַנע „דרײַ זומערס". נאָך דער מילכאָמע, שוין דאָ אין קעשענעוו, האָב איך א צײַט געארבעט אַלס אָרגאַניזאַטאָר פון לעקציעס. כ'בין ארומגעלאָפן מיט אַן אָפּגעריבן פאַרטפעלעכל אונטערן אָרעם פון אונטערנעמונג צו אונטערנעמונג, פון אינסטיטוציע צו אינסטיטוציע און פאַרגעלייגט די־און־די לעקציע. כ'פלעג אָרגאַניזירן אריבער הונדערט לעקציעס א כוידעש. ס'האָט מיך ניט אָפּגעהאַלטן ניט קיין ווינט און ניט קיין רעגן. כ'בין געפלויגן גאַס־אײַן, גאַס־אויס, און מײַנע פיס האָבן געשלונגען אונטער זיך קילאָמעטערן. פאַר די אויגן איז מיר אָן אופהער געשטאַנען א נעפּל. דאָס פּאָנעם איז מיר געווען אָפּגעצויגן, פאַרביינערט, פאַרטרויערט. כ'האָב געטראַכט, אז מיט די דאָזיקע איבער הונדערט לעקציעס קויף איך מיר אײַן רעכט צו לעבן, קויף איך מיר אויס אַלע מײַנע זינד — אַלע, אַלע מײַנע זינד, וואָס איך בין קיינמאָל ניט באַגאַנגען.

כ'האָב מערער א ביסל באַשריבן, ווו כ'האָב געארבעט, איבער צוויי זאַכן: ערשטנס — וואָס־וואָס, נאָר קיין ארבעט טאָר מען פון קיין ביאָגראַפיע ניט ארויסוואַרפן; צווייטנס, איז די רעשימע מײַנע ניט אזא לאַנגע, כ'זאָל זיך קאָנען פאַרגינען זי פאַרקירצן.

מײַן טאַטע איז געווען א ייִד מיט א פּאָר שוואַרצע טרויעריקע אויגן. מיר דאַכט זיך, אז אַזעלכע טיפע, קלוגע, אָרנטלעכע, גוטע, שיינע שוואַרצע אויגן האָב איך מער בא קיינעם ניט געזען. ער איז געווען א ייִד א כאַכעם, און יענע, וועלכע זײַנען ארום אים טאָמיד אָנגעגאַנגען פאַר כאַכאָמים, האָבן וועגן אים געוויס געטראַכט, אז ער איז א ייִד א נאַר.

ער איז אייביק געווען פאַרפּלאָנטערט אין גרויסע וואָכעדיקע זאָרגן, ביזן סאָף פון זײַן לעבן ניט געקענט אויספּלאָנטערן זיך פון זיי. נאָר צווישן די שווערע זיפצן, וואָס ער פלעג אייביק ארויסברענגען פון זײַנע טיפענישן: ווו נעמט מען די קינדער ברויט? ווי שטוקעווועט מען אויס אַף דער וואָך דאָס לעבן? — זײַנען שטענדיק אויך געווען זיפצן פון אַן אנדער סאָרט: וויאַזוי גלײַכט מען א קאַפּעלע אויס די קרומע וועלט? ווי ברענגט מען אראָפּ די בנייאָדעמס א ברעקעלע יוישער?..

ער פלעג זיצן א פאַרקוילטער און פאַרפאַליעטער באַם פלאַמענדיקן אויוון, דעם קאָפּ ארײַנגערוקט אין פּריפּעטשיק, מיט די הענט אַף דער קאָטשערע שאַרן די קערלעך, וואָס

פּראַזשען זיך קעגן פּלאַם אין בעקן, און פּלעג אויסזינגען, אויסזיפצן, אויסוויינען, אַז „קומען וועט, צי פרי, צי שפּעט, די צײַט, ס׳איז ניט קיין כאָלעם”. עס פלעגט זיך אים, גלייבט מיר, ווייניק וואָס זינגען. נאָר די דאָזיקע ניגונים, וואָס זײַנען קיין ראַשקעוו אָנגעקומען ערגעץ מיט דער לופט, האָבן זיך צוגעקלעפּט צו אים, האָבן אַרויסגעזונגען, אַרויסגעקרעכצט פון אים.

ער האָט שטילערהייט קיינמאָל ניט געגלייבט אין גאָט און האָט שטילערהייט ליב געהאַט צו גיין שאַבעס און יאָמטעוו אין שול אַרײַן, און איין מאָל אין יאָר, אַ טאָג פאַר פּייסעך, ווען ס׳איז דעם זיידן יעכיעל־אַווראָמס יאָרצײַט, אַפילע אַוועקשטעלן זיך פאַרן אָמעד.

אין די דריבנע אויסיעס איז ער געווען באָקי, נאָר מ׳האָט דאָס קיינמאָל ניט געזען אויף אים. ער האָט קיינמאָל ניט געשיט מיט קיין פּסוקים. ער האָט ליב געהאַט אַרויסצוזאָגן אַ געדאַנק, וואָס ער האָט אים אין ערגעץ ניט אויסגעלערנט, בײַ קיינעם ניט געהערט, — אַ געדאַנק, וואָס איז געווען נאָר זײַנער. קיין ביכלעך האָב איך אים ניט געזען לייענען. נאָר אַז איך פלעג אים אַמאָל איבערדערציילן פּערעצעס אַ מײַסע, פלעג ער צושאָקלען מיטן קאָפּ מיט אַזאַ שאָקלעניש, ווי ער וואָלט די דאָזיקע מײַסע געהערט איצט ניט צום ערשטן מאָל. און דעם נאָמען גאָרקי, געדענק איך, האָט ער ניט, ווי טעוויע בײַ כאַווען, צום ערשטן מאָל געהערט בײַ מיר, נאָר פאַרקערט: איך בײַ אים, — אײַ, גאָרקי! אײַ, אַ מענטש!

דער שענסטער מענטש אין דער וועלט איז בײַ אים געווען אַ יעגיע־קאַפּאַימניק — אַן אַרבעטאָרער. דאָס איז געווען דאָס איינציקע ביסל קאָוועד, וואָס ער האָט געזוכט אין זײַן לעבן: שטיין אָנגעטאָן אין אַ בלאָוון פאַרטעך בײַ אַ סטאַנאָק און הייסן אַן עמעסער אַרבעטער. פון דעם דאָזיקן עלעקטרישן סטאַנאָק, וואָס האָט געהובלעוועט ברעטער פאַר שול־בענק, איז ער אַוועק אויף פּענסיע און האָט שטילערהייט, טיף אין זיך, אי געגרויסט זיך דערמיט, אי געווען גליקלעך דערפון.

די גרעסטע פרייד זײַנע איז געווען, וואָס ער האָט כאָטש אויף דער עלטער דערלעבט צו ווערן אַ בירגער פון דעם דאָזיקן גרויסן לאַנד, וווּ עס איז פאָרגעקומען די רעוואָליוציע, וווּ דאָס וואָרט אַרבעטס־מענטש ווערט אַרויסגעשטעלט מיט שטאָלצקײַט און אָפּשײַ. און כאָטש די שוועסטערלעך מײַנע האָבן נאָך געטראָגן העמדער פון מאַרליע און אַרום־און־אַרום איז נאָך די מאַראָכע ניט געווען אַזוי גלענצנדיק, האָט ער ניט געקאָנט אויסהערן קיין קרום וואָרט און איז געשטאָרבן מיט אַ גרויסער ליבשאַפט און מיט אַ גרויסן ביטאָכן אין האַרצן.

כ׳ווייס ניט, וואָס עס האָבן געזאָגט דערויף יענע, וועלכע זײַנען אַרום אים טאָמיד אָנגעגאַנגען פאַר כאַכאָמים. נאָר איך זאָג, אַז די דאָזיקע יערושע מײַן טאַטנס וועל איך היילִיקהאַלטן ביז אין מײַן לעצטן אָטעם.

מײַן מאַמע. קעגן איר האָב איך יונגערהייט אַ ביסל געזינדיקט. כ׳בין ניט געווען קיין מייוון אויף אירע קלאָלעס, אויף איר אָפּשפּעטן פון דער וועלט, אויף איר וועלן גיין אין די הויזן, אויף איר צופּיל קינדלען, אָפּן פאַרלירן, נאָך אַ שווערער קימפּעט, אַלע ציין פונעם מויל, און דערנאָך שוין, דאָס גאַנצע לעבן אַירס, ביז הײַנט, קײַען ברויט מיט די הוילע יאַסלעס — קיין פּרעמדע ציין בעשום־אויפן ניט קענען אָנטאָן... כ׳בין ניט געווען קיין מייוון אויף איר נאַטירלעכקײַט, אויף איר אָפנהאַרציקײַט, אויף איר איבערגעטריבענער געטרײַקײַט, אויף איר אייביקער לעבנס־לוסטיקײַט, אויף איר פאָלקסקלוגשאַפט, אויף איר אַשירעסדיקן, בילדערישן, סאַמאַראָדנעם, אַ ביסל אַפילע גראָבלעכן לאָשן.

הײַנט קאָן קיין טאָג ניט איבערגיין, כ׳זאָל ניט אַראָפּקומען זיצן אַ ביסל מיט איר און שמועסן. כ׳זעץ זיך אַוועק לעבן איר מיט דער זעלבער זשעדנעקײַט, ווי איך זעץ זיך אַוועק לייענען אַ גוט ביכל. כ׳פאַרשרײַב אַמאָל ווערטער. וויפל איך שעפּ און שעפּ, שעפּט זיך דער קוואַל ניט אויס.

אין אונדזער מישפּאָכע זײַנען געווען אַ סאַך פּעטערס און מומעס, אָן אַ שיר קרויווים און קרויוועטעס, זײַנען נאָך דאָ ברידער, שוועסטער, שוועגערנס, שוואָגערס, שוועסטערקינדער, פּלעמעניקעס און פּלעמעניצעס. אַרבעטער, צעכנאַטשאַלניקעס, מעדשוועסטער, אינזשעניערן, סטודענטן.

אין ראַשקעוו האָט מען אונדזער מישפּאָכע גערופן „די בניי־סאָפרים”. מיר איינעם איז באַשערט געווען איבערצונעמען, מינאַסטאַם בײַ אַן עלטער־עלטער־זיידן, דעם דאָזיקן שווערן זעלטענעם אָל.

פאַרוואָס האָב איך אָנגעהויבן שרײַבן?

אַזאַ האַרבע קאַשע פאַרגיבן אָפט לייענער דעם שרײַבער. איך ענטפער אַלעמאָל אַנדערש. מאַכמעס, אַז איך פרעג זיך אַליין די דאָזיקע שײַלע, קען איך זי מיר פּינקטלעך ניט פּויסער זײַן. קיין לעבעדיקער שרײַבער, וועמען איך זאָל וועלן, לאָמיר זאָגן, נאָכטאָן, איז בײַ אונדז אין שטעטל ניט געווען. כ׳האָב זיך ביכלאַל אין יענער צײַט ניט פאָרגעשטעלט, אַז אַזעלכס קאָן געמאָלט זײַן. אַז יענע, וועלכע האָבן פאַרפאַסט די ביכער, וואָס כ׳האָב בײַ אַכט יאָר אָנגעהויבן לייענען, קענען זײַן לעבעדיקע מענטשן, טראָגן, ווי יעדער איינער טראָגט, הויזן, טאָן זיך אַ שנײַץ די נאָז, פאַרמאָגן לעבעדיקע טאַטע־מאַמע, צי אַ לעבעדיק ווײַב מיט קינדער. כ׳האָב

געהאַט פאַר זיך ביכער, ספאָרים. און מינאַסטאַם אפילע ניט געטראַכט, אז עמעצער האָט זיי פאַרפאַסט. גיכער זײַנען זיי אונדז געגעבן געוואָרן, ווי עס זײַנען אונדז געגעבן געוואָרן די אסיירעס־האַדיבערעס. די, וועלכע האָבן זיי „אַראָפּגעבראַכט", האָב איך געזען פּונקט אזוי ניט־דאָיִק, ווײַט־כּומעשדיק, מיט אזעלכע צעשטראַלטע הערנער־שטראַלן אפן קאָפּ, ווי כ'האָב טאַקע דעמלט געזען מוישען. אַלקאַלפּאָנעם, האָב איך מיר שרײַבער פאָרגעשטעלט הוילע הייליקײַט, רוכניִעסדיקײַט, ניט־איצטערדיקײַט, ווי כ'האָב מיר, לעמאָשל, פאָרגעשטעלט די אָוועס, די נעוויִים, וואָס כ'האָב ערשט ניט לאַנג אײַנגעזאַפּט אין זיך אין כיידער. כ'האָב אָנגעהויבן שרײַבן, ווען כ'בין נאָך געווען גאָר א קליין ייִנגל. און נאָך דערצו א ראַשקעווער קליין ייִנגל...

פאַרוואָס זשע האָב איך פאָרט אָנגעהויבן שרײַבן?

אפאָנעם, אָן א שום פאַרוואָס. ס'האָט זיך פּלוצעם אָנגעהויבן אויסגיסן דורך דער פּען אף פּערטלעך פּאַפּיר פרייד, צאָרן, היסלײַוועס, באַאוולטקײַט, אומרו, ווי עס טוט זיך א גיס אויס א הירזשען באַם לאָשעקל, ווען עס שפּרינגט אום אף דער לאָנקע מיט געפּענטעטע פיס, אָדער ווי עס צעמערוקעט זיך א קעלבל, ווען מע לאָזט עס צום ערשטן מאָל ארויס אין פרײַען צעגרינטן דרויסן, און עס בוצקעט דער מאַמעס אויסגעמאָלקענעם אײַטער.

דאָס זײַנען געווען שטיקלעך פּראָזע, געגראַמטע שורעס, בייזע און מילדע מאָנאָלאָגן, דיִאַלאָגן, זאַכן אָן סאָפן און אָן אָנהייבן, אפילע אָן נעמען.

שפּעטער האָב איך דאָס געשריבטס מײַנס פּאַוואָליע אָנגעהויבן פאַרגאַנצן, עס באַטיטלען. לעמאָשל: „מײַן כאַווערס טויט", „וועלף", „בעסאַראַבער באָרוועס", „ערדס געבורט". דעם ראַשקעווער שוואַרץ־אויגיקן, פאַרגרינט־און־פאַרגעלטן, קליינשטעטלדיקן ייִנגל האָבן אָנגעהויבן מוטשען וועלט־אוולעס, ער האָט זיך אָנגעהויבן מישן אין סיידער פון דער וועלט. אף מײַן הייזעריק־אָנגעדרינדזשעטן באַריטאָנדל, וואָס כ'האָב אָנגעהויבן באַקומען אפן אָרט פון „שיינעם" אַלט, האָב איך אין א באַלאַדע, געדענק איך, „נעקאָמע" אָנגעשריגן אפן רײַכסטן צווישן די רײַכסטע, שולדיקסטן צווישן די שולדיקסטע, דעם סאַמע גאָר־גאָר:

שטיי, דו, מענטשנפרעסער.
האַלט, דו, בלוטזויגער.
גענוג שוין רעגירט האָסטו מיט דער
וועלט...

אין א לידל צום זינגען, וואָס כ'האָב דעמלט „פאַרפאַסט" אפן ניגן פון „דירע־געלט", האָב איך, געדענק איך, אָנגענומען זיך די קריוודע פון א שוך־פּוצער, כאָטש ראַשקעוו האָט קיין שוך־פּוצער קיינמאָל פאַר די אויגן ניט געזען. די אוולע, וואָס געשעט אין דעם דאָזיקן לידל, איז, אפאָנעם, געווען א היימישע אוולע. כאָטש כ'האָב זי אונטערגעטראָגן זייער נאָיִוו און פריי־מיטיוו, האָט זי אוילעם באַלד דערקענט. ס'האָט געברענט און געבראָטן, וואָס ערגעץ דאָרט, אין די גרויסע שטעט, זיצט דער דאָזיקער שוך־פּוצער פּונקט אזוי פאַרשמאַכט, „פּוצט און פּוצט שיכעלעך גאַנץ נײַע",

און איך אַליין גאָר באָרוועס זיץ —
איך, דער פּוצער שטײַע...

די ערשטע ליטעראַרישע פרווון מײַנע, וועלכע כ'האָב דעמלט, ווי געוויינלעך, געשריבן זייער גרינג און זייער א סאַך, האָב איך, פאַרשטייט זיך, קיינמאָל ניט אָפּגעדרוקט און פאַרמאָג זיי הײַנט ניט. ניט ווײַל כ'האָב זיי ערגעץ פאַרלוירן בא די פּאָר ניט־געוויינלעכע איבערפאָרעכצן מײַנע, ווען עס זײַנען מיר א סאַך זאַכן פאַרלוירן געגאַנגען, נאָר ווײַל כ'האָב זיי, ווײַזט אויס, אַליין פּאָשעט צעריסן, צי איבערגעלאָזט. דאָס איינציקע, וואָס איז מיר פון יענע ערשטע פרווון איבערגעבליבן און איך קען עס, איז טאַקע דאָס דאָזיקע זינג־לידל. מאַכמעס אוילעם האָט דאָס לידל אָנגעהויבן נאָכזינגען. ווען כ'בין שפּעטער געקומען קיין בוקאַרעשט, איז דאָס דאָזיקע לידל שוין לאַנג געווען דאָרט פאַר מיר. און ווען כעוורע, געדענק איך, פלעגן עס זינגען, פלעג איך מיטזינגען און שעמען זיך זאָגן, אז די ווערטער, וואָס מע זינגט, זײַנען מײַנע. כ'האָב מיך מיט זיי כאָלילע ניט געשעמט. כ'האָב פּאָשעט געטראַכט, אז איך וועל דערמיט אי עפּעס פאַרמינערן, אי אַליין כאָלילע ארויסברענגען אף זיך א שעם פון א ליגנער.

מיט איין וואָרט: כ'האָב אָנגעהויבן שרײַבן פּאָשעט דערפאַר, דאַכט זיך, ווײַל עס האָט זיך אָנגעהויבן שרײַבן. אָן שום כעזשבן. אָן שום אויסגערעכנטקײַט. אָן כאָלילע־ווּעכאַס דעם מינדסטן געדאַנק, אז פון דעם־אָ אָנהייבן שרײַבן וועט אמאָל ארויס א שרײַבער.

כ'האָב נאָך דעמלט, פאַרשטייט זיך, ניט געוווּסט, וואָס איך טו. כ'האָב נאָך לאַנג־לאַנג, עס זײַנען שוין דערשינען א סאַך זאַכן מײַנע, ניט געוווּסט, וואָס איך טו. ווייס איך שוין הײַנט גוט, וואָס איך טו? כ'מיין, אז יאָ. און מיין — אז כ'ווייס פּונקט ווי דאַן, ווען כ'האָב ניט געוווּסט, וואָס איך טו, און אויך געמיינט, אז איך ווייס, וואָס איך טו.

דאָס זאָג איך ניט צוליב ווערטער־שפּיל און ניט צוליב שיין־ווערטערײַ. דאָס זײַנען עמעסן מײַנע, צו וועלכע איך בין דערגאַנגען נאָך

לאנגע יאָרן אַרײַנטראַכטן זיך אין זיי. ביז אין דער לעצטער שורע, ווען פון דער האַנט וועט אַרויספאַלן די פּען, ביז אין דײַן „שטילער, שטילער, דאַנקען וויל ער...״ דאַרף זיך טראַכטן, אַז מע טוט ניט דאָס, וואָס מע דאַרף טאָן, — קעדיי קעסיידער ציִען זיך צו בעסערן, צו שלײַ־מעסדיקערן. און אין דער זעלבער צײַט דאַרף מען קעסיידער טראַכטן, אַז אַזוי ווי מע טוט, האָט נאָך קיינער ביז איצט ניט געטאָן, — קעדיי זיכער און דרייסט קענען רוקן זיך פאָרויס, רוקן זיך ניצאָכנדיק צו דער לעצטער שורע, ווען די פּען וועט אַרויספאַלן פון דער האַנט.

נאָר דאָס איז אַזוי זיך, פאַרבײַגייענדיק. די אַלע פּײַנען מײַנע, וואָס כ'האָב דורכגעליטן באַם שרײַבטיש, האָב איך אָף מײַן אויפן אַרויסגעזאָגט אין די פּאָר צענדליק „עסייען־מיניאַטורן״, וואָס כ'האָב אין פאַרשיידענע צײַטן אָפּגעדרוקט אין פאַרשיידענע צײַטשריפטן. כ'וועל זיך דאָ דעריבער אָף דעם לאַנג ניט אָפּשטעלן.

ביסלעכווײַז און פּאַמעלעך איז געוואָרן כאַראַקטער. דער וואָיסרויצעצו האָט זיך אָנגעהויבן גאָר־גאָר פרי. צווישן בענימעסדיקײַט און שקאָצישדיקײַט, ווילּיונגישקײַט און געזעצטקײַט. צווישן „שבת״ מיט אַ תיו און „שאַבעס״ מיט אַ סאַמעך. צווישן העברעיִש און אַנטי־העברעיִש. צווישן בלײַבן אין שטעטל און אַ ביסל צוהעלפן דעם טאַטן, אָדער אַוועק אין דער גרויסער וועלט און אַ ביסל צוהעלפן דער וועלט. צווישן כניפּעדיק אונטערהאַלטן שפּעטער פאַרפּוצטע „געניִאַלע״ אָץ־קויצעדיקײַט און הייסן אַ ווילער טאַלמיד, הייסן נאָרמאַלער „נאָכוווקס״, אָדער אָפּלייקענען די דאָזיקע אויפגעבלאָזענע לוי־אָמאַר־קלומעדיקײַט, גיין מיט אַן אייגענעם וועג און הייסן וואָס־אין־דער־קאָרט. צווישן קינד און זאָקן: דער זאָקן האָט שוין אין מיר געקקירעט מיטן גראָבן פינגער, ווען איך בין נאָך געווען אַ קינד, און דאָס קינד באַלעוועט זיך נאָך אין מיר, ווען איך בין שוין אַט־אַט אַ זאָקן.

כ'בין מינאַסטאַם געווען אײַנגעטונקען אין געגרײַזטקײַט און אין באַשטראָפטקײַט. כ'האָב אָבער אַדאַנק די צעשטאָכענע פינגער ביסלעכווײַז אויסגעלערנט זיך, ווײַזט אויס, מאַכן אַ כילעק צווישן אַ לעבעדיקער רויז מיט שטעכערס ביז אין אַ פאַלשער פּאַפּירענער רויז, אָן אויסגעקינצלטער אָף גלאַטע קאַלטע דראָטלעך; צווישן אַ פּאָנעם און אַ מאַסקע.

אין די פּאָר טשערנאָוויצער יאָרן, געדענק איך, האָב איך קיין איין שורע ניט אָנגעשריבן. כאָטש אין טשערנאָוויץ האָט דעמלט געלעבט עליִעזער שטיינבאַרג, עס פלעג זיך שוין אַהין אַראָפּיאָווען איציק מאַנגער, עס זײַנען געווען צו דער האַנט שטילע לייען־זאַלן מיט הונדערטער ראָפּטן ביכער.

העכער פונעם שרײַבן, העכער פונעם לערנען אין סעמינאַר, העכער פון אַלץ אין דער וועלט, האָב איך דעמלט געשטעלט די אוטעטשע[1] פּראָקלאַמאַציעס, וואָס כ'פלעג אין די נעכט צעוואָרפן איבער די טשערנאָוויצער פּאָרשטעט.

העכער פון יעדער לערער, העכער אַפילע, פאַרשטייט זיך, פון טאַטע־מאַמע, זײַנען באַ מיר געשטאַנען די וועבער־מיידלעך און וועבער־ייִנגלעך, מיט וועמען כ'האָב זיך אין יענער צײַט געכאַוועט.

העכער פון אַלץ אין דער וועלט איז דעמלט, מאָלט אײַך, געווען אין מײַנע אויגן די טפּיסע. דערהויבענער, ראָמאַנטישער, העלדישער — די פּײַניקונגען, מיט וועלכע די כעוורע פלעגן געפּײַניקט ווערן אין סיגוראַנצע ביז אין דער טפּיסע.

כ'האָב דאָס אַלץ אַליין דורכגעלעבט. און דאָס איז מיר שפּעטער צום שרײַבן גוט צוניץ געקומען. די דרײַ יאָר, צווישן זעכצן און נײַנצן, האָבן מיר אויסגעזען די סאַמע לענגסטע און סאַמע זאַפטיקסטע, ווי קיין איין יאָר ניט דערנאָך ביז הײַנט.

אָנגעהויבן דרוקן זיך האָב איך אין אַ פיר יאָר אַרום, ווען כ'האָב שוין געהאַט געלעבט אין בוקאַרעשט. אין בוקאַרעשט האָב איך ווידער באַקומען אַ לײַדנשאַפט צו שרײַבן. כ'האָב, אַפּאָנעם, אָנגעהויבן פאַרשטיין, אַז אַ ליד צי אַ דערציילונג קאָן טראָגן אין זיך ניט ווייניקער פּולווער, ווי די פּראָקלאַמאַציעס, וואָס כ'האָב צעוואָרפן. און קאָן אין דער זעלבער צײַט זײַן דאָס גילדענע פינגערל — טראָגן אין זיך די אייביק־גילדענע ווערט פון קונסט. כ'פאָרמוליר עס, פאַרשטייט זיך, איצטער אַזוי. דעמלט האָט מינאַסטאַם דערצו געפירט הוילע אינטויִציע, הוילער אונטערבאַוווסטזײַן.

די ערשטע דערציילונג, וואָס כ'האָב אָפּגעדרוקט, האָט טאַקע אַזוי געהייסן: „ערשטע טריט״. זי האָט זיך אָפּגעדרוקט אין ניו־יאָרקער פּראָלעטפעניש ליטעראַרישן זשורנאַל „סיגנאַל״. דער ערן־רעדאַקטאָר פונעם דאָזיקן „סיגנאַל״ איז דעמלט געווען מוישע נאַדיר. כ'ווייס ניט, צי האָט נאַדיר מײַן דערציילונג אַפילע געלייענט. צי האָט ער געלייענט די איבעריקע דערציילונגען, וואָס כ'האָב דערנאָך אָפּגעדרוקט אין דעם זשורנאַל. נאָר איך האָב מיך אָנגעהויבן אַרומטראָגן מיט אַ כאָלעם, אַז דאָס ערשטע ביכל, וואָס כ'וועל אַמאָל אַרויסגעבן, זאָל האָבן נאַדירס אַן אַרײַנפיר־וואָרט. כ'האָב ביכלאַל נאַדירן דעמלט זייער ליב געהאַט. כ'האָב אים ליב געהאַט פאַר זײַן ווירטואָזער פּיקכעסדיקײַט און פּיקכעסדיקער

[1] אוטעטשע (רומעניש) — קאָמוניסטישער יוגנט־פאַרבאַנד.

שפּראַך־ווירטואָזקײַט. ס׳איז געווען נאָענט מײַן געמיט זײַן וואָרט „פּענביקסלערײַ״, וואָס האָט געטראָגן אין זיך דעם אני־מאמין פון נײַער רעוואָליוציאָנערער שרײַבערישקײַט. ס׳איז נאַדירן געווען פאַרוואָס ליב צו האָבן. ווער פונעם לינקן אוילעם האָט נאַדירן דעמלט ניט ליב געהאַט!

נאָר ניט דער כאָלעם צו האָבן אַמאָל אַ ביכל מיט נאַדירס אַ האַקדאָמע און ניט די גרויסע ליבשאַפט צו אים האָבן מיך אָפּגעהאַלטן אין 39־טן יאָר, ווען נאַדיר האָט פאַרלאָזט די „מאָרגן־פרײַהײַט״ און אָפּגעדרוקט דעם באַוווּסטן אָפענעם בריוו זײַנעם, אַרויסצוטרעטן אין „מײַנע העפטן״, וואָס כ׳האָב דעמלט אין בוקאַרעשט אַרויסגעגעבן, מיט אַ שאַרפן פאַמפלעט קעגן אים „אַרום נאַדירס לעצטער כאָכמע״.

איך זאָג זיך ניט אָפ פון דעם דאָזיקן פאַמפלעט. מיט נאַדירס אָפענעם בריוו האָבן זיך דעמלט פאָסמאַקעוועט אַלע ביליק־רעאַקציאָנערע ייִדיש־רומענישע בלעטלעך. אַלע פאַרניינערס און באַווײַנערס. דער געדאַנק אין פאַמפלעט, אַז מיר, מיזרעך־אייראָפּייער, וואָס פילן שוין נאָענט באַם האַלדז היטלערס כאַלעף, פאַרשטייען דעם זין פון דעם דעמלטיקן אַווגוסט־אָפּמאַך, איז געווען אַ ריכטיקער. נאָר דער זאָג, אַז אָן איינעם אַ ייִדן וועט דער מאַרק זײַן אַ מאַרק, און, אַז מע קען איצטער נאַדירס אַ ביכל אין דער האַנט ניט נעמען, האָט געקלונגען צו שקאָציש. נאַדיר איז, ווי מיר האָבן זיך שפּעטער דערוווּסט, פון דער פּראָגרעסיווער באַוועגונג אַוועק, נאָר איז ניט אַוועק צו דער אַנטיפּראָגרעסיווער. די לעצטע פאָר יאָר, וואָס ער האָט נאָך דערנאָך געלעבט, האָט ער זיך שווער געפּײַניקט, אָפּגעריכט היסבוידעדעס, עלנטקײַט, איז קראַנק געוואָרן. און אויב מײַן פאַמפלעט איז ערגעץ צו אים דערגאַנגען און אים די גרויסע יעסורים זײַנע אַפילע אַף אַ האָר פאַרגרעסערט, טאָר איך עס מיר ניט מויכל זײַן.

דער ערשטער בריוו, וואָס כ׳האָב באַקומען פון אַ רעדאַקציע, איז געווען אַ בריוו פון ל. מילערן — דעם דעמלטיקן סעקרעטאַר פונעם „סיגנאַל״. כ׳זע נאָך איצט פאַר די אויגן מילערס קסאַוו און שפּיר נאָך, דאַכט זיך, איצט גוט די וואַרעמקײַט פון יענעם ערשטן בריוו.

אין זעלבן „סיגנאַל״־נומער, ווו עס האָט זיך אָפּגעדרוקט מײַן ערשטע דערציילונג, האָבן זיך אויך אָפּגעדרוקט צוויי לידער מײַנע. כ׳האָב אַרײַנגעשיקט, געדענק איך, אין דער רעדאַקציע אי אַ דערציילונג, אי צוויי לידער — וואָס עס וועט מער אויסנעמען, בײַ דעם וועל איך בלײַבן, דאָס וועט זײַן מײַן גוירל.

און אַז אויסגענומען האָבן, הייסט עס, ביידע אינאיינעם, האָב איך, אַפּאָנעם, דעריבער מער קיין לידער באַזונדער ניט געשריבן. כ׳האָב דעריבער, אַפּאָנעם, אַ לאַנגע צײַט אַכטונג געגעבן, די פּראָזע־שורע מײַנע זאָל זײַן וואָס מערער מוזיקאַלישער, ריטמישער, „פּאָעטישער״, אַזוי צו זאָגן.

מיר זײַנען געווען הונגעריק און יונג. מיר זײַנען געווען פול מיט גלויבן אין עמעס, אין שיינקײַט, אין אַ וועלט, ווו עס וועט ניט זײַן קיין אויסגעהונגערטקײַט און איבערגעזעטיקטקײַט, אַ וועלט, ווו „דער, וואָס איז געווען קיינער, וועט ווערן אַלץ״, און, פאַרשטייט זיך, ניט ווייניק גלויבן אויך אין זיך, אין אייגענעם קויעך.

מיר זײַנען אָפט געווען צו בייז, צו פאַראַקשנט, אַפילע אַמאָל צו כוצפּעדיק. נאָר — כוץ־לעדערעך־האַטעווע ערלעך. מיטן וואָרט „ערלעכקײַט״ אָנגעהויבן דעם טאָג און פאַרענדיקט דעם טאָג.

מיר האָבן שאָענלאַנג געקענט אָפּזיצן אויבן בײַ מיר אין צימער צווישן דודעשט און וואַקאַרעשט, ווו איך האָב געוווינט מיט אָלגען, איינער דעם אַנדערן איבערשפּאַרן, איבערשרײַען, טאָן אַ קער איבער די וועלט מיטן קאָפ אַראָפ און זי באַלד צוריק אויפשטעלן אַ גלײַכע, אַ פרײַע, אַן אויסגעהיילטע. זיצן און אוועקמאַכן פון אַנערקענטע גאָרנישטן, אויסלאַכן געגראַמטע מעליצעדיקײַט, טײַנען, אַז מיט דעם, וואָס מע שרײַבט שפּיגל־קסאַוו, מע זאָגט אָפּן אָרט פון „איך האָב דיך ליב״ קאַפויער: „איך דיך ליב האָב״, ווערט נאָך דערפון קיין דיכטונג ניט. פּאָעזיע איז ניט קיין קימפּעט־בריוול, ווו מע דאַרף לייענען דעם „מכשפה לא תחיה״ אַהין און צוריק. געקענט אָנהייבן מיטאַמאָל היסלײַוועסדיק פּאָרלייענען אַף אַ קאָל כאַריקס „מינסקער בלאָטעס״, קולבאַקס „זעלמעניאַנער״. זיצן אין רויך און אין פאַרע. זיצן ביז שפּעט־שפּעט אין דער נאַכט. אויפהייבן זיך און איבערלאָזן אָלגען אַן איבערקערעניש אין שטוב.

אָלגע איז בײַ מיר געווען אַן עלעגאַנט פאַרפּוצט מיידל. זי האָט אָנגעהויבן טראָגן פּאָשעטע קליידלעך, אויפגעהערט רויטן זיך די ליפּן. ס׳האָט זי ניט געאַרט, וואָס אָפן אָרט פון אַ פּאָר בלומען אין אַ וואַזע אָפן טיש הענגען און טריקענען זיך אַף אונדזער בוקאַרעשטער הרובע ייִסראָעל בראָנשטיינס צעריסענע שקאַרפּעטקעס. פאַרקערט: טאַקע זי האָט די שקאַרפּעטקעס נאָרוואָס אויסגעוואַשן און זי טאַקע וועט זיי אים באַלד פאַרצירעווען.

(אַגעוו, אַ פּאָר זײַטיקע ווערטער: ווען איך גיי איצט זונטיק צו אָלגעס קייווער מיט אַ בינטל בלומען אין דער האַנט, טראַכט איך טאָמיד אָפן וועג אַזאַ טראַכטעניש: ווי גליקלעך

וואָלט זי געווען בא איר לעבן, ווען עס זאָל זיך פלוצעם, כאָטש איין־און־איינציק מאָל פאר דער גאנצער צײַט, געווען טאָן אַן עפן אוף די טיר פון אונדזער שטוב און איך זאָל געווען שטיין בלײַבן אף דער שוועל מיט אזא־אָ בינטל בלומען:

— נא, אָלגע. ט׳האָב איך דיר געבראכט!

נאָר בלומען, מאטאָנעס, איבעריקע צערטלע־רײַען — כ׳האָב עס דעמלט געהאלטן פאר קליינבירגערלעכקײַט, פוסטקײַט, אָנשטעל, אפילע קימאט־קימאט צוויִעס...)

ס׳האָט אָלגען ניט געארט, וואָס ארן אָקני־צער, מיטן רויטן פארשוויצטן פליך אפן נא־קעטן קאָפּ, זיצט אפן דיוואן אין א פּאָר גראָבע פארפּאַרעכטע שטיוול און טוט נאָך דערצו א רעד ארויס אמאָל א גראָב וואָרט אויך. ער האָט ליב געהאט צו טראָגן ווינטער און זומער שטיוול, ארן, און ליב געהאט ווי דאָס לעבן א גראָב קאצאָוויש וואָרט.

נאָר ארן אָקניצער האָט זיך אינמיטנדערינען געקאָנט טאָן א הייב אוף פונעם דיוואן און מיט אַן אָנגעצונדן פּאָנעם אָנהייבן פלוצעם דעקלא־מירן אף איטאליעניש גאנצע שטיקער פון דאנטעס „געטלעכער קאָמעדיע”. ער האָט צוויי יאָר צײַט אָפּגעארבעט ערגעץ אין איטאליע בא שווארצער בוי־ארבעט, קעדיי זײַן צווישן לעבעדיקע איטאליענער, אײַנזאַפּן אין זיך זייער לאָשן, און קענען דערנאָך איבערזעצן, אָן דער מינדסטער געפעלשטקײַט, דאנטעס „קאָמעדיע” אף יידיש. ער האָט דער דאָזיקער איבערזעצונג אוועקגעגעבן א שטיק לעבן. און אז זי איז פארטיק געוואָרן, האָט ער זי נאָכאמאָל און נאָכאמאָל איבערגעלייענט און זי צעריסן. כ׳בין זיכער, אז ס׳איז פארפאלן געוואָרן זייער אַן אינטערעסאנטע איבערזעצונג. נאָר אזעלכער איז ער געווען, ארן: ער האָט ניט נאָר איין מאָל זיך אליין אָט אזוי צעריסן. ער האָט געוואָלט ארויסברענגען אין זײַן שרײַבן אזא פּאשטעס און אזא אופריכטיקײַט, וואָס איז, דאכט זיך, ניט מעגלעך. מאכמעס קונסט, וואָס איז סאָף־קאָלסאָף איינגאנצן באדינגלעך, קאָן זיך, מיין איך, בעשום־אויפן ניט באגיין אָן א געוויסער דאָזע סטיליזירטקײַט און פארוואנדלטקײַט. אָק־ניצער האָט ארויסגעגעבן איין ביכל נאָוועלן: „עוואנגעלישע מאָטיוון”. דאָס זײַנען געווען זעלטענע נאָוועלן — מאָטיוון, אייגנטלעך, קאָ־מוניסטישע, ניט עוואנגעלישע. נאָר ס׳האָט ניט געהאָלפן קיין שום אויסבאהאלטן זיך — דאָס ביכל האָט עמעצער פארמאסערט, און ארענען האָט געמישפּעט דער בוקארעשטער מיליטערי־שער טריבונאל. און ווען ניט דער באוווּסטער רומענישער שרײַבער־הומאניסט, דער גאלעך גאלא גאלאקטיאָן, וואָס האָט אפן פּראָצעס, אלס איידעס, געהאלטן א גרויסע פארטיידיקונגס־רעדע, וואָלט ארן פאר זײַנע „עוואנגעלישע” מאָטיוון לאנג געווען פארבליבן אין טפיסע.

ארן האָט זיך, דאכט זיך, געמוטשעט מער ווי יעדער פון אונדזער גרופּע. ער האָט שרעקלעך ניט געקענט פארטראָגן דעם דעמלטיקן בוקא־רעשטער ארום־און־ארום. ער האָט ניט געקענט פארטראָגן קיין באלעבעסלדיקײַט, קיין פּרא־זעאָלאָגישקײַט, קיין שווינדלערײַ, קיין כניפע. ער האָט ניט געהאט קיין שטענדיקן דאך אי־בערן קאָפּ, ניט געהאט קיין שטענדיקן אָנבײַסן. נאָר אז ער פלעג אמאָל בלויז הערן די נעמען פון די פּאָר פאבריקאנטן־מעצענאטן, קלאָמ־פערשט יידישיסטן, וואָס שענקען אמאָל א נע־דאָווע א יידישן שרײַבער, פלעג ער א פאר־קוועטש טאָן די אויגן, און מיט א מין „שאקעץ־טעשאקציינו” מאמעש אויסשפּײַען — אויס־שפּײַען אי פון די געבערס, אי פון די נעמערס. ער איז אין זײַנע אני־מאאמינס — רעוואָלוציע, ראטנפארבאנד, פאָלק, קונסט, מענטש — געווען הארט ווי שטיין.

ער האָט איבערגעלאָזט, ארן, א פּאָר אָנגע־שריבענע און ניט אָפּגעדרוקטע ראָמאנען, צענדליקער נאָוועלן, א פּיעסע, און האָט ניט דערלעבט צו הייסן א יידיש־סאָוועטישער שרײַ־בער. ס׳קומט מיר אפן מויעך א מאָדנע מאכ־שאָווע: עפשער איז ניט יוישערדיק צו מעסטן א שרײַבער בלויז דערמיט, וואָס ער איז גע־וואָרן. עפשער דארף מען מעסטן א שרײַבער אויך דערמיט, וואָס ער האָט געקאָנט ווערן. איז דען די גרייס פון א שרײַבער א זאך פון מאזל און גוירל? יאָ, אפּאָנעם, טאקע א מאָדנער געדאנק.

עס פלעג זיצן בא מיר אין שטוב זישע בא־גיש, וואָס האָט אינײנעם מיטן יידיש־רומענישן פּראָזאיִקער אורי בענאדאָר ארויסגעגעבן אין בוקארעשט דעם ליטערארישן זשורנאל „אינדזל” (אין דעם דאָזיקן זשורנאל, דערמאָן איך זיך, האָבן אָפּגעדרוקט זייערע ערשטע זאכן פּייסעך בינעצקי און ראכמיִעל בריק, האָבן זיך געדרוקט א סאך שרײַבער מעכוץ רומעניע), ארויסגעגעבן עטלעכע ביכער לידער. צוויי ביכ־לעך באגישס געדענק איך גוט: לידער־פּלאקאטן „לערנט ליב האָבן דאָס לעבן” און איבערדיכ־טונגען פון דער וועלט־פּאָעזיע „פעלקער זינ־גען”. עס איז געווען צווישן אונדז הערש צעל־מאן. א דיכטער, וואָס האָט געשריבן טיפע זאפטיקע לידער אין העברעיִש און אויבנופּי־קערע, שרײַענדיקע אין יידיש, נאָר האָט גיכער געוואָלט שרײַבן אויבנופּיק און שרײַענדיק אין יידיש — ארויסגעגעבן צוויי לידער־זאמלונגען: „מאסקן־קאראהאָד” און „ציגײַנער־מאָטיוון”. א שטילער און שעמעוודיקער איז געזעסן בא דער זײַט דאָס סטאָליער־ייִנגל שמועל קישיניאָווסקי און מיט א מין אויסטערלישן כסידישן ניגן

ארויסגעלייענט פון א צעקנייטשט העפטל פערזן וועגן הובל און קליי, שווייס און האָרעוואניע. מ׳האָט געהויבן מיט די אקסל: פונוואנען נעמט זיך אזא לאָשן, אזא בילדערישקייַט, אזא נאַטירלעכקייַט? ער האָט דערלעבט צו זען אָפּגעדרוקט ניט מער ווי צוויי לידער זייַנע: איין ליד וועגן שאָלעם־אלייכעמען אין זשורנאל „יידישע קולטור” און די צווייטע ליד, דאכט זיך וועגן קאָטאָווסקין, אין „אינדזל”. און ווען ער וואָלט אין א פּאָר יאָר ארום ניט געווען אומגעקומען ערגעץ אף די מילכאָמעדיקע וואנדער־וועגן, וואָלט פון דעם דאָזיקן סטאָליער־ייִנגל שמועל קישיניאָווסקי אָן סאָפעק געוואָרן א קיילע.

מיר האָבן אפילע, אף א ברייטער אנטיפאַשיסטישער פּלאטפאָרם, געשאפן א „פאריין פון יונגע יידישע שרייַבער” — סייַ אזעלכע, וואָס שרייַבן אין יידיש, סייַ אזעלכע, וואָס שרייַבן אין רומעניש. און דער גאָר ניט יונגער יאנקעוו גראָפּער, וועמען מ׳האָט געהאלטן פארן וועטעראַן פון דער יידישער דיכטונג אין רומעניע, איז אויך צוגעשטאנען צו דעם דאָזיקן ייִנגלשן פאריין. מאכמעס „די הויזן, — האָט ער געזאָגט, — זאָלסטו פון זיך פארקויפן און א נאָגיד זאָלסטו זייַן. קיין איין האָר אפן קאָפּ זאָלסטו שוין ניט האָבן, און א ייִנגל זאָלסטו בלייַבן!”

מיר האָבן געמאכט ליטערארישע אָוונטן. מיר זייַנען איניינעם מיט די לינקע מאָלדאווישע שרייַבער עמיליאַן בוקאָוו און ליוויו דעליאנו געגאנגען אף אונטערערדישע „טשייַען” און דאָרט פארן אוילעם געלייענט אונדזערע זאכן. מיר האָבן אָנגעהויבן ארויסגעבן א פּראָלעטפּעניש זשורנאל „קלאָרקייַט”, געדרוקט אים, איבער צענזור־שווערקייַטן, אין טראנסילוואַנער שטעטל סיגעט, אין א טיפּאָגראפיע, ווו מ׳האָט געדרוקט מאכזיירים. נאָר די מאכזיירים האָבן ניט שוימער־אומאצל געווען: דער זשורנאל איז קאָנפיסקירט געוואָרן, ווען ער איז נאָך געווען אין דער וויאָרסטקע — ס׳איז מיר פון אים איבערגעבליבן ניט מער ווי א פּאָר פארגעלטע קאָרעקטור־אָפּציִען.

מיר האָבן געשיקט א דעלעגאט צום אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס אין פּאַריזש. א דעלעגאט, פארשטייט זיך, א פּאַפּירענעם — א בריוו: „אונדזער בריוו־דעלעגאציע”. נאָר זי האָט געטראָגן מיט זיך אלע אונדזערע כסימעס, איז געווען אָפּגעדרוקט אין די „ליטערארישע בלעטער” באלד נאָך די ערשטע קאָנגרעס־רעפּעראטן, און די דעלעגאט־שטים אונדזערע האָבן מיר סימבאָליש איבערגעגעבן דעם פּראָלעטפּען.

אָלגע האָט ליב געהאַט דעם ראש און די איבערקערעניש אין שטוב, ליב געהאַט די שטילקייַט נאָך דעם דאָזיקן ראש, וואָס איז געבליבן ליגן אין שטוב א גערדיכט־אָנגעלאָדענע מיט עפּעס גאָר־גאָר באדייַטנדיקס און גאָר־גאָר זעלטנס, ווי די זעלטן־גוטע אָלגע האָט אופגענומען אלע אונדזערע שמועסן און אלע אונדזערע אופטועכצן.

און אז איך פלעג זיך דערנאָך שפּעט באנאכט אוועקזעצן באַם טישל עפּעס טאָן, פלעג זי ליגן אין בעט מיט אָפענע אויגן, קוקן אף מיר די גאנצע צייַט מיט אזא מין קוקן, גלייַך באַם טישל וואָלט געזעסן ניט קיין ראשקעווער ייִנגל, און ניט קיין בוקארעשטער סופליאָר פון יידישן טעאטער, און ניט אפילע איך, דער מאן אירער, נאָר, לעכאָלהאפּאָכעס, דער גרעסטער שרייַבער און דער בעסטער מענטש אין דער וועלט.

אין מייַן בוקארעשטער פּעריאָד האָב איך אָפּגעדרוקט העכער דרייַסיק דערציילונגען, מיט דעם גרעסטן טייל פון זיי אָפּגעריכט גאָלעס — אָפּגעדרוקט זיי אין אויסלאנד: אין אמעריקע און אין פּוילן. און ווען איציק מאנגער, געדענק איך, וואָס האָט דעמלט געלעבט אין ווארשע און קעסיידער געדרוקט זיך אין ליטערארישן פרייַטיק־נומער פון דער „נייַער פאָלקסצייַטונג”, ווו עס פלעג זיך אמאָל באווייַזן אויך מייַנע א זאך, איז זיך אין יענער צייַט אראָפּגעקומען אף א פּאָר טעג קיין בוקארעשט צום טאטן און צום ברודער נאָטען, זייַנען מיר, איך און דער יונגער יידישער קאָמפּאָזיטאָר מאָטל פּאָליאנסקי, געגאנגען צו אים, שפּאצירט דערנאָך א ביסל איניינעם אף קאליא וואקארעשט, און מאנגער, געדענק איך, האָט מיר א זאָג געטאָן, אז אין רעדאקציע פרעגט מען אים טאָמיד, ווי עס געפעלט אים דער לאנדסמאן זייַנער.

— וואָס זשע ענטפערט איר? — האָב איך מיט הארצקלאפּעניש, פארשטייט זיך, געוואָלט וויסן.

— זיי ענטפער איך גוט.

— און מיר, דעם לאנדסמאן?

— פארשטייט איר מיך, איר כאַפּט אָן מיט דער לינקער האנט דעם לינקן אויער. און אָנכאַפּן דארף מען מיט דער לינקער האנט אָט אזוי־אָ, איבערן האלדז־און־נאקן אריבער, דעם רעכטן אויער...

ווען כ׳האָב אים שפּעטער געפרעגט א מיינונג וועגן איינעם א דיכטער, האָט ער זיך אזוי הויך צעלאכט, ווי מאנגער האָט זיך געקענט צעלאכן, — מענטשן האָבן זיך אזש אָפּגעשטעלט קוקן:

— וואָס רעדט ער טארגעם־לאָשן? וואָס שרעקט ער די גענדז? וואָסי, פּראָסט יידיש טויג אים ניט, אף פּראָסט יידיש כאַפּט מען דיך בא דער האנט, הא?..

אין נייַן־און־דרייַסיקסטן יאָר, א יאָר ערעוו מייַן ווערן א סאָוועטישער בירגער, האָב איך

אָנגעהויבן ארויסגעבן „מײַנע העפטן". אפּאָנעם, אונטער דער האַשפּאָע פון אלטער קאַציזנעס „מײַן ריידנדיקער פילם", האָב איך איינער אליין אָנגעפילט די „העפטן" מיט דערציילונגען, עסייען, קריטישע ארטיקלען, נאָטיצן. (דער פאָרמאַט איז געווען אַן אַנדערער — א בוך־פאָרמאַט.) כ'האָב באַוויזן ארויסצוגעבן צוויי נומערן. דער דריטער נומער איז פארבליבן אין אויסגעזעצטער אין א בוקארעשטער טיפּאָגראַפיע. מיט די דאָזיקע צוויי העפטן בין איך געקומען קיין סאָוועטנפארבאַנד.

נאָכן ערשטן קעשענעווער „מיטינג", געווידמעט דער יידיש־סאָוועטישער ליטעראַטור, אין א וואָך ארום נאָך דעם, ווי קעשענעווו איז געוואָרן סאָוועטיש, אף וועלכן איציק פעפער, אָנגעטאָן אין רויטארמייִשע קליידער, האָט, מיט א סאַך הומאָר און שפּילעוודיקייט, געהאַלטן דעם פאָרטראַג און איך האָב אויך זויכע געווען איבערצולייענען פארן אוילעם א זאַך מײַנע, האָב איך אין האָטעל־צימער, ווו פעפער האָט געוווינט אײנינעם מיט איוואַן לע, אים געוויזן די „העפטן" און א פרעג געטאָן, צי וועל איך זיי איצט קענען ווײַטער ארויסגעבן. פעפער האָט אף מיר פארכידעשט א קוק געטאָן איבער די ברילן אריבער און א הייב געטאָן מיט די אַקסל:

— א שיינע מײַסע. ווילט איר, הייסט עס, ערשט קוים ווערן א קוסטאַרניק? צוליב וועון, צוליב וואָס? באַ אונדז דאַרף א שרײַבער ניט קיין קיצווע, קיין „אליינעניר"־פארלאַג. באַ אונדז איז קיין אײַנהאָרע פאַראַן אַן אײַזערנער פארלאַג „דער עמעס". זאָל ער זיך שוין פאַר אײַך זאָרגן, לאָזט עס איבער אף אים!

כאָטש אין מײַן שרײַבן איז פאָרגעקומען א נאַטירלעכער איבערגאַנג, א נאַטירלעכע באַהעפטקייט מיט דער יידיש־סאָוועטישער ליטעראַטור, מיט אירע אידעאָלאָגישע פּראָבלעמען און קינסטלערישע אויפגאַבן, מיט איר וואָס־און־ווי — אזוי צו זאָגן, און שרײַבן האָט זיך, פארשטייט זיך, געדאַרפט אָנהייבן שרײַבן גרינגער און זיכערער, האָבן זיך, פארקערט, ערשט איצט אָנגעהויבן מײַנע עמעסע זוכענישן. כ'האָב ערשט איצט דערפילט גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקײַט און ניט קלענערע אומבאַהאָלפנקייט. בערגעלסאָן, דער ניסטער, מאַרקיש, פעפער, האָפשטיין, קוויטקאָ. ווי וועל איך לעבן זיי אויסזען און ווו וועל איך זיך לעבן זיי אהינטאָן? כ'האָב אָנגעהויבן דרוקן אין קיִעווער „שטערן" זאַכן, האַלב־נאָוועלע, האַלב־פארצייכענונג, וועגן „באַפרײַטע מאָלדאַווישע דערפער", וועגן „גליק", וועגן „א נײַעם קלוב". כ'האָב זיך אָנגעהויבן דרוקן אין מאָלדאַווישע זשורנאַלן. ס'האָט געדאַרפט אוועקגיין א יאָר ערעוו־מילכאָמע און א יאָר מילכאָמע־צײַט, כ'זאָל דאָס נײַע לעבן אײַנזאַפּן אין זיך, פאַרשטיין, באַזיניקן, און, ערגעץ אין א ווײַטן אוזבעקישן קישלאַק, וואָס האָט געהייסן סאַוואַט, ארויסלייגן אפן פּאַפּיר דערציילונגען מיט נײַער וויזיע, לאָשן, פרײַקײַט און אומיטלבאַרקײַט. נײַעם טאַכלעס, וועלכע האָבן מיר, בעשאַס כ'האָב זיי אָנגעשריבן, געבראַכט ערשטע, עמעסע, שעפערישע פרייד. און ס'האָבן געדאַרפט אוועקגיין נאָך א פּאָר יאָר (די יאָרן זײַנען דאָך געווען שרעקלעך שווערע און ביטערע — מילכאָמע־יאָרן), כ'זאָל זען, אז איך דאַרף זיך מיט די דאָזיקע דערציילונגען ניט שעמען, די דאָזיקע דערציילונגען זאָלן מיר ברענגען אזוינס, וואָס איך רוף איצט, מיט מײַן גאַנצער ערנסטקײַט, נאָכאַמאָל אַן גליק — אין „עמעס"־פארלאַג דאָס ערשטע סאָוועטישע ביכל מײַנס: „דרײַ זומערס".

גרויסע מענטשלעכע פרייד איז, פארשטייט זיך, אויך געווען גענוג ביז אין די „דרײַ זומערס". כ'געדענק דעם אָפּדערנאַכט אין קעשענעווו, אַן אָנדערהאַלבן כאָדאָשים ערעוו דער מילכאָמע, ווען כ'בין געוואָרן א מיטגליד פונעם פארבאַנד סאָוועטישע שרײַבער. צווישן די ערשטע צען מיטגלידער, וואָס דער פארבאַנד האָט אופגענומען אין מאָלדאַוויע, זײַנען אויך געווען צוויי יידישע שרײַבער — מוישע אַלטמאַן און איך. יענעם אָוונט וועל איך ניט פאַרגעסן. אָלגע האָט די גאַנצע צײַט געוואַרט אף מיר אין דרויסן. און ווען איך בין ארויסגעקומען פון דער פאַרזאַמלונג, האָט זי מיך די ערשטע באַגריסט, און מיך געקושט, ווי א מאַמע, וואָס קושט איר קינד, ווען עס ברענגט איר ארויס אַן אָטעסטאַט מיט סאַמע פינפן. אירע אויגן זײַנען געווען נאַסער פון מײַנע ניט נאָר דערפאַר, ווײַל מײַנע דערפאָלגן זײַנען טאָמיד געווען איר גרעסט גליק, נאָר אויך דערפאַר, ווײַל זי איז טאָמיד געווען דער ערשטער, און א שטיק צײַט אויך דער איינציקער, וואָס האָט טיף געגלייבט אין מײַנע דערפאָלגן.

כ'וועל קיינמאָל ניט פארגעסן דעם „שעפערישן אָוונט" מײַנעם אין מאָסקווע, איידער עס זײַנען דערשינען די „דרײַ זומערס". כ'האָב דעמלט א שטיק צײַט געלעבט אין מאָסקווע.

וואָס איז, ביכלאַל, אזוינס גליק? יעדער ענטפערט דערויף פארשיידן. יעדער זעט עס אזוי, ווי ער זעט עס. עס איז, טראַכט איך, די פּאָפּולערסטע איליוסטראַציע צו דער רעלאַטיוויטעט־טעאָריע. מעגלעך, אז פון דער זײַט האָט דאָס אויסגעקוקט א געוויינלעכער, וואָכעדיקער, ליטעראַרישער אָוונט. נאָר די דאָזיקע געוויינלעכקײַט און וואָכעדיקײַט איז געווען מײַן יאָמטעוו. ביז סאָוועטנפארבאַנד האָט מיך קיינער ניט געבאַלעוועט מיט אזא ערנסטער און מענטשלעכער באַציִונג. דעם אָוונט האָט

געעפנט מאַרקיש. כ'בין געזעסן לעבן פּערעץ מאַרקישן, געקוקט אַף די פּאָר צענדליק ייִדיש־סאָוועטישע שרײַבער אין זאַל, און קיינער פון זיי האָט זיך געוויס ניט געקענט פאָרשטעלן די גרויס פון מײַן אינערלעכער פרייד, מאַכמעס קיינער פון זיי האָט ניט געלעבט מיט מיר איניינעם אין בוקאַרעשט. איידער כ'האָב אָנגעהויבן לייענען, איז צוגעקומען צו מיר דער ניסטער, צוגעבויגן זיך צו מײַן אויער און מיר אַרײַנגעשעפּטשעט, אַז נאָך מײַן ענדיקן לייענען מוז ער אוועקגיין. זאָל איך ניט איבערלעבן, ניט טראַכטן, כאָלילע, ווער ווייסט וואָס. כ'בין ביז דעמלט ניט געווען געוווינט צו אַזאַ איידעלן אומגיין מיט די סטרונעס פון אַ מענטשלעך האַרץ. כ'האָב ביז דעמלט קיינמאָל ניט געהערט אַזויפיל גוטע רייד. און גערעדט האָט מאַרקיש, האַלקין, דאָברושין, פינינבערג, נויעך לוריע, פרומקין, נאָטאָוויטש, קאַצאָוויטש און נאָך אַנדערע. כ'ווייס ניט, ווי דאָס האָט אויסגעזען פון דער זײַט. נאָר פאַר מיר, ווייס איך, איז דאָס געווען גרויס גליק. כ'האָב מוירע צו זאָגן — דאָס גרעסטע גליק אין מײַן לעבן.

כ'וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן מײַנע באַגעגענישן און אָפטע שמועסן מיט דאָברושינען, מיט בערגעלסאָנען, מיט מאַרקישן, מיט קושניראָוון, מיט האַלקינען, מיט פינינבערגן, מיט בראָדערזאָנען, מיט פאַלקאָוויטשן, מיט די גאָרשמאַנס. מײַן פאַרבערענגען מיטן ייִנגערן אוילעם: מיט טייפן, מיט דריזן, מיט ווערגעליסן, מיט גרוביאַנען, מיט גאָנטאַרן, מיט שלוימע רויטמאַנען, מיט שמועל גאָרדאָנען, מיט לעוון.

צו דער ייִדיש־סאָוועטישער ליטעראַטור האָב איך פון טאָמיד אָן געפילט אַ באַזונדערע ליבשאַפט און באַזונדערן אָפּשײַ. כ'האָב געהאַט אָפּשײַ פאַר איר אַנדערשדיקײַט, פאַר איר נײַקײַט, פאַר איר וועלן געבן עפּעס איקערדיקס און גרויס, פאַר איר לעבעדיקײַט, פאַר איר גוירל. און כאָטש איך בין שוין אַליין דרײַסיק יאָר אַ זײַלעכל, קאָן מען זאָגן, פון דער ייִדיש־סאָוועטישער ליטעראַטור, און אַלץ וואָלט שוין געדאַרפט אויסזען אין מײַנע אויגן געוויינלעך און פּראָסט, פיל איך נאָך פונדעסטוועגן הײַנט דעם זעלבן אַמאָליקן אָפּשײַ און ייִראַס־האַקאָוועד.

מיטן סיגנאַל־נומער פון די „דרײַ זומערס", וואָס כ'האָב אויסגעגעבן אין טיפּאָגראַפיע, בין איך, ווי איבער טאָל און איבער בערג, געלאָפן אין דער מאָסקווער צענטראַל־פּאָטשט און אים אופגעלייגט מײַן נאָענטסטער אָט מיט אַזאַ אויפשריפט: „טײַערע אַלגאַ! פאַר אַלע מאַטאָנעס, וואָס כ'האָב געדאַרפט געבן דיר און ניט געגעבן, — אַ מאַטאָנע דעם ערשטן עקזעמפּליאַר פון מײַן ערשטן סאָוועטישן ביכל".

איך האָב דאָס איר געגעבן, ווי די גרעסטע מאַטאָנע, און זי האָט דאָס גענומען, ווי די גרעסטע מאַטאָנע.

אַ פּאָר ווערטער וועגן מײַנע מאָלדאַווישע כאַווײרים. די גאַנצע צײַט, יאָר בײַ יאָר, ביז הײַנט, האָב איך זיך געדרוקט אין זייער זשורנאַל „אָקטאָמבריע", דערנאָך „ניסטרו". זיי האָבן מײַנע דערציילונגען איבערגעזעצט, אָפּגעדרוקט, און געפרייט זיך מיט זיי, ווי דאָס וואָלטן געווען זייערע אייגענע דערציילונגען. ווי די דאָויקע ייִדישע זאַכן מײַנע וואָלטן געווען אַ טייל פון זייער אייגענער מאָלדאַווישער ליטעראַטור. כ'וויל דאָ אָנרופן פינף נעמען: טשאָבאַנו, בוקאָוו, פּאַרטנאָי, שליאַכו, קאָזמעסקו.

כ'האָב אין די לעצטע פופצן יאָר אַרויסגעגעבן פינף ביכלעך איבערגעזעצט אַף מאָלדאַוויש („אונדזער גאַס", „נאָוועלן", „אין אַ זומער־טאָג", „גאַניידן־עפּל", „יאָרן און רעגעס") און פיר ביכלעך איבערגעזעצט אַף רוסיש („זין", „אַ וויזיטקע", „דערציילונגען", „אַלע טעג פון דער וואָך"). עס דערשײַנען צוויי גרעסערע סאַכאַקל־ביכער מײַנע: איין בוך אין ייִדיש אין מאָסקווער פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל", און איין בוך איבערגעזעצט אין רוסיש אין אַ קעשענעווער פאַרלאַג.

דערנאָך האָט זיך אין מײַן לעבן אָנגעהויבן דער פּעריאָד „סאָוועטיש היימלאַנד". דער ערשטער נומער פונעם זשורנאַל, מיט צוועלף יאָר צוריק, האָט זיך אופגעעפנט מיט מײַנעם אַ ציקל „מיניאַטורן". די ייִדיש־סאָוועטישע ליטעראַטור האָט מיר דערמיט אָנגעטאָן אַ גרויסן קאָוועד.

יעדעס יאָר — ציקלען אָפּגעדרוקטע דערציילונגען. עס האָט זיך אָנגעהויבן שרײַבן מערער, זיכערער, טיפער. אַ ליכטיקן דענקמאָל מײַן בעסאַראַבער געבוירן־שטעטל ראַשקעוו. דערציילונגען, וואָס ווילן באַזיניקן הײַנטצײַטיקײַט. אַ גרעסערע דערציילונג, אָדער אַ קלענערער ראָמאַן „זיבעצניאַריקע", וואָס איך האָב ניט לאַנג פאַרעפנטלעכט. מיניאַטורן־עסייען. קינדער־נאָוועלן. דערציילונגען, דערציילונגען, דערציילונגען...

די לעצטע צען יאָר זע איך ניט ווי קיין נעכטן, כ'זע זיי גיכער ווי אַ הײַנט. און וועגן אַ הײַנט איז נאָך אַ ביסל שווערלעך צו שרײַבן דערמאָנונגען, אַרײַננעמען אים אין דער געשיכטע פון דײַן לעבן. מאַכמעס עס קומט אונטער אַ געפיל, אַז דו שטעלסט אַ פּינטל, פאַרענדיקסט. עס הייבט אָן אָנווייען מיט ווידע, מיט צאַוואָע.

און איך קלײַב זיך נאָך ניט איבערצולאָזן קיין שום צאַוואָעס, שטעלן קיין שום פּינטל. כ'וועל זיך נאָך מירצעשעם צו מײַן לעבנסגעשיכטע אומקערן און אומקערן.

■ ■ ■

נאָוועלן אין פערזן

געדאַליע דער לאַנגער און זײַן זון

געדאַליע דער לאַנגער מיט די צוויי, קיין אײַנהאָרע, אײַזערנע הענט
וואָלט א גוטער קאָוועל מיסטאמע געווען,
און א קאַצעוו זײַן וואָלט אים עפּעס דען שטערן?
דאַרף געדאַליע דער לאַנגער א באַגרעבער ווערן.
און עפּשער האָט אין שטעטל אַן אַנדער אַרבעט פאַר אים ניט געקלעקט?
און עפּשער אַן אַנדער פּאַרנאָסע האָט אים ניט געשמעקט?..
און אַז מע וויל צוריק — וואָס אַזוינס איז געשען? —
זײַן זיידע, אָלעוו־האַשאָלעם, איז אַלע יאָרן א באַגרעבער געווען,
און זײַן טאַטע איז אויך א באַגרעבער געווען, —
איז געדאַליע א באַגרעבער געוואָרן, ווי דען?
אין שטעטל פלעגט מען אַלע מאָל א ציטער טאָן בײַ די רייד:
— געדאַליע גייט...

אַן אַלמען, האָט געדאַליע גענומען א ווײַב, א פאַרזעסענע מויד,
פאַרן נאַדן געקויפט א כּורווע און געלעבט שטענדיק אין נויט.
קיין נאַכעס האָט כּײַע די געשטופּלטע בײַ געדאַליען ניט געהאַט,
וואָס־וואָס, נאָר מיט טרערן איז זי געווען בײַ אים איבער־זאַט.
שווײַגנדיק פלעגט ער אָפּזיצן שאַבעס־ווײַז מיט צונויפגעלייגטע הענט,
דאָס מויל ניט עפענען אַפילע, קוקן גלאַט אַף די פיר ווענט.
און כּײַע מיט די האַנטשערקעס האָט געהאַוועט אַרום די טעפּ,
געטינקעוועט די ווענט און געוואַשן דעם דיל און געשקראַבעט די טרעפּ.
אפן צווייטן יאָר פון זייער כאַסענע האָט זי אים געבוירן א זון,
און זיך איבערגעקליבן אין דער עמעסער וועלט אַרײַן אין א צײַט אַרום.
געדאַליע האָט זי באַגראָבן אַליין,
באַגראָבן, ווי געוויינלעך, שטיל, אָן געוויין.
געהאַט האָט געדאַליע דער לאַנגער אין לעבן בלויז איין באַגער:
זײַן זון א באַגרעבער זאָל זײַן, פּונקט ווי ער...
די גאַס האָט געשפּאַסט, מיט געלעכטער דאָס יינגל באַגלייט:
— זעט, דער באַגרעבער גייט,
— דער באַגרעבער גייט...
פלעגט, פאַרשטייט זיך, אויסברעכן אַלע מאָל א קריג,
ער פלעגט שלאָגן יענע, יענע פלעגן שלאָגן צוריק.
און דער טאַטע, געדאַליע, ניט צעשיידט האָט זיך מיטן באַגער:
אָט־אָט, און זײַן זון א באַגרעבער וועט זײַן, פּונקט ווי ער...
נאָר דער יונג האָט ניט הערן געוואָלט פון די דאָזיקע רייד,
אַוועק אין א שלאָסער־וואַרשטאַט, מיטן טאַטן זיך שיִער ניט צעשיידט.

ס'פלעגט טרעפן אַמאָל — אַף א נאַכט פאַרשווינדן ער פלעגט פון דער היים,
מיט יונגען, אַזעלכע ווי ער, זיך שעפּטשען פאַרשטעלט און געהיים,

צי א ביכל — פון טאָוול צו טאָוול — געלייענט א גאַנצענע נאַכט
(געדאַליע דער לאַנגער האָט אויך לעם דעם זון די אויגן ניט צוגעמאַכט...).
איינמאָל אינדערפרי צו געדאַליען די סטראַזשניקעס זײַנען
געקומען צו גיין,
די שטוב איבערגעקערט, פון קאַס געקריצט מיט די ציין.
דערנאָכדעם געדאַליעס זון מיט עטאַפּן פאַרשיקט מ׳האָט עק־וועלט,
פאַרטריבן אים אַזש קיין סיביר, אַהין אין דער ווײַסער קעלט.
און געדאַליע דער לאַנגער מיט די צווײ, קיין אײַנהאָרע, אײַזערנע הענט
א פאַל האָט איינמאָל געטאָן, ווי אַן אונטערגעשניטענער דעמב.
און ס׳פּלעגט שוין די שכיינע
פון לעפל אים האָדעווען, ווי א קינד,
און טײַנען, אַז אָן א באַגרעבער די שטאָט איז געבליבן אַצינד...
ווען ס׳וואָלט ניט דער זון זײַנער, — האָט זי געקלאָגט זיך, —
ארוף אף א שלעכטן וועג,
די שטאָט וואָלט געהאַט א באַגרעבער, און מייסים אים וואָלטן געקלעקט...

נאָר אָט... אינעם שטעטל געבראַכט האָט די נײַס א סאָלדאַט:
געדאַליעס זון מ׳האָט געזען צווישן מוירדים אין פּעטראָגראַד!
פון פּאַרנט, אין שטראָם פון האַמוינים, געדאַליעס זון האָט געשפּאַנט,
א רויטע פאָן האָט געפלאַטערט בא אים אין דער האַנט!
געדאַליע דער לאַנגער, צעבראָכן און קראַנק,
געהערט האָט מיט נײַגער, און אָפּן געדאַנק
געקומען איז אים, אַז זײַן ווילן איז איצט
מעקויים געוואָרן:
— מײַן יורשׂ, דו ביסט
בעפּיירעש אַצינד א באַגרעבער, ניט קלאָגן
וועט קיינער, ווען דו וועסט דאָס אומרעכט באַגראָבן.

שיקע דער שטריקלדרייער

וויפל האָט שיקע דער שטריקלדרייער
פאַר זײַן לעבן אָנגעדרייט שטריק —
איר שטעלט זיך פאָר?
טאָג־נאָך־טאָג,
קיין אײַנהאָרע ניט, פופציק יאָר
האָט ער זיי געדרייט, די שטריק,
אַהין און צוריק די קלאָטשע געצויגן.
ווײ, וויפל שטריק האָבן דורכגעשווינדלט דורך שיקעס אויגן!
געווען איז ער ייִנגלווײַז
א לעקיש,
זאָל גאָט פאַר די רייד מיך ניט שטראָפן,
און דאָך —
ווי זי גייט און שטייט,
האָט ער די שיינע ביילקען
ניט אַנדערש, ווי מיט שטריק, פאַרדרייט.
ווער איז נאָך ביילקען ניט נאָכגעלאָפן!
בא שיקען האָט ביילקע אַלע מאַנטיק און דאָנערשטיק געקינדלט:
נא דיר א ייִנגל,
און ווידער א ייִנגל...
אײַ, איז ביילקע א קעכן געווען —
גאָלדענע הענט!
וואָס־וואָס, קאָכן האָט ביילקע געקענט.

ביילקע מאכט אַן עסיק־פֿלייש אַן אַנטיק. —
זי מאַכט אים, מיינט איר, פֿון וואָס?
פֿון שטריק.
איר עסט ביילקעס אַ קוגל און ווערט מאַמעש אַנציקט. —
זי מאַכט אים, מיינט איר, פֿון וואָס?
פֿון שטריק.
אַ העלדזל אַ געפּילטס מאַכט ביילקע גיך און געשיקט —
פֿון וואָס? אַוודאי פֿון שטריק.
אַ האַמענטאַש צו דער שכיינע זי שיקט.
זי מאַכט אים פֿון קלאָטשע, פֿון שטריק.
אַ פֿלאָדן — פֿון שטריק,
אַ שטרודל — פֿון שטריק,
אַ צימעס — פֿון שטריק,
אַ געבראָטנס אויך פֿון שטריק.
האַקלאַל — אַ גליק...

און שיקע האָט זיי געדרייט, די שטריק,
געצויגן די קלאָטשע אַהין און צוריק,
אַליין ניט באַמערקט, ווי פֿאַרפֿלויגן געוואָרן
בא שטריק און בא קלאָטשע עס זײַנען די יאָרן.

איין זון איז בא אים שוין אַן אינזשעניער,
אַ דאָקטער געוואָרן אַ צווייטער,
דער — אַ יוריסט, אַ לערער — דער,
דאָס האַרץ פֿרייט אים.

און מיטאַמאָל די מילכאָמע! —
מיט אַלע זין אים אָף אייביק צעשיידט
און ער —
די שטריק האָט געדרייט,
געפֿלאָכטן שטומערהייט,
זײַן אייגענעם צאַר און דעם צאַר פֿון דער וועלט פֿאַרפֿלאָכטן,
אַרויסקוקן אָף עפּעס אַ נעס פֿאַרשפּאַרט שוין.
פֿיר זין די מילכאָמע ניט אומגעקערט האָט אים צוריק,
ניט אומגעקערט צוריק...
זײַן ביילקע — געשטאָרבן, ניט דערלעבט צום זיג.
נאָר דער זיג איז געקומען.
אין שיקעס אויגן
מיט שטריק מ׳האָט באַצאָלט דעם סוינע פֿאַר אַלץ,
ווען אָפֿן פּלאַץ,
בא דער טליִע,
מע האָט פֿאַרצויגן
זײַנעם אַ שטריק
אַן „עסעס״
אָפֿן האַלדז.



אברהם קאהאן

די בראָדער זינגער

(פאָלקס־שפּיל אין 3 אקטן, 4 בילדער)

אָנטיילנעמער:

בראָדער זינגער:

ב ע ר ל ב ר אָ ד ע ר.
ב י נ י אָ מ י ן ד ע נ צ י ס.
י א ק אָ ו ו ק ע ד ו ב י נ ס ק י — געוועזענער סאָלדאט פון דער עסטרײַכישער ארמיי.
ד אָ ו ו י ד ל ש ט ע מ פ ל ע ר — געוועזענער מאציייוע־שלאָגער.
פ ר ו י ק ע ל י כ ט — געוועזענער מעשאָרעס.
פ ר ו מ ע — בערלס ווײַב.
י י צ כ אָ ק־ל יי ב ש ט יי נ ש נ ײַ ד ע ר — א רײַכער כאזער־האָר־סוחר.
כ ײַ ע־ג י ט ל — זײַן פרוי.
כ א ו ו ע ל ע — זייער טאָכטער.

ש י פ ר ע — זייער דינסט.
ש ע פ ס ל ש פ א ק — שטיינשנײַדערס מעשאָרעס.

כײַקל. / יודל. / פײַוול. / שמערל. } קלעזמער.

ג ע ד א ל י ע ה א ל פ ע ר י ן — א באל־מעיוכעס.
צ י פ ו י ר ע — זײַן פרוי.
ל י פ ע י אָ ל י ס — זייער פלעמעניק.
ד אָ נ י ע — א קרעטשמערקע.
נ א פ ט אָ ל ע — א באדכן.
י י ד ן, י י ד ע נ ע ס, מ ע כ ו ט אָ נ י ם, א ו י ל ע ם.

ערשטער אקט

דאָס ערשטע בילד

בא בערל בראָדער אין שטוב. א גרויסער צימער אלטמאָדיש מעבלירט. אף די ווענט — א פּאנאָ מיט אן אלטמאָדישן אָרנאמענט, א צווייטע פּאנאָ מיט אָנגעמאָלטע קעצעלעך. פארשיידענע פּאָטאָס. אף די פענצטער — פאָרהענגלעך.

פ ר ו מ ע. ביסט ניט געזונט, פילסט זיך שלעכט. אן עק, א סאָף. וועסטו שוין זיצן אין דער היים און אין ערגעץ ניט פאָרן.

ב ע ר ל. ווער וועט זיצן אין דער היים?

פ ר ו מ ע. נו, איך וועל זיצן אין דער היים, און דו וועסט זיך ארומשלעפּן איבער דער גאנצער וועלט... מיט דײַנע לידלעך.

בערל. וואָס זאָל איך מיט דיר ריידן, אז דו פאַרשטייסט מיך ניט.

פרומע. איך פאַרשטיי ניט... איך ווייס, אז א מאַן דאַרף זײַן לעם ווײַב. און דו? הײַנט ביסטו הי, און מאָרגן ביסטו ערגעץ אנדערש. ווו דו טאָגסט, דאָרט נעכטיקסטו ניט, און ווו דו נעכטיקסט, דאָרט טאָגסטו ניט...

בערל. איך בין דאָרט, ווו דער אוילעם. גיב מיר דעם אוילעם אהער איך שטוב אַרײַן, וועל איך זײַן לעם דיר. דער אוילעם איז אָבער אַף דער גאנצער וועלט, בין איך אויך דאָרט, ווו ער.

פרומע. צו וואָס טויג דיר דער אוילעם?.. און וואָס דאַרפסטו גאָר זײַן א זינגער? ס'איז דאָך א ביזאָיען. אָט האָט מען מיר דערציילט, אז בא פינקוסן אין גאַסט־הויז שטעלסטו זיך אוועק מיט דײַנע לייצים און זינגסט לידלעך, און פירנעמע סאָכרים, לײַטישע יידן לאַכן דיך אויס. ס'א בושע פאַר לײַטן, איך שעם זיך פאַרבײַגיין די גאַס. (פּאַוזע.) בערל... בערעלע... וואַרף אוועק דײַן קאָמפּאַניע. האָסט דאָך פון זיי קיין רייניש דעם טאָג איבערצוקומען... ווער צוריק מיט לײַטן גלײַך, מיר וועלן עפּענען א בערשטערײַ, ווי פריִער. דו האָסט דאָך גאָלדענע הענט. נו, גוט, וועסטו קאָנען אמאָל זיך אויך אראָפּכאַפּן אין אַן אנדער שטאָט, און קיין מאָלדאַוויע, קיין רוסלאַנד...

בערל. דו רעדט מיר ניט אײַן און לאָז מיך בעסער א טראַכט טאָן. איך דאַרף עפּעס צוטראַכטן פאַר מײַנע גוטעברידער, וואָס וועלן באַלד קומען.

פרומע. דײַנע גוטעברידער... איך וויל ניט, זיי זאָלן צו דיר קומען...

בערל. לאָז מיך געמאַך.

ער טראַכט, שפּרינגט אלעמאָל אוף פונעם אָרט, ווען עס פאַלט אים אײַן א געדאַנק.

בערל.

מײַנע ליבע און גוטע ברידער,
הערט זיך אײַן אין יעדן קלאַנג,
וואָס איך וויל מיט מײַנע לידער,
מיט דעם מונטערן געזאַנג.

איך, בערל פון בראָד,
בין א פּאָשעטע בריִע.
איך זוך ניט קיין גנאָד
און וויל ניט אין די הימלען פליִען.

ס'איז מיר שווער ניט כויזעק מאַכן
מיט מײַן וויץ און מיט מײַן ליד.
פון דעם אוישער מוז איך לאַכן,
און דערפון ווער איך ניט מיד.

איך זינג פון טויזנטער זאַכן,
וואָס פאַראַן איז אַף דער וועלט,
פון דעם כאָסיד וויל איך לאַכן —
און דער אוילעם קוועלט און קוועלט.

פאַרוואָס זאָל בערלען ניט פאַרדריסן,
ווי עס לעבט דער אָרעמאַן.
איך וועל אלעמען באַגריסן,
ווו נאָר ערגעץ פרייד פאַראַן.

איך, בערל פון בראָד,
בין א פּאָשעטע בריִע.
איך זוך ניט קיין גנאָד,
און וויל ניט אין די הימלען פליִען.

פון צוויי אָפענע פענצטער שטעלן זיך אַרײַן אייניקע פון בערל בראָדערס קאָמפּאַניע — ביניאָמין דענציס, יאַקאָווקע דובינסקי, דאָוויד שטעמפּלער — און מע כאַפּט אונטער די ליד.

אלע. מיר זינגען פון טויזנטער זאכן,
וואָס פאראן איז אף דער וועלט.
פון דעם כאָסיד,
פון דעם אוישער
אויסצולאכן,
און דער אוילעם קוועלט און קוועלט.

מיר, די בראָדער,
מיר, די זינגער,
מיר, די פריילעכע, בראווע יונגען,
טוען זיך פארשטעלן
פאר ווּעמען איר ווּעט ווּעלן:
פאר א שאדכן,
פאר א כאָסיד,
פאר א באדכן,
פאר א פאסטעך,
פאר א טעסלער,
וואסער־טרעגער,
שינדל־שלעגער
און באלדארשן,
פאר א כאזן,
פאר א לעך — א בלאזן.

ביניאָמין. איך בין ביניאָמין דענציס,
ניומצי דענציס.
איך זינג מיר
און כאפ דערצו א טענצל.
שטאמען שטאם איך גאָר פון ווײַט,
נאָר דאָ וווין איך שוין א לאנגע צײַט.
לויטן פאך — א בעקער,
נאָר בעקען
בעקע איך
קיינמאָל ניט.

יאקאָווקע. און איך בין יאקאָווקע דובינסקי,
מע רופט מיך קאָווקע — איך שפרינג לאָווקע.
א יונג — א כוואט,
געווען א סאָלדאט, א באראבאנשטשיק
אין דער עסטרײַכישער ארמיי,
געקלאפט צום טאקט
איינס־צוויי, איינס־צוויי.
נאָר אויב ס'איז אזא קאָמפאניע פאראן,
אין וואָס טויג מיר דאָס קלאפן אין באראבאן?

שטעמפלער. איך בין דאָוויד שטעמפלער,
א מאצייווע־שלאָגער.
כ'וויל ניט מיין —
קלאפן אין שטיין.
איך האָב שטאלט
און האָב כיין,
וויל איך אליין,
איר זאָלט מיך פארשטיין,
אז ס'איז בעסער זינגען,
איידער קלאפן מיט א האמער
אין א שטיין.

אלע. יאָ, אָבער פארן זינגען
גיט מען קלינגערס?

בערל. קלינגערס?
אז מע זינגט גוט —
קלינגט גוט.
אלע. און אז מע זינגט שלעכט?
בערל. האָט עס קיין רייניש ניט די ווערט.
אלע. און אז מע זינגט שטיל, מיט געפיל?
בערל. איז דאָך אוודע גוט.
אלע. און אז מע זינגט הויך מיט קויעך?
בערל. קאַכט אוף דאָס בלוט.

עס קומט אַרײַן פּרויקע ליכט.

בערל. וואָס איז מיט דיר, עפראַיִם? ווו ביסטו געווען?

פּרויקע. אין גאַסט־הויז בא פּינקוסן. אַזויפיל סאַכרים זײַנען זיך צונויפגעפאָרן פון גאָר דער וועלט. איך טו א קוק — יִיצכאָק־לייב שטיינשנײַדער פון בערדיטשעוו, מײַן געװעזענער באלעבאָס, דער סויכער פון כאַזער־האָר. ער האָט מיך ניט געזען. קאָנט איר זיך פאָרשטעלן, ווי דאָס בלוט האָט אין מיר געגומען זידן. איך האָב זיך דערמאָנט, ווי ער האָט עס זיך נויקעם געווען אין מיר. וואָס הייסט? ווי וואָג איך, פּרויקע ליכט, א מענטש אין זײַן געשעפט, גאָר שפּילן א ליבע מיט זײַן איין־און־איינציק טעכטערל? און דערצו זינג איך נאָך לידלעך... איך קאָן אים ניט מויכל זײַן, וואָס ער האָט מיך ארויסגעטריבן. (פּאַוזע.) איר הערט, וואָס איך האָב זיך דערוווּסט: מײַן כאַוועלען מאַכט מען כאַסענע אינגיכן. יִיצכאָק־לייב האָט איר געקויפט עפּעס א כסידישן כניאַק. איך ווייס, אז כאַוועלע האָט מיך ליב... איך געדענק גוט אונדזערע באַגעגענישן... אײַ, איז דאָס א מיידל...

בערל. זע נאַר, ווי ס'האָט זיך אין אים צעברענט די ליבע.

פּרויקע. איך בין זיכער, אז זי האָט מיך ניט פאַרגעסן. ס'איז מיר באַשערט געווען צו דערוויסן זיך. האָב איך זיך אוועקגעזעצט אין גאַסט־הויז אין א זײַט און מיט איין אויער געכאַפּט, ווי יִיצכאָק־לייב האָט דערציילט א צווייטן סויכער, אז ער פאָרט איצט פון ווין, און אין דער היים בא אים גרייט מען זיך צו א סימכע. „צו וואָס פאַר א סימכע?" — פרעגט מען בא אים. „וואָס הייסט? — פּאַטשט ער זיך אין בויך. — איך מאַך כאַסענע מײַן איינציקע טאָכטער. דער כאָסן איז גאָר פון א געהויבן אָרט, פון כאַשעווע כסידים". עפּעס האָט ער אָנגערופן איינעם פון סלאַווועטע — פאַראַן אין רוסלאַנד אַזאַ שטעטל, — איך האָב ניט אײַנגעהערט ווער...

בערל. וואָס זשע ביסטו געוואָרן אַזוי טרויעריק, רעב פּרויקעלע ליכט? האָסט זיך אַזוי פאַרקרימט, ווי ס'זאָל דיר ניט גוט ווערן אפן האַרצן.

פּרויקע. פון וואָס זאָל מיר זײַן גוט אפן האַרצן? דערפון, וואָס מײַן כאַוועלען וועט וועט מען מיט גוואַלד כאַסענע מאַכן פאַר עפּעס א כניאַק?
דענציס. פאַרוואָס מיינסטו, אז מיט גוואַלד?

פּרויקע (כאַפּט א בייזן קוק אף דענציסן). בערל, זאָג אים, ער זאָל מיר ניט ריידן אין דער גאַל אַרײַן.

בערל. ניומצי דענציס, דו זעסט דאָך, דער יונג איז צעקאָכט.
דענציס. איז ניט. א קאַזיאָנע שטעמפּל אף די ליפּן — שאַ.
שטעמפּלער. שטעמפּל — דאָס מיינט מען מיך?
דענציס. נישט דיך, רעב דאַווידל שטעמפּלער, א קאַזיאָנע שטעמפּל.
שטעמפּלער. א־א־א...

פּרויקע (שפּרינגט אוף דערפרייט). יאָ, איינער א סויכער אין גאַסט־הויז האָט געייצעט יִיצכאָק־לייבן, ער זאָל אײַנלאַדן צו זיך אף זײַן טאָכטערס כאַסענע אונדזער כאַליאַסטרע, די בראָדער זינגער. „די בראָדער זינגער? — האָט ער איבערגעפרעגט. — עס וועלן בא מיר, זאָגט ער, זײַן א קאַפּעליע קלעזמער און א גערימטער באדכן" (פּאַוזע.)

יאַקאָווקע. וואָס זשע איז געוואָרן?

פּרויקע. האָבן מיט אים די מענטשן אין גאַסט־הויז געגומען אײַנטײַנען: „וואָס פאַרגלײַכט איר קלעזמער צו אונדזערע בראָדער זינגער..." ס'וואָלט געווען גוט, ווען מיר פאָרן אף דער כאַסענע צו יִיצכאָק־לייב שטיינשנײַדערן, וואָלט איך געזען כאַוועלען...
דענציס. ווי מע פאַרשלײערט זי, און דו זעסט עס צו...

בערל. רעד ניט אין דער גאל ארײַן.

דענציס. איז ניט.

פרומע פירט ארײַן א יונגערמאן, אָנגעטאָן האלב אלטמאָדיש, האלב־דײַטשיש.

שעפסל. ווער איז דאָ דער גלאוונער קנאקער?

פרויקע. שעפסל... וואָס טוסטו דאָ?

שעפסל. אוי, פרויקע! דו לעבסט, און מיר האָבן געמיינט, אז ס'איז שוין דײַן געביין ניטאָ. איך בין א מעשאָרעס בא ייִצכאָק־לייב שטיינשנײַדערן. אָף דײַן אָרט. ער האָט מיך מיטגענומען אין דער נעסיִע, און כ'האָב אויסגעזען א וועלט... און דו ביסט טאקע דעמלט, נאָך דעם, ווי ייִצכאָק־לייב האָט דיך ארויסגעטריבן, אנטלאָפן אין דער וועלט ארײַן צו די זינגער? (קוקט זיך ארום.) ווער איז בא אײַך דער גלאוונער קנאקער?

בערל. וואָס האָט איר געוואָלט?

שעפסל. איר זײַט עס? איך בין שעפסל שפאק, א מענטש בא ייִצכאָק־לייב שטיינ־שנײַדערן, דעם גרויסן סויכער פון כאזער־האָר.

בערל. א סויכער פון כאזער־האָר? זייער וויל.

שעפסל. האָט ער מיך צו אײַך געשיקט אָנזאָגן, אז ער וויל, איר זאָלט קומען צו זײַן טאָכטער אָף דער כאסענע פריילעך מאכן דעם אוילעם... די הויצאָעס נעמט ער אָף זיך, פארשטייט זיך. איר וועט ניט דערלייגן... נישקאָשע, ער האָט גענוג.

א פאוזע. פרויקע ווינקט צו בערלען, ער זאָל מאסקים זײַן.

פרומע. שוין, ווידער זיך לאָזן אין דער וועלט ארײַן, איך זאָל בלײַבן איינע אליין...

בערל. זאָגט אים, אײַער סויכער פון כאזער... האָר, אז איך דארף אים ניט. איך האָב ליב צווישן פראָסטן אוילעם, אין א שענק, אין אן אכסאניע, אין א ווײַנקעלער, אין א טיי־הויז... איך דארף ניט קיין גווירישע כאסענעס.

שעפסל. אוי, הערט אויס, מײַן באלעבאָס האָט א פולן בײַטל מיט אסיגנאציעס, אזוי־פיל געלט... אניט זאָל איך, שעפסל שפאק, אָנלייגן מיטן קאָפּ. אָט אזויפיל־אָ... א בארג... פרויקע, זאָג עפעס א וואָרט.

בערל. איך דארף ניט קיין געלט. מײַנע פערל וועל איך פאר אזא פארשוין ניט שיטן. בא מיר איז טײַער און הייליק יעדעס וואָרט פון מײַן ליד. איך, בערל פון בראָד, — אין שענק, צווישן אוילעם...

שעפסל. וואָס רעדט איר, וואָס? אָף דער סימכע וועט זײַן אזא אוילעם... די הרעבליע וועט זיך אָפּרײַסן. אָף אזא כאסענע קומט מען פון אלע עקן פון וועלט...

פרויקע (רוימט אים אײַן אפן אויער). דו גיי, שעפסל, שפעטער וועלן מיר געבן ענטפער... ווו וועל איך דיך געפינען?

שעפסל. טאקע אין גאסט־הויז בא פינקוסן, אפן אייבערשטן גאָרן... רעד אים אײַן, אײַער גלאוונעם קנאקער... בא נעגידים דארף מען נעמען... אזא בײַטל מיט געלט... (אָפּ.)

בערל בראָדער איז פארטאָן אין זײַנע געדאנקען.

דענציס. און דו, פרויקע, הייסט מיר שווײַגן. מיט א קאזיאָנע פעטשאַט...

פרויקע. ניין. איצטער רעד.

דענציס. הערט אויס, מײַנע ליבע ברידער, וואָס איך וועל אײַך זאָגן. די געשעפטן גייען בא אונדז מיט דער פוטער אראָפּ. פון דער לעצטער נעסיִע קיין ווארשע האָבן מיר קיין גרויסן נאכעס ניט געהאט — די הויצאָעס שטײַגן אריבער דאָס פארדינסט. דארף מען זיך אָנכאפּן פאר אזא גליק.

שטעמפלער. צי ס'איז א גליק — איז נאָך א פראגע.

יאקאָווקע. אָבער ס'איז דאָך ניטאָ וואָס אָנצוווערן.

דענציס (קוקט זיך איבער מיט פרויקען). אויסער אלץ, דארף מען צוליב טאָן אונדזערן א ברודער, פרויקען. ער כאלעשט פאָרן א קוק טאָן, וויאזוי אונטער דער כופּע וועט זײַן הייס־געליבטע שטיין מיט עפעס א שלימאזל, א כסידישן יאַלדאק...

פרויקע. הער אויס, בערל. לאָמיר מאכן א נעסיִע קיין בערדיטשעוו און דערנאָך אין יענעם קאנט. מע וועט אונדז דאָרט טראָגן אָף די הענט... דער אוילעם האָט ליב געזאנג, א קאטאָוועסל, א וויץ, א גראַם, א גלײַכווערטל. אויך איך... איך האָב ליב כאוועלען.

אלע. בערל, וואָס שווײַגסטו?

בערל. נו, גוט. נעמט צונויף די שמאַכטעס, און לאָמיר ווידער זיך לאָזן אין דער וועלט אַרײַן מיט אונדזער געזאַנג, און זאָל זײַן מיט גליק. (צו פרויקען.) און דעם דאָזיקן כאַזער־נאָגיד דײַנעם, ווי הייסט ער דאָרטן, וואָס וויל באַ דיר צונעמען דײַן געליבטע, וועלן מיר אָפּשפּילן אַ כאַסענע, אַז די ערד וועט זיך וויגן...

פרומע. וואָס, בערל, פאָרסט שוין ווידער אַוועק? אוי, ס'איז מיר שלעכט...

פרויקע. דערפאַר איז אָבער מיר גוט. כאַוועלע, איך פאָר צו דיר...

— פאָרהאַנג. —

דאָס צווייטע בילד

א צימער אין א נעגידישער שטוב. די פענצטער גייען ארויס אין א גאָרטן. ס'הערט זיך א פויגל־געזאנג. כאַוועלע מיט א ביכל אין דער האנט קוקט ארויס דורכן פענצטער און זינגט שטיל.

כאַוועלע.
ווען דו זאָלסט וויסן, פייגעלע,
ווי ס'בענקט מײַן הארץ און וואַרט,
וואָלסטו צו אים אוועקגעפלויגן
און מיר א גרוס געבראַכט.
סע נאָגט מײַן הארץ, אוי, זינגערל,
ווען דו, ווען דו פאַרשטייסט,
וואָלסטו צו אים אוועקגעפלויגן
און מיר געבראַכט א טרייסט.

כײַע־גיטל (קומט ארײַן און הערט זיך אײַן אין דער טאָכטערס געזאַנג). דו זינגסט טרויעריקע לידלעך... האָסט שוין מער ניט וואָס צו טאָן, נאָר זיצן באַם פענצטער?

כאַוועלע. וואָס זאָל איך טאָן, מאַמע?

כײַע־גיטל. א קאַלע־מיידל, וואָס דאַרף אינגיכן גיין צו דער כופע, זעצט זיך אוועק אַזוי לעם פענצטער און זינגט, גלײַך ווי א שיף מיט זויערמילך איז איר אונטערגעגאַנגען... דו פאַרשטייסט כאָטש, ווער דער כאָסן דײַנער איז?

כאַוועלע. איך וויל ניט וויסן.

כײַע־גיטל. שאַ, זאָל קיינער ניט הערן, מ'עט מיינען, ייִצכאָק־לייב שטיינשנײַדערס באַסיעכידע איז, כאָלילע, פון די געדאַנקען...

כאַוועלע. זאָל מען מיינען...

כײַע־גיטל. דער טאַטע וועט דערהערן, וועט זײַן כוישעך. דו ווייסט דען, וויפל געזונט ס'האָט געקאָסט, ביז מ'האָט געטאָן דעם שידעך? א קליינײקײַט, אַזא ייִכעס... דער כאָסן שטאַמט פונעם סלאַוווטער ראָוו. ער איז א יאָסעם, דערצויגן געוואָרן באַ פרומע פעטער און מומע...

כאַוועלע. איך דאַרף עס ניט וויסן.

כײַע־גיטל. וויי איז מיר, וואָס רעדסטו? מע קאָן מיינען, אַז א דיבעק איז אין דיר אַרײַן. שאַ, אָט גייט דער טאַטע...

ייִצכאָק־לייב (קומט ארײַן, אָנגעטאָן ווי א סויכער פון יענע צײַטן, וואָס פאָרט ארויס אין דער וועלט אַרײַן: אין א פּליסענער קאַפּאָטע, זײַדענער יאַרמלקע. די קאַפּאָטע איז צעשפּיליעט, און פון זשיליעט־קעשענע הענגט אַראָפּ א גראָבע גאָלדענע קייט פון א זייגער. ייִצכאָק־לייב איז א לײַביקער ייִד מיט א שיינער באָרד). נו, כאַוועלע, איך האָב דיך נאָך רעכט ניט געזען, זינט איך בין געקומען. ווי פילסטו זיך, טאָכטער?

כאַוועלע. א דאַנק דיר, טאַטעניו.

ייִצכאָק־לייב. האָסטו שוין געזען דאָס צײַג, וואָס איך האָב דיר געבראַכט אויף כאַסענע־קליידער? (כאַוועלע שווײַגט.) ...אַזא זײַדנס האָבן נאָך אונדזערע שניטקרעמערס קיינמאָל אין די אויגן ניט געזען. אַן אַנטיקל. (כאַוועלע שווײַגט.) ...וואָס שווײַגסטו, טאָכטערוניע? הײַנט האָב איך געבראַכט פאַרן כאָסן א מאַטאָנע — איינע אין דער וועלט. צי ווייסטו כאָטש, ווער דײַן כאָסן איז? דאַרפסט זיך שעצן גליקלעך (קוקט איר אַרײַן אין די אויגן.) מיר דאַכט, אַז דו ביסט מיט עפּעס ניט צופרידן. (צום ווײַב.) וואָס איז מיטן קינד?

כײַ ע־ג י ט ל. וואָס פרעגסטו מיך? פרעג בא איר...

י י צ כ אָ ק־ל ײַ ב. וואָס האָב איך זי וואָס צו פרעגן, זי האָט בא מיר א דייע? דיך האָט מען געפרעגט, אז מע האָט דיך געדאַרפט כאַסענע מאַכן מיט מיר? און מיך האָט מען געפרעגט? קנאַסמאַל, כאַסענע, כופע — דאָס איז מײַן זאַך, ניט קײנעמס.

כ א װ ו ע ל ע. איך וויל ניט כאַסענע האָבן...

י י צ כ אָ ק־ל ײַ ב. וואָס? א ײדישע טאָכטער זאָל אַרויסבּרענגען פאַרן מויל אַזעלכע ווערטער... כײַע־גיטל, אויב די שטאָט וועט זיך דערוויסן, וועט מען אונדז באַשטעקן מיט פעדערן.

כ ײַ ע־ג י ט ל. וואָס האָסטו געזאָגט, כאַוועלע?

י י צ כ אָ ק־ל ײַ ב. איך לייג אײַן די וועלט, דו זאָלסט האָבן א כאָסן, וואָס זיצט טאָג ווי נאַכט און לערנט... א וועלט מיט שאַדכאָנים האָבן פאַר מיר געזוכט א כאָסן... וואָגסטו מיר אַזוינס צו זאָגן. ווו ביסטו עס אויסגעוואַקסן, לאָמיך וויסן? דו ווייסט, ווער דײַן טאַטע איז? מיט מיר האַנדלען די גרעסטע סאָכרים. אין לײַפּציק בין איך געוועזן...

כ ײַ ע־ג י ט ל. הערסט, טאָכטער, דײַן טאַטע איז געוועזן אין לײַפּציק...

י י צ כ אָ ק־ל ײַ ב. פעדאָצערס קאַפּעלע קלעזמער וועט זײַן אַף דער כאַסענע, און די בראָדער זינגער...

כ ײַ ע־ג י ט ל. ווער, זאָגסטו?

י י צ כ אָ ק־ל ײַ ב. אײַ, וואָס ווייסטו, ײדענע? אין בראָד, אין איינעם א גאַסט־הויז, האָט מען מיר אופגעגעבן, איך זאָל פאַרבעטן צו כאַוועלען אַף דער כאַסענע א כעוורע זינגער, אַזעלכע לייצים, פאַרשלעפּטע קרענק. ווו איז ערגעץ שעפּסל... שעפּסל! (רופט.)

כ ײַ ע־ג י ט ל. שיפרע!

ש י פ ר ע (לויפט אַרײַן). וואָס איז, באַלעבאָסטע?

כ ײַ ע־ג י ט ל. זוך אויס שעפּסלען, דער באַלעבאָס דאַרף אים האָבן.

ש י פ ר ע. טייקעף. (לויפט באַלד אַרײַן צוריק.) שעפּסל איז ניטאָ.

י י צ כ אָ ק־ל ײַ ב. ווען מע דאַרף אים האָבן, דעם לײַדאַק, איז ער ניטאָ. (אָפּ.)

כ ײַ ע־ג י ט ל. ווו לויפט ער עס אַרום, דער ליידיקגייער?.. (גייט אויך אַרויס.)

ש י פ ר ע. כאַוועלע, ס'איז דיר סומנע אַפן האַרצן? מיינסט, איך פאַרשטיי ניט?

כ א װ ו ע ל ע. וואָס פאַרשטײסטו?

ש י פ ר ע. ווילסט ניט כאַסענע האָבן מיטן טאַטנס כאָסן...

כ א װ ו ע ל ע. פונוואַנען ווייסטו?

ש י פ ר ע. איך האָב זיך אונטערגעהערט. וואָס זשע, איך האָב גאָר קיין נעשאָמע ניט? דער באַלעבאָס מיינט, אז ער שרײַט „מויד! מויד!“, בין איך שוין גאָר קיין מענטש ניט. נישקאָשע, זאָל נאָר עמעצער וועלן מיך אָנרירן מיט א פינגער, וועט שעפּסל זיי אַלעמען באַווײַזן. אָט איז טאַקע שעפּסל.

ש ע פ ס ל (באַווײַזט שיפרען אַף שטומלאָשן, זי זאָל אַרויסגיין פון צימער).

ש י פ ר ע. מיך מיינסטו?

ש ע פ ס ל. וועמען דען? נו, שטעל פיס...

שיפרע גייט אַרויס אָן כיישעק.

ש ע פ ס ל. כאַוועלע, איך האָב דיר געבראַכט א ידיִעע...

כ א װ ו ע ל ע. מיר? פון וועמען?..

ש ע פ ס ל. נאַ, לייענסט דאָך ביכלעך, טאָ לייען איבער.

כ א װ ו ע ל ע (קוקט אין בריוול, כאַפּט זיך אָן באַם האַרצן). אוי, פון פרויקען... ווו האָסטו אים געזען?

ש ע פ ס ל. אין בראָד.

כ א װ ו ע ל ע. ווו איז עס ערגעץ?

ש ע פ ס ל. ווײַט פונדאַנען.

כ א װ ו ע ל ע (לייענט ווײַטער). אוי... ער קומט צו פאָרן... (איבעראַשט.) שעפּסל, ווען קומט ער?

ש ע פ ס ל. אינגיכן. אין בראָד זיץ איך מיר אַזוי אין א גאַסט־הויז, עס מיר און טרינק. איך טו א קוק — פרויקע... פרויקעלע, וואָס איז געוועזן א מענטש בא דײַן טאַטן און איז פאַרצווייאַרן אַנטלאָפן פון שטאָט, און מענטשן האָבן געזאָגט, אז צו די בראָדער זינגער... „פרויקע, פרעג איך אים, וואָס טוסטו דאָ?“ — „איך זינג און מאַך זיך נאַריש“, ענטפערט ער. דער באַלעבאָס האָט אים ניט געזען...

כ א װ ו ע ל ע. אָבער פאַרוואָס איז ער דעמלט אַנטלאָפן? פון מיר איז ער אַנטלאָפן?

שעפּסל. ניין, כּאַוועלע, ניט פון דיר. „גיב איבער כּאַוועלען, — האָט מיר געזאָגט פּרויקע, — אַז אַף קיין איין מינוט האָב איך אין איר ניט פאַרגעסן...״

כּאַוועלע. פאַרוואָס זשע האָט ער ניט צו וויסן געגעבן וועגן זיך ביז איצט?

פּרויקע. אַף אַלצדינג קומט אַ צײַט. האָט ער איצט זיך אָפּגערופן...

כּאַוועלע (דרייט זיך אַרום צעמישט איבערן צימער, ווייסט ניט וואָס צו טאָן). זאָג זשע מיר, שעפּסל, ווען וועט ער קומען?

שעפּסל. צו דער כּאַסענע.

כּאַוועלע. צו וועלכער כּאַסענע?

שעפּסל. צו דײַנער.

כּאַוועלע. צו מײַן כּאַסענע?

שעפּסל. הער נאַר, דו האָסט כּאַסענע, צי איך האָב כּאַסענע?

כּאַוועלע (שרײַט אַף אַ קאָל). איך האָב ניט כּאַסענע... (מיט אַ לויכטנדיק פּאָנעם.) פּרויקע קומט צו פאָרן... איך וועל ניט גיין צו דער כּופּע...

כּײַע־גיטל (קומט אַרײַן). וואָס איז מיט דיר, טאָכטער? (דערזעט שעפּסלען.) וואָס טוסטו דאָ?

שעפּסל. דער באַלעבאָס האָט מיך גערופן, האָב איך געמיינט... (אָפּ.)

כּאַוועלע. מאַמע, ביסט אַמאָל געווען אין אַ וואַלד?

כּײַע־גיטל. ווײ איז מיר, וואָס רעדסטו?

כּאַוועלע. אין אַ וואַלד ביסטו אַמאָל געווען?

כּײַע־גיטל. ווי קום איך אין אַ וואַלד?

כּאַוועלע. ...ווען סע רוקן זיך אָן כמאַרעס און סע ווערט אַ מעסוקענע פינצטערניש... שרעקלעך...

כּײַע־גיטל. וואָס פאַר אַ פינצטערניש, וואָס פאַר אַ וואַלד? ביסט באַ דײַן טאַטן אין שטוב...

כּאַוועלע. ...דו שטייסט און ציטערסט... און די כמאַרעס גייען איבער דײַן קאָפּ אָן אופהער...

כּײַע־גיטל. וואָס טוט זיך עס מיטן קינד?

כּאַוועלע. ...און פּלוצעם אַנטלויפן די כמאַרעס, און סע גייט אוף די זון, און אַרום־און־אַרום ווערט אַזוי ליכטיק, אַז סע בלענדט אַזש אין די אויגן...

כּײַע־גיטל. נו גוט, גוט. אַבי ס'איז דיר ליכטיק אין די אויגן. ס'וועט, אימירצעשעם, זײַן דײַן כּאַסענע, און סע וועט דיר זײַן גוט דאָס גאַנצע לעבן.

כּאַוועלע (נעמט אַרום די מוטער). מאַמע, מאַמעניו... ס'איז מיר אַזוי גוט אַפן האַרצן, אַז עס גלוסט זיך אַזש טאַנצן...

כּײַע־גיטל. ווויל, מײַן קינד. זעסטו שוין, אַז מע דאַרף הערן, וואָס אַ טאַטע זאָגט, וועט דיר שטענדיק זײַן גוט.

כּאַוועלע. יאָ, מאַמעניו, האַרצעניו. ס'איז מיר טאַקע גוט אין יעדן אייווער...

כּײַע־גיטל. ייִצכאָק־לייב, ייִצכאָק־לייב, ווו ביסטו ערגעץ? קום אַהער, וועסטו הערן, וואָס כּאַוועלע זאָגט.

ייִצכאָק־לייב (קומט אַרײַן). וואָס זאָגט זי אַזוינס, לאָמיך הערן?

כּײַע־גיטל. זי זאָגט, זי זאָגט... זאָג דעם טאַטן אַליין, כּאַוועלע.

ייִצכאָק־לייב. נו, גיכער, לאָמיך הערן, ס'וואַרט אַף מיר אַ סויכער פון אָדעס.

כּײַע־גיטל. וואָס זשע שווײַגסטו? וואָס זאָגסטו ניט דעם טאַטן? הערסט, ייִצכאָק־לייב, דאָס קינד זאָגט, אַז אין פינצטערן וואַלד האָבן זיך צעזייט די כמאַרעס, און ס'איז אופגעגאַנגען די זון, און ס'איז איר געוואָרן גוט אַפן האַרצן...

ייִצכאָק־לייב. וואָס דרייסטו מיר דעם קאָפּ מיט דײַנע מײַנעלאָשן? לאָמיך וויסן, וואָס וויל זי.

כּײַע־גיטל. זי וויל כּאַסענע האָבן, און ס'איז איר אופגעלייגט אַפן האַרצן...

ייִצכאָק־לייב. אָט אַזוי רעד. איך ווייס דען ניט, וואָס פאַר אַ כּאָסן צו נעמען פאַר מײַן באַסיעכידע?

כּאַוועלע. ס'איז מיר אַזוי גוט און אַזוי ליכטיק אין די אויגן...

ייִצכאָק־לייב. וועסט אים דערזען, וועט דיר ערשט ווערן ליכטיק אַף דער נעשאָמע.

כּאַוועלע. יאָ, טאַטע, אַף דער נעשאָמע...

ייִצכאָק־לייב. און דו וועסט זיך מיט אים עלטערן אין אוישער און אין קאָוועד.

כּאַוועלע. געוויס.

ייִצכאָק־לייב. מע זאָגט, ער איז אזוי שיין, אז מע קאָן ניט קוקן אף אים, ווי אף דער זון.

כאוועלע. יאָ... יאָ...

ייִצכאָק־לייב. ער איז מאָלעכיין.

כאוועלע. טאקע...

ייִצכאָק־לייב. איצטער בין איך רויִק. אז איך מאך א געשעפט, ווייס איך, וואָס איך טו. (ס'הערט זיך א שטים: „רעב ייִצכאָק־לייב!") איך גיי, איך גיי. (אָפּ.)

כײַע־גיטל. א כאכאָמע בא מיר — מײַן קינד... (אָפּ.)

כאוועלע (מיט גרויס צופרידנקײַט און האָפענונג). עפראָיִם... פרויקעלע... איך וואַרט אף דיר... איך וואַרט... (אָפּ אין דער צווייטער זייט.)

שעפסל (לויפט ארײַן, זוכט).

שיפרע (קומט ארויס פון הינטער א פאָרהאנג). שעפסל...

שעפסל. זע נאָר, דו גאָר...

שיפרע. דו זוכסט מיך, אפּאָנעם?

שעפסל. ווּעמען דען דאַרף איך?

שיפרע. איך ווייס... כ'האָב געמיינט, דו דאַרפסט דעם באַלעבאָס.

שעפסל. איך בענק נאָך אים שטארק.

שיפרע. נאָך ווּעמען דען בענקסטו?

שעפסל. נאָך ווּעמען? נאָכן מילכיקן קלינגל... (פּאוזע.) שיפרע, עפשער וואָלט געווען א יוישער, מיר זאָלן אויך שטעלן א כופּע? וואָסי, דאַרפסט טאקע וואַרטן ביזן גרויען צאָפּ?

שיפרע. ע, ווען איך זאָל זײַן א נעגידיש טעכטערל, וואָלט מען מיך גלײַך אויסגעכאפּט.

שעפסל. טאקע, מע כאפּט שוין מיידלעך אין די גאסן...

שיפרע. איך בין דען עפּעס א מיידל מיט כעסרוינעס? אײַ, איך בין א דינסט בא יענעם... איז וואָס זאָל איך טאָן, אז איך בין א יעסוימע און איך האָב ניט פאַר ווּעמען זיך צו פעסטען...

שעפסל. פעסטען זיך... ווען מע גיט דיר אזא כאָסן, ווי כאוועלען, וואָלסטו אויך גע־מאכט א שיינעם מישעביירעך. ס'איז ווײַל דו שאַדכנסט זיך צו מיר...

שיפרע. שעפסל! שעפסעלע קאָלבויניק...

שעפסל. אײַ, וועט זיך דאָ טאָן... ס'וועט זײַן כוישעך...

שיפרע. דו מיינסט טאקע, אז זי קאָן אויספירן און ניט גיין צו דער כופּע מיטן טאטנס כאָסן?

שעפסל. מיט אזא אקשן, ווי ייִצכאָק־לייב, מאכט מען גאָרניט. ער, אז ער מאכט א געשעפט, דרייט ער ניט אף צוריק. ער האנדלט מיט כאזער־האָר...

שיפרע. קלערסט טאקע אף אַן עמעס מיט דער כופּע?

שעפסל. מיט וועלכער כופּע?

שיפרע. וואָס דו האָסט פריִער געזאָגט? (ווײַזט אף זיך און אף אים.)

שעפסל. יאָ, ס'וואָלט טאקע געווען א יוישער, אז מיט איין וועג זאָלן די מעכוטאָנים אף כאוועלעס כאסענע זײַן אויך אונדזערע מעכוטאָנים... מיר זײַנען דאָך ביידע יעסוימים...

שיפרע. אוי, גאָט טײַערער, ווי דערלעבט מען עס שוין!

שעפסל (זינגט). ווי דערלעבט מען, אז איך
זאָל ניט זײַן קיין מעשאָרעס.

שיפרע. און איך קיין דינסט־מויד
אף דער קיך...

ביידע. באַלעבאָטים זאָלן אופהערן
שלאָגן מיט אונדז די קאפּאָרעס
און ווען סע פארגלוסט זיך,
ארויסוואַרפן דיך,
און ארויסוואַרפן מיך, —
ווי דערלעבט מען!..

רעפרען: מע יאָגט דיך אהער,
און מע טרײַבט דיך אהין,
מע האָרעוועט פיל

און מע האַרעוועט שווער.
מע יאָגט דיך באַטאָג
און מע טרײַבט דיך באַנאַכט,
נאָר מע שווײַגט און מע שפּאַסט,
און מע וויינט, און מע לאַכט...

ביידע. ווי דערלעבט מען שוין די גוטע צײַטן,
ווען מיר וועלן מיט מענטשן ווערן גלײַך.
און לעבן אַזוי, ווי מע לעבט בײַ לײַטן,
ניט אָנקומען קיינמאָל צו דעם, וואָס איז רײַך.
ווי דערלעבט מען!

רעפרען: מע יאָגט דיך אַהין...
ביידע. דערווײַל איז פינצטער און וויסט צו לעבן.
שעפסל. איך בין אַ מעשאָרעס.
שיפרע. און איך בין אַ דינסט.
ביידע. מיר וועלן ניט אופהערן קיינמאָל צו שטרעבן,
מיר זאָלן לעבן פון אונדזער פאַרדינסט, —
ווי דערלעבט מען!
רעפרען. מע יאָגט דיך אַהער,
און מע טרײַבט דיך אַהין,
מע האַרעוועט פיל
און מע האַרעוועט שווער.
מע יאָגט דיך באַטאָג
און מע טרײַבט דיך באַנאַכט,
נאָר מע שווײַגט און מע שפּאַסט,
און מע וויינט, און מע לאַכט...

— פאַרהאַנג.

צווייטער אקט

א קרעטשמע. מע זעט דעם אַרײַנגאַנג און אויך דעם אינעווייניק. אַ סטאָיקע, לעם איר — פעסער ווײַן. צוויי טירן פירן אין באַזונדערע צימערלעך. אַף די ווענט הענגען הערנער פון הירשן. הינטער דער סטאָיקע — דאָניע די קרעטשמערקע. פון הינטער אַ בוים באַווײַזן זיך עטלעכע קלעזמער, זיי זײַנען אונטערן גלעזל.

כײַקל. אײַ, האָט דער פאַרעץ געזופט.
פײַוול. כײַקל?
כײַקל. יאָ, איך. וואָסי?
פײַוול. האָסט געזען, דער פאַרעץ האָט געגאָסן, ווי אַף אַ שטיין?
שמערל. אַ צאַ פאַנע? געדענקסט יענץ לידעלע:

Час крутκий —
Напиймося вудки.
Час другий —
Напиймося раз другий...

כײַקל. און בײַ מיר איז קראַנק דאָס קלענסטע קינד... פײַוול, וואָס לויפסטו, ווי אַ הירש?
פײַוול. כײַקל, וווהין גייען מיר?
כײַקל. יודל ווייסט.
יודל. איך? שמערל ווייסט.
שמערל. איך? איך וויל גאָר שלאָפן.
יודל. וווהין זײַנען מיר געקומען און וווהין גייען מיר?
שמערל. מיר גייען צו שטיינשנײַדערן אַף דער כאַסענע, און געקומען זײַנען מיר...
פײַוול, וווהין זײַנען מיר?..

פּיַוול. באַלד... מיר זיַינען באַ א קרעטשמע, מיר, די געריממטע קלעזמער.

שמערל. אַז דו טוסט א שפּיל אַף דיַין קלאַרנעט, ווערט באַ דעם מענטשן פאַרציטערט דאָס האַרץ.

יודל. און אַז דו טוסט נאָר א פּיר מיטן סמיטשעק איבער די סטרונעס פון דיַין פידל — שטאַרבן אָפּ אַלע אייוורים פאַר פאַרגעניגן.

פּיַוול. און איך אַף מיַין פּיַיפל, אַף מיַין פלייט — דינע, איידעלע קלאַנגען.

אַלע שטעלן זיך אַריַין אין קרעטשמע.

דאָניע. זע נאָר א קאָמפּאַניע, מע קאָן דאָך אַף די פיס ניט איַינשטיין.

שמערל. דער פּאָרעץ איז ניט איַינגעשטאַנען אַף די פיס. ער האָט אַזוי געהעפּעט און געהאָפּקעט, אַז די ערד האָט געציטערט אונטער אים.

דאָניע. ווער דאַרף עס וויסן, ווי דער פּאָרעץ האָט געהאָפּקעט?..

שמערל. הער נאָר, וואָס זי זאָגט. דו ווייסט, ווער דער פּאָרעץ איז?

כיַיקל. ער האָט קיין גראָשן ניט באַצאָלט. מיר האָבן אָפּגעשפּילט וואָס איר ווילט — וואַלסן און דאָבראַניטשן, מאַזורקעס און וואָס ניט. און ערשט צום סאָף האָט מען אונדז... (וויַיזט מיט די הענט, פאַרענדיקט ניט.)

פּיַוול (טוט א פּיַיף). ווי אַף דער פּאַפּיאָלע — פּיו־פּיו־פּיו־ו־ו.

דאָניע. וואָס פּיַיפט ער עס, דער שלימאַזל?

יודל. דאָס בין איך א שלימאַזל, פּיַוול איז א גליקלעכער, אים האָט מען אַרויסגעטראָגן שיראַיִם פונעם פּאָרעצס טיש.

פּיַוול (באַלעקט זיך אַזש). און וויַין פונעם אַלטן קעלטער... אוי, וויַין — פּרימאַ!

שמערל. באַלעבאָסטע, וואָס פאַר א וויַין איז באַ איַיך פאַראַן?

דאָניע. און טאָמער, אַשטייגער, איז ניט דער סאָרט, וואָס באַם פּאָרעץ, וועט איר דאָך ניט טרינקען.

פּיַוול. פאַרוואָס? איך טרינק.

דאָניע. הער נאָר, ער שטעלט זיך גאָר ניט אָפּ. רעב זאָגט זשע, ס'איז באַ מיר זויערער וויַין, ווי עסיק?

פּיַוול. נישקאָשע.

דאָניע. געזאַלצן, ווי ליאַק.

פּיַוול. ס'מאַכט ניט אויס.

שמערל. און איך וויל גאָר שלאָפן...

כיַיקל. און באַ מיר איז קראַנק דאָס קלענסטע קינד...

דאָניע. נו, גייט שוין בעסער און לייגט זיך צו, אָט אַהער אין צימער, דאָ שטייען פיר געלעגערס. (עפנט די טיר און וויַיזט מיט דער האַנט.)

די קלעזמער גייען איינציקוויַיז אַריַין אין צימער.

דאָניע. אָט שלימאַזאָלים, שלעפּן זיך מיט די באַנדורעס פון כאַסענע צו כאַסענע... (עס דערהערט זיך א וויאָקען.) ווער איז עס דאָרטן? וועמען טראָגט עס דער גוטעריאָר? (זי לויפט אַרויס אַפן גאַנעקל, אַנטקעגן קומען אָן דריַי פּאַרשוינען.)

ציפּוירע. אָט דאָ וועלן מיר מיסטאַמע קאָנען איבערנעכטיקן. (שריַיט אין די קוליסן.) מוישע־דאָן, קאָנסט אויסשפּאַנען די פערד. (צום מאַן.) וואָס דען, גדאַליע, מירן זיך שלעפּן אין דער פינצטערניש מיטן קינד?

גדאַליע. מיטן קינד... וואָס רעדסטו, ציפּע, א כאָסן־באָכער איז באַ דיר א קינד?

ציפּוירע. באַ מיר איז ער נאָך א קינד. אַז מיַין אומגליקלעכע שוועסטער איז, נעבעך, געשטאָרבן און נאָך איר דער שוואָגער מיַינער, איז ליפּעלע אַלט געווען קוים דריַי יאָר.

געדאליע. אָבער איצטער איז ער שוין, קיין אײַנהאָרע, אַלט... וויפל איז ער אַלט, דײַן פלעמעניק?

ציפּוירע. ביז הונדערט און צוואַנציק איז ער איצט אַלט שוין אַכצן יאָר.

געדאליע. איז ער דאָך שוין ניט קיין קינד.

ציפּוירע. בא מיר איז ער נאָך א קינד. קום אהער, ליפּעלע. פאמעלעך, דאָ איז א טרעפל.

דאָניע (וואָס האָט זיך אײַנגעהערט אין שמועס). וואָס זאָגט איר אפּן קינד? א גאנצער ווערגעלעץ אָן אײַזערנער...

ליפּע. מומעניו, וווהין זײַנען מיר עס געקומען? צום מעכוטן?

ציפּוירע. ניין, אין א קרעטשמע.

ליפּע. ווו זשע זײַנען די שיידים?

דאָניע. א וויסטער כאָלעם אף אָט דעם קינדס קאָפּ!

געדאליע. ניטאָ קיין שיידים. פונוואנען נעמען זיך אהער שיידים? וואָס רעדט ער בא דיר?

ציפּוירע. נו, אוואדע, בא די מעיוכאָסים, בא די פרומאקעס די האלפּערינס, האָט מען די קינדער וועגן קיין שיידים ניט דערציילט.

געדאליע. ניין, בא די גאדלאָנים, בא די יאָליסעס, האָט מען טאָג ווי נאכט געהאלטן אין איין אײַנריידן די קינדער וועגן שיידים.

ציפּוירע. נו־ו־ו! מײַן מעיוכעס פון די האלפּערינס...

געדאליע. מײַן גאדלענטע — פון די יאָליסעס... (טײַנענדיק, גייט מען ארײַן אין קרעטשמע.)

דאָניע (שטייט בא דער זײַט און כידעשט זיך). וואָס האָט איר פארלאנגט?

די ארײַנגעקומענע קוקן זיך ערשט ארום און דערזעען די קרעטשמערקע.

געדאליע. ציפּוירע, ווער איז די אישע?

ציפּוירע. ווער זײַט איר עס? (באטראכט די קרעטשמערקע מיט גאדלעס.) מיסטאמע א דינסט־מויד.

דאָניע. צו מײַנע סאָנימס קעפּ!.. איך ווער בין? איר פּארפּאָרט צו מיר אין קרעטשמע, ווו איך בין באלעבאָסטע, פון זינט מײַן שמועל איז געשטאָרבן. צי האָט איר אין דער גאנצער געגנט נאָך אזא דאָניע די קרעטשמערקע? הער נאָר — ווער איך בין? די שענסטע פּריצים פון דער געגנט שטעלן זיך בא מיר אָפּ. זאָגט מיר בעסער, וואָס ווילט איר?

די געסט קוקן זיך איבער, פארבאהאלטן זיך אונטער דער מומעס פּלייצע.

ציפּוירע. הער נאָר, ווי זי רעדט עס מיט אונדז! ווו איז ערגעץ אונדזער באלעגאָלע? (לויפט צו דער טיר, נאָך איר ליפּע.) מוישע־דאָן, שפּאן צוריק אײַן די פערד. (צום מאן.) טו זיך אָן, און לאָמיר גלײַך פאָרן צו די מעכוטאָנים קיין בערדיטשעוו. וואָס איז דאָס פאר אן אָנשיקעניש!

געדאליע. שאַ, שרײַ ניט! וווהין וועלן מיר פאָרן אנטקעגן נאכט?

דאָניע (ווייכער). אוואדע, זיי זײַנען טאקע גערעכט. וווהין וועט איר זיך לאָזן אנט־קעגן נאכט?

ציפּוירע. הערט א מײַסע, וואָס זשע פילדערט איר אזוי?

דאָניע. א מאָשל, מע קאָן דאָך בא אײַך עפּעס פארדינען. עפּעס איבערכאפּן ווילט איר ניט?

ציפּוירע. ניין, מײַן מאן עסט נאָר היימישע מײַכאָלים. און דאָס קינד אויך.

דאָניע (כויזעקט אָפּ). ס׳קינד!.. אויב איר וועט זיך וועלן אָפּרוען, קאָנט איר אָט דאָ־אָ (ווײַזט אף א טיר), אין דעם אלקערל.

שמערל (קומט ארויס). באלעבאָסטע, איר האָט געזאָגט, אז בא אײַך איז פאראן סאר־דאקער ווײַן? אײַ, איז דאָס א סאָרט!

דאָניע. סארדאקער, האָב איך געזאָגט? בא מיר איז דאָ א בעסערער. לויטערער ווײַן, אזוי ווי בורשטין. וואַרט נאָר אויס, רעב קלעזמער, איך וועל זיי ווײַזן דאָס אלקערל.

שמערל. וואָס איז דאָס פארא געסט?

ליפּע (שפּרינגט ארויס). איך פאָר צו מײַן קאלע, צו ייִצכאָק־לייב שטיינשנײַדערס באסיעכידע...

געדאליע. שא־א־א... (ווינקט צו דעם ווײַב.)

ציפּוירע (צו געדאליען). וואָס איז, ער איז שוין א גרויסער.

שמערל. אזוי... קומט דאָך טאקע בעפּיירעש מאשקע. באלעבאָסטע, דערלאנגט אײַער לויטערן בורשטין.

געדאליע, ציפּוירע און ליפּע — אָפּ. שמערל בלײַבט איבער און ווארט, די באלעבאָסטע זאָל דערלאנגען עפּעס אין מויל ארײַן. זי כאפּט זיך ניט.

שמערל. נו, אף וועמען ווארט איר? (ווײַזט אפן צימער, ווו די קלעזמער שלאָפן.) זיי פּאָפּן און דארפן ניט...

דאָניע. און ווער וועט באצאָלן?

שמערל. וואָס הייסט — ווער? איר האָט דאָך געהערט: זיי פאָרן צו שטיינשנײַדערן אף דער כאַ־סענע. דאָס זײַנען די מעכוטאָנים פון כאָסנס־צאַד, און מיר זײַנען עס די קלעזמער... זיי וועלן באצאָלן, וואָס דען? איר ווייסט, ווער דאָס איז? רעב געדאליע האל־פּערין — א באל־מעיוכעס, א גערימטער מענטש. איר האָט ניט געהערט? וואָס זשע זײַט איר פאר א קרעטשמערקע? א קרעטשמערקע דארף אלץ וויסן. אײַער קרעטשמע שטייט דאָך אפן טראקט, ווו די גאנצע וועלט פאָרט פארבײַ... הערט נאָר, פארוואָס איז בא אײַך ניטאָ דער סארדאקער? יענץ איז אזא מאשקע, וואָס מײַן טאטע איז געוועזן קאפּאבל אָפּגעבן פאר אים די נעשאָמע.

דאָניע (ניט געײַלט, גיסט אָן פון א פּעסל אין א פלאש). וואָס פאר א סארדאקער? איך האָב דאָך אײַך געזאָגט, אז בא מיר איז ווײַן — לויטער, ווי בורשטין... (גייט צו דער סטאָיקע, גיסט פון איין קיילע אין דער צווייטער. שמערל ווארט מיט אומגעדולד.)

שמערל. יאָ, לויטער, ווי בורשטין. כ'האָב פארגעסן. אָט וועל איך אים פארזוכן, וועל איך אײַך גלײַך זאָגן.

עס דערהערט זיך א רויש פון אָנקומענדיקע. דאָניע און שמערל הערן זיך אײַן.

דאָניע. אָט וועל איך גיין א קוק טאָן, ווער איז דאָרטן?

זי גייט צו דער טיר, שמערל נעמט עפּעס פון דער סטאָיקע און זעצט זיך אוועק אונ־טערהאלטן דאָס הארץ. עס קומען אָן די בראָדער זינגער.

פרויקע. אָט איז יענע באַרימטע קרעטשמע.

דענציס. מיט וואָס איז זי באַרימט?

פרויקע. אהער קומען פריצים פון טיף רוסלאנד הערן, ווי עס זינגען די גערימטע סאָלאָווייען.

יאקאָווקע. לאָז געמאך. די עמעסע סאָלאָווייען פאָרן ערשט איצט!

פרויקע. וועמען מיינסטו?

יאקאָווקע (צו בערלען). זאָג אים נאָר, וועמען איך מיין.

בערל. אונדז, אונדז מיינט ער. ביסט שוין באלד צוויי יאָר מיט אונדז, און ווייסט נאָך ניט, אז מיר זינגען פאר אוילעם, און ניט פאר קיין פריצים.

פרויקע. איך דארף זיי אף קאַפּאָרעס, די פריצים.

דאָניע קוקט זיך אײַן אין די ארײַנגעקומענע כעוורע, וואָס זײַנען אָנגעטאָן ניט אזוי געוויינלעך, ווי אנדערע מענטשן.

שטעמפּלער (צו דאָניען). ווער איז דאָ דער באלעבאָס?

דאָניע. ניטאָ קיין באלעבאָס. וואָס פארלאנגט איר? איך בין די קרעטשמערקע.

שטעמפּלער. אזוי? פארוואָס זשע ווייסן מיר עס ניט? איר הערט, ברידער, ס'האָט זיך געפונען א באלעבאָסטע. און מיר גייען ארום און זוכן דעם באלעבאָס.

דענציס. און נאָך א מין פײַנע באלעבאָסטע.

יאקאָווקע. און א מין שיינע באלעבאָסטע...

בערל. און א מין קלוגע באַלעבאָסטע!

דאָניע ווייסט גאָר ניט, ווי צו רעאַגירן דערויף, קוקט מעוואַלוול אף זיי.

פרויקע. איר געדענקט, ברידער, דאָס לידעלע, וואָס איך האָב אײַך געהאַט אויסגעלערנט? א לידעלע פון אונדזערע קאַנטן. (פאַרציט, אַלע כאַפּן אונטער.)

באַלעבאָסטע — גוטינקע, גוטינקע,
גוטינקע, גוטינקע באַלעבאָסטע, } 2 מאָל
גוטינקע מײַכאָלימלעך!

באַלעבאָסטע — זיסינקע,
זיסינקע, זיסינקע באַלעבאָסטע... } 2 מאָל
זיסינקע... קיכעלעך!

באַלעבאָסטע — זויערע,
זויערע, זויערע באַלעבאָסטע, } 2 מאָל
זויערע... אוגערקעס!

די קרעטשמערקע איז צופרידן פון דער ליד. זי שמייכלט אונטער.

פרויקע. נו, באַלעבאָסטעניו, איצטער דערלאַנגט עפּעס אין מויל אַרײַן.

דאָניע. וואָס, איר דאַרפט אויך עסן?

בערל. איר הערט, בראָדער זינגער, צי מיר דאַרפן עסן? ניין, באַלעבאָסטע, מיר עסן ניט, מיר לייגן אונטערן אויער. מיר לעבן פון געזאַנג און פון א טענצל, איאָ, כעוורע?

אלע. געוויס.

בערל. און די באַלעבאָסטע מיינט גאָר, אַז מיר עסן. ניין, כאָלילע! (זינגט.)

מיר עסן ניט, מיר טרינקען ניט —
עסן עסט א גוויר...
א געגנדזועלע, א ייִכעלע —
ניט פאַר דיר און ניט פאַר מיר!

און מיר?
מיר זינגען און מיר לאַכן,
מיר שפּאַסן פון נעגידים,
מיר שפּאָטן אָפּ פון זאַכן —
מיר!..

זיי — די זאַטע און די רײַכע,
זיי — מיט טײַסטערס און מיט בײַכער,
זיי מעגן זיך פאַרגינען
טרינקען אָן א שיר.

מיר עסן ניט, מיר טרינקען ניט —
עסן עסט א גוויר.
מיר זינגען נאָר, מיר טאַנצן נאָר,
און לאַכן אָן א שיר...
מיר!

דאָניע. א כאַליאַסטרע לייצים!

פרויקע. וועט איר שוין עפּעס דערלאַנגען?

דאָניע. און ווער וועט באַצאָלן?

די בראָדער קוקן זיך איבער.

דאָניע. אָט יענער (ווײַזט אף שמערלען, וואָס שטייט אין א זײַט), ער איז פון די קלעזמאָרים. ער האָט אויך ניט צו באַצאָלן.

בערל. מיר צאָלן! (זינגט.)
מיר צאָלן מיט געזאַנג,
מיר צאָלן מיט דער פרייד,
מיט וויציקע ווערטלעך,
מיט שטעכיקע רייד.
מיר צאָלן פאַר אַלע,
פאַר אַלע אָרעמעלײַט,
פאַר זייער וויסטער דאָליע
צאָלן מיר פאַרשײַט...
מיר צאָלן פאַר די ליידן
פון אָרעמע אַלמאָנעס,
שיקן מיר א שטעכוווערטל
דעם נאָגיד — שאַלעכמאָנעס.

מיר צאָלן פאַר דעם אומגליק
פון אָרעמע יעסוימים,
מיר שיקן א קאַטאָוועסל
דעם נאָגיד דורכן קוימען...

מיר צאָלן מיט געזאַנג,
מיר זאָגן גוט אַרײַן...
און אײַך, באַלעבאָסטע,
באַצאָלן פאַרן ווײַן.
מיר צאָלן
און מיר צאָלן,
מיר שטעכן, ווי מיט אָלן,
מיר זאָגן גוט אַרײַן!..

פרויקע. נו, איצט דערלאַנגט עפּעס איבערכאַפּן.

דאָניע (טראָגט אַרײַן פאַרשיידענע מײַכאָלים). אָט האָט איר געפּילטע פיש, און אָט איז א געגנדזן פּופּיקל, און דאָס איז אָפּגעזאָטן פלייש, און דאָ האָט איר אײַך פּאַרקילטע פּעטשאַ...

פרויקע. און ווײַן ווו איז?

שמערל (פון זײַן ווינקל). איר ווײַן איז לויטער, ווי בורשטין.

דאָניע. ער האָט שוין פאַרזוכט מײַן ווײַן. איאָ, פּרימע?

שמערל. שעבעפּרימע, מע קאָן זיך זען מיט דער באָבען פון יענער־וועלט. (מאַכט א זויערע גרימאַסע).

פרויקע. אזוי זויער?

שמערל. כאַלילע, זיס, ווי האָניק.

עס עפנט זיך די טיר פון אַן אַלקערל, און ס׳באַווײַזט זיך די מומע מיטן פּלעמעניק. זיי זײַנען האַלב־אויסגעטאָן. זי פירט אים פאַר דער האַנט. געדאַליעס שטים: „ציפּוירע. וווהין גייסטו?"

ציפּוירע. איך פיר דאָס קינד כאַפּן פרישע לופט פאַרן שלאָף...

אלע. ס׳קינד?!

דענציס (צו שמערלען). ווער איז דאָס?

שמערל. מע פאָרט אַף א כאַסענע צו שטיינשנײַדערן. דאָס איז דער כאָסן מיט זײַן מומע. דאָרטן איז נאָך פאַראַן דער פּעטער.

פרויקע (לאָזט אַרויס א געשריי און כאַפּט זיך אָן פאַרן קאָפּ). אוי!

בערל. אָט דאָס איז די צאַצקע?! פרויקעס קאָנקורענט?.. אז אָך און ווײ איז צו דיר!

(פרויקע לויפט נאָך דער מומע מיטן כאָסן אין דרויסן.) ער איז גוט אין דער אַרבעט, דער באָכער.

דאָניע. וואָס זשע עסט איר ניט?

בערל. מיר עסן, באַלעבאָסטעניו. דערלאַנגט, וואָס האָט איר נאָך?

דאָניע. אוי, איך האָב דאָך נאָך אַן אָפּגעבראָטענעם לעבער.

די בראָדער. גיט אהער!

דאָניע. און א געגנדזענע פּולקע — זיך צו באַלעקן!

בערל. דערלאַנגט!

דאָניע. ווו זשע איז יענער מיט די ביסטרע אויגן?

געדאַליע (פונעם אַלקער). ציפּוירע, ווו ביסטו ערגעץ?

ציפּוירע (קערט זיך אום מיטן כאָסן־באָכער). איך גיי, איך גיי. כ׳האָב געפירט דאָס קינד כאַפּן פרישע לופט...

פרויקע (וואָס איז נאָכגעגאַנגען דעם פּאָרל). איר האָט געזען דאָס אַנטיקל? כעוורע... אז אָך און ווײ איז צו כאַוועלען!

בערל. קום אהער, האַלט זיך דערווײַלע אונטער דאָס האַרץ, ווײַסטו האָבן קויעך איבערצוטראָגן די צאָרעס.

פרויקע (טוט זיך א קלאַפּ אין שטערן). הערט אויס, בראָדער ברידער, מיר קאָנען זיך פאַרשטעלן, צי ניין?

א מימישע סצענע. אלע טראַכטן.

בערל. ווועלן מיר באַווײַזן אונדזערע א שפּיל, און זאָל מען וויסן, וואָס די בראָדער זינגער קאָנען!

אלע (זינגען).

מיר קאָנען זיך פאַרשטעלן
פאַר וועמען מירן ווועלן:
פאַר א שאַדכן,
פאַר א באַדכן,
פאַר א שערער,
פאַר א קוימענקערער,
פאַר א פעלנשינדער,
פאַר א ליכטנצינדער,
פאַר א פויקער,

פאַר א הויקער,
פאַר א קאַפּצן,
פאַר א גוויר.
איך פאַר דיר
און דו — פאַר מיר.
פאַר א בסולע,
פאַר א דולער,
פאַר א קאַלע,
פאַר א כאָסן,

און פאַר אַלע, פאַר וועמען מירן וועלן:
איך פאַר דיר מיר — די בראָדער,
און דו — פאַר מיר. מיר — די זינגער,
מיר קאָנען זיך פאַרשטעלן — מיר!..

פאַרהאַנג.

דריטער אקט

פאַרן פאַרהאַנג. שיפרע לויפט אַ פאַרפּאַטיעטע. אַ יִדענע מיט אַ גראָב קאָל לויפט איר נאָך.

יִדענע. שיפרעניו, קרוינעניו, מיר מעגסטו דערציילן. מע זאָגט, אַז סלוווע די סאַר־ווערן האָט אָפּגעקאָכט אַזעלכע קאַרפּן, אַז עס ברעכט דער מויעך.

שיפרע. איז וואָס זשע אַרט אײַך, אַז מע זאָגט?

יִדענע. וואָס הייסט? וועט מיסטאַמע מיר אויך עפּעס אַראָפּפאַלן פונעם טיש. (פאַר־שטעלט שיפרען דעם וועג.) וואַרט נאָר, שיפרעניו, הײַנט זאָגט מען, אַז סלוווע האָט אָפּגע־באַקן אַזאַ פלאָדן...

שיפרע. אָפּגעבאַקן. נו, וואָס זשע ווילט איר?

יִדענע. הער נאָר דו, דינסטמויד, וואָס רעדסטו מיט מיר אַזוי? האָסט פאַרגעסן, אַז דו ביסט געווען אַזאַ שלעפּערן, ווי איך, ביז כײַע־גיטל האָט דיך אַרײַנגענומען צו זיך אין קיך אַרײַן? הערט נאָר אַ מײַסע, זי וויל גאָר ניט דערציילן. מיר דאַרפן עס וויסן.

שיפרע. ווער איז דער „מיר”?

יִדענע. וואָס הייסט? שיפרעניו, האַרצעניו, אַ שטאָט מיט עוויונים. ס'האָט זיך אָפּגע־ריסן די הרעבליע... דו ווייסט דען, וואָס סע טוט זיך אין שטאָט?.. (ביידע אָפּ.)

עס לויפט פאַרבײַ שעפּסל. אַ יִיד מיט אַ דין קעלכל לויפט אים נאָך.

דער יִיד. שעפּסל, שעפּסל, לויף ניט אַזוי.

שעפּסל. קיין צײַט ניטאָ. וואָס ווילט איר?

דער יִיד. וואָס זאָל איך וועלן? איך וויל זײַן אַף דער כאַסענע.

שעפּסל. מאַכט מיט די ליפּן.

דער ייִד. וואָס רעדסטו, שעפסל? איך וואַרט דערויף מײַן גאַנץ לעבן.

שעפסל. נו, האָט איר זיך דערוואַרט. (וויל אוועקגיין.)

דער ייִד. וואַרט, שעפסעלע, זאָג מיר, איך בעט דיך, ס'איז עמעס, אַז די כאַסענע־קליידער האָט גענייט אַ ווינער שנײַדער, וואָס רעב ייִצחאָק־לייב האָט אַראָפגעבראַכט מיט זיך?

שעפסל. איך האָב ניט געזען.

דער ייִד. וואָס הייסט? ביסט דאָך אַ היימישער מענטש! וואַרט נאָר, שעפסעלע, און דאָס, וואָס מע זאָגט, אַז מ'האָט געבראַכט פײַגן מיט טייטלען און מע וועט טיילן אַלע קאַפּצאָנים?

שעפסל. טייטלען — ווייס איך ניט, נאָר פײַגן וועט מען געוויס טיילן...

דער ייִד. און, שעפסל... מע זאָגט, פעדאָצערס קלעזמער זײַנען געקומען.

שעפסל. פעדאָצערס קלעזמער זײַנען שוין דאָ.

דער ייִד. און עפּעס, זאָגט מען, אַז רעב ייִצחאָק־לייב האָט אַראָפגעבראַכט די בראָדער זינגער...

שעפסל. אַז מע זאָגט, ווייסט מען, וואָס מע זאָגט.

דער ייִד. אוי, אַ כאַסענע, איין מאָל אין אַ יויוול טרעפט זיך אַזאַ סימכע! ייִדן, קומט אַף דער כאַסענע! (אָפּ.)

שיפרע (לויפט אַרויס). אוי, אוי, אוי, אַ צאָרע!

שעפסל. וואָס האָט געטראָפן?

שיפרע. זי כאַלעשט.

שעפסל. ווער? כײַע־גיטל?

שיפרע. ניין, די קאַלע.

שעפסל. נו, יאָ, אַז מע האָט אַזאַ כאָסן, ווי דער סלאַוווטער לאַנד־כאָכעם...

שיפרע. מע קאָן זי גאָר ניט אָפּמינטערן...

שעפסל. אוודע האָבן אַנדערע מיידלעך אַ שענער מאַזל... (קוקט מאַמזעריש אַף שיפרען, זי פאַרשטייט, וואָס ער מיינט.)

שיפרע. וואָס זשע קומט זיי אַרויס פונעם שיינעם מאַזל?

שעפסל. ס'וועט אַרויסקומען, זײַ זיכער...

שיפרע. מירן שוין זען, שעפסעלע, וואָס דו קאָנסט... אוי, געסט גייען שוין, און איך האָב זיך נאָך אַפילע ניט אָנגעטאָן. (אָפּ.)

עס עפנט זיך דער פאָרהאַנג. אַ צימער, צוגעגרייט פאַר דער כאַסענע. אייניקע געסט זיצן שוין, די קאַלע אין אַ שטול אין דער מיט, ווישט פון צײַט צו צײַט די אויגן. עס דערנענטערט זיך אַ פּאָרל.

נאַפטאָלע באַדכען.

אָט גייט, אָט גייט... ווער גייט דאָרט?
אַף מײַן וואָרט,
דער קאַלעס אַ פעטער
מיט דער קאַלעס אַ מומע.
ער הייסט נאַכמען דער דיקער,
און זי — פעסעלע די פרומע.
(עס באַווײַזט זיך נאָך אַ פּאָרל.)

שאַט, שאַט, שאַט!
אָט גייט, אָט גייט
דער זיידע רעב דאָוויד
מיט דער באָבע ביילע —
אוי, איז דאָס אַ קיילע!
באַ דער גאַנצער שטאָט
האָט ער גרויסן קאָוועד,
און זי שוין אויך בעמיילע.

שטילער, שטילער,
סאָכרים גייען!
דער שניטקרעמער רעב זײַנוול
מיט זײַן ווײַבל טײַבל,
מיט אַ פיגור דין ווי אַ בײַוול.
און אָט איז רעב כאַצקל אַליין —
אַ סויכער פון צעלניק
און פון העלפאַנדביין.
ער מיינט, זײַן ווײַב האָט כיין,
איז ער געקומען מיט איר צו גיין.

און אָט קומט דער מילנער קאַלמען
(ער וואָלט שוין געמעגט בלײַבן אַן אַלמען)
מיט זײַן ווײַב דווירע,
וואָס די גאַנצע שטאָט
האָט פאַר איר פיסק מוירע.

זאָל זײַן שטיל:
סע שפּאַנט שימען דער ליוועראַנט,
מיט אים זײַן רייזי
אונטער דער האַנט.

און אָט איז שוין אויף דער שוועל
רעב צאַלעק, וואָס האַנדלט
מיט לעדער און מיט פעל.
ער איז אַזוי קאַרג,
אַז זײַן ווײַב ווערט בײַ אים געשוואָלן,
ווי אַ באַרג...

און דאָס איז דער קאַלעס אַ קרויווע —
פערעלע די שיינע.
זי מיינט, זי האָט געטאָן אַ טויווע,
וואָס זי איז געקומען אַהער זיך כיינען.

...מע גייט נאָך אַלץ, עס גייען געסט,
מע שפּאַנט זיך פּאַמעלעך און פעסט.
אַ פולע שטוב, אַ פולער הויף.
שאַט, מע לויפט, מע לויפט:
דער קאַלעס צוויי כאַווערטעס —
מינציע און שפּרינציע.
צוויי קעפּעלעך
צו צוויי צעפּעלעך.

ביידע מיידלעך לויפן צו צו דער קאַלע. די קאַלע צעוויינט זיך פאַר זיי.

נאַפּטאָלע. מיידלעך, מיידלעך, גייט אַוועק, מע דאַרף די קאַלע באַזעצן.

צו דער קאַלע גייען צו כײַ־גיטל, דעם כאָסנס מומע ציפּוירע און אַנדערע ווײַבער.

שעפּסל. רעב נאַפּטאָלע באַדכן, איר מאַכט עס גוט, נאָר אָט זײַנען שוין געקומען די בראָדער זינגער, וועלן זיי אײַך דעקן.
נאַפּטאָלע. מיך?.. ס'וועט זיי קיין פולווער ניט קלעקן.

עס קומען אַרײַן בערל בראָדער מיט זײַנע כעוורע. ער באַטראַכט די געסט, באַגעגנט זיך מיט די אויגן מיט נאַפּטאָלען.

נאַפּטאָלע. וואָס קוקסטו אַזוי און וואָס מאַכסטו זיך גרויס?
בערל (צו זײַנע כעוורע). ווער איז די מויז אין אָט דעם הויז?

שעפּסל. נאַפּטאָלע באַדכן.
בערל. אַ גראַמען־לאַטכען.
נאַפּטאָלע. אַך, ווילסט גראַמען,
וועל איך מיט זיי באַלד דיך אָפּסאַמען.
בערל. ווילסט זיך וועטן,
ווער עס קאָן מיט אַ גראַם
דעם קאָפּ פּלעטן?
נאַפּטאָלע. אָט אַ כאָכעם!
ס'אַ מעלאָכע!
שרײַבסט זיך פריִער אין דער היים
מיט דער פעדער אויף פּאַפּיר,
מאַכסט עס שטילערהייט, געהיים,
און קומסט דערנאָך אַהער צו גיין

מיט א גרייט קאטאָוועסל,
מיט א פארטיקן וויץ!

בערל. נאפטאָלע, אָן היץ!

נאפטאָלע. דו שלאָג ניט איבער
און באווײַז כאריפעס
מיטן וואָרט
דאָ
גלײַך,
אפן אָרט. (פאוזע.)
שווײַגסט און שמייכלסט?

בערל. א שאָד מיר מײַנע ווערטער
פאר אזא מין גראמען־פלעכטער.

נאפטאָלע. וואס טויג עס מיר,
וואָס טויג עס אונדז?
דו באווײַז א קונץ
ניט אף פאפיר,
נאָר רעד, ווי איך,
דו זינג גלײַך אפן אָרט,
און ניט אף נאָטן,
וועלן מיר זען —
צי וועט מען לאכן,
ווערן אופגעזאָטן
פון דײַן שוואכן
גראמען מאכן,
פון דײַן שפאָטן.

בערל. קריכסט אין פײַער,
ס'וועט דיך קאָסטן טײַער.

נאפטאָלע. איך הער דיך פאר א דרײַער.

בערל. נאפטאָלע,
כ'וועל מיט דיר מאכן האוודאָלע.
און ווערסט פלאמען
אין מײַנע גראמען.
בוירע מעוירע האייש —
כ'וועל פון דיר בראָקן שטיקער פלייש!

נאפטאָלע. (צעציט די זילבן).
א־דע־רא־בע!

בערל (צעציט אויך די זילבן). רעדסט ווי א באבע.

נאפטאָלע. פלאטשיק.

בערל. אָבער געכאפט אפן האטשיק.

נאפטאָלע. פלאָך!

בערל. אָבער צו דער זאך!

נאפטאָלע. דרייסט זיך אפן קאָרעק!

בערל. האָסט געוואָלט אן עקספראָמט —
איז נא פארבײַס,
און רעד צום לאָמפ.

נאפטאָלע. וואָס האלטסטו זיך אזוי גרויס?

בערל. נישקאָשע, אונדזער שפיל איז נאָך פארויס.

נאפטאָלע (נעמט זיך די קאלע באזעצן).
קאלע־לעבן, קאלע־לעבן,
ווייך זשע, וויין,
אויב דו ווילסט צום גליק שטרעבן,
זאָלסטו מיט א גרינג הארץ צו דער כופע גיין.
אזוי ווי די ערד דארף האָבן א רעגן,
אזוי זאָל דיר באשערט זײַן א גרויס פארמעגן.

אַזוי ווי דער הימל איז פול מיט שטערן,
אַזוי זאָלסטו אַ נעגידעסטע ווערן,
און זאָל דיר זײַן באַשערט צו לעבן לאַנג,
און דער שידעך זאָל דיר קיינמאָל ניט טוען באַנג.

מע פירט אַרײַן דעם כּאָסן צום באַדעקנס. עס באַגלייטן אים דער קאַלעס פאָטער יִיצחאָק־לייב שטיינשנײַדער, דעם כּאָסנס פעטער גדאַליע האַלפּערין און די געסט, וואָס זײַנען פריִער געקומען. ווען דער כּאָסן נעמט דעם דעקטוך, לאָזט די קאַלע זיך ניט צודעקן דעם קאָפּ, זי וויינט. בייס ער בייגט זיך אָן צו דער קאַלע, טוט ער אַ שעפּטשע.

כּאָסן. האָב ניט מוירע. איך האָב דיך ליב...

די קאַלע קוקט אויף אים מיט שרעק, טוט אַ רעגע אַ דעק אַפּ דאָס פּאָנעם.

כּאָסן. כּאַוועלע, איך האָב געבענקט נאָך דיר.

ציפּוירע. וואָס איז דאָס פאַר אַ לאַשן? גדאַליע, הער נאָר, וויִאַזוי דאָס קינד האָט זיך צערעדט.

כּאָסן. מומע, די קאַלע געפעלט מיר!

מע פירט דאָס פּאָרל צו דער כופּע. דער כּאָסן ווינקט צו דער קאַלע, זי איז שטאַרק דערשראָקן.

שמערל. ווי געפעלט דיר עפּעס דער יאָלדאַק, כײַקל?

כײַקל. האָסט געזען, וויִאַזוי ער ציט זיך צו דער קאַלע!

שמערל. ער איז גאָר ניט אַזאַ יאָלד.

די צערעמאָניע איז געענדיקט, מע שפּילט אַ פריילעכס.

בערל.
און איצטער, באַדכען,
וועסטו שטיין אין אַ זײַט, ווי אַ גוילעם,
און מיר וועלן נעמען
אַ שמועס טאָן מיטן אוילעם.

עס באַווײַזט זיך פרומע, בערלס פרוי.

בערל. מײַן פרומע! וואָס טוט זי דאָ?

פרומע. איך וועל דיר ניט שטערן. איך בין דיר נאָכגעפאָרן. טו דיר דײַנס, איך וועל שטיין אין אַ זײַט און נאָר צוזען, איך וועל דיר ניט שטערן. זאָלן מענטשן פאַרגעניגן האָבן.

בערל (צום אוילעם).
הערט אויס אַלע —
גרויס און קליין.
אַלע, וואָס זיצן
און וואָס שטייען.
לייגט צו מויעך און סייכל,
קוקט מיט אַ וואַך געפיל,
וועט איר כאַפּן אַ שמייכל
פון אונדזער כּאָסן־קאַלע־שפּיל...

אויף אַן אימפּראָוויזירטער בינע הייבט זיך אָן די שפּיל: עס זיצט אַ קאַלע, אַרום איר מעכוטענעסטעס, דאָס זײַנען איבערגעטאָנענע מענער. בערל בראָדער פאַרשטעלט זיך פאַר אַ באַדכן, שטעלט זיך אַוועק לעבן דער קאַלע.

בערל.
קאַלע־לעבן, טײַערע קאַלע,
איך דאַרף דיר זאָגן אָט דאָ פאַר אַלע,
זאָלסט ניט וויינען און ניט קלאָגן,
זאָל דיך ניט האָבן קיין פאַרדראָסן,
וואָס דײַן טאַטע האָט דיר געקויפט אַזאַ מין כּאָסן.
דערפאַר איז ער אין יִיכעס אײַנגעטונקען,
און דו וועסט, אימירצעשעם, בא אים ווערן פאַרזונקען.
דער טאַטע וויל ניט וויסן, אַז דו האָסט ליב אַ צווייטן,
וואָס וויל און וועט דיך אין דײַן לעבנס־וועג באַגלייטן.

ווײַל עמעסע ליבע באַטײַט זײער פּיל...

(אַפּאַרט) ניומציע, יאַקאָװקע, ס'פּעלט מיר אַ גראַם.

יאַקאָװקע. ...מוז מען זיך רעכענען מיט אַ מײדלס געפּיל.

בערל (אַפּאַרט). אײַער גראַם איז מאַלעטאַם (זעצט פאָר.)

דײַן פאַטער, קאַלעניו, האַנדלט מיט כאַזער... האַר,
און ער שווינדלט — אױף אַלע סאַכרים אַזאַ יאָר.
כאַזער איז טרײף, נאָר דאָס געלט... איז קאָשער,
זאָגט דיר בערל בראָדער פּראָסט און פּאָשעט:
דער מעכוטן מײנט, ער איז קליגער פון דער גאַנצער וועלט,
ער האָט די דײע, ווײַל ער פאַרמאָגט דאָס געלט.
אָבער נײן! עס זאָגט דיר בערל בראָדער מיט זײַן כעוורע זינגער,
אַז כאָכמע איז ניט באַ דעם, וואָס האָט די קלינגערס,
אַז כאָכמע איז דאָרט, וווּ יױשער,
און ניט באַם נאָגיד, ניט באַם אױשער,
ניט באַם כאַזער... האַר־הענדלער,
ניט באַם שווינדלער, באַ דעם טענדלער,
נאָר באַ דעם, וואָס ארבעט
און האָט זיך זײַן פּאַרדינסט —
באַ דעם שוסטער,
באַ דעם שנײַדער,
באַ דער אָרעמער דינסט,
ניט קײן שאַכער,
ניט קײן מאַכער —
נאָר באַם טעסלער,
באַ דעם פאַסטעך,
באַ דעם היטלמאַכער.
קאַלע־לעבן און געסט מײַנע ליבע,
װײנט ניט און זאָל קײנער ניט קלאָגן,
הערט, וואָס אַ כאַכעם האָט פאַרשריבן,
הערט, וואָס עס טוט אײַך בערל בראָדער זאָגן:
די פאַלשקײט וועט ווערן אױסגעריסן —
שרײַ איך גוואַלד פונעם האַרצן אַרױס,
און וועער פון דעם עמעס וויל ניט וויסן,
פון יענעם לאָזט אַ טײַך זיך אױס.
און וואָס וועלן זאָגן די מומע מיטן פעטער,
אַז זײ וועלן דערזען די שפּיל אַ ביסל שפּעטער?..
דערלאַנגט מיר דעם כאָסן ליפּע,
פירט מיר אַרײַן „דאָס קינד",
וועט אים דערזען די מומע ציפּע,
וועט איר ווערן ווײ און ווינד.

מע פירט אַרײַן דעם כאָסן.

כאָסן (ליפּע). דאָ איז די כאַסענע, און מיך האָט מען גאָר געהאַלטן פאַרשפּאַרט. און אָט איז די קאַלע... אױ, אַ שײנע קאַלע!

קאַלע (קערעוועט זיך אָפּ פון אים). נעמט צו פון מיר דעם שווארציאַר, איך האָב גאָר ליב אַן אַנדערן.

ליפּע. שײנע קאַלע, ליבע קאַלע, איך בין אַזױ לאַנג געפאָרן צו דיר. שאַ, און ווו איז די מומע ציפּע מיטן פעטער געדאַליע?

קאַלע. איך וויל דיך ניט קענען. פאַרנעם זיך מיט דײַן מומען און מיט דײַן פעטער.

געדאַליע. וואָס איז דאָס פאַר אַ העפקײרעס?.. ציפּױרע, ווהין זײַנען מיר אַרײַנגע־פאַלן?

ציפּױרע. געדאַליע, וואָס טוט זיך עס דאָ? וווּ איז ליפּע, מײַן קינד? (קוקט פון אײן כאָסן אַפן אַנדערן.)

כאָסן (קערט זיך אום פון דער כופּע). מומע, באַרויִק זיך, אָט בין איך לעם דיר.

כאוועלע (קוקט מיט שרעק אפן כאסן). וואָס האָט מען צו מיר?

ליפע (פון דער בינע). מומע, איך וויל צו דיר, אָדער קום אהער.

ציפּוירע. גוואַלד, געדאַליע, טו מיך א קניפּ, דאָס כאַלעמט זיך מיר, צי ס'איז אפּ־דערעמעסן?

כאסן. מומע, סע כאַלעמט זיך דיר גאַרניט.

ליפע. מומע, דו ביסט מײַן מומע!

כאסן. ניין, דאָס איז א שפּיל.

בערל (צו ליפען). זאָל זײַן שטיל.
באַלד וועט ווערן קלאָר —
ווו איז די שפּיל.
וואָס ציט דיך אהין
צום עמעסן כאָסן?
צוליב וועלכן די קאַלע
האָט טרערן פאַרגאָסן?
אָט זיצט דאָ דײַן קאַלע —
דאָס זעען דאָך אַלע...

קאַלע (אף דער בינע).
איך וויל אים ניט קענען,
איך וויל אים ניט וויסן.

בערל. פאַרוואָס טוסטו דײַן כאָסן פאַרשעמען, פאַרמיִסן?
אליין איז ער איידל און שיין,
און פאַרשטאַנדיק און קלוג,
און איז באַל־מעיוכעס, אַן אוישער,
אויך סייכל פאַרמאָגט ער גענוג,
ער זאָל אָט די שפּיל באַלד פאַרשטיין,
אַז ער איז א טיפּעש א גרויסער...

פרויקע (רײַסט אראָפּ דעם גרים). נו, מומע ציפּע, איר זײַט מיר אויס מומע. די שפּיל איז געענדיקט. און איר, רעב יִצכאָק־לייב, וועט אף מיר קיין פאַריבל ניט האָבן. איך האָב געטאָן אזוי, ווי מײַן הארץ האָט געהייסן און ווי כאוועלע האָט געוואָלט. עמעס, כאוועלע?

כאוועלע (איבעראשט). אוי, עפראַים, פרויקעלע! דאָס הארץ האָט מיר אָבער געזאָגט...

יִצכאָק־לייב. כײַע־גיטל, ווו ביסטו? הער נאָר א פּאַטעפּאַלנעם פון א מעשאַרעס! לאָזט מיך, מענטשן, ווו איז דער ראָוו?

פרויקע. פאַרפאַלן. די כופּע איז געשטעלט.

בערל (נעמט אָן פאַר דער האַנט ליפען און פירט אים צו זײַנע פעטער און מומע). זינגער זײַנען מיר, פאַרשטעלן זיך קאָנען מיר, נאָר קיין גאַנאָווים זײַנען מיר ניט... נאָט אײַך אָפּ אײַער שטיקל סכוירע!

ליפע גייט צו זײַן פעטער און מומע.

יִצכאָק־לייב. וואָס קומט דאָ פאָר? ס'איז העפקיירעס. איר וועט מיך מעוואַיעש שטעלן פאַר דער גאַנצער וועלט, און איך וועל שווײַגן?! איי, איר שלעפּערס, האַלעדראַנצעס, ארויס פון מײַן שטוב!

בערל. רעב סויכער פון כאַזער־האָר, קיין כאַסענע טאָר מען ניט פאַרשטערן.

יִצכאָק־לייב (צו פרויקען). און דו, שווינדלער, איך האָב דיך שוין איין מאָל ארויס־געטריבן, האָסטו ווידער זיך ארײַנגעריסן אין מײַן שטוב? פאַרנעם זיך פונדאַנען!

פרויקע (מיט שפּאָט). מיטן גרעסטן פאַרגעניגן, נאָר צוזאַמען מיט מײַן ווײַב (ווײַזט אָן אף כאוועלען.)

יִצכאָק־לייב. האָסט אונדז אַלעמען אָפּגענאַרט און מיינסט, ס'וועט דיר אָפּגיין גלאַט?

פרויקע. געשטעלט א כופּע — איז פאַרפאַלן.

יִצכאָק־לייב. גוואַלד! כײַע־גיטל, וואָס שווײַגסטו אים, דעם אכזער!

כײַע־גיטל. אַז דו קאָנסט גאָרניט מאַכן, וואָס קאָן איך, א יִדענע, טאָן?

בערל. ווייסט איר גאָר וואָס, רעב סויכער, מיר וועלן פרעגן בא דער קאַלע אליין. דאַכט זיך, זי האָט אויך עפּעס צו זאָגן.

פרויקע. כאוועלע, זאָג, רעד.

כאוועלע (נעמט זיך אָן מיט מוט). איר האָט מיך געוואָלט פארשלייערן מיט א כאָסן, וואָס איז מיר ניט צום הארצן, און איך וואָלט געדארפט זיך מוטשען דאָס גאנצע לעבן. טוט נאָר א קוק אָף דעם שלימאזל, פארוואָס קומט עס מיר? איך וואָלט סיווי געפּאַדערט א געט גלייך נאָך דער כאסענע. (ליפּע מיט זײַנע פעטער און מומע רוקן זיך ארויס.) און אזוי האָט מיך מײַן מאזל אויסגעפּירט פונעם אומגליק, און גאָט האָט מיך צונויפגעפירט מיט מײַן זיוועג...

בערל. ניט גאָט, נאָר די בראָדער זינגער.

כאוועלע. ...מיט דעם מענטשן, וואָס איז מיר צום הארצן. און מיט אים וויל איך אָפּלעבן א לעבן. און אויב, טאטע, וועסט ניט מאסקים זײַן, גיי איך מיר אוועק מיט מײַן מאן פון דײַן שטוב.

כײַע־גיטל. זי איז דאָך, נעבעך, גערעכט, קאָשער גערעכט. ייִצכאָק־לייב, ביסט דאָך עפּעס א טאטע, האָסט דאָך א הארץ...

ייִצכאָק־לייב. הא, וואָס זאָגט זי, ראבויסיי?

בערל. רעב ייִצכאָק־לייב, מיט וואָס געפעלט אײַך ניט אונדזער פּרויקע?

ייִצכאָק־לייב. פּרויקע... מיט וואָס? איך זאָל אזוי וויסן פון בייז.

בערל. ער איז דאָך ווי אָנגעמאָסטן פאר אײַער טאָכטער.

ייִצכאָק־לייב. איך זאָל אזוי וויסן פון א שלעכטן כאָלעם... מענטשן, וואָס טוט מען?

בערל. מ'האָט שוין אָפּגעטאָן, איר דארפט שוין גאָרניט טאָן.

ייִצכאָק־לייב. אָפּגעטאָן, זאָגט איר? כײַע־גיטל, ס'איז דאָך א בושע פאר מענטשן... וואָס טוט מען?

כאוועלע. איך קאָן מיר מיט מײַן מאן אוועקגיין אין דער וועלט ארײַן.

ייִצכאָק־לייב. גיי ניט, טאָכטער. קלעזמער, שפּילט א פריילעכס און זעצט פאר די כאסענע. זאָל די וועלט וויסן, ווער ייִצכאָק־לייב שטיינשנײַדער איז.

בערל. יאָ, יאָ, זאָל די וועלט וויסן, ווער ייִצכאָק־לייב דער כאזער־האר־סויכער איז. קלעזמער, שפּילט, די כאסענע ווערט פאַרגעזעצט.

שעפּסל (טוט א ווונק צו בערלען). און אין אונדז האָט איר ניט פאַרגעסן?

בערל. כאָלילע. געשעצטע מעכוטאָנים, הײַנט האָבן מיר נאָך א כופּע. אָבער דאָס איז שוין ניט קיין שפּיל. נאָך צוויי ליבנדיקע הערצער ווילן הײַנט זיך פאַרייניקן...

שיפרע. דאָס מיינט ער אונדז, שעפּסל?

שעפּסל. וועמען דען, דאָס מילכיקע קלינגל?

בערל. מעכוטאָנים, דאָס זײַנען קײַלעכיקע יעסוימים, נעמט אונטערפירנס בא שעפּסל דעם מעשאָרעס און בא שיפרען דער דינסט, זיי האָבן זיך פאַרדינט מיט זייער האָרעוואַניע.

זיידע דאָוויד. איך בין שוין אלט אכציק יאָר און בין שוין בײַגעווען ניט בא איין כופּע, נאָר צוויי כופּעס אין איין אָוונט און נאָך מיט א פריילעכער שפּיל דערצו — דאָס זע איך צום ערשטן מאָל אין מײַן לעבן... לאנג לעבן זאָלט איר, יונגעלײַט.

פרומע. בערל, איך וועל אומעטום מיט דיר מיטפאָרן. ס'איז אזא פריילעך לעבן!

בראָדער זינגער

(זינגען).

מיר קאָנען זיך פאַרשטעלן
פאַר וועמען מירן וועלן —
פאַר א כאָסן,
פאַר א קאַלע,
פאַר א שאדכן,
פאַר א באַדכן,
פאַר א שערער,
פאַר א קוימענקערער,
פאַר א פעלנשינדער,

פאַר א ליכטצינצינדער,
איך פאַר דיר,
און דו — פאַר מיר,
פאַרן אוילעם —
און פאַר אלע,
מיר קאָנען זיך פאַרשטעלן
פאַר וועמען מירן וועלן!

פאַרהאַנג.

קיִעוו, 1948 — יאַנוואַר 1949.

דאָס גאָלדן שליסעלע

צווישן וואלד און ברייטן פעלד,
צווישן טײַך און הויכן פעלדז,
אינעם בלויען הימל־בויגן
לעבט א ווּנדערלעכער פויגל.
זײַנע פײַערדיקע פליגל
לויכטן, ווי צוויי העלע שפּיגלען.
און אין שנאָבעלע בא אים,
וואָס איז לויטער, ווי בורשטין,
אָף א פּעדעמל זיך וויגט
ס'גאָלדן שליסעלע פון גליק.
כ'עפן אופעט טיר און טויער
און די פענצטער פון מײַן מויער,

אין די שויבן לײַכט די שײַן:
— פויגל, פויגל, קום ארײַן.
אָט־אָ פליט ער שוין צו מיר,
זײַנע פליגל איך באריר
און עס פלאמט פון פרייד מײַן בליק,
ווי דאָס שליסעלע פון גליק.
כ'וויל עס נעמען אין די הענט,
נאָר פון שײַן איך ווער פארבלענדט.
ווען געוואָלט כ'האָב עס דערלאנגען—
אין מײַן אויג איז עס צעגאנגען.
און דער ווּנדערלעכער פויגל
טראָגט זיך הויך אין הימל־בויגן.

◇ ◇ ◇

ס'האָט פלוצעם מיר פארשמעקט מיט עפּל־צוויט
פון דעם צעשטראלטן זוניקן פרימאָרגן.
די רײַפע זעטיקײַט, וואָס בליט,
די ערד אין זיך האָט אויסגעטראָגן.

אונטער דער וואקסנדיקער ליכט,
לעם ווײַסן שטיין פון נײַעם ביניען,
אין דראנג פון מי כ'דערזע אויך זיך,
ווען ס'האלט די וועלט אין סאמע בלײַען.

◇ ◇ ◇

דעמבן, סאָסנעס, בלויע פויגלען
קוקן ווי מיט הונדערט אויגן
אין די זומערדיקע שויבן
פונעם הויכן הימל־בויגן.
און די צווײַגן שטיל זיך וויגן,
זינגען אויס א שיינעם ניגן.

צווישן צווײַגן פון א יאָדלע,
צווישן שטײַפע, גרינע נאָדלען,
קוקט א וועווריק פון זײַן וועלטל
דורך זײַן פענצטער — דעם שפּעלטל.
הויך אין הימל איז זײַן הײַזל
אָף א וואָלקנדל א ווײַסן.

איך שענק מײַן ליבע

איך האָב געפּרוּווט זיך ווענדן צו דעם וואלד,
צו זײַן באקרוינטן ליכטיקן געשטאלט,
דער וואלד האָט שטיל גערוישט, און כ'האָב
דערפילט,
אז יעדער בלעטעלע פון בוים זיך שפּילט
אין לעבעדיקן הארבסטיקן געווימל
פון פלאכן ערדישע און ביזן טיפן הימל.
מיר האָט געדאכט, אז גלײַך אין דער נאטור

עס ציט זיך פון מײַן הארץ א דינער שנור.
פון הארבסט דעם קויעך כ'האָב פארשטיין
געוואָלט,
ער האָט געגלעט מײַן אויג מיט זשאווער־גאָלד.
צום ציטעריקן קלאנג איך הער זיך צו
און טרינק פון שטראלנדיקן טאָג די רו.
כ'בין פרײַ פון דײַגעס איצטער און פון זאָרגן —
איך שפּיגל זיך אין הארבסטיקן פרימאָרגן.



75875

ווען ס'גייט ארויס די לערערקע פון קלאס,
ריַיסן מיר די צעפּ און די קליידער באַ די
מיידלעך.
זיי לאכן, קוויטשען, פריַיען זיך
און גלאָצן מיט די אויגן,
שטיפעריש און ווילד.
נאָר דיַין שילער־קלייד איז טרויעריק און לאַנג.
דו האלטסט עס צו מיט ביידע הענטלעך
שטארק, מיט אלע קויכעס.
דו בעטסט:
— אוי־אוי!
טשעפּעט ניט! —
פארלאָרן און פארדיַיגעט
בעטסטו:
— מע דאַרף ניט,
ניטע, ניטע. —
איצט ווייס איך שוין:
דאָרטן, העכער פון דער קני,
איז אויסגעטאטויִרט
מיט בלאָען טינט
75875,
אינסטינקטיוו פארשטעלסטו זיי,
די ציפערן,
מיט ביידע דלאָניעס.
דו וויינסט.
דו לויפסט ארויס פון קלאס
א קליינינקע, א בלאַסע,
ווי עמעץ וואָלט דיר
נאָכגעוואָרפן שטיינער.

כ'לייג צו מיַין האנט:
זיי זיַינען ווארעמע, די ציפערן.
זיי אָטעמען.
זיי ריידן.
דו קוקסט מיך אָן
מיט דיַינע גרויסע גרינע אויגן.
מילד, צארט, אויסגעלייטערט.
— און דיר האָט ווער געטאָן?—
פרעג איך און איך ציטער.
— ניין, ניט דאָס... ניט זייער...
דאָס טוט ניט ווי... נאָר עפּעס אנדערש.
מאָדנע.
— און ווען?
— שוין לאַנג צוריק...
— פארוואָס?
— נו יאָ, איך בין געווען אין טויטן־לאַגער.
— דו?
— אינײנעם מיט דער מאמען.
די מאמע איז שוין מער ניטאָ.
איצט בין איך ניט אזא ווי אלע,
אָן ערגערע,
אָן אנדערע.

איך שריַיב מיט בלאָווע פינגער אינעם העפט
א סאך מאָל. גאָר א סאך מאָל.
75875 מאָל. „איך האָב דיך האָלט.
האָלט... האָלט... האָלט...
75875...
75875...“

דער פלעק

יעדער נאכט
אין מיַין צימער
קומט צו גיין מיַין שוועסטער.
זיצט א פארטראכטע —
טרויעריק,
א ביסל פארמאטערט.
שטום.
קערט אויס די שטוב,
וואשט אויס די דילן
מיט אירע קליינע הענטלעך.
ווען איך קום צו גיין,
איז זי שוין ניטאָ,
ניט געוואָרן.

נאָר איר רייעך,
איר אויסטערלישער רייעך,
איז דאָ נאָך געבליבן —
א ליַיכטער, א מיידלשער,
דאָ איז זי געווען,
דאָ איז זי געזעסן,
טרויעריק.
דאָ איז זי געקומען,
אינדערשטיל
א קוק געבן אף מיר,
אף איר ברודער,
מיט אירע אויסגעבענקטע
אויגן.
ווארט איך יעדער טאָג,

און איך ווארט,
זי זאָל ווידער קומען.
די שויבן ציטערן.
פאלט מיר אַיַין דאָס הארץ
מיט א קלאַנג
פון א צעבראָכענער סטרונע.
פון לאָמפּ פאלט א פלעק אף
דער וואנט,
א פלעק —
ווי מיַין שוועסטער
וואָלט פארגעסן
איר געלע לאטע
דאָ,
אין מיַין צימער.

טריבונע פון לעבן

ארן ווערגעליס

בריוו פון אייראָפּע

פינפטער בריוו

צי איז רוים א שיינע שטאָט? ניין, אזא קאָמפּלימענט פּאַסט זיך ניט אָן צו רוים. דאָס אַלטע רוים איז קלאל ניט קיין שטאָט, ווי אַלע שטעט. גלייבט מיר, איך וויל זיך אָפּהיטן פון הויכע ווערטער נאָר פּרוּווט, אַדעראַבע, עס טאָן, ווען איר שרײַבט וועגן רוים, געפּינענדיק זיך טאַקע דאָ־הי... איך געדענק ניט, צי איך בין דאָ שוין כאָטש איין נאַכט געשלאָפן. איך געדענק ניט, צי איך האָב דאָ גערוט. דוכט זיך, אַז קיין אַנדער זאַך האָב איך ניט געטאָן, בלויז זיך צוגעקוקט צו רוים. באַנאַכט שטערן מיר די עלעקטרישע פײַערן, באַטאָג — די אויטאָמאָבילן. איך וויל ארײַנדרינגען אין די טיפענישן פונעם אוראַלט, אין זײַנע אינעווייניקײַטן. עפּשער — נאָך א שפּור, עפּשער — נאָך א ווײַט־ווײַטער אָטעם. עפּשער — א נאָך ניט פאַרגליווערטער עכאָ פון די שטיינער־ארויס.

די היסטאָרישע פּאָרגייער האָבן אונדז איבערגעלאָזט בעיערושע שטיינער... פון דער ערד זיי גענומען און אין דער ערד ארײַנגעפּאַסט. צונויפגעלייגט פון זיי אייביקע ווענט און געמאַכט געניאַלע קאָפּיעס פון לעבעדיקע וועזנס. פאַרשווינדנדיק פון דער וועלט, האָבן אונדזערע פּאָרגייער איבערגעלאָזט נאָך זיך שטיינער, און פון די שטיינער דערוויסן מיר זיך דאָס, וואָס באַם אומבײַט פון צײַטן וואָלט, קאָן זײַן, פאַרלאָרן געגאַנגען.

„האַרט, ווי א שטיין", „שווער, ווי א שטיין", „עלנט, ווי א שטיין". אָבער בעשום־אויפן ניט „שטום, ווי א שטיין". און בעפּיירעש — ראַיעל, ווי א שטיין. געטרײַ דעם מענטשן, ווי א שטיין... טאָמיד גרייט צוליב מענטשן אַף אַלץ: גרייט אַפילע אויסצוהאַלטן די שווערע מאַסע פון יאָרטויזנטער און זיך אַליין זען אַף דער כורווע פונעם געבײַ, וואָס פון אים איז מען געווען א טיילעכל. דער מענטש האָט געוווּסט, וואָס ער טוט, ווען ער האָט מיט עטלעכע הונדערט טויזנט יאָר צוריק, זוכנדיק א מאַטעריאַל פאַר זײַן אַרבעט, אויסגעקליבן פריִער פאַר אַלץ דעם שטיין...

די אייביקע שטאָט רוים איז דאָס אָרט, וווּהין דער מענטש קומט אַף א פּערזענלעכער טרעפונג מיט שטיינער פון אַנדערע עפּאָכעס. אין רוים דער שטאָט זעט מען באַשײַמפּערלעך דרײַ שטעט, איבערגעמישטע צווישן זיך. די אַרכעאָלאָגישע פּאַנאָראַמע פונעם אוראַלטן רוים וואָלט געהאַט אין זיך פיל פּוסטקײַטן, נאָר עס האָט זיך דאָ אײַנגעפונדעוועט דער מיטלאַלטערלעכער פּויפּסטלעכער רוים מיט זײַנע פּאָמפּעזע געבײַען און מאָנומענטן, און, פאַרשטענדלעך, אויך די נײַע צײַט האָט אופגעשטעלט איר אייגענעם רוים — אַף דעם זעלבן אָרט, וווּ עס שטייען די צוויי פריִערדיקע. איך האָב געהערט זאָגן, אַז די אָנשיכטונג פון פאַרשיידענע אַרכיטעקטור־סטילן געפעלט ניט א סאַך באַזוכער פון רוים. מיך פּערזענלעך אַרט עס ניט, ווײַל

זע „סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 2, 1973.

איך וויל ניט, אַז רוים זאָל זײַן שיין, איך וויל, אַז רוים זאָל זײַן עכט, ער זאָל דערציילן דעם עמעס וועגן דעם, וואָס איז געשען.

ווען איך גיי אַרײַן אין די כורוועס פֿונעם אוראַלטן רוים, ווען איך שפּאַר זיך אָן באַ זײַנע ווענט, ריר זיך צו די שטיינער, — כאַפּט מיך אָן אַ געפֿיל, וועלכן מע קאָן אָנרופֿן „נעשאָמע־פֿאַרוואַנדלונג". דאָס האַרץ און דער מויעך ווערן קאָסמיש פֿאַראייניקט מיט פֿאַרשוווּנדענע צײַטן, עס שטעלן זיך אויס פֿאַר די אויגן אויסגעשטאָרבענע פֿעלקער: אָט דאָ האָבן זיי אָפּגעטומלט זייערע יאָרטויזנטער... אָט דאָס איז פֿון זיי פֿאַרבליבן... עס געדויערט ניט לאַנג, און, איבערשפּאַנענדיק דורך אַן אומזעבאַרער גרענעץ, דערהער איך, ווי עס רוישט און ראַשט די נײַע צײַט...

אַז דער הײַנטיקער רוים קאָן טומלען, — דאָס ווייסן אַלע. ס'איז אָבער ציקאַווע, וואָס באַ אונדז, ייִדן, איז נאָך אין די אַגאַדעטעס אָפּגעמערקט געוואָרן דער אויסערגעוויינלעכער טומל, וואָס האַלט זיך אויף אין רוים. לויט דער אַגאַדעטע איז עס אַזש איינער פֿון די דרײַ גערוישן, וועלכע פֿאַרפֿולן מיט זיך די גאַנצע וועלט.

איך דערמאָן זיך אין די ייִדישע וואַריאַציעס פֿון דער טעמע רוים, וועגן וועלכע איך האָב מיט פֿיל יאָרן צוריק געלייענט אין די אַגאַדעטעס. לעמאָשל, די ייִדן האָבן די באַוווּסטע לעגענדע וועגן דער אַנטשטייונג פֿון רוים איבערדערציילט אויף זייער אייגענעם אופֿן, פֿאַרבינדנדיק זי מיט מאָמענטן פֿון דער ייִדישער מיטאָלאָגיע. לויט דער אַגאַדעטע, איז געשען אַזוי, אַז ווען שלוימע־האַמעלעך האָט גענומען צו זיך פֿאַר אַ ווײַב דעם פּאַרעס טאָכטער, איז פֿונעם הימל אַראָפּגעפֿלויגן דער מאַלעך מיכאָעל און אַרײַנגעשטעקט אין יאַם אַ לאַנגן פֿלאָקן, אַרום וועלכן ס'האָט זיך צונויפֿגעשווענקט אַן אינדזל און ס'איז אויסגעוואַקסן אַ געדיכטער וואַלד. אָט אויף דעם אינדזל איז עס אַנטשטאַנען רוים, וועלכן די אַגאַדעטע־שרײַבער רופֿן געוויינלעך כרך גדול שברומי, ווײַל מיטן נאָמען „רוים" באַצייכענען זיי די גאַנצע רוימישע אימפּעריע, און די שטאָט הייסט כרך גדול שברומי — דער גרויסער קראַך אין רוים.

ווײַטער גיט צו די אַגאַדעטע אַזאַ „סוזשעטישע ליניע" צו דער לעגענדע וועגן רוים. רעם און ראָמול האָבן אוועקגעשטעלט אויפֿן אינדזל צוויי הײַזקעס, וועלכע האָבן זיך גלײַך צעוואַלגערט. מע האָט ווידער זיי אויפֿגעבויט, און זיי זײַנען נאָכאַמאָל צעפֿאַלן געוואָרן. דאַן האָט איינער אַן אַלטיטשקער — אַבאַ קאָלאָן — געפּאַסקנט, אַז ביזוואַנען מע וועט די לײַם פֿאַר די ווענט ניט פֿאַרמישן מיטן וואַסער פֿונעם טײַך עפֿראַט, וועלן די הײַזקעס ניט בלײַבן שטיין. פֿאַרשטעלנדיק זיך פֿאַר אַ ווײַן־הענדלער, האָט דער זאָקן דורכגעשמוגלט דורך די באַוול־זאַסטאַוועס פֿעסער מיט עפֿראַטיש וואַסער, אין וועלכן מ'האָט אָפּסנײַ פֿאַרמישט די לײַם און אויסגעבויט פֿעסטע הײַזער, די ערשטע אין „רומאַ דבבלון", דעם „באַווילישן רוים", ווי מ'האָט דאַן גערופֿן די שטאָט אַדאַנק דעם אויבן־באַשריבענעם עפּיזאָד.

די גרייס פֿון דער שטאָט רוים ווערט אין אַן אַגאַדעטע געשילדערט דורך ציקאַווע ציפֿערן: אין רוים זײַנען פֿאַראַן 365 מערק, אין יעדן מאַרק — 365 טורעמס, אין יעדן טורעם — 365 פּאַליצעס, וואָס אויף יעדער איינער פֿון זיי איז דאָ אָרט פֿאַר אַזויפֿיל שפּײַז, וויפֿל ס'איז נייטיק, קעדיי אָנצוקאָרמענען די גאַנצע וועלט...

דערווײַל בין איך דאָ געווען בלויז אויף איין מאַרק — אויף דער באַרימטער רוימישער באַראַכאַלקע פֿאַרטוענסע. איך האָב מוירע, אַז טאָמער וועל איך איצט, אין אָט דעם בריוו, אַרײַנגיין אַהין מיט אײַך צוזאַמען און אָנהייבן אײַך באַווײַזן, וואָס מע קאָן קויפֿן אין רוים אויף אַ מאַרק פֿון אַלטע זאַכן, — וועלן מיר שוין ביזן סאָף בריוו צוריק פֿון דאָרטן ניט אַרויסגיין. דעריבער וועל איך זיך באַנוגענען מיט פֿאַרצייכענען אַ בילדל, וואָס איך האָב געזען באַם סאַמע טויער פֿונעם מאַרק.

אויפֿן טראָטואַר, דאָרט, ווו דאָס שטופּעניש איז באַזונדערס גרויס, האָט אַ מאָלער אוועקגעשטעלט זײַן מאָלבערט, צו וועלכן ס'איז צוגעפֿעסטיקט אַן אויפֿשריפֿט אויף בלוי פּאַפּיר: „גיב מיר אַ ביסל געלט אויף דורכצוקומען דעם טאָג". לעבן מאָלבערט ליגן צונויפֿגעלייגט לײַוונטן אין ראַמלעך — דעם מאָלערס ווערק. ווען עס מאַכט זיך אַ קוינע, נעמט דער מײַסטער — אַ שוואַרצבערדיקער שטאַלטנער יונגערמאַן — יעדער ראָם באַזונדער אין די הענט און שטעלט זי אוועק אויף דער זוניקער זײַט פֿון דער גאַס. אויב דער קוינע לאָזט זיך גיין ווײַטער, לייגט ער ווידער צונויף די בילדער — ניט געאײַלט, מיט גרויס ווירדע — לעם מאָלבערט, און אַליין נעמט ער מיט באַוווּנדערונג און רעספּעקט באַטראַכטן זײַן שאַפֿן — אַן עקזאָטישן מאַנצבל מיט אַ רויטן באַנט אין לאַץ און מיט אַ גאַנצער טוץ מיליטערישע מעדאַלן אויף דער פּאָלע פֿונעם פּידזשאַק, — וועלכער זיצט אויפֿן טראָטואַר און האַלט אין איין אָנדרייען מיט אַ שליסעלע מעטאַלענע הינדעלעך, זיי זאָלן פּיקן. ער טוט די אַרבעט אַזוי פֿלינק, אַז אַלע פֿופֿציק צי זעכציק הינדעלעך פּיקן אײַנצײַטיק דעם אַספֿאַלט, און קיין איינס בלײַבט ניט שטיין. זעענדיק, אַז קיין קוינים קומען ניט, שפּרינגט דער פֿאַרקויפֿער אין איין אויגנבליק אויף פֿון אָרט, הייבט אָן פֿריילעך טאַנצן צווישן די טאַנצנדיקע הינדעלעך און צעשרײַט זיך, אַז מע הערט אויף דער

צענטער גאַס: „מײַנע קינדער ווילן אויך פּיקן! סיניאָר, קויפט א הינדעלע!"

איך ווייס ניט פאַרוואָס, נאָר ס'האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז דער פאַרקויפער פון בילדער און דער פאַרקויפער פון מעטאַלענע הינדעלעך זײַנען צוויי לײַבלעכע ברידער אָדער נאָענטע כאַווײרים. עפּעס האָט זיי ביידן פאַרייניקט, ניט נאָר דאָ אויפן מאַרק־פּלאַץ. איך האָב זיך פאָרגעשטעלט, אַז סאָף טאָג וועלן זיי אוועקנעמען פונעם אַספאַלט זייער סכוירע — די בילדער און די הינדעלעך — און צוזאַמען גיין אַהיים — מידע, אויסגעשעפּטע.

סאָף טאָג בין איך שוין געווען ווײַט פון פאָרטוענסע, און איך באַדויער זייער, וואָס כ'וועל שוין קיינמאָל אין מײַן לעבן ניט זען די צוויי ברידער צי נאָענטע כאַווײרים, וועלכע האָבן אַזוי פאַרביק און אײַנדרוקספול זיך אַרײַנגעמאָלט און אַרײַנגעפיקט אין מײַן זיקאָרן.

מיד פון אַרומגיין איבער די שמאָלע געסעלעך־קאָרידאָרן, פון יענעם טייל שטאָט, וווּ עס זײַנען ניט פאַראַן קיין טריומפאַלע טויערן און קיין פאַרפאַראָשעטע מיט יאָרטויזנטער דענקמעלער, האָב איך אָנגעדונגען אַן אַלטמאָדישן פיאַקער — די ראָמאַנטישע דערמאָנונג וועגן אַמאָליקן רוים — און זיך דורכגעפאָרן צו דעם אוראַלטן רוימישן וועג וויאַ אַפּיאַ, באַ וועלכן עס שטייען נאָך, דוכט זיך, די גײַסטער פון די לעגיאָנערן און פון די גלאַדיאַטאָרן, ווען עס איז איצט פאַרשפּראָכן דער אַרײַנגאַנג אין רוים, ווײַל רוים איז שוין ניט קיין אַרענע פאַר זייערע טראַגישע און העראָישע „ספּעקטאַקלען".

...הײַנט, פאַרן אָפּשיקן אײַך דעם דאָזיקן בריוו, האָב איך זיך געטראָפן מיטן דירעקטאָר פונעם צענטראַל־אָרגאַן פון דער איטאַליענישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי „אוניטאַ", דעם כאַווער אַלדאָ טאָרטאָרעלאַ. א פאַרטאָגענער אין אַרויסלאָזן דעם אָרדנטלעכן נומער פון דער וויכטיקסטער אין איטאַליע פּאָליטישער צײַטונג, האָט ער דאָך, דערפרייענדיק זיך מיט דער מעגלעכקײַט א שמועס צו טאָן וועגן אַקטועלע אַספּעקטן פון דער „ייִדן־פראַגע", פאַרבראַכט מיט מיר א לענגערע צײַט. טאָרטאָרעלאַ האָט אַרויסגעזאָגט אייניקע געדאַנקען, וועלכע איך האַלט פאַר וויכטיק אײַך איבערצוגעבן. זײַנע רייד זײַנען געווען פון אַזאַ מאַסשטאַב, אַז מע קאָן זיי אָפּנעמען ווי די מיינונג פון ברייטע שיכטן פון דער איטאַליענישער געזעלשאַפטלעכקײַט.

אין די אויגן פון די איטאַליענער, — האָט ער געזאָגט, — באַשטייט די געפערלעכקײַט פון דער ציוניסטישער קאָנצעפּציע אין דעם, וואָס זיי, די ציוניסטן, שטרעבן צו פאַרוואַנדלען די ייִדן אין יעדן לאַנד, וווּ יענע לעבן, אין אימיגראַנטן, וועלכע וואַרטן אויף דער געלעגנהײַט אַרויסצופאָרן אין אַן אַנדער לאַנד, און דאָס איז מעסוגל אָפּצושטעלן קעגן די ייִדן די אָרטיקע באַפעלקערונג, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס זיי וואָרצלען זיך אין אָט די לענדער פון דורות אָן און זײַנען פּראָדוקטיוו אין עקאָנאָמישן און געזעלשאַפטלעכן לעבן. די ציוניסטן אייגענען זיך צו דאָס רעכט צו פאַרטרעטן די ייִדישע אינטערעסן (אַגעוו, אין גוירלדיקע צײַטן האָבן זיי געוויכט פון דעם...). זיי ווייסן קלוימערשט, און נעמען אויף זיך צו פּראָקלאַמירן, אַז די ייִדן געהערן מער ניט צום לאַנד, מיט וועלכן זיי און זייערע אָוועס זײַנען ביז איצט מיט לײַב און לעבן געווען פאַרבונדן; ייִדן, הייסט עס, זײַנען באַ זיך אין דער היים „פרעמדע".

— דער ייִסראָעלדיקער געזעץ וועגן צווייענדיקער בירגערשאַפט (ער גיט דאָס רעכט יעדן ייִדן, אומאָפּהענגיק פון וועלכן לאַנד ער איז א בירגער, זיך רעכענען פאַר א בירגער אויך פון ייִסראָעל) — דער דאָזיקער געזעץ איז א ציוניסטישע פּראָוואָקאַציע קעגן דעם ייִדישן פאָלק, ער איז דער גרעסטער קוואַל פאַר אַנטיסעמיטיזם אין די הײַנטיקע צײַטן. ווי באַוווּסט, האָט אַפילע מוסאָלינין זיך ניט אײַנגעגעבן צו פאַרטרײַבן און פאַרניכטן די איטאַליענישע ייִדן, ווײַל זיי זײַנען פון לאַנגע צײַטן אָן איטאַליעניזירט. און דאָך איז קיין צווייפל ניט, אַז ווען בייס מוסאָליניס הערשאַפט וואָלט שוין געווען עפּעס אַזוינס, ווי דער ייִסראָעלדיקער געזעץ וועגן צווייענדיקער בירגערשאַפט פאַר די ייִדן, וואָלט עס געווען די געלע לאַטע אויף אָפּצושיידן און כאַפּן ייִדן, קעדיי באַשולדיקן זיי אין דינען א צווייטער מעלוכע, און צו פאַרניכטן זיי.

— מע קאָן פאַרשטיין, פאַרוואָס אין איטאַליע האָט ניט דער ציוניזם קיין באָדן. דער ציוניזם איז דאָ א קרעאַטור פון אַן אַנדער מעלוכע, א ווערביר־אַגענט. גאָר א קליינע צאָל איטאַליענישע ייִדן זײַנען אַרויסגעפאָרן קיין ייִסראָעל, נאָר זיך אומגעקערט צוריק, דערשיטערטע פונעם פעלער, וואָס זיי זײַנען באַגאַנגען. איטאַליע, ווי באַוווּסט, גיט א סאַך עמיגראַנטן, אָבער ניט קיין ייִסראָעל. דאָס אַרויספאָרן אין אַן אַנדער לאַנד אויף צײַטווײַליקער אַרבעט איז א סאָציאַלע דערשײַנונג, ניט קיין נאַציאָנאַלע. עס קאָן זיך דוכטן, אַז די דאָזיקע טראַדיציע האָט געדאַרפט אַרויסרופן אַן ענלעכע באַוועגונג צווישן די איטאַליענישע ייִדן („צווייבירגערשאַפט"), אָבער דאָס איז ניט געשען. הагאַם איטאַליע איז געאָגראַפיש דאָס נאָענטסטע לאַנד צו ייִסראָעל, איז דער איטאַליענישער ייִד ווײַטער פון די ייִסראָעל־עמאָציעס, איידער אַן אַנדערער.

אַגעוו, דעם דאָזיקן לעצטן געדאַנק טאָרטאָ־

רעלאַס האָט אויך אַרויסגעזאָגט דער פּאָפּולע־
רער אין איטאַליע סורעאַליסטישער טעאָרעטי־
קער, פּראָפעסאָר טעסטאַ, מיט וועלכן איך האָב
געשמועסט נעכטן באַטאָג. פּראָפעסאָר אַלדאָ
טעסטאַ האָט אָבער גערעדט וועגן דעם מיט
פאַרדראָס, אַפילו אַרויסגעזאָגט שטוינונג, וואָס
די איטאַליענישע ייִדן זײַנען אַזעלכע „אַקשאָ־
נים" אין באַצוג צו זייער „נאַציאָנאַלער היים",
און אין זײַנע ווערטער האָט געפונען, ווי מיר
האָט זיך געדוכט, אַ ווײַטן אָפּקלאַנג דער פאַר־
באָרגענער ווילן פון געוויסע קאַטוילישע קרײַזן
אין די לענדער פונעם „ייִדישן גאָלעס" פּאַטער
צו ווערן פון די אייביקע דיספּוטן בא זיך אין
דער היים (צוליב אַזעלכע צוועקן איז באַקווע־
מער, אַז דער צאַד־שעקענעגעד, די ייִדן, זאָלן
זײַן צונויפגעזאַמלט אין איין לאַנד).

אַלדאָ טעסטאַ איז אַ ציקאַווע פיגור, וועגן
אים לוינט עפּעס־וואָס דערציילן. זײַענדיק פּראָ־
פעסאָר אין Academia del dialogo, וועל־
כע געפינט זיך אין דער שטאָט אורבינאָ, האָט
ער מיט עטלעכע יאָר צוריק געעפנט אין רוים,
אַף וויאַ דעי מאָנטי פּאַריאָלי, אַ סאַלאָן מיטן
נאָמען Dialogo. פון דעמלט אָן גיט ער אויך
אַרויס אַ פּירכאַדאָשימדיקע סאָלידע פילאָסאָ־
פיש־פּובליציסטישע צײַטשריפט אונטערן זעלבן
טיטל. קורץ: פּראָפעסאָר טעסטאַ איז מיט אַלע
אייוורים פאַר דעם, אַז מענטשן זאָלן צווישן
זיך דיאַלאָגירן. ווען איך האָב אין רוים דאָס
ערשטע מאָל דערהערט זײַן נאָמען, האָט עמע־
צער פון די בײַוועזנדע באַמערקט מיט לײַדנ־
שאַפט: „דאָס איז דער זעלבער פּראָפעסאָר
טעסטאַ, אין וועמענס סאַלאָן עס האָבן פאַריקן
דינסטיק זיך דורכגעשמועסט אַף אַ פּריוואַטן
אופן די אַמבאַסאַדאָרן פון זעקס מעלוכעס,
צווישן זיי — פון עגיפּטן און ייִסראָעל"... איך
האָב דערווידערט, אָנווײַזנדיק, אַז אַ באַגעגעניש
צווישן דיפּלאָמאַטן פון ייִסראָעל און עגיפּטן,
אַפילו פון גאָר אַ קליינעם ראַנג, וואָלט ניט
געבליבן אומבאַמערקט פאַר דער פּרעסע. און
מע האָט מיר אַף דעם געענטפערט: אין דער
הײַנטיקער פּאָליטישער אומגעבונג נייטיקט זיך
די וועלט אין עפּעס אַזוינס, וואָס איז בענעגייע
דער אינפאָרמאַציע און פּראָפּאַגאַנדע בעערעך
דאָס זעלבע, וואָס עס איז די לעוואָנע בענעגייע
די פיש אין טײַך: אין דער צײַט, ווען אין טײַך
רודערט זיך, איז די לעוואָנע פאַרנומען מיט
„העכערע זאַכן". דעם פּראָפעסאָר טעסטאַס סאַ־
לאָן פאַרנעמט, הייסט עס, אַזאַ „לעוואָנע־פּאָ־
זיציע".

אַ שטאַרק געוויינלעכער לויטן אויסזען — מיי־
טעלער וווּקס, אַ נידעריק אונטערגעשוירן
בערדל, שיטערע האָר אַפן קאָפּ, ניט קיין אויס־
דריקלעכער פּאָנעם, — האָט פּראָפעסאָר טעסטאַ
מיך בעעמעס פאַרינטריגירט. פונוואַנען דער
מאַגנעטיזם זײַנער? איך מוז זיך מודע זײַן, אַז
אָפּשמועסנדיק מיט אים אַ שאָ צווי, ניט ווײַ־
ניקער, האָב איך קיין ענטפער אַף אָט דער
פראַגע ניט געפונען.

מיט דער „רעטעניש פון פּאָפּולערקײַט"
טרעפן מיר זיך אָן אַף טריט און שריט. אמאָ־
ליקע יאָרן האָט אַ געוויסן טיפּ מענטשן געדינט
דער טיטל. „קניאַז", „גראַפיניאַ", לעמאָשל,
אָדער „וויקאָנט", „באַראָנעסע" אדג. — אַזעלכע
ניט פון גאָט און ניט פון דער נאַטור געגע־
בענע אַטריבוטן האָבן אין די אַדל־קרײַזן דיק־
טירט מיט זיך די מאַדרייגע פון קלוימערשטער
איידלקײַט, קלוגשאַפט. אָבער פונוואַנען נעמט
זיך אין די הײַנטיקע צײַטן דער אַנעקדאָטישער
פענאָמען, ווען, לאָמיר זאָגן, אַ פאַמיליע־נאָמען,
וואָס איז „אַרופגעפאַלן אַף דער צונג" פונעם
עולעם, אָדער עפּעס אָן אַנדער צופעליקײַט,
איז גענוג, אַז מענטשן, וועלכע ווייסן מער גאָר־
ניט וועגן דעם טרעגער פון אָט די „מײַלעס",
זאָלן ווערן עלעקטריזירט באַם דערמאָנען דעם
נאָמען זײַנעם...

אין פּראָפעסאָר טעסטאַס סאַלאָן פאַרנעמט
דעם אויבנאָן אַ מין סימבאָל פון דיאַלאָגן —
צוויי פאַרייניקטע צווישן זיך שטולן, וואָס אויב
צוויי מענטשן וועלן זיך אַף זיי אוועקזעצן, וועט
דעם ערשטנס מויל אויסקומען לעבן דעם
צווייטנס אויער, און אין דער זעלבער צײַט
וועט אויך דעם צווייטנס מויל זײַן נאָענט לעבן
דעם ערשטנס אויער. טעסטאַן האָט געפרייט,
וואָס דער מיין פונעם סימבאָל איז צו מיר דער־
גאַנגען, און ער האָט צוגעצויגן מײַן אויפמערק־
זאַמקײַט צו נאָך אָן אײַנפאַל זײַנעם:

— איר זעט די פיגור פון יעזוסן אין יענעם
ווינקל? יעזוס איז ניט געקרייציקט! ניטאָ קיין
צײלעם הינטער אים. טאַקע אַ טראַדיציאָנעלער
יעזוס, אָבער ניט קיין אומגעבראַכטער...

און ער קאָמענטירט דעם אײַנפאַל:

— ס'איז די אידיי פון אַ קאָמפּראָמיס צווישן
די רעליגיעס... אין דער עפּאָכע פונעם מאַטע־
ריאַליזם וועלן צעקריגטע צווישן זיך רעליגיעס
ניט קענען לאַנג אויסהאַלטן. דער אויסוועג:
פאַרשיידענע גלויבנס, פאַרייניקט אײַך!..

איך האָב פאַרלאָזט אַלדאָ טעסטאַס סאַלאָן,
ניט וויסנדיק, וועמען אָפּצוגעבן גערעכט: יענע
מענטשן, וועלכע האַלטן דעם כאָשעוון פּראָפע־
סאָר פאַר אַ טשודאַק, אַ מין היפּי פון געדאַנק,
צי, פאַרקערט, יענע, וואָס מערקן אָפּ, אַז אין
טעסטאַס סאַלאָן דרייט זיך טאָמיד דער דיאַלאָג
אַרום דעליקאַטע פּראָבלעמען, מערסטנטייל
אַרום נאָענטן מיזרעך, דערבײַ באַנוצט טעסטאַ
אָפט דעם אויסדרוק „די אַמבאַסאַדע פון ייִס־
ראָעל איז מיט דעם, וואָס איך זאָג דאָ, אײַך,
מאַסקים"... ס'איז אויך פאַר די אָרטיקע באַאָ־
באַכטער ניט דורכגעגאַנגען אומבאַמערקט דאָס,

וואָס דער סאַלאָן איז געגרינדעט געוואָרן אין א קורצער צײַט נאָכן „זעקסטאָגיקן קריג“. עס זײַנען פאַראַן מענטשן, וועלכע שפּילן ניט אין זשמורקעס, און זיי זאָגן אַרויס א מיינונג, אַז די ציוניסטישע צענטרען זײַנען פאַרינטערעסירט צו האָבן אין אַזאַ שטאָט, ווי רוים, א מין „קלוב“, צי „סאַלאָן“, וווּ בא דעם אַקטיוון טייל פון דער געזעלשאַפטלעכקײַט ווערט פאָרמירט די שטעלונג צו אייניקע פונדאַמענטאַלע פּאַרן ציוניזם פראַגן. אינעם שמועס מיט מיר האָט פּראָפעסאָר אַלדאָ טעסטאַ געהאַלטן אין איין אונטערשטרײַכן, אַז ער האָט אַן אידיי, ווי־אַזוי צו לייזן די פּראָבלעם פון ירושלים, און אַז, נאַטירלעך, „די אַמבאַסאַדע פון ישׂראל איז מאַסקים“ מיט דעם, וואָס ער זאָגט דאָ אַרויס. די דאָזיקע אידיי איז, אָפן גערעדט, ניט קיין אָריגינעלע. ניט ווייניק פּאָליטיקער, — פון די, וואָס ווילן ניט אָנערקענען, אַז די זאַך נייטיקט זיך ניט אין קיין פּלאָנטער־אידייען, ס'איז שוין לאַנג צײַט אויפצושטעלן די גערעכטיקײַט בענע־גייע די אַראַבישע אײַנוווינער פונעם אָקופּירטן אַלט־ירושלים, — די דאָזיקע פּאָליטיקער לייגן שוין פון לאַנג פאָר רעצעפּטן, ווי־אַזוי אינטערנאַציאָנאַליזירן ירושלים. פּראָפעסאָר אַלדאָ טעסטאַ פאַרבײַט דעם באַגריף „אינטערנאַציאָנאַליזירן“ מיט „אינטעררעליגיאָניזירן“, דאָס הייסט ירושלים זאָל אָפּגעגעבן ווערן די דרײַ וועלט־רעליגיעס און זאָל אייגנצײַטיק, אין, אַזוי צו זאָגן, וועלטלעכן פלאַך, געהערן צו ישׂראל. אַן אינטעררעליגיעזע אויטאָנאָמיע פאַר אַלט־ירושלים באַטײַט, אַז דער דאָזיקער טעריטאָריעלער איינס זאָל אַרײַן אין באַשטאַנד פון ישׂראל, ווי א מין וואַטיקאַן...

זעקסטער בריוו

איך האָב זיך דערמאָנט, אַז דעם נעכטיקן בריוו צו אײַך האָב איך געשלאָסן מיט א שורה, אין וועלכער עס ווערט דערמאָנט דער וואַטיקאַן. דאָס, פאַרשטייט איר דאָך, וואָלט מען געקאָנט אינעם הײַנטיקן בריוו ניט איבערכאַזערן, נאָר ס'האָט זיך געמאַכט אַזוי, אַז הײַנט איז גראָד זונטיק, ווען דער פּויפּסט ריכטעט אָפּ זײַן טפילע פאַרן פאָלק, און צוליב דעם בין איך אַוועק מיטן שטראָם פון טויזנטער מענטשן אויפן פּלאַץ פונעם הייליקן פּעטער; דער פּלאַץ און די באַרימטע קאַטעדראַל, וועמענס נאָמען ער טראָגט, — דאָס איז, אייגנטלעך, שוין א טייל טעריטאָריע פון דער וואַטיקאַנישער מעדינע...

איך בין געשטאַנען צווישן גרויסן עולם, צוגעדריקט צו א פאָנטאַן בישכיינעס מיטן רייזיקן אָבעליסק פון רויטן גראַניט, וועמענס שעם עס שטאַמט הויפּטזאַכלעך פון דעם, וואָס דער אימפּעראַטאָר קאַליגולאַ האָט אים אַראָפּגעבראַכט מיטן יאַם אַזש פון עגיפּטן און אין דרײַצן הונדערט יאָר אַרום האָבן 800 מענטשן מיט דער הילף פון 150 פערד אים אַריבערגעשלעפּט, לויטן באַפעל פונעם פּויפּסט, פון דעם צירק מאַקסימוס, וועלכן ער האָט מיט זיך באַפּוצט, אויפן פּלאַץ פון וואַטיקאַן.

דער פּויפּסט פּאַוועל VI, אָנגעטאָן אין א ווײַסער מאַנטיע, האָט זיך באַוויזן אויפן באַלקאָן, ריכטיקער געזאָגט אין פענצטער, אויפן פערטן שטאָק פון זײַן פּאַלאַץ. בעשאַס דער עולם האָט אַפּלאָדירט, האָט דער פּויפּסט אים געבענטשט. די מעסע אויפן פאָן פון שיינע דעקאָראַציעס האָט, ווײַזט אויס, אָנגעטאָן פאַרגעניגן דעם 75־יאָריקן געוועזענעם מילאַנער אַרציבישאָף מאָנטיני, ווײַל האַגאַם ער איז שוין א היפּשע צײַט דער הערשער פון א האַלבן מיליאַרד קאַטויליקער פון דער וועלט, און דאָס איז גענוג, ער זאָל שוין זײַן צוגעוווינט צו אָט דער ראָליע און זי, יעדנפאַלס, ניט ראָמאַנטיזירן, — דאָך האָט ער נאָך דער דראָשע א ביסל פּאָזירט און, אײַנקוקנדיק זיך אין דעם מענטשן־יאַם, געקליבן נאַכעס.

אויב ס'איז ניט קיין גוזמע, אַז פון אַזאַ ווײַטן מעהאַלעך, ווי דער, וואָס האָט מיך אָפּגעטיילט פונעם פּויפּסט, איז מעגלעך צו זען די ניואַנסן אינעם מענטשנס געמיט, — וואָלט איך זאָגן, אַז דאָס פּנים בא פּאַוועל VI האָט אויסגעדריקט פאַרזאָרגטקײַט. עפּשער איז עס דערפאַר, ווײַל עס האָט זיך נאָך ניט אײַנגעשטילט דער טומל אַרום דעם בוך פונעם מעקסיקאַנישן גײַסטלעכן סאַנעז אַריאַגאָ „די קירכע פון די מאַרטיניס“, וווּ ס'ווערט „אויפגעדעקט“, אַז אָנאַרדאָ מאַרטיני, דער עלטערזיידע פונעם הײַנטיקן פּויפּסט, האָט אין די זעכציקער יאָרן פונעם פאָריקן יאָרהונדערט פאַרנומען דעם אַמט פון הויפּט־ראַבינער פון רוים און די עלטערן פונעם הײַנטיקן פּויפּסט זײַנען געווען — דער טאַטע א געשמאַדטער, די מאַמע א געטויפטע... אײַ־אײַ־אײַ, אַזאַ קאָנפוז! און פון דער צווייטער זײַט, וואָס איז דאָ דער וווּנדער? דער אַפּאָסטאָל פּאַוועל, אַזוי צו זאָגן — פּאַוועל I, האָט דען ניט געהייסן שאול השלום, און ניט ער האָט דען, לויט דער עוואַנגעליע, געזאָגט: „עמי מגזע ישראל משבט בינימין עברי בן עברי“ (איך שטאַם פונעם פאָלק ישׂראל, פון דעם שײַוועט בינימין, מײַן פאָטער איז געווען א ייִד, און איך בין א ייִד)?..

ניין, ניט דאָס בוך פון א מעקסיקאַנער גאַלעך, וועלכן מע האָט, אַגעוו, גלײַך אַרײַנגעלייגט אין כיירעם, רופט אַרויס זאָרג באַם אַלמעכטיקן פּויפּסט.

איז עפּשער האָט פּאַוועל VI אַגמעסנעפעש פון דעם, וואָס עס איז קראַנק געוואָרן זײַן געטרײַע מאַנאַשקע, די שוועסטער פּיאַרעלאַ?

איר ווייסט מיסטאמע, אין וואָס דאָ גייט. באם ארײַנגאנג אין דער קאטעדראלע פונעם הייליקן פעטער איז פערציק טעג נאָכאנאנד געשטאנען פיאָרעלא און ניט ארײַנגעלאָזט אין די פאראדנע טירן פונעם וואטיקאן די טוריסטקעס, וועלכע טראָגן מיני־קליידלעך. וועגן דעם, ווי וועגן א וועלט־געשעעניש, האָט געשריבן די גאנצע פרעסע. „א בושע, — האָט פיאָרעלא געטײַנעט צו די אָנגעטאָן־אויסגעטאָנענע טוריסטקעס, — פארשטעלט די קני"... מע דערציילט, אז זי האָט אזויארום געגעבן 80 טויזנט מיידלעך און ווײַבלעך, ארויפגעפירטע פונעם גלײַכן וועג, מיט דער קני אין איינעם אָן אָרט... די סקאנדאלן זײַנען אָבער געווען אזוי גרויס, אז אפן פערציקסטן טאָג פון איר דעזשורסטווע איז די שוועסטער פיאָרעלא קראנק געוואָרן אף די נערוון.

נאָר, אף נעמאָנעס, איך גלייב ניט, אז דעם פויפסט, וואָס איז אזוי גרויס און מעכטיק, זאָל אײַנברעכן דאָס, וואָס עפעס א מאָנאשקע איז ארײַנגעפאלן אין היסטעריקע. גיכער פון אלץ נעמט זיך זײַן זאָרג טאקע פון א בוך, אויב ניט פון דעם מעקסיקאנערס — סאנעז אריאגאָס, — איז שוין אָן שום סאָפעק פונעם האָלענדערס — סאן וואגנערס — בוך „די געטאָ לעבן דעם טײַך טיבער", אין וועלכן עס ווערט דערציילט, אז א קאפוצינער גאלעך מארי באנוא האָט בײַס דער דײַטשישער אָקופאציע געמאכט באמיִונגען אף צו ראטעווען ייִדן אין רוים, און ווען ער האָט זיך געווענדט צום וואטיקאן נאָך הילף, האָט מען פאר די פיר טויזנט שמאכטנדיקע ייִדן פון דער שטאָט, איבער וועמענס קעפ עס איז געהאנגען דער כאלעף, אויסגעטיילט מיט גרויס צאָרעס... א פאָר זעקלעך מעל, אינגאנצן 300 קילאָגראם.

פון יענער צײַט זײַנען שוין אָבער א סאך וואסערן אָפגעפלאָסן, און מעגלעך, אז דאָס וואָלקנדל אפן געזיכט פון דעם פויפסט נעמט זיך פון אָן אומאָנגענעמלעכקײַט, וואָס ער האָט, קאָן זײַן, געהאט א פאָר מינוט פארן ארויסגיין אפן באלקאָן פון זײַן פאלאץ. קוקנדיק איצט אף פאוועל VI פארדײַגעט פאָנעם, שטעל איך זיך געניי פאָר, וויאזוי ער האָט אונטערגעהויבן, פארן ארויסגיין, דאָס פאָרהענגל און זיך אײַנגעקוקט אין די עטלעכע צענדליק טויזנט פילפארביק־אָנגעטאָנענע מענטשן אפן פלאץ; „אהא, דאָס זײַנען דאָך גאָלע טוריסטן"... — האָט ער א טראכט געטאָן. און זײַענדיק, ווי אלע פויפסטן פון די לעצטע דוירעס, אין זײַן „ערדישן וואריאנט" א געשעפטסמאן (דער וואטיקאן איז פארטראָטן מיט דער גרעסטער צאָל אקציעס אין עטלעכע רײַכע בענק, ארײַנגערעכנט די „באנק פון אייביקן גײַסט", ווי אויך אין פיל אונטערנעמונגען פונעם נאפט־ און אוטאָמאָ־

ביל־ביזנעס, אין דער בויונג פון הײַזער אדג.), — האָט ער פארן יאָווען זיך אף א ראנדעוווּ מיט זײַנע שעפעלעך (מיט צענדליקער טויזנטער טוריסטן!) זיך אָנגעפרעגט, צי מע האָט שוין, סאָפקאָלסאָף, ווידער געעפנט פאר באזוכער די ערשטע קאפעלע פון קאטעדראל, אף רעכטס פונעם ארײַנגאנג, ווו עס שטייט די אומגליקלעכע „פיעטא" — אָן אומגליקלעכע סײַ דערפאר, וואָס אָט די סקולפטור־גרופע שילדערט דאָס באוויינען א טויטן און גופע דאָס וואָרט „פיעטא" באטײַט טרויער, אנגסט, סײַ ווײַל איינער א פסיכאָפאט, א טוריסט פון אווסטראליע, האָט דאָ ניט לאנג צעקלאפט די סקולפטור מיט א האמער, און מע האָט זי שוין געהאלטן קימאט פאר פארפאלן. „ניין", — האָט מען געענטפערט דעם פויפסט, — „די רעסטאווראציע פון „פיעטא" איז נאָך ניט פארענדיקט". אוודע איז עס ניט פון די בעסטע נײַעס, וואָס דער באלעבאָס פונעם וואטיקאן האָט זיך דערוווּסט א פאָר מינוט פארן ארויסגיין צום פאָלק, און דאָס עפשער איז די סיבע, פארוואָס עס האָט זיך מיר געקאָנט אויסדוכטן, אז ער זעט אויס א ביסל זויערלעך...

ארײַנגייענדיק נאָך דער מעסע אין קאטעדראל, האָב איך פונדעסטוועגן א זוך געטאָן די מראמאָרנע סקולפטור־גרופע און זי ניט געפונען אף איר אָרט. ווען איר וועט באקומען אָט דעם בריוו מײַנעם, וועט שוין עפשער די פאסירונג מיט „פיעטא" „געהערן דער געשיכטע". דעריבער — אָנשטאָט צו דערציילן אײַך דאָס, וואָס איר ווייסט שוין פון די צײַטונגען, וועל איך דאָ בלויז אָפפרישן אין זיקאָרן, בא אָט דער געלעגנהײַט, איינעם א היסטאָרישן פראט. איר ווייסט דאָך, אז „פיעטא" איז איינס פון מיקעלאנדזשעלאָס ערשטע ווערק. די צניִעסדיק־ריינע מאדאָנע האלט אף די קני דעם קערפער פון איר זון יעזוס און, קוקנדיק מיט שטילן טרויער אפן טויטן, האלט זי אים אונטער מיט דער רעכטער האנט און די לינקע האנט איז עטוואָס אָפגעפירט אין א זײַט, ווי די מוטער וואָלט פרעגן: „פארוואָס קומט עס אים?". אָט די האנט האָט דער משוגענער טוריסט פון אווסטראליע אָפגעהאקט מיט זײַן האמער! ער האָט אויך צעקרישלט דער מאדאָנעס פאָנעם...

די היסטאָרישע דעטאל, וועלכע כ'וויל אײַך דערמאָנען, איז אָט וועלכע: ווען „פיעטא" איז ארויסגעשטעלט געוואָרן אין א טעמפל, איז מיקעלאנדזשעלאָ נאָך געווען ווייניק באוווּסט, און אלס אווטאָרן פונעם ווערק האָט מען אָנגערופן אנדערע סקולפטאָרן. ווען מיקעלאנדזשעלאָ האָט זיך וועגן דעם דערוווּסט, איז ער איינמאָל באנאכט געקומען מיט א לאמטערן אין טעמפל און האָט אף דער ברייטער טאשמע, וואָס איז איבערגעצויגן איבערן אקסל פון דער

מאַדאָנע, אויסגעקריצט די ווערטער: „דאָס האָט מיקעלאַנדזשעלאָ בואָנאַראָטי, פון פלאָרענץ, געמאַכט". אָך, די פאַרשײַטע יוגנט! אין די עלטערע יאָרן האָט שוין דער געניאַלער מײַסטער קיינמאָל אַזעלכעס ניט געטאָן. קומט טאַקע דעם יונגן מיקעלאַנדזשעלאָ אַ יאַשער־קויעך פון דער גאַנצער וועלט: „פּיעטאַ" איז דאָס איינציקע ווערק זײַנס, וואָס איז פּערזענלעך פון אים אונטערגעשריבן...

צום שלוס וויל איך אײַנקורצן אײַך דערציילן וועגן מײַן וויזיט צו די ייִדישע קאַטאַקאָמבעס הינטער רוים. אין דעם נעכטיקן בריוו האָב איך פאַרבײַגייענדיק דערמאָנט, וויאַזוי איך בין אַף אַ פּיאַקער געפאָרן צו וויאַ אַפּיאַ, וועלכן מע רעכנט פאַר איינעם פון די עלטסטע וועגן אין דער וועלט. מיט פיר הונדערט יאָר פאַר אונדזער צײַט־רעכענונג האָט מען דורכגעלייגט דעם וועג לויטן באַפעל פון דעם רוימישן מעלוכע־מאַן אַפּיאַ קלאַודיאַ. די אַלטע שטיינער זײַנען הײַנט אַרײַנגעריבן אין דער ערד, פאַרטראָגן מיט זאַמד, צעקוועטשט ווי פלעצלעך. איבער זיי האָבן געשפּאַנט די רוימישע לעגיאָנערן. לענגויס וויאַ אַפּיאַ זײַנען נאָכן זיג איבער ספּאַרטאַקן געשטאַנען אײַנגעגראָבן אין דער ערד צוויי לאַנגע רייען הילצערנע צײלעמס, צו וועלכע ס'זײַנען געווען צוגעפעסטיקט די געקרייציקטע קערפּערס פון די אופגעשטאַנענע קנעכט.

„אַלע וועגן פירן קיין רוים" — דאָס דאָזיקע באַפליגלטע וואָרט האָט געהאַט אַ סמאַך. נײַנצן וועגן האָבן געשטראָמט צום אוראַלטן וועלט־קראַך, און איינער פון זיי איז געווען וויאַ אַפּיאַ. פונדאַנען, אַפּן פּאַן פון בלוילעכע בערגלעך, זעען זיך אַרויס די סילועטן פון אַקוועדוקן, וועלכע האָבן צוגעפירט דאָס טרינק־וואַסער צו דער שטאָט. אַ טייל אַקוועדוקן איז דורכגעגאַנגען אונטער דער ערד, אַ טייל — איבער הויכע אַרקעס.

אָפּשטעלנדיק זיך אַף אַ רעגע בײַם קייווער פונעם פילאָסאָף סענעקאַ, נעראָנס „רעבע", וועלכער איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד לויטן באַפעל פון זײַן געזאַלבטן טאַלמיד, האָב איך פאַרקערעוועט צו די קאַטאַקאָמבעס. דאָ האָב איך זיך דערוווּסט, אַז אַרײַנגיין אַהין קאָן מען בלויז מיט אַ שריפטלעכער דערלויבעניש פונעם אינספּעקטאָר פון אַלטערטימלעכקײַטן בײַם וואַטיקאָן.

אַ בעפיירעשער אַבסורד: די קאַטאַקאָמבעס, וועלכע זײַנען פאַרבונדן מיט דער ייִדישער געשיכטע און וואָס אַנטהאַלטן ייִדישע קוואָרים, באַהעלטענישן, אינווענטאַר צום דאַווענען, וואַנט־געמעלן, אויפשריפטן אַף העברעיִש און ריטועלע באַפוצונגען, — זײַנען לויט אַן אָפּמאַך צווישן דער מוסאָליני־רעגירונג און דעם וואַטיקאַן (אין 1929) איבערגעגעבן געוואָרן אונטער דער אויפזיכט פון דער קריסטלעכער קירך.

נאָך לאַנגע אונטערהאַנדלונגען מיט אַ וועכטער איז מיר דאָך געלונגען צו באַקוקן פון דער זײַט די אונטערערד. איך האָב זיך דערוווּסט, אַז אַנדערע קאַטאַקאָמבעס געפינען זיך אין נאָמענטאַנאַ, אונטער דער ווילע, אין וועלכער ס'האָט אַמאָל געוווינט אַליין מוסאָליני, און איצט געהערט די ווילע און דער פּאַרק אַרום איר צום פּרינץ טאַרלאָניאַ.

דער פּיפּיקער פּרינץ קלײַבט זיך אויסבויען אַף דעם אָרט אַ קוואַרטאַל פון וווין־הײַזער, און דאָס באַטײַט, אַז די אוניקאַלע קאַטאַקאָמבעס זײַנען אונטער אַ געפאַר.

האַקלאַל, נאָכאַמאָל אַ צוזאַמענטרעף פונעם וואַטיקאַן מיטן ביזנעס...

פּ. ס.

איך לייג צו מײַנע עטלעכע לידער — איטאַליעניש מאָטיוון, אַרויסגענומענע פונעם נאָטיץ־ביכל.

אַ רעפּאָרטאַזש וועגן אַ רעגנבויגן, אָנגעשריבן אַפּן וועג פון רוסלאַנד קיין אייראָפּע

אַ רעגנבויגן —
און גאָר אונטער די פיס!
בײַם ראַנד פון דער פאַרוואָלקנטקײַט, וואָס איבער איר
מיר טראָגן זיך, ווי איבער אַ באַזונטן שניי־פעלד,
און מיטאַמאָל:
אַ רעגנבויגן!
ניט איבערן קאָפּ,
אונטער די פיס — אַ רעגנבויגן!

דאָרט, אונטן, אַף דער ערד,
אין דערפלעך אויסגעשווענקטע פונעם רעגן,

דאָרט שטייט מען בא די רינשטאָקן מיט פולע עמער.
און עס פאַרגלײַכט א היימישער פּאָעט
מיט א קאַראַמיסל דעם הימל־בויגן.
ניטאָ אזא מין דאַרפס־מאַלקע, וואָס אַפּזאָגן זי זאָל זיך
ארופצולייגן אף די שיינע אַקסל
א רעגנבויגן
און אופהענגען אף אים
בא ביידע זײַטן
צוויי עמער רעגן.

פון אעראָפּלאַן איך קוק ארויס,
און ס'כידעשט מיך,
וואָס אויך פון אַט דער הייך
איך זע דעם רעגנבויגן,
פּונקט ווי כ'וואָלט געשטאַנען אף דער ערד —
די עקן צוויי אראָפּגעלאָזט, פאַרבויגן אף אראָפּ.
און כ'טראַכט:
דער כאָלאָל עפּשער
איז א הימל אין א הימל,
אזוי ווי די מאַטריאָשקעס...
צי עפּשער איז עס גאָר אַן אויסגעטראַכטע זאַך,
אַז קלוימערשט
צוויי קילאָמעטער די הייך —
דאָס איז דער הימל...

אָט וועל איך באַלד ארויסגיין אפן פעלד,
און אויב דער רעגנבויגן ליגט שוין יאָ אונטער די פיס,
וועל איך ארופקריכן אף אים,
און ווי אף א פּאַרענטש
(איך טו עס אין מײַן שטוב, באַם לייטער),
זיך גרינג אראָפּגליטשן אף דר'ערד.

און נאָך באַוויזן זען —
ניט אונטער די פיס —
איבערן קאָפּ
דעם רעגנבויגן.

אין מוזיי

אין מוזיי גייט אום דער שומער
(איך דערקען אים לויט די טריט)
מיטן פּראָפיל פון א רוימער,
מיט די אויגן פון א ייִד.
ווען אין זאַל ווערט פּוסט פאַרנאַכט־צו
און עס לעשט זיך אויס די שײַן,
גייט ער אויסגעמאַטערט, דאַכט זיך,
אין דא ווינטשיס בילד אַרײַן.
אין דעם בילד דערפילט זיך בעסער,
זיצט אָן דײַגעס אינדערמיט
מיטן אָנשטעל פון א צעזאַר,
מיטן אײַנפאַל פון א ייִד.
אָט אזוי ביז אָנהייב טאָגן,
ביז עס קומט דער אינדערפרי —
ביז די דײַגעס, ביז די זאָרגן,
ביז דער ארבעט, ביז דער מי —
דאַן די אויגן עפנט קוים ער,
שאַרט פון בילד ארויס זיך מיד
מיטן פּראָפיל פון א רוימער,
מיט די אויגן פון א ייִד.

צוגאסט בא מארטשעלאָן

איך האָב געוואָלט פארבײַגיין דיך,
פארוואָרפן שטעטעלע אין בארג־לאנד אפענינער,
נאָר שולדיק איז דאָס ייִנגעלע מארטשעלאָ
(אין א געזינד דער איינציקער פארדינער) —
צוויי בענטשנדיקע קויטיק־מאָגערע,
ניט קינדערישע הענט
האָט ער א שפּאר געטאָן צו מיר און אויסגערופן טראגיש:
— סיניאָר! פארשטייט זיך, אז איר קאָנט
פארבײַגיין אונדזער אָרעם שטעטעלע. אײַך אָפּשטעלן איך וואג נישט...
נאָר כ׳בעט אײַך! קומט צו אונדז ארײַן,
אפילע אויב איר האָט קיין אינטערעס דערינען.
גיט מיר א לירע צו פארדינען!

עס האָט געדוכט:
מארטשעלאָס קאָל אין געסלעך דײַנע קלינגט פון אלע שוועלן.
פארוואָרפן שטעטעלע, ווי קען מען אָפּזאָגן דעם ייִנגעלע מארטשעלאָ?

איצט פירט ער מיך, ווי א דעראָבערער, צו זיך אהיים.
קונדייסים אף דער גאס פארוווּנדערט קוויטשען.
און ער איז אײפערזיכטיק, לאָזט ניט צו צו מיר
און שרײַט.
— אמיטשי!
קוועסטאָ ע איל מיאָ אָספּיטע![1] — ער שרײַט,
און ווידעראמאָל:
— לאָ פּאָרטאטאָ יאָ![2]
און ס׳טראָגט זיך אין דער ווײַט
פון דעם כאלופּקעלע מארטשעלאָס, וואָס ער רופט עס „פּערמע":
— ע ווענוטאָ קווי פּער מע![3]
איך וואָלט געקענט פארבײַגיין דיך,
פארוואָרפן שטעטעלע אין בארג־לאנד אפענינער,
נאָר כ׳מוז צוליב מארטשעלאָן
טאָן עס:
גיבן אים א לירע צו פארדינען...

ייִדישע קאטאקאָמבעם אף וויִא אפּיִא

עפּשער טאקע בין איך ניט קיין אויסנאם,
עפּשער האָבן אָוועס מיך פארפירט
אין דער הייל, ווו נארעריש און גרויזאם
ברענט א סטרעמפּל אײַז אָנשטאָט א ליכט.

עפּשער דאָ געבברענט האָבן מענוירעס,
וואָס פון פלאם געראטעוועט זיי האָט
יענער דאָר, בא וועמען ווײַטע דוירעס
נעמען אָפּ פון דוירעס דעם געבאָט.

איך געקומען בין אהער, זײַט מויכל,
ניט צוליב אן אויסדערוויילטן צוועק.
כ׳האָב דערזען, ווי פון דער הייל א רויכל
ציט ארויס, און האָב געטראכט מיט שרעק:

עפּשער איז געשען אזא מין אויסנאם —
כ׳וועל דערזען די אָוועס אומגעריכט...
נאָר אין הייל סײַ נארעריש, סײַ גרויזאם
ברענט א סטרעמפּל אײַז אָנשטאָט א ליכט.

---

[1] פרײַנט, דאָס איז מײַן גאסט!
[2] דאָס האָב איך אים געבראכט צו פירן!
[3] ער איז געקומען צוליב מיר!

א טוריסטישע באַלאַדע

— עפשער באם פויפסט
דיר קויפן זײַן קרוין,
מײַן טײַערע יעפּאַסטויער?
— קויף מיר, מײַן מאַן, א כורווע אין רוים,
לעם סאַמע טיטוס-טויער.

— כורווע אין רוים?
גיט מען אומזיסט, —
פאַר אלע ווײַבער אָפּן.
— טאַקע אָט דאָס, מײַן מאַן, מיך פאַרדריסט,
לאָזט אין די נעכט ניט שלאָפן.

— עפשער מיט טיטוסן
ביסטו צעשיידט
פון בייסהאַמיקדעש-צײַטן?
— מײַן מאַן, עפּעס רעדסטו מאָדנע רייד,
איך האַלט מיך פאַר די זײַטן...

— כ'וויל זאָגן:
אַף טיטוסן טראָגסט א פאַרדראָס,
היסטאָריש, אזוי צו זאָגן...
— מײַן מאַן, אויב א כורווע טײַער קאָסט,
אין קויף מיר אין רוים א פּאָר זאָקן...

רוים אין אָוונט

קומט דער אָוונט,
און די רוימער גאַס,
די באַקאַנטע,
איך דערקען קוים-קוים.
גאַסן
זײַנען טונקל און געלאַסן,
א ספּעקטאַקל שפּילט זיך אָפּ אין רוים.

יעדערן עס פּאַסט די פרעמדע ראָליע,
גאָרנישט פונעם טאָעס מע פאַרלירט.
א מאָנאַשקע —
אַף א מאָטאָראָלער,
מיני-קליידלעך —
אין א מאָנאַסטיר.

קלאָלעס. שוווּעס. דראָנגען און טרערן.
„נעם — און לעבן!..״
„היי, גיב מיר, אָדער שטאַרב!..״
אקסעלבאַנטן בא קאַראַבינערן,
און בא זוינעס באַנטן —
פון איין פאַרב.

אַף די פּלעצער שטייען מיט ראַכמאָנעס
העלדן פון פאַרצײַטנס — שוין גענוג?
אין די גאַסן גייען אום מאַדאָנעס,
וועמענס קינדער זיצן אָפּן ברוק.
— אין דער שטופּערײַ, אין טומל הער איך —
א פאַרליבטער שעפּטשעט, ווי א שפּרוך:
„קום אַרײַן, סיניאָרע, אין פּיצעריע,
נעם א פּיצל
פּיצאַ
און פאַרזוך...״

עס איז אָוונט,
און די רוימער גאַסן,
די באַקאַנטע,
איך דערקען קוים-קוים.
גאַסן
זײַנען טונקל און געלאַסן,
א ספּעקטאַקל שפּילט זיך אָפּ אין רוים.

אין וועג

9. דער פענסיאָנער לייבעצקע

שוין אינעם אויפן און אינעם טאָן, מיט וועלכן די ארומיקע ברענגען ארויס און פארציִען עמעצנס א נאָמען, פון א באקאנטן, אָדער פון א שאָכן, שוין אין דעם אליין גופע ווערט אָפּט טרעפלעך אָפּגעפּאָרטרעטלט דער מענטש, זײַנע זיטן און טנועס. ליי־בעצ־קע — צעצויגן, מיט א זיסלעך ניגנדל, טוט מען א זאָג, און עס שווימט אוף פאר מײַנע אויגן טאקע דער און ניט קיין אנדערער, מיט אלע זײַנע מידעס, אלטבאָכערישע גענג און פירעכצן.

אין יעדער שטוב, אין וועלכער איך בין אין אוזדע ארײַנגעקומען, האָב איך גאָר לאנג ניט געדארפט כויקער־וועדוירעש זײַן — עס איז אָנשוילעך: מע לעבט אײַנגעפונדעוועט. עס איז צוגעקליבן, ריין־ציכטיק. בא וועמען גאָר אזוינס און אזעלכעס — מיט גרויסשטאָטישן פוץ, א סאך צאצקעלעך און שמאָכטעלײַקעס אף די סערוואנטן, גרויסע טײַערע טעפּיכער אף די ווענט, פליושענע סטעזשקעלעך אף די געפארבטע אָדער געוועקסלטע דילן, און בא וועמען — מיט ווייניקער ראש און גלאנץ, אָבער סײַווי — באַלעבאטיש: בלאנקענדיקע שניי־ווײַסע פאָרהענגלעך אף די פענצטער, פון דער סטעליע ביסקל דיל — אָנגעשטײַפטע גארדינען; א פרישע באַטאמטע לופט אין די כאדאָרים, פון קיך גייט אן אָנגענעמע ווארעמקײַט. דערפילסט זיך געמיטלעך באם טיש, דעם געדעקטן מיט אן אָנגעקראכמאלעטן געקווייטלטן טישטעך. ס׳איז דיר ווויל, וואָס דו געפינסט זיך דאָ, עס שמעקט מיט ליבער היימישקײַט, מיט טאטע־מאמע, באָבע־זיידע.

אן אויסנאם איז אין אוזדע — לייבעצקע, לייבל פײַוועליעוויטש בערנשטיין. זײַן דירע איז אין א קאָמונאל הויז, אין וועלכער עס לעבן נאָך אייניקע מישפּאָכעס. ס׳איז אן אלטע הילצערנע יידישע שטוב. די דײַטשן האָבן אוועקגעהארגעט דאָס גאנצע געזינד, וואָס האָט דאָרט געוווינט, קיין יאָרשים זײַנען אין ערגעץ ניט געבליבן, איז דאָס הויז אריבער צו דער מעלוכע. לייבעצקע פארנעמט אין אָט דער שטוב ניט קיין גרויסן צימער מיט עפּעס אזעלכעס, וואָס דארף באטײַטן א פּאָדער־כיידערל. א פארדומפּטקײַט, פארלעגערטקײַט און א שווערע זויערקײַט, ווי פון לאנג ניט געוואשענע ווינדעלעך, טוט אײַך א שארפן זעץ אין דער נאָז, וויבאלד נאָר איר טרעט אריבער בערנשטיינס „אפּארטאמענט”... בלויז אין קאפּצאנסק פון מענדעלעס צײַטן וואָלט מען געקאָנט בא די עוויוינים און שלעפּערס זיך צונויפשטויסן צורע בעצורע מיט אזא אומצוכט. ס׳איז ניטאָ ווו צו זעצן זיך און ווו צו שטעלן זיך, אזוי איז דער צימער און דאָס פאָרהויז־כיידערל פארוואלגערט מיט פארדריפּעטע, פארזשאווערטע שיסלען, פארקאָפּטשעטע, פארשווארצטע קאסטריולקעס, אָנגעשפּאָלטענע טשוהונטשיקעס, צוגעפּלעטשטע טשײַניקעס און אָן א שיר שמאטעס, אָנעטשעס און טראנטעס פון געוועזענע העמדלעך, קליידלעך, טאכטוינים... אין עפּעס א קיילע אף לאנגע פיסלעך, ענלעך אף א שפּײַ־אורנע, ווייקט זיך א שיטער, שוין צוגעשימלט עסעכץ פאר לייבעצקעס צוויי הינער, וועלכע ער האלט אפן בוידעם, קעדיי מענטשן זאָלן אף זיי קיין בייז־אויג ניט ווארפן. אינמיטן צימער שטייט ניט קיין גרויס אלמער־בופעטל, וואָס איז פארוואלגערט מיט פארגעלטע אלטע צײַטונגען, ארום דעם אלמער־בופעטל — עפּעס אן אָנדײַט אף נאָך א שטיק מעבל, א באדעקטס מיט ראָגזשעס, פארשמאָלצענע טראנטעס. ס׳איז אוממעגלעך אָנצושטויסן זיך, וואָס עס איז אונטער זיי — א קושעטקע, א טישל, א שאפקע, צי א פּאָר צונויפגערוקטע טומבעטשקעס, צי גאָר געווײנלעכע באגאזש־קעסטלעך, און אלץ זעט עס אויס צעקרימט און צעהויקערט און האלט זיך מיט ניסים. די פאָרהענגלעך אף די פּאָר פענצטער זײַנען שווארץ פון סאזשע און ברוד, יאָרנלאנג ניט געוואשן, און העכער פון די פאָרהענגלעך זײַנען די שויבן פארמורזעט, באקלעפּט מיט געפייגערטע פליגן, קאָמארעס

סאָף. אָנהייב זע „סאָוועטיש היימלאנד” נומ. 2

און נאַכט־פּלאַטערלעך, מע זעט קוים די דרויסנדיקע טאָג־ליכט, וואָס זיפּט זיך דורך אין צימער אַרײַן. קעדיי זיכער צו אוועקזעצן זיך אַף דער איינציקער טאַבורעטקע, דאַרף מען זיך באַוואָרענען און צורוקן זי פעסט צום אײַזערנעם בעטל, וואָס איז אויך צעפאָרן און האַלט זיך אַף מישקוילעס. נאָר ווי פאָרזיכטיק דו זאָלסט זיך ניט זעצן, דאַרפסטו אַלציינס זוכן דערבײַ מיט דער האַנט א שטיקל אָנהאַלט, און ווײַל דו רוקסט זיך אַלץ נעענטער מיטן שטול־טאַבורעטקע צום בעטל, מוזסטו ניט ווילנדיק זיך צורירן צו דעם אומריינעם, פיל מאָל געלאַטעטן צודעק, וואָס דערמאָנט אין א דילן־טוך.

אומעטום, ווּ איר טוט זיך א קער אין צימער, שטויסט זיך אָן אײַער בליק אַף קופּקעס אוטיל, צעשאָטענע הויפנס פאַרשטויבטע צײַטונגען, בלעכענע באַנקעס, סלאָיטשיקעס, ברעטלעך, דרעטלעך, אַלערליי שרויפן, אײַזנדלעך, טעצעלעך, איבערגעברענטע עלעקטרישע לעמפּלעך, טרײַבלעך, הײַקעס, ברילן־האַלאַבליעס. נאָר דאָס האָב איך אײַך בלויז דערציילט וועגן לייבעצקעס ווינונג, וועגן די זאַכענישן, וואָס רינגלען אים אַרום, ווי דער שפּינוועבס דעם שפּין. אָבער ער, לייבל פּײַוועליעוויטש בערנשטיין, איז אַן און פאַר זיך א ביז גאָר טשיקאַוו געשטאַלט, אַן אָדאָם, א וועלט מיט וועלטעלעך, און אַרײַנצודרינגען אין זיי איז גאָר ניט אַזוי פּאָשעט. מיט די הוילע הענט וועסטו לייבעצקען ניט נעמען. ער איז ניט קיין באַריידעוודיקער, און ביז ער אַנטשיידט זיך אַרויסצוזאָגן א וואָרט, וועט ער עס צוערשט אַרומטאַפּן פון אַלע זײַטן. לייבעצקע איז ווײַט ניט קיין „אָפענער זעקס־און־זעכציק”. מע דאַרף, ווי מענדעלע זאָגט, האָבן צו אים א גוט שליסעלע. לייבעצקע איז שוין זיבן און זיבעציק יאָר אַלט, נאָר זעט אויס פיל ייִנגער פון זײַנע יאָרן. א קליינינקער, א דאַרינקער, מיט גאַנץ שטײַפע פּלייצקעס, ער גייט טאָמיד אין קירזעווע שטיוול, די ברייטע הויזן אַרײַנגעטאָן אין די זיך באָמבלענדיקע כאָליעוועס. אַף לייבעצקעס דריבנעם פויגלשן פּענעמל זעען זיך גאָר ניט אָן קיין קנייטשן. די אויגן — שיטערלעך־צעפלאָסענע, מידע, מיט רויטע רייפעלעך אַרום.

די דלאָניעס פון זײַנע הענט, די פינגער — ברייטלעכע, ביינערדיקע. האָרעפּאַשנע, שטײַפע הענט. דאָס האָב איך גלײַך פאַרשטאַנען לויט דעם, ווי־אַזוי ער האָט לײַכט און גאַנץ שנעל מיטן מעסער געעפנט א באַנקע פישקאָנסערוון. ווען איך בין אַרײַנגעקומען אין צימער צו לייב בערנשטיינען, האָב איך בא אים געטראָפן זײַן יעדידי, אָדער ווי מע פאַרשטייט עס אַף אונדזער הײַנטיקן לאָשן, „סאָבוטילניק”, מיטשנעפסלער מוסטאַפאַ בעקיראָוויטש יאַקר־

באָווסקי — אַן אַלטער טאָטער. (אין אונדזער לעבן פון קאַדמוינים אָן טאָטערן. בא די אונדזער ייִדן הייסט א טאָטער ניט קיין טאָטער, נאָר — קיידער). זיי ביידע האָבן מיך, דעם אומגעריכטן גאַסט, אָנגעקוקט מיט כידעש, און עפשער האָבן זיי שוין געוווּסט וועגן מײַן קומען קיין אונדזער, נאָר געוואָרט האָבן זיי אַף מיר געוויס ניט. איך האָב זיך פאָרגעשטעלט — איך בין, הייסט עס, א שרײַבער און בין אַרײַנגעקומען דורכשמועסן זיך. מוסטאַפאַ בעקיראָוויטש, וואָס איז אוילעם־אומלויע (ווי איך האָב זיך וועגן דעם דערנאָך דערוווּסט) פון א ביטערן טראָפּן, האָט צוערשט געהאַט א שטיקל האָפענונג, אַז דאָ שמעקט מיט א ביסל בראַנפן. נאָר ווען ער האָט דערזען, אַז איך האָב זיך מיט אַן ערנסטער מינע יאַקאָס אײַנגעמאָסטעט אַפן טאַבורעטל, לעבן בעט, אַרויסגענומען א העפטל מיט א בלײַער און קלײַב זיך טאַקע האָבן א שמועס מיטן באַלעבאָס, האָט ער זיך ניט פאַרהאַלטן, זיך מאַטריִעך געווען און אונדז איבערגעלאָזט אינצווייען.

מײַן שמועס מיט בערנשטיינען איז מיר צוערשט אָנגעגאַנגען שווער. איך האָב זיך אין דימיען געפאָרעט מיט מײַן בינטל „שליסעלעך”. אוועלכס פאַסט מען צו צו לייבעצקען, איך זאָל אים ניט דערשרעקן און צעטומלען?

— וואָס פאַרשרײַבט איר אַף ייִדיש? — האָט ער מיך א פרעג געטאָן. — איר וועט עס, מיסטאָם, דערנאָך איבערשרײַבן אַף רוסיש?

— ניין, — האָב איך אים דערקלערט, — איך וועל עס אַף רוסיש ניט איבערשרײַבן. איך שרײַב עס פאַר „סאָוועטיש היימלאַנד”. — און איך האָב פון מײַן בוזעם־קעשענע אַרויסגענומען דעם יאַנוואַר־נומער, וועלכן איך האָב מיט זיך מיטגענומען קיין אונדזער. ער האָט בלויז א בליק געטאָן אַפן שאַרבלעטל פון זשורנאַל, וואָס איך האָב געהאַלטן אין דער האַנט, נאָר קיין גרויסן אינטערעס צו אים ניט אַרויסגעוויזן. דער געשפּרעך האָט זיך בא אונדז ניט געקלעפּט. עפעס האָט ער מיר ניט גערן דורכגעזײַט צווישן די ציין וועגן א קרופּאָדזיאַרקע, וואָס זײַן טאַטע האָט געהאַט; אַז ער האָט געאַרבעט צוזאַמען מיטן טאַטן; אַז קיין אַרבעטער האָבן זיי ניט געהאַלטן... לייבעצקע האָט פאַרגעזעצט צו קוקן אַף מיר מיט אומצוטרוי. עס איז אים, מאַשמאָעס, געווען ניט צום האַרצן מײַן אומדערוואַרט אַרײַנרײַסן זיך צו אים, מײַן העפטל מיטן בלײַער, מײַן פאַרשרײַבן... און דאָך האָט מיר צוגעשפּילט דאָס מאַזל, און איך בין אַרויף אַפן „גאָלדענעם אָדער”, פונקט אַזוי, ווי מע טאַפּט, ענדלעך, אָן אין א שטאָקפינצטערן קאָרידאָר די קליאַמקע פון א טיר, וואָס מע נישטערט. איך האָב אומגעריכט פאַר זיך אַליין אָנגערירט די סטרונע פון לייבעצקעס העלע טרוימערישע יאָרן. דאָס זײַנען געווען

די צען־צוועלף יאָר נאָך פאַר דער מילכאָמע, ווען ער, לייבל פּיִוועליעוויטש, איז געווען דער פאַרגרייטער פון רויוואַרג אין דעם אוזדער אַר־טעל „נאָווי שליאַך", וועלכער האָט פּראָדוצירט פּערלמוטערנע קנעפּלעך פאַר פּיל ניי־פאַבריקן פון ווײַסרוסלאַנד. אפילו ניי־פאַבריקן אפן ווײַטן מיזרעך און קירגיזיע האָבן דעם דאָזיקן אַרטיקל באַשטעלט באַם אוזדער אַרטעל.

— וואָס פאַר א רויוואַרג פלעגט איר עס פאַרגרייטן? — האָב איך גלאַט אַזוי, אָן שום קאַוואָנעס, א פרעג געטאָן באַ בערנשטיינען און ניט געוווסט, אַז אָט דער „רויוואַרג" איז עס לייבעצקעס ראָמאַנטישע גאָלדענע סטרונע, דאָס העלסטע בלעטל אין זײַן אַלטבאַכעריש לעבן.

— אין אָט דעם טאַקע גייט עס דאָך, אין די טײַך־ראַקושקעס, — האָט מיט אופגעפלאַמטע אייגלעך און מיט זײַן דינינק פּריהלושעט קעלכל אַף א הויכער אָקטאַווע קימאַט ווי אויס־געשרײַען לייבעצקע, א הייב געטאָן זיך פון דער באַנק צי קושעטקע און מיט היספּײַלעס אויס־גערופן, — איך פלעג אין א סעזאָן פאַרגרייטן פאַרן אַרטעל 300 טאָן ראַקושקעס. איר האָט אַן אַנונג — 300 טאָן!

— וואָס פאַרא ראַקושקעס?

— אָ, איר ווייסט ניט, איר מיינט, מיסטאָם, די דריבנעטשקע יאַם־ראַקושקעס, וועלכע זײַ־נען צעמישט מיטן זשוויר באַם יאַם־ברעג. ניין, ניט יענע, איך האָב אין זינען די פּלאַטשיקע, גרויסע טײַך־ראַקושקעס, וואָס רײַען זיך אינעם זאַמד־שליים אפן דעק פון טײַך. זיי זײַנען ווי אַן איי די גרייס, און אַז מע נעמט זיי פאַנאַנ־דער, אַז מע צעעפנט די צוויי פּערלמוטערנע טירעלעך, אָדער טאַוועלעך, בלײַבן זיי הענגען אַף זאַוועסקעלעך. פון אָט די דאָזיקע ראַקושקעס האָט מען אין דעם אוזדער אַרטעל געמאַכט טויזנטער, וואָס זאָג איך טויזנטער, מיליאָנען פּערלמוטער־קנעפּלעך. פאַרשטייט איר שוין, פון וועלכע ראַקושקעס? אַמער, וועל איך אײַך די מינוט באַווײַזן, באַ מיר מוזן זײַן אַזעלכע קנעפּלעך, און ערגעץ פאַרהיטן זיך באַ מיר אויך א פּאָר אַזעלכע ראַקושקעס.

איצט האָב איך שוין לייבעצקען ניט באַ־דאַרפט מינטערן. יעדער אייווער האָט אין אים אופגעלעבט, ער איז פאַרכאַפּט געוואָרן מיט זײַן אַמאָליקן ענטוזיאַזם, טעטיקײַט, מיט די „בערג", וועלכע ער האָט איבערגעקערט. ער האָט דער־ציילט וועגן זיך באַ די טײַכן פון ראַסיי, אוקראַיִנע און ווײַסרוסלאַנד, וווהין ער פלעגט יעדן אָנהייב זומער אַראָפּקומען מיט דער „גרויסער שליי־כעס" — צו אָרגאַניזירן אין די בײַטײַכיקע קאָל־ווירטן דעם פאַנג פון די ראַקושקעס פאַרן אוזדער אַרטעל.

לייבעצקע האָט, ווי פון עפּעס א באַהעלטעניש, אַרויסגעצויגן א היפּש גרוי זעקל, צעבונדן עס און אַרויסגעשאָטן אפן בעט־צודעק א שלאַל מיט קנעפּ, קנעפּלעך און קנעפּעלעך פון די פאַרשיידנסטע קאָלירן. מעשענע קנעפּ, הילצער־נע, גלעזערנע, פּרויִשע, סאָלדאַטסקע, קינדער־שע, גרויסע מאַנטל־קנעפּ, קײַלעכיקע, פירקאַנ־טיקע, דרײַעקיקע, קנעפּ באַצויגענע מיט קרעפּ, מיט זײַד און סאַמעט, וואָלענע, טוכענע, קנעפּ פון אַלע מאָדעס און צײַטן, ווי אַלטע מאָט־בייעס. אויסער קנעפּ, זײַנען אין אָט דער דאָ־זיקער קופּע געווען ליידיקע שפּולקעס, קלעצ־לעך, בײַוול־מאָטיקלעך, האָרנאָדלען, זיכערנאָד־לען... לייבעצקעס לאַנגע פינגער האָבן גענישט־טערט אין דער הרודע און פּלוצעם, ווי אַף א ווונטקע, אַרויסגעצויגן א קליין פּערלמוטער־קנעפּל, צוגערוקט עס נעענטער צו זײַנע אויגן.

— אָט האָט איר עס! אָט אַזעלכע מינים קנעפּלעך פלעגן מיר מאַכן פון די ראַקושקעס.

קיין טײַך־ראַקושקע האָט ער אָבער אין זײַן קנעפּל־האַרמידער ניט געפונען. עס האָט אים פאַרדראָסן, נאָר איך האָב אים באַרויִקט, איך האָב אים פאַרזיכערט, אַז איך ווייס, וועגן וואָס פאַר א ראַקושקע עס גייט א רייד.

— און וויאַזוי פלעגט איר אָרגאַניזירן דעם פאַנג פון די ראַקושקעס? — האָב איך אים גע־פרעגט און געפילט, אַז איך זיץ שוין גוט אין „זאָטל", איך דאַרף נאָר באַווײַזן צו פאַרשרײַבן דאָס אַלץ, וואָס לייבעצקע האָט באַאַריכעס און מיט ברען דערציילט.

— איך קום, אַשטייגער, צו פאָרן צום ברעג טײַך אָקאַ, אָדער צו אוגראַ, אַף אוקראַיִנע — צום דניעפּער, פּריפּיאַט, צו די בײַטײַכן, אין די קאָלווירטן, וואָס לעבן די טײַכן, ווענדע זיך צו די פאָרזיצערס פון די קאָלווירטן. איך בין אַן אָנגעזעענער און באַגלייבטער מענטש, אַף דער האַנט באַ מיר וואַזשנע דאָקומענטן מיט שטעמפּלען, מיט א כעזשבן אין באַנק, ניט עפּעס קיין שמענדריק. דעררייד איך זיך מיט די פאָרזיצערס ראַיעל. דער פאַנג הייבט זיך אָן, ווען עס איז שוין גוט וואַרעם. די קאָלווירטני־קעס פאָרן אַרויס אַף שיפלעך. מע לאָזט אַראָפּ אין וואַסער א ברייטע האַרבליע. פון אויבן צו דער האַרבליע פעסטיקט מען צו א מין רייף — א נעץ. די, וואָס זיצן אין די שיפלעך, שאַרן מיט די האַרבליעס איבערן זאַמדיקן גרונט, און די ראַקושקעס זעצן זיך אָן איינער אפן אַנ־דערן און פאַלן אַרײַן אין דער נעץ. דעמלט ציט מען אַרויס די האַרבליע מיט דער נעץ פונעם וואַסער און מע טרייסלט אויס די ראַקושקעס אין שיפל אַרײַן. דאָרט, ווו דאָס וואַסער איז טיף און דורכזיכטיק־ריין, זעט מען, ווי די ראַ־קושקעס פּויזען, זיי גייען איינער נאָכן אַנדערן, ווערט א סליאַד, זיי רײַען זיך דאָרט. נאָר דאָס איז נאָך א האַלבע אַרבעט. מע דאַרף דעריקער, אַז די ראַקושקעס זאָלן זיך עפענען, מע דאַרף

זיי אויסרייניקן פון דעם גליטשיקן הײַטל, פון
דעם שיטערן שליים. מיט די הענט וועט איר
אזא קונץ ניט מאכן. די העלפטן, די טירעלעך
פון די ראקושקעס, זײַנען אזוי צוגעשטשעמעט,
ניט צו פאנאנדערײַסן זיי. פלעג איך בא יעדן
פאנג לעבן ברעג צעלייגן א שײַטער, אף וועלכן
עס האָט נאָכאנאנד געקאָכט א קעסל מיט וואַ־
סער. די געכאפּטע ראקושקעס טויוולען מיר אָפּ
אינעם אָקרעפּ, און אין מעשעך פון א צוויי־
דרײַ מינוט עפענען זיך פאנאנדער די טירעלעך.
דער אָקרעפּ שווענקט אראָפּ די פּליסיקע פּעט־
קײַט, און די פּלאטשיקע פּערלמוטער־ראקושקע
איז שוין, ווי א טאָוועלע א בלישטשענדיקס, א
פינקלענדיקס. דאָ גופא אפן ברעג טײַך האָבן
מיר אין קוישן געפּאקט דעם שוין פּארטיקן
רויוואַרג און מיטן וואסער אָפּגעשיקט קיין
אוזדע. א גאנצן זומער פלעג איך אָפּזײַן בא די
טײַכן אף דער פרישער לופט, געפינען זיך אף
קוואַרטיר בא עמעצן פון די מער אָנגעזעענע
קאָלווירטניקעס, וואָס האָט זיך פארנומען מיטן
פאנג. דער געהאלט פון ארטעל איז געגאנגען,
דערצו — קאָמאנדיראָווּאָטשנע. כ'האָב געלעבט
א גליקלעכן טאָג. פונעם ארומפּאָרן זומער בא
די טײַכן פלעגט מיר צוקומען געזונט און כּיעס.
געקומען צוריק פון דער שליכעס קיין אוזדע
מיט די 300 טאָן ראקושקעס, פלעגט מען מיך
באגעגענען מיט קאָוועד.

אין ארטעל האָבן געארבעט אריבער הונדערט
מענטשן. ס'איז געווען א רײַכע טעכנישע אויס־
שטאטונג, פארשיידענע מאשינע־שטאמפּן, וואָס
פלעגן פון יעדער ראקושקע אויסשנײַדן די
געהעריקע צאָל קנעפּלעך. עס האָט זיך געשמאק
געארבעט, די ארטעל־מיטגלידער פלעגן גוט
פארדינען. דעם לעצטן זומער פון 1941 יאָר בין
איך אין דער אנדערער העלפט יון ארויסגע־
פאָרן אין מײַן לעצטער רײַזע קיין מײַרעוו־
ווײַסרוסלאנד, אין בריסקער געגנט, צום טײַך
מוראוועץ. געקומען שאבעס אינדערפרי אין א
דאָרף, סאמע לעבן דער גרענעץ מיט פּוילן, און
אין מעשעך פונעם טאָג שוין געהאט וועגן אלץ
דערעדט זיך זונטיק אינדערפרי אָנצוהייבן דעם
פאנג. עמעס, ווען איך דערמאָן מיך איצט, איז
מיר אין יענעם שאבעס עפּעס שווער געגאנגען
דער אינטערעס. אין דער פארוואלטונג פון
קאָלווירט האָט מען מיך געהערט און ניט גע־
הערט, ווי מײַנע רייד וואָלטן געגאנגען פארבײַ
די אויערן, נאָר איך האָב אזוי לאנג געדרייט
מיט מײַנע פּאפּירן מיט די שטעמפּלען און מיט
דעם כעזשבן אין באנק, אז איך האָב געפּויעלט,
און עס איז געבליבן, אז אף מאָרגן, זונטיק אינ־
דערפרי, וועלן מיר אָנהייבן דעם פאנג. געלייגט
זיך שאבייסענאכטס א מידער בא איינעם פון
די פּויערים, דערהער איך דורכן שלאָף, — אפי־
לע ווען איך שלאָף, ווי א געהארגעטער, דער־
פיל איך דעם קלענסטן שאָרך, — ווי די טאָכטער
וועקט איר טאטן:

— טאטע, טאטע, שטיי אוף, מילכאָמע...

ביז דער אלטער פּויער האָט זיך אופגעזעצט
אפן געלעגער און מיט אויסגעגלאָצטע אויגן,
נאָכן נעכטיקן שנאפּס, אָנגעקוקט זײַן טאָכטער,
בין איך איינס־און־צוויי ארויסגעלאָפן אין
דרויסן. עס איז שוין געווען גוט ליכטיק. אקו־
ראט אנטקעגן מיר זײַנען נידעריק מיט א מוי־
רעדיקן געזשום דורכגעפלויגן איינער נאָכן
אנדערן דרײַ צי פיר אעראָפּלאנען מיט גרויסע
שווארצע האקנקרייצן אונטער די פליגל. דזינק,
דזינק, — האָבן עטלעכע פײַער־קוילן א קריץ
געטאָן די ערד ארום מיר...

...נאָר לייבעצקע האָט געהאט אין זיך גענוג
קויכעס און מוט, קעדיי, זײַענדיק שוין א
מענטש אין די יאָרן, דורכצומאכן פון דער סאַ־
מע גרענעץ עטלעכע הונדערט קילאָמעטער,
באָרוועס, ווײַל די שיך זײַנען גיך צעפליקט
געוואָרן, און ריזיקירנדיק מיטן לעבן, אריבער
באנאכט דעם דײַטשישן פראָנט־ראנד. א יאָר
צײַט איז ער געווען אפן פראָנט א סאָלדאט אין
בוי־באטאליאָן. נאָך א שווערער קאָנטוזיע,
אינעם 1942־טן יאָר, האָט מען אים אָפּגעשיקט
קיין סאמארקאנד. דאָרט איז ער צוגעטראָטן
ארבעטן אף א קאָנסערוון־זאוואָד. ער האָט גע־
פירט די פּארטיקע פּראָדוקציע פון צעך צו די
זאוואָד־שפּײַכלערס. און ווי נאָר זײַן שטעטל
איז באפרײַט געוואָרן, האָט ער זיך צוריקגע־
קערט קיין אוזדע. ער איז ווידער אָנגעקומען
ארבעטן אין ארטעל „נאָווי שליאך", אָבער קיין
פּערלמוטערנע קנעפּלעך האָט שוין דער ארטעל
מער ניט פּראָדוצירט און מע האָט אים שוין
מער אין קיין שליכעס צו די רוסישע און או־
קראַינישע טײַכן ניט געשיקט. עס האָט זיך
אָפּגעטאָן די שכינע פון ארטעל און פון לייַ־
בייצקען. אין סאמארקאנד, בייס ער פלעג פירן
די קעסטלעך מיט קאָנסערוון איבערן זאוואָדישן
הויף, מאמעש טײַענדיק פון דער ניט־דערטרעג־
לעכער כמימע, האָט ער זיך געטרייסט מיטן
טרוים — ווידער דערלעבן צו פארנעמען זיך
מיטן באליביקן אייסעק בא די קילע שיינע רו־
סישע טײַכן, זײַן דער פארגרייטער, דער איינ־
ציקער אוזדער „מומכע" פון די טײַך־ראקוש־
קעס. און ווען ער האָט זיך צוריקגעקערט אפן
אָרט, האָט ער דערזען, אז עס איז שוין ניט
דאָס, עס איז אין ארטעל קיין סימען ניט גע־
בליבן פון דער אויסשטאטונג, פון די מאשין־
שטאמפּן. נאָר ער האָט נאָך די האָפענונג ניט
פארלאָרן, געמונטערט דעם נײַעם ארטעל־פאָר־
זיצער, יענער זאָל פאָדערן פון מינסק באנײַען
אין ארטעל דאָס פּראָדוצירן די פּערלמוטער־
קנעפּלעך. די ארטעל־פאָרזיצערס פלעגן זיך אין
די נאָכמילכאָמע־יאָרן אלע מיטוואָך און דאָ־

נערשטיק בײַטן, און לייבעצקע איז ניט מיד געוואָרן פאר יעדן נײַעם פּאָרזיצער צו בודירן דעם קנעפּל־איניען, זיך מישטאדל געווען, די פּאָרזיצערס זאָלן די פּראגע שטעלן פאר די „העכערע פּענצטער" (לייבעצקעס אויסדרוק), מע זאָל אין ארטעל אופלעבן די קנעפּל־פּראָדוקציע, לייבעצקעס באפליגלטע שיינע האָרעוואניע. נאָר אומזיסט...

איצט האָט שוין לייבל בערנשטיין געטאָן אין ארטעל א געוויינלעכע וואָכעדיקע ארבעט — געווען א סאָרטירער אפן ארטעל־סקלאד, קיין באגײַסטערונג האָט ער צו דעם ניט באדארפט האָבן, און אזוי זײַנען דורכגעלאָפן די יאָרן ביז פּענסיע.

און אצינד, ווען לייבעצקע איז שוין א טיפער זאָקן, כאָטש זײַנע יאָרן טראָגט ער גאנץ לײַכט אף די שטײַפע פּלייצקעס, קאָן ער נאָך אלץ זיך ניט בארויִקן און טוט בא מיר א פּרעג נאָיוו:

— פאַרוואָס זאָל מען, פּונדעסטוועגן, אין אוזדע ניט נעמען זיך ווידער מאכן די פּערלמוטערנע קנעפּלעך? איך וואָלט נאָך איצט אויך געקענט עפּעס אופטאָן דערבײַ.

פּרוּוו איך אים אופקלערן:

— די טעכניק האָט מיט ריזיקע טריט א שפּאן געטאָן פאָרויס. פון סינטעטיקע, פון די כימישע שטאָפן קען מען בא הײַנטיקן טאָג פּראָדוצירן קאָלערליי קנעפּ, וועלכע נאָר אײַער הארץ גלוסט.

ער האלט זיך פאר זײַנס, לייבעצקע:

— די אינדוסטריע איז אין אוזדע לעגאבע די פּארמילכאָמע־יאָרן ניט שטארק אויסגעוואקסן. אָט נעמט, לאָמיר איבערציילן אף די פינגער, וואָס פארא ארטעלן עס זײַנען געווען און וועלכע עס זײַנען איצטער דאָ. איר זײַט דאָך א שרײַבער, איז גייט איר דאָך, מיסטאם, פארבײַ די „הויכע פּענצטער", וואָלט איר געמעגט ארײַנווארפן א פּאָר ווערטער מיקויעך אוזדע...

איך קען ניט צוימען מײַן נײַגער און שטעל בערנשטיינען ניט זייער קיין איידעלע קאַשע:

— זײַט איר ביז דער מילכאָמע אויך געווען בעיעכידעס, איינער אליין?..

און לייבעצקע איז פּלוצלינג ווידער ארײַן אין זיך, אין זײַן שווײַגן־פּאנצערל, און ער ענטפערט מיר פוילבלעך, ניט גערן:

— כ'האָב געהאט ברידער און שוועסטער, טאטע־מאמע, זײַנען זיי שוין לאנג ניטאָ...

— און נאָך דער מילכאָמע, — קריך איך אים שוין קימאט ווי אין דער לעבער ארײַן, — עס וואָלט גאָר קיין כעט ניט געווען, עס זאָל זיך אײַך מאכן א מענטש, וואָס זאָל אײַך באהילפיק זײַן אין דער באלעבאטישקײַט, אופראמען דעם צימער, אָפּקאָכן א לעפל געקעכץ, אויסוואשן א העמד... איר האָט זיך א ביסל אָפּגעלאָזן, — טו איך אײַנגעהאלטן א פיר מיט די אויגן איבערן גאנצן „שליומפּער".

— עס האָט זיך יאָ געמאכט, נאָר איך האָב אלץ געטראכט, אז עס וועט זיך מאכן א בעסערע. אז עס איז ניטאָ מיט וועמען זיך צו מעיאשעוו זײַן, — און דער כשאד און אומצוטרוי צו מיר האָט אפּסנײַ א פינקל געטאָן אין זײַן בליק.

מיט דער הילף פון מײַן קוליע־שטעקן האָב איך זיך אופגעהויבן פון דער טאבורעטקע, אָנשטענדיק געזעגנט זיך מיט לייבל פּײַוועליעוויטשן, און ווי ווײַט דאָס איז מעגלעך, פּאָרזיכטיק, איך זאָל ניט ברעכן קאָפּ־געניק, דורכגעקליבן זיך צווישן די הרודעס כלאם. לייבעצקע איז מיר נאָכגעגאנגען ביז דער טיר, נאָר אין הייפל נאָך מיר ניט ארויסגעגאנגען און ביז דער פּאָרטקע ניט באגלייט מיך. יעדער מענטש האָט זיך זײַנע אייגענע כעזשבוינעס און מאכשאָווע...

10. דאָס פּאָרפּאָלק יאנקל פּראָסטשיצקי און אידע סולער

איך האָב זיך בא די אוזדער ייִדן נאָכגעפרעגט, צי עמעצער פון זיי געדענקט מײַן שוואָגער, באָריס יאָסיפּאָוויטש צאדקין, דעם שעף פונעם אוזדער פּאָליט־אָפּטייל פון מטס, און זיך אָנגעשטויסן אף א מענטשן, וועלכער האָט אים געקענט. בייס מײַן שמועס מיטן פּאָרפּאָלק יאקאָוו לוואָוויטש פּראָסטשיצקי און אידע וויגדעראָוונע סולער האָט מיר אידע וויגדעראָוונע געזאָגט, אז צאדקינען געדענקט זי גוט. אינעם 1935 יאָר, נאָך דעם, ווי זי האָט פארענדיקט דעם מינסקער ביבליִאָטעק־טעכניקום, איז זי אָנגעקומען ארבעטן בא זיך אין שטעטל אין דער ביבליִאָטעק פון פּארטיי־קאבינעט באם אוזדער ראיקאָם פון פּארטיי. צאדקין פּלעגט אָפט קומען אין קאבינעט און בא זײַן יעדן קומען פארייִנס אָפּבריינגען א גענומענעם בוך און העפלעך בעטן א נײַעם:

— כאווערטע סולער! זײַט אזוי גוט, פאר מיר און פאר מײַן פרוי אן אינטערעסאנטן בוך. איך פארלאָז זיך אף אײַער געשמאק.

פּלעג איך שוין פּאָרויס צוקלײַבן פאר אים פון די סאמע אינטערעסאנטסטע ראָמאנען און דערציילונגען. איך געדענק אויך זײַן פרוי מירע און זייער טעכטערל בײַע, בײַיִנע. זי האָט געהאט עטוואָס א קירפּאט נעזל, ווי בא איר פּאָטער — און, ווי ער, געווען א שטילע און שעמעוודיקע. דער נאָמען בײַע, באִינע איז מיר געפעלן, און ווען בא אונדז איז געבוירן דאָס

ערשטע קינד — א מיידעלע, האָבן מיר מיט יאנקלען דעם אויך א נאָמען געגעבן בײַע, בײַיִנקע. מײַן טאָכטער איז שוין איצט אלט זיבן און דרײַסיק יאָר. זי ארבעט אלס סטענאָגראַפיסטן אין מינסק. זי האָט שוין צוויי קינדער. אמאָל טרעפט, אז באַיִנע פרעגט בא מיר: „מאמע, וואָס האָסטו עס אזוי מיר א נאָמען געגעבן? ווער איז דאָס געווען בײַע? באַיִנע?" — ווייס איך איר ניט וואָס צו ענטפערן. עס פלאָנטערט זיך מיר אין זינען, אז איך האָב עפּעס אנומלט יאָ געהאט געפרעגט בא צאדקינען. נאָר איך קען מיך ניט דערמאָנען, וואָס ער האָט מיר אף דעם געענטפערט, צי בײַע איז א נאָמען פון א רעוואָליוציִאָנערקע, צי פון א באוווּסטער אקטריסע.

און איך האָב אידע סולער און יאנקלען פּראָסטשיצקין דערציילט וועגן מײַן שוואָגער, אז ערעוו דער מילכאָמע איז צאדקין געווען דער ערשטער סעקרעטאר פונעם נאָוואָגרודקער ראַיקאָם פון פּארטיי און איז שטארק קראנק געוואָרן. מע האָט אים אוועקגעלייגט אין איינע פון די מינסקער קליניקעס, און זײַן פרוי איז אינעם זונטיק — דעם ערשטן מילכאָמע־טאָג געפאָרן קיין מינסק געווירע ווערן איר מאַן. זייער טעכטערל בײַע האָט זיך דאן געפונען אין איינעם פון די פּיִאָנערישע לאגערן פון מײַרעוו־ווײַסרוסלאנד. צאדקין און זײַן פרוי האָבן זיך באוויזן צו עוואקויִרן, און דאָס שטילע ייִדישע מיידעלע מיטן אויסטערלישן נאָמען בײַע האָבן די דײַטשן דערהארגעט.

נאָך דער מילכאָמע האָט ער פּארוואלטעט מיט א קינדערהיים אין דובראָוונע — א שטעטל לעבן אָרשע. ער האָט זיך געפילט שוואך אין געזונט, שוין געווען ניט קיין יונגער מענטש, די ארבעט פון א דערציִער אין די שווערע נאָכמילכאָמע־יאָרן, בייס די פאשיסטן האָבן נאָך זיך איבערגעלאָזט מיִעסע שפּורן, איז פאר אים געווען ניט דערטרעגלעך, און ער איז אינגיכן געשטאָרבן. דערציילנדיק עס, גיב איך אין זיך א טראכט — עס וואָלט גאָר קיין אוולע ניט געווען, איך זאָל נאָך אזויפיל דורכגעפלויגענע יאָרן זיך אראָפּכאפּן קיין דובראָוונע און זען זיך מיט מײַן געוועזענער שוועגערן מירען, צוזאמען מיט איר דערמאָנען מײַן סטערען און סטערעס ברודער, איר מאן באָריס יאָסיפּאָוויטש און זייער טעכטערל בײַע. און ס׳לויפט מיר דורך אין קאָפּ — כ׳וואָלט דאן אף טשיקאַוועס א פרעג טאָן בא מירען, אין וועמעס אָנדענק האָבן זיי זייער טאָכטער אָנגערופן בײַיִנקע...

אצינד, ווען פון מײַן לעבן איז שוין געבליבן אן אָקרײַטשיק, קאָן איך זיך גאָרניט האמעווען, מיר ווילט זיך אויסזײַן ווו די וועלט האָט אן עק — אפן ווײַטן מיזרעך, אין ביראָבידזשאן, קעדיי זען זיך מיט קרויווים, פרײַנט, גוטע באקענטע און סטאם טרעפן זיך מיט נײַע מענטשן. איך הער גאָר ניט אוף וועגן דעם צו טרוימען און צו פאנטאזירן...

נאָר אידע סולער שלאָגט מיר איבער מײַנע ראַיוינעס:

— נאָך דער מילכאָמע איז בא אונדז געבוירן געוואָרן נאָך א טאָכטער, מײַן דריטע טאָכטער — וואַליע, א נאָמען, וואָס זאָל דערמאָנען מײַן טאטן — וויגדער.

און זי דערציילט מיר:

— מײַן טאטע איז געווען דער אָרעמסטער אונדזער באלעגאָלע. פארמאָגט א פערדל — א פּעגירע, וואָס האָט אפילע ביז נעגאָרעלאָיע קיין קויכעס ניט געהאט צו דערשלעפּן די בויד מיט די פּאסאזשירן. דער טאטע פלעגט זײַן געצווונגען אינמיטן וועג איבערצוגעבן די פּארשוינען אן אנדער באלעגאָלע. דער טאטע האָט קיין אנדער ברייר ניט געהאט, ווי פירן גופּע אין שטעטל אף זײַן פורל ליים און זאמד און דערפון ציִען די ביטערע כאיונע. קיין פערדשטאל איז בא אונדז ניט געווען. אין די גרויסע פרעסט פלעגט דער טאטע ארײַנפירן „אונדזער קאָרמיליעץ" אין שטוב, און מיר — איך און מײַנע ברידערלעך און שוועסטערלעך — זײַנען אלע געזעסן אפן אויוון, געניורעט זיך איינער צום אנדערן און געווען אין איין מוירע — אונדזער פּעגירעלע זאָל, כאסוועשאָלעם, ניט מאכן קיין שטארב... אינעם 1927 יאָר האָט זיך אינעם דאָרף סעמיאָנאָוויטש אָרגאניזירט פון דער ייִדישער אָרעמקײַט א קאָלווירט, און מײַן טאטן, דעם גרעסטן אָרעמאן, האָט מען געמאכט פארן פּאָרזיצער. דער קאָלווירט הייסט איצט „פּערוואָמײַסקי". מײַן טאטע האָט אפילע ניט געקענט זיך אונטערשרײַבן. האָט מען אין א צײַט ארום צוגעשיקט פאר א פּאָרזיצער פון קאָלווירט א „דוואדצאטיפּיאטי־טיסיאטשניק" — אן ארבעטער פון דער מינסקער ווילעק־פּאבריק סאָלאָמאָן גראָזאָווסקין. און מײַן טאטע איז געוואָרן פארוואלטער פון דער מילך־פערמע. אינעם 1930 יאָר איז די מאמע געשטאָרבן, און אונדזער מישפּאָכע איז אריבערגעפאָרן קיין אוזדע. מײַן טאטע איז דאָ געווען דער שוימער פון קאָלווירט. ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די מילכאָמע און דער דײַטש האָט זיך ארײַנגעריסן אין שטעטל, האָט מען דעם טאטן גענומען צו דער גרוב פון דער דעזשורסטווע... מײַן ברודער פיישקע — פּעטיע איז געפאלן בא לענינגראד. אין 1948 יאָר בין איך ארײַנגעטראָטן אין דער קאָמוניסטישער פּארטיי. ביז מײַן פּענסיע האָב איך אָן אן איבערײַס געארבעט אפן זעלבן אָרט, וואָס פאר דער מילכאָמע, — אין דער ביבליִאָטעק באם פּארטיי־קאבינעט. מײַן מיטלסטע טאָכטער לינע איז פונקט, ווי מיר, צום הארצן

די ארבעט פון א ביבליאָטעקערן. זי האָט פאַרענדיקט א ביבליאָטעק־אינסטיטוט און ארבעט איצט אין מינסק אין א זאוואָדישער ביבליאָטעק. איר מאַן לאזאר איז א בויער. נאָך דעם, ווי ער האָט זיך צוריקגעקערט פון דער סאָוועטישער ארמיי, איז ער מיט א בריגאַדע בויער פון מינסק אראָפּגעקומען קיין אוזדע אָף א בוי־אָביעקט. און דאָ באַקאַנט זיך מיט מיין טאָכטער...

— און זיך אײַנגעליבט אין איר?

— וועגן דעם שרײַבט ניט, דאָס איז ניט שיין, — זאָגט צו מיר אידע סולער.

— ניין, ניין, — איך שרײַב עס ניט, — האָב איך זיך צוגעײַלט צו באַרויִקן אידע ווידגעראַוונען, און בײַ זיך האָב איך א טראַכט געטאָן: פאַרוואָס ניט שיין? עס איז דען א כעט אײַנצוליבן זיך? מאָדנע, ווי מענטשן ענדערן זיך, אָדער ווי די יאָרן און פאַרהעלטענישן ענדערן מענטשן. איר גאַנץ לעבן איז אידע סולער אָפּגעווען א ביבליאָטעקערן און אליין ניט איין סטאָס ראָמאַנען איבערגעלייענט, און נאָך אלעמען — „וועגן ליבע ניט שרײַבן — דאָס איז ניט שיין...” מע לעבט און מע לעבט און מע בלײַבט באַם „פּידרעך”, נאָר איך וועל דערמאָנען אונדזער זיידנס באַפליגלטן אויסדרוק — ניט דאָס בין איך אויסן...

בײַ יאַנקלס און אידעס ייִנגערע טאָכטער וואַליע איז דאָ א פּיריאָריק טעכטערל — אַנדזשעלאַ. זי לעבט בײַ זיידע־באָבען אין שטוב. אַזאַ ליב און שיין קינד האָב איך שוין לאַנג ניט געזען. זי האָט די גאַנצע צײַט געקוקט אָף מיר אַזוי, גלײַך ווי זי וואָלט אויספירלעך געווּסט, וואָס בײַ מיר אָף דער נעשאָמע טוט זיך. הײַנט אירע אויגן — גרויסע, גלאַנציק־רײַפע קאַרשן — דער באָבעס אויגן, און עפּשער אויך דעם זיידנס, ווײַל אויך יאַנקל פּראָסטשיצקי איז, צו זען, געווען אין זײַנע יונגע יאָרן א באָכער — א כוואַט. יאַנקל און אידע לעבן אויך אָף פּראָלעטאַרסקע, ניט ווײַט פון מײַן באַלעבאָס איטשע העלער, און טאָמיד, ווען איך פלעג פאַרבײַגיין זייער טויער, איז מיר אנטקעגן געקומען דאָס טײַערע קינד. „זדראַווסטוואַוי, טאָניעטשקאַ”, — פלעג איך אויסרופן. פלעגט זי אופמערקזאַם אָף מיר א קוק טאָן מיט אירע באָבע־ און זיידע־אויגן און פאַריכטן: „אַנדזשעלאַ”. (אײַ, דער סקלעראָז!..)

יאַנקל פּראָסטשיצקי, אידעס מאַן, איז אויך פונעם זעלבן וואָרצל, פון זעלבן ייִכעס, וואָס אידע, — לייבל דעם באַלעגאָלעס א זון. אוזדע, ווי איך האָב שוין ניט איין מאָל דערמאָנט, ליגט דאָך אין א זײַט פונעם אײַזנבאַן־וועג, און די הויפּט־באַשעפטיקונג און פאַרנאָסע בײַ א סאַך אוזדער ייִדן איז געווען די יאַזדע, די באַלעגאָלישע בויד.

— מײַן טאַטע, — זאָגט יאַקאָוו לוואָוויטש, — האָט געפירט פאַרשוינען פון אוזדע קיין מינסק. און שוין פון באַרמיצווע אָן האָב איך גענומען די בײַטש אין האַנט, געהאָלפן דעם טאַטן. דערנאָך זיך פאַרדונגען בײַ א ייִדן א קאַראָבייניק. איך בין מיט אים אַרומגעפאָרן איבער די דערפער, געהאַנדלט מיט טיכלעך, פאַרב, זאַלץ, נאָדלען, שפּילקעס, קעמעלעך, בײַוול. איך האָב באַדאַרפט היטן, מע זאָל גאָרנישט ניט גאַנווענען פון וואָגן, געבן עסן און פאָיען די פערד. בייסן אַרײַנפאָרן אין א דאָרף איז מײַן פליכט געווען — דורכצולויפן די לאַנגע דאָרף־גאַס און שרײַען: „באַבי, אנוטשי”. צו זעכצן יאָר בין איך שוין קימאַט געווען א באַלעגאָלע פאַר זיך. מיט איין פור פלעגט פאָרן דער טאַטע, מיט דער אַנדערער איך. א פּאָר יאָר האָב איך געארבעט אין אוזדער „לעספּראָמכאָז”, געפירט קלעצער. און צו נײַנצן יאָר בין איך שוין געווען א פאַרוואַלטער פון א סמאָליאַרנע. די בראַנזשע צו טרײַבן סמאָלע האָב איך געהאַט צו פאַרדאַנקען מײַן זיידן כאַיִם דעם סמאָלעקור — א ייִשוווניק פונעם דאָרף קאַלאָסאָוואָ — א וויאָרסט דרײַסיק פון אוזדע. ער אליין האָט געטריבן סמאָלע און געווען א גרויסער ספּעציאַליסט אין דער מעלאָכע. אין מײַנע קינדעריאָרן בין איך ניט איין מאָל געווען צוגאַסט בײַ מײַן זיידן. ער האָט ליב געהאַט, איך זאָל מיט אים זײַן צוזאַמען אין וואַלד, זיך צוקוקן צו זײַן ארבעט.

יאַנקל פּראָסטשיצקי האָט א צײַט געדינט אין דער סאָוועטישער ארמיי, אַנטיילגענומען אין די שלאַכטן קעגן די ווײַספינער און אין מעשעך פון דער גאַנצער פּאַטערלענדישער מילכאָמע געווען אָפן צאָפן־פראָנט אין מורמאַנסק, א מאַטראָס.

נאָך דער מילכאָמע — ווידער א סאַך יאָרן א פאַרזיצער פון אינדוסטריִעלע ארטעלן אין אוזדער ראַיאָן, און איצט א פּענסיאָנער, דאָס ווײַב — א פּענסיאָנערקע. מע לעבט זאַט, שיין, מיט נאַכעס פון די טעכטער און אייניקלעך.

11. אַן אומזיסטער גאַנג

א שעם פון א שיינעם מישפּאָכע־לעבן אין אוזדע, ווו עס הערשט טאָמיד שאָלעם־באַיִס, האָט די מישפּאָכע יאַקובאָווסקע. מאַן־און־ווײַב — ביידע כאַשעווע לערער פון דער אוזדער מיטלשול. ער — אַדאַם יאַקובאָווסקי, אַן אָרטיקער קיידער (טאַטער), און זי — דאָרע יאַנקל רעלקינדס דעם לעדערניקס א טאָכטער (אַגעוו, דאַרף איך באַמערקן פאַר די, וואָס ווייסן עס עפּשער ניט, אַז אין אוזדע, קאַפּוליע, נאָוואָגרו־

דאָק, קלעצק, ניעסוויזש און אין א סאך אנדערע שטעטלעך פון ווײַסרוסלאַנד לעבן נאָך פונעם 13־טן יאָרהונדערט פיל טאָטערן, און פונקט אזוי ווי עס זײַנען דוירעסלאנג טיף די פרײַנטשאפט־געפילן צווישן די ווײַסרוסישע פויערים און די שטעטלדיקע און דאָרפישע ייִדן, אזוי גייען אויך טיף אוועק אין דער געדיכטעניש פון דער צײַט די וואָרצלען פון פרײַנטשאפט צווישן די ווײַסרוסישע טאָטערן און ייִדן). מיר האָבן אלע געזאָגט, אז די יאקובאָווסקיס לעבן גליקלעך, ער קעכלט זי, טראָגט זי מאמעש אף די הענט. כאסענע געהאט נאָך דער מילכאָמע און האָבן דרײַ קינדער. דער עלטערער זון יאשע פארענדיקט האיאָר דעם מינסקער מעדיצינישן אינסטיטוט; די טאָכטער ליליע — א שילערן פונעם נײַנטן קלאס; און דער מיזיניק כוסיין גייט דאָס ערשטע יאָר אין שול.

די אוזדער ייִדישע פרויען, וואָס קענען נאָך דווירע רעלניק פון פאר דער מילכאָמע, דערציילן, אז דאָרע האָט זיך אויסגעלערנט קאָכן טאָטערישע מײַכאָלים, מערקט אָפּ צוזאמען מיטן מאן און מיט זײַנע אייגענע די נאציאָנאלע יאָמטויווים.

פאר מיר, דעם שוואכן גייער, איז געווען ניט גרינג זיך דערקלײַבן צו די יאקובאָווסקיס, וואָס וווינען אין סאמע עק שטעטל, — לענינסקע נומער איינס, לעבן ברעג פונעם טײַך אוזדיאנקע. דורכגעגאנגען די גאנצע לענין־גאס פארבײַ די עטלעכע ליגנדיקע מוירעדיק־גרויסע טאָפּאָלן. איינער פון די ריזיקע ביימער איז געלעגן א צעזעגענער אף דער ערד. עס האָבן זיך געוואלגערט די נאָך ניט צוגענומענע צווײַגן און דער געדיכטער געבלעטער. ארום דער היפּשער עלעקטראָ־זעג איז געשטאנען א געזעמל פון די טוישווים, וואָס האָבן זיך מיט דער דאָזיקער ארבעט פארנומען. קוים דערשלעפּט זיך צום נומער איינס, זײַנען מיר מיט נאָכעמען ארײַן אין הויף, צוגעקומען צום הויכן גאנעק פון דער פריש־געפארבטער שטוב און, נא דיר, טו א קוש דעם שלאָס... און ווער איז אין דערין שולדיק — איך, פארשטייט זיך, ניט נאָכעם, ווײַל איך, וואָס האָב א פּופּצניאָריק ייִנגל, א שילער פונעם אכטן קלאס, האָב באדארפט געדענקען, אז שאבעס לערנט מען זיך און הען בא די שילער און הען בא די לערער איז שאבעס ניט קיין רו־טאָג. ווען מיר זײַנען צוגעגאנגען צו דער אוזדיאנקע — צום ברייטלעכן שײַנענדיקן טײַכל — און ארײַנגעצויגן אין די לונגען א ביסל פרישע אפּרעליקע טײַך־לופט, האָט שוין דער קאס, וואָס איך האָב געהאט אף זיך, גענומען אָפּגיין. איבערהויפּט נאָך, ווען איך האָב באם ברעג פון טײַך דערזען די גרויסע בורשטין־ווײַסע געגדז, וואָס האָבן מיט די רויטע שנאָבלען גענישטערט אינעם וואסער. יעדער מענטש האָט זיך זײַן אייגענעם געשמאק און מאָס פאר שיינקײַט. בא מיר איז קיין שענערס אף דער וועלט ניטאָ, ווי צו קוקן, וויִאזוי געגדז, ענטלעך, מעוועס און שוואנען טוקן זיך, פּליושקען זיך אין וואסער, שוועבן מאלכעסדיק איבער דער שפּיגלדיקער גלאט פון אן אָוונטיקער שטילער אָזערע. איך קען שאָענווײַז אָפּשטיין באם ברעג ווי צוגעשמידט און קוקן מיט האנאָע. אָנגעקוקט זיך אף די געגדז בא דער אוזדיאנקע, האָבן מיר געלאָזט זיך צוריק. נאָר איין טראָט געגעבן פון יאקובאָווסקיס טויער, האָט זיך נאָכעם אָפּגעשטעלט לעם דער שכייניעסדיקער שטוב:

— אז מיר זײַנען שוין יאָ דאָ, טאָ לאָמיר ארײַן צו גריביכען.

— עפּשער פּאסט ניט? — בין איך געווען ניט אנטשיידן.

— פּאסט, צי עס פּאסט ניט! מיט גריביכען וועט אײַך זײַן אינטיערעסנע צו ריידן.

א טײַערן גיד האָב איך. ער האָט מיר געהאָלפן אריבערטרעטן ניט איין שוועל אין אוזדע, נאָכעם, אָדער, ווי אלע, סײַ די ווײַסרוסן, סײַ די ייִדן רופן אים דאָ גוטברודעריש־היימיש: „נאָכעם דער גרויסער כאָכעם"...

12. אנע יאקאָוולעוונע גריב

אנע יאקאָוולעוונע גריב פּאָרעט זיך באם אויוון. איר קאָפּ איז שטײַף ארומגעדרייט מיט א וואָלן טיכל, פונקט ווי עס וואָלטן בא איר געווען צוגעקילט די אויערן. די שפּיצן פונעם טיכל זײַנען פארבונדן ארום האלדז, ווי א באנדאזש. דאָס פּאָנעם — פארויטלט, אָבער די רויטקײַט איז א קרענקלעכע. די באקן זײַנען געדיכט באזעצט מיט קליינטשינקע בלעזעלעך, די וויִעס רויטלעכע, אָנגעצונדענע.

איך האָב זיך אנטשולדיקט פאר מײַן פּלוצלינגדיקן וויזיט, בעכיפּאָזנדיק, דאָ, אינעם גרויסן פּאָדער־צימער, לעבן פלאמיקן אויוון, געזאָגט, ווער איך בין, ארויסגענומען פון מײַן בוזעם־קעשענע דעם עקזעמפּליאר „סאָוועטיש היימלאנד", וואָס איך האלט בא זיך, ווי א מאנדאט, באוויזן איר דאָס ייִדישע שארבלעטל, דערנאָך באוויזן די רוסישע זײַט פונעם טאָוועלע און געזאָגט אן ערעך אזוי:

— מײַן קאוואָנע איז פארן זשורנאל־נומער, וועלכער איז געווידמעט דעם 50־טן יאָרטאָג פון פּסער, אָנצושרײַבן וועגן אוזדע, וועגן דער אינטערנאציאָנאלער פרײַנטשאפט צווישן די היגע טוישווים.

אַנע יאַקאָוולעוונע טוט אָף מיר אַ קוק, באַ־
טראַכט, וויִאַזוי איך שטיי מיטן זשורנאַל אין
האַנט, אָנגעשפּאַרט מיט דער פרײַער האַנט אָף
דעם קוליע־שטעקן, און ענטפערט:

— אַלץ איז גוט, אָבער מײַן אַנדריי וואַסי־
ליעוויטש גריב איז הײַנט באַגינען מיט אַ בריי־
גאַדע אַרבעטער פון ראַיסאַיוז, ווו ער אַרבעט,
אוועקגעפאָרן אין דער ווירטשאַפט פונעם
אוזדער קאָלווירט „אינטערנאַציאָנאַל״ העלפן
דעם קאָלווירט זיך צוגרייטן צום פּאַרזיי. אומ־
קערן זיך וועט ער אַוואַדע שפּעט אין אָוונט.

האָב איך איר דערוף געענטפערט: בעט איך
אײַך טאַקע, אַנע יאַקאָוולעוונע, איר זאָלט זײַן
אַזוי גוט אים איבערגעבן פון מיר אַ האַרציקן
גרוס און דערציילט אים, צוליב וואָס איך בין
געקומען אהער קיין אוזדע.

— אַ דאַנק, — האָט זי אַ שאָקל געטאָן מיטן
קאָפּ. נאָך אַ געוויסער פּאַוזע, אין דער צײַט
פון וועלכער זי האָט איבערגעשטעלט אָפן פּריי־
פּעטשיק די טעפּלעך, איינס נעענטער צום
פײַער, דאָס אַנדערע — ווײַטער, האָט זי זיך
געווענדט צו מיר און צו נאָכעמען: — איז וואָס
זשע שטייט איר דאָ? — און האָט אונדז אַרײַנ־
געפירט אין דעם ניט גרויסן זאַל־צימער, גע־
בעטן זעצן זיך.

— ס'וואָלט אַלץ געווען גוט, ווען איך ווער
ניט פון דער העלער הויט אַזוי געפערלעך
קראַנק, — האָט זי פאַרגעזעצט. — אין די מיל־
כאָמע־יאָרן, ווען מע האָט זיך אין דער עוואַ־
קואַציע געמאַטערט, אונטערגעפּוכניעט פון ניט־
דערעסן, בין איך געווען געזונט ווי אַ שטיין.
און אַצינד? וואָס פעלט מיר אַצינד? — סײַדן
פויגל־מילך — אַ שטוב מיט וווילטיק. אויסגע־
האָדעוועט מיט מײַן אַנדרייען שיינע גראָטענע
קינדער. פערציק יאָר שוין, ווי איך לעב מיט
אים. אין 1932 יאָר האָבן מיר זיך פאַרשריבן,
אָפּגעשפּילט אַ קאָמסאָמאָלסקע כאַסענע אָן אַ
ציילעם און אָן די פיר שטעקנס. די ערשטע
צײַט זײַנען מײַנע עלטערן אָף מיר אופגעקאָכט
געווען, נאָר אינגיכן זיך פאַרמירעט, צוגעוווינט
זיך און ליב באַקומען דעם רוסישן איידעם,
ווײַל ער האָט מײַנע עלטערן זייער געשעצט.
עס האָט זיך אָנגעהויבן די מילכאָמע. איך מיט
די פּיצלעך קינדער האָבן זיך עוואַקויִרט. אַנ־
דרייען האָט די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע איבער־
געלאָזט אין אונדזער ראַיאָן אָף אונטערער־
דישער אַרבעט. פיר יאָר אָפּגעפּאַרטיזאַנעוועט.
נאָך דער מילכאָמע געהאָדעוועט די קינדער,
געלערנט זיי, די נעשאָמע זיי אָפּגעגעבן. אַצינד
לעבט זיך אונדז, וואָס בעסער קאָן מען זיך
גאָרניט פאַרשטעלן. האָט זיך אין מיר אײַנגע־
געסן אַזאַ כוואָראַבע — בעלאָקראַוויע. אַנדריי
לעבט שטאַרק איבער, ער לאָזט מיך קיין עמער
וואַסער ניט ברענגען. אָט גיט אַ קוק, אַ פולע
קאַדקע ראַניצע אָנגעשעלפּט. אַ וואָך, ווי איך
בין געקומען פון מינסק. מער פון אַ כוידעש
געלעגן אין שפּיטאָל. מײַן עלטערער זון, דער
כירורג און די טאָכטער האָבן געטאָגט און גע־
נעכטיקט אין מײַן פּאַלאַטע, געבראַכט אַלערליי
סאָקן, גראַנאַטן, אַפּעלסינען, די בעסטע עפּל.
איבער אַ טאָג פלעגט פון אוזדע קומען צו מיר
אַנדריי. אָט פרעגט באַ נאָכעמען, וויִאַזוי איך
האָב אויסגעזען פאַר מײַן קרענק.

מיר טרייסטן זי, אַז מע דאַרף ניט אויסלייגן
צום שלעכטן, אַז מע דאַרף זיך האַלטן פעסט.

אומבאַמערקט פאַר זיך אַליין, נעמט אַנע
יאַקאָוולעוונע ריידן אָף מאַמעלאָשן; זי רעדט
אַ געשמאַקן אוזדער ייִדיש מיט אַ קאַפּוליער
כיין; ווײַזט אויס, אַז לעבן אין אַ ייִדיש שטעטל
און פאַרגעסן מאַמעלאָשן קאָן גאָר ניט געמאָלט
זײַן; אַז יעדער שטוב, יעדער בוים רעדט מיט
דיר אָף ייִדיש. אַנע יאַקאָוולעוונע דערמאָנט
איר טאַטן דעם יישוּווניק, דעם ייִדישן פויער
יאַנקל גאַלאַנד:

— אינעם 1920 יאָר, — דערציילט זי, — זײַ־
נען באַנדיטן באַפאַלן אונדזער דאָרף. מײַן טאַ־
טע איז ניט ענלעך געווען אָף קיין ייִדן. זײַנען
די גאַזלאָנים צו אים צוגעלאָפן: „אָנו, זאָג אונדז
גיכער, ווו לעבט דאָ דער זשיד יאַנקל גאַלאַנד?״
דער טאַטע האָט זיי עפּעס אַ בורטשע געטאָן
און ערגעץ אַ ווײַז געגעבן מיט דער האַנט, און
אַליין איז ער באַלד נעלעם געוואָרן, געזעצט
זיך אָף אַ פערד און גאַלאָפּאָם געקומען קיין
אוזדע גלײַך אין דער מיליציע. אַכט קינדער
זײַנען באַ אונדז געווען אין דער מישפּאָכע —
דרײַ ברידער און פינף שוועסטער. די ברידער
זײַנען אומגעקומען אָפן פראָנט, און די שוועס־
טער, אַלע פינף שוועסטער, לעבן, גאָט צו
דאַנקען. איינע אין לענינגראַד, איינע אין אופאַ,
און מיר דרײַען — איך, רימע און אירע לעבן
דאָ, אין אוזדע. עמעס, ניט שטענדיק גייט עס
גלאַט, ניט באַ אַלעמען איז אַלציינס דאָס מאַזל.
נאָר איך קען זיך אָף מײַנע קינדער ניט באַ־
קלאָגן, זיי שעמען זיך ניט מיט מיר, כאָטש איך
האָב קיין אינסטיטוטן, ווי זיי, ניט פאַרענ־
דיקט — אַ פּראָסטע הויז־בעלעבאָסטע...

אַנע יאַקאָוולעוונע האָט זיך צוגעזעצט לעבן
אונדז און געשמאַק און מיט כיישעק זיך צע־
רעדט:

— באַ מײַן טאָכטער, — טיילט זי זיך מיט
אונדז, — איז געבוירן געוואָרן אַ מיידעלע. זאָג
איך צו מײַן טאָכטער: „עמע, גיב דעם אַ נאָמען
אַזוי, עס זאָל מיר כאָטש אַ ניונצעלע דערמאָ־
נען מײַן מאַמען, דײַן באָבען, וועמען די דײַטשן
האָבן דערהאַרגעט״. מײַן מאַמע האָט געהייסן
ריקליע. אָנצורופן דאָס איינינקל ריקליע, פאַר־
שטיי איך דאָך, אַז וועגן דעם קען קיין רייד
ניט זײַן — מײַן מאַן, עמעס טאַטע, איז אַ בע־

לאָרוס, עמעס מאַן איז אַן אוקראַיִנער. אָבער עמע און איר יונגער מאַן האָבן מיר געטאָן צוליב, מע האָט זיך אַן אייצע געגעבן און א נאָמען געגעבן דעם מיידעלע — ריטע. און אַז איך רוף מײַן אייניקל — ריטאָטשקע, איז דאָך שוין קימאַט ווי ריקליע. דעמלט דערזע איך פאַר מײַנע אויגן מײַן מאַמען, וואָס האָט א לעבן זיך געמוטשעט צוליב אירע קינדער.

איך האָב זיך מיט נאָכעמען אָפּגעשטעלט לעם דעם ליגנדיקן צעזעגטן טאָפּאָל. די לופט איז געווען אַרום פול מיט פרישן דופט, מיט וואַלד־רייעך, וואָס האָט אַזוי ווי געשטראָמט פון די אַנטבלויזטע, געלבלעך־ווײַסע רינגען פונעם צעזעגענעם שטאַם. איך האָב מיט מײַן גאַנצער ברוסט אַרײַנגעעטעמט אין זיך די יורנדיקע לעבעדיקע זאַפטן פון דעם צעגלידערטן ריזיקן טאָפּאָל־שטאַם.

— פאַרוואָס קומט זיי, אַזעלכע גוואַרן, אַזאַ ביטערער סאָף? — פרעג איך בא נאָכעמען.

— אַלץ איז אינווייניק צעפוילט, — קוראַ־זשעט ער זיך און פּאָכעט מיט די הענט, וואָס הענגען בא אים טאָמיד, ווי איבעריקע, מיט די דלאָניעס אַראָפּצו, און קלערט מיר אויף די זאַך, — ברעכט זיך אָפּ א צווײַג, צעקוועטשט זי אינמיטן גאַס א פּיאַטיטאָנקע, ניט נאָר קיין מוזשיק...

נאָכעמען, איך האָב עס שוין דערמאָנט, רופן די אוזדער — סײַ די ווײַסרוסן, סײַ די ייִדן — דער גרויסער כאָכעם. וועגן אַלץ האָט ער זײַנע אַן אייגענע מיינונג, זײַנע האַשאָרעס און פאָר־שטעלונגען. נאָכעם האָט א טעווע צו מישן א ווײַסרוסיש וואָרט מיט א ייִדיש, און ער טוט עס אַזוי שנעל, און דערבײַ זאַיִקעט ער זיך א ביסל, פאַרכלינעט זיך, דעריבער בין איך גע־צוווּנגען אים אַלע ווײַלע, בימכילע, האַמעווען און, לעהאַוודל, ווי א פערד אָנעמען פאַר דער צוים:

— נאָכעם, האָט ראַכמאָנעס, איך פאַרשטיי קיין וואָרט ניט, בראָקט ניט אַזוי, באָטשווינע איז באָטשווינע און לאָקשן איז לאָקשן.

טוט ער מיר שוין די געפעליקײַט און רעדט פּאַמעלעכער:

— אין 1927 יאָר, צוריק מיט... (איך העלף אים צו מאַכן דעם כעזשבן) מיט א פינף און פערציק יאָר האָט מען דאָ לענגויס ביידע זײַטן לעגינסקע, באַטשיטיע, פאַרפלאַנצט אָט די דאָ־זיקע טאָפּאָלן. בייס א קאָמסאָמאָלסקי סובאָט־ניק האָט מען זיי פאַרפלאַנצט. דער שנײַדער־שער אַרטעל און דער שוסטערשער זײַנען אויך אַרויס צו העלפן די קאָמסאָמאָלצעס. כ׳בין דעמלט נאָך געווען א שקעטיק, האָב איך זיך דאָ געדרייט צווישן אוילעם, געהאָלפן אַראָפּ־שלעפּן פון וואָגן די דרענגלעך און די דרענג־לעך, וואָס מע האָט אַרײַנגעקלאַפּט אין דער ערד לעבן די פלאַנצונגען, זיי זאָלן זיך פעסטער האַלטן... כ׳בין דאַן א שקעטיק געווען...

— — — — — — — — — — — — — — —

און איך הער שוין ניט נאָכעמען. מיך טראָגן מײַנע מאַכשאָוועס ערגעץ ווײַט אין די אוילאָ־מעס: קראַסאַווצעס טאָפּאָלן, מיט הויכע שיינע קרוינען, מיט אַזעלכע דיקע, מעכטיקע שטאַ־מען — און ווערן אינווייניק שלאַבעריק, אויס־געהוילט און פוסט, געפערלעך פאַרן מענטשנס לעבן, און מע מוז זיי אויסהאַקן מיטן וואָרצל...

13. נאָכעם און באַשע

דאָס קאַפּיטל „נאָכעם און באַשע”, וואָס קלינגט מיר אין די אויערן, אַזוי ווי „אָדאָם און כאַווע”, קען איך ניט אָנהייבן אַנדערש ווי מיט אַן אַלט ווערטל: „א באַרג מיט א באַרג קומט זיך ניט צונויף, און א מענטש מיט א מענטש — יאָ”.

דאָס איז געווען אויפן צווייטן צי אויפן דריטן טאָג נאָך מײַן קומען קיין אוזדע. איך בין אוועק אויף דער פּאָטשט, קעדיי אָנקלינגען אַהיים, דער־וויסן זיך, וואָס עס מאַכן מײַנע קינדער, צי אין שטוב איז אַלץ קעשורע, צי דער זון מאַכט צו דער צײַט די לימודים? צי מע נעמט אַרויס די צײַטונגען פונעם פּאָסט־קעסטל? צי עס זײַנען אָנגעקומען בריוו? צי מע לייגט זיך צו דער צײַט שלאָפן? — די שטוב איז דאָך אָן א באַ־לעבאָסטע. גערעדט האָב איך מיט מײַן זון — נאָר אָט דאָס אַלץ, וואָס איך האָב זיך געקליבן צו פרעגן, איז מיר אַרויסגעפלויגן פון קאָפּ. איך האָב אַרײַנגעשריִען אין טעלעפאָן־טרײַבל שטיקלעך רייד:

— גענע? דו הערסט מיך? איך שרײַ ניט. נו, איצטער הערסטו? וואָס טוסטו? ביסט ערשט געקומען פון שול? מיר איז דאָ זייער טשיקאַ־ווע... זײַ פאָרזיכטיק באַם אַריבערגיין די גאַס... עס ניט קיין מאָראָזשענע, עס איז נאָך קאַלט, — און אַזוי ווײַטער און דאָס גלײַכן... נאָר ס׳איז ניטאָ וואָס צו לאַכן — א פילגעפרוווטער טאַטע פון קינדער, וואָס זײַנען אינמיטן העלן טאָג געבליבן אָן א מאַמען... אָפּגעשריִען די באַ־שטעלטע פינף מינוט, בין איך א צעפּאַרעטער אַרויס פון דער טעלעפאָן־קאַבינע. כ׳וויש דעם שווייס פונעם שטערן און דערזע א ייִדענע פון א יאָר זעכציק, א פּריטשמעליעטע, מיט א גראָ־בער אַראָפּהענגענדיקער אונטערשטער פּײַכטער ליפּ, רויטלעכע קישעלעך אונטער די אויגן, ניט קיין קישעלעך, נאָר עפּעס צעשוווּמענע קרײַזן. אירע אויגן — ווײַסלעך־שיטערע, וואָס מיט א

פאַרנעפלט הײַטל. אַן אױסגעצערט, מיד פאָנעם. דער צעקנײטשטער דאַרער האַלדז איז לױז. אַ רעגע האָב איך געקוקט אַף איר. די אונטערשטע ליפ און דער גאַנצער אָנבליק אירער איז מיר געװען זײער קענטלעך. װען און װוּ האָב איך זי געזען? — און פון מײַן צונג פליט אַראָפ, װי אַ פױגל פון אַ צװײַג:

— באַשע! איר דערקענט מיך?

זי גיט אַ הײב אירע אױגן אַף מיר:

— נײן, װאָס?

איר הײזעריקלעך קאָל און דער אױפן פון אַרױסברענגען מיט אַ ניגנדל די װערטער האָבן מיך פולשטענדיק איבערצײַגט, אַז איך האָב קײן טאָעס ניט געהאַט, — ס'איז זי, באַשע.

— און מײַן װײַב סטערע געדענקט איר? און מײַן ייִנגל טאַליקל? — װיל איך, זי זאָל זיך דערמאָנען...

— אַהאַ, אַהאַ, איך געדענק, — זאָגט, װי פאַרכאַלעמט, באַשע.

איך פאַרפינקטלעך:

— איר זײַט געװען סטערעס אַ באַקענטע. איר פלעגט אַרײַנקומען צו אונדז, װען מיר האָבן געלעבט אין מינסק אַף יובילײנע...

— יע, יע... דאָס זײַט איר, איצט האָב איך אײַך דערקענט. איר האָט געהאַט קוטשערלעך... אַ זשװאַװער געװען...

— אַ דרײַ צי פיר און דרײַסיק יאָר איז דורך, באַשע, זינט מיר פלעגן זיך זען. איז טאַקע ריכטיק, אַז אַ באַרג מיט אַ באַרג קומען זיך ניט צונױף און...

— יע, ריכטיק, — באַשטעטיקט באַשע און גיט צו: — אַנומלטן האָב איך דורך ראַדיאָ געהערט, װי מע האָט איבערגעלײענט, נו, װי זאָגט מען עס, אַ סטיך, האָב איך געמײנט, אַז דאָס איז אײַער זונס.

— נײן, באַשע, ניט מײַן זונס, — מײַן זון און מײַן װײַב סטערע און אױך מײַן מאַמע האָט מען געהאַרגעט אין מינסקער געטאָ.

— סטערע איז געװען אַ גוטע, אַ שײנע, און דאָס ייִנגל איז אױך געװען אַ שײנינקס, — צעציט באַשע די װערטער. איך טו אײן זיך אַ שמײכל: װער זאָגט עס, אַז אַ מענטש ענדערט זיך? אַ נעכטיקער טאָג, די זעלבע באַשע, װאָס מיט פיל יאָרן צוריק. זי האָט זיך שױן צעװאַרעמט, פאַנאַנדערגערעדט:

— װען איך פלעג קומען צו אײַך, פלעגט מיך סטערע אַלעמאָל מעכאַבעד זײַן.

— אַזױ?

— סטערע פלעגט מיך מונטערן: „באַשע, װאָס שלאָפט באַ דיר דער לעפל אין האַנט? עס!" — טוט באַשע פלוצעם אַ שמײכל, און איר שמײכל האָט זיך פון איר גראָבער ליפ אַראָפגעגליטשט, װי אַ קינד אַף אַ שליטעלע אַראָפ בערגל.

דרײַ צי פיר און דרײַסיק יאָר האָט, װי אַ טאַבון פערד, דורכגעװיכערט פאַרבײַ. די זײַלן שטױב און זאַמד האָבן זיך אַראָפגעזעצט אַף דער ערד, און איך האָב דערזען אַזױ באַשײַמפערלעך נאָענט מײַנע פאַרמילכאָמע־יאָרן, מײַן סטערען, מײַן זיבניאַריקן זון נאַפטאַליע מיט די עטװאָס קאָסע אײגעלעך — סטערעס ציגײַנער־אױגן, אַ מערקװירדיק שטיל ייִנגעלע געװען, עפעס געדענק איך גאַרניט, ער זאָל װען אַ געשרײ געבן, צי ער זאָל װען װײנען...

מיר זײַנען מיט באַשען אַרױס פון דער פאָטשט. אינעם סקװעריק, װאָס אַנטקעגן, האָבן מיר זיך צוגעזעצט אַף אַ באַנק און זיך פאַנאַנדערגערעדט. איך האָב דאָך װעגן איר גאָרנישט ניט געװוּסט, אױסער דעם, װאָס זי איז ניט געװען קײן איבעריקע קראַסאװיצע. װען זי פלעגט אַרײַנקומען צו אונדז אין שטוב, האָב איך אַף איר גאָר קײן אַכט ניט געלײגט. איך האָב באַ סטערען קײנמאָל ניט געפרעגט, װער זי איז, פונװאַנען זי קען זיך מיט אָט דער באַשען. דאָס נעמט זיך אַלץ פון מײַן דעמלטיקער לידער־פאַרטאַראַראַמטקײַט, פון דער פאָעטישער שמײַעניש און פון די אױסערגעװײנלעכע פאַרנאָסע־דײַגעס, מיט װעלכע מײַנע יונגע געהירן זײַנען דעמלט פאַרשלאָגן געװען, אַז איך האָב גאָר אַרום זיך די װעלט ניט געזען און קײן רױקע צײַט ניט געהאַט, קײן געדולד אַרײַנצודרינגען אין אַ מענטשלעכער נעשאָמע. און ס'קען געװיס זײַן, אַז שױן דעמלט איז אָט די געװײנלעכע אוזדער באַשע אַ סאַך מער מענטש פון מיר געװען. אַצינד האָט מיר באַשע דערצײלט, אַז זי איז אַ געבױרענע אַן אוזדער, װעגן די עלטערן, װאָס זײַנען געװען קאָלװירטניקעס, װעגן די שװעסטער מיט זײערע מישפאָכעס, װעלכע די דײַטשן האָבן אומגעבראַכט אינעם גרױסן אוזדער פאָגראָם.

ערשט איצט האָב איך זיך דערװוּסט פון באַשען, פונװאַנען קומט איר באַקאַנטשאַפט מיט מײַן סטערען:

— דאָס איז נאָך געװען פאַר דעם, װי איר האָט מיט איר כאַסענע געהאַט. איך האָב פאַרענדיקט די אוזדער ייִדישע שול און ניט געװאָלט בלײַבן אין שטעטל, אַװעקגעפאָרן קײן מינסק און זיך אײַנגעאָרדנט אין טיפאָגראַפיע. סטערע האָט דעמלט אױך געאַרבעט אין טיפאָגראַפיע, געװען אַ זעצערן. מיר זײַנען אַ פאָר מאָל געפאָרן מיט איר אַף אַ פור פון מינסק קײן אוזדע. איך אַהײם, און זי — צוגאַסט צו איר ברודער, װאָס האָט געאַרבעט אין מטס און געלעבט ניט װײַט פון אונדזער געסל, אין עק שטעטל. עס האָט זיך אָנגעהױבן די מילכאָמע, מינסק האָט שױן געברענט, זײַנען מיר מיט מײַן באַלעבאָסטע, באַ װעמען איך בין געװען אַף קװאַרטיר, אַװעק צופוס פון שטאָט און זיך

גערעטעוועט פונעם דײַטש. די פיר מילכאָמע־יאָרן האָב איך אין קויבישעוו געארבעט אף א מיליטערישן זאוואָד און געווען א דאָנאָר — איך האָב זיך אזוי צוגעוווינט צו געבן בלוט, אז ס'האָט מיך מאמעש געצויגן, ווי א מאגניט. ווען איך האָב נאָך דער מילכאָמע זיך צוריקגעקערט קיין מינסק, בין איך נאָך א יאָר צײַט געווען א דאָנאָר. איך בין געוואָרן זייער אָפּגעשוואכט. אײַנאָרדענען מײַן לעבן האָב איך אין מינסק ניט געקענט, האָט שוין איצט, פארקערט, מיך געצויגן צוריק אין שטעטל. פון עוואקואציע האָבן זיך צוריקגעקערט מײַנע קרויווים, דאָ האָט מיך מײַן מאזל צונויפגעפאָרט מיטן שוסטער נאָכעם הימלשטיין — אונדזערער א ווײַטער קאָרעוו, פּיִוול־יאָשעס דעם שנײַדערס זון, אויך אן אינוואליד פון דער מילכאָמע. דאָס נײַנטע יאָר, ווי איך ארבעט מיט אים צוזאמען אינעם פיליִאל פון דער מינסקער שוך־פאבריק „לוטש".

אָט אף אזא אויפן האָב איך זיך דורך באשען באקענט מיט נאָכעמען, וואָס איז געוואָרן אין אוזדע מײַן גיד און מײַן רעכטע האנט.

איך בין דורכגעלאָפן מיט די אויגן דאָס קאַפּיטל „נאָכעם און באשע" און זע, אז ס'איז דאָ קימאט אלץ נאָר וועגן באשען, — אז עס אנטשפּרעכט ניט דעם נאָמען. טאָ פארשרײַבט אף מיר אן אוולע. און אויב שוין דעם עמעס גערעדט, בין איך אין דעם ניט שולדיק: נאָכעם האלט מיר אין איין דערציילן א מײַסע נאָך א מײַסע, א געשיכטע נאָך א געשיכטע — און אלץ וועגן אוזדע. זאָג איך נאָכעמען: „איך קען דאָס אלץ ניט פארגעדענקען, לאָמיר זיך אף איין ווײַלע צוזעצן כאָטש פארשרײַבן דאָס, וואָס איר האָט מיר אָקאָרשט דערציילט", — פּאָכט ער מיט די הענט: „שפּעטער, שפּעטער, אָט הערט בעסער אזא געשיכטע" — און קלאפּט שוין ווײַטער, פארכלינעט זיך אזש, א וואָרט אף ווײַסרוסיש, א וואָרט אף מאמעלאָשן.

14. הײַנט איז מאָנטיק...

הײַנט איז מאָנטיק. איטשע העלערס ווײַב אידע וועט די גאנצע וואָך ארבעטן אין דער ערשטער מישמוירע. האלב זיבן אינדערפרי הייבט זי זיך אויף. קעדיי מיך ניט אויפצוּוועקן, נעמט זי שטיל אראָפּ דאָס לאנגע ריגל פון דער טיר אינעם גרויסן פאָדער־כיידער, ווו איך שלאָף אף דער נידעריקער שמאָלער קושעטקע. נאָר איך שלאָף שוין ניט. איך האלט מיקלוי־מערשט צוגעמאכט די אויגן און ריר זיך ניט, איך בין שוין פון לאנג וואך, כ'האָב געהערט איר יעדן באָרוועסן טראָט אף דער פּאָדלאָגע. איך הער אויך, וויִאזוי זי עפנט אין פּאָרהויז דאָס ריגל פון דער דרויסנדיקער טיר און וויִאזוי זי טוט א הייב אפן הויף די קליאמקע פון דער פּאָרטקע. בעסמיילע וועל איך שוין ניט אנשלאָפן ווערן — אין קאָפּ בא מיר טראָגן זיך ארום, ווי א ראָי ווילדע בינען, מאכשאָוועס. איך בין שוין אלט צוויי און זעכציק יאָר, נאָר איך מוז זיך אײַך מודיע זײַן, צוליב מײַנע איצטיקע פּערזענלעכע לעבנס־אָנגעלעגנהײַטן, און קאָן זײַן, איבער נאָך א סאך סיבעס און סיבעלעך, טראָגט מיך אצינד דער קאָפּ, ווי ער וואָלט גאָר קיין קאָפּ ניט געווען, נאָר א ווערטאָליאָט.

נאָכעם הימלשטיין האָט צוגעזאָגט אינדערפרי ארײַנצוגיין נאָך מיר. ער ארבעט הײַנט אין דער צווייטער מישמוירע, וועל איך מיט אים באווײַזן צו עמעצן ארײַנקומען, אָדער מיר וועלן זיך ווידער הײַנט דורכגיין מיט אים איבער א פּאָר גאסן פון שטעטל. ווײַל אף יעדער גאס און בא יעדער שטוב דערמאָנט ער זיך נאָך א מײַסע, נאָך א געשיכטע. עס איז פאר מיר נאָך עפּשער א ביסל צו פרי אופשטיין, נאָר איך קאָן שוין סײַווי ניט אײַנליגן, עס הייבט מיך. פּאמעלעך נעם איך זיך אָנטאָן. יעדער קער און ווענד איז בא מיר, ווי בא א שאכמאטיסט, פאָרויס אויסגערעכנט, איך זאָל אָקאָרשט ניט געבן א צופעליקן רוק מיטן שטול, ניט אופוועקן דאָרט אין שלאָפצימער איסאק איזראיִלעוויטשן. איך בין דאָך סאכאקל ניט מער ווי א צײַטווײַליקער קווארטיראנט, ניט בא זיך אין שטוב, ווו איך קאָמאנדעווע. עטלעכע נעכט בין איך דאָ געשלאָפן אין זאל אף דער ברייטער און ווייכער קאנאפּע, נאָר איבער געוויסע טײַמים בין איך אריבער אף נאכטלעגער אין פאָדער־כיידער.

אָנהייב אפּרעל איז נאָך אין שטוב געווען קאלט, פלעגן מײַנע באלעבאטים אין אָוונט אויסהייצן די הרובע, וואָס געפינט זיך אין זאל אנטקעגן דער טאכטא, באם ארײַנגאנג פון די באלעבאטימס שלאָף־כיידער. באנאכט פלעגט פון דער צעפלאמטער הרובע גיין אף מיר אזא כמימע, ווי פון א צעגליטער „בורזשויקע", און דער בריקעט־„דוך" פלעגט מיר דערלאנגען אין די שלייפן. אינדערפרי איז מיר געשטאנען א טומאן אין קאָפּ, ביז מלאָסנער שווינדלעניש. דאָס איז איינס אוועק. צווייטנס, איז געווען א גאנצער אייסעק אין אָוונט מיטן פאנאנדערוקן די טאכטא און אינדערפרי ווידער מיטן צוזאמענשטעלן זי. באזונדערס קאָשע איז געגאנגען דאָס צוזאמענרוקעניש. איבער מײַן אינוואליד־קײַט האָב איך עס ניט געקאָנט ווי עס באדארף צו זײַן מאכן. א פּאָר מאָל האָט מיר איטשע העלער געפּרוווט העלפן, נאָר איך זע, אז עס קומט אים אויך אָן שווער דאָס אָנבייגן זיך, קעדיי צונויפלייגן די פּיסלעך פון דער קאנאפּע

און אַרײַנפּאַסן זיי אַקוראַט אין די שליצן־עפענונגען. העלער הייבט אַזש אָן צו פּרײַכן פון אָנגעשטרענגטקײַט, עטעמט זיך קוים אָפּ און טוט סאָפּקאָלסאָף אַ מאַך מיט דער האַנט און זאָגט מיר, אונטערשמייכלענדיק: „פונמײַנעטוועגן, זאָל עס אַזוי בלייבן, ביז דאָס ווײַב וועט קומען פון דער אַרבעט. זי איז בא מיר אַ בעסערער ספּעציאַליסט אין די זאַכן". האָב איך דעריבער באַצײַטנס באַשלאָסן אַריבערצופּעקלען זיך אין פאָדערצימער אַף דער קושעטקע. אויסער דעם, איז אינעם פאָדערצימער אַ סאַך קילער און פרישער די לופט. פונקט אַנטקעגן פאָדערצימער איז די קיך, פלעג איך באַנאַכט לאָזן אָפן דעם לופטיק אין קיך־פענצטער.

איטשע איז נאָך ניט אַרויסגעקומען פון שלאָף־כיידער, ווי איך האָב שוין געהאַט אין פירהויז אײַנגעוואַשן זיך, צוגעגרייט פאַר זיך פרישטיק, אָפּגעגעסן, אויסגעטרונקען אַ גלעזל וואַרעמס און אַרויס אַפן הויפל צו באַגעגענען נאָכעמען. ער איז דאָך אויך אַ געוועזענער סאָלדאַט און אינוואַליד (שפּליטערס האָבן בא אים אַרויסגעריסן שטיקער פלייש אַפן רוקן, צעקאַרדאַשעט די פּאַכווע, אַ נעס, וואָס די ביינער זײַנען גאַנץ געבליבן), וואָס האַלט נאָך אַדהײַעם פון פּינקטלעכקײַט.

איך קום אַרויס אַפן נידעריקן גאַנעקל, גיי פּאַוואָליע אַראָפּ פון די פּאָר פײַכטע גליטשיקע טרעפּלעך. באַדערנאַכט האָט אויסגעשאָטן אַ מישקוילעס־שנייעלע, אַזאַ, וואָס פאַלט אין ווײַסרוסלאַנד ראַפּטום אויס אין די ערשטע טעג פון אַפּרעל. מע קאָן אַזאַ שנייעלע אַ נאָמען געבן „פרילינג־שנייעלע", ווײַל ווי נאָר עס וועט אַ שײַן טאָן די אינדערפרי:יקע זון, וועט פון דעם קיין סאָריד־אופאָליט ניט בלײַבן. נאָר דערווײַל באַדעקט עס שיטערלעך־דין, ווי מיט מעל־צוקער, דאָ און דאָרט דאָס שמאָלע הויפל, וואָס פירט אַף לינקס, צום הויז־גאָרטן, און אַף רעכטס, צו דער טויער־פאָרטקע. די טשאַטע הינער מיטן האָן בעראָש לויפן מיר אַנטקעגן.

דאָס זײַנען ניט העלערס, זיי האַלטן ניט קיין הינער, אידע גייט אַוועק אַף דער אַרבעט, און אַף איטשען קען מען זיך ניט פאַרלאָזן, ער זאָל אָנקאָרמענען אַ הון — דער קאָפּ ליגט אים ניט דערבײַ, ער איז פאַרטאָן מיט אַ סאַך בילכערע איניאָנים. די הינער זײַנען זייערע שכיינימס — סאָניע און ליאָניע וואַסילעווסקעס, וואָס לעבן אַ טיר לעבן אַ טיר מיט איטשען און אידען העלער. איין האַלבע שטוב געהערט צו די העלערס, און די אַנדערע העלפט — צו די וואַסילעווסקעס. ניט אַנדערש, אַז די הינער ווײַזט זיך אויס, אַז דאָס טראָג איך זיי עפּעס אַף צו פּיקן. זיי זײַנען, מאַשמאָעס, אויפגעשטאַנען נאָך פרי:ער פון מיר און האָבן שוין באַוויזן אַפן ניכטערן האַרצן אָנצומאָלן מיט די פאַרקאָלייעטע לאַפּקעס אַפן שניי אָן אַ שיר „בלימלעך" און „שטענגעלעך", דעריקער אַזעלכע, וואָס זײַנען ענלעך אַף די „פּיקסעלעך".

סאָניע, אידעס שכיינע, וואָס אַרבעט אַלס שנײַדערקע אַפן אוזדער קאָמבינאַט פון שטייגער־באַדינונג, איז געפאַלן אַף אַ האַמצאָע. קעדיי אירע ווײַסע אינקובאַטאָרסקע הינער זאָלן האָבן וועלכע־ניט־איז סימאָנים און זי זאָל זיי קענען דערקענען, האָט זי זייערע רוקנס געדיכט אָפּגעפאַרבט מיט פּי:אָלעטעוון טינט. קיין טינט האָט זי דערבײַ ניט געזשאַלעוועט. אויך דעם האָנס גרויסן רויטן קאַם באַשפּרענקלט מיט טינט־פלעקן. איך קוק אַף די שוין ווײַס־פּי:אָלעטעווע הינער און שמייכל אין זיך — איך האָב זיך דערמאָנט מאָטל פּייסיס און זײַן ברודער עליע, וואָס האָט באַנאַכט פון האַרצווייטעק, וואָס ער קען ניט פאַרקויפן זײַן פּראָדוקציע, פאַרפּליוכעט דעם שכיינעסדיקן פּלויט און, דאַכט זיך, אויך מענאַשעס הינער, צי עפּשער די ציג... עס טוט אַ סקריפּ די פאָרטקע — נאָכעם איז דאָ! מיר ווערט פריילעכער אַפן האַרצן.

איך דאַנק נאָכעמען פאַר זײַן פּונקטואַלנאָסט, און מיר גייען ביידע אַרויס אַף דער פּראָלעטאַרסקער גאַס. פונקט איבער דער גאַס, אַנטקעגן העלערס שטוב, איז דער קלויסטער, ביישכיינעס מיטן קלויסטער און דעם אַרומגעצוימטן פּוסטן הויף איז דאָוויד יעלס שטוב. איטשע איז מיט דאָוויד יעלן קידער־ווידער. איטשע האַלט יעלן פאַר אַ פּערעאָדעם, פאַרן סאַמע לעצטן שיקורניק. ווען העלער דערזעט אים דורכן פענצטער, מוז ער זיך אַרויסכאַפּן מיט אַ בייזוואָרט וועגן אים, ווי, אַשטייגער: „דאָוויד יעל האָט שוין אָפּגעשטעלט דעם קיידער, וואָס טראָגט די פלעשער קעסיידער", אָדער „נעצט אײַן אַ טיכעלע, עס זאָל פון דעם שמעקן מיט בראַנפן, וועט דאָוויד יעל אײַך נאָכלויפן אַ דרײַ קילאָמעטער..." הינטער יעלס שטוב איז די פּאָזשאַרנע מיט דער קאַלאַנטשאַ. צווישן יעלס שטוב און דער פּאָזשאַרנע זעט מען דעם פּלאַץ און אַפן פּלאַץ דאָס קליינע מערקל, וווהין פּויערים פון די אַרומיקע קאָלווירטן ברענגען צו פירן אייער, פּוטער, קעז און סלאָיטשיקלעך און האָרלאַטשיקלעך מיט סמעטענע. אַפן זעלבן מערקל פאַרקויפט מען אויך זוימען פון גאָרטנצוכט און בלומען. איבערן פּלאַץ, שוין אַף דער צענטראַלער לענין־גאַס, זעט מען די גרויסע קראָם. אַ ביסל אין דער טיף, הינטער יונגע טאָפּאָלן — די „גיכע הילף". הויך־הויך אין דעם אינדערפרי:יקן הימל האָט שוין אַ רעאַקטיווער עראָפּלאַן צעלאָזט איבער אוזדע זײַן לאַנגן ווײַסן פּאַווע־עק. איך האָב דעם קאָפּ פאַריסן

צום הימל און איך בין זיך מעסופּעק, צי דער פּילאָט זעט אצינד פון דער מעסוקענער הייך מיך מיט נאָכעמען דעם שוסטער, וויאַזוי מיר גייען פרײַנטלעך, אקסל בא אקסל איבער דער גאַס. אָבער דערפאַר זע איך באַשײַמפּערלעך קלאָר, וויאַזוי „דאָס שפּינעלע״, וואָס הייסט רעאַקטיווער סאַמאָליאָט, באַוועגט זיך שנעל־שנעל אינעם קאָפּשווינדלדיקן בלויען רוים און ציט נאָך זיך נאָך דעם שפּינוועבס־דינעם עק, וואָס ווערט ביסלעכווײַז אלץ ברייטער און צעקנוילטער, אלץ ענלעכער אף א פּאַווע־עק.

מיר גייען פאַרבײַ איין שטוב, א צווייטער שטוב, און נאָכעם שטעלט זיך אָפּ. ער האָט שוין מיר וואָס צו ברײַען:

— גאָר אמאָל האָט די דאָזיקע גאַס געהייסן סווינאַיאַ, די כאַזערישע גאַס.

— פאַרוואָס עפּעס כאַזערישע? — וויל איך פעסטשטעלן.

— בעס יאַגאָ ווידאיע, — גיט מיר צו פאַרשטיין נאָכעם, — מיסטאָם, ווײַל דורך דער גאַס קען מען קומען צום כאַזיירים־מאַרק, ווו אין די זונטיק־טעג ברענגען די פּויערים פון די דערפער קוויטשיקע כאַזיירימלעך אין צעלעכערטע זעק אָדער אין קאַדקעלעך, ארומגעפלאָכטענע מיט שטריק, אָדער דערפאַר, וואָס פונדאַנען איז צום דאָרף געווען מיט דער האַנט צו דערלאַנגען, און כאַזיירים פלעגן דאָ ארומלויפן. נאָר זײַט איך געדענק זיך, נאָך מיט א סאַך יאָרן פאַר דער מילכאָמע, הייסט די כאַזערישע גאַס — פּראָלעטאַרסקע.

איך האָב שוין דערמאָנט וועגן דעם, אז אין אונדזער האָבן ביז דער פאָטערלענדישער מילכאָמע געוווינט קימאַט אויסשליסלעך ייִדן און בלויז געציילטע מישפּאָכעס איז געראָטן אָפּצוראַטעווען זיך פון די מעכובאָלים. אָבער דאָס שטעטל גופע, די שטיבער זײַנען אין דער איבערוועגנדיקער מערהײַט גאַנץ געבליבן. אונדזער איז פאָרט היפּש אין א זײַט פון דער אײַזנבאַן־מאַגיסטראַל, און בייסן אָפּטרעטן האָבן די דײַטשישע פאַשיסטן אין קאַדאָכעס־שרעק געהאַלטן זיך נעענטער צו די באַן־ליניעס. וועגן וואָס פאַר א שטוב איך זאָל בא נאָכעמען ניט א פרעג טאָן, געדענקט ער, ווער עס האָט אין איר געלעבט, וואָס איר באַלעבאָס האָט געטאָן, וויאַזוי ער און זײַנע קינדער האָבן געהייסן. נאָכעם דערמאָנט זיך די פריילעכע און טרויעריקע געשיכטעס, וואָס עס האָט אין דער אָדער יענער מישפּאָכע מיט פיל יאָרן צוריק פּאַסירט. ער געדענקט די פילצאָליקע צונעמעניש, וואָס א סאַך טוישווים פון שטעטל האָבן געהאַט. און אז נאָכעם רעדט זיך אזוי „פּאָדראָבנע״ פאַנאַנדער מיט אלע פּראָטים און איינצלהײַטן, אָנווײַזנדיק אף די לעבעדיקע איידעס — די שטיבער, די פענצטער, די גאַנעקעס, טויערן־פּאָרטקעס, הינטער וועלכע עס האָבן געלעבט מיט זײַנע פריידן און ליידן דער פּאָשעטער ליבער אמכאָ — די צענדליקער טויזנטער ייִדן פון די שטעטלעך פון ווײַסרוסלאַנד, הייבט אָן מײַן האַרץ צו דריקן א כאַלאָשעסדיקע מלאָסנעקײַט, אָן אומגעהייערע קלעמעניש, נאָגעניש כאַפּט ארום מײַן נעשאָמע, ניט איבערצוטראָגן.

און נאָכעמס, דאַכט זיך, אין פלוג, פריילעכע מײַסעס שיטן נאָך מער זאַלץ אף מײַנע צעייטערטע ווונדן, וואָס ווערן מיט יאָרן ניט פאַרצויגן...

15. נאָכעמס מײַסעס

דאָס בײַטעלע מיטן שטעמפּל

— אין דער דאָזיקער שטוב מיט די פיר פענצטער צו דער גאַס, — טוט מיר א ווײַז נאָכעם, — האָט געלעבט דער שערער איסער מאַניעוויטש. ער איז א סאַך יאָרן געווען דער נאַטשאַלניק פון דער אונדזער פײַערלעשער־געזעלשאַפט. האָבן די אונדזער פּאָזשאַרניקעס אין איינעם א שיינעם פרימאָרגן באַשלאָסן, בײַשטיקע פון זייער גלאַוונעם „יאַטעבידאַם״ אראָפּוואַרפן אים פון „בענקל״, מאַכן אים פאַר אויס נאַטשאַלניק. איסערן האָט עס ווי א דונער דערלאַנגט — אזא כאַרפּע, ווי קאָן עס גאָר געמאָלט זײַן, אז ניט ער זאָל זײַן דער הויפּט פון דער אונדזער פּאָזשאַרנער קאָמאַנדע? ער האָט זיך קיין אָרט ניט געפונען, געסטראַשעט, געפאָכעט אינדערלופטן מיט דער אָנגעשײַערטער בלישטשענדיקער פּאָזשאַרנע קאַסקע, וואָס איז טאָמיד געהאַנגען לעבן גרויסן שפּיגל אין פּאַריקמאַכערסקע, און פון קאַס און הריזאָטע ניט געוואָלט אָפּגעבן דעם שטעמפּל פון דער פײַערלעשער־געזעלשאַפט. האָט מען גענומען מײַן טאַטן, פּײַוועיאָשע דעם שנײַדער, וואָס איז אויך געווען א פּאָזשאַרניק, און מייער שקליאַרן, זײַן צונעמעניש איז געווען „בעהון״. ער איז געווען א קאָראָבייניק, און מע פלעגט וועגן אים זינגען א לידעלע: „נאָדלען, שפּילקעס, וואָס שטעכן אין די זײַטן״. מע האָט זיי ביידן געשטעלט א בוטל בראַנפן. האָבן זיי געמאַכט דעם גוטן „בוירע פּרי האַגעפן״ און זיך שטילינקערהייט אונטערגעגאַנוועט צו איסערן און פלוצעם פאַרדרייט אים אף אהינטער די הענט און מיט גוואַלד ארויסגעשלעפּט פון זײַן בוזעם־קעשענע דאָס קליינע בײַטעלע, אין וועלכן ער האָט געהאַלטן דעם טײַערן שטעמפּל פון דער פּאָזשאַרנער געזעלשאַפט...

מיכל ענטוס

— אָט דאָס שטיבל האָט געהערט צום טאַפּעטן־קלעפּער מיכל ענטוס — א לעץ פון לעצן־

לאַנד. אַז מע פּלעגט אים אָנגיסן אַ גלאָז בראַנפן, פּלעגט ער די פּולע גלאָז מאַשקע אַרופשטעלן זיך אפן קאָפּ, מיט אַ האָקוס־פּאָקוס אַ כאַפּ טאָן די גלאָז מיט די ציין און אין איין אויגנבליק זי איבערקערן צו זיך „אין לאַמפּ", ניט פאַרגיסנדיק דערבײַ קיין איינציקן טראָפּן. דערנאָך פאַמעלעכקע, מיט פאַרטײַטער ווירדע, אוועקשטעלן די ליידיקע גלאָז אפן טיש, אויס־ווישן די ליפּן און אַ זאָג טאָן: „צו געזונט דיר, מיכל ענטוס!"

געשטאָרבן אַ ייִנגעלע, געבוירן אַ מיידעלע

— איר זעט די שטוב מיט די פענצטער צום גאָרטן? — דערציילט נאָכעם שוין אַ פרישע געשיכטע. — דאָרט האָט געלעבט מײַן פעטער, קאַלמען דער שמיד. האָט מען אים פאַר זײַן מאַרודנעקײַט גערופן „דער קאַלטער שמיד". אַ שוואַכער באַלמעלאָכע געווען, געלעבט אין דאַקקעס. זײַן ווײַב ציווע־ראָכל האָט געהאַלטן אין איין קינדלען, נאָר די קינדער פלעגן זיך, פאַר קיינעם געדאַכט, ניט האַלטן, צעשטאַרבן קליינערהייט. פון די צוועלף קינדער זײַנען געבליבן צוויי — אַ טאָכטער, וואָס איז געהאַר־געט געוואָרן אין געטאָ, און אַ זון, וועלכער האָט זיך מיט ניסים געראַטעוועט און לעבט איצט, דאַכט זיך, אין מינסק. אַנומלטן קומט דער פעטער צו לויפן צו אונדז אפן הויף מיט אַ געשריי: „געשטאָרבן אַ ייִנגלע, געבוירן אַ מיי־דעלע".

אַ הויכער דונער...

— און דאָ האָט זיך געפרייט אַן אַנדער שערער — נויעך.

— אויך אַ פּאַזשאַרניק? — פרעג איך נאָכע־מען.

— ניין, ער איז געווען זייער אַ קלייניטשש־קער, און, ווי אַפּצולאָכעס דער וועלט, וואָס ער איז אַזוי נידעריק אין וווקס, האָט ער זיך אויס־געזוכט אַ הויך, גאָר אַ הויך ווײַב, אַ דאַרע דראַנדזשע. קיין גוט לעבן איז צווישן זיי ניט געווען. פלעגט נויעך דער קורציאַק זיך שטענ־דיק ביטער ווערטלען פאַר זײַנע קליענטן: „איך האָב געזוכט אַ הויך ווײַב און געפונען אַ הויכן דונער..."

16. צו נאָכעמס יערושע־שטיבל

הערנדיק נאָכעמס געשיכטעס, באַמערק איך גאָרנישט, ווי ער האָט מיך אוועקגעפירט פון די אוזדער הויפּט־גאַסן. מיר שפּאַנען איבער די שמאָלע געסלעך, ווו דער וועסנע־זון קומט אָן פיל שווערער צו אויסטריקענען זיי. מיר גייען פאַרבײַ דער מאַסלאָבאָיקע און דעם אָפּגע־ברענטן ברויט־זאַוואָד. אינמיטן וועג איז דאָ אויסגעשאָטן אָן אַ שיר קופּעס אָפּגעאַרבעטער גרויער שלאַק פון די קאַטשעגאַרקעס. דער שלאַק האָט זיך צעמישט מיט דער וועסנע־בלאָטע, און אַרויסצושלעפּן „מײַנע פיס" פון דער שיטערער זומפּיקײַט קומט מיר אָן ניט לײַכט, נאָר איך שלעפּ זיך און שווײַג. די זאַך איז אין דעם, אַז שוין מיט עטלעכע טעג צוריק האָט נאָכעם געפירט מיט מיר אונטערהאַנדלונ־גען וועגן קומען צו זיי אויף לאַטקעס. צוערשט האָט נאָכעם באַ מיר אויספירלעך זיך דערקונ־דיקט, אַוועלכע לאַטקעס איך אַוואַזשע מע־רער — מעלענע צי בולבענע. האָב איך אים, פאַרשטייט זיך, געזאָגט — בולבענע, צוגע־ברוינטע, טרוקענע, דאַרלעכע, וואָס „טרי־שטשען" אין מויל.

— טאָ קומט גלײַך צו אונדז — פאַר איין האַלבער שאָ וועלן זיי פאַר אײַך אַ גלאַנץ טאָן אפן טעלער...

גיב איך אים צו דערקלערן, אַז איך גיי אַקאָרשט פון דער גאָרקיך. האָבן מיר די לאַט־קעס אַריבערגעטראָגן אויף שאַבעס, און שאַבעס געמוזט אָפּלייגן אויף זונטיק, ווײַל סײַ דער שאַ־בעס און סײַ דער זונטיק זײַנען באַ מיר געווען „אָנגעפּיקעוועט" מיט באַגעגענישן. איז שוין געבליבן, אַז די לאַטקעס וועל איך עסן באַ הימלשטיינען מאָנטיק, נאָכדעם ווי מיר וועלן זיך אַ ביסל דורכגיין איבער די אוזדער גאַסן.

— נאָך אַ ווײַלעטשקע, און מיר זײַנען שוין אויף קאָמסאָמאָלסקער געסל.

און נאָכעם איז שוין איצט זיכער, אַז הײַנט וועל איך זיך שוין פון זײַנע בולבענע לאַטקעס ניט אַרויסדרייען. ער טוט אַ קוק אויף זײַן האַנט־זייגער:

— זיי פרעגלען זיך שוין אויף דער גרויסער סקאָווראָדע. מע קען זיך אויף מײַן באַשען פאַר־לאָזן.

מיר דערנעענטערן זיך צו זײַן יערושע־שטיבל אויף קאָמסאָמאָלסקע־געסל, און נאָכעם „כאַפּט אַרײַן" און דערציילט מיר נאָך איין אוזדער געשיכטע.

מײַן טאַטנס קאָנקורענט

— אין דער דריטער שטוב פון אונדז האָט געלעבט דער שנײַדער, מײַן טאַטנס קאָנקורענט, ניט קיין געהויבענער שנײַדער, אַ לאַטוטניק, געניייט פאַר די פּויערים קאָרטענע און לײַוונ־טענע פּליודערן. פלעגט קומען צו אים אַ פּויער מיט אַ פּעקל צײַג און וואָרענען: „פּאַשיי מניע, מענדול, מײַטקי, אליעס קישעניאַמי" (ניי מיר אויף, מענדל, אַ פּאָר הויזן, אָבער מיט קע־שענעס).

פאַר מענדלען זײַנען די קעשענעס געווען איבעריק, ווי א לאָך אין קאָפּ. דערצו נאָך זײַנען בא אים צו די קעשענעס די הענט ניט דערגאַנגען, — א שווער שטיקל טוירע. פלעגט ער נעמען אײַנשמועסן דעם פויער:

— צו וואָסער טײַוול באַדאַרפסטו קעשענעס? וועסט גיין אין פעלד, וועסטו נעמען א טאָרבעטשקע; וועסט גיין אין קלויסטער אַרײַן, ס'טו נעמען מיט זיך א טיכל.

— ניין, — פלעגט זיך שפּאַרן דער פויער, — ניי מיט קעשענעס!

זעט שוין מענדל, אז ער האָט צו טאָן מיט א פויער אן אקשן, גיט ער מיטאַמאָל א כאַפּ פון טיש מיט קאַס דאָס גרויסע קיך־מעסער און פאַרהייבט עס, ווי א כאַלעף, איבערן פויערס פּעקל סכוירע. דערשרעקט זיך דער פויער — מענדל וועט אים צעפּאַסעווען די לײַוונט — און טראַכט טייקעף איבער:

— אָן קעשענעס, אָן קעשענעס, זאָל שוין זײַן אזוי, ווי דו ווילסט!

17. די קאַמפּענסאַציע

איך האָב טאַקע גוט אַרײַנגעהאַרעוועט, ביז איך האָב זיך דערקליבן צו נאָכעמס יערושעשטיבל אינעם געסל אָף קאַמסאָמאָלסקע. אָבער דערפאַר איז מײַן האָרעוואַניע „קאָמפּענסירט" געוואָרן מיט די צוגעברוינטע בולבע־לאַטקעס, די דינע, כרושטשענדיקע, וועלכע איך האָב מיט אַפּעטיט געטונקט און געטיוולט אין די ספּאָדיקעס מיט קאַלטער סמעטענע, צעשמאָלצענער פּוטער, האָניק און פלוימען־וואַרעניע. דערבײַ האָט מיר באַשע אוועקגעשטעלט א ווײַסרוסישע מײַכל — א טעלער מיט הייסער מאַטשאַנקעיויך און מיט פליייש. איך האָב געגעסן און, בוכשטעבלעך, געלעקט די פינגער. און באַשע מונטערט מיך:

— עסט, שעמט זיך ניט, אז איך פלעג קומען צו אײַער סטערען, פלעגט זי מיך טאָמיד מעכאַבעד זײַן, און איך האָב זיך ניט געשעמט און געגעסן.

— נאָך איין לאַטקע און גאַר, — האָב איך זיך געוועַרט, — זיי זײַנען צו געשמאַק, באַשע, מע קען פאַרלירן דעם כעזשבן, ס'איז א ריזיקע...

דערנאָך האָט מיר נאָכעם באַוויזן זײַן הויזבאַלעבאַטישקײַט, אַרײַנגעפירט אין קילן טונקעלן טשולאַנטשיק, צו די געדיכט־אָנגעשטעלטע אָף די פּאָליצעס סלאָיעס און סלאָיטשיקעס מיט שוואָמען, פאַרזײַערטע אוגערקעס, פּאָמידאָרן, צו די „פּאַרדרייטע" און ניט פּאַרדרייטע באַנקעס מיט קאָלערליי וואַרעניעס און קאָמפּאָטן. אין ווינקל פון טשולאַן איז געשטאַנען א

גרויסער בוטל ביז א העלפט מיט שוואַרצע יאַגעדעס און נאָך עטלעכע צוויי־ און דרײַליטראָווע בײַכיקע פלעשער מיט ווישניק, אַגרעסן, ווײַמפּערלעך און מאַלינעס — „שיראַים" נאָך פון דער פאָראַיאָריקער גערעטעניש.

— אָט די דאָזיקע בוטלען און פלעשער, — קלערט מיר אויף נאָכעם, — איז מײַן פּאָליקליניקע און מײַן אפּטייק, מײַנע ווילע דאָקטוירים און מעד־שוועסטער. פאַרשאַט אמאָל אן איבעריקער ביסן און עס כאַפּט א „לויפעניש", איז גענוג אויסצוטרינקען א האַלבע סטאָפּקע פון אָט די שוואַרצע יאַגעדעס, — איך האָב זיי אליין יאַגעדע צו יאַגעדע געקליבן אין וואַלד, — קיין אנדער רעפּוע דאַרף מען ניט. און פאַרקילט איר זיך, אָדער איר ווערט הייזעריק, אָדער איר שטעקט זיך אָן מיט א גריפּ, האָט איר דאָ פאַרשיידענע סאָרטן מאַלינעס — טרוקענע, מיט צוקער פאַרשאָטענע, געקאָכטע, געפּרעגלטע, וואָס שלאָגן פון אײַך אַרויס אלע זיבן שווייסן צוזאַמען מיט דער כוואָראָבע.

פון טשולאַנטשיק האָט מיך נאָכעם געפירט צו באַווײַזן אין שטאַל די פאָר, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, „אודאַטשנע" כאַזיירימלעך. מיך צוגעפירט צום שטעלכל מיט קראָליקלעך, באַוויזן מיר די קוואָטשקע מיט די ציפּליאַטעס.

— די קוואָטשקע, — באַמערקט נאָכעם, — האָט זיך געלאָזט אָפּנאַרן און פאַרעכנט פאַר אייגענע הינדעלעך א צוואַנציק אינקובאַטאָרסקע ציפּליאַטקעס.

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט לעם גאָרטן. איך האָב באַטראַכט די פּרוכטביימער, די מאַלינעאון אגרעסן־קוסטעס. דער גאָרטן איז געווען ריין־צוגעקליבן, טיילווײַז אופגעאַקערט, גרייט מיט אלע אויסגעשטרעקטע צווײַגן און צווײַגעלעך און שוין מיט אייניקע געפורעמטע, צעווירעטע בייטן צו באַגעגענען די ליבע וועסנע.

— פאַר דעם שאַבעס און זונטיק האָבן מיר שוין באַוויזן צו פאַרזעצן רעטעכלעך, מערן און בורעקעס. ווען איר ווייסט, אָקאָרשט, סאַראַ געשמאַקע בולבע עס וואַקסט אָף אונדזער גאָרטן! איך מוז אײַך אין אָסיען ברענגען קיין מינסק א זעקל פון אונדזער בולבע. זאָל אײַך ניט אַרן...

18. מיר באַגלייטן איינער דעם אנדערן

פונעם גאַנצן האַרצן דאַנק איך אָף די באַלעבאַטים פאַר דער גאַסטפרײַנטלעכקײַט, לויב אין הימל אַרײַן די לאַטקעס, דאָס ווײַסרוסישע מײַכל — די הייסע „מאַטשאַנקע" — און פאַרזאָג נאָכעמען און באַשען אייננמאָל און נאָכאַמאָל:

„איר וועט זײַן אין מינסק, זאָלט איר לעמאַנהאשעם אַרײַנקומען צו מיר״. איך פאַרפינקטלעך, ווי־אַזוי מע דאַרף צו מיר פאָרן פון וואָקזאַל, מיט וועלכן אווטאָבוס, ביז וועלכן אָפּשטעל, און אַזוי ווײַטער. נאָכעם האָט מיך באַגלייט, און גלײַכצײַטיק האָב איך אים באַגלייט צו דער אַרבעט. ביזן אָנהייב פון זײַן וואַכטע איז נאָך געווען איבער א שאָ. מיר האָבן זיך ניט באַדאַרפט אײַלן. אַלס אַקאָמפּאַנעמענט צו אונדזער צוריקמאַרש האָט מיר געדינט נאָכעמס א שפּאָגל־נײַע מײַסע. דאָס מאָל האָט ער מיר דערציילט וועגן זיך אַליין:

— אויפן פראָנט, אַז מיר זײַנען געשטאַנען אין אָבאָראָנע, פלעגט מיך מײַן ראָטנער קאָמאַנדיר שטענדיק מיטנעמען מיט זיך, אי ווען מע פלעגט אים פּלוצעם אַרויסרופן אין באַטאַליאָן־שטאַב, אי אינמיטן נאַכט, ווען ער פלעגט זיך אַוועקלאָזן איבער די ראָטע־טראַנשייען און אָקאָפּעס קאָנטראָלירן די סאָלדאַטן, ווי־אַזוי מע שטייט אויף דער וואַך אין די נאַכט־שאָען, ווען פון זיך אַליין קלעפּן זיך די אויגן. איך בין געווען זייער „ציאַמקע״. אויף א וועג, וווּ איך פלעג נאָר איין מאָל דורכגיין, פלעג איך שוין דאָס אַנדערע מאָל אָנטרעפן סליאַד אין סליאַד, ווי א וואָלף. מיר האָבן מיט מײַן לייטענאַנט קיינמאָל ניט געבלאָנדזשעט. איך האָב ווי מײַנע פינף פינגער געוווּסט אַלע דריידלעך, זיגזאַגן פון די טראַנשייען און אָקאָפּעס אין אונדזער ראָטע און שוין געהאַט אײַנגעכאַזערט דעם סאַמע רוּיִקן וועג צום באַטאַליאָן־שטאַב. אין איינער א נאַכט האָט זיך דער לייטענאַנט געקליבן גיין אין קוילנוואַרפער־ווזוואָד. ס׳איז געווען א כוישעכדיקע אָסיען־נאַכט, ס׳האָט נאָכאַנאַנד גערעגנט. איך בין געלעגן אין זעמליאַנקע, לעבן מײַן קאָמאַנדיר און, מיסטאָם, ווי א דערהאַרגעטער אײַנגעשלאָפן, ווײַל מיר זײַנען זיך שוין מיט אים אין דער־אָ נאַכט היפּש אָנגעגאַנגען. האָט ער ראַכמאָנעס געהאַט מיך אויפצוּוועקן און גענומען מיט זיך אַן אַנדער סאָלדאַט. נאָכדעם האָט מיר דער לייטענאַנט דערציילט, אַז ער האָט זיך מיט אים אָנגעמוטשעט, זיי זײַנען פאַרקראָכן אין אַן אַנדער טראַנשײ פונעם שכיינעסדיקן באַטאַליאָן, אוואַדע אין א שאָ אַרום האָבן זיי זיך מיט צאָרעס דערקליבן צו די קוילנוואַרפער. מײַן לייטענאַנט, — שטעלט זיך נאָכעם אָפּ, ווי ער וואָלט בעסער וועלן אין זיקאָרן דערמאָנען זיך דעם אָנבליק פון זײַן ראָטנעם קאָמאַנדיר, — איז געווען זייער א וואַזשנער מענטש, א לערער פון אַן אינסטיטוט, שוין ניט קיין יונגער. ער האָט מיר עטלעכע מאָל אָפּגעגעבן דאָס געבעקס פון זײַן אָפּיצערסקע פּאַיאָק. איך פלעג ניט וועלן נעמען. — און נאָכעם פאַרגעסט פּלוצעם דעם פראָנט און זײַן לייטענאַנט און הייבט אָן צו פילאָזאָפירן:

— א מענטש דאַרף זײַן אײַנגעשפּאַרט. האָט ער עפּעס באַשלאָסן צו טאָן, טאָר ער אויף קיין האָר ניט נאָכגעבן, ניט נאָכלאָזן. מע דאַרף קענען זײַן אַן אַקשן. אָט הערט, איר וועט דערנאָך פאַרשרײַבן. מיט א לענגערער צײַט צוריק, זומער איז דאָס געווען, פאַראַיאָרן זומער, טראַכט איך, איך וועל מיר צוגיין צו ליאָווע אײַנבינדערן דעם אינוואַליד, ער לעבט הינטער דער אווטאָבוס־סטאַנציע, פאַרבײַ דער געבײַדע פון דער געוועזענער יִדישער זיבניאָריקער שקאָלע, הינטערן פּלאַץ, וווּ עס בויט זיך איצט דער נײַער האָטעל. שאַ, וואָס דערצייל איך אײַך, איר זײַט דאָך בא אײַנבינדערן געווען, ווייסט איר דאָס געסל, וווּ ער לעבט. ס׳האָט שוין געמוזט זײַן אַרום זעקס צי זיבן אין אָוונט. האָב איך קיינעם פון זיי אין שטוב ניט געטראָפן, ניט ליאָווען און ניט זײַן ווײַב קאַטיען. דערנאָך האָב איך זיך געהאַט דערוווּסט, זיי זײַנען מיט דער גאַנצער מישפּאָכע אַוועק צו קאַטיעס א באַקענטער אויף א כאַסענע. לאָז איך זיך פון הויף צוריק. עס שפּרינגט אַרויס פון בײַדל ליאָוועס הונט אויף דער קייט און וואַרפט זיך אויף מיר. איז מיר אין דער דאָזיקער רעגע אַרײַנגעפאַלן א האַמצאָע — לאָמיר אָקאָרשט אויף טשיקאַוועס זען, ווער וועמען עס וועט איבערהאַוקען? ליאָוועס הונט מאַכט צו מיר: „האַוו!״ — מאַך איך צו אים: „האַוו־האַוו!״ ליאָוועס הונט: „האַוו!״ — ענטפער איך ווידער: „האַוו־האַוו!״. איך קוק אים גלײַך אין די אויגן און פונקט מיטן זעלבן נוסעך, וואָס ער: „האַוו־האַוו״. איך האָב אים ניט נאָכגעגעבן, געשטאַנען, זיך פון אָרט ניט גערירט. און וואָס מיינט איר? איך האָב אויסגעשפּילט. דער הונט האָט ניט אויסגעהאַלטן. איך זע, ליאָוועס הונט לאָזט אַראָפּ דעם עק און — פּיטש אין בײַדל, פאַרשווּנדן. אויף מאָרגן אין אָוונט גיי איך ווידער צו ליאָווען. איך האָב אים געטראָפן אויפן הויף. ער איז געשטאַנען אַנטקעגן זײַן הונט און אים פאַר עפּעס „געמוסערט״. ליאָווע אײַנבינדער איז א גרויסער מאָראַליסט. ווי נאָר דער הונט האָט מיך דערזען, האָט ער טייקעף אַראָפּגעלאָזט דעם עק און — פּיטש אין בײַדל. האָב איך אויסגעשאָסן א געלעכטער:

— ליאָווע, וואָס איז דאָס בא דיר פאַר א הונט אויף דער קייט, וואָס האָט מוירע א ביל צו טאָן אויף מענטשן? — און איך האָב אים דערציילט די נעכטיקע געשיכטע.

עס האָט זיך מיר געוואָלט גוטמוטיק א פּאַטש טאָן נאָכעמען איבערן אַקסל, ווי דאָס טוען פיל אוזדער, און אים א זאָג טאָן: „אוי, נאָכעם, ביסטו א כאָכעם״, נאָר איך האָב זיך אָפּגעהאַלטן, נאָכעם איז דאָך פאָרט מײַן גיד און מײַן רעכטע האַנט אין אוזדע.

הירש רעלעס

די ערשטראַנגיקע

דער פאָלקס־פּאָעט איזי כאַריק

אַ ויסער אַלץ, טיילט זיך אויס זײַן פּאָעזיע מיט איר מוזיקאַלישקײט. זײַנע לידער און פּאָעמעס בעטן זיך מאַמעש, מע זאָל זיי זינגען. און אויב די קאָמפּאָזיטאָרן האָבן צו דער אָדער יענער ליד ניט צוגעקליבן קיין נאָטן, האָבן זיך געפונען מענטשן פון פאָלק, וועלכע האָבן עס געטאָן. אַזוי אָדער אַנדערש, נאָר כאַריקס לידער האָט מען געזונגען אין אַלע שטעטלעך.

ניט נאָר באַזונדערע לידער, קימאַט אַלע טיילן פון די פּאָעמעס „מינסקער בלאָטעס", „ערד", „מיט לײַב און לעבן", „קײַלעכדיקע וואָכן" זײַנען אין די דרײַסיקער יאָרן געווען די סאַמע פּאָפּולערסטע פּאָעטישע ווערק.

אינעם רעפּערטואַר פון יעדן ייִדישן זינגער, פון יעדן פּראָפעסיאָנעלן און זעלבסטטעטיקן כאָר זײַנען אַרײַן כאַריקס לידער. שילער האָבן מיט גרויס כיישעק געלערנט אַף אויסווייניק גאַנצע פּאָעמעס זײַנע.

איבערהויפּט איז ער פּאָפּולער געווען בא אונדז, אין ווײַסרוסלאַנד. אויב א היגער ייִד האָט ניט געוווּסט, ווער איז אַזוינס כאַריק, האָט מען אים געהאַלטן פאַר א גרויסן אַמהאָרעץ. קינדער פלעגן איבערמאָלן פון די כרעסטאָמאַטיעס זײַן פּאָרטרעט און אים אויסהענגען אַף די ווענט. אין דער געקרײַזלטער שעוועליורע, אין די פּענסנע איז ער געווען פאַר אַלעמען א מוסטער, ווי אַזוי עס דאַרף אויסזען אַן עמעסער פּאָעט. און ניט אומזיסט, ווען א יוגנטלעכן פלעגט א צי טאָן צום פּאַרנאַס, פלעגט ער ניט נאָר נאָכמאַכן כאַריקס ליד, נאָר אויך פּאַרלאָזן זיך אַזא קוטשמע, ווי בא כאַריקן. אין יענער צײַט זײַנען נאָך אין די הײַזער קיין טעלעוויזאָרס ניט געווען. ראַדיאָ האָט ערשט גענומען אַרײַנדרינגען, אַזוי אַז זען און הערן כאַריקן איז געווען ניט אַזוי פּאָשעט. אָבער זײַן שאַפונג איז געווען פּאָפּולער קימאַט אין יעדער ייִדישער שטוב. און דער אוילעם האָט מיט אומגעדולד געוואַרט אַף זײַנע נײַע ווערק. איזי כאַריק האָט ניט אַזוי אָפּט געבאַלעוועט דעם לייענער מיט לידער און פּאָעמעס. דערפאַר אָבער, אַז עס פלעגט זיך באַווײַזן זײַנע א נײַע זאַך, איז עס געווען א געשעעניש.

אויך דער ווײַסרוסישער לייענער האָט גוט געוווּסט איזי כאַריקס ווערק. זײַנע לידער און פּאָעמעס זײַנען געווען איבערגעזעצט אַף ווײַסרוסיש און רוסיש. זיי זײַנען אַרײַן אין דער לערן־פּראָגראַם פון די ווײַסרוסישע שולן.

דעריבער, ווען כאַריק פלעגט זיך ווײַזן אין שטעטל, פלעגט ווערן א גאַנצע געדולע. אַז ער פלעגט גיין איבער דער גאַס, האָט מען אַרויסגעקוקט פון די פענצטער, פון די הויפן. און וואָס איז שײַעך קינדער, האָבן זיי ניט אַנערקענט קיין שום עטיקעט. זיי זײַנען כאָפּטעסווײַז נאָכגעגאַנגען נאָך אים.

אין די לאָקאַלן, ווו ער פלעגט אַרויסטרעטן, איז געווען אַזוי ענג, אַז מע האָט ניט געקענט אַרײַנגיין. מע איז געשטאַנען אין דרויסן בא די פענצטער, אַבי הערן כאַריקן.

אַף אייביק האָט זיך מיר פאַרגעדענקט דער פרילינג־טאָג פון 1929, ווען איך האָב בא אונדז אין שטעטל דאָס ערשטע מאָל אין לעבן דערזען אים.

כ'האָב זיך דעמלט געלערנט אין זעקסטן קלאַס פון דער ווײַסרוסישער מיטלשול.

אונדזער באַליבטער לערער פעדאָסי גריגאָריעוויטש האָט דורכגעפירט א לימעד פון דער ווײַסרוסישער ליטעראַטור. אגעוו, ער איז געווען א באַגאַבטער ליטעראַטאָר און האָט נאָך פאַר דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע געדרוקט אַרטיקלען וועגן ליטעראַטור־פּראַגן אין דער איינציקער ווײַסרוסישער צײַטונג „נאַשאַ ניוואַ", וואָס איז דערשינען אין ווילנע.

בא אונדז אין שול האָט ער געשאַפן א ליטעראַרישן קרײַז, וועלכער האָט פון צײַט צו צײַט אַרויסגעגעבן אַן אַלמאַנאַך אַף ווײַסרוסיש.

געדרוקט אף א מאשינקע אין עטלעכע עקזעמפליארן. אין מיר האָט דאַן פּעדאָסי גריגאָריעוויטש אויך אופגעוועקט דעם „הייליקן פונק“. נאָר ניט קוקנדיק אף דעם, וואָס איך האָב זיך געלערנט אין א ווײַסרוסישער שול, האָט מיך א צי געטאָן שרײַבן אף דער מוטערשפּראַך.

דעם דאָזיקן לערער האָבן מיר זייער ליב געהאט, כאָטש ער איז געווען א שטרענגער. אף זײַנע לימודים איז מען געזעסן שטיל, אָבער ניט פאר מוירע... ס׳איז זייער אינטערעסאַנט געווען אים הערן.

איינמאָל עפנט זיך די טיר, און איך דערזע פאר זיך מײַן שוועסטערקינד הערשל דוואָרקין, וואָס האָט זיך געלערנט אין דער ייִדישער שול. זײַן שטערן איז געווען פארשוויצט, די באקן צעפלאַמט.

— הירשע! — האָט ער זיך געווענדט צו מיר הויך אף א קאָל. — איזי כאריק איז דאָ, באלד פאָרט ער אוועק.

מײַן שוועסטערקינד האָט האסטיק פארמאכט די טיר און איז נעלעם געוואָרן.

כ׳האָב דערפילט אף זיך פּעדאָסי גריגאָריעוויטשס בליק און ניט ווילנדיק אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

דוואָרקין איז געקומען מיר אָנזאָגן די גדולע, ווײַל ער האָט זייער גוט געוווּסט, וואָס עס באטײַט פאר מיר איזי כאריק. אלע זײַנע לידער און פּאָעמעס האָב איך געקענט אף אויסווייניק, און כ׳פלעג זיי אָפּט דעקלאמירן בייסן פישפאנג, בייסן פיטערן די בעהיימע, בייסן שפּילן זיך. און די ליבע צו איזי כאריקס פּאָעזיע האָב איך אופגעוועקט אויך בא אים, בא הירשקע דוואָרקינען.

כ׳האָב געוואַרט מיט גרויס אומגעדולד, אז דער לימעד זאָל זיך ענדיקן. און דעמלט, — וואָס עס זאָל ניט זײַן, — וועל איך אוועק פונעם קומענדיקן לימעד, איך מוז זען כאריקן. כ׳האָב ביכלאַל קיינמאָל אין מײַן לעבן קיין שרײַבער ניט געזען. און אין מײַן דעמלטיקער פאָרשטעלונג האָט א שרײַבער געדאַרפט אויסזען אויסערגעוויינלעך, ביפראַט נאָך אזא, ווי איזי כאריק.

באמערקנדיק, אז איך בין זייער אופגערעגט, האָט פּעדאָסי גריגאָריעוויטש געפרעגט:

— וואָס האָט דיר געזאָגט דאָס ייִנגל?

— ער האָט געזאָגט, אז דער פּאָעט איזי כאריק איז געקומען צו אונדז אין שטעטל.

דער לערער האָט זיך א ווײַלע פארטראַכט און א פרעג געטאָן:

— ווילסט, מיסטאמע, א קוק טאָן אף אים?

— פארשטייט זיך, — האָט זיך בא מיר ארויסגעריסן.

און דאָ האָבן זיך דערהערט אויסגעשרייען:

— איך וויל אים אויך זען.

— און איך אויך.

— נו, פארשטייסט דאָך, — האָט דער לערער זיך פאר מיר פארענטפערט, — דעם גאנצן קלאַס קאָן איך ניט אָפּלאָזן.

— טאָ לאָזט אָפּ נאָר אים אליין, — האָט פאָרגעלייגט מײַן כאַווער וויסאריאָן גאָרבוק, — ער איז דאָך איבער די אויערן פארליבט אין כאריקן.

דער לערער איז מאסקים געווען.

איך בין געלאָפן צו דער קראָמען־ריי, וווּ ס׳געפינט זיך די אכסאניע און די גאָרקיך. דאָרט שטעלן זיך אָפּ די באלעגאָלעס, וואָס פירן די פאסאזשירן אין די נאָענטע שטעטלעך, וווּ ס׳גייט דורך די באַן־ליניע. די פאסאזשירן, וואָס קומען מיטן באַן און דארפן ווײַטער פאָרזעצן די רײַזע מיט דער פור, שטעלן זיך אָפּ דאָ, בא דער קראָמען־ריי.

לעבן דער קראָמען־ריי, אנטקעגן סקווערל, וואָס מיר, שילער, האָבן פאראיאָרן פארפלאנצט, באמערק איך א היפּשן אוילעם, איבערהויפּט קינדער. אלעמענס בליקן זײַנען געווענדט צו די אָפענע פענצטער פון הירשל לעווינס שטוב. פארשטיי איך שוין, אז דער גאַסט איז דאָרט.

הירשל לעווין איז געווען א מיטגליד פון ביוראָ פון היגן ראַיאָנעם פארטיי־קאָמיטעט. אף די פארזאמלונגען און אף פײַערלעכע זיצונגען פלעגט ער ארויסטרעטן מיט פאָרטראָגן אף ייִדיש. פון צײַט צו צײַט פלעגן זיך דרוקן זײַנע ארטיקלען אף די שפּאלטן פון דער צײַטונג „אָקטיאבער“, וואָס איז דעמלט ארויסגעגאנגען אין מינסק. אָנגעפאָרענע טוער פון אָזעט און פון דער ייִדישער פרעסע פלעגן ניט מינערן זײַן שטוב.

אינגיכן האָט זיך דער אוילעם באַם סקווער פארגרעסערט, ס׳זײַנען אָנגעקומען די שילער פון דער ייִדישער שול.

— פונוואַנען ווייסט מען, אז דאָס איז איזי כאריק? — האָט זיך נאָכגעפרעגט דער פארגרייטער פון פלאַקס זוסיע וואַסערמאַן, א געזונטער ייִד אין די מיטעלע יאָרן, וועלכער האָט ליב געהאט, אז יעדע זאַך זאָל זײַן פעסט באגרינדעט.

— פאָטער, — האָט מען אים געענטפערט, — הירשל סימען דער הויכער האָט אים גלײַך דערקענט לויטן פאָרטרעט. עמעס, ער איז ניט אליין, נאָך עפּעס א שרײַבער איז דאָ מיט אים.

הירשל סימען, א באָכער פון א יאָר זעכצן, האָט פארמאָגט לאַנגע פיס, און דעריבער האָט מען אים אײַנגעאָרדנט אלס קוריער אין היגן ראַט. ער האָט פארענדיקט די ייִדישע שול און איז געווען א שטארקער אָנהענגער פון דער ייִדישער ליטעראַטור.

— וויניק מענטשן טראָגן פענסנע און פאר־

מאָגן געקרײַזלטע האָר? — האָט זיך געקווענקלט זוסיע.

הירשל סימען, וואָס איז דערבײַ געשטאַנען, האָט פאַרגעלייגט:

— מע דאַרף פרעגן בא שלוימקע דעם באַלעגאָלע. ער האָט זיי געפירט פון באַן, ער ווייסט דאָך געוויס, ווער זיי זײַנען.

בא שלוימקען פלעגט מען זיך שטענדיק דערוויסן, וועלכע געסט עס זײַנען געקומען אין שטעטל. ווען ס׳פלעגט זיך אַראָפּכאַפּן א רעוויזאָר צי א קאָרעספּאָנדענט, פלעגט שלוימקע אַלעמען אָנזאָגן, אַז מע זאָל וויסן, מיט וועמען מע האָט צו טאָן.

נאָר שלוימקע איז אין דעם מאָמענט געווען אין דער היים און האָט זיך געגרייט אין וועג. ניט אַנדערש, ווי אָפּפירן די געסט אין עפּעס א שטעטל.

הירשל סימען איז אַוועקגעלאָפן צו שלוימקען, און אײַנגיכן איז ער געקומען צוריק א פאַרסאַפּעטער און א פאַרשוויצטער.

— אָן צווייפל! דאָס איז כאַריק און נאָך א שרײַבער...

דער אוילעם האָט מיט אומגעדולד געוואַרט, אַז די געסט זאָלן אַרויס פון שטוב. נאָר אַנשטאָט זיי איז אַרויס הירשל לעווינס ווײַב, א דיקע פרוי מיט א קײַלעכדיק פּאָנעם.

— וואָס קלײַבט איר זיך באַם פענצטער? — האָט זי שטיל א זאָג געטאָן צום אוילעם. — ס׳איז דאָך א ביזאָיען. ס׳וועט זיך בא זיי שאַפן א מיינונג, אַז טשאַשניקי איז א שטעטל פון אייטנע העקדיישים און מעשוגאָים.

— וואָס דרייט זי א קאָפּ, — האָט זיך אָפּגערופן שײַע־לייב, דער וואַסערטרעגער, וואָס האָט דערמאָנט „לייבע דעם שמיד, אָט דעם האָריקן בער״ פון דער פּאָעמע „מיט לײַב און לעבן״.

— איזי כאַריק איז שוין לאַנג געוווינט צו אַזעלכע באַגעגענישן. אַזוי אַז מאַכט ניט קיין ווּעזן און זאָגט אים, אַז עס ווילן אים זען זײַנע לייענער.

— עלקע, זאָגט אים, אַז שײַע־לייב וויל זיך פאַרמעסטן מיט אים אין גראַמען, — האָט דער אוילעם געשפּאַסט.

שײַע־לייב איז געווען א גראַמענזאָגער. ווען ער איז געווען אויפגעלייגט, פלעגן זיך פון אים שיטן גראַמען, ווי פון א לעכערדיקן זאַק.

איך האָב זיך דאַן גערעכנט אַלס דאַרפקאָר פון דער צײַטונג „יונגער אַרבעטער״, ווו ס׳זײַנען געווען אָפּגעדרוקט אייניקע מײַנע קאָרעספּאָנדענצן.

איינמאָל האָב איך באַקומען א בריוו פונעם קריטיקער אורי פינקעל, וועלכער האָט דאַן פאַרוואַלטעט מיטן ליטעראַרישן אָפּטייל פון דער דאָזיקער צײַטונג. ער האָט מיר פאַרגעלייגט פאַרשרײַבן און איבערשיקן אים פאָלקסלידער.

האָב איך באַשטימט איבערשיקן שײַע־לייבס גראַמען.

אין א זומערדיקן אינדערפרי, ווען שײַע־לייב איז געזעסן אַפן גאַנעקל לעבן דער ברויטקראָם, בין איך צו אים צוגעגאַנגען מיט א העפט און מיט א בלײַער אין האַנט און כ׳האָב אים פאַרגעלייגט:

— שײַע־לייב, זאָגט א פּאָר גראַמען.

כ׳האָב אָבער אים געטראָפן אין א שלעכטער שטימונג. ניט אַנדערש, ווי ער האָט געקראָגן א גאָב פון דער פלוינעסטע, נאַכסאַל ער איז א שוואַכער פאַרדינער, און איר קומט אויס וואַשן פרעמד וועש און פאָלן, קעדיי צו העלפן פירן די הויצאָע.

מוישע־לייב האָט בייז אָף מיר א קוק געטאָן:

— כ׳וועל דיר באַלד זאָגן א פּאָר גראַמען, וועט בא דיר די צורע נעמען פלאַמען.

דער ענטפער האָט מיך ווי מיט קאַלטער וואַסער באַגאָסן. איך בין גלײַך נעלעם געוואָרן. פון דעמלט אָן האָב איך מוירע געהאַט נאָענט צו אים צוגיין.

— גייט זיך פּאַנאַנדער, — האָט געפּאָדערט הירשל לעווינס ווײַב. נאָר קיינער האָט זיך ניט גערירט פון אָרט.

דער מיליציאָנער אַרכאַנגעלסקי, וואָס — ווו אָן אוילעם, דאָרטן איז ער דאָ, האָט געוואָרנט:

— ווען זיי וועלן אַרויס פון שטוב, זאָלט איר שטיין אָף די ערטער און ניט מאַכן קיין אומאָרדענונג.

אײַנגיכן איז אָנגעפאָרן שלוימקע מיט דער בויד.

עס האָט זיך געעפנט די פּאַרטקע, און די געסט זײַנען אַרויס פון הויף. קיינער האָט זיך ניט גערירט פון אָרט.

איזי כאַריק איז פונקט אַזאַ, ווי אַפן פּאָרטרעט. מער ניט, דאָרטן איז ער אַן ערנסטער, און דאָ שמייכלט ער.

דער אוילעם האָט געשפּירט נאָך יעדער באַוועגונג זײַנער. און ער, ווי ניט אים מיינט מען. ער האָט דורך די גלאַנצנדיקע גראָבע גלעזלעך פון די פענסנע א קוק געטאָן, ווי הויך עס שטייט די זון, און האָט עפּעס א זאָג געטאָן דונעצן.

— כאַווירים, — האָט זיך דונעץ געווענדט צום אוילעם, פילנדיק, אַז ער מוז עפּעס זאָגן, — פאַר וויפל צײַט קאָן מען פונדאַנען דערפאָרן ביז טשאַריי?

— ס׳ווענדט זיך, — ווי אַזוי שלוימקע וועט טרײַבן דעם סוס, — האָט זיך דערהערט א שטים.

— איר פאַרשטייט, פאַרוואָס דאָס אינטערעסירט אונדז? — האָט פאַרגעזעצט דונעץ. — זיבן אין אָוונט דאַרפן מיר אַרויסטרעטן אין טשאַריי, וועט זײַן ניט אָנגענעם, אויב דער אוילעם וועט זיצן אין זאַל און וועט אָף אונדז וואַרטן.

דאָס האָט געקלונגען, ווי אַ פאַרענטפערונג, פאַרוואָס זיי קאָנען זיך ניט פאַרהאַלטן, קעדיי דורכשמועסן זיך מיטן אוילעם.

— אָבער טשאַריי גליקט שטענדיק, — האָט ניט אויסגעהאַלטן כאַנע די וואַזאָנע, אַ מויד אין די יאָרן, וואָס איז געקרוינט געוואָרן מיט אַזאַ צונעמעניש דערפאַר, וואָס זי האָט פאַרמאָגט אַ שלאַנקע פּיגור און פלעגט טראָגן ציצענע קליידער מיט בונטע קווייטן. וועגן איר האָט מען געזאָגט, אַז ווען זי קלייַבט זיך גיין אין גאַס, שטייט זי לאַנג באַם שפּיגל און קלייַבט צו אַ מינע, וואָס זאָל פּאַסן צו איר קלייד. דאָ איז זי געשטאַנען ניט קיין צוגעפּוצטע, אין אַ ווייַסער קאַפּטע און אין אַ שוואַרצער יופּע, אַזוי האָט זי אויסגעזען פיל שענער, איידער, ווען זי פּוצט זיך אויס. קאָנטיק, אַז זי האָט זיך פּלוצעם דערוווּסט וועגן דער געשעעניש, אַנדערש וואָלט זי אָנגעטאָן דאָס סאַמע בונטע קלייד און וואָלט, פאַרשטייט זיך, אָנגעפאַרבט די ליפּעלעך.

— טשאַריי האָט דאָס גליק פון אַ קאַפּצן, — האָט אונטערגעכאַפּט דער אַקטיוויסט מוישע שיינקין, וואָס פלעגט אַף די פאַרזאַמלונגען און אַף פייַערלעכע אָוונטן באַגריסן דעם אוילעם אין נאָמען פון די קוסטאַרן. — טשאַריי רעכנט זיך מער העק פון טשאַשניקי, — האָט ער פאָרגעזעצט, — דערפאַר סטאַרעט מען זיך פריִער פון אַנדערע באַזאָרגן יענץ שטעטל סייַ מיט סכוירע, סייַ מיט קולטור. גאָלובאָקס וואַנדערטעאַטער פאָרט אויך קוידעמקאָל אַהין.

— אַ שאָד, וואָס פון טשאַריי דאַרפן מיר פאָרן קיין בעשענקאָוויטש, — האָט פאָרגעזעצט דונעץ, — און פון דאָרטן קיין וויטעבסק. נאָר מיט דער צייַט וועלן מיר קומען אַהער.

— זאָל איזי כאַריק עפּעס זאָגן, — האָט פאָרגעלייגט זישע די שנייַדערן.

— ווי פירט איר זיך? — איז אַף איר אָנגעפאַלן הירשל סימען. — וואָס איז אייַך דער כאַווער איזי כאַריק — שייַע־לייב דער גראַמענזאָגער?

כאַריק האָט עפּעס אַ זאָג געטאָן הירשל לעווינען. לעווינס בליקן האָבן גענישטערט צווישן אוילעם.

— שייַע־לייב איז דאָ? — האָט ער אַ פרעג געטאָן.

שייַע־לייב, וועלכער איז געשטאַנען לעבן אַ כאָפּטע קינדער, האָט זיך געקווענקלט, צי זאָל ער צוגיין, צי ניט. זייַנע גרויע קאָרטענע הויזן זייַנען באַ די קני געווען פאַרלאַטעט מיט שוואַרצן געוואַנט, די סאַנדאַלן אַף די פיס — מיט אָפענע מייַלער.

— שייַע־לייב, לאָז זיך ניט בעטן, — האָט דער אוילעם געטייַנעט.

שייַע־לייב האָט ניט דרייסט געמאַכט עטלעכע טריט פאָרויס. ער איז צוגעגאַנגען צו כאַריקן און דערלאַנגט אים אַ האַנט. זיי האָבן פאַרפירט אַ שמועס.

— שלוימקע! זאָלסט זיך ניט רירן אין וועג, ביז וואַנען איזי כאַריק וועט אונדז ניט זאָגן עפּעס, — האָט זיך צעשריִען מאַטעס דער באַלעגאָלע, וואָס האָט געהאַט אַ שעם פון אַן אַזעספּאָנעם.

און דאָ האָבן מיר דערהערט כאַריקס קאָל:

— טייַערע כאַווײרים, ווי וואָלט איר זיך געפילט, ווען מע בעט אייַך אײַנמיטן גאַס פּלוצעם אַרויסטרעטן פאַר אַן אוילעם? נאָר איך זאָג אייַך צו, אַז אין דער נאָענטסטער צייַט קום איך אַהער ווידער.

מע האָט גענומען אַפּלאָדירן. כאַריק און דונעץ האָבן געפאָכעט מיט די הענט צום אוילעם. זיי זייַנען אַרייַן אין דער בריטשקע. שלוימקע האָט אַ צי געטאָן פאַר די לייצעס, און דאָס פערד האָט גענומען שטעלן פיס. מיר, קינדער, זייַנען נאָכגעלאָפן נאָכן וואָגן, ביז וואַנען ער איז פאַרשוווּנדן פון אונדזערע אויגן.

שלוימקע דער באַלעגאָלע, וועלכער איז ספּעציִעל געבליבן נעכטיקן אין טשאַריי, קעדיי בייַזייַן אַפן אָוונט, האָט נאָכדעם דערציילט:

— דאָס שטעטל איז געגאַנגען כאַדאָראָם. קינד־און־קייט זייַנען געווען אין קלוב. ס'איז ניט געווען ווו אַ שפּילקע אַרייַנשטעקן. מע איז געשטאַנען אין דרויסן באַ די אָפענע פענצטער. און מיך האָבן זיי געהייסן אַוועקזעצן אין דער ערשטער ריי צוזאַמען מיט די אַקטיוויסטן פון שטעטל. איר האָט נאָר באַדאַרפט הערן, ווי איזי כאַריק לייענט זייַנע שירים. ער האָט געלייענט וועגן אַ גאָלדענער לעווייַע, האָט מען געצווונגען אים נאָכאַמאָל איבערלייענען. בייס ער לייענט, זינגט ער אונטער. עס פילט זיך מאַמעש, אַז דאָס גייט פון דער ערשטער האַנט. דער לערער באַכראַך לייענט אויך גוט כאַריקס לידער, נאָר גאָר אַנדערש.

און נאָך האָט שלוימקע דערציילט וועגן די געשפּרעכן, וואָס ער האָט געפירט מיט כאַריקן. וועגן אַלצדינג האָט כאַריק באַ אים פאַנאַנדערגעפרעגט. אַלץ אינטערעסירט אים. עס האָט אים געקימערט, וואָס ער האָט ניט געהאַט קיין צייַט אויסהערן שייַע־לייבס גראַמען...

אין אַ פּאָר יאָר אַרום, ווען איך האָב זיך געלערנט אין וויטעבסקער ייִדפּעדטעכניקום, איז מיר אויסגעקומען הערן פון סטודענטן וועגן איזי כאַריקס רייַזעס איבער די שטעטלעך. באַזונדערס האָט זיך מיר פאַרגעדענקט מאָנע דיסקינס דערציילונג, וויִאַזוי אים און נאָך צוויי סטודענטקעס איז אויסגעקומען צוזאַמען מיט כאַריקן פאָרן מיט אַ פור פון קאָסטיוקאָוויטש ביז כאָטימסק. דער מעהאַלעך צווישן די שטעט־

לעך באטרעפט בא 40 קילאָמעטער. ס'איז גע־ווען זומער, אין דער צײַט פון קאַניקולן. כאַריק האָט זיך געהאַלטן אינקאָגניטאָ. ער האָט גע־זאָגט, אז ער ארבעט אפן געביט פון פאַר־שפרייטן קולטור. נאָר דיסקין איז געווען אי־בערצײַגט, אז דאָס איז איזי כאַריק. אָבער אף וויפל דער דיכטער האָט זיך זייער באקוועם געפילט אין דער ראָל פון א געוויינלעכן פּאַ־סאַזשיר, האָט דיסקין באשטימט אים ניט ארויס־געבן.

מע האָט געזונגען, געשפּאַסט, געטריבן קאָ־טאָוועס. שפּעטער איז אוועק א רעגן. און אף וויפל די פור איז געווען אָן א בויד, איז דער קאָמפּאַניע אויסגעקומען זיך אָפּשטעלן אין דאָרפסראַט. דער רעגן האָט זיך פאַרצויגן. דער פאַרשוין מיט די געקרײַזלטע האָר און אין די פּענסנע האָט זיך באומרויִקט:

— צו זיבן אין אָוונט מוז איך זיין אין כאַ־טימסק.

דיסקין האָט ניט אויסגעהאַלטן:

— איר זײַט דאָך א מיטגליד פון צענטראַלן אויספּיר־קאָמיטעט. ווענדט זיך צום פאָרזיצער פון ראַט, וועט מען צוטראַכטן א מיטל, אז איר זאָלט קאָנען פאָרן.

כאַריק האָט, קאָנטיק, אין דעם מאָמענט פאַר־געסן די ראָל, וואָס ער שפּילט, און האָט גע־ענטפערט:

— ערשטנס, איז ניט באקוועם, און, צווייטנס, וואָס קען מיר העלפן דער פאָרזיצער? ער וועט דאָך דעם רעגן ניט אָפּשטעלן. און קיין אווּ־טאָמאָביל האָט ער ניט, — און פּלוצעם האָט ער זיך א כאַפּ געטאָן, אז ער איז דורכגעפאַלן, און האָט געפרעגט: — פונוואַנען נעמט איר, אז איך בין א מיטגליד פון ציק?

דאָ האָט שוין דיסקין אַלץ ארויסגעזאָגט:

— ווי איך האָב אײַך נאָר דערזען אין קאָס־טיוקאָוויטש אפן וואָקזאַל, האָב איך גלײַך דער־קענט, אז איר זײַט איזי כאַריק. מיט צוויי יאָר צוריק זײַט איר געווען אין וויטעבסק. און איך בין געווען אף אײַער ארויסטרעטונג.

און גלײַך האָט זיך געביטן די באציִונג צו כאַריקן מיצאַד די איבעריקע פּאַסאַזשירן.

— אנטשולדיקט, וואָס מיר האָבן זיך אזוי פרײַ געהאַלטן אין אײַער אָנוועזנהײַט, — האָט זיך איינע פון די מיידלעך גענומען פאַרענט־פערן.

— אָט, איך האָב גלײַך פאַרשטאַנען, — האָט כאַריק מיט אנטוישונג געענטפערט, — מיטן פּאָעט כאַריק ווערט מען אָפיציִעל...

אינגיכן האָט אופגעהערט דער רעגן, און די פּאַסאַזשירן האָבן זיך געלאָזט ווײַטער אין וועג. די מיידלעך האָבן זיך געסטאַרעט האַלטן פּאָ־שעט, ווי פריִער, נאָר ס'האָט זיך עפּעס ניט באקומען נאַטירלעך, ווי ס'איז געווען, איידער זיי האָבן זיך דערוווּסט, אז דער פריילעכער פּאַסאַזשיר מיט די געקרײַזלטע האָר איז דער באַוווּסטער פּאָעט איזי כאַריק.

כאַריק איז געווען זייער א פּאַשעטער און א צוגעלאָזטער מענטש. וואָס פּאַשעטער מע פלעגט זיך מיט אים האַלטן, אַלץ אָנגענעמער איז אים געווען.

...זײַן פּאָעזיע האָט געהאַט א גרויסע ווירקונג אף דער שטעטלדיקער יוגנט. זײַנע לידער און פּאָעמעס וועגן שטעטל זײַנען געווען די קרוין פון זײַן דיכטונג. און דאָך מוז געזאָגט ווערן, אז אין די יאָרן פון נעפּ האָט דער דיכ־טער געהאַלטן, אז דאָס קליינע שטעטל, ווו ס'איז ניט אנטוויקלט די אינדוסטריע, איז אָן אָרט פאַר דעקלאַסירטע עלעמענטן.

ער האָט געהאָפט, אז אין פּראָצעס פון סאָ־ציאַליסטישער בויונג וועט דאָס שטעטל פאַר־וואַנדלט ווערן אין א שטאָט, און די אײַנוווי־נער וועלן זיך פּראָלעטאַריזירן. ער האָט מיט אומגעדולד געוואַרט אף דער דאָזיקער צײַט. באזונדערס בוילעט דריקט ער עס אויס אין דער פּאָעמע „שטעטל", וואָס איז געווען אָפּגע־דרוקט אין 1924 יאָר. דאָ טרעפן זיך אזוינע פערזן:

א לעצטער רויך האָט צוגעדעקט מײַן שטעטל,
א לעצטן רויך האָט אָנגעשיקט דער ווינט.
אוי, ביזוואַן, און אוי, ביזוואַן זיך בעטן:
— שטעטעלע, פאַרשווינד!

אינמיטן וועג, צווישן בלויע טראַקטן
ליגסטו אַלץ און קאָנסט נאָך ניט אוועק.
א בראָך צו דײַנע גרײַזע טאַטעס,
וואָס האָבן ניט פאַרלאָשן דײַנע טעג —

און דיך געלאָזט אף שווײַגן און אף וואַרטן!
שווערערהייט זאָל דורכפאָרן א ראָד
און דיך צעטרייסלען ביז דײַן קראַנקן האַרצן
טראָט — נאָך טראָט...

איך ווייס: די טעג זײַנען געציילטע,
און יעדער טאָג דײַנער איז אויסגעווייטעקט רויט,
אוי, ווען כ'גלייב און קאָן דיר אויסהאַקן א ציילעם,
א לעצטן שוימער אף דײַן טויט.

קעדיי צו פאַרשטיין, פונוואַנען האָט זיך גע־שאַפן באַם פּאָעט אזא באציִונג צום שטעטל, דאַרף מען זיך דערמאָנען יענע צײַט. מיטן אופקום פון נעפּ האָט א טייל שטעטלדיקע אײַנוווינער זיך גענומען צום פּריוואַטן האַנדל. קיין אַרטעלן זײַנען ניט געווען, האָבן די קוס־טאַרן געעפנט פּריוואַטע וואַרשטאַטן. די קליי־קוידעש האָבן זיך פאַרשטאַרקט. און דאָס אַלץ

קומט פאָר אין דער צייַט, ווען ס'צעבליט זיך די סאָציִאַליסטישע אינדוסטריע, אין די דערפער שאפן זיך קאָמונעס און לאנדווירטשאפטלעכע ארטעלן, דער סאָציִאַליסטישער שטייגער דרינגט אריַין אין שטאָט און אין דאָרף. עס וואקסט די קולטור. עמעס, דער נייַער שטייגער האָט גענומען אריַינדרינגען אויך אין שטעטל, נאָר באגלייַך מיט דעם האָבן אופגעהויבן דעם קאָפּ די קליינבירגער.

נאָכאמאָל קערט זיך אום דער פּאָעט צו דער טעמע „שטעטל" אין די דרייַסיקער יאָרן. דעמלט שרייַבט ער זייַן פּאָעמע „מיט לייַב און לעבן". דאָ שילדערט ער די גרויסע ענדערונגען, וואָס קומען פאָר אין שטעטל אין די יאָרן פון ערשטן פינפיאָר.

מיט דער שטעטלדיקער עקזאָטיק איז אויך דורכגעדרונגען די גרויסע פּאָעמע וועגן אינדוסטריִאַליזאציע פון ווייַסרוסלאנד „קייַלעכדיקע וואָכן". און אפילע אין דער פּאָעמע „פון פּאָליוס ביז פּאָליוס", ווו ס'ווערט געשילדערט די בויונג פון בעלאָמאָרקאנאל, ציט דער הויפּט־העלד, דער געוועזענער בלאטער יונג און קעשענעגאנעוו אייַזיק גאָגאָל, זייַן ייִכעס פונעם שטעטל. אויך די געשעענישן פון דער פּאָעמע „אָף א פרעמדער כאסענע" קומען פאָר אין אמאָליקן שטעטל. אזוי אז איזי כאריקס מוזע האָט זיך געגערט אָף די שטעטלדיקע גאסן. און אויב ער האָט אין 1924 יאָר אויסגעשריִען: „שטעטעלע, פארשווינד!", איז עס געקומען דערפון, וואָס ער, דער יונגער דיכטער, איז פארכאפּט געווען מיטן נייַעם לעבן.

די שרייַבער פון ווייַסרוסלאנד, וואָס זייַנען געקומען אין דער ייִדישער ליטעראטור אין די צוואנציקער און דרייַסיקער יאָרן, זייַנען קימאט אלע געזאלבט געוואָרן און האָבן זיך אויסגעכאָוועט אונטער דער זאָרגזאמער האזשגאָכע פון איזי כאריק.

ער האָט דער ערשטער באמערקט און אויסגעכאָוועט אזוינע שרייַבער, ווי מוישע טייף, כאַיִם מאלטינסקי, מענדל ליפשיץ, הירש קאמענעצקי, עליע קאהאן, לייזער קאצאָוויטש, מאָטל גרוביאן, לייב טאלאלייַ, רוווע רייזין, הירש בעריאָזקין, מאָטיע דעכטיאר, העניך שוועדיק, סאָרע קאהאן, שימען לעלטשוק, כאַיִם לאסקער, פּיניע פלאָטקין, זאכאר בארסוק, אייַזיק קאהאן און נאָך אנדערע.

ס'דערמאָנט זיך: אײינמאָל קומט אריַין אין רעדאקציע פון זשורנאל „שטערן" דער יונגער דיכטער רוווע רייזין.

כאריק ווענדט זיך צו אים:

— האָסט הייַנט געזען דייַן ווייַב?

— ניין.

— זי איז ניט לאנג צוריק דאָ געווען. מיר דאכט זיך, אז זי איז עפּעס דערצאָרנט.

באטראכטנדיק רוווען דורך די גלעזלעך פון די פענסנע, פרעגט ער:

— האָסט זיך מיט איר אָף א נאָווינע ניט צעקריגט?

רוווע שווייַגט. פאר אים ענטפערט זייַן כאָווער מאָטיע דעכטיאר:

— ער האָט הייַנט אין דער היים ניט גענעכטיקט. וויפל איך טייַנע ניט צו אים, אז ער זאָל גיין אהיים, פאָלגט ער ניט.

כאריק ווערט אויסער־זיך:

— ווי טוסטו אָפּ אזא זאך? ביסט דאָך א טאטע פון צוויי אייפעלעך! שוין זאָלסטו גיין אהיים! און אויב דייַן ווייַב וועט אין א שאָ ארום ניט אָנקלינגען און ניט זאָגן, אז אלץ איז אין אָרדענונג, נעם איך ארויס דייַנע לידער פון זאץ.

רוווע ווישט דעם שווייס פון שטערן און לאָזט זיך צו דער טיר. מאָטיע דעכטיאר יאָגט אים אָן און שטופּט אים עפּעס אריַין אין דער קעשענע.

כאריק הייסט רווען צוווארטן.

— נו, און געלט האָסטו א סאך?

— אליין וועט ער עס ניט דערטראָגן! — לאכט מאָטיע דעכטיאר. — אויסגעגעבן אָף ביכער ביז א לעצטן גראָשן.

— ער איז ווערט פרעשק, — זאָגט כאריק. ער כאפּט אָן רווען פאר דער האנט און שלעפּט אים אין דער הייך, צום הויפּט־בוכהאלטער.

— רעוווזין, טוט א טויווע, צאָלט אים אויס דעם האָנאָראר, וואָס אים קומט פארן לעצטן נומער „שטערן".

רעוווזין איז אין פארצווייפלונג:

— כאווער כאריק, עס דארף דאָך נעמען א סאָף צו אזוינע זאכן.

— נו, וואָס קאָן מען העלפן! — פארענטפערט זיך כאריק. — איר זעט דאָך, וואָס עס טוט זיך.

ס'גייט דורך בא א האלבער שאָ. עס קלינגט דער טעלעפאָן. כאריק נעמט אראָפּ דאָס טרייַבל.

— כאווער כאריק, — הערט זיך א פרויענשטים אין טרייַבל, — אלץ איז אין אָרדענונג. א גרויסן דאנק אייַך.

ער פלעגט זיך באציִען זייער אופמערקזאם צו יעדערן, ווער ס'פלעגט קומען אין רעדאקציע מיט נייַע לידער. די גרעסטע פרייד איז געווען פאר אים, ווען די לידער זייַנען געווען געלונגענע.

אין פּעריִאָד, ווען ס'איז געווען דער רוף פון שלאָגלער אין דער ליטעראטור, האָט כאריק איינמאָל צונויפגערופן אין לאָקאל פון רעדאקציע א סעמינאר פון יונגע ארבעטער, וואָס האָבן שוין געהאט פארעפנטלעכט אין די פילטיראזשקעס אָדער אין דער צייַטונג „יונגער ארבעטער" זייערע שאפונגען.

אפן סעמינאַר האָט יעדערער פון זיי עפּעס פּאָרגעלייענט.

איך דערמאָן זיך אַ יונג יאַטל, וואָס האָט גע־לייענט קופּלעטן, אין וועלכע ער האָט אויסגע־לאַכט פּויליאַקעס און שיקורים. כאַריק האָט זיך זייער געפרייט:

— אונדז פעלן, — האָט ער געזאָגט, — עכטע סאַטיריקער. — שרײַבט! שרײַבט! אומבאַדינגט זאָלט איר שרײַבן!

אַ בלאָנד הויך באָכערל האָט פּאָרגעלייענט ליבע־לידער. כאַריק האָט באַמערקט די באַזונ־דערע געלונגענע שורעס. ער האָט געזאָגט:

— פון אײַך קאָן אַרויס אַ ליריקער.

פּלוצעם האָט זיך צעפּראַלט די טיר, און ס׳איז מאַמעש אַרײַנגעפלויגן דער קריטיקער נויעך קאַבאַקאָוו, וואָס האָט געאַרבעט אַלס ליטעראַרי־שער קאָנסולטאַנט אין רעדאַקציע פון דער צײַ־טונג „אָקטיאַבער״, וועלכע האָט זיך געפונען מיט אַ שטאָק העכער:

— איזי, אַ גענוי! אַ פּאַרטיקער גענוי! — האָט ער אויסגעשריִען און דערבײַ באַטראַכט דעם אוילעם דורך די גראָבע ברילן. — איך האָב אַנטדעקט אַ גענויִאַלן פּאָעט. אָט זעט, פון שטעד־ריז, פּאָשעט גאָלד, גענויִאַל!

כאַריק נעמט דעם העפט און לייענט אופ־מערקזאַם. אַרום אים ווערט שטיל. נויעך שפּירט נאָך כאַריקן. ס׳גייען דורך עטלעכע מינוט. כאַ־ריקס בליק רײַסט זיך אָפּ פון העפט, ער קוקט מיט גרויס ערנסט אָף קאַבאַקאָוון:

— נויעך, — זאָגט ער מיט פּאַרווונדערונג, — דאָס איז דאָך גראַפאָמאַניע! שוין זשע פאַר־שטייסטו עס ניט?

נויעך צענעמט די הענט און ענטפערט מיט אַנטוישונג:

— גיי ווייס! — און ער ווערט נעלעם...

דער אוילעם לאַכט.

עמעצער זאָגט צו כאַריקן:

— איר טראַכט טאַקע, אַז ער האָט עס גע־מיינט ערנסט? וואָס זשע, איר קענט ניט קאַבאַ־קאָוון? דאָס האָט ער פּאָשעט געשפּאַסט.

אַגעוו, כאַריקס נעוויִעס וועגן דעם ליריקער זײַנען טיילוויִז מעקויִעם געוואָרן. דער בלאָנ־דער הויכער יאַט — דאָס איז געווען מאָטל קאַפּלאַן, וואָס האָט נאָכדעם אָפּגעדרוקט אין „שטערן״ און אין „יונגן אַרבעטער״ אַ ריי לי־רישע לידער.

ס׳איז ניט צופעליק, וואָס אין דער ייִדישער ליטעראַטור פון ווײַסרוסלאַנד איז געווען אַ גרויסער צופלוס פון פּאָעטן, פיל מערער, ווי פּראָזאיִקער. דאָ פילט זיך כאַריקס גרויסע ווירקונג.

די יונגע פּאָעטן פון ווײַסרוסלאַנד זײַנען קי־מאַט אַלע געווען פון כאַריקס שול. זייער פּאָע־זיע איז דורכגעזאַפּט מיט כאַריקס מוזיקאַליש־קײַט, מיט זײַן נאַטירלעכער בילדערישקײַט.

די יונגע פּאָעטן פלעגן זיך סטאַרען אפילע אויסערלעך זײַן ענלעך אָף כאַריקן. מע פלעגט פאַרלאָזן די האָר, אַזוי ווי בײַ כאַריקן, איבער־נעמען זײַנע מאַנירן, זײַן אַרט לייענען.

איזי כאַריקס פּאָעזיע איז דורכגעזאַפּט מיט ווײַסרוסלאַנד. מיט גרויס מײַסטערשאַפט שיל־דערט ער די ווײַסרוסישע נאַטור, דעם שטיי־גער פון די ווײַסרוסישע ייִדן. זײַן פּאָעזיע איז פול און פול מיט ווײַסרוסישן פאָלקלאָר. באַ־זונדערס איז דאָס אָנשוילעך אין די פּאָעמעס „קײַלעכדיקע וואָכן״ און „אָף אַ פרעמדער כאַ־סענע״. ס׳איז קיין וווּנדער ניט, וואָס די מער־הײַט זײַנע ווערק זײַנען איבערגעזעצט אָף דער ווײַסרוסישער שפּראַך און זײַנען פּאָפּולער צווישן די ווײַסרוסישע לייענער.

דער באַוווּסטער סאַטיריקער קאָנדראַט קראַ־פּיוואַ איז געווען איזי כאַריקס אַ כאַווער פון דער קינדהײַט.

קראַפּיוואַ שטאַמט פונעם דאָרף ניזאָק, וואָס געפינט זיך ניט ווײַט פון כאַריקס געבורטס־אָרט זעמבין.

אין 1936 יאָר, אָף איזי כאַריקס יובילײַ, איז קאָנדראַט קראַפּיוואַ אַרויסגעטראָטן מיט אַ באַ־גריסונג.

— איזיאַ, — האָט ער געזאָגט, — ווי וואָלטן מיר מיט דיר איצט אויסגעזען, ווען ס׳וואָלט ניט געווען די ראַטנמאַכט? איך, אַ פּויער אין אַרמיאַק, אין לאַפּטשעס, וואָלט געקומען צו דיר, דעם שוסטער, זאָלסט מיר אופּנייען אַ פּאָר שטיוול. וואָלסט דאָך געוויס געווען אַ שוסטער, ווי דײַן טאַטע. מיר וואָלטן ביידע מיט דיר לאַנג מאַרקירט, וויִאַזוי מאַכן, אַז די שטיוול זאָלן מיך קאָסטן ביליקער. דערנאָך וואָלטן מיר פאַרייכערט סאַמאָסאַד און וואָלטן איינער פאַרן צווייטן געקלאָגט זיך אָף אונדזער בידנעם לעבן. און מיר וואָלטן גאָרניט כוישעד געוועזן, אַז מיר זײַנען פייִק צו שאַפן ווערק...

פאַר די, וואָס האָבן געקענט איזי כאַריקן, איז ער אָף שטענדיק פאַרבליבן אין זיכּאָרן, ווי אַ באַגײַסטערטער, באַשיידענער, צוגעלאָזטער, ערלעכער און האַרציקער מענטש. פאַר אַלעמען איז ער אַן עכטער פאָלקס־דיכטער.

מוישע קולבאַק אין מינסק

ווען מוישע קולבאַק איז אין סאָף פון די צוואַנציקער יאָרן געקומען פון ליטע קיין סאָ־וועטנפאַרבאַנד, האָט ער זיך באַזעצט אין מינסק, ווו ס׳האָבן געוווינט זײַנע עלטערן. צו דער פלעיאַדע ייִדישע שרײַבער פון ווײַסרוסלאַנד איז צוגעקומען אַן ערשטראַנגיקער שרײַבער.

מע האָט אים אופגענומען זייער פרײַנטלעך.

אין די שטעט און שטעטלעך האָט מען אײַנגעאָרדנט אָוונטן, געווידמעט זײַן שאַפונג, זײַנע ווערק האָבן זיך געדרוקט אין די זשורנאַלן און צײַטונגען.

א שטאַרקן אײַנדרוק האָבן געמאַכט אַפן ייִדישן לייענער זײַן פּאָעמע „שטאָט" און דער ציקל לידער „רײַסן". ס'האָט פאַרכאַפּט דער פּאַטאָס פון זײַן פּאָעזיע, זײַן אַרט לייענען.

מוישע קולבאַקס אָנהייב אין ווײַסרוסלאַנד איז געווען א טריומפאַלער.

דעם לייענער האָט אינטערעסירט, וויאַזוי וועט דער דאָזיקער דיכטער זיך אַנטוויקלען אין די באַדינגונגען פון דער סאָוועטישער ווירקלעכקײַט, צי וועט ער קאָנען באַגרײַפן די פּראָצעסן, וואָס קומען פאָר?

ס'איז געווען די צײַט פונעם ערשטן פינפיאָר — דער פּעריאָד פון עקאָנאָמישער און קולטור־רעוואָלוציע. די שרײַבער האָבן געשטרעבט ברייט און קאָנקרעט אָפּשפּיגלען די סאָציאַליסטישע בויונג, ווײַזן דעם ענטוזיאַזם פון די בויער.

אין צענטער פון דער אופמערקזאַמקײַט איז דאַן געווען שוין ניט דער מענטש מיט דער ביקס, נאָר דער מענטש מיט דער קעלניע, דער מענטש באַם וואַרשטאַט, דער מענטש אַפן טראַקטאָר.

די מערהײַט ייִדישע שרײַבער פון ווײַסרוסלאַנד האָט א צי געטאָן צו דער אַרבעטער־טעמאַטיק. מע פלעגט זיך צופּעסטיקן צו א זאַוואָד, צו א פאַבריק, דערלערנען די ווירקלעכקײַט און נאָכדעם זיך זעצן צום שרײַבטיש.

אַזוי איז געשאַפן געוואָרן צאַדעק דאָלגאָפּאָלסקיס ראָמאַן „זײַד" — וועגן מאָגיליאָווער זײַדפאַבריק—און זײַן פּיעסע „מאַשינען־געראַנגל"; אַרן יודלסאָנס פּאָעמע „קאָמבינאַט" — וועגן באָברויסקער האָלץ־זאַוואָד; אײַזיק פּלאַטנערס „פּאָעמע וועגן א שנײַדער", לייזער קאַצאָוויטשעס דערציילונגען וועגן די דרוקער.

איינמאָל איז מוישע טייף געקומען אין רעדאַקציע פונעם זשורנאַל „שטערן" אין אַן אַרבעטער־קאָמבינעזאָן מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל און האָט געמאָלדן איזי כאַריקן:

— איר קאָנט מיך באַגריסן, איך בין שוין אַן אַרבעטער, א מאַטראַצן־מאַכער.

אין יענער צײַט שרײַבט ער אָן די פּאָעמע „פּראָלעטאַרקע, שוועסטער מײַנע".

אין דער ייִדישער ליטעראַטור איז געקומען דער בויער מאָטיע דעכטיאַר מיט זײַן אינטערעסאַנטן בוך דערציילונגען „אַף רעשטאַוואַניעס".

אַף די שפּאַלטן פון דער טעגלעכער פּרעסע האָבן זיך באַוויזן לידער און פּאָעמעס פונעם מאָליער רוווע רייזין, וועלכער איז איינגיכן אָנערקענט געוואָרן אַלס איינער פון די בעסטע יונגע פּאָעטן.

דער טאַלאַנטפולער נאָוועליסט עליע קאָהאַן איז ספּעציעל אַוועקגעפאָרן אַף א לענגערער צײַט קיין מאַגניטאָגאָרסק. דאָרט האָט ער טאָקע אָנגעשריבן זײַן נאָוועלע „א שטאָט אָן קלויסטערס", וועלכע איז מיט רעכט פאַררעכנט צווישן די אינטערעסאַנטסטע ווערק פון יענעם פּעריאָד.

צו דער בויונג־טעמאַטיק האָט א צי געטאָן איזי כאַריקן, און דאַן איז געשאַפן געוואָרן זײַן באַוווּסטע פּאָעמע „קײַלעכדיקע וואָכן" — וועגן דער בויונג פון דער גרעסטער אין יענער צײַט עלעקטראָסטאַנציע אין ווײַסרוסלאַנד אָסינבוי.

וועגן קאָלווירטישן לעבן האָבן געשריבן די דיכטער לייב טאַלאַלײַ און אײַזיק קאָהאַן. פון צײַט צו צײַט פלעגן זיך ווײַזן דערציילונגען פון קאָלווירטישן לעבן פונעם דעמלט שוין באַוווּסטן דיכטער כאַיִם מאַלטינסקי.

קולבאַק האָט גאָר אַף אַן אַנדער אויפן אָפּגעשפּיגלט די גרויסע ענדערונגען, וואָס זײַנען פאָרגעקומען אין יענער צײַט. ער האָט באַוויזן דעם וועג פון געוועזענע דעקלאַסירטע און קליינבירגער, וואָס ציִען זיך בעהאדראָגעדיק אַרײַן אינעם נײַעם שטייגער, אין פּראָדוקטיווער סאָציאַליסטישער אַרבעט. איינצײַטיק האָט ער אויך געשילדערט דעם אידייִשן וווּקס פון דער יוגנט. דערבײַ האָט ער אויסגעמאָלט א גאַלעריי טיפּן, וועלכע ער האָט גוט געקענט נאָך פון אַמאָל. באַזונדערס האָט קולבאַקס טאַלאַנט א שפּיל געטאָן אינעם אויסגעצייכנטן ווערק „זעלמעניאַנער", וואָס רעכנט זיך מיט רעכט פאַר איינס פון די בעסטע ווערק אין דער ייִדישער ליטעראַטור.

„זעלמעניאַנער" איז דערשינען אין רעכטן בלי פון דער אַזויגערופענער „ראַפּאָווּשטשינע". ס'האָבן זיך געפונען קריטיקער, וואָס האָבן פאַרגעוואָרפן דעם אָווטאָר, פאַרוואָס ער האָט באַוויזן קוסטאַרן און קליינבירגער און ניט דעם אַרבעטער־קלאַס. אָבער קיין איינער פון די קריטיקער האָט ניט געלייקנט, אַז דער דאָזיקער בוך איז אָנגעשריבן אַף א הויכן קינסטלערישן ניוואָ.

שפּעטער האָט מוישע קולבאַק באַרײַכערט די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראַטור מיט אַזוינע ווערק, ווי די פּאָעמע „דיסנער טשײַלד האַראָלד", די פּיעסן „בויטרע" און „דאָוויד מאָגידאָוו".

■

...קולבאַקס נאָענטע כאַווײרים זײַנען געווען זעליק אַקסעלראָד, עליע קאָהאַן, אײַזיק פּלאַטנער און דער אַרטיסט און ליטעראַטור־קענער כאַיִם־נויעך ווינאָגוראַ. פון די יונגע פלעגט צו

אים אָפט אַרײַנגײן הענעך שוועדיק, וועלכער האָט נויסע־כײן געווען בא קולבאַקן ניט אַזוי מיט זײַנע לידער, ווי מיט זײַן ראַפינירטער בילדונג, אָריגינעלע געדאַנקען און שאַרפזין.

צווישן איזי כאַריקן און מוישע קולבאַקן זײַנען די באַציִונגען געווען גאַנץ פרײַנטלעכע, אָבער קיין נאָענטע כאַווײרים זײַנען זיי ניט געוואָרן. דאָס דערקלערט זיך דערמיט, וואָס זייער צוגאַנג צו ליטעראַטור איז געווען פאַרשיידן. פאַרשיידן זײַנען זיי אויך געווען לויטן כאַראַקטער.

כאַריק איז שטענדיק געווען איבערגעלאָדן מיט אַרבעט, און דעריבער האָט ער געשאַנעוועט צײַט.

קולבאַק, פאַרקערט, האָט ליב געהאַט אַרום זיך זאַמלען אַן אוילעם שרײַבער, צווישן וועלכע ער איז שטענדיק געווען אין צענטער, א געגאַרטער און א געבאַלעוועטער. ער האָט ניט געזשאַלעוועט קיין כויזעק־וואָרט פאַר די, וואָס זײַנען אים ניט צום האַרצן, און ווײ איז געווען צו דעם, וועמען ס׳פלעגט ווערן אַן אָביעקט פון קולבאַקס „לייצאָנעס". קולבאַקס א טרעפלעך וואָרט פלעגט מען גלײַך אונטערכאַפן און ס׳פלעגט אַוועקגיין ניט נאָר צווישן די נאָענטע פרײַנט, נאָר פיל ווײַטער.

דאָס אַלץ האָט געשאַפן א מין דיסטאַנץ צווישן ביידע ערשטראַנגיקע שרײַבער — צווישן כאַריקן און קולבאַקן, כאָטש איינער דעם צווייטן האָט שטאַרק געשעצט.

איזי כאַריק איז געווען באַגײַסטערט פון „דיסנער טשײַלד העראַלד". ער פלעגט ראָטן די יונגע דיכטער לערנען זיך בא קולבאַקן מײַסטערשאַפט.

סײַ אין כאַריקס פאָעמע „אָף א פרעמדער כאַסענע" און סײַ אין קולבאַקס פיעסע „בויטרע" פיגורירט דער „גאַזלען" בויטרע. דאָך האָבן די שרײַבער איינער צום צווייטן דערפאַר קיין טײַנעס ניט געהאַט. ווען קולבאַק האָט פאַרגעלייענט זײַן פיעסע פאַר די שרײַבער פון ווײַסרוסלאַנד, האָט איזי כאַריק הויך אָפגעשאַצט דאָס דאָזיקע ווערק. מע קאָן ברענגען נאָך פיל בײַשפילן, וועלכע באַווײַזן, אַז צווישן כאַריקן און קולבאַקן זײַנען געווען עמעסע פרײַנטלעכע באַציִונגען.

קולבאַק און זײַנע נאָענטסטע כאַווײרים האָט מען א נאָמען געגעבן די פריילעכע קאָמפאַניע. אָפט פלעגן זיי זיך צונויפקלײַבן בא קולבאַקן אין דער היים. אין קיין וויצן איז דאָרט קיין מאַנגל ניט געווען. צײַטנווײַז פלעגט מען אָפלעצעווען פון א כאַווער. מע האָט ניט געשוינט איינס דעם צווייטן. נאָר קיינער פלעגט זיך ניט באַליידיקן. אַבי דער וויץ זאָל זײַן א געלונגענער.

אָף א גאַנצן טאָג פלעגט מוישע קולבאַק זיך פאַרשפאַרן אין א באַזונדער צימער. ער האָט זיך אָפט צוגעלייגט אָפן דיוואַן, גערייכערט. זײַן פרוי זשעניע פלעגט קיינעם צו אים ניט צולאָזן. אין שטוב האָט מען גערעדט שטיל. די ראַדיאָ איז געווען אויסגעשלאָסן. אַפילע עסן האָט אים זשעניע אַרײַנגעטראָגן אין זײַן צימער. קיינער פון די קינדער האָט ניט געטאָרט אַרײַנגיין אַהין, ווו ס׳געפינט זיך דער טאַטע. בא זײַטיקע מענטשן האָט זיך געשאַפן א פאָרשטעלונג, אַז דער באַלעבאָס איז קראַנק. אַזוי פלעגט קולבאַק שאַפן ניט נאָר לידער, נאָר אויך פאָעמעס און פראָזאַישע ווערק.

פאַרבײַטן דאָס וואָרט „שאַפן" מיטן סינאָנים „שרײַבן" קאָן מען ניט אין דעם פאַל. קולבאַק האָט זײַנע ווערק ניט געשריבן, ער פלעגט זיי פאַרשרײַבן, ווען זיי זײַנען שוין געווען באַאַרבעט אין זיקאָרן.

דעם ערשטן בוך „זעלמעניאַנער" האָט קולבאַק געשאַפן אין מעשעך פון א וואָך. נאָר ניט ווייניקער פון א האַלב יאָר האָט ער אָפגעגעבן אָף צו פאַרשרײַבן דאָס ווערק.

דער שוישפילער כאַים־נויעך ווינאַגוראַ האָט ליב געהאַט דערציילן, ווי׳אַזוי ער האָט זיך באַקענט מיט קולבאַקס באַוווּסטער פיעסע „בויטרע".

איינמאָל איז ער געזעסן מיטן שרײַבער אין פאַיע פון שרײַבער־הויז בא א פאַרטיע שאָך. ס׳איז געווען פרילינג־צײַט. קולבאַק האָט פלוצעם פאָרגעלייגט:

— לאָמיר זיך דורכגיין, איך דאַרף מיט אײַך האָבן א וויכטיקן שמועס...

אין סקווער לעבן דער געבײַדע פון ווײַסרוסישן מעלוכע־טעאַטער האָבן זיי זיך צוגעזעצט אָף א באַנק.

— איך האָב געשאַפן א פיעסע, — האָט קולבאַק אָנגעהויבן דעם שמועס, — וויל איך, אַז איר זאָלט זיך מיט איר באַקאַנען. איך וויל הערן אײַער מיינונג.

— איך וועל גערן איבערלייענען. איך בין מאַסקים גיין מיט אײַך אַהיים נאָך דער פיעסע.

— מע דאַרף אין ערגעץ ניט גיין. זיצט און הערט.

ווינאַגורע האָט זיך ניט פאַרווונדערט, וואָס קולבאַק האָט ניט מיט זיך דעם מאַנוסקריפט. ער האָט שוין פון לאַנג געוווּסט, אַז דער דאָזיקער שרײַבער פאַרמאָגט אַן אויסגעצייכנטן זיקאָרן, און אַלע זײַנע שאַפונגען געדענקט ער אָף אויסווייניק.

העכער דרײַ שאָ האָט געדויערט די פאָרלעזונג.

דער מעכאַבער האָט געלייענט די פיעסע מיט אינטאָנאַציעס, און די לידער, וואָס גייען אַרײַן

אינעם ווערק, האָט ער אויסגעזונגען אַף מאָטיוון, וואָס ער אַליין האָט געשאַפן.

אין דער פּיעסע ווערט אָפּגעשפּיגלט דער קאַמף, וואָס די ייִדישע האַרעפּאַשניקעס האָבן געפירט קעגן די רעדלפירער פון קאָהאָל און קעגן די סאָכרים. די האַנדלונג קומט פאָר אין דער ערשטער העלפט פונעם ניינצעטן יאָרהונדערט. דער הויפט־העלד בויטרע איז א געוועזענער קאַנטאָניסט, וואָס איז אַנטלאָפן פון דינסט, צונויפגענומען די יישוווניקעס און אָרעמעלייט און אופגעהויבן אַן אופשטאַנד קעגן די עקספּלואַטאַטאָרס און צאַרישע דינער. דער סוזשעט איז געבויט אַף א געשיכטלעכן פאַקט.

ווינאַגוראַ איז געווען אַנציקט פון דער פּיעסע.

— ס'איז דאָך א קלאַסיש ווערק! — האָט זיין הילכיק קאָל זיך צעדונערט איבערן סקווער. — מאָרגן זאָלט איר עס אָפּטראָגן אין טעאַטער.

— מאָרגן איז אומעגלעך. האַלעוויי אין צוויי וואָכן אַרום.

— אין וואָס איז די מניעה?

— גאָר פּאָשעט. די פּיעסע איז נאָך ניט אָנגעשריבן אַף פּאַפּיר.

שפּעטער איז די פּיעסע מיט גרויס דערפאָלג געגאַנגען אין די ייִדישע טעאַטערן פונעם ראַטנפאַרבאַנד און אויך אין אויסלאַנד. זי איז אָפּגעדרוקט געווען אין זשורנאַל „שטערן", און אַדאַנק דעם האָט זי זיך פאַרהיט. דאָס דאַרף באַטאָנט ווערן, ווייל אייניקע קולבאַקס ווערק זיינען פאַרפאַלן געגאַנגען.

ס'איז קיין זייכער ניט געבליבן פון זיין פּרעכטיקער פּיעסע „דאַוויד מאַגידאַוו", וואָס איז אין 1937 יאָר אָנגענומען געוואָרן צו שטעלן אין מאָסקווער גאָסעט און אינעם מעלוכישן טעאַטער פון ווייסרוסלאַנד.

אייניקע אַרטיסטן, וואָס האָבן באַדאַרפט שפּילן אין דער פּיעסע, געדענקען אדהײַעם מאָנאָלאָגן פון איר. זיי האַלטן, אז דאָס איז געווען אַן אויסגעצייכנט ווערק.

אַזוי זיינען אויך פאַרפאַלן געוואָרן קולבאַקס אינטערעסאַנטע אָפּהאַנדלונגען וועגן פאַרשיידענע ווערק.

זיינע אַרויסטרעטונגען פאַר די לייענער זיינען שטענדיק געווען שאַרפזיניק, קלוג און טיף ווייסנשאַפטלעך.

יעדע אַרויסטרעטונג זיינע פלעגט מאַכן א רוישעם. קולבאַק איז צו ליטעראַטור צוגעגאַנגען מיט זייער א שטרענגער מאָס. ער איז געווען קאַרג אַף קאָמפּלימענטן. טאַקע דערמיט דערקלערט זיך, וואָס די יונגע דיכטער האָבן זיך באַזונדערס צו אים ניט געצויגן. פרעגן בא קולבאַקן א מיינונג וועגן זייערס א ווערק האָבן ניט געוואַגט אַפילע אייניקע נאָענטע זיינע כאַוויירים.

צו גראַפּאָמאַנען איז ער געווען אומבאַראַכמאָנעסדיק, איבערהויפּט צו פּאַראַקשנטע, וועלכע פלעגן כוצפּעדיק שטרעבן זיך דרוקן.

איינמאָל האָט איינער פונעם דאָזיקן סאָרט גראַמענמאַכער געכאַפּט קולבאַקן אין שרייבערהויז און איז צוגעשטאַנען צו אים:

— כאַווער קולבאַק, איך וויל הערן אייער מיינונג וועגן אָט דער־אָ ליד.

קולבאַק האָט גענומען דאָס בייגעלע פּאַפּיר און אַרייַנגעקוקט אין דעם. כאָטש קיין ברילן האָט ער ניט געטראָגן, נאָר לויט דעם, ווי ער האָט פון זיך דערווייטערט דאָס בייגעלע, האָט מען געקאָנט מיינען, אז מיט דער ריִע איז בא אים ניט איינגאַנצן קעשורע.

איבערגעלייענט די ליד, האָט ער זי אומגעקערט דעם מעכאַבער און א זאָג געטאָן:

— א גוטע האַנטשריפט בא אייך.

מער האָט מען פון אים קיין וואָרט ניט געהערט.

...פון זיינע פּאָעטישע ווערק איז צווישן דער יוגנט אַמערסטן פּאָפּולער געווען די פּאָעמע „שטאָט".

די סטודענטן פון די ייִדישע לערן־אַנשטאַלטן און די שילער האָבן געקענט אַף אויסווייניק גאַנצע שטיקער פון דעם דאָזיקן ווערק. ס'האָט פאַרכאַפּט די שפּאַנענדיקע ריטמיק פון דער פּאָעמע. ס'האָבן אויך שטאַרק אויסגענומען די פּאָעמעס „דיסנער טשיילד־האַראַלד", „בערעאון בוניע אַפן שליאַך" און דער ציקל לידער „רייסן".

אין דער פּראָגראַם פון דער מיטלשול איז געווען איינגעשלאָסן „זעלמעניאַנער". די קינדער פלעגן לייענען פאַר די עלטערן אויסצוגן פונעם דאָזיקן בוך. דער אייגנאַרטיקער הומאָר האָט שטאַרק אויסגענומען באַם אוילעם.

קולבאַקס הומאָר איז זייער אַן אייגנאַרטיקער, זיין סאַטירע איז זייער א טרעפלעכע. ער האָט געקאָנט מיט איין עפּיטעט זאָגן מער, איידער אַן אַנדערער אַף א גאַנצן זייטל.

קולבאַק האָט אויך אין לעבן געהאַט א „שאַרפע צונג".

זיינע ווערטלעך געדענקען זיך אדהײַעם. אז ער פלעגט אַף עמעצן עפּעס א זאָג טאָן, איז פונקט, ווי ער וואָלט עס אַרייַנגעשריבן אין יענעמס פּאַספּאָרט אַף אייביק.

ווען אונדז וואָלט דעמלט איינגעפאַלן פאַרשרייבן קולבאַקס וויצן, וואָלטן מיר איצט געהאַט זייער אַן אינטערעסאַנטן בוך.

קולבאַקס ווערק זיינען אַף שטענדיק אַרייַן אינעם אוצער פון דער ייִדישער ליטעראַטור. און די בעסטע פון זיי זיינען טאַקע געשאַפן געוואָרן אין סאָוועטישן פּעריאָד, ווען ער האָט געלעבט אין מינסק.

זעליק אַקסעלראָד

ווען איך בין געקומען קיין מינסק האַלטן עק־זאַמענעס אין ייִדישן ליטעראַרישן פֿאַקולטעט פֿון פּעדינסטיטוט, האָב איך זיך אײַנגעשטעלט אַרײַנצוגיין אין דער רעדאַקציע פֿונעם זשורנאַל „שטערן” און ווײַזן איזי כאַריקן מײַנע לידער.

איך האָב געוווּסט, אַז כאַריק העלפֿט מיט די שרײַבער־אָנפֿאַנגער אָנקומען אין אינסטיטוט, העלפֿט צו באַזאָרגן זיי מיט אַ צוזאַמענוווינונג.

איך האָב שטענדיק זיך פֿאַרגעשטעלט, אַז די רעדאַקציע פֿאַרנעמט אַ גרויסע געבײַדע מיט פֿיל לאָקאַלן. ווײַזט זיך אַרויס, אַז די רעדאַקציע געפֿינט זיך אין אַ קלײנעם צימער, ווו עס שטייען עטלעכע אַלטע טישן און אַלטמאָדישע שטולן.

געקומען בין איך אַהין אײנדערפֿרי.

בײַ דער וואַנט זיצט עפּעס אַ יונגערמאַן, שטאַרק אָנגעבויגן איבער אַ סטאַפּקע אָפּגע־דרוקטע זײַטלעך פּאַפּיר. ס'וואַרפֿט זיך אין די אויגן, אַז ער איז אַ קורצזיכטיקער. ער זיצט שטאַרק אָנגעבויגן איבערן טיש — מע זעט גאָר זײַן פּאָנעם ניט. ער איז אַזוי פֿאַרטיפֿט געווען אין לייענען, אַז ער האָט אַפֿילו ניט באַמערקט, ווי איך בין אַרײַנגעקומען. אויב אַזוי, וויל איך אים ניט שטערן. איך זעץ זיך צו אַף אַ שטול לעבן פֿענצטער און וואַרט.

דורכן אָפֿענעם פֿענצטער זעט מען, ווי איבערן הויף טראָגט זיך אינדערלופֿטן ווײַסער שפּינ־וועבס, אַ פֿרוי שרײַט אַף אַ קינד. איר ייִדיש קאָן פֿאַרשטיין בלויז אַ מינסקער טוישעוו:

— איך זשאָג דשיר, זשאַלשט שוין אין שטוב אַרײַן!

דער יונגערמאַן, וואָס זיצט בײַם טיש, האָט איבערגעלייגט אַ זײַטל און זיך גענומען פֿאַר אַ צווייטן. אַף מיר קוקט ער אַפֿילו ניט. אויב אַזוי, איז עס אַ מײַסע אָן אַ סאָף... און קעדײ צוצוצײַען צו זיך די אויפֿמערקזאַמקײַט, האָב איך הויך אַ הוסט געטאָן.

איך האָב גלײַך דערפֿילט אַף זיך אַ פּאָר אויפֿ־מערקזאַמע פֿאַרוווּנדערטע אויגן. „אוי, דאָס איז דאָך זעליק אַקסעלראָד! — האָב איך אַ טראַכט געטאָן. — ער איז דאָך פּונקט ווי אַף דער פּאַטאָ, וואָס איז אָפּגעדרוקט אין לייען־בוך. דער זעל־בער פֿאַרגליווערטער שמייכל אַף די ליפּן, די זעלבע אויפֿמערקזאַמע אויגן. נאָר אַף דער פּאַטאָ זעען די האָר אויס שוואַרצע און אינדערעמעסן זײַנען זיי טונקל־בלאָנדע...”

— וואָס טוט איר דאָ? — פֿרעגט בײַ מיר אַק־סעלראָד פֿאַרכידעשט.

איך פֿיל, אַז די פֿאַרב ברענט מיר מאַמעש אין פּאָנעם.

— איך בין געקומען ווײַזן מײַנע לידער, — פֿאַרענטפֿער איך זיך.

איצט שמייכלען בײַ אים ניט נאָר די ליפּן, נאָר אויך די אויגן.

— אַזוי גאָר? — זאָגט אַקסעלראָד מיט אַ שמייכל. — און איך קוק, ווער קאָן דאָס זיצן אַף כאַריקס אָרט. איך האָב שוין אַ טראַכט גע־טאָן: ס'קאָן זיך מאַכן, אַז מע האָט צוגעשיקט אַ נײַעם רעדאַקטאָר...

באַמערקט, ווי איך זיץ מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, פּונקט ווי איך וואָלט עפּעס שולדיק גע־ווען, פֿרעגט ער:

— מיסטאָמע זײַט איר פֿון אַ שטעטל?

— פֿון טשאַשניקי.

— און וואָס טוט איר אין מינסק?

— איך וויל אָנקומען אין אינסטיטוט.

— נו, איז דאָך אַלץ גוט! אַז מע ברענגט לי־דער, ווייסט איר ניט, וואָס מע טוט? מע נעמט און מע לייענט.

ער האָט זייער אויפֿמערקזאַם געשפּירט, ווי איך האָב אַרויסגענומען דעם העפֿט פֿון בוזעם (קיין פּידזשאַק האָב איך ניט פֿאַרמאָגט און בין געווען אָנגעטאָן אין אַ ציצן העמדל, איבערגע־גאַרטלט מיט אַ גראָבן רימען).

— זעצט זיך צו נעענטער.

איך בין צוגעגאַנגען צום טישל, ווו ער איז געזעסן, און אָנגעהויבן לייענען:

אַן אַלטע בעטלערקע — אַ ווערבע בײַ די שויבן
פֿאַרהויבן האָט דעם קויש איבערן דאַך,
באַמערקט האָט זי צעשאָטענע אין אויבן
שטערנדלעך מעזומענע אַ סאַך.
און גאַנצע נעכט פֿאַרגאַנגען ווערט זי בעטנדיק,
עך, נאַרישע, צו וואָס איר שטערנדלעך,
צו וואָס?

— — — — — — — — — — — — — —

— בײַ די שויבן טויג ניט, — שלאָגט איבער אַקסעלראָד. — מע דאַרף „בײַם פֿענצטער”. לייענט ווײַטער.

איך האָב פֿאַרענדיקט לייענען די ליד. אַ רעגע איז ער געזעסן פֿאַרטראַכט און האָט פֿאַר־געלייגט:

— לייענט נאָך עפּעס.

איך האָב איבערגעלייענט נאָך אַ ליד.

— ווײַטער.

ווען איך האָב געלייענט שוין די פֿינפֿטע ליד, האָט זיך אָן עפֿן געטאָן די טיר, און ס'איז אַרײַן איזי כאַריק.

— ווילסט הערן לידער פֿון אַ טשאַשניקער יאַט? — האָט אים זעליק פֿאַרגעלייגט.

— אַ טשאַשניקער? — פֿרעגט כאַריק. — איך פֿיל זיך זייער ניט באַקוועם פֿאַר אײַערע לײַט. מיט אַ פּאָר יאָר צוריק האָב איך צוגעזאָגט, אַז איך וועל קומען אַהין, און איך קאָן זיך אַלץ

ניט אויסקלײַבן. — און פּלוצעם דערמאָנט ער זיך: — וואָס מאַכט דאָרט שײַע־לייב דער גראַמענזאָגער, ווי איר רופט אים? ער האָט דאָך מיר צוגעזאָגט צושיקן זײַנע פּאַרפּאָסונגען... אַ שאָד, וואָס איך האָב ניט באַוויזן נאָענט מיט אים זיך צו באַקאַנען. ווי איך פֿאַרשטיי, מוז ער זײַן אַ שטיקל באַדכן.

— אַף קיין כאַסענעס גראַמט ער ניט, — ענטפֿער איך, — נאָר ווען ער איז אופגעלייגט, רעדט ער מיט גראַמען.

— נו, מײלע, איז לייענט די לידער, — לייגט פאָר כאַריק.

איך האָב אָנגעהויבן לייענען איבעראַנײַס.

— ווייסטו וואָס, זעליק, — האָט פֿאָרגעלייגט כאַריק, — קלײַב מיט אים אָפּ אַ ציקל לידער פֿאַרן זשורנאַל, מיר וועלן זיי געבן אין קומענדיקן נומער. און ביכלאַל, מיט דעם באַכער פֿאַרנעם זיך.

זעליק אַקסעלראָד האָט גענומען באַ מיר דעם העפט און אָנגעוויזן, וועלכע לידער איך זאָל איבערשרײַבן.

— איר האָט דאָך מיסטאַמע קיין פּאַפּיר ניט, — האָט ער געשמייכלט און מיר דערלאַנגט אַ גאַנץ פּעקל פּאַפּיר, — אָט וועט איר האָבן אַף וואָס צו שרײַבן אַ גאַנץ יאָר.

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָב איך געבראַכט די איבערגעשריבענע לידער.

אַקסעלראָד איז געווען ניט אַליין.

לעבן פענצטער איז געשטאַנען אַ שוואַרצכײַנעוודיקער יאַט. זײַנע שוואַרצע קײַלעכיקע אויגן האָבן מאַמעש געגלאַנצט.

— דאָס איז עלינקע קאַהאַן. איר האָט געהערט פון אַזאַ שרײַבער?

— יאָ, ער איז אַ הומאָריסט, שרײַבט נאָוועלן, — האָב איך געזאָגט מיט אַזאַ טאָן, ווי מע ענטפערט אין קלאַס אַף די פראַגן פון אַ לערער.

— נו, זעסט, — האָט אַקסעלראָד אַ ווונק געטאָן צו אים, — און דו זאָגסט, אַז, אויסער דײַנע באַקאַנטע, קען דיך קיינער ניט.

— טאַקע, ער איז דאָך שוין איצט אויך מײַנער אַ באַקאַנטער, — האָט אַף דעם געענטפערט עליע קאַהאַן, — אַזוי, אַז איך בין פאָרט גערעכט.

— נעם, טו עפּעס, — האָט זעליק פאָרגעלייגט קאַהאַנען, — און איך וועל זיך פאַרנעמען מיטן יאַט.

עליע קאַהאַן האָט זיך גענומען צום פּעקל צײַטונגען, וואָס איז אָנגעקומען אין רעדאַקציע, און זעליק האָט מיט די קורצזיכטיקע אויגן זיך פאַרטיפט אין מײַנע לידער.

און דאָ האָב איך דערפילט, אַז אומזיסט האָב איך געמיינט, אַז מיט די אָפּגעקליבענע לידער איז שוין אַלץ קעשורע. אַקסעלראָד האָט מיר אָנגעוויזן די שורעס, וועלכע מע דאַרף ענדערן. נאָר ווי־אַזוי ענדערן, האָט ער מיר ניט געזאָגט.

— באַטראַכט אַליין. וואָרעם אויב איך וועל אײַך זאָגן ווי־אַזוי, וועט עס זײַן ווי צוגעשטוקעוועט פון אַן אַנדער מאַטעריאַל.

— קוים זײַט איר אַרײַנגעפאַלן אין זעליקס הענט, — האָט זיך אַרײַנגעמישט עליע קאַהאַן, — איז נעמט זיך אָן מיט געדולד. אײַך וועט נאָך ניט איין מאָל אויסקומען פאַריכטן די לידער, אָבער אַז זיי וועלן שוין אוועק אין דרוק, מעגט איר זײַן זיכער, אַז זיי וועלן אויסנעמען באַם לייענער.

מיט דער צײַט האָב איך זיך איבערצײַגט, אַז דאָס זײַנען געווען ריכטיקע רייד.

דרײַ מאָל איז מיר אויסגעקומען זײַן באַ אַקסעלראָדן מיט די לידער, ביז וואַנען זיי זײַנען אָנגענומען געוואָרן. דער לעצטער וואַרי־אַנט איז אָן שום ענדערונגען אוועק אין דרוק.

פון דעמלט אָן איז זעליק אַקסעלראָד געווען מײַן שטענדיקער רעדאַקטאָר.

אַקסעלראָד האָט געהערט צו די דיכטער, באַ וועלכע שאַפן אַ ליד איז אַ גרויסע געשעעניש.

זײַענדיק דער פאַרוואַלטער פונעם פּאָעזיע־אָפּטיילונג פון זשורנאַל „שטערן”, האָט ער געהאַט אַ ברייטע מעגלעכקײַט צו דרוקן זײַנע אייגענע לידער. נאָר ס׳פלעגט טרעפן, אַז אין מעשעך פון אַ יאָר, און אַפילע מער, האָט זיך אַף די שפּאַלטן פון זשורנאַל ניט באַוויזן זײַנע אַ ליד.

ווען עמעצער פלעגט אים פאָרוואַרפן, אַז ער שרײַבט ווייניק, פלעגט ער געוויינלעך ענטפערן:

— דאָס איז דאָך אַ גאָט־זאַך...

און אָט איז זײַן דיכטערישער ענטפער:

מע זאָגט מיר אַלץ, דו שטייסט נאָך אָפּ
און שטענדיק ביסטו הינטערשטעליק,
עס ווערן שיטערער די קרויזן אַף דײַן קאָפּ,
און דו, דו שעמסט זיך גאָרניט, זעליק.

נו, וואָס זשע, פרײַנט מײַנע, פאַרגיט,
פאַרגיט,
עס פאַלט אַמאָל פון הימל ניט קיין רעגן,
נאָר עפּשער האָב איך טיף אין זיך פאַרהיט
דאָס גוטע ליד פאַר־אײַערטוועגן.

עליע קאַהאַן איז געווען זעליקס בעסטער כאַווער. ס׳איז געווען אַ פרײַנטשאַפט פון צוויי מענטשן מיט ענלעכע כאַראַקטער־שטריכן. קיימאַט שטענדיק איז זייער קוק אַף פאַרשיידענע דערשײַנונגען זיך צונויפגעפאַלן. אַפילע דער פערזענלעכער גוירל איז אין פיל פּראָטים געווען באַ זיי ענלעך.

ביידע — ניט קיין יונגע באָכערים. גלײַכגילטיקע צו ווילטיק און צו קאָוועד, האָבן זיי וויי־

ניק געשריבן און ווייניק זיך געדרוקט. אין א צײַט פון נויט פלעגן זיי איינער דעם אנדערן שטיצן — אָדער זיי האָבן צוזאמען אינסצענירט ווערק פארן ייִדישן טעאטער, אָדער פארנומען זיך מיט איבערזעצונגען.

אָפט פלעגט מען זיי טרעפן אין קלוב פונעם שרײַבער־פאריין בא א פארטיע שאָך. עליע קאהאן האָט אײַנגעשפּארט געהאַפּט כאַטש איין מאָל אויסשפּילן בא זעליקן, וועלכער האָט זיך גערעכנט פאר איינעם פון די בעסטע שאָך־שפּילער אין ווײַסרוסלאנד. מעווינים האָבן גע־האלטן, אז ווען ער וואָלט אנטיילגענומען אין די טורנירן, וואָלט ער געקאָנט ווערן דער שאָכ־מאַט־טשעמפּיאָן פון דער רעפובליק.

כאריק האָט זיך זייער גערעכנט מיט אקסעל־ראָדס מיינונג.

— זעליקל, לייען איבער אָט די ליד, — פלעגט מען אָפט הערן אין רעדאקציע.

זעליק פלעגט נעמען די ליד נאָענט צו די אויגן, זייער אופמערקזאם לייענען, און לויט דעם, ווי ער פלעג שווײַגנדיק אומקערן דאָס בלעטל צוריק, האָט שוין כאריק פארשטאַנען, צי זעליק באגײַסטערט זי, צי ניט.

איינמאָל אף א פארזאמלונג איז איינער א קריטיקער שארף ארויסגעטראָטן וועגן אקסעל־ראָדס ליד „מינסקער געסלעך", וועלכע הייבט זיך אָן מיט די שורעס:

אויב אײַך געפעלן ניט די מינסקער געסלעך,
איז ווי איר ווילט זיך, ס'איז אײַער זאַך,
איך האָב ליב, ווען די לעוואָנע פארגעסט זיך
און פארקוקט זיך אף אן אלטן דאַך.

און ס'ווײַזט זיך גלײַך א שווארצער קאָטער,
און ס'ליפּט נאָך איִם א ווײַסע קאַץ,
און ביידע פליִען אין איין אָטעם
צו זייער אײַנגעזעסענעם פּלאַץ.

גראָדע אין דער ליד ווערט געוויזן, וויאזוי די טוישווים פון די אלטע געסלעך ווערן ארײַנ־געצויגן אין נײַעם שטייגער.

דער קריטיקער האָט ניט פארשטאַנען דעם טאָך פון דער ליד און האָט באשולדיקט דעם פּאָעט, וואָס גריבלט זיך אין אלטווארג, אַנ־שטאָט צו באזינגען דעם אינדוסטריעלן מינסק.

כאריק האָט אָפן געזאָגט דעם קריטיקער, אז ער פארשטייט אין פּאָעזיע פּיל ווייניקער, ווי א געוויינלעכער לייענער.

זעליק אקסעלראָד, וואָס איז לויט דער נאטור געווען א ווייכער מענטש, איז אין הילכעס פּאָ־עזיע געווען אומבעראכמאָנעסדיק. קיין שלעכ־טע לידער פלעגט ער אין דרוק בעשום־אופן ניט דערלאָזן, ניט רעכענענדיק זיך, ווער דער פּאָעט זאָל ניט זײַן.

איינעם א באגאבטן דיכטער האָט ער אמאָל געזאָגט:

— א שנײַדער, ווען ער האָט ניט קיין שטאָף, וועט ער פון ראַגאָזשע ניט נעמען נייען א קאָסטיום לויט דער מאָדע. אזוי איז אויך א דיכטער. אז ס'איז ניטאָ קיין געדאנקען, וואָס מאטערן אײַך, דארף מען קיין לידער דעמלט ניט שרײַבן. אויב אײַך פעלט אף דער הויצאָע, איז גייט ארבעטן. פון פּאָעזיע זאָלט איר קיין פארנאָסעס ניט מאכן.

א צווייטן דיכטער האָט ער געזאָגט:

— אזוינע לידער, ווי בא אײַך, וואָלט איך געקאָנט שרײַבן פינף א טאָג.

ווען זעליק אקסעלראָד איז באשטימט געווען אלס רעדאקטאָר פון מײַן ערשטן ביכל לידער „אָנהייב", האָט מען מיך געוואָרנט:

— ס'וועט דיר אָנקומען שווער, זעליק איז א שטרענגער רעדאקטאָר.

אנדערע, פארקערט, האָבן מיך געטרייסט:

— מעגסט זיך איבערנעמען, זעליק נעמט זיך ניט רעדאגירן אבי וועמעס לידער.

אין דער צײַט, ווען זעליק האָט רעדאגירט מײַן בוך, האָבן מיר זיך באקענט נעענטער.

ס'איז געווען אין 1938 יאָר. איך האָב דאן געארבעט אין סלוצק אלס לערער פון ליטעראַ־טור און שפּראך. זומער בין איך געקומען קיין מינסק, קעדיי צוזאמען מיט אקסעלראָדן צו־גרייטן צום דרוק דעם בוך.

מיר פלעגן ארבעטן בא זעליקן אין דער היים. ס'דערמאָנט זיך מיר דאָס אלטע מויערל אף אָסטראָווסקי־גאַס.

דאָס ערשטע מאָל, ווען איך בין געקומען צו אקסעלראָדן, האָט מיר געעפנט די טיר אן אל־טער סטולער ייִד, אויך א קורצזיכטיקער. ס'איז ניט שווער געווען זיך אָנצושטויסן, אז דאָס איז זעליקס פּאָטער.

— וועמען דארפט איר? — האָט ער מיט אומ־רו געפרעגט.

און גלײַך האָט זיך פון צווייטן צימער דער־הערט זעליקס קאָל:

— דאָס איז צו מיר.

זעליק איז געלעגן אף דער סאָפקע א פאר־קלערטער.

— נו, מיילע, וועלן מיר אָנהייבן, — האָט ער געזאָגט נאָך א קורצער פּאוזע און זיך אופגעהויבן פון געלעגער.

ס'האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן דאָס אלטע מעבל אין צימער — דאָס אָפּגעבליאַקעוועטע שרײַבטישל, די אלטמאָדישע שטולן.

אלע מײַנע לידער, וועלכע זײַנען פריִער גע־דרוקט געווען אין זשורנאל „שטערן", זײַנען ארײַן אין דער זאמלונג אָן ענדערונגען. אף די איבעריקע לידער איז מיר ארויסגעקומען גוט א

האָרעווע טאָן. זעליקס טאַטע איז היין און צוריק ארומגעגאַנגען אין צווייטן צימער, און ס'האָט זיך געפילט, אַז ער איז ווײַט ניט גלײַכגילטיק צו אונדזערע שמועסן. בייס איך פלעג לייענען אַ ליד, איז דער אַלטער געשטאַנען בײַ דער טיר און זיך צוגעהערט, נאָר אין אונדזערע געשפרעכן האָט ער זיך ניט אַרײַנגעמישט.

— מײַן פאָטער איז אַ באַל־טאַנאַך און איז אויך אַ מייוון אין הילכעס פּאָעזיע. אָבער זײַן מיינונג וועגן אײַערע לידער זאָגט ער מיר אַרויס נאָכדעם, ווען איר זײַט דאָ ניטאָ.

ווען מיר האָבן פאַרענדיקט רעדאַגירן די זאַמלונג, האָב איך פאָרגעלייגט אָפּמערקן די דאָזיקע געשעעניש, אויסטרינקען אַ פלאַש ווײַן. זעליק האָט אָף דעם געענטפערט:

— אַזעלכע זאַכן טוט מען, ווען אַ בוך דערשײַנט.

אין אַ יאָר אַרום זײַנען פאָרגעקומען גרויסע געשעענישן. ס'איז באַפרײַט געוואָרן מײַרעוו־ווײַסרוסלאַנד און מײַרעוו־אוקראַיִנע.

ענדערונגען זײַנען אויך פאָרגעקומען אין זעליקס פּערזענלעכן לעבן. ער האָט כאַסענע געהאַט פאַר ווײַסנבערגס אַ טאָכטער, וואָס איז בייס דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע אַנטלאָפן צוזאַמען מיט איר שוועסטער פון פּוילן קיין מינסק.

— נו, וואָס? מיר האָבן נאָך אַלץ ניט אָפּגעמערקט אײַער בוך, — האָט זעליק מיר געזאָגט בייס איינער אַ באַגעגעניש, — מע דאַרף עס טאַקע טאָן אין דער נאָענטסטער צײַט. אַן ערשטלינג אַ בוך מוז מען אָפּמערקן.

אַ פאַרדינסטפולער געזעלשאַפטלעכער טוער

יויסעף ברעגמאַן איז אַלט געוואָרן 90 יאָר. צענדליקער יאָרן איז ער באַוווּסט ווי אַן אַקטיווער און אַכרײַעספולער געזעלשאַפטלעכער טוער. ער איז געבוירן געוואָרן אין פּינסק אין 1882 און דאָרט געענדיקט אַ רעאַל־שול. פונעם קיִעווער פּאָליטעכנישן אינסטיטוט ווערט ער אויסגעשלאָסן פאַר אָנטיילנעמען אין סטודענטישע אַרויסטרעטונגען. נאָך אין די יונגע יאָרן שטייט ער צו צו דער רעוואָליוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג.

דאָס ערשטע מאָל ווערט י. ברעגמאַן אַרעסטירט אין קיִעוו אין 1903. אין 1908 פאַרמישפּעט מען אים אַרויסגעשיקט צו ווערן אָף 3 יאָר, נאָר צוליבן געזונט־צושטאַנד גיט זיך אים אײַן צו דערשלאָגן זיך אַ דערלויבעניש אַרויסצופאָרן אָפּן זעלבן טערמין קיין אויסלאַנד. אונטערוועגנס שטעלט ער זיך אָפּ אין טשערנאָוויץ און נעמט אָנטייל אין דער באַרימטער שפּראַך־קאָנפערענץ. אומקערנדיק זיך נאָך די דרײַ יאָר צוריק אַהיים, שליסט ער זיך אײַן אין דער אַרבעט אָף צו אָרגאַניזירן דעם ווילנער קלעצקין־פאַרלאַג, ווערט זײַן פאַרוואַלטער, אָרגאַניזירט אויך די אויסגאַבע פונעם זשורנאַל די „ייִדישע וועלט".

נאָך דער מילכאָמע פון 1914 — 1918 איז י. ברעגמאַן ווידער אין קיִעוו. ביזן 1926 אַרבעט ער אַלס פאַרוואַלטער פון דער ייִדישער סעקציע באַם אוקראַיִנישן טעאַטער־קאָמיטעט, אַלס דירעקטאָר פונעם ערשטן ייִדישן מעלוכע־טעאַטער. ער איז טעטיק אין צענטראַל־קאָמיטעט פון דער „קולטור־ליגע", אין איר טעאַטער־סעקציע און פאַרלאַג. אַ געוויסע צײַט איז ער דער הויפּט־באַפולמעכטיקטער אין אוקראַיִנע פונעם קאָמיטעט צו העלפן די געליטענע פון די פּאָגראָמען — „ייִדגעזקאָם".

אַריבערפאָרנדיק קיין מאָסקווע, ווערט י. ברעגמאַן באַשטימט אַלס פאַרוואַלטער פונעם פאַרלאַג פון דער צענטראַל־ביוראָ פון די ייִדסעקציעס באַם צק רקפּ(ב).

אין אופשטעלונגס־פּעריאָד פון דער פאָלקסווירטשאַפט אין לאַנד געפינט זיך י. ברעגמאַן אין אויסלאַנד, אַרבעטנדיק אין דער סיסטעם פונעם פאָלקסקאָמיסאַריאַט פאַר אויסערן־האַנדל. אומקערנדיק זיך קיין מאָסקווע, פאַרנעמט ער פאַראַנטוואָרטלעכע פּאָסטנס אין „געזערד" און „קאָמערד". זײַנע אַרטיקלען וועגן ייִדישער ערד־אײַנאָרדענונג, וועגן בירָאָבידזשאַנבוי ווערן אָפט געדרוקט אין דער ייִדישער און רוסישער פּרעסע.

אין די יאָרן פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע איז ער אַ ליטעראַרישער מיטאַרבעטער פון דער סאָווינפאָרמביוראָ.

שוין אַ לענגערע צײַט, ווי י. ברעגמאַן גיט זיך אָפּ מיט פראַגן פון געשיכטע. ער זאַמלט מאַטעריאַלן וועגן אָנטייל פון די ייִדן אין דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג, אין בירגערקריג, אין דער פאָטערלענדישער מילכאָמע. פראַגמענטן פון אָט דער דאָזיקער אַרבעט זײַנען געדרוקט געוואָרן אין „סאָוועטיש היימלאַנד". אויך איצט, צו זײַנע 90 יאָר, ווערט ניט אָפּגעשוואַכט זײַן אַקטיוויטעט אָף דעם געביט, ער לאָזט ניט אַרויס די פּען פון האַנט.

דעם פאַרדינסטפולן געזעלשאַפטלעכן און קולטור־טוער, דעם ביז גאָר באַשיידענעם מענטשן — יויסעף ברעגמאַנען — באַגריסן מיר האַרציק און ווינטשן אים געזונט און פיל נאַכעס אין זײַן ווײַטערדיק לעבן.

■ ■ ■

נאָטע לוריע

צוגאַסט בא די קיִעווער ייִדישע שרײַבער

פאָרנדיק פון אָדעס קיין מאָסקווע אף דער פלענארער זיצונג פון דער רעדקאָלעגיע „סאָוועטיש היימלאנד", בין איך אראָפּגעשטיגן אף א טאָג אין דער אוקראַיִנישער הויפּטשטאָט קיִעוו. ווי פאָרט מען עס פארבײַ און מע שטעלט זיך ניט אָפּ אין דער שטאָט, מיט וועל־כער ס'איז אזוי ענג פארבונדן דער אָנהייב פון אונדזער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור, ווו עס האָבן געווווינט און געשאפן אזויפיל פּרעכ־טיקע מײַסטערס און ווו עס לעבט הײַנט א היפּשע פּלעיאדע באגאבטע ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער, נאָענטע כאווײרים און פרײַנט?

כאָטש ס'האָט שוין געהאלטן אין דער מיט פון דעקאבער, איז די אוראלטע ארופבארגיקע שטאָט באגאָסן געווען מיט זון און זי האָט אויסגעזען יונג און שיין מיט אירע נײַע מאָ־דערנע פילשטאָקיקע הײַזער, מיט די ראכוועס־דיקע פּלעצער און רוישנדיקע פּראָספּעקטן.

אָנעמענדיק זיך גוט מיט דער פרישער קיִע־ווער לופט, האָב איך פריִער פאר אלץ זיך גע־לאָזט אף קאָציובינסקי־גאס, צו אונדזער אלטן פרײַנט, דעם וואָרט־מײַסטער איציק קיפּניס. נאָך מיט העכער פערציק יאָר צוריק, ווען איך האָב געמאכט די ערשטע טריט אין דער לי־טעראטור, האָב איך שוין דעמלט ליב באקומען דעם אווטאָר פון „כאדאָשים און טעג", פון „כײַעלע און פּיניעלע" און אף שטענדיק פאר־בליבן דאנקבאר אים פאר זײַנע טיף־מענטש־לעכע ווערק.

איציק קיפּניסן האָב איך געטראָפן באם שרײַבטיש. פאר די עטלעכע יאָר, וואָס מיר האָבן זיך ניט געזען, איז ער געוואָרן עטוואָס פולבלעכער, גראָוער, נאָר דאָס זעלבע האַד־ראָס־פּאָנעם, דער זעלבער גוטהארציקער ליבער שמייכל, זײַן געוויינלעכע אופגעלעבטקײַט און גאסטפרײַנטלעכקײַט. אָפּגעגעבן שאָלעם־אליי־כעם, האָט איציק קיפּניס אָנגעהויבן גלײַך אפן אָרט פארשיטן מיך מיט פראגן וועגן די אָדע־סער און מאָסקווער ייִדישע שרײַבער: וואָס מאכן זיי, וואָס שרײַבן זיי. פארגעבנדיק איין פראגע נאָך דער אנדערער, קוקט ער מיר ארײַן אין די אויגן אזוי, ווי ער וואָלט דערוואַרט נאָר פריידיקע גוטע טשוועס.

— זייער גוט, וואָס דער אוילעם ארבעט, שרײַבט, — רופט ער זיך אָן מיט צופרידנ־קײַט, — די נאָענטסטע צײַט וועלן זיכער צוקו־מען נײַע אינטערעסאנטע ווערק, וועלכע וועלן באשיינען אונדזער ליטעראטור און... מײַן ביב־ליִאָטעק, — גיט ער צו און מיט ניט באהאלטע־נעם פארגעניגן לאָזט ער זיך שפּאנען צו די ביכער־שאפעס, ווײַזט מיר די אנטיקלעך, די זעלטענע אויסגאבעס. קיפּניס נעמט זיך איבער מיט זײַן ביז גאָר ווערטפולער ביבליִאָטעק. און ס'איז טאקע פאראן מיט וואָס זיך איבערנעמען. דאָ איז די גאנצע ייִדישע קלאסיק, די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראטור, און ניט נאָר די ייִדי־שע — די רוסישע, אוקראַיִנישע און וועלט־קלאסיק. זייער פיל אוניקאלע אויסגאבעס. אין עמעסער אויצער. צווישן די ביכער פארנעמען א היפּש אָרט אויך איציק קיפּניסעס ווערק: „אָקסן", „כאדאָשים און טעג", „מײַסעס און דערציילונגען", „זעליק דער ראדיסט", „כאָרע־ווע נעסטן", „א לאנד, וואָס שײַנט פאר דער גאנצער וועלט", „א קײַלעכדיק יאָר", „כאנע־ריווע גייט א טאנץ", „אונטערוועגנס", „צום לעבן" — אין ייִדיש און איבערגעזעצטע אף אנ־דערע שפּראכן, דערין א קינדער־ביכל, ארויס־געגעבן פונעם פארלאג „פּראוודא" אין א טי־ראזש פון אָנדערהאלבן מיליאָן עקזעמפּליאַרן.

איציק קיפּניס, אף וויפל איך קען אים, האָט ביכלאל ליב כאפּן א שמועס, ער איז אן אינ־טערעסאנטער מיטשפּרעכער. נאָר אף מײַן פראגע, וואָס שרײַבט ער איצט, ענטפערט ער ניט גערן. פאראן שרײַבער, וועלכע האָבן ניט ליב דערציילן, אף וואָס זיי ארבעטן, קאָלזמאן דאָס ווערק איז ניט פארענדיקט. דאָך דערוויס איך זיך, אז איציק קיפּניס זעצט פאָר שרײַבן זײַן טאָגבוך, וועלכער איז טיילווײַז שוין גע־ווען געדרוקט אין „סאָוועטיש היימלאנד" און ארויסגערופן אינטערעס באם לייענער.

— און וואָס וועלן מיר די נאָענטסטע צײַט האָבן א מעגלעכקײַט צו לייענען אײַערס?

— איך האָב אוועקגעשיקט אין „סאָוועטיש היימלאַנד" נאָך א היפּשן פראַגמענט פונעם טאָגבוך. ווען עס וועט זײַן געדרוקט, ווייסט דערווײַל די רעדאַקציע... — ענטפערט ער גוטמוטיק, אָן קיין שום פּרעטענזיעס צום זשורנאַל. און אָט דער זאָג זײַנער דערמאָנט מיר אָן איציק קיפּניסעס א בריוו, וועלכן מע האָט מיר אַנומלטן געהאַט געוויזן. ער, דער אָנגעזעענער מײַסטער פון וואָרט, שרײַבט דער רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" בעזע־האַלאָשן: „אויב איר וועט געפינען פאַר מעגלעך דרוקן אַלץ, — איז אַדעראַבע, אויב א העלפט פון דעם, — איז אויך גוט, אויב א דריטל, — מאַכט אויך ניט אויס, און אויב איר וועט גאָרנישט ניט געבן, וועל איך אויך קיין טײַנעס ניט האָבן"...

אָט אַזאַ איז קיפּניס. ער האָט קיינמאָל ניט אָנגעבונדן א רעדאַקציע זײַן ווערק. די רעדאַקציעס און פאַרלאַגן האָבן שטענדיק געוואַרט אַף זײַנע ראָמאַנען, דערציילונגען און מײַסעלעך. אַגעוו, ווי מיר ווייסן שוין איצט, וועט דער אויסצוג פון קיפּניסעס טאָגבוך אָפּגעדרוקט ווערן אין איינעם פון די נאָענטסטע נומערן פון „סאָוועטיש היימלאַנד".

דערוווּסט זיך, אַז איך בין אינעם שרײַבער־הויז, בײַ איציק קיפּניסן, האָט אָנגעקלונגען הערשל פּאָליאַנקער און פאָרגעלייגט מיר מאַכן א רײַזע אַף זײַן מאַשין איבער קיִעוו.

דעם עמעס געזאָגט, האָב איך ניט געהאַט קיין איבעריקן כיישעק זיך זעצן אין דער מאַשין, וועלכע עס וועט פירן הערשל פּאָליאַנקער. הערשל פּאָליאַנקערן ווייס איך זייער וווּל, ווי א שרײַבער — דעם אווטאָר פון „שויעל דער זיפּנמאַכער", „שמײַע גאַזלען", „דער בעקער פון קאָלאָמייע", „יִצחאָק סאַנטאָס און זײַנע יאָרשים", „פריילעכע געשיכטעס" און אַנדערע ווערק, נאָר ווי א געניטן פירער פון אַן אווטאָמאַשין, ווען מע קאָן פאַרטרויען דאָס לעבן, האָב איך אים זיך ניט פאָרגעשטעלט. דאָך האָב איך זיך געזעצט אין זײַן פינקלדיק־בלוילעכער מאַשין און גיך זיך איבערצײַגט, אַז מע קען אַף אים, אַף הערשל פּאָליאַנקערן, וועלכער פירט צײַטנווײַז אפילע צו האַסטיק די מאַשין, זיך פולשטענדיק פאַרלאָזן.

שיין זײַנען די קיִעווער גאַסן. גרויסאַרטיק שיין איז די הויפּט־גאַס קרעשטשאַטיק. מיר פאָרן ניט געײַלט. אָט דאָ, איבער אָט דער גאַס, האָט דאָס לעצטע מאָל זומער 1919 דורכגעשפּאַנט מיט דער ביקס אין האַנט אָשער שוואַרצמאַן.

און אָט איז די פּושקין־גאַס. לעבן דעם הויז נומער 22 שטעלט פּאָליאַנקער אָפּ די מאַשין און ווײַזט מיר אַף די פענצטער פונעם זעקסשטאָקיקן מויער:

— אָט דאָ האָט אין די 20 — 30־ער יאָרן געוווינט דאָוויד האָפשטיין. דאָ האָט ער אָנגעשריבן „אָקטאָבער", „פּראָצעסיע", „טריסטיא". אַהער, אין זײַן גאַסטפרײַנטלעכן הויז, פלעגן אַרײַנקומען דאָוויד בערגעלסאָן, דער ניסטער, יעכעזקל דאָברושין. דאָ פלעגן לייענען זייערע ערשט אָנגעשריבענע ווערק פּערעץ מאַרקיש, לייב קוויטקאָ, איציק פעפער, אַרן קושניראָוו, עזראָ פינינבערג, און שפּעטער דער יִינגערער דאָר — מאָטל האַרצמאַן, שיקע דריז, אַווראָם גאָנטאַר, הירש דיִאַמאַנט און פיל אַנדערע. אָט דאָ, אין אָט דעם הויז, זײַנען פאָרגעקומען הייסע ליטעראַרישע שטרײַטן, דיסקוסיעס, וועלכע האָבן דורכגעלייגט א וועג פאַר דער אַנטוויקלונג און וווּקס פון דער יִידישער סאָוועטישער ליטעראַטור...

דורכגעפאָרן די באַנײַטע צענטראַלע גאַסן, האָבן מיר זיך פאַרנומען עטוואָס אָן א זײַט און זיך אָפּגעשטעלט אַנטקעגן דעם הויז נומער 5 אַף דער געוועזענער גרויסוואַסילקאָווער, איצט קראַסנאָאַרמייסקאַיאַ, ווו עס האָט געוווינט אונדזער גרויסער פאָלקס־שרײַבער. פיל פאַרבײַגייער פאַרהאַלטן זיך דאָ, שטייען מיט אָפּשײַ אַנטקעגן דער מירמל־ברעט, אַף וועלכער ס'איז מיט גאָלדענע אויסיעס אויסגעקריצט, אַז דאָ האָט אין די יאָרן 1894 — 1904 געוווינט שאָלעם־אַלייכעם.

— און איצט לאָמיר אָנקוקן די שאָלעם־אַלייכעם־גאַס, — האָט פאָרגעלייגט מײַן „גיד".

דורכגעטראָגן זיך איבער דער באַרימטער בריק אַפן נאָמען פונעם אַקאַדעמיקער פּאַטאָן, וועלכע ס'האָט געבויט דער העלד פון סאָציאַליסטישער מי באַרנבוים, איז פאַר אונדז אויסגעוואַקסן דער נײַער פּרעכטיקער ראַיאָן אַף יענער זײַט דניעפּער, ווו עס געפינט זיך די שאָלעם־אַלייכעם־גאַס. ניין, ס'איז ניט קיין גאַס. ס'איז א גרויסאַרטיקער ברייטער פּראָספּעקט, פאַרבויט דורכויס מיט ליכטיקע נײַנשטאָקיקע הײַזער און אַף יעדן מויער א שילד:

Проспект Шолом-Алейхема

לאַנגזאַם זײַנען מיר געפאָרן איבער דעם באַגרינטן פּראָספּעקט, זיך אומגעקוקט אַף די אָנצאָליקע מויערן, ווו עס לעבן צענדליקער טויזנטער מענטשן פון פאַרשיידענעם עלטער, פאַרשיידענע פּראָפעסיעס, פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן, וועמען די בריוטרעגער ברענגען יעדן טאָג פּעק מיט בריוו פון פאַרשיידענע עקן לאַנד און אַף יעדן קאָנווערט איז אָנגעשריבן דער נאָמען פון אונדזער קלאַסיקער...

— ווייסט, וואָס איך וועל דיר זאָגן, — רופט זיך אָן צו מיר הערשל פּאָליאַנקער, ווען מיר זײַנען שוין געזעסן בײַ זײַן שרײַבטיש, — ניטאָ,

דוכט מיר, קיין שווערער שטיקל ארבעט, ווי דערציילן וועגן זיך און וועגן דײַן שאפן. איך האלט זייער פון מײַן שמײַעס פּרינציפּ: „א מענטש זאָל מען זײַן!“. האָב איך מוירע, עס זאָל זיך ניט באקומען, כאָלילע, אז איך לויב זיך אליין. נאָר וויבאלד דו ווילסט א קוק טאָן, וואָס עס טוט זיך בא מיר אפן שרײַבטיש, איז ביטע! איך האָב ניט קיין סוידעס. אָקאָרשט האָב איך פארענדיקט צוויי נײַע דערציילונגען פון דער סעריע „פריילעכע געשיכטעס“, און איך וואָלט זייער וועלן, אז דער לייענער זאָל, כאָלילע, ניט גענעצן, נאָר כאָטש פון מאָל צו מאָל א שמייכל טאָן, לייענענדיק זיי...

— און אויסער די דערציילונגען? דײַן „שמײַע גאזלען“ איז דערשינען, וויס איך, אין א היפּשער צאָל אופלאגעס אין יידיש, רוסיש און אוקראַיִניש און גוט אופגענומען געוואָרן פונעם לייענער, האָסטו זיך שוין צעשיידט אף שטענדיק מיט דײַן באליבטן העלד?

— כאָלילע! גאָט באהיט! מיט שמײַען — דעם פריילעכן, לעבנסלוסטיקן בלעכער פון דער ראַקעווקע, דעם סאָלדאט פון דרײַ מילכאָמעס — האָב איך זיך באפרײַנדעט און פארבונדן אפן גאנצן לעבן. איך האָב נאָך וועגן אים היפּש צו דערציילן. איך ארבעט שוין איצט איבער די קאפּיטלעך, וועלכע וועלן ארײַן אין דער נײַער אופלאגע. אגעוו, דארף איך אנערקענען, אז היפּש האָבן מיר דאָ אונטערגעזאָגט די טרעפלעכע באמערקונגען און ווונטשן פון מײַנע לייענער.

— באקומסט אָפּט בריוו פון זיי?

— זייער אָפּט! יעדער בריוו פונעם לייענער איז מיר טײַער. אָט האָב איך די טעג באקומען א בריוו פון א געוועזענעם סאָלדאט פון כארקאָוו. ער, לייבוש דאווידסאָן, וועלכער האָט אויך אָנטיילגענומען אין דרײַ מילכאָמעס, בעט מיך, איך זאָל אים טאָן די טויווע און צושיקן שמײַעס פּינקטלעכן אדרעס. שמײַע איז אים זייער קענטלעך. מעגלעך, אז זיי זײַנען געווען אין איין פּאָלק. צוזאמען דורכגעגאנגען די מילכאָמע. ער וויל זיך דורכשרײַבן מיט מײַן שמײַען. נו, ווו זשע נעמט מען אזא אדרעס? — צעפּירט הערשל מיט די הענט.

— און וואָס פארא ביכער עס ליגן בא דיר אויבנאָן אפן טיש?

— אָ, מיט די ביכער איז פארבונדן א ביז גאָר רירנדיקע געשיכטע. מיט א וואָכן צוויי צוריק קומט מיר אָן א פּעקעלע פון דאָנבאַס. איך צעעפן עס און דערזע פאר זיך מײַנע צוויי ביכער — „שויעל דער זיפנמאכער“ און „שמײַע גאזלען“, וועלכע זײַנען דערשינען אין דער אוקראַיִנישער איבערזעצונג נאָך פאר דער מילכאָמע. וואָס זאָל עס באטײַטן? ווער האָט עס אין העכער דרײַסיק יאָר ארום מיר אומגעקערט מײַנע ביכער? מע האָט זיי עפשער אפסנײַ איבערגעלייענט און זיי זײַנען ניט געפעלן געוואָרן? מאלע וואָס עס קאָן טרעפן, א קאשע אף א מײַסע. און מיטאמאָל באמערק איך אפן טאָוול פון איינעם פון די ביכער אן אופשריפט. נא, לייען אליין, — דערלאנגט ער מיר דעם בוך מיטן אופשריפט. געשריבן איז עס אף אוקראַיִניש, און איך גיב עס איבער אין מײַן פּינקטלעכער איבערזעצונג: „כאָשעווער כאָווער פאָליאנקער! אײַערע ביכער „שויעל דער זיפנמאַכער“ און „שמײַע גאזלען“ זײַנען פונעם 1941 ביז 1946 יאָר געווען פארגראָבן אין דער ערד און איבערגעלעבט די שווערע טעג פון דער דײַטשיש־פאַשיסטישער אָקופּאַציע. זאָלן די ביכער נאָכאמאָל דערזען די ליכטיקע וועלט און פארשאפן מענטשן פארגעניגן.

איװער ניקאָלײַ דרעוועטניאַק.
קראַמאַטאָרסק, דאָנעצקער געגנט“.

סארא ליכטיקע פרייד פאר א יידישן שרײַבער באקומען אזא מאטאָנע פון אן אומבאקאנטן אוקראַיִנישן לייענער!

א ווײַלע בלײַבן מיר זיצן שטיל, געריררט פון ניקאָלײַ דרעוועטניאַקס נאָבלקײַט, פון זײַן גרויסער מענטשלעכער גוטסקײַט.

— מיר האָבן א זעלטענעם לייענער, — רופט זיך אָן הערשל, — ס'איז פאראן פאר וועמען צו שרײַבן. די לעצטע עטלעכע יאָר האָב איך גוט א הארעווע געטאָן און אראָפּגענומען, דאכט זיך, ניט קיין שלעכטע געראַטעניש. „סאָוועטיש היימלאַנד“ האָט אָפּגעדרוקט מײַנע צוויי נײַע ראָמאַנען — „דער בעקער פון קאָלאָמייע“ און „ייִצכאָק סאנטאָס און זײַנע יאָרשים“. ניט לאנג צוריק איז „דער בעקער פון קאָלאָמייע“ דערשינען אין א באזונדערער שיינער אופלאגע אין יידיש אינעם מאָסקווער פארלאג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“. דער בוך איז אויך דערשינען אינעם קיִעווער פארלאג „ראַדיאַנסקי פּיסמעניק“ אין דער רוסישער איבערזעצונג און דערשײַנט אין אָנהייב 1973 יאָר אין א מאסן־אופלאגע אינעם קיִעווער מעלוכע־פארלאג „דניפּראָ“; עס איז דערשינען אויך „ייִצכאָק סאנטאָס און זײַנע יאָרשים“ אין רוסיש. דער פארלאג „ראַדיאַנסקי פּיסמעניק“ האָט ארויסגעלאָזט דעם ראָמאַן אין א טיראַזש פון פינף און זעכציק טויזנט עקזעמפּליארן. אגעוו, איז אין דער צײַטונג „ליטעראַטורנא אוקראַיִנא“ שוין געווען אָפּגעדרוקט אן ארטיקל פונעם קריטיקער אלעס לופּי וועגן סאנטאָסן...

אין דעם זעלבן שרײַבער־הויז אף לענין־גאַס, 68, ווױנען די דיכטערן ריווע באליאַסנע און דער דיכטער, דראמאטורג און פּראָזאַיִקער מאָטל טאלאלאיעווסקי. בין איך פּריִער ארײַן זיך זען מיט באליאַסנען. ריוון האָב איך גע־

טראָפן, ווען זי האָט געשריבן א ליד וועגן איר שטעטל, ווו זי איז געבוירן און אויסגעוואקסן. זי האָט זיך זייער דערפרייט, וואָס זי קען זיך טיילן מיט אירע געפילן וועגן איר היים־אָרט.

— מײַן גאנץ לעבן, — רופט זיך אָן מיט היסלײַוועס ריווע, — מײַן גאנץ וועזן און שאפן איז פארבונדן מיט אוקראַיִנע. מײַן שטעטעלע ראדאָמיסל געפינט זיך 25 קילאָמעטער פון קאָראָסטישעוו, דעם היים־וויגל פון אונדזערע אומפארגעסלעכע זינגער אָשער שווארצמאן און דאָוויד האָפשטיין. שווארצמאנען האָב איך ניט געהאט דאָס גליק פערזענלעך צו קענען. נאָר מיט דאָוויד האָפשטיינען זײַנען מיר געווען באפרײַנדעט אין מעשעך פון יאָרן. ער איז געווען און געבליבן איינער פון מײַנע באליבטסטע דיכטער און לערער. דאָווידן פלעג איך לייענען אלע מײַנע לידער. אָף זײַן געשמאק און פילבארן אויער האָט מען זיך געקאָנט פארלאָזן. קיין פאלשקײַט און זיסקײַט האָט ער ניט געדולדעט. בא זײַן גאנצער שטרענגקײַט צו דיכטונג איז דאָוויד האָפשטיין געווען ביז גאָר אופמערקזאם צו אונדז, דער דעמאלטיקער יוגנט, און גרייט געווען שטענדיק העלפן. אגעוו, האָט דאָוויד און מײַן מאמע אין די יונגע יאָרן געארבעט בא איין און דער זעלבער באלעבאָסטע אין ראדאָמיסל, בא כײַקע האָרנשטיין. האָפשטיין — אלס לערער פון האָרנשטיינס קינדער, מײַן מאמע — אלס קעכנע. דאָוויד האָט מיך ארײַנגעפירט אין דער דיכטונג, און אויב איך האָב עפּעס אופגעטאָן אָף דעם געביט, האָב איך פיל צו פארדאנקען אים.

— מיט וואָס זשע וועסטו דערפרייען דעם לייענער אינעם נײַעם יאָר?

— אין 1973 וועט ארויס פון דרוק מײַן צוועלפט ביכל לידער אונטערן נאָמען „א פערטל יאָרהונדערט”. די זאמלונג גיט ארויס דער מאָסקווער פארלאג „סאָוועטסקי פּיסאטעל” אין דער רוסישער איבערזעצונג פון וויטאלי זאסלאווסקי. סאָף 1971 איז אין קיִעווער פארלאג „דניפּראָ” דערשינען מײַן בוך לידער, איבערגעזעצט אָף אוקראַיִניש, „באפליגלטע ווינטן” מיט א פאָרעדע פון דעם אָנגעזעענעם אוקראַיִנישן דיכטער פּאוולאָ אוסענקאָ. אינעם אוקראַיִנישן פארלאג „ראדיאנסקי פּיסמעניק” זײַנען דערשינען נאָך דרײַ זאמלונגען מײַנע. פון צײַט צו צײַט דרוק איך זיך אין די קיִעווער זשורנאלן „ראדוגא” און „אוקראַיִנא”, אין די צײַטונגען. פיל פרייד האָט מיר געבראכט מײַן ביכל „שניי און שטילקײַט”, וואָס איז ארויס אין דער רוסישער איבערזעצונג. אן אינטערעסאנטע רעצענזיע פון נאטאליע קאָנטשאלאָווסקע האָט אָפּגעדרוקט דער מאָסקווער זשורנאל „זנאמיא”. איך האָב באקומען פיל בריוו, צווישן זיי הארציקע בריוו פון אלעקסאנדער דייטש, ווערע אינבער, גאלינע סערעבריאקאָווא... אייניקע לידער מײַנע זײַנען אײַנגעשלאָסן אינעם זאמלבוך „לידער, טרוימען און ליבע”, וואָס עס האָט צוגעגרייט דער „דעטיזדאט” צום 50־יאָריקן יובליי פונעם ראטנפארבאנד.

און אָט וואָס אונדזער אומפארגעסלעכער מאָטל גרוביאן האָט מיר געשריבן, שוין זײַענדיק געפערלעך קראנק: „בא מיר איז דאָס יאָר געווען באגלייט מיט אן אינפארקט, שפּיטאָלן, סטענאָקארדיע און אנדערע צאָרעס. אָבער אלציינס, די „קרענק” צו שרײַבן לידער, וואָס איז שוין בא מיר אזוי אלט, ווי די ערד, האָט מיך אויך אין שפּיטאָל ניט פארלאָזט... דײַן לעצטער ציקל לידער אין „סאָוועטיש היימלאנד” איז מיר שטארק געפעלן געוואָרן. אינגאנצן אייגנס, מיט לײַדנשאפט, מײַסטערהאפט. מאָלאָדיעץ, ריוואַ!”

אָט אזעלכע ווארעמע, הארציקע בריוו העלפן לעבן, שרײַבן, העלפן צו פארבלײַבן שעפעריש יונג, — זאָגט ריווע באליאסנע באם געזעגענען זיך.

מאָטל טאלאלאיעווסקי, ווי איך האָב שוין באמערקט פריִער, וווינט דאָ דערבײַ. איז אָט זיצן מיר שוין בא אים אין דער געראמער דירע און שמועסן. פריִער פאר אלץ בעט איך אים דערציילן, וואָס עס האָט אים געבראכט דאָס 1972־טע יאָר.

— אינעם 1972 איז דערשינען מײַנע א זאמלונג לידער, איבערגעזעצט אין רוסיש, און א זאמלונג, איבערגעזעצט אין אוקראַיִניש. דאָס אוקראַיִנישע ביכל «Черешневиі заспів» האָבן איבערגעזעצט די באוווּסטע דיכטער אנדריי מאלישקאָ, מיקאָלע אופּעניק, וויטאלי קאָראָטיטש און אנדערע. דאָס רוסישע ביכל «Зеленые всходы» האָט איבערגעזעצט אנדריי קליאָנאָוו. דאָס איז אפן געביט פון פּאָעזיע. און אויב ריידן וועגן דראמאטורגיע, האָב איך פארן 1972 אָנגעשריבן צוויי פּיעסן. איינע פון זיי — „א מײַסעלע וועגן גליק” איז אופגעפירט געוואָרן אינעם אָדעסער טעאטער אפן נאָמען פון דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע, און די צווייטע — „איך קער זיך אום אין אפּרעל” שטעלט דער סומער טעאטער אָף שטשעפּקינס נאָמען.

— און ווי האלט מיט דער פאָרזעצונג פונעם ראָמאן „הייסע הערצער”?

— ווי באוווּסט, איז דער ערשטער טייל געווען אָפּגעדרוקט אין „סאָוועטיש היימלאנד”. דעם צווייטן טייל האָב איך שוין פארענדיקט און ארבעט איצט איבער א ביִאָגראפישן ראָמאן „מײַן מאמעס בוך”. אין דעם ראָמאן שילדער איך דאָס לעבן פון צוויי יִדישע מישפּאָכעס אין א פארוואָרפענעם פּאָלעסיער דאָרף. פיל

אָרט ווערט געווידמעט אינעם ראָמאן דער פעלקער־פרײַנטשאפט, דער קעגנזײַטיקער הילף פון די ייִדישע און אוקראַיִנישע מישפאָכעס.

— און אויסער דעם?

— אויסער דעם, שרײַב איך זינג־לידער. אַף אייניקע מײַנע טעקסטן איז אָנגעשריבן מוזיק. זינט איך געדענק זיך, — שטרײַכט אונטער צום סאָף פון אונדזער שמועס טאלאלאיעווסקי, — האָב איך נאָך קיינמאָל אזוי אינטענסיוו ניט געארבעט, ווי איצט. די ארבעט פארשאפט מיר פרייד און פארגעניגן...

פאר איין טאָג זיך זען מיט אלע קיִעווער ייִדישע שרײַבער און האָבן א שמועס מיט יעדן איינעם פון זיי איז גאָר ניט אזא לײַכטער איניען. דעריבער מוז מען א ביסל זיך אונטערײַלן. און איך לאָז זיך פאָרן אַף דער קאווקאזסקי־גאס, ווו איך וועל האָבן די מעגלעכקײַט זיך זען און דורכשמועסן זיך גלײַכצײַטיק מיט צוויי ייִדישע שרײַבער, מיטן פראָזאיִקער יעכיִעל פאליקמאן און מיט זײַן פרוי — דער דיכטערן דאָרע כײַקינע. פאר די פערציק יאָר פון זײַן שאפן האָט יעכיִעל פאליקמאן בארײַכערט אונדזער ליטעראטור מיט א היפשער צאָל אינטערעסאנטע ווערק, ווי „צווישן סאָפקעס", „אָנהייב פרילינג", „ליבע אין פײַער", „מענטשן פון מײַן לאנד", „די שײַן קומט פון מיזרעך", „דער ביטערער יאָדער" און אנדערע. אין „סאָוועטיש היימלאנד" איז אין פאָרזעצונגען געווען אָפגעדרוקט זײַן נײַער ראָמאן „דער שווארצער ווינט". דער נײַער ראָמאן איז שוין אויך דערשינען אין רוסיש. דאָס בוך אנטהאלט 818 זײַטן... און ס'איז נאָר דער ערשטער טייל. ווילט זיך אוואדע וויסן, ווי עס גייט די ארבעט אַף דעם ווײַטערדיקן טייל פונעם ראָמאן. אַף דעם ענטפערט יעכיִעל פאליקמאן:

— אנומלטן האָט מיר אָנגעקלונגען אין טעלעפאָן מײַנער א בען־איר ניט נאָר לויט קיִעוו, נאָר אויך לויט מײַן וואָלינער היים־שטעטל ליובאר — יאשע קאפער, איינער פון די לעבעדיקע העלדן פון מײַנע ראָמאנען וועגן דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע, וועגן דער טראגעדיע אין באבי יאר און וועגן ווידערשטאנד אין פוילישע טויט־לאגערס און אין געטאָ. יאשע קאפער איז געווען אין אָקופירטן קיִעוו, א געשמידטן אין קייטן האָבן די פאשיסטן אים, ווי עטלעכע הונדערט אנדערע אסירים, געצוווּנגען אויסגראָבן און פארברענען אלע קאָרבאָנעס פונעם באבי יאר. דאָס האָט ער אופגעגעבן דעם געדאנק צו מאכן די פלייטע פון אָט דעם געגנעם. יאשע קאפער האָט געפונען א שליסל אַף אופצועפענען דעם בונקער, ווו מע פלעגט אַף נאכט פארשפארן זיי, די מייסים־פארברענער... בייס דער פלייטע איז ער איינער פון געציילטע לעבן געבליבן... קלינגט מיר מײַן בען־איר:

— ווו האלטסטו אין דײַן סייפער, יעכיִעל?

— איך ענדיק דעם צווייטן טייל פון דריטן בוך. דעם טייל, וואָס הייסט: „ווידער באבי יאר".

— און עס וועט נאָך זײַן א דריטער טייל?

— ס'וועט זײַן. דער דריטער טייל וועט הייסן: „ווידער די גרענעץ".

שווײַגט ער, יאשע, און זאָגט דערנאָך פארקלערט:

— די צײַט גייט, יעכיִעל... ארבעט גיכער.

— איך שרײַב איצט, הייסט עס, — זעצט פאָר פאליקמאן, — דאָס לעצטע קאפיטל פון דעם צווייטן טייל. דערנאָך וועל איך זיך נעמען צום דריטן טייל, און דעמלט וועט פארענדיקט זײַן מײַן טרילאָגיע, וואָס אָנגעהויבן שרײַבן זי האָב איך, נאָך זײַענדיק אפן פראָנט, אין פוילן, אין א רעגנדיקער נאָיאבער־נאכט פון 1944 יאָר. נאָר ביזן „דעמלט" איז נאָך ווײַטלעך...

— און וואָס וועט דער לייענער באקומען אין דער נאָענטסטער צײַט?

— איך האָף, אז אין דער נאָענטסטער צײַט וועט אין „סאָוועטיש היימלאנד" אָפגעדרוקט ווערן מײַן ציקל דערציילונגען, וועלכער הייסט: „דער מאמעס מײַסעס". דער ציקל איז מיר פערזענלעך זייער טײַער. נו, און אויסער דעם, וועט אינעם קיִעווער פארלאג „דניפראָ" דערשײַנען א נײַע אופלאגע פון מײַן ראָמאן „די שײַן קומט פון מיזרעך" אין דער אוקראַיִנישער איבערזעצונג. די פריִערדיקע אופלאגעס זײַנען זיך שוין פון לאנג צעגאנגען, און דער פארלאג גיט ווידער ארויס דעם ראָמאן אין א גרויסן טיראזש.

— נו, און מיט וואָס קען דערפרייען די לייענער די דיכטערן דאָרע?

— ווי שטענדיק, שרײַב איך אויך איצט לירישע לידער. פון צײַט צו צײַט, ווען עס קומט די גוטע שאָ, — גיט צו דאָרע כײַקינע מיט א קוים באמערקבארן שמייכל. — איך שרײַב לידער וועגן אונדזער זײַן — וועגן הײַנט, וועגן נעכטן. וועגן מאָרגן. לידער וועגן דעם טײַערסטן, וואָס מיר פארמאָגן, — וועגן דעם לעבן. מײַן ייִדיש ביכל לידער, וואָס איז אָנגענומען אין פארלאג „סאָוועטסקי פיסאטעל", הייסט „פון אלע מײַנע וועגן". איך קום שוין צו די זעכציק — דאָס וועט זײַן אין אָקטיאבער 1973 יאָר. אָט די דאטע אין מײַן לעבן מערק איך אָפ אויך מיט א פאָעמע. געארבעט האָב איך איבער איר א יאָר צען, ניט ווייניקער. מיט עטלעכע יאָר צוריק האָב איך שוין געמיינט, אז איך האָב זי פארענדיקט. ערשט, ניין. ווידער געזעצט זיך און איבערגעארבעט, איבערגעשריבן פיל קאפיטלען. די פאָעמע הייסט „דאָס געזאנג וועגן

דאָקטער כאַווקין״. אין פינצטערן מיטלאַלטער, ווען עס האָט אין אַזיע און אייראָפּע זיך צע־בושוועט די פּעסט, האָט מען אין דײַטשלאַנד און אין אַנדערע שכייניש לענדער און לענדע־לעך אויסגעטראַכט אַ בילבל, אַז די ייִדן, וועל־כע האָבן, אַגעוו, אויך ניט ווייניק געליטן פון דער מאַגייפע, אַז זיי, די ייִדן, סאַמען אָפּ די ברינעמער, און דאָס ברענגט די קרענק. בלוט האָט זיך געגאָסן, שײַטערס האָבן געפלאַ־קערט — מע האָט אומגעבראַכט, פאַרפּײַניקט טויזנטער און טויזנטער... און אָט האָט ווידער (צום וויפלטן מאָל!) אין סאָף פון פאַריקן יאָר־הונדערט אויסגעבראָכן די מאַגייפע־פּעסט און דערנאָך די כאָליערע. דעמלט האָט אַ דאָקטער, דער זון פון אַ ייִדישן לערער פון בערדיאַנסק, וואָלף כאַווקין, נאָך אַ יונגער מענטש, וואָס איז פאַריאָגט געוואָרן פון רוסלאַנד פאַר זײַן רע־וואָליוציאָנערער טעטיקײַט, — ער איז געווען אַ נאַראָדאָוואָליעץ, ווערע פיגנערס אַ מיטקעמ־פער, און אין פּאַריזש, אַלס מעדיקער — מעטש־ניקאָווס אַ שילער, — דערפונדן אַ וואַקצינע קעגן דער פּעסט, דערנאָך קעגן דער צווייטער שוידערלעכער קרענק. אַליין אויסגעפּרוווט אָף זיך און אָף זײַנע כאַווירים פּאָליט־עמיגראַנטן די וואַקצינע, און איז אָוועקגעפאָרן אָף לאַנגע צוואַנציק יאָר קיין אינדיע, ווו ער האָט אופ־געטאָן ווונדער.

„אינדיע האָט אַ גוטן זיכּאָרן״, — אַזוי האָט געזאָגט דזשאַוואַהאַרלאַל נערו, און דאָס איז דער עפּיגראַף צו מײַן פּאָעמע. כאַווקינס נאָמען ווערט אין אינדיע און אין גאָר דער וועלט ביז איצט דערמאָנט מיט טיפער דאַנקבאַרקײַט. אַזוי וועט זײַן דאָר נאָך דאָר, און וועגן דעם איז מײַן פּאָעמע, וועלכע איך האָב ניט לאַנג צוריק פאַרענדיקט.

איצט איז מיר נאָך פאַרבליבן זיך דורכצו־שמועסן מיט נאַטאַן זאַבאַרען, יאָסל בוכבינדערן, שלוימע טשערניאַווסקין, כאַסקל טאַבאַטשני־קאָוון, מ. מאָגילעוויטשן, פּ. קיריטשאַנסקין און מ. קאָבריאַנסקין. און אָט וואָס זיי האָבן געפער־נען פאַר נייטיק צו דערציילן וועגן זייער אַר־בעט:

נאַטאַן זאַבאַרע: ווי דער לייענער ווייסט שוין, איז אינעם 9־טן און 10־טן נומערן פון „סאָוועטיש היימלאַנד״ אָפּגעדרוקט דער ער־שטער טייל פון מײַן היסטאָרישן ראָמאַן אונ־טערן נאָמען: „ס׳איז נאָך גרויס דער טאָג״. איצט האָב איך אָפּגעגעבן אין זשורנאַל דעם צווייטן טייל פונעם ראָמאַן, וועלכער הייסט: „אונטער דער הייסער זון פון פּראָוואַנס״, און אַרבעט אָפּן לעצטן וואַריאַנט פון דעם ווײַטער־דיקן טייל, וועלכער שילדערט, ווי די פאַריקע טיילן, די טקופע פונעם XIII יאָרהונדערט. נאָך דעם, ווי אין „סאָוועטיש היימלאַנד״ האָט זיך אָפּגעדרוקט דער ערשטער טייל פונעם ראָמאַן, האָב איך באַקומען אַ סאַך גוטע אָפּרופן פון וויסנשאַפטלער, ליטעראַטאָרן און פּאַשעטע לייענער. זייער האַרציקע בריוו. זיי גיבן מיר צו נאָך מערער מוט און קויכעס אין דער ווײַ־טערדיקער אַרבעט. אַ באַנד אויסדערוויילטע ווערק אין ייִדיש האָב איך אָפּגעגעבן אין מאָסקווער פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל״.

יאָסל בוכבינדער: פאַר דער לעצטער צײַט האָב איך אָנגעשריבן אַ נײַעם ציקל לידער אונטערן נאָמען: „פון ריינעם געוויסן״. אין 1973 דאַרף דערשײַנען אין מאָסקווער פאַרלאַג „סאָ־וועטסקי פּיסאַטעל״ מײַן לידער־זאַמלונג אין ייִדיש „מיט ליכטיקע אויגן״. איצט שרײַב איך אַ נײַעם ציקל לירישע לידער.

שלוימע טשערניאַווסקי: צום באַדויערן, בין איך אין 1972 יאָר אַ לענגערע צײַט געווען לוי־אַלייכעמדיק און געשריבן מיט גרויסע האַפּסאָקעס. דאָך האָב איך באַוויזן עפּעס וואָס אופצוטאָן. אָנגעשריבן אַ היפּש בינטל נײַע לי־דער. צוויי ציקלען פון זיי זײַנען געווען אָפּ־געדרוקט אין „סאָוועטיש היימלאַנד״. אויך אָף די שפּאַלטן פון דער צײַטונג „בירעבידזשאַנער שטערן״ זײַנען האָיאָר אָפּגעדרוקט פיל מײַנע לידער און אַ מײַסעלע פאַר קליין און גרויס. אין די לידער רוף איך צו שאָלעם און דריק אויס מײַן טיפע ליבע צו מײַן ראַטנלאַנד. מײַן ליד „היימלאַנד״, אַשטייגער, ענדיקט זיך מיט אַזעלכע שורעס:

פאַר אַלע דײַנע אופטוען און זאָרגן
בין איך, מײַן טײַער היימלאַנד, דיר
געטרײַ.

און די ליד „פײַער״ פאַרענדיקט איך מיט דער סטראָפע:

ווײַל ס׳מוז די שאָ די לאַנג־געגאַרטע
קומען,
ווען ס׳וועלן די האַרמאַטן ווערן שטום,
און ניט קיין קוילן, — בינען וועלן זשומען
און קלײַבן האָניק אונדז פון יעדער בלום.

אין פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל״ האָב איך אָפּגעגעבן אַ לידער־זאַמלונג און האָף. אַז די לייענער וועלן אין דער נאָענטסטער צײַט האָבן אַ מעגלעכקײַט זיך באַקאַנען מיט מײַנע אויס־דערוויילטע לידער.

כאַסקל טאַבאַטשניקאָוו: פאַר די יאָרן, וואָס איך אַרבעט אין דער ייִדישער ליטעראַטור, זײַ־נען דערשינען אין באַזונדערע אויסגאַבעס מײַ־נע ביכער: „אָפן פּראָנט״, „דאַניע״, „אַ שטעטל באַם דניעפּער״, „דער ערשטער שניי״, „אין וועג״. ס׳איז אויך אַרויס אין דער רוסישער

איבערזעצונג מײַנס א בוך דערציילונגען. די לעצטע יאָרן האָב איך געאַרבעט איבער א גרעסערער זאַך אונטערן אַלגעמיינעם נאָמען: „באַרשעווער מאָטיוון". די דערציילונגען „אליין, זונעניו, אליין..." און „טאַכלעס", וועלכע זײַנען סוזשעטיש געבונדן מיט די „באַרשעווער מאָטיוון", זײַנען אָפּגעדרוקט אין „סאָוועטיש היימלאַנד" נאָך אין 1968 יאָר. אין 1970 האָט אין עטלעכע נומערן זיך געדרוקט די פאַרזעצונג. אין די נומערן 11 און 12 פאַרן 1972 יאָר איז אָפּגעדרוקט דער דריטער טייל פון „באַרשעווער מאָטיוון" אונטערן נאָמען „זומערלעבן". ס'איז אָבער נאָך ניט דער סאָף. איך אַרבעט איבער דעם ווײַטערדיקן טייל. איצט ווערט אויך צוגעגרייט מײַנער א בוך דערציילונגען אין דער אוקראַיִנישער איבערזעצונג, וועלכער דאַרף דערשײַנען אינעם קיִעווער פאַרלאַג.

מ. מאַגילעוויטש: ווען איך האָב זיך אומגעקערט אין 1946 יאָר פון דער אַרמיי קיין קיִעוו, האָב איך נישט געטראָפן ניט די מאַמע — די היטלערישע מערדער האָבן זי אומגעבראַכט, — ניט דעם ברודער איציקל — ער איז געפאַלן אין שלאַכט פאַר זײַן היימלאַנד, — ניט מײַן קלענערן ברודער נאַכעמקע, וועלכער איז אין עלטער פון 14 יאָר פרײַוויליק אַוועק אין אַרמיי. געטראָפן האָב איך נאָר דעם טאַטן — דעם אינוואַליד פון דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע — און פיר פּוסטע נאַסע ווענט מיט בלינדע שמוציקע שויבן. און מײַן ליבע היימשטאָט קיִעוו אין רויִנען, אין רויִנען... בין איך אַוועק העלפן אויפשטעלן מײַן היימשטאָט. איך האָב ניט געזשאַלעוועט קיין מי, געבויט, אויפגעשטעלט, באַפּוצט זי מיט שיינער ווײַסער קעראַמיק. מעגט איר שוין איצט אָנקוקן, וואָס פאַר א שטאָט מיר האָבן, וועלכע שיינע הײַזער מיר האָבן אויסגעבויט! איצט אַרבעט איך אַף א זאַוואָד, אַף וועלכן מע מאַכט פּליטקעס פאַר די פראָנטאָנען פון די נײַע הײַזער. פּליטקעס פון באַליביקע קאָלירן, סײַ גלאַזירטע, סײַ מאַטעווע. אין דער פרײַער צײַט שרײַב איך לידער. פון מאָל צו מאָל דרוקט מײַנע לידער אונדזער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד". אין 1971 איז אַרויס מײַן ערשטלינג אין דער אוקראַיִנישער איבערזעצונג. מײַנע לידער זײַנען אײַנגעשלאָסן אינעם זאַמלבוך «Молодая гвардия в поэзии». עס דרוקן מײַנע לידער אין דער רוסישער און אוקראַיִנישער איבערזעצונג די זשורנאַלן „ראַדוגאַ", „דניפּראָ", „דאָנבאַס", זשאָווטען". א רײ לידער מײַנע האָבן זיך געדרוקט אין „ביראָבידזשאַנער שטערן". איך וויל זיך דערלויבן ברענגען א אויסצוג פונעם בריוו, וועלכן איך האָב באַקומען פון אונדזער פרי־אַוועקגעשטאַרבענעם דיכטער מאָטל גרוביאַן, נאָך דעם, ווי אין „סאָוועטיש היימלאַנד" איז אָפּגעדרוקט געוואָרן מײַן ציקל לידער „לעבן און פײַער".

טײַערער דיכטער,
ערלעכער ברודער, —
איך בענטש דיך
מיט דײַנע אייגענע לידער.
דײַן אָטעם איז פול,
דײַן קאָל איז מיר טײַער,
ס'געפעלט מיר די שפּיל
„לעבן און פײַער".

צי האָב איך פאַרדינט אַזאַ אָפּשאַצונג? איך וועל זיך אָבער שטאַרען זי באַרעכטיקן.

ניט מיט אַלעמען האָב איך באַוויזן זיך זען. נאָר ווי מע האָט מיר מיטגעטיילט, איז שעפעריש אַקטיוו אויך דער פּראָזאַיִקער מ. קאָבריאַנסקי, וועלכער האָט פאַר דער לעצטער צײַט אָפּגעדרוקט א רײ ווערק אין „סאָוועטיש היימלאַנד". איצט אַרבעט ער איבער א גרעסערער זאַך. א נײַעם גרעסערן ציקל לידער גרייט דער דיכטער ב. קיריטשאַנסקי.

אינגאַנצן איין טאָג אין קיִעוו, און וויפל אײַנדרוקן, וויפל האַרציקע באַגעגענישן, אינטערעסאַנטע געשפּרעכן. אַוועקגעפאָרן בין איך פון דער אוקראַיִנישער הויפּטשטאָט מיט דעם גוטן געפיל, אַז דאָ לעבט און אַרבעט אינטענסיוו א באַגאַבטע גרופּע ייִדישע שרײַבער, פון וועלכע דער לייענער קען דערוואַרטן פיל באַדײַטנדיקע ווערק.

לייב יאַמפּאָלסקי — דער שעפֿער פֿון ייִדישער מוזיק

צוויי און זעכציק יאָר האָט לייב יאַמפּאָלסקי טרײַ און איבערגעגעבן געדינט דער ייִדישער מוזיקאַלער קונסט. צוויי און זעכציק יאָר זײַנען אַוועק פֿון דעם אָוונט, ווען אין איינעם פֿון די כאַרקאָווער קלובן איז אַרויסגעטראָטן מיט אייגענע זינגלידער און מוזיק צו וואָדעווילן, טעאַטראַלע מיניאַטורן א יונגער, באַשיידענע באָכער. ניט אַלץ איז דעמלט געווען נאָך גענוג רײַף. דעם אָנפֿאַנגער האָט אויסגעפֿעלט טעכנישע און קאָמפּאָזיטאָרישע מײַסטערשאַפֿט. נאָר איינס איז גלײַך קלאָר געוואָרן — דער יונגער קאָמפּאָזיטאָר איז בעליסאָפֿעק באַגאַבט.

יאַמפּאָלסקי באַשליסט אָנקומען אין דער פּעטערבורגער קאָנסערוואַטאָריע, פֿאָרט אַהין אַוועק, נאָר פֿאַרשפּעטיקט צו די עקזאַמענעס. ער נעמט זיך אָן מיט דרייסטקײַט און ווענדט זיך צום פּראָפֿעסאָר אַנאַטאָלי קאָנסטאַנטינאָוויטש ליאַדאָוו מיט א באַקאָשע, אַז יענער זאָל לערנען אים פּריוואַט. דער באַרימטער קאָמפּאָזיטאָר און פּעדאַגאָג, בא וועמען ס׳האָבן שטודירט די קאָמפּאָזיטאָרן מיכאַיִל גנעסין, ניקאָלײַ מיאַסקאָווסקי, סערגיי פּראָקאָפֿיעוו, האָט זיך פֿאַרינטערעסירט מיט דעם באַשיידענעם ייִדישן באָכער, אין וועלכן ער האָט אינטויִטיוו דערשפּירט באַגאַבטקײַט און גענומען אָף אים די האַזשגאָכע.

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן לייב יאַמפּאָלסקיס לאַנגיאָריקער פּרוכטבאַרער שעפֿערישער וועג. דער אָנהייב איז געווען ווײַט ניט קיין לײַכטער. די לימודים בא ליאַדאָוון איז יאַמפּאָלסקי געצוווּנגען געווען פֿאַרלאָזן איבער דעם פּריזיוו. זעקס יאָר — פֿון 1911 ביז 1917 — האָט ער געדינט אין דער אַרמיי. ערשט אין 1918 איז ער דעמאָביליזירט געוואָרן לויטן געזונט־צושטאַנד.

אין כאַרקאָוו אַרבעט יאַמפּאָלסקי אַלס קאָמפּאָזיטאָר און מוזיקאַלער אָנפֿירער אין עקספּערימענטאַלן ליטעראַריש־קינסטלערישן טעאַטער און אין טעאַטער „מאָדערן". ער פֿאַרפֿאַסט מוזיק צו טעאַטראַלע מיניאַטורן, וואָדעווילן, אײַנסצעניראונגען. גלײַכצײַטיק פֿאַרטיפֿערט ער זײַנע קאָמפּאָזיטאָרישע פֿײַיִקײַטן אינעם כאַרקאָווער מוזיקאַלן אינסטיטוט. מיט דער ליד „די קאָמוניסטישע מאַרסעליעזע" אָף דעמיאַן בעדניס טעקסט האָט ער אָנטיילגענומען אין א ספּעציעלן קאָנקורס, געווידמעט דעם פֿינפֿיאָריקן יובילײַ פֿון דער גרויסער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע. פֿאַר אָט דער ליד באַקומט ער זײַן ערשטע פּרעמיע.

דער מאָסקווער ייִדישער טעאַטער „האַבימאָ" האָט פֿאָרגעלייגט יאַמפּאָלסקין פֿאַרפֿאַסן מוזיק צו צוויי ספּעקטאַקלען — „הורדוס ומרים" און „המבול". מיט יונגן ברען נעמט ער זיך פֿאַר דער אַרבעט. די מוזיק האָט שטאַרק אויסגענומען בא די אַקטיאָרן פֿונעם טעאַטער. דער דערפֿאָלג פֿונעם יונגן קאָמפּאָזיטאָר אין טעאַטער „האַבימאָ", וועלכער האָט זיך קוינעשעם געווען מיט זײַן הויכן קינסטלערישן ניוואָ, איז ניט דורכגעגאַנגען אומבאַמערקט. אײַנגיכן — אין אָנהייב 1924 — לייגט אים פֿאָר דער רעזשיסער פֿונעם מאָסקווער קינסטלערישן טעאַטער ב. ווערשילאָוו אָנצופֿירן מיט דער מוזיקאַלער טייל פֿון דער נאָרוואָס אָרגאַניזירטער עקספּערימענטאַלער ייִדישער טעאַטראַלער סטודיע „פֿרײַקונסט".

יאַמפּאָלסקי האָט פֿאַרפֿאַסט מוזיק צו א ריי שאָלעם־אַלייכעמס אײַנאַקטערס: „אַגענטן", „רעקרוטן", „געט", „מענטשן" און אַנדערע, ווי אויך צו גרעסערע דראַמאַטישע ווערק — צו א. וועוויאָרקעס „באָטווין", לייוויקס „דער גוילעם".

מוזיק איז אַלעמאָל געווען, און פֿאַרבלײַבט נאָך אַדהײַעם, איינער פֿון די וויכטיקסטע קאָמפּאָנענטן פֿון דער ייִדישער טעאַטראַלער קונסט.

עס ווערט פאָרגעזעצט די טראדיציע נאָך פון אווראָם גאָלדפאדענען, וועלכער האָט, ווי באוווּסט, אליין פארפאסט מוזיק צו זײַנע ספּעקטאקלען. לייב יאמפּאָלסקי געהערט צו די זעלטענע ייִדישע קאָמפּאָזיטאָרן, וואָס האָבן פאָרגעזעצט די דאָזיקע טראדיציע און געווידמעט זייער טאלאנט דער טעאטראלער מוזיק.

...איך קלײַב איבער א גרויסע צאָל אפּישעס, מעלדונגען, אײַנלאדונגען, פּראָגראמעס, וועלכע האָבן זיך פארהיט אין יאמפּאָלסקיס ארכיוו. ס'איז צו באוווּנדערן, אין וויפל שטעט דער קאָמפּאָזיטאָר האָט געלעבט פאר דער צײַט פון זײַן שעפעריש לעבן. כארקאָוו, מאָסקווע, קיִעוו, אָדעס, דניעפּראָפּעטראָווסק, מינסק, טשערקאס, באקו, טאשקענט — דאָס זײַנען נאָך ווײַט ניט אלע שטעט, ווו ער האָט אקטיוו געארבעט, געשריבן מוזיק, און שטענדיק פריש, דערפינדעריש, אָריגינעל, מיט אן אייגענעם ניגן. פאר אלע זײַנע ווערק איז כאראקטעריסטיש דער ייִדישער פאָלקסטימלעכער נוסעך. זײַן מוזיק האָט געקלונגען אין צענדליקער ייִדישע טעאטערן: אין „האבימאָ" און „פרײַקונסט", אין די וואנדערנדיקע טעאטערן „רויטער פאקעל" און „קונסט־ווינקל", אין כארקאָווער און טשערקאסער, דניעפּראָפּעטראָווסקער און ביראָבידזשאנער מעלוכישע ייִדישע טעאטערן, אין באקוער קינדער־טעאטער און אין „גאָסעט". וואָס מער מע באקאנט זיך מיט יאמפּאָלסקיס טעטיקײַט אין דעם ייִדישן טעאטער, אלץ בוילעטער זעט מען דאָס געשטאלט פון אן אומדערמידלעכן האָרעפּאשניק, וועלכער האָט פארמאָגט אן אומויסשעפּלעכן קוואל פון שעפערישער פאנטאזיע. ס'איז אוממעגלעך פאָרצושטעלן זיך דעם סאָוועטישן ייִדישן טעאטער אָן לייב יאמפּאָלסקיס מוזיק.

ווי באדײַטונגספול עס זאָל ניט זײַן יאמפּאָלסקיס בײַטראָג אין דער ייִדישער טעאטראלער מוזיק, דאָך איז זײַן הויפּט־פארדינסט אין זײַנע זינגלידער. אן אויסגעצייכנטער מעלאָדיסט, האָט ער געשאפן לידער, וואָס פארגעדענקען זיך אַף שטענדיק, ניגונים, וואָס מע זינגט זיי אומעטום, ווו ס'איז פאראן א ייִדישער ייִשעוו. קימאט א האלבן יאָרהונדערט זינגט מען זײַן בארימטע „רומטשי" („בײַט מיר אויס א פינף־און־צוואנציקער") — א מערקווירדיקן מוסטער פון עכט ייִדישער פאָלקסטימלעכער זינג־מוזיק. צענדליקער יאָרן לעבט אין דעם פאָלק די וויגליד „ס'איז אין שטוב קיין ברויט ניטאָ נאָך" אַף איזי כאריקס ווערטער. פון דער ייִדישער קאָנצערט־בינע אין פארשיידענע לענדער קלינגען יאמפּאָלסקיס לידער „די גאָלדענע כאסענע", „דער פריילעכער שנײַדער", „קאראהאָד" און אנדערע.

שרײַבן ייִדישע לידער האָט לייב יאמפּאָלסקי אָנגעהויבן אין די צוואנציקער יאָרן, גלײַך נאָך דעם, ווי ער האָט פארפאסט מוזיק פארן טעאטער „האבימאָ". דער אָנהייב איז געווען גאנץ פרוכטבאר. אין מעשעך פון צוויי־דרײַ יאָר האָט ער פארפאסט א גרויסע צאָל לידער, וועלכע ס'האָט געסטײַעט אַף עטלעכע אויטאָרישע קאָנצערטן, און מיט דעם באַרײַכערט דעם רעפּערטואר פון אלע מער אָדער ווייניקער באקאנטע ייִדישע זינגער — שאָול ליובימאָוו, עלגא פּאקראס, סארע קראוועץ, ראָזע פּלאָטקינע, זינאָווי שולמאן, ראָזע קראָל, מארינע גאָרדאָן און אנדערע. אין 1926 יאָר נעמט יאמפּאָלסקי פאָר א גרויסן טורנע איבער אוקראִינישע שטעט. ער טרעט ארויס צוזאמען מיט דער באגאבטער זינגערן עלגא פּאקראס מיט אייגענע קאָמפּאָזיציעס און האָט גרויס דערפאָלג.

אין 1929 יאָר ווערט ער אײַנגעלאדן אין דער הויפּטשטאָט פונעם דעמלטיקן בורזשואזן לעטלאנד — ריגע. צוזאמען מיט דער ריגער זינגערן לילי מאנוסעוויטש טרעט ער ארויס אין פינף אויטאָרישע קאָנצערטן, וועלכע שליסן אײַן עלף לידער: „די נייטאָרן", „כאסידיש" (א ניגן מיט ווערטער), „באדעקנס", „רומטשי", „א הירש אָן הערנער", „וויגליד" („ס'איז אין שטוב קיין ברויט ניטאָ נאָך"), „שפּיל א פריילעכס", „קאראהאָד", „אין וועלדער געדיכטע", „אין ווײַסן צוויט" און „קאטערינקע".

די ריגער ייִדישע צײַטונגען האָבן הויך אָפּגעשאצט יאמפּאָלסקיס מוזיק. „דער מאָדערנער ייִדישער קאָמפּאָזיטאָר יאמפּאָלסקי", „לייב יאמפּאָלסקי — דער שעפער פון דער נײַער ייִדישער מוזיק" — אזעלכע קעפּלעך האָבן געהאט די ארטיקלען וועגן די קאָנצערטן. די ייִדישע פּראָגרעסיווע פּרעסע האָט אָנגערופן יאמפּאָלסקין „באדײַטנדיקסטער ייִדישער קאָמפּאָזיטאָר", „פאָרשטייער פון א לאנד, איבער וועלכן עס טראָגן זיך הײַנטוועלטיקע ייִדישע ניגונים, ווו עס ווערט אָפּגעהיט מיט ייִראס־האקאָוועד די ייִדישע מוזיקאלע ירושע"[1]. דערפאָלגרײַך זײַנען דורכגעגאנגען יאמפּאָלסקיס גאסטראָלן אויך אין ליבאווע.

פון לעטלאנד פאָרט יאמפּאָלסקי קיין בערלין, ווו ער טרעפט זיך מיט ארנאָלד שענבערגן, איינעם פון די גרונטלייגער פון מאָדערניזם אין דער מוזיק. שענבערגן זײַנען יאמפּאָלסקיס רעאליסטישע, אופריכטיקע ייִדישע מעלאָדיעס געקומען צום הארצן. ער האָט זיי אָפּגעשאצט פּאָזיטיוו, אָפּמערקנדיק זייער פאָלקסטימלעכקײַט און אייגנארטיקײַט.

אומגעקערט זיך אהיים קיין מאָסקווע, זעצט יאמפּאָלסקי פאָר זײַן שעפערישע ארבעט. ער פארלאָזט ניט דעם טעאטער — גראָד אין יענע יאָרן פארפאסט ער מוזיק צו פינף ספּעקטאקלען אין באקוער קינדער־טעאטער, שרײַבט מוזיק פארן טשערקאסער און כארקאָווער טעאטערן. איבערהויפּט אָבער שאפט ער זינגלידער. וואָס ווײַטער, אלץ אינטענסיווער ארבעט ער אינעם געביט פון דער מוזיקאלער מיניאטור.

אינמיטן די 30־ער יאָרן פאָרט יאמפּאָלסקי קיין מינסק, ווו ס'האָבן געוווינט און געווען

[1] די ציטאטע איז גענומען פון דער צײַטונג „פרימאָרגן" פארן 12 נאָיאבער 1929.

שעפעריש אקטיוו א גרויסע צאָל ייִדישע דיכטער. דאָ, אין א פרײַנטלעכער שעפערישער סוויווע, גרייט צו יאמפאָלסקי צום דרוק צוויי לידער־זאמלונגען אף טעקסטן פון ייִדישע סאָוועטישע פאָעטן. ביידע זאמלונגען — „רוף" און „ייִדישע קינדער־לידער" — זײַנען דערשינען אין 1935. אין א געוויסער מאָס איז דאָס געווען א סאכאקל פון אן ערעך פינף און צוואנציק יאָר שעפערישער מי. אין די זאמלונגען זײַנען אָפּגעדרוקט לידער אף טעקסטן פון ש. ראָסין, מ. כאשטשעוואצקי, אי. פעפער, איזי כאריק, מ. קולבאק, ז. אקסעלראָד, א. קושניראָוו, א. פלאטנער, פּ. מארקיש, ש. האלקין, ד. האָפשטיין, ד. גורעוויטש, כ. מאלטינסקי, אי. קאראסיק. אין „ייִדישע קינדער־לידער" פארנעמען דאָס הויפט־אָרט ווערק פון לייב קוויטקאָ, צווישן זיי די בארימטע לידער „דאָס פידעלע", „אנא־וואנא בריגאדיר" און „א בריוו דעם כאווער וואָראָשילאָוו".

אין דער זאמלונג „רוף" טרעט יאמפאָלסקי ארויס ווי א קאָמפאָזיטאָר, וועלכער גייט טראָט בא טראָט מיט זײַן צײַט. און עפשער אדאנק דעם אנטפלעקט זיך אין אָט דער זאמלונג אזוי בוילעט זײַן שעפערישע פילזײַטיקײַט, זײַן פייִקײַט זוכן און געפינען קינסטלערישע מוזיקאלע אויסדרוק־מיטלען, וועלכע בארײַכערן די ליד, פארשטארקן די עמאָציִאָנעלע קראפט פונעם טעקסט. דאָ טרעפן זיך סאמע פארשיידענע זשאנרען: לידער־לאָזונגען, לידער־פלאקאטן — אן אוניקאלער זשאנער, וועלכן ס'האָט מיטגעבראכט די אָקטיאבער־רעוואָליוציע (ראָסינס „רוף" און „מיר בויען", גאָרעליקס „צו אמעריקאנער ארבעטסלאָזע"); לידער, אין וועלכע ס'קלינגט א לויב דעם סאָוועטישן מענטשן, פריִער דעם פראָנטאָוויק אף די פראָנטן פונעם בירגערקריג, איצט — דעם בויער פונעם סאָציִאליזם (ראָסינס „עס גייט דער שניי", כאריקס „קאטערינקע", האָפשטיינס „בירעָבידזשאן"); אינטימע ליריק (איזי כאריקס „אין ווײַסן צוויט", ארן קושניראָווס „עפשער קומט מיר ניט") — און צו יעדער ליד שטרעבט דער קאָמפאָזיטאָר געפינען אייגנארטיקע, עקוויוואלענטע, צוגעפאסטע מוזיק. גאנץ אָפט טרעפט זיך, אז ווען מע זינגט די אָדער יענע יאמפאָלסקיס ליד, דאכט זיך אויס, אז נאָר דער ניגן, און ניט קיין אנדערער, פאסט צו דעם דיכטערס טעקסט.

יאמפאָלסקיס זעלטענע פייִקײַט טיף ארײַנדרינגען אין מוזיקאלן פאָלקלאָר און דערנאָך אָרגאניש אײַנפלעכטן זײַנע עלעמענטן אין אייגענע, אָריגינעלע מוזיקאלע ווערק, דערגרייכנדיק דערמיט א באזונדערן, אייגנארטיקן כיין, האָט זיך נאָכאמאָל אנטפלעקט אין זײַן מוזיק צו דעם ספעקטאקל „כאמזא" אין מאָסקווער גאָסעט. געווען איז דאָס אין טאשקענט, וווּהין ס'האָבן זיך אין די מילכאָמע־יאָרן עוואקויִרט דער מאָסקווער מעלוכישער ייִדישער טעאטער און די ייִדישע טעאטראלע סטודיע. יאמפאָלסקין האָט זיך אײַנגעגעבן פארפאסן מוזיק אין אוזבעקישן פאָלקסטימלעכן נוסעך, וועלכע האָט שטארק אויסגענומען סײַ בא דער ייִדישער, סײַ בא דער אוזבעקישער טעאטראלער קריטיק. יאמפאָלסקי איז באלוינט געוואָרן מיט אן ערן־גראמאָטע פונעם אוזבעקישן רעפובליקאנער אויבער־סאָוועט.

באזונדערס פרוכטבאר איז געווען דער לעצטער יאָרצענדליק פון לייב יאמפאָלסקיס שאפונג.

מיטן דערשײַנען פונעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד" הייבט זיך אָן א נײַער עטאפ בא א גאנצער ריי סאָוועטישע ייִדישע קאָמפאָזיטאָרן, און פריִער פאר אלץ בא לייב יאמפאָלסקין. דער זשורנאל רופט ארויס צום לעבן פיל באדײַטנדיקע דיכטערישע ווערק, וועלכע זײַנען דאנקבארער שטאָף פאר דער מוזיק. אין דער רובריק „לאָמיר זינגען נײַע לידער" באווײַזן זיך יאמפאָלסקיס נײַע שאפונגען „כאנוקאס־האבאִיס" אף כ. ביידערס טעקסט, „די ליד פון א שנײַדער" (ווערטער — א. גאָנטאר), „דער בוים" (ש. דריז), „קום צו מיר (אָשער שווארצמאן) אא. די ליבהאָבער פון ייִדישער מוזיק האָבן מיט באגײַסטערונג אופגענומען די נײַע לידער פון דעם באליבטן קאָמפאָזיטאָר. אין 1964 איז אין „סאָוועטיש היימלאנד" געווען אָפגעדרוקט מאָטל גרוביאנס פארצייכענונג „מיט אן אייגענעם ניגן". דער באגאבטער דיכטער האָט געשריבן, אז דער קאָמפאָזיטאָר דערמאָנט אים א מענטשן, וועלכער „...פוצט קעסיידער די פערל פון דער ייִדישער פאָלקסליד". מאָטל גרוביאן האָט דערפילט און אָפגעמערקט דעם קאָמפאָזיטאָרס „אייגנארטיקײַט, וואָס דריקט זיך אויס ניט אין קאָפירן די פאָלקסליד, נאָר אין דערהייבן זי"...

ס'וועלן אוועק יאָרן, און לייב יאמפאָלסקיס וואָקאלע ווערק וועלן זיך פארוואנדלען אין פאָלקסלידער. מע וועט זיי זינגען, און פיל מענטשן וועלן אפילע ניט וויסן, ווער עס האָט זיי פארפאסט. אומגעפער אזוינס איז שוין פאָרגעקומען מיט „רומטשי" און מיט אנדערע זײַנע לידער.

מיט ליבע און ייִראָס־האקאָוועד האָט אין 1969 יאָר די ייִדישע סאָוועטישע געזעלשאפטלעכקײַט אָפגעמערקט לייב יאמפאָלסקיס 80־טן געבורטסטאָג. א שטארקן אָפקלאנג האָט דער יובילײ באקומען אין דער פּראָגרעסיווער ייִדישער פרעסע פון אויסלאנד. די פארײַזשער „נײַע פרעסע" האָט פארעפנטלעכט א ספעציִעלן עסיי „לייב יאמפאָלסקי — דער באגײַסטערטער זינגער". די ייִסראָעלדיקע צײַטשריפט „כן ידידות" (יאָ, פרײַנטשאפט), אָרגאן פון דער פרײַנטשאפט־באוועגונג „ייִסראָעל — פססר", האָט בא יאמפאָלסקיס פאָרטרעט געגעבן אן אונטערשריפט: „דער היטער און קאָמפאָזיטאָר פון ייִדישע פאָלקסלידער לייב יאמפאָלסקי, וועלכער האָט אָנגעהויבן זײַן קינסטלערישן וועג אין מאָסקווער „האבימאָ", פײַערט איצט זײַן 80־טן געבורטסטאָג".

אין יענע טעג האָט דער אַמעריקאַנער מוזיק־פאָרשער מאָרדכע יאָרדייני געשריבן: „ס'איז קיין ספק ניט, אַז אַזעלכע קאָמפּאָזיטאָרס, ווי לייב יאַמפּאָלסקי, זײַנען אַ גרויסער געווינס פאַר דער ייִדישער נעגינע און מוזיק. ער איז אויסגעקנאָטן אין דער ייִדישער מעלאָדיע, קאָליר, טאָן און כיין. דער פאַרמעסט, וואָס די טאַלענטירטע גרופּע ייִדישע מוזיקער האָבן מיט זעכציק יאָר צוריק אָנגעהויבן אין דעם צאַרישן פּעטערבורג, גרינדנדיק די „געזעלשאַפט פאַר ייִדישער פאָלקסמוזיק"[1], ווערט פון אַזעלכע קאָמפּאָזיטאָרן, ווי לייב יאַמפּאָלסקי, פאָרגעזעצט אין שענסטן און העכסטן זין"[2].

[1] די „געזעלשאַפט פאַר ייִדישער פאָלקסמוזיק" — «Общество еврейской народной музыки» האָט אין 1908 אָרגאַניזירט אין פּעטערבורג אַ גרופּע ייִדישע קאָמפּאָזיטאָרן, איבערהויפּט תּלמידים פון דעם גרויסן רוסישן קאָמפּאָזיטאָר נ. א. רימסקי־קאָרסאַקאָוו, — מ. גנעסין, ל. סאַמינסקי, יע. שקליאַר, י. אַכראָן, מ. מילנער.

[2] „ייִדישע קולטור" — כוידעש־שריפט פון ייִדישן קולטור־פאַרבאַנד — נומ. 10, 1969, ז. 47.

ביז זײַנע לעצטע טעג איז יאַמפּאָלסקי געווען שעפעריש אַקטיוו און פרוכטבאַר. אין פאַרלויף פון 1970 — 1972 זײַנען אין „סאָוועטיש היימלאַנד" דערשינען אַריבער צוואַנציק לידער, מערסטנטייל אויף די דיכטערישע טעקסטן פון אַרן ווערגעליס. די עלטער האָט אויף אים קיין שליטע ניט געהאַט. ס'איז מאַמעש שווער זיך פאָרשטעלן, אַז אַ טיפער זאָקן האָט פאַרפאַסט מוזיק צו אַזעלכע לעבנסבאַשטעטנדיקע לידער, ווי „נעמט אַוועק די קינדער", „אַ טרער", „שטיי אויף, מײַן שטעטעלע", „ייִדישע טעכטער", „שיר־השירים", „כ'וואָלט אַ יאַם אַריבער" און אַנדערע. אין אָט די אַלע לידער בלײַבט יאַמפּאָלסקי טרײַ די ייִדישע געזאַנג־טראַדיציעס, און, ווי אַלעמאָל, קלינגען זיי פאָלקסטימלעך, אין עכטן נאַציאָנאַלן נוסעך.

צוויי און זעכציק יאָר האָט לייב יאַמפּאָלסקי טרײַ, מיט ווירדע און ליבע געטראָגן דעם הויכן טיטל — ייִדישער סאָוועטישער קאָמפּאָזיטאָר. אויף לאַנג וועט אין אונדזער זיקאָרן פאַרבלײַבן דער באַגײַסטערטער זינגער, וועלכער האָט זײַן גרויסן טאַלאַנט, אַלע זײַנע קויכעס, זײַן גאַנץ לעבן אָפּגעגעבן דער ייִדישער סאָוועטישער מוזיק.

מוישע נאַכימאָווסקי

כראָניק

ביראָבידזשאַנער נײַעס

אַן אויסשטעלונג פון מאָלער

אין ביראָבידזשאַנער קולטור־פּאַלאַץ איז באַוויזן געוואָרן אַן אויסשטעלונג פון מאָלערײַ און גראַפיק, אויף וועלכער עס זײַנען פאָרגעשטעלט די בעסטע שאַפונגען סײַ פון די שוין באַוווּסטע אין דער געגנט מאָלער, סײַ פון די יונגע.

אַ געפיל פון שטאָלצקײַט פאַרן לײַבלעכן קאַנט רופן אַרויס וו. מאַליוקס פּייזאַזשן „דער ווינטער איז געקומען", „אַ זומער־בײַדל", „מיידלעך־ליזשניצעס", „נאָכן געוויטער" אאַ. מיט פרישקײַט און זאַפטיקער פאַרבן־גאַמע ציִען זיי צו די אויפמערקזאַמקײַט פון די באַזוכער.

אַ גוטן אײַנדרוק מאַכן יו. באָנדאַרעווס אַקוואַרעלן („ס'וועט זײַן אַ רעגן", „אין אַ פײַכטן וועטער", דער נאַטורמאָרט „אַסטרעס"), דעם יונגן מאָלער גיט זיך אײַן צו אַנטפּלעקן די איידלסטע ניואַנסן אין דער נאַטור.

מיט אַ היפּשער צאָל מאָלערישע און גראַפישע אַרבעטן איז פאָרגעשטעלט וו. מיזגאַלסקי — איינער פון די פרוכטבאַרסטע ביראָבידזשאַנער מאָלער. בײַ אים קאָן מען זען ניט נאָר לירישע פּייזאַזשן, נאָר אויך אינדוסטריעלע מאָטיוון, פאָרטרעטן פון אַרבעטס־מענטשן („די טויערן פון זייע" „גרענעצלער", „בײַ די הויכע ברעגן פון אַמור" אאַ.).

מיט אינטערעסאַנטע בילדער און פּייזאַזשן זײַנען פאָרגעשטעלט די קינסטלער נ. שטאַנקאָ, ד. אַלעקסייצעוו און דער יונגער מאָלער ס. ריבקין.

די צײַטונג „ביראָבידזשאַנער שטערן" כאַראַקטעריזירט די אויסשטעלונג ווי אַ וויכטיקע געשעעניש אינעם קולטור־לעבן פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט.

אַלטע און נײַע שטעט

ביז דער רעוואָלוציע זײַנען אין ווײַטמיזרעכדיקן קאַנט געווען בלויז צוויי שטעט — כאַבאַראָווסק און ניקאָלײַעווסק־אויפן־אַמור. עס האָבן זיך פאַרהיט פאָטאָגראַפיעס, וועלכע זאָגן עדות וועגן דעם „הילצערנעם אָנבליק" פון די דאָזיקע שטעט. אין אַן עמבריאָן־צושטאַנד האָט זיך דעמלט געפונען אויך זייער אינדוסטריע.

פאַר די יאָרן פון דער סאָוועטנמאַכט האָבן זיך באַוויזן קאָמסאָמאָלסק־אויפן־אַמור, ביראָבידזשאַן, סאָוועטסקאַיאַ גאַוואַן.

דער בוך „די שטעט פון כאַבאַראָווסקער קאַנט", וואָס איז דערשינען אין קאַנטישן צענטער, דערציילט אויספירלעך וועגן אַכט שטעט, וועגן זייער פאַרגאַנגענהײַט, קעגנוואַרט און צוקונפט. כוץ די אָנגערופענע שטעט, זײַנען אינעם בוך פאָרגעשטעלט אויך אַמורסק, סאָלנעטשני, אָכאָטסק.

דעם בוך האָט צוגעגרייט אַ קאָלעקטיוו זשורנאַליסטן און פּאָטאָרעפּאָרטיאָרן.

געשטאָרבן העלענע כאַצקעלס

באַם שליסן דעם נומער איז אָנגעקומען די טרויעריקע ידיעה, אַז דעם 26 יאַנוואַר האָט איז אין קאָוונע אין עלטער פון איין און נײַנציק יאָר נאָך אַ לאַנגער און שווערער קרענק געשטאָרבן די באַוווּסטע קינדער־שרײַבערין און פּעדאַגאָג, פאַרדינסטפולע לערערין פון דער ליטווישער סאָוועטן־רעפּובליק העלענע כאַצקעלס.

מיט איר טויט האָט די ייִדישע סאָוועטישע קולטור פאַרלאָרן איינעם פון אירע טרײַע פאָרשטייער.

מיר פאַרנייגן די קעפּ פאַר איר ליכטיקן אָנדענק.

אַ לעבנסלוסטיקער ספּעקטאַקל

בײַ אונדז אין לאַנד זײַנען פאַר יעדן מענטשן געשאַפן די ברייטסטע מעגלעכקײַטן אַלזײַטיק צו אַנטפּלעקן זײַנע פעיִקײַטן און שעפערישע מעגלעכקײַטן און אין דער מאָס פון זײַנע פאַרדינסטן באַקומט ער אַ קאָוועד, אַ רום — אַ באַלוינונג פאַר איבערגעגעבענער מי, פאַר נוצלעכער געזעלשאַפטלעכער טעטיקײַט צוגונסטן דעם פאָלק, דעם היימלאַנד.

פאַראַן אָבער מענטשן, וואָס ווילן ניט פאַרשטיין אָט דעם אומבאַשטרײַטבאַרן געזעץ פון אונדזער לעבן, און פּרוּוון גענוסן קאָוועד און רום, ניט האָבנדיק דערויף קיין מאָראַלישע רעכט. אײנעם אַנטבלויזן דעם עמעסן מעהוס פון אַזעלכע לײַט באַשטייט דער פּאַטאָס פון ב. מילערס פּיעסע „פון הימל פאַלט גאָרניט אַראָפּ“. דאָס איז אַ לײַכטע, פריילעכע קאָמעדיע, ווו גוטמוטיקער הומאָר גייט ערטערווײַז אַריבער אין בײַסיקער סאַטירע.

דער סוזשעט פון דער קאָמעדיע איז טראַדיציאָנעל געבויט אױף אַ מיספאַרשטענדעניש. אַרויסגערוקט אַלס קאַנדידאַט פאַר אַ דעפּוטאַט אין געגנטלעכן סאָוועט האָט מען דעם כּשעוון עקסקאַוואַטאָרשטשיק פונעם בוי־טרעסט גרײַזער סעמיאָן מאַטסייעוויטש. אַלפּי־טאָעס אָבער האָט דער פּאָטשטאַליאָן אָפּגעגעבן די טעלעגראַמע וועגן דעם גרײַזערן סאָלאָמאָן מאַרקאָוויטשן — דעם הויפּט־בוכהאַלטער פון דעם זעלבן טרעסט. די מיספאַרשטייעניש האָט געדויערט בלויז עטלעכע שאָ, נאָר פאַר אָט דער קורצער צײַט באַוויזט דער הויפּט־העלד צו אַנטפּלעקן פאַר די אַרומיקע זײַן עמעסן מעהוס.

די ראָל פון סאָלאָמאָן מאַרקאָוויטש גרײַזערן פּילט אויס דער אַרטיסט מ. שיין. מיט שאַרפע סאַטירישע פאַרבן דעקט ער אוף דעם פּאַרצעף פון אָט דעם זעלבסטצופרידענעם מענטשן, זײַן קאַריעריזם. גרײַזער פאַרמאָגט אַן אייגענע, זייער באַקוועמע פאַר אים „פילאָסאָפיע“. מענטשן זײַנען פאַר אים „אַלצײַנע כּעזשבן־ביינדלעך, אַלע ענלעך איינער אַפן אַנדערן; ניט מער, איינע — שווארצע, די אַנדערע — ברוינע“.

באַזונדערס אויסדריקלעך אַנטפּלעקט מ. שיין די באַגרענעצטקײַט און נעשאָמע־פּוסטקײַט פון זײַן פּערסאָנאַזש אין דער סצענע, ווו סאָלאָמאָן מאַרקאָוויטש גרייט די ערשטע רעדע פאַר די וויילער. מער פון אַ פּאָר פּוסטע פראַזן איז ער ניט אימשטאַנד אַרויסצובריינגען פון זיך, ווײַל ער האָט ניט וואָס צו זאָגן די וויילער — זיי זײַנען דאָך פאַר אים ניט מער ווי כּעזשבן־ביינדלעך...

מ. שיין ווײַזט, וויאַזוי פאַר די עטלעכע שאָ פונעם „גליקלעכן טאָעס“ וואַקסט בײַ סאָלאָמאָן מאַרקאָוויטשן די זיכערקײַט אין דער אייגענער „אויסדערוויילטקײַט“, אין דעם, אַז ער האָט „פאַרדינסטן“. אין דער פינאַל־סצענע האַלט ער זיך שוין ווי אַ מעלוכע־מאַן, און דאָס פאַרשאַרפט נאָך מער דעם קאָמיזם פון דער סיטואַציע.

אינטערעסאַנט פּילט אויס די ראָל פון גרײַזערס פרוי אידע לוואָוונע די אַרטיסטקע ב. שילמאַן. זי



באַציט זיך סקעפּטיש צו סאָלאָמאָן מאַרקאָוויטשעס איבעראַשנדיקער מיטיילונג וועגן דעם, אַז ער איז קאַנדידאַט פאַר אַ דעפּוטאַט. „עפּעס גלייבט זיך מיר ניט... אַזאַ זאַך...“ — זאָגט זי צו אים, זי ווייסט דאָך גוט דעם עמעסן פאַרנעם פון איר מאַן. זי האַלט אָבער אויך פון גרײַזערס טעזיס: „אויב מע גיט, מיסטאָם קומט“. אין דער ראָל פון אידע לוואָוונע שאַפט ב. שילמאַן אַ סאַטיריש געשטאַלט פון אַ פרוי, וואָס האַלט זיך פאַר אַן אינטעליגענטקע, כאָטש זי איז זייער ווײַט פון אַזאַ, און איז, פּונקט ווי איר מאַן, אײַנגאַנצן אַרײַנגעטאָן אין קליינלעכע אינטערעסן.

די גײַסטלאָזיקײַט, די „פאַרשטויבטע אַטמאָספער“, אין וועלכער עס לעבן אַזעלכע מענטשן, ווי סאָלאָמאָן מאַרקאָוויטש, אידע לוואָוונע און זייער גלײַכן, שטרײַכט אונטער אַף איר שטייגער די אַלטע שטובאַרבעטערן פריידע (די דאָזיקע ראָל פּילט געלונגען אויס די פאַרשול־טוערן ב. זשידאָוועצקאַיאַ). טאַקע פון איר ענערגישן מאָנאָלאָג דערוויסן מיר זיך וועגן גרײַזערס „אינטערעס“ צו קולטור, וועלכער דריקט זיך אויס אין „אַ פּאַליצע מיט גרינע, אַ פּאַליצע מיט רויטע, אַ פּאַליצע מיט בלאָווע טאָוולען“ — ביכער, וואָס שטויבן זיך יאָרנלאַנג אין שראַנק, און קיינער רירט זיך צו זיי ניט צו.

אינעם ספּעקטאַקל ווערן באַוויזן גרײַזערס שכיינים און באַקאַנטע, וואָס זײַנען אײַנגעלאַדן אַף „אַ קליינינקער פריינטלעכער וועטשערע“. אייניקע פון זיי זײַנען פון דעם זעלבן שניט, וואָס די גרײַזערס. דער גרעסטער טייל אָבער — געוויינלעכע סאָוועטישע מענטשן — ווייסן גוט, וואָס סאָלאָמאָן מאַרקאָוויטש שטעלט מיט זיך פאָר, און זיי באַציִען זיך צו אים



א סצענע פונעם ספעקטאקל. פון רעכטס אף לינקס: בוזי שילמאַן אין דער ראָל פון אידע לוואָוונע, מישע שיין — סאַלאָמאָן מאַרקאָוויטש גרייזער, בראָניע זשידאָוועצקאַיא — פריידע.

פאָטאָ — יע. קאָרסונסקי.

מיט פארבאָרגענער אָדער אפילע אָפענער איראָניע. זיי פילן, אז אינעם ארויסרוקן אים אלס קאנדידאט פאר א דעפוטאט שטעקט עפּעס א מיספארשטייעניש.

מע דארף זאָגן, אז עס איז געלונגען קימאט אלע אויספּילער פון די ניט גרויסע עפּיזאָדישע ראָלן צו שאפן פארגעדענקלעכע כאראקטערס אָדער אנטפּלעקן געוויסע בוילעטע כאראקטער־שטריכן. פון געציילטע (עמעס, זייער טרעפלעכע) רעפּליקעס שטעלט אוף א. ליסקאָוויטש א פארגאנצט געשטאלט פון דער גײַוועדיק פאריסענער יעווגעניע אָסיפּאָוונע, וועלכע האָט פּרעטענזיעס אף צו שפּילן א ראָל פון א גרויס־שטאָטישער דאמע. זי האלט זיך העכער פון די גרײַזערס שוין דערפאר, וואָס איר מאן פארנעמט א גרעסערע שטעלע.

די עמעסע באציִונג פון די געסט צו סאָלאָמאָן מארקאָוויטשן דריקט אמבוילעטסטן אויס ב. מאזאָ, וועלכע שאפט דאָס געשטאלט פון זיזי מיכײַלאָוונע. די אקטריסע שפּילט טעמפּעראמענטפול און מיט א גוטן געפיל פון הומאָר. אירע סצענעס מיט סאָלאָמאָן מארקאָוויטשן געהערן צו די געלונגענסטע אינעם ספּעקטאקל.

דער ארטיסט מ. עפּשטיין האָט באוויזן, וויִאזוי בא א דערפארענעם אקטיאָר קאָן אפילע א גאָר קליינע עפּיזאָדישע ראָל באקומען פלאסטישע אויסדריקלעכ־קײַט און אָנגעפילט ווערן מיט לעבן. זײַן זינאָווי נאומאָוויטש טירזאָן, דער ענטוזיִאסט פון דער קינסט־לערישער זעלבסטעטיקײַט, איז א קאָלאָריטפולע לע־בעדיקע פיגור, א לוסטיקער פארשוין, א מין ווײַטער גילגל פון די אמאָליקע באדכאָנים.

ריידנדיק וועגן די אויספּילער פון די עפּיזאָדישע ראָלן, ווילט זיך אָפּמערקן ש. קאָניקן, וועלכער האָט אין ב. מילערס פּיעסע בארײַכערט זײַן סצענישע דערפארונג. דער געהילפס־בוכהאלטער יעווסיי יעפּי־מאָוויטש ליבקין, וועלכן ש. קאָניק שפּילט אין דער קאָמעדיע, איז א מענטש, וואָס קוים מע באמערקט אים, נאָר בייס דער וועטשערע בא גרײַזערן אנט־פּלעקט ער זיך אלס גײַסטיק א מער רײַכערער, איידער זײַן שעף. דאָס דערציילט ער אין רעכטן ברען פון דער סימכע א מאָשל, אין וועלכן ער גיט אָנצוהערן גרײַזערן, אז „דער בראנפן איז ניט קיין בראנפן און די קיילע איז ניט קיין קיילע". דאָס זאָגט ער די ווערטער, וועלכע קומען ווי א סאכאקל אין דער קאָמעדיע: „פון הימל פאלט גאָרניט אראָפּ..."

א גוטן אײַנדרוק לאָזן איבער די אויספּילער פון די טענץ אינעם ספּעקטאקל (ט. טשערניס, א. ציר־פּערמאן, ל. קאָניק און ב. זילבערמאן. באלעטמייסטער ט. טשערניס).

די אויספורעמונג פונעם ספּעקטאקל (וו. מיזגאלסקי און ג. שטאנקאָ) גיט א באשטימטע פאָרשטעלונג וועגן דער שטאָט בירָאבידזשאן מיט אירע גאסן און געבײַען, אפן פאָן פון וועלכע עס קומט פאָר די האנדלונג. די דעקאָראציעס זײַנען אָבער איבערגע־לאָדן מיט דעטאלן. אין א מער „לופטיקן", פארר־אלגעמיינערטן פלאן וואָלטן זיי בעסער אנטשפּראָכן דעם גײַסט און דער אטמאָספער פונעם ספּעקטאקל. ס. ראבונסקיס מוזיק איז אינטערעסאנט און הײַנט־צײַטיק.

די בירָאבידזשאנער צושויער האָבן ווארעם אופ־גענומען דעם פריילעכן ספּעקטאקל, וועלכער קעמפט מיט געווער פון סאטירע קעגן די אנטפּלעקונגען פון קליינבירגערלעכער פסיכאָלאָגיע. דער ספּעקטאקל „פונעם הימל פאלט גאָרניט אראָפּ" (רעזשיסער — ב. שילמאן) איז אן איבערצײַגעוודיקער באווײַז, אז דער קאָלעקטיוו פונעם בירָאבידזשאנער ייִדישן פאָלקס־טעאטער דארף און קאָן מיט דערפאָלג ארר־בעטן איבער דער הײַנטצײַטיקער טעמע.

ה. ראבינקאָוו

שאפונגען פונעם קינסטלער שימען גרוזבערג (לוואָוו)

פּאָרטרעט פונעם מאָלער א. ערדעלי

דער פארדינסטפולער ארטיסט
פון רספסר א. בעניאמינאָוו אין
יעווגעני שווארצס פיעסע
„דער שאָטן"



א אלטיטשקער

דאָס שאָלעם-אַלייכעם-געסל אין קאמענעץ-פּאָדאָלסק

דער אלטער שלאָס



צוויי פרויען־פּאָרטרעטן

קאָמענטאַרן פון רעדאַקציע

היט זיך פאַר דער אַוואַנטיוריסטקע עסטער לאַזעבניקאָווא

מיר גיבן צו וויסן די פרײַנט פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור, אַלע ייִדישע געזעלשאַפטלעכע און קולטור־טוער פון גוטן ווילן, אַז די קאַמפּאַניע, וואָס עס פירט איצט אין אייניקע לענדער עסטער לאַזעבניקאָווא, וועלכע איז געווען דאָס ווײַב פון פּערעץ מאַרקישן, האָט ניט קיין שום שײַכעס צו די אינטערעסן פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור און איז, וואָס שײַעך עסטער לאַזעבניקאָווען, אויסגערעכנט פון אָנהייב ביזן סאָף אויף צו דינען אירע מאַטעריעלע צוועקן. די ציוניסטישע רעכילעס־פּראָפּאַגאַנדע נוצט אויס די דאָזיקע פּרווּ אויף אָנצוטאָן שאָדן דעם סאָוועטנפאַרבאַנד, דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור.

אין דער סוויווע פון די סאָוועטישע ייִדישע שריפטשטעלער איז עסטער לאַזעבניקאָווא פון שטענדיק אָן באַוווּסט ווי אַזאַ, וואָס האָט ניט געטיילט מיט דעם גרויסן סאָוועטישן דיכטער און פּאַטריאָט פּערעץ מאַרקיש ניט זײַנע פּאָליטישע אָנשויוּנגען, ניט זײַנע אינטערעסן אַלס קינסטלער. זײַענדיק אַ פּרווּ מיט מידעס, גאָר ווײַטע פון דעם סיידער אין מישפּאָכעס פון ליטעראַטור־שעפער, איז זי בײַ פּערעץ מאַרקישעס לעבן געשטאַנען אין אַ זײַט פון זײַן שעפערישער טעטיקײַט. נאָך מאַרקישעס טראַגישן אומקום איז זי שוין עטלעכע מאָל געווען פאַרהייראַטעט. נאָר האָבנדיק אין זינען די האָנאָראַרן פאַר די אויסגאַבעס פון איר געוועזענעם מאַן, האָט זי ניט ארײַנגעטראָגן קיין יורידישע ענדערונגען אין איר פאַמיליען־לעבן.

ווי באַוווּסט, איז לויטן סאָוועטישן געזעץ אײַנגעשטעלט פאַר יאָרשים פון ליטעראַטור־שעפער אַ מאַטעריעלער יערושע־טערמין. די יאָרשים באַקומען באַצאָלטס פאַר די אויסגאַבעס אין משך פון פופצן יאָר נאָכן טויט פונעם שרײַבער. ביזוואַנען דער דאָזיקער געזעץ האָט געגעבן עסטער לאַזעבניקאָווען אַ מעגלעכקײַט צו באַקומען די היפּשע האָנאָראַרן פאַר די אויסגאַבעס פון פּערעץ מאַרקישעס ווערק אין סאָוועטישע פאַרלאַגן, האָט זי ניט ארויסגעוויזן קיין מינדסטן ווילן צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד. אַגעוו, זי איז אין יענע יאָרן עטלעכע מאָל געפאָרן צוליב אירע פּערזענלעכע אינטערעסן קיין פראַנקרײַך און צוריק זיך אומגעקערט אין סאָוועטנפאַרבאַנד, ווו זי האָט געהאַט כעזשבוינעס מיט די פאַרלאַגן. לעצטנס אָבער, ווען דער אײַנגעשטעלטער יערושע־טערמין האָט פאַר איר זיך פאַרענדיקט, איז מיטאַמאָל פאַרגעקומען אַן ענדערונג אין איר אויפירונג. זי, עסטער לאַזעבניקאָווא, וועלכע ווייסט קוים־קוים דאָס לשון, אויף וועלכן ס'האָט געשריבן איר געוועזענער מאַן, און האָט קיינמאָל ניט ארויסגעוויזן דעם מינדסטן אינטערעס צו נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען פונעם ייִדישן פאָלק, — זי האָט מיטאַמאָל גענומען טומלען אויף אַלע ראָגן, אַז זי וויל ארויספאָרן אַהין, ווו עס געפינט זיך „איר פאָלק", — קיין ייִסראָעל. אין צוזאַמענהאַנג מיט די סקאַנדאַלן, וואָס לאַזעבניקאָווא פלעגט מאַכן אין פאַרשיידענע אַדמיניסטראַטיווע אָרגאַניזאַציעס פון מאָסקווע, צוציִענדיק צו דעם די אויפמערקזאַמקײַט פון בורזשואַזע זשורנאַליסטן און טוריסטן, האָט די סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער־געזעלשאַפטלעכקײַט געמאָלדן, אַז דער איניען אַרום לאַזעבניקאָוועס ווען ארויספאָרן פון פּסר קיין ייִסראָעל איז אַ שטייגערישער, ווי אַנדערע איניאָנים פון דעם מין, און ער האָט קיין שום שײַכעס נישט — ניט צו דער שאַפונג און ניט צו דער פּערזענלעכקײַט פון פּערעץ מאַרקישן. אַלע פּרוּוון לאַזעבניקאָוועס ארײַנצושלעפּן פּערעץ מאַרקישעס נאָמען אין אירע ספּעקולאַציעס וועלן זיך ענדיקן מיט גאָרניט. פּערעץ מאַרקיש איז געווען און איז אין זײַנע ווערק פאַרבליבן איינער פון די פאָנענטרעגער פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור, אַ שרײַבער־קאָמוניסט, אַ קאָנסעקווענטער קעמפער קעגן די קאָלערליי רעכילעסטרײַבער, באַשמוצער פון זײַן סאָציאַליסטיש היימלאַנד.

עסטער לאַזעבניקאָווא און איר זון זײַנען ארויסגעפאָרן פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד קיין ייִסראָעל. ביז דעמלט האָבן זיי בײַ יעדער געלעגנהײַט דערקלערט, אַז זיי קאָנען זיך ניט דערוואַרטן דעם מאָמענט צו פאַרקאַטשען די אַרבל און העלפן בויען די מעדינע. ס'איז אָבער ניט דורכגעגאַן קיין כוידעש, ווי די „ציוניסט־

קע״, ווי זי רופט זיך איצט, און איר יוירעש (וועלכער האָט גלײַך באם אָנקומען אין טעל־אוויוועער אעראָפּאָרט דערקלערט, אז ער, דער זון פון פּערעץ מארקישן, טרעט ארײַן אין דער יִשׂראָעלדיקער פאשיסטישער פּארטיי „כיירוט״) האָבן זיך אוועקגעצויגן קיין פראנקרײַך, דערנאָך קיין בעלגיע. זיי האָבן אפילע ווי ס׳געהער צו זײַן ניט אוועקגעשטעלט אין דער יִדישער מעדינע די טשעמאָדאנעס — טייקעף זיך אָנגעדונגען צום עקסטרעמען ציִעניזם און אנטיסאָוועטיזם, געגומען מאכן געשעפט, אויסרעכענענדיק, אז אנטיסאָוועטישע סענסאַציִעס ווערן גוט באצאָלט.

די אוואנטיוריסטקע עסטער לאזעבניקאָווא און איר צעטראָגענער זון זײַנען ארויס אף דער אנטיסאָוועטישער באראכאָלקע צו האנדלען מיטן נאָמען און מיטן קאָוועד פון פּערעץ מארקישן. זייער מעטאָד: לאָזן רינען א טרער און אויך ארויסרופן א טרער בא די צוהערער, שפּילנדיק די ראָל פון אָנשטענדיקע מענטשן, דערבײַ אָנהויפן וואָס מער רעכילעס אפן סאָוועטנפארבאנד, קעדיי אויסלייזן וואָס מער שאָדן־„האָנאָראר״ באם ציִעניזם. די ציִעניסטישע פּראָפּאגאנדע־צענטרען, פון זייער זײַט, רעכענען אויס, אז עס וועט געבן גינסטיקע פּאר זיי רעזולטאטן דער ספּעקטאקל מיט „פּערעץ מארקישעס לעבנס־באגלייטערן״, — קימאט אזוי, ווי, דערמאָנען מיר זיך, די בארימטע שפּיל מיט די „זין פונעם לייטענאנט שמידט״ בא איליא אילפן און יעווגעני פּעטראָוון.

אזא איז דער פּארטראכט און דער מיין פון די שענדלעכע ספּעקטאקלען, וואָס דער ציִעניזם אָרדנט אײַן מיט דער קליינקאליבערדיקער אוואנטיוריסטקע עסטער לאזעבניקאָווא אף „פּרעסע־קאָנפערענצן״ און „פּראָטעסט־פארזאמלונגען״.

וועגן דעם אינהאלט פון לאזעבניקאָוועס פּלאפּלערײַען וועלן מיר דאָ ביכלאל ניט ריידן, ס׳איז דער זעלבער ביליקער רעפּערטואר, וואָס איז שוין גענוג דערעסן אפילע אין די אויסלאנדס. פאר אונדז איז קלאָר, אז דער ציִעניזם וועט אינגיכן ארויסווארפן, ווי אן אויסגענוצטע, די ביליקע אוואנטיוריסטקע, ווײַל וואָס־וואָס, נאָר די ווערק פון פּערעץ מארקישן, וועלכע זײַנען אין טאָך אנטיציִעניסטישע, וועט דער ציִעניזם פאר זיך ניט אײַנהאנדלען.

הייסט עס, אז געבליבן איז לאזעבניקאָווען די ברײרע צו האנדלען מיט סקאנדאלן. אָבער ס׳איז א סאָפעק, צי ס׳וועט זיך איר אײַנגעבן א לענגערע צײַט אזוי־אָ אָפּנארן די געזעלשאפטלעכקײַט.

בלויז אין צוזאמענהאנג מיט איין פונקט פון דער אוואנטיוריסטקעס רעפּערטואר וועלן מיר דאָ ברענגען א קורצע ספּראווקע.

קעדיי צו שאפן א סאקראמענטאלע שטימונג אף אירע אנטיסאָוועטישע ספּעקטאקלען, גיט לאזעבניקאָווא געוויינלעך צו וויסן דעם אוילעם־גוילעם (ווי זי מיינט), אז ארויסגעפאָרן פונעם סאָוועטנפארבאנד איז זי דערפאר, ווײַל בא אונדז איז „פארבאָטן ארויסצוגעבן מארקישעס ווערק״. וועלן מיר אויסרעכענען פּערעץ מארקישעס ביכער, וועלכע זײַנען דערשינען פאר די לעצטע יאָרן:

אף יידיש איז דערשינען דער ראָמאן „טראָט פון דורעס״ מיט א נאָכוואָרט פון הערש רעמעניק. 680 זײַטן, 15 טויזנט קאָפּיעס.

אף רוסיש, אין פארלאג „סאָוועטסקי פּיסאטעל״: א באנד „אויסגעווײלטע לידער און פּאָעמעס״. ארײַנפיר־ארטיקל פון באָריס לאוורעניאָוו. 415 זײַטן, 10 טויזנט קאָפּיעס; אן אקאדעמישע אויסגאבע אין דער גרויסער סעריע פון סאָוועטישער דיכטונג — „לידער און פּאָעמעס״. ארײַנפיר־וואָרט פון סערגיי נאראָווטשאטאָוו. 702 זײַטן, 25 טויזנט קאָפּיעס. אין מעלוכישן ליטעראַרישן פארלאג „גאָסליטיזדאט״: צוויי בענדער „געקליבענע ווערק״. ארײַנפיר־ארטיקל פון הערש רעמעניק. אין ערשטן באנד — 382 זײַטן, אין צווייטן באנד — 318 זײַטן, יעדער באנד צו 20 טויזנט קאָפּיעס; א זאמלונג „לידער״ אין דער סעריע „סאָוועטישע פּאָעזיע״. 223 זײַטן, 10 000 קאָפּיעס.

די ווערק פון פּערעץ מארקישן ווערן אין מעשעך פון העכער צען יאָר רעגולער געדרוקט און איבערגעדרוקט אין אונדזער זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד״. דער זשורנאל האָט פּיל אופגעטאָן אף צו געבן א ווירדיקע אָפּשאצונג דער שאפונג פונעם גרויסן סאָוועטישן שרײַבער. ניט איין מאָל איז אויסגעקומען צו פארטיידיקן זײַן גוטן נאָמען פון די אָנפאלן מיצאד די יעניקע, אין וועמעס לאגער עס איז איצט אנטלאָפן אף צו מאכן ביזנעס דאָס געוועזענע ווײַב.

מיר בעטן דאָ עפנטלעך די יִדישע פּרעסע פון אויסלאנד, אלע צײַטונגען און זשורנאלן, איבערדרוקן די דאָזיקע נאָטיץ אונדזערע, ווי אויך איבערגעבן זי אין דער אלגעמיינער פּרעסע פון די לענדער, ווו עס וועט זיך באווײַזן מיט איר שאָדן־שליכעס פונעם ציִעניזם די אוואנטיוריסטקע עסטער לאזעבניקאָווא.

לאָמיר ניט דערלאָזן, אז אזוינע, ווי זי, זאָלן פארווירקלעכן זייערע אייגננוציקע פּלענער, אָנטועענדיק שאָדן דער יִדישער ליטעראטור.

מאקסים גאָרקי און כאַיִם-נאַכמען ביאַליק

(לויט מאטעריאַלן פון מ. גאָרקיס ארכיוו)

דאָס ערשטע מאָל האָט זיך גאָרקי באקענט מיט ביאַליקס ווערק אין סאָף 1901. אלעקסיי מאקסימאָוויטש האָט דעמלט פארטראכט ארויסצוגעבן א זאמלונג ווערק פון ייִדישע שרײַבער פארן רוסישן לייענער. די דערציילונגען פון פּערעץ, שאָלעם־אלייכעם און נאָמבערג, וועלכע עס האָט אים געבראכט אין דער רעדאקציע פון „ניזשעגאָראָדסקי ליסטאָק" ל. קונין, זײַנען אים באזונדערס געפעלן געוואָרן, און ער האָט באופטראָגט צוויי מאָסקווער ליטעראטן — וו. פּאָטיאָמקינען און א. גאָלדאָווורסקין — צונויפצושטעלן און אויסרעדאגירן די זאמלונג. בייסן גרייטן די אויסגאבע האָט פּאָטיאָמקין מיטגעטיילט גאָרקין וועגן ביאַליקן (אין א בריוו פון 9 אָקטיאבער 1901):

„...נעכטן האָט מען מיר געבראכט פון אָדעס אייניקע לידער פון אן אויסגעצייכנטן דיכטער — א סאמאָראָדאָק ביאַלעק (אזוי אין בריוו. — א. פּ). ער שרײַבט אָף זשארגאָן און אָף העברעיִש. ער איז אלט 30 יאָר, ווייניק געבילדעט, נאָר די נאטור האָט אים אויסערגעוויינלעך רײַך באשענקט. מענטשן, וועלכע קענען גוט זײַן דיכטונג — ער דרוקט זיך אין איינעם אן אָדעסער זשורנאל, — באהויפּטן, אז דאָס איז בעעמעס געניִאַלע שאפונג, און דערבײַ טיילן זיי מיט, אז אָנגעבלעך האָט מען עפנטלעך און ניט איין מאָל אָנגערופן ביאַליקן אפילע „דער שטאָלץ פון ייִדישן פאָלק". איך האָב געפונען פאר מײַן כויוו צו באקענען זיך מיט זײַנע לידער. מע האָט מיר געוויזן דרײַ, און איך אנערקען, אז לויט דער מוטיקער הארטקײַט, לויט דער רײַכקײַט אין ניואנסן, לויט דער דורכזיכטיקײַט פון די בילדער און לויט דער פּולקאָמענהײַט פון די פאָרמען האָבן זיי מיר דערמאָנט פּושקינען. איך האָב געבעטן שיקן מיר נאָך לידער פון ביאַליקן, און ווען איך וועל זיי באקומען, וועל איך אָנשרײַבן פרוגן א ביטע, ער זאָל עטוואָס איבערזעצן פאר דער זאמלונג. אגעוו, א ציקאווער פּראט: ביאַליק לעבט (דוכט זיך, מיט א מישפּאָכע) אָף 30 רובל א כוידעש און שרײַבט לידער ווו און וויִאזוי סע מאכט זיך. איינס פון זײַנע בעסטע לידער האָט ער אָנגעשריבן אָף פארשמאָלצעוועט פּאפּיר, אין וועלכן ס'איז געוועזן אײַנגעוויקלט א הערינג, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר א קיבעד פאר אָרעמעלײַט"[1].

דאָס צווייטע מאָל האָט גאָרקי געטראָפן ביאַליקס נאָמען אין א קאָפּיע פון א בריוו צו גאָלדאָווסקין פארן 12 נאָיאבער 1901, וואָס עס האָט אים צוגעשיקט שאָלעם־אלייכעם. צושטעלנדיק זײַן פּלאַן פון דער פּלאַנירטער זאמלונג, לייגט שאָלעם־אלייכעם פאָר אײַנשליסן אין איר דרײַ ביאַליקס לידער און כאראקטעריזירט ביאַליקן ווי א דיכטער, „וואָס ס'איז א סאָפעק, צי עס וועט זיך געפינען א גלײַכער צו אים אין אונדזער פילדויִרעסדיקער ליטעראטור"[2].

דעם 13 דעקאבער 1901 שרײַבט פּאָטיאָמקין צו גאָרקין ווידער: „איינעכטן האָב איך באקומען פון אָדעס א פארצייכענונג, געשריבן פונעם בארימטן ביאַליק. די פארצייכענונג איז א גרויסע און א ביז גאָר אָרגינעלע. קיין שום באוועגונג אין איר, קיין שום געשעענישן. ס'איז דאָ נאָר א פיגור, און טאקע זי האלט דער אווטאָר אין איין קלעפּן, ניט אָפּלאָזנדיק זי אָף קיין רעגע. עס האָט זיך באקומען א סקולפּטור־בילד, אין יעדער שטריך פון וועלכן ס'איז אײַנגעקריצט, אָף ניט צו פארווישן, די קראפט פונעם קינסטלער"[3].

ענטפערנדיק פּאָטיאָמקינען אפן בריוו, שרײַבט גאָרקי, אז ס'איז נייטיק אָנשרײַבן א ביִאָגראפישע פארצייכענונג וועגן ביאַליקס פערזענלעכקײַט און וועגן זײַנע ווערק. אין א ווײַטערדיקן בריוו שרײַבט ער צו פּאָטיאָמקינען, איבערשיקנדיק אים ל. יאָפּעס איבערזעצונג פון ביאַליקס לידער, אז די איבערזעצונגען געפעלן אים.

אין 1911 איז אין פּעטערבורג ארויס א בוך ביאַליקס לידער און פּאָעמעס אין דער רוסישער אווטאָריזירטער איבערזעצונג פון וו. זשאבאָטינסקי. אין א בריוו צו שאָלעם־אלייכעמען שרײַבט גאָרקי אין אפּרעל 1911, אז ער לייענט ביאַליקן, און „ווי מיר דוכט זיך, איז ער א געניִאלער דיכטער"[4].

ביאַליקס ווערק, מיט וועלכע גאָרקי האָט באקומען א מעגלעכקײַט צו באקענען זיך אין דער רוסישער איבערזעצונג, האָבן געמאכט אָף אים אזא טיפן אײַנדרוק, אז ער שיקט דעם באנד לידער פון קאפּרי קיין מאָסקווע צו זײַן זון מאקסים מיט א מאָטאָנע־אופשריפט. אין א בריוו צום זון שרײַבט ער:

„מײַן ליבער זוניטשקע! איך שיק דיר א בוך פונעם דיכטער ביאַליק. זייער א שטארקער דיכטער. ער איז פול מיט ליבע און צאָרן און לײַדט ערנסט פאר זײַן פאָלק. כ'וואָלט געוואָלט, דו זאָלסט די לידער איבערלייענען און א טראכט טאָן איבער זיי. וואָס דו וועסט ניט פארשטיין, וועט דיר זאָגן די מוטער"[5].

אין דער זעלבער צײַט, אין א בריוו צו יעקאטערינא פּעשקאָווא פארן 8 אווגוסט 1911, פרעגט גאָרקי צווישן אנדערס, צי זי האָט דערהאלטן ביאַליקס בוך, און זײַן אָפּשאצונג דריקט ער אויס אין דער פאָרם פון א פראגע: „כאָראָש?" (דה. גוט, הא?), אין וועלכער עס הערט זיך א באגײַסטערטע באציִונג צום דיכטער.

---

[1] ארכיוו פון א. מ. גאָרקי. דאָקומענט קגל — 64691.

[2] דאָרט, דאָקומענט פּטכ — 28054. צום ערשטן מאָל פארעפנטלעכט אין „סאָוועטיש היימלאנד", 1970, נומ. 11, ז. 167.

[3] דאָרט, נומ. 30871.

[4] זע די אויסגאבע „ארכיוו פון א. מ. גאָרקי", באנד 7, ז. 94.

[5] ארכיוו פון גאָרקי. דאָקומענט נומער 81590.

מאקסים גאָרקי און שאָלעם־אַלייכעם

קינסטלער — ש. גרוזבערג

אין 1915, בייסן ערשטן וועלט־קריג, ווען ייִדן זײַנען ארויסגעשיקט געוואָרן פון די געביטן, ווו עס זײַנען פאָרגעקומען די קריגס־אָפּעראציעס, האָט גאָרקי צוזאמען מיט די בעסטע פאָרשטייער פון דער רוסישער אינטעליגענץ געפירט א העפטיקן קאמף קעגן אנטיסעמיטיזם, מיט וועלכן די הערשנדיקע קרײַזן, מיט דער הילף פון דער מיליטערישער מאכט און דער רעאקציאָנערער פרעסע, האָבן פארסאמט דעם באוווּסטזײַן פון דער באפעלקערונג. איינס פון די מאָסמיטלען, וואָס גאָרקי האָט אונטערגענומען, איז געווען דאָס ארויסלאָזן צוזאמען מיט לעאָניד אנדרייעוון און פיאָדאָר סאָלאָגובן א ליטעראריש־קינסטלערישן זאמלבוך אונטערן נאָמען „שטשיט", אין וועלכן די ייִדן ווערן פארטיידיקט פון רעדיפעס און בילבולים. אין דאָזיקן זאמלבוך זײַנען אָפּגעדרוקט עטלעכע ביאַליקס לידער אין די איבערזעצונגען פון וואלערי בריוסאָוו, איוואן בונין און וויאטשעסלאוו איוואנאָוו.

אין 1916 האָט די ייִדישע געזעלשאפטלעכקײַט געפײַערט דעם 25־יאָריקן יובילײ פון ביאַליקס שאפן. גאָרקי האָט אָנגעשריבן א באגײַסטערט ארטיקל וועגן ביאַליקן און אָפּגעשיקט עס אין זשורנאל „יעווריי־סקאיא זשיזן".

„פאר מיר איז ביאַליק א גרויסער דיכטער, — ווערט געזאָגט אין ארטיקל, — א זעלטענע און פולקומע פארקערפערונג פונעם גײַסט פון זײַן פאָלק"[6].

אין מעשעך פון זײַן גאנץ לעבן האָט גאָרקי פארהיט די ליבע צו ביאַליקן און צו זײַן שאפונג. אין גאָרקיס פערזענלעכער ביבליאָטעק געפינט זיך א באנד ביאַליקס לידער און פאָעמעס אין דער בערלינער אויסגאבע פון ס. זאלצמאן (1922) מיט אן אווטאָגראף פונעם ארויסגעבער. אין זײַן ארטיקל „וואכטאנגאָוו אין טעאטער „הבימה" רופט גאָרקי אָן ביאַליקן „געניאלער"[7].

אין אירע זיכרוינעס וועגן דעם, וויאזוי זי האָט באזוכט גאָרקין אפן אינדזל קאפרי אין 1912, ברענגט דר. אירענא קרוק פאָלגנדע גאָרקיס ווערטער וועגן ביאַליקן:

„...איך שעץ הויך נאָמבערגן און אשן. און ביאַליקן! א מעכטיקער דיכטער. מיר האָבן אים ביז

---

[6] זשורנאל „יעווריייסקאיא זשיזן" 1916, נומ. 14 — 15; זע אויך מ. גאָרקי. מאטעריאלן און פאָרשונגען אונטער דער רעדאקציע פון וו. א. דעסניצקי. וויסנשאפט־אקאדעמיע פון פססר. באנד 1, ז. 92 — 94. 1934.

גאָרקי וועגן קונסט. זאמלונג. פארלאג „איסקוסטוואָ", 1940, ז. 183.

איצט גאָרניט געקענט. נאָר די רוסישע איבערזעצונג האָט אונדז דערמעגלעכט צו באַקענען זיך מיט זײַן גרויסער דיכטונג״[8].

ביאַליק איז געשטאָרבן אין 1934. די ידיעה וועגן זײַן טויט איז דערגאַנגען צו גאָרקין, ווען אין מאָסקווע איז פאָרגעקומען דער ערשטער אַלפאַרבאַנדישער צוזאַמענפאָר פון די סאָוועטישע שרײַבער. ער האָט וועגן דעם מיטגעטיילט די דעלעגאַטן. שליסנדיק דעם צוזאַמענפאָר, האָט ער אין זײַן שלוס־רעדע (דעם 1 סענטיאַבער 1934) דערמאָנט ביאַליקן מיט די ווערטער: „באַ די ייִדן איז ניט לאַנג צוריק געשטאָרבן קימאַט אַ גאוניאַלער דיכטער ביאַליק״[9].

א. פריבלודע

[8] „סאָוועטיש היימלאַנד״, 1968, נומ. 3, ז. 13.

[9] גאָרקי. ווערק. באַנד 27, ז. 341.

אַלעקסיי טאָלסטאָי וועגן שאָלעם־אַלייכעמען

אין אָקטיאַבער 1939 האָט די סאָוועטישע געזעלשאַפטלעכקײַט ברייט אָפּגעמערקט דעם 80־טן געבורטסטאָג פון שאָלעם־אַלייכעמען. די פײַערלעכע פאַרזאַמלונג אין מאָסקווע, וואָס עס האָבן אָרגאַניזירט דער אינסטיטוט פון דער וועלט־ליטעראַטור אָף א. מ. גאָרקיס נאָמען באַ דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע פון פסר צוזאַמען מיטן פאַרבאַנד פון די סאָוועטישע שרײַבער, האָט געעפנט מיט אַן אַרײַנפיר־וואָרט דער שרײַבער־אַקאַדעמיקער אַלעקסיי ניקאָלײַעוויטש טאָלסטאָי.

דער אויטאָר פון די וועלט־באַרימטע פילבענדיקע עפּאָפּייעס „דאָס גיין איבער ליידן״ און „פּעטער דער ערשטער״ און פון פיל ראָמאַנען, דערציילונגען, פּיעסעס איז געווען אַן ערודיט אין פראַגן פון אַלגעמיינער געשיכטע, געשיכטע פון קולטור און באַזונדערס פון ליטעראַטור. אין אויצער פון דער ליטעראַטור־פאָרשונג זײַנען פאַרבליבן זײַנע אַרבעטן וועגן פּושקינען, לערמאָנטאָוון, גריבאָיעדאָוון, סאַלטיקאָוו־שטשעדרינען און גאָרקין, וועגן וויקטאָר הוגאָ און אַנרי באַרביס, וועגן טאַראַס שעווטשענקאָ, שאָטאַ רוסטאַוועלי, אַקאַקי צערעטעלי און אַ ריי אַנדערע קלאַסיקער פון דער וועלט־ליטעראַטור.

איצט איז צו דער סעריע פון אַזעלכע ליטעראַרישע פּאָרטרעטן און אַרויסזאָגונגען צוגעקומען א. נ. טאָלסטאָיס וואָרט וועגן שאָלעם־אַלייכעמען, וואָס ווערט פּובליקירט (עטוואָס געקירצט) לויט אַ מאַטעריאַל, וועלכער איז געפונען געוואָרן אין אַרכיוו פונעם גרויסן רוסישן סאָוועטישן שרײַבער.

י. קרעסטינסקי
קאַנדידאַט פון פילאָלאָגישע וויסנשאַפטן,
געוועזענער ליטעראַרישער סעקרעטאַר
פון א. נ. טאָלסטאָי

ער האָט געשריבן פאַרן פאָלק

פּערציק יאָרהונדערטער האָט דאָס ייִדישע פאָלק געקעמפט פאַר זײַן נאַציאָנאַלן מאַצעוו און האָט דערטראָגן זײַן אייגנאַרטיקײַט ביז צו הײַנטיקן טאָג. בלויז אין פערציק יאָרהונדערטער אַרום איז דאָס ייִדישע פאָלק צוגעקומען צו זײַן געגאַרט לאַנד, און דער נאָמען פון אָט דעם לאַנד איז קאָמוניזם — דער גרויסער פאַרבאַנד פון פעלקער, וועלכע האָבן זיך פאַרייניקט אונטער דער קאָמוניסטישער פאָן פון סאָוועטן. דאָ איז יעדע נאַציאָנאַליטעט הייליק. דאָס ייִדישע פאָלק, ניט מוירע האָבנדיק פאַר דעם, עס זאָל צעזייט־צעשפּרייט ווערן, קאָן דאָ אַנטפּלעקן זײַנע שעפערישע קויכעס, וועלכע וועלן גיין ניט אָף צו פאַרהיטן זיך פון פאַרניכטונג, נאָר אָף אַנטוויקלונג, אָף דער צעבליִונג פון זײַן לעבן און לעטויוועס דער גאַנצער מעלוכע פון פאַרבאַנדישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקן.

דאָס אַלץ איז מיר געקומען אין זיקאָרן, ווען איך האָב איבערגעבלעטערט שאָלעם־אַלייכעמען. דער קלוגשאַפטלעכער, גוטהאַרציקער, איראָניש־ביטערער

אַלעקסיי טאָלסטאָי און מאַקסים גאָרקי. 1934

שרײַבער האָט ליב געהאַט זײַן פאָלק פאַר די ליידן זײַנע, פאַר זײַן געטרײַקײַט, פאַר זײַן ביטערן דאַלעס, פאַר זײַן אייביקן הומאָר, פאַר זײַן נאָבעלער מענטשלעכקײַט.

אָט ווו עס געפינען זיך די טיפע קוואלן פון שאָלעם־אַלייכעמס דערהויבענעם הומאַניזם, אָט וואָס עס הייבט אים אויף ביז צו דער ריי פון גרויסע שרײַבער. ער האָט אוועקגעגעבן זײַן פאָלק דעם הומאָר זײַנעם, קעדיי מיט דעם דאָזיקן דינעם און קלוגן געווער, וואָס מע קאָן עס ניט אָפּנעמען, ניט פאַרניכטן, זאָל דאָס פאָלק קעמפן אין אומענטשלעכע באַדינגונגען פאַר דער רעכט צו זײַן און צו פילן זיך ווי מענטשן.

אין דעם באַשטייט אויך זײַן ביז גאָר גרויסער רעוואָליוציאָנערער פאַרדינסט... ער האָט געשריבן פאַרן פאָלק, וואָס איז אונטערדריקט געוואָרן סײַ מיצאַד דער צאַרישער מאַכט, סײַ מיצאַד דער אייגענער ייִדישער בורזשואַזיע. און די אונטערדריקטע ייִדישע פאָלקסמאַסן האָבן דאָס פאַרשטאַנען און הויך געשעצט, און זיי האָבן אים געענטפערט פאַר זײַן ליבע מיט האַרציקסטער ליבע. זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז ניט דער ציאָן וואַרט אויף זיי; דער קלאַסנקאַמף, די רעוואָליוציע וועט זיי געבן פרײַהייט און לעבן, און אין דער צוגרייטונג צו אָט דעם קאַמף האָט שאָלעם־אַלייכעמס שטראָפנדיקער און ליבנדיקער הומאָר באַלויכטן ווי אַ פײַערל די פינצטערע און טריבע ווינקלען פונעם אונטערדריקטן ייִדישן פאָלק.

ווען ס׳איז געקומען די שאָ, און די זין פונעם ייִדישן פאָלק, יענע, וואָס האָבן אין מי און אין אונטערדריקונג באַקומען דאָס רעכט אָף דעם, זײַנען אַרופגעטראָטן אָף דער געגאַרטער ערד פונעם קאָמוניזם, — איז צײַט צו דערמאָנען מיט אַ באַזונדערער ליבע און וואַרעמקײַט, מיט אַ גוט וואָרט דערמאָנען שאָלעם־אַלייכעמען.

דו האָסט איבערגעלאָזט אַ צוואָע, אַז פּראָסטע קוואָרים זאָל דיך אַרומרינגלען. ניין, לעבעדיקע און פריידיקע פּנעמער האָבן מיט ליבע זיך אויסגעקערעוועט צו דײַן קוואָרע־בערגל, וואָס איז באַדעקט מיט ניט וועלקנדיקע בלומען. שלאָף רויִק, קיין איינציק וואָרט פון דײַן ווונדערלעכער שאַפונג איז ניט פאַרגעסן געוואָרן..

אלעקסיי טאָלסטאָי

דאָס איז טשיקאַווע

גאָלדענע הענט

דאָס פאָלק האָט ליב די מײַסטערס מיט גאָלדענע הענט, די מענטשן, וועלכע קענען „אַ פלוי אונטערשמידן”. דער אויסדרוק „גאָלדענע הענט” ווערט אָפט גענוצט אין דער ליטעראַטור — אין דיכטונג און פּראָזע. מ. גאָרקי האָט אַמאָל געשריבן וועגן די הענט פון לעוו ניקאָלײַעוויטש טאָלסטאָי: „באַ אים זײַנען ווונדערלעכע הענט — ניט קיין שיינע, קנאָכיקע, צוליב דער פאַרברייטערונג פון די בלוט־אָדערן, אָבער זיי זײַנען פול מיט אַ באַזונדערער אויסדריקלעכקײַט און שעפערישער קראַפט. אַזעלכע הענט זײַנען מיסטאָמע געווען באַ לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי. מיט אַזעלכע הענט קאָן מען אַלץ אויפטאָן. עס פלעגט טרעפן אַמאָל, אַז בײַס אַ שמועס פלעגט ער אָנהייבן באַוועגן מיט די פינגער, ביסלעכווײַז צונויפפּרעסן זיי אין אַ פויסט, דערנאָך פלעגט ער פלורצעם צעפּענען דעם פויסט און בייסמײַסע אַ זאָג טאָן אַ גוט, וואָגיק וואָרט”.

וואַלענטינאַ כריסאַנאָווא, אַ בריגאַדיר פונעם מאָסקווער לאָמפּנזאַוואָד, איז אַמאָל געפאָרן מיט אַ סאָוועטישער דעלעגאַציע קיין פּאַריזש. אָף אַ פּרעסע־קאָנפערענץ האָט איינע אַ זשורנאַליסטקע פון אַן איטאַליענישער רעאַקציאָנערער צײַטונג געזאָגט צו איר:

— איך גלייב אײַך ניט, אַז איר זײַנט אַ פּאָשעטע אַרבעטערן. דאָס איז אַ מיסטיפיקאַציע!

— פאַרוואָס מיינט איר אַזוי? — האָט געפרעגט וואַלענטינאַ.

— באַווײַזט אײַערע הענט, — האָט געבעטן די זשורנאַליסטקע. און אויסגערופן מיט ניצאָכן: — דאָס זײַנען דאָך הענט פון אַ פּיִאַניסטקע!

— איר זײַט גערעכט, — האָט געזאָגט וואַלענטינאַ. — די מאָנטאַזשניקעס פון ראַדיאָ־לאָמפּן דאַרפן האָבן פּונקט אַזעלכע לאַנגע פינגער, איידעלע און פילבאַרע, ווי מוזיקאַנטן. אָבער אײַער מיינונג, אַז באַ אַן אַרבעטער מוזן די הענט זײַן נאָר מיט מאָזאָליעס, איז אַ פעלערהאַפטע. באַ די הײַנטיקע סאָוועטישע אַרבעטער זײַנען די הענט אָן מאָזאָליעס.

אין דער ליטעראַטור און אין דער קונסט קאָן מען איצט אָפט טרעפן ווערק, וועלכע רימען די ווירטואָזישקײַט, דעם אוניווערסאַליזם, די באַגאַבטקײַט פונעם מענטשנס הענט, באַזונדערס פון די מיקראָ־מיניאַטוריסטן.

פאַראַן אַזאַ קונסט, וואָס הייסט מיקראָ־מיניאַטוריזירונג. זי איז אַזוי אַלט, ווי די מענטשלעכע ציוויליזאַציע. אין די מוזייען פון דער וועלט קאָן מען זען צירונג און באַפּוצונגס־ווערק, וועלכע זײַנען געמאַכט געוואָרן מיט העכער צוויי טויזנט יאָר צוריק, און ביז איצט איבעראַשן זיי מיט זייער אויסערגעוויינלעכער פײַנקײַט. אַלס בײַשפּיל קאָן דינען דאָס צירונג פון די סקיטן, סאַרמאַטן און

אוראלטע גריכן, וואָס עס האָבן אנטדעקט די ארכעאָלאָגן. איצט זײַנען אָבער אנדערע צײַטן, די סאָציִאַל־היסטאָרישע באַדינגונגען האָבן זיך גרינטלעך געענדערט, די קונסט פון די הײַנטיקע מיקראָ־מיניאטוריסטן טראָגט, אזוי צו זאָגן, אן אוטיליטארן כאראקטער, זיי שאפן ווערק, וועלכע האָבן א באַדײַטונג אין פראקטישן לעבן, באזונדערס אין דער קאָסמישער טעכניק, אין דער טעכנאָלאָגיע ביכלאל. איצט ווייסן אלע, אז מענטשן, וועלכע באהערשן ניט די מיקראָ־טעכניק, — קאָנען ניט פראָדוצירן קיין עלעקטראָנישע אויסרעכענונגס־מאשינעס, טראנזיסטאָר־אפאראטן, זיי קאָנען ניט טראכטן אפילו וועגן אויסנוצן ווי געהעריק די לאזער־שטראלן, דעם אולטרא־קלאנג, דורכפירן אָפּעראציעס אפן מארך, אף די אויגן, אפן הארצן. די הײַנטיקע מענטשן מיט גאָלדענע הענט, וועלכע פארנעמען זיך מיט מיקראָ־מיניאטור, זײַנען געגליכן צו די קאָסמאָנאווטן, נאָר אויב די קאָסמאָנאווטן שטורעמען די מאקראָ־וועלט, פארנעמען זיך די מיקראָ־מיניאטוריסטן מיט דער מיקראָ־וועלט.

דער זשמערינקער האָלץ־שנייצער מ. מאסליוק האָט פאר א רײַ שאפונגען זײַנע באקומען דעם טיטל פארדינסטפולער מײַסטער פון דער פאָלקס־שאפונג פון אוססר. לויט דער ביטע פון די וויסנשאפט־טוער פונעם אינסטיטוט, וואָס שטודירט די טעטיקייט פון דער העכסטער נערוון־סיסטעם (דער אינסטיטוט גייט ארײַן אין באשטאנד פון דער אלפארבאנדישער וויסנשאפט־אקאדעמיע), האָט ער, לעמאָשל, געשאפן א מאניפוליאטאָר, וואָס מיט זײַן הילף קאָן מען שטודירן די לעבנס־טעטיקייט פון די נערוון־צעלעכלעך פונעם מארך. מאסליוקס בעסטע ווערק ווערן געהיט אין דער געווער־פאלאטע פון קרעמל, אין מאָסקווער רעוואָליוציע־מוזיי, אין קיִעווער שעווטשענקאָ־מוזיי.

אין דאָרעם־טיראָל, לעבן דער שטאָט ברונינאָ, איז נאָך מיט 200 יאָר צוריק אופגעקומען א וווּנדערלעכע קונסט: דאָס מאָלן בילדער מיט דער הילף פון שפּינוועבס. די שעפער פון דעם דאָזיקן מין קונסט זײַנען די טיראָלער פויערים. אלס מאטעריאל פאר דער מאָלערײַ דינען שפינוועבס־פעדעם פון בערעך 3 מיקראָן די גרעב אָדער דורכזיכטיקע פעדעם, וועלכע עס באקומט א רויפּע פון א זײַדשפינער־וואָרעם. די פעדעם פון דער רויפּע זײַנען 26 מיקראָן די גרעב. דאָס שפינוועבס ציט מען ארוף אף א בויגן קארטאָן, וווּ אין א ווינקל איז אויסגעמאָלט א קליינער שפּין, און דאָס באטײַט „געמאכט פון שפינוועבס". מיט בערעך 100 יאָר צוריק האָבן די קינסטלער פון דאָרעם־טיראָל אופגעלעבט אָט דעם פײַנעם מין קונסט. זיי האָבן געמאָלט מיט שפינוועבס דעריקער זשאנער־סצענעס, טיראָלער פייזאזשן. לעצטנס האָט אין ווין זיך געעפנט א ספּעציִעלע אויסשטעלונג פון שפינוועבס־מיניאטורן, געשאפענע דורך דעם הײַנטצײַטיקן קינסטלער יוסטינוס סאָדאן.

„די הענט פונעם מענטשן זײַנען א פולקומער מאניפוליאציע־אפאראט, וואָס פארמאָגט אוניווערסאלע מעגלעכקייטן, מיט וועלכע קיין שום טעכניק קאָן ניט קאָנקורירן", — שרײַבט דער פארדינסטפולער מײַסטער פון דער פאָלקס־שאפונג פון אוססר נ. סיאדריסטי אין זײַן קליין, אָבער זייער אינטערעסאנט ביכל „די געהיימניסן פון דער מיקראָ־טעכניק".

אין 1967 זײַנען אף דער אויסשטעלונג אין מאָנטרעאל עקספּאָנירט געוואָרן טעכנישע נײַסן פון 62 לענדער. דער קלענסטער אפּאראט איז געווען א מיקראָ־מאָטאָרל, וואָס סיאדריסטי האָט געשאפן מיט זײַנע קישעף־הענט. דאָס דאָזיקע מאָטאָרל האָט פאר וואָסערע דרײַטעג אויסגעהאלטן ארום 40 טויזנט אײַנשליסונגען אין דער עלעקטרישער נעץ. דאָס האָבן די באזוכער, וועלכע זײַנען געשטאנען אין דער ריי צו די מיניאטור־עקספּאָנאטן, אָן אופהער אײַנגעשלאָסן און אויסגעשלאָסן דאָס מאָטאָרל און באלד איבערגעגעבן דעם אײַנשליסער אין די הענט פון יענע, וועלכע זײַנען געשטאנען הינטער זיי. אינעם בוך פאר אָפּרופן אף דער אויסשטעלונג קאָן מען איבערלייענען אזעלכע אופשריפטן פון די באזוכער: „אומגעוויינלעך! שווער צו פארשטיין, וויִאזוי אזוינס איז מעגלעך!", „מע דארף דאָס זען מיט די אייגענע אויגן, קעדיי צו גלייבן אין דעם!".

אינעם בוך פונעם סאָוועטישן שרײַבער וולאדימיר סאָלאָוכין „וולאדימירער דאָרף־וועגן" ווערט דערציילט, אז די מײַסטערס פונעם קאָלטשוגינער זאוואָד „עלעקטראָ־קאבעל" ארבעטן אויס אזא דראָט, וואָס אין פארגלײַך מיט אים איז א מענטשלעכע האָר פון קאָפּ א גראָבער שטריק.

וויִאזוי מאכט מען עס?

מע נעמט א דימענט, די גרייס, ווי א שוועבעלע־קעפּל, און מע פארפלאכט אים פון ביידע זײַטן. דערנאָך לאָזט מען אראָפּ דעם דימענט אין עלעקטראָליטישער אופלייזונג און אונטער אים פירט מען אונטער א נאָדל. פון דער נאָדל הייבן אָן זיך שפּרייטן עלעקטרישע פונקען. פאר 12 שאָ בויערט די נאָדל דורך א לעכעלע, וואָס מע קאָן זען סײַדן נאָר דורך א מיקראָסקאָפּ. דאָס לעכעלע ווערט דערנאָך געשליפן מיט דימענט־פולווער. אף באארבעטן איין דימענט פאָדערן זיך 72 שאָ. דורך אָט דעם לעכעלע אינעם דימענט ציט מען דורך א דרעטל, וואָס איז א סאך דינער פון א מענטשנס האָר...

אין דער הײַנטיקער מעדיצין, ווי באוווּסט, ווערן אויסגענוצט נײַע דיִאגנאָסטישע אפאראטן, נײַע רעפּועס, וועגן וועלכע די דאָקטוירים האָבן נאָך גאָר ניט לאנג צוריק אפילו טרוימען ניט געקאָנט. די מײַסטערס פון דער מיקראָמיניאטור טוען א סאך אויך אין פראט פון העלפן די כירורגן, באזאָרגן זיי מיט מיניאטור־אינסטרומענטן, וועלכע זײַנען פייִק אופצוטאָן וווּנדער, ווען זיי פאלן ארײַן אין די גאָלדענע הענט פון א טאלאנטפולן כירורג.

ל. אי. ברעזשניעוו האָט אין זײַן פאָרטראָג צום 50־יאָריקן יובילײ פון פססר געזאָגט: „אומעטום זעסטו, ווי די קלוגע מענטשלעכע האנט שפּרייט גליק אף דער ערד, און דו גלייבסט, אז עס וועט קומען די צײַט, ווען דער מענטש וועט האָבן דאָס רעכט צו זאָגן: „די ערד האָב איך געשאפן מיט מײַן סייכל און מיט מײַנע הענט" (מאקסים גאָרקי)".

יאנקעוו גינעוווסקי

פאַרשיידנס

א הויז פון מאַמאַנט־ביינער

הינטער א דאָרף אין דאָרעם־וויסרוסלאַנד האָבן די אַר־כעאָלאָגן געפונען א הויז, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן פון מאַמאַנט־ביינער. צוריק מיט פופציק יאָר איז נאָענט פון דעם אָרט אויך געפונען געוואָרן אַזאַ הויז, נאָר פון א קלע־נערן פאַרנעם. מע האַלט, אַז די הײַזער זײַנען א טייל פון א גרויסן יִשׁוּב, איינעם פון די עלטסטע אויף דעם אייראַ־פּעיִשן קאָנטינענט. הײַזער פון דעם מין זײַנען דערווײַל מער אין ערגעץ ניט געפונען געוואָרן.

אַן אַמעריקאַנער וויסנשאַפטלעכער זשורנאַל האָט לעצטנס געשריבן, אַז דאָס אויסנוצן מאַמאַנט־ביינער אַלס בוי־מאַ־טעריאַל האָט דערפירט, מעגלעך, צו דער אויסראָטונג פון דער דאָזיקער ריזן־חיה.

דאָס דערמאָנטע גרעסערע הויז איז א רונדיקס, מיט א שטעטח פון 50 קוואַדראַטע מעטער. די פונדאַמענטן זײַנען געמאַכט פון מאַמאַנט־שאַרבנס, און די ווענט — פון פאַר־שיידענע אַנדערע קלענערע און גרעסערע ביינער, ביז פיר מעטער די לענג.

אויף דאָרף האָט מען געפונען רעשטלעך פון פאַרשיידענע געוויקסן, וואָס זײַנען דאָרט אַוועקגעלייגט געוואָרן, ווײַזט אויס, קעדיי שיצן די אײַנוווינער פון קעלט.

מיט דער גרעסטער פלינקייט

אויף דעם טשעכאָסלאָוואַקישן קאָנ־קורס פון סטענאָגראַפיע און מאַשין־שרײַבונג האָט דער פּראַגער אײַנוווי־נער יאָזעף קוּיאַל באַוויזן א בעעמעס „קאָסמישע" גיכקייט פון פאַרנאָטירן פרעמדע רייד — 170 ווערטער פאַר א מינוט. י. קויאַל איז א מיטאַרבע־טער פון דער פעדעראַלער פאַרזאַמ־לונג פון טשססר. ער איז געוואָרן דער אַבסאָליוטער טשעמפּיאָן פון דער רע־פּובליק אין געביט פון סטענאָגראַפיע. די פאַרגלײַכונג מיט א קוילנוואַר־פער וואָלט ניט געווען קיין גוזמא אין באַצוג צו גאַלענע ראָוביטשקאָוואַ, וואָס אַרבעט אין דער רעדאַקציע פון דער צײַטונג „רודע פּראַוואָ". ווען זי איז אַרויסגעטראָטן אויפן קאָנקורס פון שרײַב־מאַשיניסטקעס, האָט זיך די ריכטער און דעם פּובליקום געדוכט, אַז זי האָט פינף מאָל מער פינגער, איידער געוויינלעך א מענטש. פאַר א מינוט באַווײַזט זי א קלאַפּ טאָן אויף אַן עלעקטרישער מאַשינקע 534,7 מאָל.

(טאַסס)

א מאַטאַנע דעם מאָסקווער סאָוועט

קיין מאָסקווע פון שווייצאַריע איז אָנגעקומען א ווערטפולע רעליקוויע, וואָס איז פאַרבונדן מיט וו. אי. לענינס נאָמען.

די גאַס גראַנד־גריו, וואָס געפינט זיך אין צענטער פון זשענעווע, איז פון לאַנגאַן באַרימט. דאָ איז געבוירן געוואָרן זשאַן זשאַק רוסאָ, דאָ, אין הויז נומ. 11, אין דער ביבליאָטעק פון דער „געזעלשאַפט פאַר ליבהאָבער פון לייענען", האָט געאַרבעט וולאַדימיר איליטש לענין. ווי ס'שרײַבט אין אירע דע־רינערונגען נ. ק. קרופּסקאַיאַ, איז אין דער ביבליאָטעק „זייער באַקוועם געווען צו אַרבעטן. די מיט־גלידער פון דער געזעלשאַפט — סראָוו אַלטיטשקע פּראָפעסאָרן — האָבן זעלטן באַזוכט די ביבליאָ־טעק; אין לענינס רעשוס איז געווען א גאַנצער קאַבינעט, ווו ער האָט געקענט שרײַבן, אַרומגיין פון איין עק צימער אין צווייטן, באַטראַכטן אַרטיקלען, נעמען פון די סטעלאַזשן א באַליביק בוך... קיין זאַך האָט ניט געשטערט צו טראַכטן".

אין אָט דעם קאַבינעט האָט לענין געאַרבעט אויפן באַרימטן בוך „מאַטעריאַליזם און עמפּיריאָקרי־טיציזם".

די „געזעלשאַפט פאַר ליבהאָבער פון לייענען" עקזיסטירט ביז הײַנט־צו־טאָג. די מיטאַרבעטער פון דער ביבליאָטעק היטן זאָרגזאַם אויף די רעליקוויעס, וואָס זײַנען פאַרבונדן מיט וולאַדימיר איליטשס נאָמען: די קאָפּיע פון זײַן מיטגלידס־ביכל, א זעלטענע פאָטאָגראַפיע, מיט וועלכער ס'עפנט זיך דער ערן־אַלבאָם פון דער ביבליאָטעק. די צײַט האָט אַרופגעלייגט איר שטעמפּל אויף לייענזאַל — ער איז איבערגעבויט געוואָרן. אויף די ווענט האָבן זיך באַוויזן אַנדערע גראַווירן, מע האָט שוין לאַנג גע־ביטן דאָס מעבל. ס'איז בלויז געבליבן אַן אַמאָליקער פאַטעל, אויף וועלכן לענין איז געזעסן בײַ דער אַרבעט קימאַט צוויי יאָר. אָט דעם פאַטעל האָבן די זשענעווער אײַנוווינער צוגעשיקט אַלס מאַטאַנע דעם מאָסקווער סאָוועט.

— אין אונדזער לאַנד, — זאָגט דער מער פון זשענעווע פּרוי ל. זשיראַרדען, — לעבט און וועט אויף שטענדיק זיך אײַנהיטן דער אָנדענק וועגן לענינס זײַן אין דער שווייץ. פאַרשטייט זיך, אַז אונדז איז געווען א שאָד צעשיידן זיך מיט דער רעליקוויע, וואָס איז פאַרבונדן מיט זײַן נאָמען. נאָר מיר האַלטן, אַז די גערעכטיקייט פאָדערט, די רעליקוויע זאָל געהערן מאָסקווע.

מ. בוש („איזוועסטיאַ").

„פאר איינעמען דעם ווינטער־פאלאץ“

ווען איז געמאכט געוואָרן די ערשטע סאָוועטישע מעדאל? די ענציקלאָפּעדיעס און האנטביכער ענטפערן: אין דער מיט פון די דרייסיקער יאָרן. און אין דער נומיזמאטישער קאָלעקציע פונעם פערמער אינזשעניער ק. וו. קאָרשונאָוו איז פאראן א זילבערנע מעדאל, וואָס איז געמאכט אין 1920 אפּן פּעטראָגראַדער מינץ־הויף לויטן פּראָיעקט פונעם באוווּסטן רוסישן גראַווירער א. פּ. וואסיוטינסקי. אף דער רעכטער זייט פון דער מעדאל איז אָנגעצייכנט אן ארבעטער באם שמיד־האָרן. אין איין האנט האלט ער א האמער, אין דער אנדערער — א ביקס. די מעכטיקע פיגור סימבאָליזירט די גרייטקייט פונעם ארבעטער מיט געווער אין די הענט צו באשיצן זיין רעכט אף פרייער מי. פון אויבן פון רעכטס — דער לאָזונג „פּראָלעטאריער פון אלע לענדער, פאראייניקט זיך!“. אף דער לינקער זייט פון דער מעדאל איז אָנגעצייכנט א סערפּ און האמער און אן אויפשריפט: „רספסר. אָקטיאבער 1917 — 1920“.

הייסט עס, אין די ענציקלאָפּעדיעס איז א טאָעס? ניין. דאָרט גייט א רייד וועגן מעדאלן — רעגירונגס־באלוינונגען, און דאָס איז אן אָנדענקמעדאל. זי איז איבערגעגעבן געוואָרן די דעפּוטאטן פונעם פּעטראָגראַדער סאָוועט אף דער פייערלעכער פארזאמלונג, געווידמעט דעם דריייאָריקן יובילײ פון דער גרויסער אָקטיאבער־רעוואָליוציע. און אף וויפל די מערהייט מיטגלידער פון דער פארזאמלונג זיינען געווען אָנטיילנעמער פון איינעמען דעם ווינטער־פאלאץ, האָט די מעדאל באקומען בא די פּעטראָגראַדער א ניט־אָפיציעלן נאָמען „פאר איינעמען דעם ווינטער־פאלאץ“, און זי האָט זיך גערעכנט אלס באלוינונג. דער הויפּט־טיראַזש פון דער מעדאל איז געווען אויסגעקלאפּט אף העלער בראָנזע, און א ניט גרויסע צאָל — אף זילבער.

ו. פּאשין
(„ביראָבידזשאנער שטערן“)

דער אוצער פון אמודאריא

די קונסט־ווערק פונעם אמודארינער אוצער, וואָס איז אנטדעקט געוואָרן מיט 95 יאָר צוריק, פלעגן שטענדיק ארויסרופן אנציקונג מיט דער אוניקאלער מייסטערשאפט פון די פאכקענער, וואָס האָבן געלעבט אף דער טעריטאָריע פונעם איצטיקן טאדזשיקיסטאן אינעם IV—II יאָרהונדערט ביז אונדזער ערע. 180 גאָלדענע און זילבערנע כפייצים פון דער אלטערטימלעכער באקטריע און 1300 מאטבייעס, וועלכע מע האָט געפונען אפן ברעג פון אמודאריא, זיינען עקספּאָנירט געוואָרן, ווי באוווּסט, צוערשט אין אינדיע, און דערנאָך אין לאָנדאָן, אינעם בריטאנישן מוזיי.

און אָט, קימאט אין א יאָרהונדערט ארום נאָך יענעם סענסאציאָנעלן געפינס, אין אונדזערע טעג, איז פּאָרגעקומען די צווייטע אנטדעקונג פונעם רייכטימער־אוצער.

אין 1972 יאָר איז קיין שאארטוזער ראיאָן פון טאדזשיקיסטאן, ווו מע האָט געהאט געפונען די שטעדעוורען פון דער אלטערטימלעכער קונסט, געקומען א גרויסע געמיינזאמע עקספּעדיציע פונעם רעפּובליקאנישן אינסטיטוט פאר געשיכטע און פונעם מיזרעכקענטעניש־אינסטיטוט פון דער אלפארבאנדישער וויסנשאפט־אקאדעמיע. מע האָט אָנגעהויבן גראָבן אף דער טעריטאָריע פונעם סאָווירט „טאדזשיקיסטאן“, אף א בערגל, וואָס די אָרטיקע איינוווינער רופן „טעפּא־אי־שאך“ (שאכיש בערגל). און טייקעף — א דערפּאָלג! אין בערגל איז געלעגן א גאנץ שטעטל, און אין צענטער — א האלברויזנירטער פאלאץ. **אָט ווו ס׳איז געווען דער שליסל אף טרעפן דעם נאָמען פונעם בערגל — „טעפּא־אי־שאך“.** פון די פאלאץ־רויזנעס האָבן די געלערנטע ארויסבאקומען פיל ווערטפולע כפייצים, וועלכע כאראקטעריזירן דעם שטייגער פונעם פאָלק, וואָס האָט דאָ געלעבט אן ערעך דריטהאלבן טויזנט יאָר צוריק.

אָט זיינען טיילן פון באגילדעטע אלעבאסטער־סקולפטורן, מע האָט זיי אופגעהויבן פון א פאלאץזאל. אָט איז א געטאָקט פיגורל פון א יוגנטלעכן, וואָס האלט אין דער האנט קווייטן. אין דער סקולפּטור האָט זיך אָפּגעשפּיגלט די אלטערטימלעכע (זעט אויס, אינדישע) לעגענדע וועגן לאָטאָס, וועלכע איז אנטשטאנען בייס דער פארשפּרייטונג פונעם בודיזם. גופע דער פאלאץ, אין וועלכן מ׳האָט געפונען פילצאָליקע קונסט־ווערק, איז געווען א פּרעכטיקער פּראָדוקט פון דער אלטערטימלעכער ארכיטעקטור.

מע האָט אויך געפונען קוואָרים פונעם בראָנז־פּעריאָד — פון ניט ווייניקער פון דריי טויזנט יאָר צוריק. און נאָכאמאָל איז אין די הענט פון די אויספאָרשער ארייַנגעפאלן א גאנצע קאָלעקציע פון אוניקאלע יווועליר־כפייצים. בלויז אין איין פרויען־קייווער האָבן די ארכעאָלאָגן געפונען ארום אכט הונדערט זילבערנע צירונגען און דריי גרויסע גאָלדענע בליאכעס. מע האָט געפונען קרעלן און אמורלעטן, וואָס זיינען געמאכט געוואָרן אין עגיפּטן, ווי אויך אינדישע צירונג.

— די געפינסן אינעם שאארטוזער ראיאָן אנטדעקן פאר אונדז א ניי בלעטל אין דער געשיכטע פון דער וועלט־קולטור, — קאָמענטירט דער פּרעזידענט פון דער טאדזשיקישער וויסנשאפט־אקאדעמיע מוכאמעד אסימאָוו. — זיי זאָגן איידעס וועגן לעבהאפטע האנדלס־ און קולטור־פארבינדונגען פון יענער צייט.

די אויסגראָבונגען אין שאארטוז וועלן פאָרגעזעצט ווערן.

ו. סורקאָוו („איזוועסטיא“)

אין די גימנאַזיסטישע יאָרן. 1904

לייב יאַמפּאָלסקי אין רעדאַקציע „סאָוועטיש היימלאַנד" אַף דער פֿײַערונג פון זײַן 80־טן געבורטסטאָג. 1969

ווייניק באַוווסטע פאָטאָגראַפיעס פונעם קאָמפּאָזיטאָר לייב יאַמפּאָלסקי



לייב יאַמפּאָלסקי — אַ סאָלדאַט. 1913

מיט זײַן לעבנס־פרײַנט יעליזאַוועטאַ אַראָנאָוונא

נײַעס פון דער בולגאַרישער פאָלקס־רעפּובליק

ЕВРЕЙСКИ ВЕСТИ לויט דער צײַטונג

א וויכטיקע קאָנפערענץ

ניט לאנג צוריק איז פאָרגעקומען די פערטע נאַציאָנאלע קאָנפערענץ פון דער געזעלשאפטלעכער קולטור־אופקלערערישער אָרגאניזאציע פון די ייִדן אין דער בולגארישער פאָלקס־רעפּובליק.

וועגן אקטועלע פראגן פונעם לעבן פון די בולגארישע ייִדן האָט גערעדט אין זײַן באריכט־פאָרטראָג דר. יאָסיף אסטרוקאָוו.

די קאָנפערענץ האָט אויסגעווײלט א נײַעם פּרעזידיום פון דער אָרגאניזאציע. אין אים זײַנען ארײַן אזעלכע אָנגעזעענע געזעלשאפטלעכע און פּאָליטישע טוער, ווי יאָסיף אסטרוקאָוו, מיכאעל סעמאָ, אווראם קאלאָ, בעטי דאנאָן, בעצאלעל מארקאָוו, דאוויד אסא, איזידאָר סאָלאָמאָנאָוו, איזראעל מאיער, יאָסיף אילעל, סאָלאָמאָן באלי, מאָיִס פּאסי, סארינא פענטשעווא, בוקאָ איסקאָוו, קלארע פינקאס, דאוויד בענוועניסטי אא.

אלס פּאָרזיצער איז ווידער אויסגעווײלט געוואָרן דר. יאָסיף אסטרוקאָוו.

אנא קראמער און איר פּערסאָנעלע אויסשטעלונג

אנא קראמער איז איינע פון די עלטסטע און באדײַטנסטע גראפיקער אין בולגאריע. אירע שאפונגען זײַנען אויך באקאנט אין פיל אנדערע לענדער — אין סאָוועטנפארבאנד, טשעכאָסלאָוואקיע, עסטרײַך, אורוגווײַ, בראזיליע, מאָנגאָליע, שוועדן, ענגלאנד, פראנקרײַך, ווו עס זײַנען עקספּאָנירט געוואָרן אויסשטעלונגען פון דער בולגארישער קונסט. א. קראמערס שאפונגען קאָן מען שטענדיק זען אינעם קונסט־מוזיי פון פּילזען (בולגאריע), אין מאָסקווער מוזיי פון פּלאסטישער קונסט אף פּושקינס נאָמען, ווי אויך אין א ריי פּריוואטע בילדער־גאלערייעס פון פּאריז אא.

פאר די העכער פופציק יאָר פון איר טעטיקײַט אין דער גראפישער קונסט האָט א. קראמער געשאפן הונדערטער בילדער און צייכענונגען, צווישן זיי ניט ווייניק ווערק אף ייִדישער טעמאטיק. איר פּערסאָנעלע אויסשטעלונג, וואָס איז לעצטנס באוויזן געוואָרן אין סאָפיע, האָט ארויסגערופן א שטארקן אינטערעס בא די ליבהאָבער פון גראפישער קונסט (צוויי פון אירע פריִערדיקע עקספּאָזיציעס זײַנען דעמאָנסטרירט געוועזן אין 1936 — אין פּאזארדזשיק און אין 1945 — אין סאָפיע).

אנא קראמער איז אן אָנטיילנעמערן אין פארשיידענע קאָנקורסן פון דער בולגארישער קונסט. פאר איר מײַסטערשאפט איז זי באלוינט מיטן אָרדען „קיריל און מעפאָדי" פון דער ערשטער שטופע.

אין אן ארטיקל וועגן אנא קראמערס לעצטער אויסשטעלונג שרײַבט צווישן אנדערס די סאָפיער צײַטונג „יעווריייסקי וועסטי", אז אירע שאפונגען צייכענען זיך אויס מיט אויסערגעוויינלעכער באדאכטקײַט, טעמאטישער אומאָפּהענגיקײַט, מיט א באזונדערס איידעלן, לײַדנשאפטלעכן ליריזם.

א נײַער עספּעראנטאָ־קלוב

אף איינער פון די צענטראלע גאסן פון דער שטאָט פּלעווענע האָט זיך געעפנט א קלוב פון דער עספּעראנטאָ־געזעלשאפט. אף דער ערשטער פארזאמלונג איז ארויסגעטראָטן דער פּאָרזיצער פון דער געזעלשאפט ביניאָמין צעמאך און דער מיטגליד פון דער פארוואלטונג אָשער ראָמאנאָ, וועלכער האָט געהאלטן א פּאָרטראָג אין דער עספּעראנטאָשפּראך וועגן דעם גרויסן בײַטראָג פונעם סאָוועטנפארבאנד אינעם קאמף פאר זיכערן דעם שאָלעם אף דער וועלט.

ווערק וועגן דער באנײַטער פאָלקס־בולגאריע

אין דער ביבליִאָגראפיע פון דער בולגארישער ליטעראטור ווערן געבראכט פיל נעמען פון ייִדן־ליטעראטן, וועמענס ווערק עס זײַנען געווידמעט דעם קאמף קעגן די היטלעריסטן און דעם זיג פון דער סאָציִאליסטישער רעוואָליוציע אין בולגאריע.

צווישן די פילצאָליקע פּראָזעווערק, פּאָעטישע זאמלונגען און מעמוארן פון וועטעראנען פון דער פּאָטערלענדישער מילכאָמע, וואָס זײַנען דערשינען פאר די לעצטע יאָרן, געפינען מיר דאָס בוך „אומפארגעסלעכע צײַטן", וועמענס אווטאָר עס איז דער אָנגעזעענער געזעלשאפטלעכער טוער, העלד פון סאָציִאליסטישער מי, אקאדעמיקער זשאק נאטאן. די מעמוארן־ליטעראטור איז אויך בארײַכערט געוואָרן מיט מאָיִס אווראמאָווס בוך „איבער די וועגן פון ווידערשטאנד".

די בולגארישע ליטעראטורקריטיק האָט לעצטנס געגעבן ברייטע אָפּהאנדלונגען וועגן דער שאפונג פון א ריי שרײַבער: וועגן די לידער און פּאָעמעס פון דער דיכטערן דאָרא גאבע, וועגן די פּראָזע־ווערק פון די געוועזענע פּארטיזאנער דאָוויד אָוואדיִא („אווגוסט, אווגוסט") און כאִים אָליוועך („די שאָ פון האָפענונג"), וועלכע שילדערן אף א קינסטלערישן אויפן דעם אנטיפאשיסטישן ווידערשטאנד אין בולגאריע.

פּאָפּולער איז בא די לייענער פון בולגאריע וויקטאָר בארוכס ראָמאן „כאסענע־ליכט", כאִים בענאדאָווס גרעסערע דערציילונגען „זיגער" און „פארורטיילטע", די לידער און מעשאָלים פון אלבערט דעקאלאָ און פיל אנדערע ווערק.

■

נאָטיצן אפן קאַלענדאַר

שרײַבער און ווערק

מיט 150 יאָר צוריק איז אין גאַליצישן שטעטל זבאַראַזש געבוירן געוואָרן דער באַוווּסטער ייִדישער פֿאָלקסזינגער און באַדכן וועלוול זבאַרזשער — ביניאָמין־וואָלף ערנקראַנץ (לויט דער ייִדישער ענציקלאָפּעדיע איז זײַן געבורטס־יאָר 1819, לויט ז. רייזענס לעקסיקאָן — 1826, אין זבאַרזשער מעטריקעס־בוך איז אָנגעוויזן דאָס יאָר 1823).

אין די 50־ער און 60־ער יאָרן פֿונעם פֿאַריקן יאָרהונדערט, אין מאָלדאַוויע און בעסאַראַביע, איז וועלוול זבאַרזשער געווען ניט ווייניקער פּאָפּולער מיט זײַנע פֿאָלקסלידער און באַדכאָנעס, ווי עטוואָס שפּעטער, אין דער ליטע, דער באַוווּסטער באַדכן עליאָקום צונזער.

וועלוולס טאַטע, דער זבאַרזשער שויכעט, מוירע האָבנדיק, אַז זײַן זון זאָל זיך ניט אָנשטעקן מיט דער אַפּיקאָרסעס פֿון דער האַסקאָלע־ליטעראַטור, האָט אים פֿרי כאַסענע געמאַכט. נאָך דער כאַסענע איז וועלוול אַוועקגעפֿאָרן מיט זײַן פֿרוי קיין רומעניע, וואָס איז אין יענע צײַטן געווען דאָס „גאָלדענע לאַנד" פֿאַר די ייִדן פֿון רוסלאַנד און גאַליציע. די ערשטע צײַט האָט ער זיך פֿאַרנומען מיט קאָלערליי באַשעפֿטיקונגען, נאָר סאָפּקאָלסאָף אָנגעהויבן שרײַבן לידער, צוגעפּאַסט פֿאַר זיי ניגונים און אַרויסגעטראָטן פֿאַרן ברייטן אוילעם. זײַנע אַרויסטרעטונגען האָבן גלײַך פֿון אָנהייב אויסגענומען בײַ די צוהערער. ווי ז. רייזען שרײַבט, איז וועלוול זבאַרזשער געווען איינער פֿון די ערשטע ייִדישע פֿאָלקסדיכטער און דער באַדײַטנדיקסטער צווישן די פֿאָלקסדיכטער־באַדכאָנים. אין זײַנע לידער האָט ער געקעמפֿט קעגן אַמעראַצעס און אָבסקוראַנטיזם, קעגן דעם כאַסידיזם און די כסידישע גוטע־ייִדן. אַ סאַך זײַנע לידער („דער באַנקראָט", „דער פֿילאָסאָף", „דער רעבע אַפֿן יאַם" אאַ.) ווערן ביז הײַנט געזונגען אַלס פֿאָלקסלידער.

אין די יאָרן 1865—1878 זײַנען אין ווין און לעמבערג דערשינען אין ייִדיש פֿיר זאַמלונגען פֿון וועלוול זבאַרזשערס פֿאָלקסלידער אונטערן אַלגעמיינעם נאָמען „מקל נועם". זײַנע סאַטירעס „מאָשיעכס צײַטן" און „דער כאָסיד איבער טעאַטער" האָט איבערגעזעצט אַף אוקראַיִניש דער קלאַסיקער פֿון דער אוקראַיִנישער ליטעראַטור איוואַן פֿראַנקאָ. אַ סאַך אויפֿלאַגעס האָבן זײַנע לידער אויסגעהאַלטן אין העברעיִש.

וועלוול זבאַרזשער (ביניאָמין־וואָלף ערנקראַנץ) איז געשטאָרבן דעם 6 פֿעוורואַל 1883 אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

עס איז געוואָרן 95 יאָר, זינט אין באַלטע, פּאָדאָליע, איז געבוירן געוואָרן דער ייִדישער היסטאָריקער ייִסראָעל סאָסיס.

אין 1899 האָט י. סאָסיס שטודירט אין בערן (שווייץ) און אין פֿאַריזש פֿילאָסאָפֿיע, פּאָליטעקאָנאָמיע און סאָציִאָלאָגיע. אין 1904 האָט ער זיך אומגעקערט קיין רוסלאַנד און פֿאַרנומען זיך מיט פּובליציסטישער טעטיקײַט. אין די ערשטע יאָרן נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע, אָנגעהויבן פֿון 1921, האָט ער געאַרבעט אַלס רעדאַקטאָר פֿונעם אָרגאַן פֿון דער ייִד. סעקציע אין פּעטראָגראַד „דער ייִדישער אַרבעטער", גלײַכצײַטיק זיך געדרוקט אין מאָסקווער „עמעס", שפּעטער האָט ער אָנגעפֿירט מיטן ייִד. אָפּטייל באַם קאָמיסאַריאַט פֿון די נאַציִאָנאַלע מינדערהײַטן. אין 1924 איז י. סאָסיס באַשטימט געוואָרן אַלס אָנפֿירער פֿון דער היסטאָרישער סעקציע באַם ייִד. אָפּטייל פֿונעם אינסטיטוט פֿאַר ווײַסרוסישער קולטור און אַלס מיטרעדאַקטאָר פֿון דער „צײַטשריפֿט".

י. סאָסיס איז דער אַווטאָר פֿון פֿילצאָליקע אַרטיקלען וועגן געשיכטע, וועלכע זײַנען פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אין פֿאַרשיידענע וויסנשאַפֿטלעכע אויסגאַבן, איבערהויפּט אין מינסקער „צײַטשריפֿט". מיר וועלן דאָ אָנרופֿן אייניקע פֿון זיי: „צו דער סאָציִאַלער געשיכטע פֿון ייִדן אין ליטע און ווײַסרוסלאַנד" („צײַטשריפֿט" נומ. 1); „די ייִדישע ערד־קאָלאָניזאַציע אין דער ערשטער העלפֿט פֿון XIX יאָרהונדערט" (נומ. 2—3); „ייִדישע באַלמעלאָכעס אין ליטע, ווײַסרוסלאַנד און אוקראַיִנע אין XVIII יה." (נומ. 4) און פֿיל אַנדערע.

אין אַ בוכפֿאָרם זײַנען דערשינען ייִסראָעל סאָסיסעס ווערק: „די סאָציִאַל־עקאָנאָמישע לאַגע פֿון די רוסלענדישע ייִדן אין דער ער־

שטער העלפט פון XIX יה." (פעטראָגראַד, 1919); „די געשיכטע פון די ייִדישע געזעלשאַפטלעכע שטרעמונגען אין רוסלאַנד אין XIX יה." (מינסק, 1929).

ייִסראָעל סאָסיס איז געשטאָרבן אין סאָף פון די 60־ער יאָרן, אין עלטער פון העכער 90 יאָר.

אין 1853, מיט 120 יאָר צוריק, איז אין יאַס (רומעניע) געבוירן געוואָרן דער ייִדישער דראַמאַטורג יויסעף לאַטיינער (פינקעלשטיין).

אין 1879 איז י. לאַטיינער צום ערשטן מאָל אַרויסגעטראָטן מיט דער קאָמעדיע „די צוויי שמועל שמעלקעס", וועלכע אווראָם גאָלדפאַדען האָט דערנאָך אויסגענוצט פאַר זיין „צוויי קונילעמלס".

אין 1883 האָט י. לאַטיינער אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע און איז געוואָרן איינער פון די פּרוכטבאַרסטע ייִדישע דראַמאַטורגן. ער האָט אָנגעשריבן אַרום 80 פּיעסן, פיל פון זיי זיינען אַרויס אין א בוכפאָרם. באַזונדערס פּאָפּולער זיינען געווען זיינע פּיעסן „כינקע־פּינקע", „דאָס ייִדישע האַרץ", „סאָרע־שיינדל", „יויסעף אין מיצראַיִם", „אַלילאַסדאַם", „די סיידער־נאַכט" און אַנד.

ב. גאָרין האָט געשריבן וועגן לאַטיינערן: „ער האָט ניט געהאַט דעם טאַלאַנט צו שילדערן כאַראַקטערן, ער איז ניט געבענטשט געווען מיט אַן אויג, וואָס קען אַריינקוקן אין דעם מענטשנס האַרצן... לאַטיינער איז געווען ניט מער ווי א באַלמעלאָכע פון דער ייִדישער בינע און האָט פאַרשטאַנען, ווי מע דאַרף מאַכן א טעאַטער־שטיק".

אַזויווי לאַטיינער האָט געשריבן זיינע פּיעסן אָף פאַרעלטערטע טעמעס, איז ער אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן אַרויסגעשטויסן געוואָרן דורך דער שאַפונג פונעם מאָדערנעם קינסטלערישן טעאַטער־רעפּערטואַר אין ייִדיש. זיין פּאָפּולערקייט האָט זיך ביסלעכווייז אויסגעוועפּט, ביז זי איז אינגאַנצן אונטערגעגאַנגען, און ער איז פאַרגעסן געוואָרן.

יויסעף לאַטיינער (פינקעלשטיין) איז געשטאָרבן אין ניו־יאָרק דעם 23 פעוורואַל 1935.

האַיאָר וואַלט אַלט געוואָרן 70 יאָר דער טשעכישער שרייבער, זשורנאַליסט און געזעלשאַפטלעכער טוער, דער נאַציאָנאַלער העלד פון טשעכאָסלאָוואַקיע יוליוס פּוטשיק.

י. פּוטשיק איז געבוירן געוואָרן אין פּראָג, אין אַן אַרבעטער־געזינד. די זשורנאַליסטישע טעטיקייט האָט ער אָנגעהויבן אין די 20־ער יאָרן. מיט דער צייט איז ער געוואָרן איינער פון די פירנדיקע מאַרקסיסטישע ליטעראַטור־קריטיקער אין טשעכאָסלאָוואַקיע.

י. פּוטשיק האָט צוויי מאָל, אין 1930 און 1934, באַזוכט דעם סאָוועטנפאַרבאַנד און זיינע איינדרוקן באַשריבן אין צוויי ביכער עסייען וועגן פּססר. אין 1941 איז ער אַריין אין באַשטאַנד פונעם אומלעגאַלן צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמפּאַרטיי פון טשעכאָסלאָוואַקיע. דעם 24 אַפּרעל 1942 האָבן די פאַשיסטן אים אַרעסטירט און אַריינגעשליידערט אין דער פּראָגער טפיסע, נאָר אויך דאָרט האָט ער ניט פאַרלאָרן דעם מוט. אין טפיסע האָט ער אָנגעשריבן דאָס באַרימט געוואָרענע בוך „א רעפּאָרטאַזש מיט א שטריק אָפן האַלדז" (דאָס בוך איז פאַרענדיקט געוואָרן אין 1943 און איז דערשינען אין א באַזונדער אויסגאַבע אין 1947). די רוסישע איבערזעצונג פונעם בוך הייסט „א וואָרט פאַרן אַרופגיין אָפן עשאַפאָט" (אַרויס פון דרוק אין 1950). אין אָט דעם בוך רופט פּוטשיק די מענטשן צו רעוואָליוציאָנערער וואַכזאַמקייט. דאָס ווערק איז פול מיט ליבע צום מענטשן, מיט גלויבן אינעם זיג פונעם קאָמוניזם.

זומער 1943 האָבן די פאַשיסטן אָפּגעפירט פּוטשיקן קיין דייטשלאַנד און דעם 8 סעפּטעמבער אים אומגעבראַכט אין בערלין.

נאָך זיין טויט, אין 1950, איז פּוטשיקן צוגעפּאַסקנט געוואָרן די אינטערנאַציאָנאַלע שאָלעם־פּרעמיע.

הערש לויפּער

מיר האָבן מיט א פאַרשפּעטיקונג באַקומען די טרויעריקע ידיעה, אז אין מאָנטעווידעאָ איז געשטאָרבן דער אָנגעזעענער ייִדישער געזעלשאַפטלעכער טוער, פאָרזיצער פונעם אורוגווייער „איקוף" הערש לויפּער.

די רעדקאָלעגיע און רעדאַקציע פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", אַלע סאָוועטישע ייִדישע שרייבער דריקן אויס זייער טיפן מיטגעפיל דער „איקוף"־באַוועגונג אין די לאַטיין־אַמעריקאַנישע לענדער, דעם פּראָגרעסיוון ייִדישן ייִשעוו אין אורוגוויי, דער שוועסטער־צייטונג „אונדזער פרייַנט", וועלכע האָבן אין דער פערזאָן פון הערש לויפּערן פאַרלאָרן א ווירדיקן קעמפער פאַר די פאָלקס־אינטערעסן.

מיר דריקן אויס אונדזער מיטלייד הערש לויפּערס מישפּאָכע.

ערע זיין ליכטיקן אָנדענק!

● ● ●

БЕСЕДЫ В ПОМОЩЬ ИЗУЧАЮЩИМ ИДИШ

Уясните себе содержание следующих пословиц:

טעקסט נומ. 3.

יִדישע שפּריכווערטער וועגן ארבעט.

1. ארבעט מאכט דאָס לעבן זיס. 2. דער שליסל צום גליק איז ארבעט. 3. טו נאָר דײַן מעלאָכע, וועט שוין קומען מאזל־בראָכע. 4. אז דו וועסט ניט האָרעווען, וועסטו ניט עסן. 5. האָרעווע, מיידעלע, וועסטו האָבן (אָף) א קליידעלע. 6. געבראָטענע טײַבעלעך פליִען ניט אליין אין מויל ארײַן. 7. געבענטשט זײַנען די הענט, וואָס טוען אליין. 8. א מעלאָכע איז א מעלוכע. 9. די שווערסטע ארבעט איז ליידיק צו גיין. 10. וואָס מע פארזייט, דאָס שנײַדט מען. 11. ליידיקע הענט מאכן קאליע די ווענט.

Слова и словосочетания:

1) **זיס מאכן**; 2) **מאזל־בראָכע** וו; 3) **געבראָטענער**; 4) **געבענטשטער**; 5) **מעלאָכע** וו ־ס; 6) **מעלוכע** וו ־ס; 7) **ליידיקער**; 8) **ליידיק גיין**; 9) **פארזייען**; 10) **שנײַדן**; 11) **קאליע מאכן**.

Их перевод:

1) услаждать; 2) *здесь*: богатство, обилие (*дословно*: счастье-благословение); 3) жареный; 4) благословенный; 5) ремесло, специальность; 6) царство; 7) порожний; *здесь*: праздный; 8) бездельничать (*дословно*: ходить праздным, т. е. быть праздношатающимся); 9) (по)-сеять; 10) резать; *здесь*: жать, пожинать; 11) (ис)портить.

Упражнения.

1) Выпишите перифрастические глаголы из пословиц 1, 9, 11 — в форме инфинитива.

Примечание. Напоминаем: перифрастические глаголы состоят из двух или более слов; это описательные глаголы. Например: **ליב האָבן** — любить, **כאַרעוו מאכן** — разрушить и т. п. Подробнее о таких глаголах — см. 1970, № 10, стр. 160.

2) Переведите пословицу 10 соответствующей русской пословицей. Определите различия в способах выражения сказуемых в обоих языках.

3) Найдите единственное прилагательное в форме превосходной степени в этих пословицах. Как оно образовано (при помощи какого суффикса).

4) Найдите существительные в форме множественного числа. Укажите способы образования этих форм (при помощи ли изменения коренного гласного, при помощи суффикса или без всякого изменения). Выпишите их формы единственного числа.

Выучите наизусть следующее стихотворение одного из зачинателей еврейской советской литературы — Давида Гофштейна — из его мотивов на тему «город»:

טעקסט נומ. 4.

ס'האָט הײַנט פון פעלד א פרישער ווינט
אף הייסע גאסן זיך פארקליבן
און ניט געוווּסט ווו אײַן ווו אויס
און שטיל געבליבן.

פון טונקלען הויז בין איך ארויס,
דעם ווינט אנטקעגן אָנגעקומען —
און ס'האָט דער ווינט מיך שטיל
און לינד
ארומגענומען...

איך האָב צעקושט זיך מיט דעם ווינט
און אָן א וואָרט געוואָר געוואָרן,
וואָס טוט אף פעלדער זיך אצינד —
דאָרט בליט שוין קאָרן.

עס וועט מיר קלינגען הײַנט
ביז נאכט
דער שטילער שאל פון ווײַטן האָרן:
עס בליט שוין קאָרן!

Слова и словосочетания:

1) זיך פאַרקלײַבן (האָב זיך פאַרקליבן); 2) ניט וויסן (האָב ניט געוווּסט) ווו אײַן ווו אויס; 3) אָנקומען (בין אָנגעקומען) אנטקעגן עמעצן; 4) לינד; 5) ארומנעמען (האָב ארומגענומען); 6) זיך צעקושן; 7) אָן א וואָרט; 8) געוווּאָר ווערן (בין געוווּאָר געוואָרן); 9) זיך טאָן (האָט זיך געטאָן); 10) אצינד; 11) בליִען; 12) קאָרן; 13) קלינגען (האָט געקלונגען); 14 שאַל; 15) האָרן.

Их перевод:

1) забраться; 2) попасть в недоумение, сбиться с толку; *здесь также*: не найти ни входа, ни выхода; 3) столкнуться с *кем-л.* (*дословно*: прийти *кому-л.* навстречу); 4) кротко; 5) обнять; 6) расцеловаться; 7) не сказав ни слова (*дословно*: без слова); 8) узнать, проведать; 9) делаться, происходить; 10) теперь; то же, что איצט; 11) цвести; 12) рожь; 13) звучать; *здесь*: звучать в ушах; 14) *здесь*: глас, мелодия; 15) рог (пастушеский).

Упражнения:

1) Заведите отдельную тетрадку для записи **фразеологизмов** языка идиш и их перевода на русский язык. Внесите в нее оба фразеологизма из стихотворения Гофштейна (их перевод дан у нас под номерами 2 и 7).

2) Выучив стихотворение наизусть, запишите его, не заглядывая в печатный текст. Потом сверьте с текстом и внесите нужные исправления в вашу запись.

3) Обратите внимание на два глагола: **געוואָר ווערן** — «проведать» **שטיל בלײַבן** (**איז שטיל געבליבן**) — «умолкнуть». К какому типу глаголов они относятся? Проспрягайте их в формах всех трех времен.

В следующем отрывке из рассказа Т. Гена замените слова, характерные для разговорной речи, словами литературного еврейского языка.

טעקסט נום. 5.

א מאמע דערציילט:

מײַן עלטערע טאָכטער מיט איר מאַן ארבעטן אין נאָרילסק, אפן קאָמבינאַט... קומט איינמאָל צו פאָרן פון דאָרטן איינער א מענטש אין א קאָמאַנדיראָווקע... ער האָט געבראַכט פון זיי א פּאָסילקע... אָפּגעשטעלט האָט ער זיך אין א גאָסטיניצע... איז מײַן היגע טאָכטער זיך דורכגעגאַן מיטן קאָמאַנדיראָוואָטשנעם איין מאָל אין קינאָ און נאָך א מאָל אין טעאַטער... ער האָט איר אָנגעהויבן אײַנרעדן, אז זי מוז אוועקפאָרן צו אים, קיין נאָרילסק... זי וועט דאָרט זײַן אפן קאָמבינאַט דער גלאַוונער פּלאַנאָוויק, אויך אפן סיליקאַטנעם זאַוואָד... ווען ער איז אוועקגעפאָרן, האָט ער אָנגעהויבן שרײַבן בריוו דאָ וואָסטרעבאָוואַניאַ...

Слова для замены:

אפן סיליקאַט־זאַוואָד, אין א האָטעל, א מאַטאָנע־פּעקעלע, מיטן קאָמאַנדירטן, אין א קאָמאַנדירונג, ביז ארויספאָדערונג (אויך: פּאָסט־רעסטאַנט).

Слова и словосочетания:

1) א געבוירענער א נאָרילסקער; 2) קומען צו פאָרן (בין געקומען צו פאָרן); 3) אָפּשטעלן זיך; 4) אײַנרעדן; 5) היגער.

Их перевод:

1) уроженец Норильска; 2) приехать; 3) остановиться, заехать; 4) уговаривать; 5) местный; *здесь*: проживающий в нашем городе.

Кандидат филологических наук

М. Шапиро

ווידער פירן מיך די וועגן

ווערטער פון שמואל ראַסין — מוזיק פון לייב יאַמפּאָלסקי



ווידער פירן מיך די וועגן
צו די הייכן פון דער ערד,
לויפן וועגן מיר אַנטקעגן,
ווי די הירשן פון די בערג.

צו די שפּיצן זיך פאַרקלײַבן,
וווּ דער שניי־דעק אייביק
הערלט,
אַ דערהויבענער פאַרבלײַבן
אויפן שפּיץ פון העכסטן פעלדז.

זאָל דער רעגן אויף מיר גיסן,
גליִען זאָל די יונגע זון.
זאָל אויף מיר אָן אויפהער פליסן
פון דער וועלט די הויכע רו.

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД (СОВЕТСКАЯ РОДИНА)

Ежемесячный литературно-художественный журнал

Орган Союза писателей СССР

(На еврейском языке)

Издается с 1961 г.

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. Вергелис.**

Редколлегия: **Т. Ген, А. Гонтарь, С. Гордон, М. Лев, Нотэ Лурье, Х. Мальтинский, Х. Меламуд, Б. Миллер, Г. Полянкер, С. Фрай.**

Ответственный секретарь И. Чичельницкий.

Адрес редакции журнала: Москва, Центр, ул. Кирова, 17.

Телефоны: главный редактор — 228-27-91; ответственный секретарь — 294-46-69; отделы прозы и поэзии — 228-49-42; отдел критики — 223-96-07.

Художеств. и техн. редакция: И. Шустер, С. Черняк

Корректор И. Гегерман

Подписано к печати 18/II 1973 г. Формат 70×108 1/16. Печ. л. 12+0,25 вкл. (17,15). Бум. л. 6+0,125. Цена 50 коп. Зак. 14.

Ордена Трудового Красного Знамени
московская типография № 7 «Искра революции»
«Союзполиграфпрома» при Государственном
комитете Совета Министров СССР по делам
издательств, полиграфии и книжной торговли.
Москва, Г-19, пер. Аксакова, 13

Цена 50 коп.

индекс 70821

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

№ 3

1 9 7 3

В НОМЕРЕ:

Почта «Советиш геймланд». Отвечаем на вопросы наших читателей.
Х. Меламуд. Горе и радость. (роман. Окончание).
Е. Шрайбман. Миниатюры. — Краткое жизнеописание.
А. Каган. Скоморохи из Брода (пьеса).
Стихи А. Белоусова, И. Бухбиндера, Д. Бромберга, М. Могилевича, И. Гегермана.

Трибуна жизни

А. Вергелис. Письма из Европы (продолжение).
Х. Мальтинский. В пути (окончание).
Н. Лурье. В гостях у киевских еврейских писателей.

Г. Рабинков. Жизнерадостный спектакль.
Комментарии редакции.
Наши сообщения. Это интересно. Разное. Хроника. Из нашего фотоархива. Заметки на календаре.
М. Шапиро. Беседы о еврейском языке.